STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07027

KLEZMER

Irme Druker

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



ראָמאַן

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“
מאָסקווע. 1976

С(Евр)2
Д 76

דער הויפּט־העלד פונעם ראָמאַן „קלעזמער" עזרע מאַליאַרסקי איז ניט קיין אויסגעטראַכטער. אין עזרע מאַליאַרסקין איז פאַרקערפּערט דאָס געשטאַלט פונעם באַוווּסטן פידלער און פּעדאַגאָג פּ. סטאָליאַרסקי, וואָס האָט דערצויגן, באַזונדערס אין די סאָוועטישע יאָרן, אַ גרויסע פּלעיאַדע אָנגעזעענע מוזיקאַנטן.

דאָס צווייטע הויפּט־געשטאַלט איז עזרעס לערער, דער באַרימטער אין זיין צייט קאָמפּאָזיטאָר און פּעדאַגאָג פּעדאָצער.

דער אָנגעזעענער ייִדישער סאָוועטישער שרייבער, קריטיקער און עסעיִסט אירמע דרוקער האָט אין דעם דאָזיקן ראָמאַן זיינעם אָנגעמאָלט אַן אָנשווילעך בילד פונעם ייִדישן לעבן אין טכום־האַמוישעוו, באַזונדערס וועגן דעם שווערן גורל פון ייִדישע קלעזמער, אַרטיסטן, קינסטלער.

אַ גרויסע באַדייטונג האָבן געהאַט פאַר עזרע מאַליאַרסקין זיינע וואַרשעווער באַגעגענישן מיט י.־ל. פּערעצן, יאַנקעוו דינעזאָנען, מיטן פּאָרגעשריטענעם פּוילישן פּראָפעסאָר באָלעסלאַווסקין און מיט אַנדערע ליטעראַרישע און קינסטלערישע פּערזענלעכקייטן פון יענער צייט.

© *Издательство «Советский писатель», 1976 г.*

Д $\frac{70303-079}{083(02)-76}$ 206—76

קלעזמער

ערשטער
ט״ל

דאָס פאָלק באדארף וויסן, וואָס פארא קויכעס עס געפינען זיך בא אים.

שאַלעם־אלייכעם

א קאפעלע איז מער, ווי א מיניען.

י.־ל. פערעץ

אין ליבעץ

ביניאָמין גאָבגעבער, דער אָנפירער פון דער ליבעצער קלעזמער־קאָמפאניע, האָט שוין לאנג אוועקגעוואָרפן דאָס שפּילן, שוין לאנג זיך אופגעהערט קאָכן אין זײַן פידעלע. ער האָט געמאכט געשעפטן מיט די ראבײַישע הויפן. און ווו א סימכע, ווו א כאסענע, האָט זײַן קאפעלע געשפילט. נאָר וואָס מער ער האָט פארדינט, אלץ ווייניקער האָט ער געצאָלט זײַנע קלעזמער.

די ערשטע צײַט האָבן אים כעוורע ווי באַקלאָגט:

— וואָס איז געוואָרן פון ביניאָמינען? אָט דאָס איז ביניאָמין?

— וויבאַלד ער האָט פאַרשעמט דעם פידל, קאָן ער שוין פאַרשעמען אַלץ... געלט — דאָס איז די שיינע שפּיל פון דעם שאָטן, וואָס קאָן פאַר־פירן צו אַלדי רוכעס, — אַזוי האָט געזאָגט שלוימע, דער בעסטער און עלט־סטער שפּילער פון דער קאַפּעלע.

ס׳איז איינמאָל אַפילע דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז איינער פון די קלעז־מער האָט זיך אוועקגעשטעלט אַף אַ באַנק און האָט פאַרצויגן אַ מאָלע. די גאַנצע קאַפּעלע האָט מיט די אינסטרומענטן אונטערגעהאַלטן. דאָס האָט באַטײַט, אַז ער, ביניאָמין, איז אויסגעשלאָסן פון דער כעוורע, ער איז פאַר זיי געשטאָרבן...

אָבער בלײַבן אַליין אָן ביניאָמינען האָבן זיי ניט געקאָנט.

די שווערע נויט האָט אַפילע געצוווּנגען שלוימען ברענגען זײַן צוועלפ־יאָריקן לייבלען און אים אויך אוועקגעבן אין ביניאָמינס הענט.

אַף דער פּראָבע זײַנען אַלע קלעזמער בײַגעווען. אַזוי האָט געוואָלט שלוימע, און ביניאָמין האָט געמוזט נאָכגעבן.

לייבל האָט געשפּילט זײַן אייגענעם פרימאָרגן־ניגן. די אויגן, דאָס בלאַסע פּאָנעם האָבן זיך באַ אים אָנגעצונדן, און איינגאַנצן איז ער, דוכט זיך, ווי גרעסער געוואָרן.

עס דודעט אַ דודקע, אַ ווינטל הוידעט די ביימער און וועקט די זאַנגען. טשיר־טשיר, טשיר — צוויטשערט אַ פויגל. אָט גייט אויף די זון — זי באַ־שײַנט די וועלט... אַ קילקײַט גייט דורך אַלעמען איבערן לײַב, די קילקײַט פון טוי. און אָט צעגייט זיך אין אַלעמענס אייוורים אַ וואַרעמקײַט, און די אויגן הייבן זיך אָן זשמורען.

ביניאָמין גאָבגעבער איז געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט אַף איין אָרט, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אַף דער האַנט, די אויגן ניט געקאָנט אַראָפּנעמען פון לייבלען. מיטאַמאָל האָט אים אַ בענקעניש אַרומגעכאַפּט נאָך זײַן פידל. ער האָט זיך דערפילט ווי עפּעס שולדיק... ער פלעגט דאָך דעם פידל אַמאָל אַזוי ליב האָבן, אין די שווערסטע מינוטן פון זײַן לעבן זיך אויסריידן פאַר אים, דער פידל פלעגט אים אופהייבן העכער. און איצט איז ער אַ געפאַלענער, זײַן האַרץ איז שטום, זײַן אויער איז טעמפּ, ער הערט בלויז דעם געקלאַנג פון מאַטבייעס...

ביניאָמין וויל זיך אָנכאַפּן פאַר יעדן פידל־קלאַנג, אַרומכאַפּן לייבלען, ווערן ווי איינער פון דער קאַפּעלע...

און אָט הייבט אָן לייבלס פרימאָרגן־ניגן פאַרוואָלקנט ווערן. אַלץ, וואָס ס׳איז ערשט אופגעגאַנגען, פאַרגייט. די סטרונעס צאַפּלען, און לייבלס הענט הייבן זיך, ווי מיט אַ טײַנע: „פאַרוואָס פאַרגייט אַזוי פרי דער פרי־מאָרגן?״

— אײַ, גוט! — קוויקן זיך די קלעזמער. — אײַ, סאַראַ האַרץ־רויבער! ס׳איז אַ סטעמפּעניו! אַ פּעדאָצער! ווונדער! ווונדער!

און אין סאַמע ווונדער האָט זיך ביניאָמין פּלוצעם שטאַרק דערשראָקן — ס׳פעלט אים מער ניט אויס, אַז מ׳זאָל אין לינעצער קאַנט זיך דערוויסן וועגן דעם! דאַן איז אויס ביניאָמין! אויס קאַפּעלע — אויס געשעפט!

— איר זײַנט דראַפּאטשעס! איר זײַנט הינקענדיקע שנײַדער! איר ווייסט ניט, ווער ס'האָט אײַך געשלייערט! — איז ביניאָמין ארויס פון די קייליִם. — ניט אף קיין פידל וועט ער בא מיר שפּילן, נאָר אף א טרובע. ער איז ווי געבוירן געוואָרן פאר דעם. — און געבליבן איז, ווי ביניאָמין האָט געזאָגט. ער איז באַלעבאָס, ער האָט אַלעמען אין די הענט.

אָבער ביניאָמין האָט זיך ניט געקאָנט בארויִקן. פאר אזא מין כעוורעמאַן ווי לייבל איז קיין טרובע אויך ניט קיין באוואָרעניש. ווער ווייסט, צי ער וועט זיך בא אים לאנג אײַנהאלטן. און דעריקער, מיט אים קאָן נאָך אויך אוועקגיין שלוימע, און ער, ביניאָמין, וועט בלײַבן בא עטלעכע דראַפּאטשעס. ניין, לייבל טאָר ניט שפּילן, לייבל מוז אופהערן שפּילן.

ביניאָמין האָט געוווּסט פון א סאך מיטלען...

ניסע בעלזער, האָט ער געהערט, האָט ייִנגלווײַז געהאט זייער א שיינע שטים. דער כאזן, בא וועמען ניסע האָט זיך געלערנט זינגען, האָט מוירע געהאט, אז מיט דער צײַט וועט ער אים איבערגיין.

רופט ער אים צו און גיט א זאָג: „ניסקע, קריך אראָפּ אין קעלער און נעם הויכע טענער מיט אלע קויכעס, און אויב ס'וועט זײַן א שטארקער ווידערקאָל, איז א סימען, אז בא דיר וועט זײַן א באריטאָן — א „שאגאסארי״[1].

ניסקע איז פײַל־פון־בויגן אראָפּגעשפּרונגען אין קעלער און גענומען זיך פארגיין אף די הויכע טענער. „העכער! — שרײַט דער כאזן. — נאָך העכער! אָט אזוי, בא דעם טאָן בלײַב, מירן זען, ווי לאנג קאָנסטו ציִען״.

פון קעלער איז ניסע ארויס הייזעריק ווי די וואנט, און נאָך עטלעכע וואָכן קראנק זײַן איז ער געבליבן א זאיִקע אף זײַן גאנצן לעבן.

וואָס טראכט מען עפּעס צו אזוינס פאר לייבלען?

און ביניאָמין האָט זיך דערטראכט: יעדעס מאָל נאָך די עטלעכע שאָ אײַנשפּילן מיט דער קאַפּעלע, וועט ער איבערלאָזן לייבלען שפּילן אף דער גרויסער טרובע, וואָס קאָן אומברענגען יעדן איינעם, ווער נאָר עס וועט זיך צורירן צו איר מיט די ליפּן. די טרובע איז אומבאמערקט געווען דורכגעלעכערט אין עטלעכע ערטער.

און לייבל האָט געשפּילט. מיט אלע קינדערשע קויכעס זײַנע האָט ער געריסן פון זיך דעם אָטעם. באם שפּילן פלעגט ער ווערן אָפּגעגאָסן מיט טײַכן שווייס. נאָר דערציילן האָט ער קיינעם ניט דערציילט. ער איז געווען צופרידן, וואָס פון דער גאנצער קאַפּעלע האָט ביניאָמין גאָבגעבער אים איינעם אויסגעטיילט לערנען בעיעכידעס, איינעם אליין. און שלוימע איז געווען גליקלעך: „לייבל וועט ווײַט אוועקן!״. באומרויִקט האָט זיך בלויז כאנציע, לייבלס מאמע:

— וואָס איז מיט לייבלען? פון טאָג צו טאָג ווערט ער בלייכער און בלייכער, צאנקט ווי א ליכט.

— דאָס דוכט זיך דיר, — האָט זי שלוימע בארויִקט, — אונדזער לייבל וואקסט קיין אײַנהאָרע, און ווען קינדער וואקסן, גייען זיי אראָפּ פון פּאָנעם.

---

[1] א לייבן־געשריי.

כאַנציע האָט זיך ניט געלאָזט אײַנריידן, און שלוימע איז סאָפּקאָלסאָף אוועק צו ביניאָמינען, ווען לייבל האָט דאָרט געשפּילט אָף דער טרובע, אַז ער זאָל אליין זען, וואָס דאָ קומט פאָר.

ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, און שלוימע האָט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ מ׳עס שטיקל ארבעט דאָ איז אָפּגעטאָן געוואָרן. האָט ער אַ כאַפּ געטאָן די טרובע, זי אַ שלײַדער געטאָן אפן דיל און גענומען שרײַען ניט מיט זײַן קאָל:

— סאַרא רעציכצע! סאַרא אכזאָריעס! סאַרא מ׳עסע שפּיל אָט דער ביניאָמינקע האָט עס אָפּגעשפּילט, שפּילן זאָל זיך מיט אים דער מאַלעכ־האַמאָוועס!

ס'איז געוואָרן אַן אײַנגעלויף, ביניאָמין גאַבגעבערס שטוב איז פול און פול געוואָרן מיט מענטשן.

יענעם טאָג האָט קיינער פון די קלעזמער ניט געשפּילט, אין יענעם טאָג האָט שלוימע באַשטימט איבערפאָרן קיין ליפּאָוועץ, אַ שטעטל, ווו ס'איז ניט געווען קיין קלעזמער־קאָמפּאַניע.

אין ליפּאָוועץ איז לייבל גלײַך באַרימט געוואָרן, מ'האָט אים גערופן ניט אַנדערש ווי לייב — דער לייב פון די שפּילער. אַ קלייניקײַט עפּעס! ער קאָן שפּילן אָף אַלע קיילים, און אָף יעדער קיילע מיט אַלע קיילים... הײַנט די איידעמס! שלוימעס איידעמס! עפּעס אַ קלייניקײַט? געדאַליע קנײַפּל — סטעמפּעניוס אַ פּלעמעניק... די סטעמפּעניוס האָבן אים איבערגעגעבן זייער יערושע — דעם סאָד, וו׳אַזוי צו צויבערן און פאַנגען מיטן פידל הערצער. און וועלוול בעלפאָר, — וואָס האָט ער ניט געקאָנט אופטאָן מיט זײַן קלאַר־נעט! אַן עמעסער קישעפמאַכער...

אין ליפּאָוועץ איז בא שלוימע קלעזמער געבוירן געוואָרן אַ צווייט יינגל, מ'האָט אים אַ נאָמען געגעבן עזרע.

שלוימעס „טשײַנע"

באַם אָפענעם פענצטער פון דעם קליינעם אײַנגעהויקערטן שטיבעלע זיצט כאַנציע און לייענט דעם צענע־אורענע.

לעבן איר זיצט איר מיזיניקל, דער זיבניאָריקער עזרע, דער איינציי־קער, וואָס הערט אירע מײַסעס.

אַלע ווײַלע הייבט זי אָף אים אוף אירע אויגן און לאָזט ארויס אַ טיפן זיפץ.

לייבל, דער בכאָר אירער, די איידעמס, די טעכטער — קיינער פון זיי גייט ניט אין אירע ווענן. און שלוימע? — פון שלוימען איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן...

אַ ייִד זאָל ניט גיין אין שול ארײַן... אַזוי איז געווען אין לינעץ, און אַזוי איז איצט אין ליפּאָוועץ.

„דער פּאָסעק לערנט אונדז, דאָס די אויגן און דאָס האַרץ ברענגען דעם מענטשן צו אַלע אווייראָס, דען די אויגן זעען און דאָס האַרץ גלוסט", — מורמלען אירע ליפּן, און די געדאַנקען פאַרטראָגן זי.

די כאַסענעס... די סימכעס... די פּאַרפּוצטע ווײַבער... דאָס פֿידעלע איז אין אַלץ שולדיק... ציט אַלעמען צו אים...

שלוימע, פֿאַרפּוצט אין זײַנע שאַבעסדיקע בגאָדים, שפּאַנט הין און הער אויפֿן גאַס לעבן זײַן שטיבל. ער וואַרט, אַז זײַן כאַנציע זאָל ענדיקן דאָס זאָגן, וועלן זיי אַרויס שפּאַצירן.

שפּאַנענדיק אַזוי, דערמאָנט ער זיך אין אַן אַלטן „זײַ געזונט", וואָס ער האָט נאָך געהערט באָכערווײַז. ער ברומט אים שטילערהייט אונטער. די האַנט באַוועגט זיך בײַ אים אײַליק אַרויף און אַראָפּ, די פֿיס קלאַפּן צום טאַקט, און די אויגן מאַכן זיך בײַ אים צו.

און כאַנציען דוכט זיך, אַז די אויגן זײַנען בײַ אים שטאַרק אָפֿן...

כאַנציע איז פּונקט איצט דערגאַנגען צו אַ שאַרפֿן מוסער־אָרט — זי וועט אים אויסזידלען. זי הייבט אויף העכער איר קאָל, עפּשער וועט דאָס דערגיין צו איר שלוימען פֿון יענער זײַט פֿענצטער.

זאָל ער הערן און זיך לערנען בײַ אוראָמען דעם צאַדיק...

...מ׳האָט צו רעב אוראָמען געבראַכט עטלעכע שיינע געפֿאַנגענע פֿרויען, ער זאָל זיי אויסלייזן. פֿידיען שווים — אויסלייזן געפֿאַנגענע איז בײַ אוראָמען געווען איינע פֿון די גרעסטע מיצוועס.

ביזן אַרײַנטראָגן דאָס אויסלייז־געלט האָבן זיך די געפֿאַנגענע פֿרויען געפֿונען אין אויבערשטיבל.

אוראָם האָט באַפֿוילן צונעמען דעם לייטער, קעדיי ער זאָל ניט קאָנען קומען צו די פֿרויען און די פֿרויען זאָלן ניט קאָנען אַראָפּנידערן צו אים.

איינמאָל פֿאַרטאָג, ווען אוראָם איז אַרויס שפּאַצירן, האָט ער באַמערקט, ווי איינע שיינע פֿרוי קוקט מיט פֿאַרבענקטע אויגן אויפֿן זונען־אויפֿגאַנג. האָט אוראָם ניט אויסגעהאַלטן, געכאַפּט דעם לייטער, וואָס צען מענטשן האָבן אים ניט געקאָנט דערטראָגן, און אים צוגעשטעלט צום אויבערשטיבל.

ווען ער איז אַרופֿגעשטיגן צו די העכסטע שטאַפּלען פֿונעם לייטער, האָט ער זיך דערשראָקן פֿאַר דער אווירע, וואָס ציט אים ווי מיט שטריק, און געגנומען שרײַען:

— גוואַלד! ראַטעוועט! ס׳ברענט!...

אויף זײַן געשריי זײַנען זיך צונויפֿגעלאָפֿן די שטוביקע, שכיינים און טאַלמידים.

— וואָס איז מיט אײַך, רעבעץ?

— וואָס איז מיט דיר, רעב אוראָם?

— ווי קומט דאָס צו דיר, אַז דו זאָלסט אָפּנאַרן? זינט מיר קענען דיך, האָסטו דאָך קיין ליגן ניט געזאָגט.

שפּאַנענדיק אַראָפּ פֿונעם לייטער מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ און מיט אַ פּנים פֿול מיט בושע, האָט אוראָם זיך פֿאַרענטפֿערט:

— ראַטעווען זיך פֿון אַן אווירע איז פּיקועך נעפֿעש, הייסט ראַטעווען דאָס לעבן. און די גרעסטע אווירע איז גאָרנישט ניט לעגאַבע דער אווירע און כאַרפּע, וואָס מאַטערן דאָס גאַנצע לעבן נאָך דער אווירע...

שטייענדיק האַרט מיט ביידע פֿיס אויף דער ערד, האָט אוראָם אויפֿגע־הויבן זײַנע הענט אין דער הייך און אויסגעשריגן:

— יעיצערהאָרע, דו ביסט פײַער, און איך בין בלוט און פלייש, און איך האָב דיך בײַגעקומען! אזוי ווויל איז צו מיר און אזוי גוט איז צו מיר!

פון יענעם טאָג אָן האָט מען אוראָמען גערופן אוראָם דער גיבער, ווײַל אף דער וועלט איז ניטאָ קיין גרעסערע גוורע ווי בײַצוקומען דעם יעיצערהאָרע.

דער צענע־אורענע נעמט זיך אָן כאנציעס קריוודע און באוויײַזט שווארץ אף ווײַס, אז אפילע שלוימע האמעלעך, דער קליגסטער פון אלע קלוגע, איז פארנארישט געוואָרן און אָפּגעקערט פון גאָטס וועג, ווען ער האָט זיך געלאָזט פארפירן פון פרויען.

סארא לײַטישע מענטשן זיי זײַנען, די כאכאָמים, קוויקט זיך כאנציע מיט זייער לערנען די מאנצבלען, וויאזוי זיך צו פירן: „ווען דו באגעגנסט א פרעמדע שיינע יונגע פרוי, דערמאָן זיך, אז זי וועט אלט און מיִעס ווערן, און ווען דײַן אייגענע פרוי ווערט אלט, דערמאָן זיך, ווי שיין און יונג זי איז געווען”.

...עזרע פארשטייט ניט דעם מוסער פון דער מאמעס צענע־אורענע־מײַסעס און אוואדע ניט די קיינמאָל הויך ניט ארויסגעזאָגטע טײַנע צו זײַן טאטן. נאָר אים איז עפּעס אויסערגעוויינלעך גוט. ער וואָלט אזוי שאָענלאנג געזעסן. ער האָט שטארק ליב קוקן אין דער מאמעס אויגן, אין איר פּאָנעם, וואָס פאלדעוועט זיך אין קנייטשן. ער האָט ליב קוקן אף איר שווארצער קלייד, אף דער אש־קאָליריקער זײַדענער פאטשיילע מיט די בלימעלעך. ער האָט ליב הערן דעם מורמל פון אירע ליפּן, איר אומעטיקן ניגן. איבערגעפולט פון ליבע צו איר, רײַסט זיך בא אים ארויס פון מאָל צו מאָל, אָן זײַן וויסן, דאָס איין־און־איינציקע וואָרט — מאמע!..

א הילכיקער גוט־שאבעס רײַסט איבער שלוימען אינמיטן „זײַ געזונט”, הייבט אוף עזרען פון זײַן אָרט...

— אוי, לייבל! בראָשקע! פריידל! שויעלקע!

עזרע פאטשט מיט די הענט, שפּרינגט און נעמט נאָכאמאָל אויסזינגען די נעמען פון די געסט.

די שוועסטער קושן אים און פילן אים אָן די קעשענעס מיט שטרודל, ווײַסע קערלעך, ניסלעך און קאָנפעטן. דער עלטערער ברודער, לייבל, שנאָלט אים אין נאָז, די שוואָגערס קנײַפּן און ציִען אים פאר די אויערן.

און שויעל דער לאנגער, דער קאָנטראבאס פון דער קאפּעלע, כאפּט עזרען און זעצט אים אוועק צו זיך אפן קאָפּ, פון קאָפּ אף די פּלייצעס.

— א באראנטשיק! א באראנטשיק! א זעקעלע מעל! א זעקעלע מעל! ווער קויפט א באראנטשיק מיט א זעקעלע מעל!..

עזרע לאכט און שרײַט:

— טאטע, דו זעסט?!

— מאמע, גיב א קוק...

און אָט לויפט שוין עזרע ארום, פארלויפט הינטער דער מאמען, כאפּט זיך אָן אינעם טאטנס קאפּאָטע, און אָט איז ער אין דער מיט, צווישן גע־דאליעען און וועלוולען, און שויעל קאָן אים בעשום־אויפן ניט כאפּן. ער פארסאָפּעט זיך, גלעט אויס זײַן צעשויבערטע געלע באָרד און לאָזט אים צורו.

אלע גייען אוועק שפּאַצירן איבער דער לאַנגער גאַס.

עזרע זעט די לאַנגע שאָטנס, וואָס צעלייגן זיך איבער גאַסן, איבער הויפן, פּויזען, קלעטערן איבער פּלויטן.

יעדע זאַך האָט א שאָטן, דער מענטש האָט אויך א שאָטן, און ווען דער שאָטן זײַנער פאַרשווינדט, דאַן שטאַרבט דער מענטש — אַזוי האָט אים געזאָגט די מאַמע.

א גאַנץ בינטל שאָטנס, און צווישן די אַלע זעט ער זײַנעם — סאַראַ גרויסער ער איז, זײַן שאָטן, סאַראַ לאַנגער... פאַרוואָס איז עס? ער איז אַזאַ קליינער, און דער שאָטן אַזאַ גרויסער?!

רעכטס פון דער לאַנגער גאַס שפּאַצירן מיידלעך, פון לינקס — ייִנגלעך. עס דוכט זיך, אַז זיי קענען זיך גאָר ניט איינע די צווייטע. נאָר באַם סאָף פון דער גאַס הייבן זיך אָן זייערע בליקן צו באַגעגענען. מע וועט דורכ־גיין דעם ברונעם, די בריק, און העט־העט הינטערן שטאָט, אַפן וועג קיין קאַמינקע אָדער ליקאַשאָווע, וועלן זיך די צעשיידטע באַגעגענען. מע וועט זיך רויטלען... מע וועט שטאַמלען... און אַלע צוזאַמען וועט מען ריידן ניט דאָס, וואָס מע וויל, זאָגן בלויז עטלעכע ווערטער, וואָס מע האָט זיי גע־זאַמלט טיף אינעווייניק באַ זיך.

פון ערגעץ א פענצטער טראָגט זיך אַן אומעטיקער טילים־ניגון. דאָס באַוויינט עמעצער זײַן עלנט, זײַן עלטער. און אָט הערט זיך א מיידלשע שטים:

> אוי, ווי צו מײַנע יונגע יאָרן,
> וואָס האָב איך גאָר געדאַרפט ווערן געבאָרן...

פון די סקאַקונקעס גיט זיך א טראָג אַן אוקראַיִנישע ליד.

עזרע אָטעמט אײַן אין זיך דעם רייעך פון פעלד, וואַלד און טײַך. ער איז פאַרטרונקען אין הויכע זאַנגען. ער איז הויך, הויך ערגעץ אַף א קאָ־פּיצע מיט גאַרבן...

— היי, היי, היי! — פאַרגייען זיך קוילעס אין דער הייך.

— אוי, אוי, אוי! — לאָזן זיך אַראָפּ קוילעס טיף נידעריק.

און עזרע זעט דורך דעם געזאַנג די זינגער און זינגערנס. באָרוועס זײַנען די ייִנגלעך, באָרוועס זײַנען די מיידלעך. באַ אַלעמען זײַנען ווײַ־סע אויסגעגייטע העמדלעך. די ייִנגלעך מיט קוטעסן, מיט לאַנגע טשובן, און די מיידלעך מיט בלומען־קראַנצן אַף די קעפּ, און וויפל בלימעלעך, אַזויפיל סטענגעס — רויטע, געלע, בלויע, ווײַסע, גרינע בלומען און רויטע, געלע, בלויע, ווײַסע, גרינע סטענגעס.

אָבער וואָס זינגען זיי אַזוי אומעטיק?

גדאַליע, סאַראַ שיינער ער איז! סאַראַ שוואַרצע לאַנגע האָר ער טראָגט! מע זאָגט, אַז ער איז אינגאַנצן ענלעך אַף זײַן פעטער סטעמפּעניו.

אַז ער, עזרע, וועט זײַן א גרויסער, וועט ער זײַן פּונקט ווי גדאַליע, ווי סטעמפּעניו, ער וועט טראָגן לאַנגע האָר...

וועלוול רעדט, דערציילט, לאַכט און לאַכט, און אים, עזרען, דוכט זיך, אַז דאָס פאַרגייט זיך דער קלאַרנעט אין געלעכטער. שויעלס אָנגעברויגעז־טער באַס האָט אים צעקיצלט, און ער קאָן זיך גאָר ניט אָפּשטעלן.

עזרע קאָן ניט אראָפּנעמען די אויגן פון זײַן ברודער לייבל, גלײַך ער זעט אים צום ערשטן מאָל.

— ס'איז דאָך ניטאָ קיין איין אינסטרומענט אף דער וועלט, אף וועלכן לייבל זאָל ניט קאָנען שפּילן!

אלץ ארום שפּילט.

ניין, דאָס דוכט זיך אים ניט, מע שפּילט טאקע. זיי בלײַבן אלע שטיין לעבן קאָסטיאָל.

אומעטיקע געבעט־קוילעס. אן ענטפער קומט א בייזער, א שרעקעוודי־קער — דער מענטש איז גאָרניט, דער מענטש איז אש און שטויב.

ער איז איינער, איינער אין הימל... בעט בא אים ראכמים, פאלט אף די קני, טוט טפילע, קאָלזמאן ס'איז נאָך צײַט... קאָלזמאן ס'איז ניט שפּעט...

אוי, ווי שרעקלעך, אוי, ווי שווער איז זײַן דין... — פאַרגייט זיך דער אָרגל.

אלע בלײַבן שטיין פארגאפט, און עזרען ווערט מאָדנע וווּנדערלעך, מאָדנע שרעקלעך.

— ווי איז מיר, וואָס שטייען מיר דאָ, מ'טאָר דאָך דאָס ניט הערן! — גיט כאנציע א פּאטש מיט די הענט. — ײִדן טאָרן דאָך ניט הערן דעם אָרגל — ס'וועקט אוף די אלטע וווּנדן... לאָמיר גיכער גיין פונדאנען...

— ס'איז נאָך א גליק, וואָס בא די טײַכן פון באָוול זײַנען געווען קלעזמער און האָבן באוויזן אראָפּכאפּן די אינסטרומענטן פון די ביימער, אז ניט, וואָלטן ײִדן קיינמאָל ניט געשפּילט. וואָס וואָלט איך געטאָן, כאנ־ציע, וואָס פאר א פּאָנעם וואָלט איך געהאט אָן אָט דער קאפּעלע?.. — צעלאכט זיך שויעל דער לאנגער הויך אף א קאָל, און אלע טוען צוליב כאנציען און מע גייט אוועק פון קאָסטיאָל.

באם ברונעם שטייט א גרויסער אוילעם. שאבעס קומט מען אהער זיך קוויקן מיט דער פרישער קוועלנדיקער וואסער.

— רעב איציקל קארלינער, — דערציילט כאנציע, — האָט געבענטשט דעם ברונעם — ווער ס'וועט טרינקען פון זײַן וואסער, בא דעם וועט ניט אופהערן קוועלן פּארנאָסע, געזונט און אלדאָסגוטס...

און אָט איז דער טײַך. דער טײַך, זאָגט מען, פאלט ארײַן אין בוג.

דער בוג — דאָס איז דער גרעסטער טײַך אין דער וועלט, קיין גרע־סערן שטעלט זיך עזרע ניט פאָר. ער הערט דעם רויש און געקלאפּ פון זײַנע וואסערן, פון די ברומענדיקע וועלן — א גאנצער אָרקעסטער.

יעדעס ווינקעלע האָט זיך דאָ זײַן מײַסע, און אלע מײַסעס ווייסט עזרע.

מע גייט איבער דער בריק, עזרע הערט זיך צו צום קלאפּ פון די טריט.

— אָט דאָ פון דער בריק־פּאָרענטש האָט זיך א מיידל ארײַנגעוואָרפן אין טײַך, און נאָך איר איז געשפּרונגען א באָכער און האָט זיך אויך דער־טרונקען.

— אפּדערנאכט קלעטערן אף דער פּאָרענטש שיידים. קיינער טאָר דאָ ניט דורכגיין. אז זיי כאפּן עמעצן, צערײַסן זיי אים אף שטיקלעך און האָ־דעווען מיט זײַן לײַב די פיש.

— אָט דאָ פון דער פּאָרענטש, — האָט אים זייער שאכן ארעלע מיאטע־

זשניק דערציילט א מעשׂה, — האָבן די ליפּאָוועצער כּסידים געוואָרפן ליי־נעצקין אין טײַך אַרײַן.

— וועמען, דאָוויד ליבעצקין? דעם גרעסטן גוויר פון ליפּאָוועץ? — האָט זיך עזרע שטאַרק פאַרוווּנדערט.

— ניין, ניין, — האָט אים אַרעלע געזאָגט, — קיין גווירים וואַרפט מען ניט אין טײַך. דאָס איז געווען איינער א יִצחאָק־יויעל ליבעצקי, איצט איז ער א שרײַבער, ער שרײַבט ביכער. דאַן איז ער אַלט געווען איינגאַנצן פופצן יאָר. איינער א ליפּאָוועצער גוויר האָט פאַר פינף הונדערט רובל אָפּגעקויפט בא יאָסעלען, דעם וויניצער ראָוו, זײַן זון יִצחאָק־יויעלען, און אים כּאַסענע געמאַכט פאַר זײַן טויבער טאָכטער. דער גוויר האָט געוואָלט, אַז זײַן איידעם יִצחאָק־יויעל ליבעצקי זאָל זיצן אין קליינעם בעסמעד־רעשל און לערנען. לערנען באַטאָג און לערנען באַנאַכט. איז ער אָבער געווען ניט קיין „פּאַסלושנער“, ער האָט געלאַכט פון די נעגידים, פון די כּסידים, און אומעטום האָט ער געשריגן, אַז ווו א רעבע, דאָרט איז א גאַ־נעוו!...

אַלע פּאַרנאַכט פלעגט ער זיך אַרויסגאַנווענען פון דער היים און אַוועקגיין צו רעב אַבעלע שאַליטע דעם אַקציזניק. דאָרטן האָט מען גע־לייענט ביכלעך, גערעדט רוסיש, דײַטש און געשפּילט פידל. דאָרט איז אים געווען גוט.

און אָט איינמאָל אין א פינצטערן שאַבעסצונאַכטס איז יִצחאָק־יויעלקע געגאַנגען פון אַבעלע שאַליטע אַהיים, האָבן די כּסידים געטשאַטעוועט, מע האָט אים געכאַפּט פאַר די הענט און פאַר די פיס און גענומען אים וואַרפן איבער דער פּאַרענטש אין טײַך אַרײַן. זיי האָבן אים געוואָלט דערטרינקען.

יִצחאָק־יויעלקע האָט געביסן די הענט און געשריגן: „גוואַלד! גאַזלאָ־נים!“

און פּונקט אין דער מינוט איז אָנגעפאָרן א פור. די כּסידים האָבן זיך דערשראָקן און אים אָפּגעלאָזט, און יִצחאָק־יויעלקע איז געראַטעוועט געוואָרן. נאָכדעם ווי דאָס איז זיך מיט אים פאַרלאָפן, איז ער פאַרשוווּנדן געוואָרן פון ליפּאָוועץ, אַנטלאָפן אין דער וועלט אַרײַן, ווו די אויגן האָבן געטראָגן.

עזרען דוכט זיך, אַז אָט זעט ער דעם דערטרונקענעם באָכער מיט דעם דערטרונקענעם מיידל, ער דערהערט דעם פליגל־געפּאַך פון די שיידים און יִצחאָק־יויעלקעס געשריי „גוואַלד! גאַזלאָנים!“

פון די אַלע מעשׂעס, וואָס זײַנען אים אַרויף אויפן זינען, באַפאַלט עזרען א שרעק. ער האָט מוירע קוקן אַראָפּ אין וואַסער אַרײַן. ער כאַפּט זיך אָן פאַר דער מאַמעס האַנט און טוליעט זיך צו איר שטאַרק־שטאַרק צו.

דער סאַמאָוואַר פלעגט פון גאַנצפרי ביז שפּעט אָפּדערנאַכט זידן, אויפן טיש פלעגן ליגן אָנגעהאַקטע שטיקלעך צוקער, און אין די זומער־כאַדאָ־שים, ווען ס'פלעגט וואַלוול ווערן אויבס, פלעגן נאָך צוקומען שעלעכלעך מיט אײַנגעמאַכטס.

שלוימעס טשײַנע — אַזוי האָט מען גערופן שלוימעס שטוב.

אהער פלעגן אַרײַנקומען שכיינים, כעוורע קלעזמער, באַלמעלאָכעס. דאָ פלעגט מען זיך אויסריידן דאָס האַרץ, אויסטײַנען, אויסלאָדן פון זיך אַף אַ ווײַלע די שווערע צאָרעס און אוועקטראָגן זיך אין דער וועלט פון מײַסעס און געזאַנג.

אַף די כאַסענעס האָט זיך שלוימע געפּילט שלעכט. די באַלעבאַטים האָט ער פײַנט געהאַט. די באַלעבאַטים, ווי נאָר זיי ציִען אַרויס דעם קליאָק פון פידל, אַזוי דאַרפן זיי מער ניט דעם קלעזמער. ער ווערט פאַר זיי אַ קלעזמערוק, אַ מענטש פון אַ נידעריקן גראַד.

מיט די, וואָס קומען צו אים אין שטוב, פּילט זיך שלוימע גוט. מיט זיי רעדט זיך אַנדערש. פאַר זיי שפּילט זיך גאָר אַנדערש...

פרײַנטשאַפט — סאַראַ גרויסע זאַך דאָס איז! אָן דעם איז גאָר אומעגלעך צו לעבן אַף דער וועלט.

כאַנציע האָט פון דער פרײַנטשאַפט זיך נאָך אָפּגעשפּאָרט אַ מיצווע פאַר יענער־וועלט — האַכנאָסעס־אָרכים — מיט דעם גייט מען דאָך גלײַך אין גאַניידן אַרײַן.

נאָך מער פון אַלע האָט זיך געניײטיקט אין די שטענדיקע געסט עזרע: טאָמער פלעגט עמעצער פאַרפעלן קומען, האָט עזרע נאָך אים געבענקט און פלעגט לויפן צו אים אַהיים זיך דערוויסן, וואָס האָט מיט אים פּאַסירט.

יעדן באַזונדער האָט עזרע ליב געהאַט פאַר אַן אַנדער זאַך: איינעם פאַר זײַנע מײַסעס, אַ צווייטן פאַר זײַנע גלײַכווערטלעך, אַ דריטן פאַר זײַן זינגען און טאַנצן און אַ פערטן פאַר זײַן שפּילן.

און עזרען האָבן אַלע ליב געהאַט. ער איז אַ פאַרשטאַנדיק יינגל, ער ווערט קיינמאָל ניט מיד הערן.

— ווי האַלטן מיר, עזרינקע, ווו האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, דו געדענקסט דאָך? — אַזוי פלעגט שטענדיק לייזער דער סטעלמאַך, דער בלינדער זאָקן, אָנהייבן פאָרזעצן דערציילן זײַן מײַסע, וואָס פלעגט זיך פאַרציִען אַף פיר אָדער אַף פינף אָפּדערנאַכטן.

צי עזרע געדענקט?

פון איין אָפּדערנאַכט ביזן צווייטן פלעגט ער וועגן יעדער ניט־פאַרענדיקטער מײַסע אַליין דערטראַכטן פאַרשיידענע סאָפן.

— איך געדענק! איך געדענק! מע האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. ס'איז אַרײַן אָרן־בער דער לאָוטשע מיט אַ שטריק אַרומגעגאַרטלט. ער פּאַלט פון די פיס, ער איז טויט־שיקער און ברומט ווי אַ כײַע: „גיב אַהער דײַן יאַנקעלען, איך בין אים געקומען צונעמען פאַר אַ רעקרוט — פאַר אַ סאָלדאַט".

— יאָ, יאָ, אָט אַזוי, דאָ טאַקע האָבן מיר זיך נעכטן אָפּגעשטעלט. נו, איז הערט זשע ווײַטער, — גיט לייזער אַ גלעט זײַן לאַנגע ווײַסע באָרד און הייבט אוף זײַנע בלינדע אויגן אַף צו דערזען די אַלע, וועגן וועלכע ער דערציילט.

— זײַט מויכל, רעב לייזער, איין מינוטקעלע, — שטעלט אים אָפּ שלוימע און נעמט רופן כאַנציען. — כאַנציע, גיכער, רעב לייזער דערציילט זײַן מײַסע.

כאנציע לויפט ארײַן פון קיך און שטעלט זיך אוועק אין א ווינקעלע. א גאנצע נאכט האָט זי ניט געקאָנט שלאָפן. איר האָט שטארק וויי געטאָן דאָס הארץ פאר דער מאמען און פארן קינד. וואָס האָט פאסירט מיט יאנ־קעלען? מע האָט אים געכאפט, צוגענומען אין רעקרוטן, צי ניין?

אפן טיש בלײַבן שטיין ניט קיין דערטרונקענע גלעזער טיי.

שלוימע בלײַבט זיצן אויבנאָן. געדאליע דער שנײַדער מיטן צעכראס־טעטן הארץ און מיט די ברייטע, לאנגע ארבל שפארט זיך אָן אף לייזערס בענקל. ער פארלייגט די לינקע האנט צום אויער, פארקנייטשט דאָס פאָ־נעם. ער איז טויבלעך, און ער וויל ניט לאָזן פארפאלן גיין קיין איין וואָרט.

שויעל דער לאנגער שפארט זיך צו מיטן קאָפ צו דער וואנט און דער־לאנגט שיר ניט די סטעליע.

יאנקעלע בולאנטשיק, דער קירזשנער, דער גראָבלעכער, קורצלעכער, מיט די גרויסע שיינע אויגן, זעצט זיך אוועק אף עזרעס קליין בענקעלע, גלײַך ער ווייסט שוין פאָרויס וועגן דעם פאָרגעקומענעם אומגליק און זעצט זיך שיווע.

פײַוועש דער אוטשערעטנער שפארט זיך צו אף דער קאנאפע און מאכט צו די אויגן. מיט צוגעמאכטע אויגן הערט ער בעסער, שטעלט זיך מער פאָר און האָט מער האנאָע.

עזרע שטייט מיט די קני אף א בענקל און האלט אונטערגעשפארט מיט די הענט דעם קאָפ.

דער אײנציקער, וואָס געפינט זיך ניט קיין אָרט, איז ארעלע מיאטעזש־ניק. ער שפאנט ארום אף די שפיץ פינגער הין און צוריק איבערן צימער.

לייזער מאָלט די נאכט:

„— א קעלט, א דריבנער בײַסיקער רעגן, א ווינט. די ביימער וואָיען, גוואלדעווען, אף זייער וויי־געשריי ענטפערט פון ערגעץ אָפ א בילערײַ פון הינט.

איר זאָלט זאָגן, כאָטש איין שטערנדל, כאָטש איין פײַערל זאָל זיך פון ערגעץ א פענצטער ארויסווײַזן. פינצטער און פינצטער. עפעס ווי די נאכט איז פארשאָלטן געוואָרן פון זײַן ליבן נאָמען. אזעלכע נעכט האָט ליב געהאט ארן־בער דער לאָוטשע. ער טיאָפעט מיט זײַנע שטיוול, וואָס קאָ־האָל האָט אים געקויפט, ער טיאָפעט און שעלט, ער שעלט זיך און די גאנצע וועלט.

ארן־בער קלאפט אין טיר:

— עפן! עפן!

— ווער איז עס? — פרעגט דאָס ווײַבל.

— מאמע! מאמע! איך האָב מוירע! — לאָזט זיך הערן א וויינענדיק קינ־דערש קאָל”.

— מע האָט אים ארײַנגעלאָזט, ער איז ארײַנגעגאנגען? — האלט ניט אויס עזרע.

— עזרינקע, האָב צײַט, אין א שאָ ארום און עפשער אין אָנדערהאלבן וועט איר זיך דערוויסן אלץ, — ענטפערט אָפ לייזער און בלײַבט שטיין א

ווײַלע פאַרטראַכט. דערנאָך גיט ער א פרעג בא עזרען: — איז יאָ, עזרינקע, איז ווו זשע האַלטן מיר?

— „דאָס קינד שרײַט: מאַמע! מאַמע!" — ענטפערט עזרע.

— יאָ, יאָ, אָט דאָ האַלטן מיר:

„ — כײַע־עטיע האָט איר יאַנקעלען גוט באַוואָרנט. זי האָט אויסגעבעט שטרוי אַפּן דיל, אים אויסגעטאָן נאַקעט און אין איין העמדעלע יאַנקעלען אַוועקגעלייגט אַף דער שטרוי.

— צי אויס די פּיסעלעך, צי אויס די הענטעלעך, — זאָגט זי צו אים, און יאַנקעלע ציט אויס.

— פאַרמאַך די אויגן.

יאַנקעלע פאַרמאַכט...

— אַז דער לאָזוטשע וועט אַרײַן, זאָלסטו ניט עטעמען.

— כ'וועל ניט עטעמען, — זאָגט יאַנקעלע צו.

זי האָט אים צוגעדעקט מיט א ווײַסן לײַלעך, אַרום־און־אַרום אויסגע־שטעלט לײַכטערס מיט אָנגעצונדענע ליכט.

און זי, כײַע־עטיע, א „גליקלעכע" פון דעם אײַנפאַל, האָט צעלאָזט אירע האָר, אויסגעשטאַרטשעט אירע אויגן, און מיט פאַרבראָכענע הענט האָט זי אויפגעהויבן א קלאָג און א גרויס געשריי:

— יונג צווײַגעלע, פאַרוואָס קומט דאָס דיר? וועמען האָסטו שלעכטס געטאָן? ווי איז דײַן אָרעמער מאַמען. וואָס איז א מאַמע אָן א קינד, א שטיין, אַן עלנטער שטיין..."

עזרע גיט א קוק אַף דער מאַמען, ווי זי שטייט ווי א פאַרשעמטע אין ווינקעלע. זי האָט פאַרשטעלט דאָס פּאָנעם אין אירע הענט, עס צוקן אירע אַקסלען. זי וויינט שטיל אין זיך.

דער טאַטע זיפצט און שאָקלט צו מיטן קאָפּ. אַלע איבעריקע שווײַגן, און דאָס שווײַגן איז שרעקלעכער ווי דער מאַמעס געוויין.

עזרע דערפילט פלוצעם, ווי ריטשקעלעך טרערן קויקלען זיך אים פון די אויגן איבער די באַקן גלײַך אין מויל אַרײַן. אים האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ פאַר יאַנקעלען, פאַר כײַע־עטיען, פאַר דער מאַמען, וואָס וויינט, פאַרן טאַטן, וואָס זיפצט, און פאַר די אַלע, וואָס שווײַגן אַזוי אומעטיק.

עזרען הייבט זיך אָן דוכטן, אַז דאָס, וואָס לייזער דערציילט, איז פאַר־לאָפן ניט מיט יאַנקעלען, נאָר דאָס אַלץ פּאַסירט איצט מיט אים...

דאָס ליגט ער אַף דער שטרוי, איבערגעדעקט מיט א לײַלעך. אַרום־און־אַרום — לײַכטער מיט ליכט.

די שטוב איז איבערגעפּולט. ער זעט געדאַליען, לייבלען, וועלוולען, די שוועסטער, אַלע שכיינים און אַלע זײַנע כאַווײרים. דער רעבע זײַנער איז אויך דאָ. די מאַמע רײַסט די האָר פון קאָפּ, ברעכט די הענט און שרײַט הויך אַף א קאָל: „יונג צווײַגעלע, פאַרוואָס קומט דאָס דיר? וועמען האָסטו שלעכטס געטאָן? ווי איז דײַן אָרעמער מאַמען".

פליוך, פליוך, פליוך!... — הערט ער און זעט, ווי מע גיסט אויס די וואַ־סער פון די דרײַ נאָענטסטע שכײנישע הײַזער. דאָס האָט דער מאַלעכהאַ־מאָוועס די שווערד זײַנע, מיט וועלכער ער האָט אים געקוילעט, דרײַ מאָל

אָפּגעטונקען אין דרײַ באַזונדערע פּעסער וואַסער. גיסט מען זי אויס, די פאַרבלוטיקטע וואַסער.

רעכטס בײַ דער וואַנט שטייט זײַן בעטל זויבער־ווײַס פאַרבעט. מ׳וועט עס שוין מער קיינמאָל ניט אויסבעטן. אָנגעשפּאַרט בײַ דער וואַנט, שטייט שויעל דער לאַנגער — סאַראַ ראַכמאָנעס אַף אים, — וואָס וועט ער טאָן אָן אים, אָן עזרען? מיט וועמען וועט ער זיך שפּילן? און ווער וועט אַלע־מאָל דערמאָנען לייזערן, ווו ער האַלט?

אוי, ער האָט דאָך צוגעזאָגט זײַנע כאַוויירים אַרײַנלאָזן זיי שאַבעסצו־נאַכטס צו זיך אין שטוב הערן, ווי די קאַפּעלע שפּילט. ער איז דאָך אָבער ניט שולדיק, וואָס ער איז פּלוצעם געשטאָרבן.

און מיטאַמאָל דערהערט ער, ווי לייבלס קליין פידעלע, אַף וועלכן ער האָט געשפּילט יינגלווײַז און וועלכעס האָט געוואַרט אַף אים, אַף עזרען, ער זאָל אַף דעם שפּילן, האָט זיך אַליין צעשפּילט אַף דער וואַנט. צעשפּילט מיט אַ געוויין:

— פאַרוואָס איז מיר ניט באַשערט, אַז עזרע זאָל אַף מיר שפּילן? איך וועל שוין בלײַבן אַזוי פאַרשעמט הענגען אַף דער וואַנט, און קיינער וועט זיך צו מיר קיינמאָל ניט צורירן...

עזרע גיט זיך אַ כאַפּ אויף, גיט זיך אַ טאַפּ פאַר די פיס, פאַרן קאָפּ — ער לעבט, ער אָטעמט, דאָס האַרץ קלאַפּט. אַך, ווי גוט ס׳איז, וואָס ער לעבט! ער וועט שלאָפן אין בעטל, ער וועט זיך שפּילן מיט שויעלן, ער וועט אַרײַנלאָזן זײַנע כאַוויירים שאַבעסצונאַכטס צו זיך אין שטוב, ער וועט שפּילן אַפן קליינעם פידעלע. אַך, סאַראַ גוטסקײַט, וואָס ער לעבט!..

יאַנקעלע איז דאָך אויך ניט געשטאָרבן — ער לעבט. דאָס האָט אים די מאַמע פאַרשטעלט פאַר אַ געשטאָרבענעם, אַז אַרן־בער דער לאָוטשע זאָל אים ניט צונעמען בײַ איר.

לייזער דערציילט ווײַטער:

„— אַרן־בער גיט אַ טופּע מיטן פוס און אַ קנאַק מיט דער האַנט אין טיש:

— גיב אַהער דײַן יינגל!

— ווי איז דער מאַמען, — פאַרגייט זיך כײַע־עטיע אין אַ געוויין, — איך האָב שוין מײַן קינד אָפּגעגעבן.

— וועמען האָסטו אים אָפּגעגעבן?

— גאָט האָב איך אים אָפּגעגעבן, ער איז געשטאָרבן, פון סקאַרלאַ־טינע איז ער געשטאָרבן. גיט אַ קוק און זעט מיט אײַערע אייגענע אויגן.

— וואָס, גאָט איז שוין אויך אַ לאָוטשע? — האָט אַרן־בער אַ שפּײַ גע־טאָן, אַ קנאַק געטאָן מיט דער טיר און זיך געלאָזט אין דער פינצטערער נאַכט זוכן זײַן רויב".

— אַ קלוגער אײַנפאַל.

— ניט קיין נאַריש ווײַבל געווען אָט די כײַע־עטיע.

— אָפּגענאַרט דעם לאָוטשע, אַ פּאַהיבעל אַף אים! — איז געוואָרן אַן אויפלעבונג צווישן אוילעם.

בײַ אַלעמען איז אַראָפּ אַ שטיין פונעם האַרצן.

— כאַפּט זיך ניט, — הייבט אויף לייזער זײַן האַנט.

בא אלעמען ווערן ווידער פאַרוואָלקנט די פּנעמער. יעדער איינער וויל שוין גיכער וויסן, וואָס האָט פּאַסירט.

„— ווי נאָר אַרן־בער איז אַרויס פון שטוב, — דערציילט ווײַטער לייזער, — איז כײַע־עטיע צוגעלאָפן צו איר יאַנקעלען, אָפּגעדעקט דעם לײַלעך און גענומען אים האַלדזן און קושן: — שטיי אויף, מײַן קינד! שטיי אויף, מײַן כּיעס! דער גאַזלען איז שוין אוועק. הענט און פיס זאָל ער זיך צעברעכן אַפן גלײַכן וועג, און ער זאָל שוין מער קיינמאָל ניט דערלעבן קומען אַהער. עפן דײַנע ליכטיקע אויגן, אייביק זאָלן זיי דיר שײַנען! וואָסי, דו שלאָפסט? נו, כאַפּ זיך אויף, פּעפּערל.

דאָס פּעפּערל האָט זיך אָבער ניט אויפגעכאַפּט.

פון שרעק, ליגנדיק אַזוי אונטערן לײַלעך, האָט זײַן האַרץ געפּלאַצט. דאָס לעבן האָט אים די מאַמע געוואָלט ראַטעווען, און געבראַכט האָט זי אים דעם טויט״.

— געשטאָרבן?.. — פרעגן אַלע איבער.

— אַ טויט אַף די קאָהאָל־לײַט, אַף די באַלעבאַטים! — רײַסט אויף אַרעלע מיאַטעזשניק די שטילקײַט.

און אָט זידלט שוין אַרעלע מיאַטעזשניק די ליפּאָוועצער נעגידים — קאַלניצקין דעם מאַזער, בערעלע שמולסקין דעם כאַזער, דאָוויד לינעצקין דעם אויסוווּרף און אָשער גינזבורגן דעם צוויאַק, — זיי זײַנען מיט גאָרנישט ניט בעסער פון אָט יענע קאָהאָל־לײַט.

— שפּיל זיי, שפּיל זיי אָפּ אַ וויוואַט, אַ דאָברידזען, אַ סקאָצל־קומט, אַז ס׳זאָל זיי פינצטער ווערן אין די אויגן, — גיט געדאַליע דער שנײַדער אונטער היץ אַרעלען, און אַרעלע ברענט, ברענט אַף דער גאַנצער וועלט.

— ריכטיק! — פּאַרט געדאַליע ווידעראַמאָל אַרײַן אינמיטן די רייד. — מע וואָלט נאָך געדאַרפט, אַז פון קאַלניצקין און בערעלע שמולסקין זאָל ווערן בלינטשיקעס, און פון דאָוויד לינעצקין און אָשער גינזבורגן — קעץ. די קעץ זאָלן אויפעסן די בלינטשיקעס און מיט זיי זיך דערוואָרגן. דאַן וואָלטן מיר פון זיי אַלע מיטאַמאָל פּאָטער געוואָרן — אַראָפּ דער קאָפּ, אַראָפּ דער ווייטעק!

אַרעלע רעדט מיט היץ, אָפּגעהאַקט. עזרע האָט שטאַרק ליב, ווען אַרעלע רעדט. עס ווערט אים וואַרעם אינעווייניק. ער באַקומט פײַנט אָט די, וועמען אַרעלע האָט פײַנט.

— ער רעדט שוין פאַר פײַער און פאַר וואַסער, ער איז שוין פאַרקראָכן אין עלעף האַשישי אַרײַן, — גיט אַ בורטשע דער שטענדיק פאַרומערטער פײַוול אוטשערעטנער.

— אָ, ער איז שוין דאָ, שטענדיק פאַלט ער אַראָפּ, ווי אַ יאָוון פאַר טכינעס, — ענטפערט אָפּ געדאַליע פאַר אַרעלען. — און איך, געדאַליע דער שנײַדער, זאָג אײַך, אַז איידער אַזאַ לעבן, איז שוין גלײַכער אַ בעסערס. עס גייט אונדז ווי אַ ראָשע אַף יענער־וועלט. מיר זײַנען עוויוינים. און קעדיי אַרויסטרײַבן דעם קאַפּצן, דאַרף מען ערשט זײַן אַ נאָגיד. און ווערן אַ נאָגיד הייסט ווערן אַ כאַזער. איז בלײַבן מיר שוין בעסער לעוילעם־וואָעד קאַפּצאָנים.

— פײַנע װערטלעך, װוּ האָט איר עס געהערט, רעב געדאַליע? — פּאַטשט אים שויעל דער לאַנגער אין פּלײצע.

— אַ גלײַכװערטל און אַ קאַץ האָבן קײן באַלעבאָס ניט — װער עס כאַפּט זײ, יענעמס זײַנען זײ, — שמײכלט געדאַליע צופרידן פון זײַנע גלײַכװערטלעך, װאָס האָבן אויסגענומען.

און װידער װערט שטיל. װידער דערמאָנען זיך אַלע אָן דער אומגליק־לעכער מאַמען, און װידער קלינגט אין די אויערן: „געשטאָרבן...״

יאַנקל בולאַנטשיק, דעם קירזשנער, קומט אַרוף אויפן זינען אַ ליד. ער הייבט אָן שטיל, גלײַך װי לײזער דערצײלט:

טרערן גיסן זיך אין די גאַסן,
אין קינדערשן בלוט קאָן מען זיך װאַשן.

און אָט הייבט יאַנקל אויף העכער זײַן שטים מיט אַ שטאַרקער טײַנע, גלײַך װי אַרעלע מיאַטעזשניק רעדט:

גװאַלד, װאָס איז דאָס פאַר אַ קלאָג?
צי דען װעט קײנמאָל ניט װערן טאָג?

אַלע כאַפּן אונטער די ליד. עס זינגען שוין לײזער, געדאַליע, אַרעלע, און עזרע אויך. ער קען נאָך ניט די װערטער, קוקט ער יאַנקלען אין מויל אַרײַן:

אונדזערע פּאַרנייסים, אונדזערע ראַבאָנים
העלפן נאָר אָפּצוגעבן זײ פאַר יעװאָנים.
באַ זושע ראַקאָװער זײַנען דאָ זיבן באָנים,
און פון זײ ניט אײנער אין יעװאָנים.
נאָר לײע דער אַלמאָנעס אײנציק קינד
איז אַ קאַפּאָרע פאַר קאָהאָלשע זינד.
עס איז אַ מיצװע אָפּצוגעבן פּראָסטאַקעס,
שוסטער, שנײַדער זײַנען דאָך לײַדאַקעס.

אַרעלע מיאַטעזשניק קלאַפּט צו מיטן פויסט אין טיש. דאָס געזאַנג װערט שטאַרקער, צאָרנדיקער, און װײַט־װײַט אין דער פינצטערער נאַכט צעטראָגט זיך זײַן אָפּהילך.

אַ גוטע װאָך

כאַנציע האָט זיך שוין דורכגערעדט מיט גאָט פון אַװראָם, פון יי־צכאָק און פון יאַנקעװ. זי האָט באַ אים געבעטן אַ גוטע װאָך, אַ װאָך פון פּאַרנאָ־סע, געזונט און יעשועס — איר שטענדיק געבעט, װאָס איז קײנמאָל ניט דערהערט געװאָרן.

זי צינדט אָן דעם לאָמפּ, עס װערט ליכטיק, און זי זאָגט צו זיך אַלײן: אַ גוטע װאָך!

— אַ גוטע װאָך! אַ גוטע װאָך! אַ גוטע װאָך! — ענטפערן אָפּ פון אַלע זײַטן די געסט, װאָס נעמען זיך קלײַבן אַהער צו שלוימען אין שטוב.

קײנמאָל איז שלוימעס שטוב אַזוי ניט געפּאַקט, װי שאַבעס אַפּדער־

נאכט — ס'איז פול די זאל, פול די קיך. און די, וואָס קאָנען ניט אַרײַן אינעווייניק, שטייען אין דרויסן, מע באלאגערט די פענצטער, מע זעצט זיך אויס אַף דער פריזבע. אייניקע ברענגען אפילע מיט זיך בענקלעך פון דער היים אַף צו זיצן.

שאבעס אפדערנאכט שפילט שלוימעס קאפעלע.

שאבעס אפדערנאכט כאפט ארום יעדן א טיפער אומעט — מע שרעקט זיך פאר דער קומענדיקער וואָך. ווילט זיך זײַן צוזאמען. צוזאמען איז גרינגער, היימלעכער.

עזרע איז הײַנט שטארק צעטראָגן. ער האָט זײַנע כאווירים צוגעזאָגט ארײַנעמען זיי אין שטוב, און אין שטוב איז ענג. מאָסטעט ער זיי אײַן אפן אנטקעגנדיקן שכיינעסדיקן דאך. פון דאָרט קאָן מען דורך די פענצ־טער זען, וואָס ס'טוט זיך אין שטוב. פון דאָרט קאָן מען אויך זען, וואָס ס'טוט זיך אַף דער גאס.

קנוילן רויך פון די ציגארן און ציבעקעס טראָגן זיך איבער דער שטוב.

בא יעדער רעדל — א באזונדער מײַסע. מע רעדט אין שטוב, מע רעדט אין דרויסן, און פון דאך טראָגן זיך הילכיקע קינדערשע געשרייען.

ביזן באָרשטש איז נאָך ווײַט... אלע שאבעסצונאכטס פלעגט כאנציע מעכאבעד זײַן דעם אוילעם מיט באָרשטש.

דער איינציקער, וואָס זיצט דאָ אליין, אָפּגעזונדערט, איז פײַוועש דער אוטשערעטנער. און מער ווי אלעמאָל איז ער איצט פארטראכט — אָט גייט אוועק א וואָך, עס קומט א נײַע וואָך, און די מאָרעשכוירע און שלעכטע מאכשאָוועס לאָזן אים ניט צורו. ער ווייסט ניט, אַף וועלכער וועלט ער געפינט זיך.

אָט נעכטן אינדערפרי האָט ער זיך הינטער ליפאָוועץ צוגעלייגט אָפּ־רוען, און דערנאָך, ווען ער האָט זיך אופגעכאפט און שוין געדארפט ארײַן אין שטאָט, האָט ער זיך געלאָזט גאָר צוריק קיין אוטשערעטנע. נו, יאָ, אָט איז דאָך די אוטשערעטנער ווינטמיל, די באלקע, די סאזשלקע. וואָס איז דאָס פאר א שלאק? ער איז דאָך שוין דורכגעגאנגען פארבײַ זיי צו־ריק מיט א שאָ פינף. די זון איז דאן געווען סאמע אפן מיט הימל, און איצט האלט זי באם פארגיין. הייסט עס, אז ער איז געגאנגען קיין ליפאָ־וועץ, און געקומען איז ער צוריק קיין אוטשערעטנע!

א מידער, א צעבראָכענער האָט ער נעכטן אָפּגעשפאנט אזוינע אכט און צוואנציק ווערסט און גאָרנישט ניט געפּועלט. געקומען, פונוואנען ער איז אוועק, און געבליבן אַף דעם זעלבן אָרט. ס'איז נאָך א גליק, וואָס קיין ליפאָוועץ איז געגאנגען א פורל, האָט ער זיך אײַנגעבעטן, און מע האָט אים געבראכט אהער אַף שאבעס.

דער סאָטן־מעקאטרעג שפילט זיך ראק מיט אים. ער איז שוין געווען אין צענדליקער ראביישע הויפן, און וואָס מער ער איז געפאָרן, אלץ מער האָט ער אופגעהערט צו גלייבן. די ראביים זײַנען פאלשע נעוויִים, זיי נארן גאָט און נארן אויך דאָס פאָלק.

אן אנטוישטער אין די לעבעדיקע ראביים, האָט ער זיך לעצטנס אָנ־געכאפט אין א טויטן רעבן — אין רעב נאכמען בראסלעווער.

פארן טויט האָט רעב נאכמען אָנגעזאָגט:

„ווער עס וועט קומען אַף מײַן קייווער און אָפּזאָגן צען קאַפּיטלעך טילים, פאַר דעם וועל איך זיך לייגן אין דער לענג און אין דער ברייט און וועל אים פאַר די פּייעס אַרויסשלעפּן פון גענעם".

אָבער דער גענעם פון דער וועלט איז דאָך שטאַרקער, ווי דער גענעם פון יענער וועלט — ווער זשע וועט אים אַרויסשלעפּן פון אָט דעם גענעם? טויט בלײַבט טויט — ווּהין קאָן דער טויט פירן?

אָט זיי, שלוימען, לייזערן, יאַנקל בולאַנטשיק, געדאַליע דעם שנײַדער און אַרעלע מיאַטעזשניק, — זיי איז גוט. באַ זיי איז ניט דער יאָכיד דער איקער, נאָר דער ראַבים, דאָס פאָלק — די, וואָס פאַרדינען ערלעך מיט דעם שווייס פון פּאָנעם זייער שטיקל ברויט.

מיט זיי איז אים לײַכטער. צו זיי ציט אים זײַן האַרץ. שוין באַלד אַ יאָר צײַט, אַז אַ טאָג איבער אַ טאָג לאָזט ער זיך גיין צופוס גאַנצע פערצן ווערסט פון אָטשערעטנע קיין ליפּאָוועץ צו שלוימען. ער האָט גרויס פאַר־געניגן, ווען אַרעלע מיאַטעזשניק מאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט אַלע ראַ־בײיִם, עס קומט אים צו אַ שטיק כּיעס, ווען אַלע מאַכן דאָ אַש און פּאָרעך פון די נעגידים.

פּײַוועש קריגט זיך. די קריג איז פאַר אים נייטיק, קעדיי אויספּרוּוון זיך אַליין. און אָפּטמאָל פאַרפירט ער אַ קריג צוליב דעם, אַז מע זאָל צע־שלײַדערן אין אים אַליין דאָס, וואָס האַלט זיך ניט פעסט.

אַ קראַנקער צאָן, וואָס שאָקלט זיך, פאַרשאַפט ווייטעק אַלע איבעריקע געזונטע ציין, און ס'איז בעסער, אַז מע רײַסט אים וואָס גיכער אַרויס. אַף אַ פולער וואָך האָט פּײַוועש הײַנט שוין אַרײַנגעכאַפּט אי פון שלוי־מען, אי פון אַרעלען מיט געדאַליען דעם שנײַדער.

— פאַרוואָס זאָגט איר קיין טילים ניט? — פאַרטשעפּעט ער זיך מיט שלוימען.

— אַז מע שפּילט פידל, איז מען שוין יויצע מיט טילים, — ענטפערט אָפּ שלוימע און לאַכט.

— ניט ריכטיק, — אַמפּערט זיך מיט אים פּײַוועש, — אָט האָט דאָוויד האַמײלעך אי פידל געשפּילט, אי טילים געזאָגט.

— גלײַכט מיך ניט צו דאָווידן, — ווערט שלוימע אין קאַס, — דאָוויד איז כוץ דעם, וואָס ער איז געווען אַ פידל־שפּילער און אַ טילים־זאָגער, געווען נאָך דערצו אַ קייסער אויך. און איך בין ניט מער, ווי אַן אָרעמער קלעזמער.

אַז דאָס האָט דערהערט אַרעלע, האָט ער שוין מער ניט באַדאַרפט. ער האָט פון דאָוויד האַמײלעך גענומען מאַכן דאָס זעלבע, וואָס פון אַ ליפּאָ־וועצער גוויר:

— צי האָט ער געהאַט אַ יעיצערטאָוו, ווייס איך ניט. נאָר יעיצערהאָ־רע האָט ער פאַרמאָגט אַזויפיל, אַז נאָר אַ קייסער קאָן זיך עס פאַרגינען. ווערט אים געפעלן די שיינע באַסשעווע, איז ניט געמאַכט קיין טײַנעס, אוועקגעהאַרגעט דעם מאַן און צוגענומען זי. האָט ער, אָט דער אַלטער, געכאַפּט אַ ציטער, האָט מען אים געמוזט ברענגען דאָס שענסטע מיידל אווישאַג האַשונאַמיס.

— גוט, גוט, — טראכט זיך פּײַוועש און פאַלט אָן אויף אַרעלען. — איר פאַרגעסט אָבער, אַז ער איז געוועזן אַ גרויסער באַלטשוווע.

— וואָס מיר טשוווע, ווען מיר טשוווע, נע גאַנווײַ, אי נע פּאַסטײַ. זינק ניט אין בלאָטע, און טויוול זיך ניט אין וואַסער, — כאַפּט אויס גע־דאַליע דער שנײַדער באַ אַרעלען דעם ענטפער.

און אַרעלע שיט שוין פעד און שוועבל אויף אַ צווייטן דאָווידן, אויף דאָ־ווידל דעם טאַלנער:

— דאָווידלען האָט זיך פאַרוואַלט ווערן אַ דאָוויד האַמײַלעך. האָט ער זיך אויסגעבויט פאַר צען טויזנטער אַ זילבערנעם שטול, אויף וועלכן ס׳איז געווען אויסגעקריצט מיט גאָלדענע אויתיות: דאָוויד מעלעך יִיסראָעל כײַ וועקײַעם (דאָוויד דער קייסער פון די ייִדן לעבט). אַז געלט איז דאָ, דער יעיצערהאָרע איז גרויס און דאָס פאָלק נאַרט מען, איז פאַרוואָס זאָל מען זיך ניט פאַרגינען קיניגן? האָט ער געקיניגט און גענאַרט. ער האָט גע־שוירן זײַנע שאָף, געפירט זיי „אויפן גלײַכן וועג״ און זיי ניט געלאָזט, כאַ־לילע, פאַרבלאָנדזשען צו אַן אַנדער צאַדיק...

וועגן יענעם דאָווידן, וואָס איז פריִער געווען אַ פּאַסטעך און דערנאָך געוואָרן אַ קייסער, האָט עזרע געוווסט זייער אַ סאַך שיינע מײַסעס. נאָר שענער פון אַלץ איז אים געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס דאָוויד האָט געשפּילט פידל. עזרע זעט: אַרום־און־אַרום — פעלדער און וועלדער. דאָוויד זיצט זיך, די פיס פאַרלייגט, דאָס טאָרבעלע מיטן ברויט אויף דער פּלייצע, און ער שפּילט פון זון־אויפגאַנג ביז זון־פאַרגאַנג, ער שפּילט און שפּילט... די שעפעלעך זײַנען שוין צוגעוווינט געוואָרן צו די קלאַנגען פון זײַן פידל. זיי ווייסן שוין, ווען ער הייסט זיי פאַרגיין ווײַט־ווײַט, און ווען ער רופט זיי צוריק, ווען מע דאַרף רוען, ווען גיין צום ברונעם זיך אָנטרינקען, און ווען אַהיים.

— און דער טאַלנער האָט אויך געקענט שפּילן? — שרײַט עזרע אויס אויף אַ קאָל. — פּעטער אַרל! פּעטער אַרל! דער טאַלנער דאָווידל האָט אויך געשפּילט אויף אַ פידל?

— אויף אַ פידל? נאַרעלע, ווי קומט צו אים אַ פידל? ס׳איז אַן איידעלע מאַטעריע, דאָס דאַרף מען קענען. אויף זייגערס האָט ער געשפּילט, דערויף איז ער יאָ געווען אַ בעריע, — נעמט אַרעלע אַרום עזרען און צעלאַכט זיך.

— וואָס הייסט, אויף זייגערס? — ווערן אַלע נײַגעריק.

— אָט דער דאָווידל פון טאַלנע, ווי איר קוקט אים אָן, האָט ניט נאָר אַ זילבערנעם שטול פאַרמאָגט, נאָר אויך פּאָקאָיעס פון אַ מאַלכעס. יעדער צימער איז געווען פאַרפּוצט און אויסגעצירט מיט גאָלד און זילבער. די בעסטע פּערסישע טעפּיכער, די שענסטע אויסגעהעפטע פאָרהאַנגען. אויף יעדער וואַנט איז געהאַנגען אַ זייגער, און יעדער זייגער איז געווען פון אַן אַנדער האָלץ און פון אַן אַנדער אויסגעשניצעכץ. איינער — באַגילדעט, אַ צווייטער — באַזילבערט, פון דריטן שײַנט אַרויס אַ ברילִיאַנט, און יעדער זייגער שפּילט צוויי מאָל אַ שאָ. און וואָס, מיינט איר, האָבן באַ אים די זייגערס געשפּילט? — מאַלאָכים־שירע, לויבגעזאַנג פון צאַדיקים? — אַ נעכטיקער טאָג, ס׳הייבט זיך גאָר ניט אָן! אין אַלע זייגערס האָט זיך דער יעיצערהאָרע פאַרקליבן און די טײַוועס האָט געקערט וועלטן!..

— דער רעבע מעג! א קלייניקײַט, דער רעבע?! — צעטראָגט זיך א הילכיקער געלעכטער אין שטוב, און פון פענצטער קויקלט זיך דער גע־לעכטער אריבער אפן גאס. מע דערציילט איבער איינער דעם צווייטן די מײַסע וועגן רעב דאָווידלס זייגערס, און דער געלעכטער קלינגט און לאָזט זיך הערן נאָך לאַנג־לאַנג.

פּײַוועשן ווערט פונעם געלעכטער גרינגער אפן הארצן — אלע פאר־שוועכן דאָ די הייליקײַט, וועלכע ער האָט שוין לאנג אליין פארשוועכט. הייסט עס, אז ער איז טאקע געווען גערעכט.

כאנציע קומט ארײַן מיט די ערשטע צוויי טעלער באָרשטש.

— אז מע לאכט אף א פולער וואָך, איז עס זייער א גוטער סימען, — שמייכלט כאנציע, — זאָל גאָט העלפן, אז מע זאָל שטענדיק לאכן און ס'זאָל שטענדיק זײַן פריילעך.

— ווען איר ווייסט, כאנציע, פון וואָס מע לאכט, וואָלט איר זיך צע־וויינט, — איז געדאליע דער שנײַדער שוין גרייט ווידער אָנהייבן דער־ציילן וועגן דאָווידלס זייגערס... נאָר שלוימע שטעלט אים אָפּ מיט א ווונק.

— אדעראבע, דערציילט, רעב געדאליע, לאָמיר הערן, פון וואָס דארף מען עס דאָ וויינען, — האָט כאנציע אָנגעשטעלט די אויערן, גרייט אויס־צוהערן עפּעס א שרעקלעכע מײַסע.

— גאָרניט, גאָרניט, — פארכאפּט זיך געדאליע, — איך לאך, איר זעט דאָך, אז איך לאַך.

די טעלער באָרשטש זײַנען אויסגעשטעלט אף די צונויפגערוקטע טישן, פון וועלכע עס איז געוואָרן איין לאנגער און גרויסער טיש. נאָר קיינער עסט ניט, קיינער הייבט ניט אוף קיין לעפל, מע ווארט נאָך אף עפּעס.

נאָך ארעלעס אָפּכויזעקן פון די, ווּעמען אלע האָבן דאָ פײַנט, פלעגט שטענדיק מוזן קומען עפּעס א מײַסע וועגן יענע, ווּעמען אלע האָבן דאָ ליב.

און געדאליע קנײַפּל הייבט אָן דערציילן וועגן זײַן פעטער סטעמפּעניו, וועגן דעם בארימטן סטעמפּעניו, וואָס וועגן אים האָט זיך אין יעדער אָרע־מער ייִדישער שטוב פארהיט עפּעס א מײַסע.

געדאליע קנײַפּל טוט א שאר ארוף זײַנע לאנגע שווארצע האָר און הייבט אוף איין האנט, ווי ער זאָל רופן צו שטילקײַט, כאָטש אלע ארום טיש זיצן שוין שא־שטיל און מע ווארט. די אויגן בא געדאליען צינדן זיך אָן, גלײַך ווי ער וואָלט אליין איצט געהאלטן אין אויסשפּילן עפּעס א ווונ־דערלעכן ניגון אפן פידל.

און בא עזרען צינדן זיך אויך אָן די אויגן. סארא מעכײַעדיקע זאך דאָס איז — א פידל! אלץ, אלץ קאָן מען מיט אים אופטאָן, וווּנדער קאָן מען שאפן מיט אים. עזרע איז זיכער אין דעם.

— ס'איז שפּעט באנאכט, — דערציילט געדאליע, — א געדיכטער וואלד. סטעמפּעניו גייט אהיים פון א כאסענע איינער אליין. פּלוצעם איז אים בא־פאלן א טשאטע וועלף, רינגלען אים ארום פון אלע זײַטן — אָט־אָט צער־רײַסן זיי אים. און סטעמפּעניו האָט בא זיך נישט ניט קיין שווערד, ניט קיין ביקס און ניט קיין שפּיז. דעם פידל האָט ער בא זיך, און מער גאָר־

ניט, טוט ער א נעם דעם פידל און הייבט זיך אָן גענעגעגנט מיט זײַן יונגן לעבן, וואָס אָט־אָט רײַסט עס זיך איבער, ווײַל אָט־אָט ווערט ער פארצוקט פון דער טשאטש וועלף. געשפילט האָט ער אזוי פארקישעפדיק, ווי גע־ווײנלעך א גרויסער פידלער, ווען ער שפילט דאָס לעצטע מאָל. זײַנען די וועלף אנשטומט געוואָרן און האָבן זיך אלע אויסגעשטעלט אף די הינטער־שטע פיס, גלײַך ווי זיי וואָלטן פארגליווערט געוואָרן. סטעמפעניו איז ניצל געוואָרן און געקומען בעשאָלעם אהיים.

— וואָס ווייסט איר, ווער סטעמפעניו איז געווען! — נעמט זיך געדא־ליע אלץ מער איבער מיט זײַן פעטער. — אונטער סטעמפעניוס הענט האָבן מענטשן געכאלעשט. אונטער סטעמפעניוס שפילן האָט מען זיך געקאָנט פארטאנצן ביז אויסהויכן דעם אָטעם. איז אָפּגעקילט געוואָרן א הארץ, איז אויסגעלאָשן געוואָרן א ליבע, — האָט העלפן געקאָנט נאָר סטעמפעניו. ער שפילט אָפּ אף זײַן פידל אזא שפיל, און דאָס הארץ פלאקערט ווידער אוף, די ליבע קערט זיך אום, זי צעברענט זיך מיט נאָך א שטארקערן פלאם.

— דאָס זײַנען ניט דאָווידלס מאָפּסים. סטעמפעניוס מאָפּסים זײַנען טאַ־קע עמעסע מאָפּסים, — ווערט דער אוילעם באגײַסטערט, ניט ווייניקער ווי געדאליע קנײַפל אליין.

— יאָ, יאָ, נעגינע — דאָס איז די סאמע שטארקסטע קראפט. אלץ קאָן עס גויווער זײַן. נאָר פונקט ווי דער שפילער דארף האָבן א האנט, אזוי דארף דער צוהערער האָבן א הארץ און אן אויער אף אופנעמען, — צע־טראָגט זיך יאנקל דעם קירזשנערס טענאָר און ציט צו אלעמענס אופ־מערקזאמקײַט צו זיך. — ס'איז וועגן דעם פאראן זייער א שיינע מײַסע.

בא אלעמען הייבן אָן שײַנען די פענעמער, גלײַך ווי יאנקל האָט זיי דאָ אָנגעזאָגט די פריידיקסטע בסורע. ווידער א מײַסע. ווער איז איצט גלײַך צו זיי?

די מײַסע הייבט זיך אָן אזוי:

— בא איינעם א קייסער איז געפערלעך קראנק געוואָרן דער בעניאָ־כיד. אזוי קראנק, אז מע ריכט זיך שוין גאָר ניט, ער זאָל לעבן. עס העלפט ניט קיין דאָקטער און קיין טאָטער.

רופט צונויף דער מיילעך אלע כאכאָמים פון זײַן הויף. האָבן די כא־כאָמים גענומען טראכטן און קלערן. געטראכט א טאָג, געטראכט א נאכט, ביז זיי האָבן זיך דערטראכט: געבן צו וויסן איבערן לאנד, אז ווער ס'וועט אויסהיילן דעם בען־מעלעך, עפנט מען פאר אים אוף אף גאנצע צוויי שאָ דעם מיילעכס אויצרעס, זאָל ער זיך אָנעמען מיט אלדאָס גוטס, מיט גאָלד, מיט זילבער, מיט דימענטן און ברילִיאנטן, וויפל זײַן הארץ וועט נאָר גלוסטן.

איז געקומען איינער א ייִד, אן אָרעמער שנײַדער, וואָס האָט געהאט אזא שפרוך, און פאר איין האלבער שאָ האָט ער אויסגעהיילט דעם בען־מעלעך.

איז דעם מיילעך געוואָרן זייער שלעכט: ניט האלטן קיין וואָרט, איז ווי פאסט עס פאר א קייסער? און אויב עפענען פארן שנײַדער די אויצ־רעס אף צוויי שאָ, וועט ער דאָך צונעמען אלץ, וואָס ס'איז דאָרטן דאָ. און

באַ אים איז, נעבעך, פאַר קיין שום מעדינע ניט געדאַכט, זייער אַן אָרע־מע מעלוכע.

האָט דער מײַלעך ווידער צונויפגערופן אַלע זײַנע כאַכאָמים, און מע איז ווידער געזעסן אַ טאָג מיט אַ נאַכט, און מע איז ווידער געפאַלן אַף אַ סייכל: אין מעשעך פון די צוויי שאָ, ווען דער ייִד, דער שנײַדער, וועט האַלטן אין באַנעמען די אויצרעס, זאָל מען אוועקשטעלן דעם קייסערס שענסטע קאַפּעלע און די קאַפּעלע זאָל שפּילן די שענסטע שפּילעכצן אין דער וועלט. דער ייִד, דער שנײַדער, וועט זיך פאַרטיפן אין דער נעגינע, וועט פאַרגעסן אינעם גאָלד מיט די דימענטן, און דעם קייסערס אויצרעס וועלן געראַטעוועט ווערן.

און קאַכהאַווע, אַזוי איז עס טאַקע געווען. מע האָט געעפנט די אויצ־רעס — פולע קאַסטנס מיט גאָלד און זילבער, מיט דימענטן און בריליאַנטן, נעם, וויפל דײַן האַרץ גלוסט: אַ קלייניקײַט — צוויי שאָ, מע קאָן דאָך ני־סאַשער ווערן...

נאָר די קאַפּעלע שפּילט, און מיט אַזאַ מעסיקעס, אַז אָט גייט מען אויס אונטער אירע הענט. די פּײַפּיאָלן פּײַפן מיט אַזאַ מעסיקעס, אַז ס׳עקן זיך אַלע וועלטן, און די פידעלעך... די פידעלעך פאַרגייען זיך אַזוי, אַז זיי פאַרטראָגן דעם שנײַדער אין אַזאַ וועלט, וווּ מע דאַרף ניט האָבן ניט קיין גאָלד, ניט קיין זילבער, ניט קיין דימענטן מיט בריליאַנטן, אין אַ וועלט, וווּ נאָר סע שפּילט און סע זינגט.

פּלוצעם — שאָ. די קאַפּעלע האָט אויפגעהערט צו שפּילן. דער שנײַדער גיט זיך אַ כאַפּ אויף — וואָס טוט זיך עס מיט אים? — ער זעט פאַר זיך אויצרעס. נאָר פאַרפאַלן! די צוויי שאָ זײַנען שוין פאַריבער. די קאַסטנס מיטן גאָלד און מיט די בריליאַנטן האָבן זיך פאַרשלאָסן, און דער ייִד, דער שנײַדער, איז פאַרבליבן לעווילעם וואָעד אַן אָני־וועעוויען.

— אָט דאָס הייסט געהערט!.. אָט דאָס הייסט זיך פאַרטיפט!.. קעדײַ געװען פאַרשפּילן די אויצרעס, אַלץ איז קעדײַ, אַבי האָבן אַזאַ גרויסע האַנאָע פון שפּילן, — פאַרכלינעט זיך אַזש לייזער דער סטעלמאַך. און אַלע האַלטן אים אונטער:

— קעדײַ, כלעבן, ס׳איז קעדײַ!

ענדלעך הייבט זיך אָן דאָס עמעסע שפּילן. די קאַפּעלע טוט זיך אַ נעם צו אירע קיילים.

עס שפּאַרן זיך קעפּ דורך די פענצטער, אַלע שטופּן זיך אין שטוב.

— שטילער! שטילער!.. — הערן זיך קולעס אין דרויסן. אַרום דער שטוב ווערט אַ געדראַנג, אַ שטופּעניש.

— מאַמזער, וואָס קריכסטו מיר גלײַך אַפן קאָפּ?

— קוק אים נאָר אָן, אים קומט שטענדיק דאָס בעסטע אָרט!

— שטיל זאָל זײַן, שטילער! באַלד הייבט די קאַפּעלע אָן.

און כאָטש ס׳איז ענג, מע שטייט מאַמעש איינער דעם אַנדערן אַף די קעפּ, ווערט פונדעסטוועגן שאַ־שטיל. מע הערט קיין שאָרך ניט.

שלוימע האָט שוין פאַרקאַטשעט זײַן באָרד, דעם קאָפּ האַלט ער צוגע־בויגן צום אַקסל. דער פידל, דוכט זיך, האַלט זיך אַליין, ווי ער וואָלט צו־געוואַקסן צו זײַן קערפּער.

לעם אים שטייען לייבל און געדאליע. צי וועלן זיי אים ניט פארשע־מען, אים נאָכגיין נאָך זײַן שפּילן? ניין, זיי האָבן אים, דעם גריַיז־גרויען שלוימען, אריבערגעיאָגט! נאָר דער אלטער פּרווּוט זיך נאָכאמאָל גיין מיט זיי אין א געוועט, נאָכאמאָל באוויַיזן זיי די קראפט פון אן אלטן, גוטן קלעזמער.

אנטקעגן זיצט וועלוול מיטן קלארנעט, כּיַיקל מיט דער פליט און באָ־רעכקע מיט דער טרומייט.

בא א זיַיט זיצט שויעל דער לאנגער און האלט ארומגענומען זיַין קאָנטראבאס. אין א ווינקעלע, גליַיך ווי זיי וואָלטן זיך שעמען מיט זייערע קיילים, זיצן מייערקע דער פּויקער — דער אָנדערהאלבנדיקער באָכער, וואָס אָט־אָט ברעכט ער זיך איבער פון לענג און דארקיַיט.

שלוימע פאָרט דער ערשטער ארויס מיט זיַין פידל. אומעטום גיט מען אים אָפּ דעם קאָוועד צו זיַין דער ערשטער.

ער שפּילט זיַין באליבטע מעלאָווע־מאלקע — דעם טרויעריקן, אומעטיקן ניגן פון באגלייטן דעם שאבעס. אָבער ניט דער שאבעס טוט אים באנק, ניט מיטן שאבעס געזעגנט ער זיך. עס טוט אים ווי פאר זיַינע יונגע יאָרן, מיט זיי, מיט אָט די יאָרן זיַינע, געזעגנט ער זיך איצט.

שלוימע נעמט פעסטער דעם פידל אין האנט, דריקט אים שטארקער צום הארצן. מיט אים וועט ער זיך ביז דער לעצטער מינוט פון זיַין לעבן ניט צעשיידן, דעם לעצטן אָטעם זיַינעם וועט ער אויסשפּילן אפן פידל.

און עס דוכט זיך, אז באם געזעגענען פארענטפערט ער זיך פאר אלע־מען. די קלאנגען פונעם פידל ווערן וואָס א רעגע אלץ אומעטיקער און טרויעריקער: „איך בין ניט שולדיק, כאנציע, פאר דעם שווערן לעבן, וואָס דו האָסט פאר מיר אָפּגעלעבט. איך בין ניט שולדיק, כאנציע, וואָס נאָך יעדער כאסענע לאָזסטו זיך צופוס קיין לינעץ מיט די עטלעכע פארדינטע גראָשנס אויסצאָלן די כוויועס. לייבל, זון מיַינער, מיט וואָס קאָן איך דיר העלפן, וואָס דו דארפסט שפּילן אף כאסענעס, אין גווירישע היַיזער, אין פריצישע הויפן, לערנען מיט נעגידישע קינדער און פארשפּילן אלץ, וואָס דו פארמאָגסט? איידעמס מיַינע גערעָטענע, געדאליע און וועלוול, איך פארשטיי און פיל איַיער ביטער הארץ, איַיך, ווי מיך, האָט דאָס לעבן גע־בונדן און לאָזט איַיך ניט אין ערגעץ זיך א קער טאָן... און וואָס וועט זיַין מיט דיר, עזרע? וועט דיַין גורל אויך זיַין אזא שווערער, ווי מיַינער, ווי לייבלס, ווי געדאליעס און וועלוולס? און עפּשער וועט דיַין מאזל זיַין גאָר אן אנדערס? עפּשער וועט פאר דיר פאָרט א שיַין טאָן די זון? עפּשער וועט קומען א גליקלעכער צופאל און וועט דיך אוועקטראָגן אהין, וווהין לייבל, געדאליע און וועלוול האָבן זיך געצויגן און ניט זויכע געווען עס צו דערגרייכן?“

די קאפּעלע האָט דעם אלטן שלוימען גוט פארשטאנען, און זי האָט אים געגומען אונטערהאלטן. בא אלעמען קלינגט אָפּ אין הארצן אָט דער טרוי־עריקער ניגן. און אז שלוימע נעמט זיך אויסריידן מיט דער קאפּעלע, טיַי־נעט זיך אויס צוזאמען מיט אים דער גאנצער אוילעם אין שטוב און ארום דער שטוב.

פּיַוועש דער אוטשערעטנער האַלט ניט אויס, פּונקט ווי די סטרונעס פון די פידלען וואָלטן זיך אים אײַנגעשניטן גלײַך אין האַרצן און אופגעוועקט אַלע זײַנע ווונדן. ער גיט אַ פאַל מיטן פּאָנעם אַף די הענט און צעוויינט זיך אַף אַ קאָל.

עזרע זעט פאַר זיך קיינעם ניט, ער האָט פאַרגעסן אָן זײַנע כאַווײרים, וואָס ליגן אַפן דאַך. די שטוב איז פול מיט קלאַנגען, און נאָר אָט די קלאַנגען הערט ער, נאָר זיי פילט ער. ער קען זיי שוין גוט, זיי זײַנען אַלטע פרײַנט. שטענדיק, ווען ער פאַרבענקט זיך נאָך זיי, כאַפּט ער לייבלס פידעלע. ער טוט עס, ווען קיינער איז אין שטוב ניטאָ און קיינער ווייסט ניט פון דעם.

ריכטיק, ריכטיק! אַ סאַך פון די קלאַנגען פירט ער אַרויס ווי דער טאַטע, נאָר די גאַנצע מעלאָוועמאַלקע, מיט די פאַרשיידענע טרעלן, מיטן קרעכצן און מיטן געוויין — דאָס באַקומט זיך באַ אים ניט.

אָט קוקט ער זיך צו, ווי דעם טאַטנס פינגער לויפן, ווי זיי שטעלן זיך אָפּ. אָט דאָ לויפט דער סמיק פּײַל־אויסן־בויגן, און אָט דאָ איז קוים וואָס ער באַוועגט זיך. ער וועט פּרוּוון נאָכאַמאָל, אַ דריט מאָל און אַ פערט מאָל. סע מוז זיך באַ אים באַקומען! און דאַן וועט ער אַ שפּיל טאָן, ווען אַלע וועלן זײַן אין דער היים. אַלע וועלן אַף אים אויסשטעלן די אויגן — ווער האָט דאָס דיך אויסגעלערנט, עזרע?

— אַליין, אַליין פון זיך! — וועט ער ענטפערן.

שלוימע האָט פאַרענדיקט, און עס הייבט אָן װעלוול. ער שפּילט אַ וואַלעכל אַף זײַן קלאַרנעט. זײַן שפּילן איז אַ גרויסע, טיפע בענקעניש נאָך דער נאַטור, נאָכן לעבן.

די קאַפּעלע האַלט אים ניט אונטער. וועלוול פאַרגייט זיך אין איינזאַמקײַט. איינזאַם איז דער פּאַסטעך באַם פּאַשען די שאָף, איינזאַם איז דער פּויער באַם אַקערן זײַן שטיקל ערד, איינזאַם איז דער שמידער באַ דער קאָוואַדלע, איינזאַם איז דער פויגל אין סטעפּ, דאָס פעלד, דער וואַלד. דאָס האַרץ נאָגט און עס בענקט און גייט אויס נאָך פרייד, נאָך גליק.

— אײַ, רעדט ער! אײַ, זאָגט ער!.. אײַ, וועלוועלע!.. אײַ, וועלוועלע!.. — קוויקט מען זיך מיטן שפּילן, וואָס נעמט אַלעמען דורך.

וועלוועלעס אַ וואָלעכל — עפּעס אַ קלייניקײַט? וועלוועלעס אומעט גייט איבער אַלע גרענעצן... און לייבל גיט אַ זעץ מיט דער קאַפּעלע זײַן אייגענעם מיאַטעזשנעם טאַנץ, וואָס ער האָט געשאַפן פאַר אַרעלען.

אַרעלע שטייט אַף איין אָרט. ער איז געפּענטעט אין אַ קרײַז, וואָס איז דורכגעפירט מיט קרײַד.

נאָר אָט הייבט ער אוף די האַנט און גיט זיך אַ בייג אַף דער לינקער זײַט — ער פאַלט...

אָבער די קלאַנגען צעשיטן זיך, צעקויקלען זיך אין דער לופט און כאַפּן אים אונטער. ניין, ניין, ער פאַלט ניט! ער גיט זיך אַ כאַפּ אוף און טוט אַ וואָרף אַרויס ביידע הענט פאָרויס. זיי בלײַבן אַזוי אויסגעצויגן, גלײַך ווי ער וואָלט מיט זיי די קלאַנגען אָנגעכאַפּט.

— בום־בום־בום, — דונערט אויס דער פּויק, און צוזאַמען מיט אים גיבן אַ פאַל אָן אַף אַרעלען אַלע קיילים. ער הייבט זיך אָן בייגן מיטן פּאָנעם

אראָפּ. אָבער די פידלען דערלאָזן ניט, זיי מונטערן אים. ארעלע כאַפּט זיך ווידער אויף, און ווידער א דונער, און ווידער א שלײַדער, אָט־אָט פאַלט ער טאַקע בעממעס מיטן פּאָנעם אראָפּ.

די קאַפּעלע צעלאָזט זיך אין שווינדליקן געלויף, ארעלען ווערט ענג אין קרײַז, ער רײַסט זיך ארויס און צעטראָגט זיך ווי א וויכער איבער דער שטוב. די אויגן ברענען, די אופגעהויבענע פויסטן זײַנען שטײַף צוזויפגע־דריקט. ער וועט דאָ באַלד אלץ צעטראָגן, ער וועט דאָ אלץ באַלד כאָרעוו מאַכן. אלע ווערן ארומגעכאַפּט פון זײַן פלאַם, און אלע צינדן זיך אָן.

— שטאַרקער! גיכער! העכער!

— גיכער! גיכער! שטאַרקער! — די הענט האַלטן ניט אויס און נעמען קלאַפּן צום טאַקט.

אין סאַמע אימפּעט כאַפּט ארויס שויעל דער לאַנגער בא דעם אָנדער־האַלבנדיקן באָכער די טאַצן און גיט זיי אוועק עזרען, וואָס איז געשטאַנען אין דער הייך אף א בענקל.

עזרען איז איצט גוט, בעסער פון דער גאַנצער וועלט. אָט שפּילט שוי־על, דער טאַטע, לייבל, געדאַליע, וועלוול, כײַקל. מייערקע דער פּויקער פּויקט און פּויקט... און ארעלע טאַנצט אלץ און טאַנצט...

עזרעס בעקלעך פלאַמען. זײַנע אויגן לויפן אומרויִק אום. אָט זײַנען, דוכט זיך, דאָ אלע, נאָר ער זעט קיינעם ניט.

דאָס פליושענע קאָסטיומדל ווערט אים אלץ ענגער. ס'איז אים שווער אויסצוהאַלטן די גיכע אומגעריכטע באַוועגונגען.

ער איז מיטאַמאָל געוואָרן א גרויסער, און באַגלײַך מיט אלע גרויסע ברענגט ער אויך ארויס און טרײַבט די קישעף־קלאַנגען, וואָס באַוועגן ארעלען. מע דאַרף נאָר זען ניט אָפּשטיין און נאָכיאָגן אים, ארעלען.

אלע, אלע פון דער קאַפּעלע קוקן אָף אים, און אלע מיטאַמאָל פּרוּוון זיי אים אויס. אָט צעשפּילט מען זיך גיך, אָט נעמען זיי שפּילן פּאַמעלעך, און אָט גיט מען ווידער א יאָג, ווי א ווירבל־ווינט. נאָר עזרעס אויערן זײַנען וואַך. ער לאָזט זיך ניט פאַרפירן און אראָפּשלאָגן פון וועג.

— עזרע, זעץ, עזרע, דערלאַנג! מאַמזערוק! דו פאַרמאָגסט קלעזמעריש בלוט, איז קנאַק אין די טאַצן, אז א רויך זאָל גיין! — מונטערט שויעל אלע ווײַלע עזרען און נעמט פון אים ניט אראָפּ זײַנע אויגן, פול מיט גליק און ליבע.

די קאַפּעלע גיט א שפּיל א פריילעכס. מע טאַנצט אין שטוב. מע טאַנצט אין דרויסן הינטער די פענצטער. דאָס קליינוואַרג קאָן ניט אײַנליגן אפן דאַך. מע שפּרינגט אראָפּ און מע לאָזט זיך אויך טאַנצן אן אייגענעם טאַנץ אין הויף.

ס'איז שוין שפּעט, קימאַט האַלבע נאַכט. דער אוילעם זיצט אויסגעזעצט באַם טיש און מע קוויקט זיך מיט כאַנציעס קאַלטן בוראַקאָוון באָרשטש. נאָר איין שויעל דער לאַנגער קאָן זיך ניט באַרויִקן. ער ווייסט ניט, וואָס צו טאָן מיט עזרען. ער ווייסט ניט, ווו אים אוועקזעצן, וואָס פאַר א שפּיל אויסצוטראַכטן.

— נו, האָט הײַנט דער קליינער געטאַצט אין די טאַצן... איך מוז אים נאָכאַמאָל א פּרווו טאָן... אויב ער וועט מיר טרעפן עטלעכע טענער אף די

גרעבסטע סטרונעס, וועל איך זײַן זיכער, אַז דאָס וואַקסט אַ קלעזמער פון קלעזמער־לאַנד.

און ניט לאַנג טראַכטנדיק, גיט ער אַ כאַפּ עזרען אַף איין האַנט, דעם באַס אין דער צווייטער, און לויפט אַרויס אין פּירהויז.

— עזרינקע, גיי אַרײַן אַף איין מינוט אין קלאַדאָווקעלע, און איך וועל דאָ אַ פּיר טון מיטן סמיק איבערן פידל אַף די גראָבע סטרונעס. אויב דו וועסט טרעפן די נאָטע, האָסטו בא מיר אַ גריוועניקע אַף צוקערקעס. נאָר געדענק, עזרינקע, כאַפּן דעם טאָן אַף די גראָבע סטרונעס איז שווער, זייער שווער.

— איך וועל טרעפן, רעב שויעלקע, איך וועל טרעפן! — איז עזרע גלײַך אַרײַנגעשפּרונגען אין קלאַדאָווקע.

שויעל האָט אַ פּיר געטאָן מיטן סמיק איבער דער סטרונע „מי" און גענומען דעם טאָן „פּאַ".

— פּאַ, פּאַ, פּאַ! — האָט עזרע פריידיק זיך צעשריִען פון קלאַדאָווקע.

— ניין, ניין, ס'הייבט זיך גאָר ניט אָן, סאָל האָב איך גאָר גענומען. הע, עזרינקע, דו האָסט ניט געטראָפן, ניט געטראָפן...

— פּאַ, פּאַ, פּאַ! נאָר פּאַ! איך זאָל אַזוי לעבן, מײַן מאַמע און טאַטע זאָלן מיך אַזוי האָבן פאַר אַ קינד, אַז פּאַ! — האָט עזרעס קאָל גענומען ציטערן פון אופרעגונג און פאַרדראָס, אָט־אָט צעוויינט ער זיך.

— ער האָט אָן אָפּענעם אויער! — קוועלט שויעל און האַלט זיך קוים אײַן, ער זאָל זיך ניט צעשרײַען פאַר פרייד.

— נו, גוט, זאָל זײַן ווי דו זאָגסט, זאָל זײַן פּאַ! איצט פּרוּוו איך אַ צווייט מאָל. דו הערסט, עזרינקע?

— איך הער, שויעלקע, איך הער! נאָר איר זאָלט מיך מער ניט פאַר־דרייען.

שויעל גיט גיך אַ פּיר איבער דער סטרונע „רע" דעם טאָן „מי".

— מי! מי! מי! שויעלקע, איר האָט גענומען מי... יאָ, מי! מי!

— ריכטיק, ריכטיק, אַזאַ יאָר אַף מיר, ווי ריכטיק! האָסט ווידעראַמאָל געטראָפן, — האָט אים שויעל געכאַפּט אַף די הענט און אים אָנגעהויבן קושן. און פאַרגעסנדיק דעם באַס אין פּאַרהויז, איז ער אַזוי אַרײַנגעלאָפן אין שטוב מיט עזרען אַף די הענט און גענומען צו אַלעמען שרײַען:

— אַ גוטע וואָך, אַ מאַזלדיקע וואָך! אונדז קומט אַלעמען מאַזלטאָוו... אָט דער קליינער מאַמזערוק האָט הײַנט באַוויזן, אַז ער קאָן ניט נאָר טאַצן אין די טאַצן, נאָר אַז ער האָט אַ זעלטענעם אויער. ער האָט געטראָפן דעם טאָן „פּאַ" אַף דער סטרונע מי. און דעם טאָן „מי" אַף דער סטרונע רע, געזונט זאָל ער מיר זײַן! לאַנגע יאָר זאָל ער מיר האָבן!

עזרע האָט אָנגעהויבן איבערגיין פון האַנט צו האַנט. יעדערער האָט אים געקנײַפּט און געקושט, און אַלע האָבן אין איין קאָל געשריִען צו שלוימען:

— אַ גוטע וואָך! אַ מאַזלדיקע וואָך! מאַזלטאָוו, מאַזלטאָוו!

— כאַנציע, וואָס וויינט איר? איר האָט אַ געבענטשטן בויך, איר דאַרפט שטאָלצירן מיט אײַערע קינדער! — איז מען פון אַלע זײַטן אָנגע־פאַלן אַף איר, וואָס זי פאַרשטערט די סימכע.

כאנציע האָט אָפּגעווישט די טרערן, און מיט פארבראָכענע הענט האָט זי שטיל א זאָג געטאָן:

— איך זע דאָך שוין די גרויסע גליקן, וואָס דער טאַטע זייַנער האָט געמאכט, די גרויסע גליקן, וואָס עס מאכט מייַן לייבל, מייַנע איידעמס געדאליע און וועלוול. א קלעזמער בא ייִדן, פרעגט מיך, וואָס דאָס באַטייַט, וועל איך אייַך זאָגן, אז אָך און וויי דער מאמען!..

פאָר געזונט

אין כיידער האָט זיך עזרע אָנגעהויבן לערנען, ווען ער איז אלט געווען פינף יאָר.

נאָכן ערשטן זמאן האָט מען אים אָפּגענומען פון ראכמיִעל דעם דארדעקן מעלאמעד און אים אָפּגעגעבן צו אורעמטשען. איוורע האָט ער שוין געקענט ווי א וואַסער. ראכמיִעלס האָרעוואַניע איז ניט געגאנגען פארפאלן. בא אורעמטשען האָט עזרע אָנגעהויבן לערנען כומעש, שרייַבן פון אנאפיר, און אין כעזשבענען האָט ער געהאלטן בא כיסער. ווייַטער פון כיסער האָט אורעמטשע ניט געלערנט.

פון אורעמטשען איז עזרע איבערגעגאנגען צו איטשען, און העכער פון איטשעס כיידער איז אין ליפּאָוועץ שוין ניט געווען.

בא ראכמיִעלן, אז מע פלעגט אונטערהונקען אף איוורע, האָט אורעמטשע געקאָנט אויסגלייַכן. אנדערש איז געווען בא איטשען, דאָ שטומפּיק זייַן אין טאנאך, אין ראשע האָט געהייסן בלייַבן א „קאליקע".

און דערפאר טאקע האָט איטשע געלערנט מיט די קינדער מער ווי אלע מעלאמדים. זומער פון גאנצפרי ביז שטאָקנאכט, און ווינטער ביז צען אין אָוונט בא טריפנדיקע כיילעוונע ליכטלעך.

און דערפאר טאקע האָט איטשע אכזאָריעסדיקער פון אלע מעלאמדים געשלאָגן.

— וויין! וויין! — פלעגט ער באם שמייַסן איבערכאזערן אלעמאָל דאָס אייגענע. — אז דו וועסט איצט ניט וויינען, וועסטו וויינען אלע דייַנע יאָרן, וועסטו פארבלייַבן א בור, א גראָבער יונג.

אין די שווערע מינוטן פלעגט זיך עזרען דוכטן, אז די מאמע האלט אים פעסט ארומגענומען, זי טרייסט אים און פארענטפערט זיך:

— קינד מייַנס, דו וועסט עס איבערקומען. מע קאָן דאָך ניט וואקסן אין סטויבער. אז דו וועסט זיך ניט לערנען, וועט גאָט, כאסוועכאָלילע, שטראָפן דייַן מאמען.

און עזרע וויל ניט, אז גאָט זאָל שטראָפן זייַן מאמען, צוליב זייַן מאמען איז ער גרייט לייַדן די שווערסטע שטראָף. ער שאָקלט זיך און שרייַט הויך אפן קאָל באגלייַך מיט אלע קינדער:

„ווייַהי — און ס'איז געווען, קאאשער — אזויווי, באָ — ער איז געקומען, יויסעף — יאָסעף, על — צו, עכאָוו — זייַנע ברידער, וואיאפשיטו — האָט מען געטאָן טון אויסטון, עס יויסעפן — בא יויסעף — עס קוטאָנטוי — זייַן העמדל..."

די ברידער האָבן יאָסעפן אַרײַנגעוואָרפן אין גרוב, און דערנאָך האָבן זיי אים פאַקויפט צו די ייִשמאַיילים פאַר צוואַנציק שקאָלים.

— פאַרוואָס האָבן זיי אים פאַרקויפט, וואָס האָבן די ברידער צו אים געהאַט? — רײַסט איטשע פּלוצעם איבער דאָס לערנען און שטעלט אַף אַלעמען אָן אַ פּאָר גאַזלאָנישע אויגן.

און קיינער ווייסט ניט, וואָס האָבן די ברידער געהאַט צו יאָסעפן. איטשע צעפּאָכעט זיך מיט זײַן קאַנטשיק און ער שמײַסט אַלעמען. ער שמײַסט, ווו ער טרעפט, אין פּלייצע, אין פּאָנעם און אין קאָפּ, גלײַך ווי זיי זײַנען שולדיק אין דעם, וואָס מע האָט פאַרקויפט יאָסעפן.

— די ברידער האָבן דאָס העמדל אײַנגעטונקען אין בלוט פון אַ ציגע־לע און האָבן עס געבראַכט זייער פאָטער.

יאַנקעוו האָט צעריסן פון זיך זײַנע קליידער, האָט אָנגעטאָן אַ זאַק און אָנגעהויבן וויינען און קלאָגן, און מיט יאַנקעוון צוזאַמען וויינען איצט דאָ אַלע כעוורע.

מע לערנט טאַנאַך. אין טאַנאַך זײַנען דאָ אַ סאַך שיינע מײַסעס. מע צעזינגט זיך. נאָר איטשע לאָזט ניט האַנאָע האָבן. אַלץ פאַרמיִעסט ער.

שמועל זאָגט צו שאָולן: „דו וועסט באַגעגענען אַ מאַכנע נעוויִים, און בא זיי איז אַ פּויק, מיט אַ פּײַפל, און זיי זאָגן נעוויִעס".

עזרע פאַרטראַכט זיך: אַף זאָגן נעוויִעס דאַרף מען האָבן אַ פּויק, אַ פּײַפל, ער האָט עס גאָר ניט געוווּסט. ער וועט שפּילן אַפן פידל, אים וועט אונטערהאַלטן כײַקל מיט זײַן פלייט, און ער וועט נעוויִעס זאָגן.

דאָס ערשטע וועט ער נעוויִעס זאָגן פאַר אַלע זײַנע כאַווײרים וועגן איטשעס טויט. און די צווייטע נעוויִע וועט ער זאָגן וועגן די אויצרעס, וואָס ליגן פאַרגראָבן הינטער ליפּאָוועץ.

פּלוצעם גיט איטשע אַ געשריי:

— קלעזמערוק! וואָס האָסטו אויסגעגלאָצט די אויגן, וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט, ווי אַ ליימענער גוילעם?!

עזרע גיט זיך אַ כאַפּ אויף ניט טויט, ניט לעבעדיק.

ס'קומט אָן פרילינג. דער שניי צעגייט. ריוושאַקעס וואַסער לויפן אי־בער די גאַסן. אַפן האַרצן ווערט לײַכטער, פריידיקער.

אַלע קינדער אין כיידער זינגען אין איין קאָל „שיר־האַשירים".

דער ווינטער איז שוין דורך, די רעגנס האָבן אָפּגערעגנט, די שטורעמס האָבן אָפּגעשטורעמט, געוויקסן האָבן זיך באַוויזן אַף דער ערד. ס'איז גע־קומען די צײַט פון דעם סאָלאָוויי — דעם זינגער, און דאָס קאָל פון דער טערקלטויב הערט זיך איבערן גאַנצן לאַנד.

עזרען געפעלט די פּאַסטושקע, וואָס איז פאַרברוינט געוואָרן פון דער זון, און דער פּאַסטעך, וואָס איז געגליכן צו אַן עפּלבוים אין וואַלד.

די פאַרברוינטע פּאַסטושקע בעט זיך באַם פּאַסטעך: „זאָג, מײַן ליבער, ווו פּאַשעסטו?" און דער פּאַסטעך ענטפערט איר: „גיי מיט דײַן סטאַדע ציגעלעך נאָכן שפּור פון די שעפּעלעך, וועסטו מיך געפינען..."

די פּאַסטושקע זוכט אים און געפינט אים ניט. זי ווערט קראַנק — קראַנק

פון ליבע, זי בעט אונטערהאלטן זי מיט בעכערס ווײַן און קרעפּטיקן זי מיטן רײַעך פון עפּל.

זי שלאָפט אײַן, נאָר איר הארץ איז וואך, דער פאסטעך טרעט ניט אָפּ פון אירע אויגן.

זי כאפט זיך אויף אינמיטן נאכט און לאָזט זיך אים זוכן. זי זוכט אים איבער אלע גאסן, איבער אלע מארקן. ס׳באפאלן זי די נאכט־וועכטער, מע שלאָגט זי, מע פארוווּנדעט זי און מע נעמט בא איר אראָפּ דאָס צירונג...

דאָס געזאנג פון אלע געזאנגען ציט זיך ווײַטער און ווײַטער. עזרע זינגט עס אויס שטיל אין זיך, מיט זײַנעם אן אייגענעם זייער א גוטן סאָף. די פאסטושקע האָט געפונען דעם פאסטעך. אלע פאסטעכער זײַנען געקו־מען אהער מיט זייערע טשערעדעס. די שעפעלעך לויפן, די ציגעלעך שפּרינגען, און די קוואלן וואסער האָבן זיך צעגאָסן, זיי פאלן יעדן אונ־טער די פיס, וואשן אָפּ דעם שטויב, באפרישן און קרעפּטיקן.

דער פאסטעך מיט דער פאסטושקע שטייען אונטער דער כופּע — אונ־טער די פיר שענסטע און העכסטע ביימער פון וואלד. די זון רײַסט זיך דורך דורך די בלעטער.

טויבן, אלע טויבן פון דער וועלט זײַנען געקומען אהער צווינטשן זיי אלדאָס גוטס.

און ער, עזרע, שטייט אף א צווײַג פון א הויכן בוים און שפּילט אפן פידל, ער פארגייט זיך — ער שפּילט אן אומעטיקס, און די גאנצע קאפּעלע האלט אים אונטער. און אָט צעטראָגט דער וואלד מיט א ווידערקאָל דעם מאזלטאָוו!

ער גיט א שפּיל א פריילעכס, אזש די קיילים פון זײַן קאפּעלע שיר וואָס פּלאצן ניט. אלץ טאנצט! אלץ זינגט! ס׳זינגט דער הימל, עס רוישט דער וואלד, עס זינגט יעדער בוים...

און פּלוצעם טוט אים דער רעבע איטשע א שלײַדער אראָפּ פון בוים און פארשטערט די גאנצע סימכע. איטשע ברײַעט אויס, אז דאָס אלץ איז ניט מער ווי א מאָשל — דער פאסטעך איז גאָר קיין פאסטעך ניט, און די פאסטושקע איז קיין פאסטושקע ניט. דער פאסטעך — דאָס איז גאָט, און די פאסטושקע — די ייִדן.

די פאסטושקע — די ייִדן בעטן זיך באם פאסטעך, בא גאָט, האלעוויַ וואָלסטו אונדז הײַנט געקושט ווי אמאָל. דאָס מיינט מען, האלעוויַ וואָלס־טו מיט אונדז הײַנט אזוי גערעדט פונעם בארג סינײַ ווי אמאָל...

דער רעבע האָט אָבער בא עזרען ניט געפּויעלט. דעם רעבנס אויס־טײַטשן פון שיר־השירים האָט עזרע ניט אָנגענומען.

אז עזרע פלעגט זיך ארויסכאפּן אף דער גאס מיט דער כעוורע פון כיידער, פלעגט ער אופגעבן פארשיידענע שפּילן. איטשע האָט אים שוין ניט איין מאָל געכאפּט אין סאמע ברען פון אָנפירן מיט די שפּילן.

— ס׳איז גאָר קיין קינד ניט, ס׳איז אן אטאמאן, — פלעגט איטשע פון קאס פארבײַסן די ליפּן, אונטערטאנצן אין דער הייך מיט זײַן קורצן דיק־לעכן קערפּער.

— ער פאטערט מיר דעם גאנצן כיידער!

אָט איז ער אנומלטן געקומען פון דאווענען, דערהערט ער א זשוזשערײַ

און א ברומערײַ, טויב צו ווערן. ער גיט א קוק, און ס'ווערט אים פינצטער אין די אויגן. אלע טאלמידים שטייען אויסגעשטעלט אין דרײַ רייען — פון פאָרנט די קלענערע קיטע, אינמיטן די מיטלסטע, און פון הינטן די סאמע עלטסטע — און אלע ווי איינער ברומקען מיט די ליפּן אָף די ציינדלעך פון קעמלען, אײַנגעוויקלט אין פּאפּיראָס־פּאפּיר. עזרע האלט א שטעקל אין האנט, הייבט עס אין דער הייך, לאָזט עס אראָפּ נידעריק, ווארפט עס אָף רעכטס, אָף לינקס. אָט גיך־גיך, און אָט גאָר פּאמעלעך. ער טופּעט מיט די פיס און שרײַט:

— פּאָרטאָ! פּאָרטאָ!

— דראָנג, פּיאַניסימאָ!

— שטילער! שטילער! אָ, אָט אזוי!..

און ווען ער, איטשע, האָט א געשריי געטאָן ניט מיט זײַן קאָל:

— מאמזיירים! — און זיך א וואָרף געטאָן צונעמען בא זיי די קעמלען, האָט ער ניט געפּאקט קיין איין קעמל.

מער פון אלץ האָט איטשע געבערענט אָף עזרען פארן קלעזמער־לאָשן, וואָס ער האָט אויסגעלערנט אלע יינגלעך פון כיידער. ווי נאָר ער טרעט אָפּ אין א זײַט, אזוי האלט מען זיך אין איין פארהערן און אין איין באַ־רימען, ווער ס'פארגעדענקט מער ווערטער.

— א גרויסער פויק! — קוקט איינס א יינגעלע אין א פּאפּיר.

און אלע ענטפערן אים אין איין קאָל:

— טשוקאלניק! טשוקאלניק!

— שטיוול?

— כאיאלניקעס! כאיאלניקעס!

— א קאלע?

— שעכטל! — כאפּט זיך ארויס א יינגעלע פון דער קלענערער קיטע. און אלע שיסן אויס א געלעכטער:

— דובינע! גראָבער קאָפּ! שעכטל איז א מיידל. א קאלע איז סמיסאנקע, סמיסאנקע איז א קאלע!..

— איינאָים זײַנען אויגן, און וויאזוי זאָגט מען אָף אויגן?

— זיקרעס! זיקרעס!

— וואָס טוט מען מיט אויגן?

— מיט אויגן קוקט מען!..

— וויאזוי זאָגט מען אָף „קוקט”?

— מאטרעט! מאטרעט!..

און אָט פארהערט שוין א צווייטער, א דריטער, א פערטער, אלע פאַר־הערן, אלע ענטפערן, און אלע זײַנען צופרידן מיט דער נײַער קלעזמער־שפּראך. די נײַע שפּראך האָט זיך זיי אזוי פארקריצט אין זיקאָרן, אז ניט איין מאָל באם כומעש פארטײַטשן פלעגט זיך בא כעוורע ארויסכאפּן א טײַטש פון קלעזמער־לאָשן.

— אישאָ — א יאלדעווקע!

— מעשומעד, — פלעגט זיך איטשע אָנציינדן און פארפאָרן דעם כעוור־רעמאַן גלײַך אין פּאָנעם, — ווער לערנט מיט דיר — איך, צי עזרע? אישאָ — א ווײַבל, א שעד זאָל פון דיר ווערן.

איינמאָל, דאָנערשטיק איז עס געווען, איטשע נעמט פאַרהערן זײַנע טאַלמידים דעם כומעש מיט ראַשע, וואָס ער איז מיט זיי פאַר דער וואָך דורכגעגאַנגען. און אַלע ווי איינער — קיין וואָרט ניט, אַזוי ווי גאָר ניט געלערנט.

— מאַמזיירים, אַ וואָך אָפּגעהאַקט האָלץ און — אַרויסגעוואָרפן, אַרויס־וואַרפן זאָל איך די צעניאַריקע קאַדאָכעס, — האָט איטשע אָנגעהויבן אַרומלויפן איבער דער שטוב — אָט־אָט צערײַסט ער זיי אויף שטיקער.

פּלוצעם גיט ער אַ שטעל אָן זײַנע בייזע אויגן אויף עזרען. עזרע זיצט פאַרטראַכט, קלאַפּט עפּעס אויס מיט די פינגער אין טיש, גלײַך ווי ניט אים מיינט מען.

— קלעזמערוק, וואָס פאַר אַ כאַסענע האָסטו מיר דאָ אָפּגעשפּילט, אָט דערהאַרגע איך דיך דאָ אויפן אָרט, — איז צו אים איטשע צוגעלאָפן און דעם גאַנצן קאַס, וואָס ער האָט אויף אים געטראָגן, און אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך בײַ אים געקאָכט אויפן האַרצן, האָט ער גענומען אויסלאָזן צו עזרען.

נאָך יענעם דאָנערשטיק האָט מען עזרען אָפּגענומען פון איטשעס כיי־דער. ער האָט זיך אָנגעהויבן לערנען בײַ מאָטל דעם שרײַבער, וואָס פלעגט אַרײַנקומען יעדן טאָג צו זיי אַהיים אויף צוויי שאָ.

צוויי שאָ לערנען, און דאָס אין דער היים, וואָס קאָן זײַן בעסער? אַי מע האָט פרײַע צײַט, אַי מע איז באַוואָרנט פון פעטש. אַז די מאַמע איז דאָ נאָענט, וועט קיינער אים ניט וואַגן אָנרירן...

עזרע האָט זיך אָנגעהויבן לערנען בײַ לייבלען. בײַ אים האָט עזרע גיך גענומען פאַרשטיין גאָר אַן אַנדער מין מוזיק־לאָשן, אַ לאָשן, וואָס האָט אַ שײַכעס בלויז צו פידל. ער אַליין פאַרשטייט דאָס לאָשן, זײַנע כאַווירים אָבער קאָן ער עס ניט איבערגעבן, און ער פילט זיך עפּעס מאָדנע שולדיק פאַר זיי. די כאַווירים זײַנען שוין אויף אים אַזוי אויך באַרויגעז. זינט ער האָט זיך אָנגעהויבן לערנען בײַ לייבלען, ווערט ער פאַרפאַלן אויף גאַנצע וואָכן. נאָר וואָס איז ער שולדיק, ער קאָן זיך מיט אים ניט צעשיידן.

עזרע האָט אויך געהאָלפן לייבלען לערנען מיט זײַנע טאַלמידים. לייבל פאַרגיט זיי אַ לימעד, און עזרע כאַזערט מיט זיי אײַן. ער נעמט דעם פידל אין האַנט און דערקלערט, ווי מע דאַרף שטיין, ווי מע דאַרף האַלטן דעם קאָפּ. אָט דאָ דאַרף מען פעסטער צודריקן מיט די פינגער, אָט דאָ דאַרף מען שטיל, שטיל — דער קלאַנג זאָל זיך קוים הערן, און אָט דאָ דאַרפן די גראָבע סטרונעס אַרבעטן, זיי דאַרפן ברומען, זיך בייזערן. עזרע שפּילט זיי עס אַלץ אויס.

לייבלס טאַלמידים ווערן בײַ זיך אַראָפּגעפאַלן — אַזוי שפּילן וועלן זיי קיינמאָל ניט קענען. עס צעברענט זיך אין זיי די קינע — זיי קאָנען ניט פאַרלײַדן עזרען. זיי שטייט ניט אָן זיך שפּילן מיט אים, מיט דעם קלעזמערס יינגל, און צום סאָף לערנט ער גאָר מיט זיי. מע מאַכט ווײַ־שעלעך מיט די ליפּן, מע שטעלט אַרויס צינגער, מע גלאָצט מיט די אויגן:

— באַהעלפערל, שפּיל! קלעזמערל, נאַ דיר אַ קאָפּקע און מאַך מיר פריילעך.

מע לאכט, מע קרימט אים נאָך, ווי ער פירט מיטן סמיק. א פאַרשעמ־טער, א באַליידיקטער, פול מיט קאַס, אַנטלויפט ער און האַלט איין זײַן געוויין, ביז ער דערזעט לייבלען.

לייבל זאָגט גאָרניט, ער הייבט נאָר אָן שפּאַנען הין און צוריק איבערן צימער. עזרען ווערט פון דעם לײַכטער — לייבלס קאַס לעשט אויס זײַ־נעם.

אין אַזעלכע פאַלן פלעגט עזרע שאַענווײַז שפּילן אַפן פידל, און וואָס מער ער האָט געשפּילט, אַלץ לײַכטער איז אים געוואָרן.

עזרע שפּילט אוקראַיִנישע פאָלקס־מאָטיוון. לייבל דערקלערט אים יעדע ליד באַזונדער. דאָס דערציילן פאַרכאַפּט עזרען, ער זעט פאַר זיך אַלץ ווי לעבעדיק, און אַלץ, וואָס ער זעט, גיט ער איבער אַפן פידל:

פאַרטאָג. די לופט איז קיל, פריש, אַפן הימל לעשט זיך דער מאָרגנ־שטערן, א שטיק פײַער קויקלט זיך אַרויס ווי פון אונטער דער ערד. די זון גייט אויף. די פויגלען באַגעגענען די זון מיט געזאַנג. א קריי פון א האָן, א מעקערײַ פון קי און שאָף. א פויער גייט אײַנגעבויגן נאָכן אַקער און פאַר־ציט אינדערשטיל א ליד וועגן זײַן בידנער פּראַצע. יינגלעך און מיידלעך האָבן זיך געלאָזט א טאַנץ. קינדער לויפן מיט א געשריי באַרג־אַראָפּ. א בלינדער שפּילט אַף דער באַנדורע, און עס דוכט זיך, אַז ער וויינט — ער וויינט, וואָס ער זעט ניט אָט דאָס אַלץ...

— גוט, גוט אַזוי, עזרינקע, אַזוי, און נאָר אַזוי דאַרף מען שפּילן.

די מיידלעך פון די שכיינעסדיקע הײַזער צעשפּענען די פענצטער. דורכ־גייער בלײַבן שטיין בא לייבלס שטוב. און ווער עס אײַלט, כאַפּט מיט זיך דעם ניגון און גייט מיט אים אַוועק.

עזרע פלעגט זיך פילן גליקלעך, ווען לייבל פלעגט מיט אים שפּילן א דועט. מע צעגייט זיך אין פאַרשיידענע זײַטן אַף זיך צונויפגיין, צונויפקר־מען, קעדיי שטאַרקער אַרויסברענגען די זעלבע מעלאָדיע.

דער דועט האָט אין עזרעס אויגן אויסגעזען ווי א בוים מיט צווײַגן, יעדע צווײַג הוידעט און וויגט זיך אין א באַזונדער זײַט. און אַלע צו־זאַמען גיבן זיי אַרויס איין רויש, איין ברומערײַ. לייבל פלעגט אויך עזרען דערציילן און פאַר אים אויסשפּילן זײַנע אייגענע קאָמפּאָזיציעס.

א גרויסן רוישעם האָט אַף עזרען געמאַכט די קאָמפּאָזיציע „מיכאָעל־יאָסעפס טויט".

עזרע איז צוגעשטאַנען צו לייבלען, ער זאָל אים דערציילן, ווער איז דער מיכאָעל־יאָסעף, ווער איז אָט דער, וועמענס נאָמען עס רופט אַרויס אַזאַ ציטער אין האַרצן און אַף די סטרונעס פונעם פידל? און לייבל קאָן ניט אָפּזאָגן עזרען. וועגן מיכאָעל־יאָסעפן וואָלט ער טאָג און נאַכט גע־שפּילט, טאָג און נאַכט וואָלט ער ניט מיד געוואָרן דערציילן וועגן אים.

— אַליין איז מיכאָעל־יאָסעף גוזיקאָוו געווען א שקלאָווער. די שטוב, אין וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן, איז פול געווען מיט קלאַנגען פון פלייטן און קלאַרנעטן. עס האָבן געשפּילט זײַן עלטערזיידע, זײַן טאַטע און זײַנע עלטערע ברידער. די פלייטן האָבן אַלץ געוואַרט אַף יענעם שפּי־לער, וואָס וועט אויסשפּילן אַף זיי דעם שענסטן געזאַנג. און זיי איז באַשערט

געוועז זיך דערוואַרטן. אָנגעהויבן שפּילן האָט ער זייער פרי, נאָך זײַענדיק א קינד. פּונקט ווי דו, עזרינקע, האָסט אָנגעהויבן אפן פידל.

דאָס פאַרגלײַכן אים, עזרען, מיט מיכאָעל־יאָסעפן פאַרשטאַרקט נאָך מער זײַן נײַגער זיך דערוויסן אלץ וועגן אים. עזרע גראָבט זיך אײַן טיף מיט זײַנע אויגן אין לייבלס פּאָנעם.

לייבל דערציילט שטיל, יעדעס וואָרט איז אים א שאָד. יעדעס נײַ ארויסגערעדט וואָרט פירט דאָך צום סאָף, און לייבלען וואָלט זיך וועלן וועגן זײַן ליבלינג מיכאָעל־יאָסעף דערציילן און דערציילן.

— געשפּילט האָט ער — אָן אויסנאם. האָט ער געוואָלט, האָט מען געוויינט, האָט ער געוואָלט, האָט מען געלאכט. אָט פאַרכמורעט ער אלעמען, און אָט שמייכלען שוין אלע.

— יאָסעלע! יאָסעלע! — האָט דער אוילעם געגאַפט.

ווי א כאָסן־מאָל, ווי א כאסענע — איז יאָסעלע. איז מען גלאט אופגעלייגט, איז אראָפּגעבראכט יאָסעלען. האָט יאָסעלע ניט געשפּילט, האָבן מיידלעך ניט געוואָלט גיין טאנצן. האָט יאָסעלע ניט באגלייט אף זײַן פלייט, האָט דער מארשאלעק ניט געוואָלט זאָגן...

און האָט יאָסעלע אין ערגעץ ניט געהאט קיין סימכע, פלעגט ער גאנצע נעכט ביזן העלן טאָג ארײַן שפּילן בא זיך. מיט דער פלייט האָט ער קיינמאָל און אין ערגעץ זיך ניט געקאָנט צעשיידן. שפּילן און אָטעמען איז בא אים געוואָרן איינע און די זעלבע זאך.

איינמאָל באנאכט זײַנען ארײַנגעלאָפן זײַנע שכיינים־באַלמעלאָכעס מיט א טײַנע:

— וואָס האָסטו צו אונדז, מיר זײַנען ארבעטס־מענטשן, מיר דארפן קאַיאָר אופשטיין צו דער מעלאָכע און מיר ווילן זיך אויסרוען. ביז וויפל איז דער שיר שפּילן?

איז יאָסעלע געוואָרן אין קאס און אָנגעהויבן אזוי שפּילן אף זײַן פלייט, אז זיי זײַנען שיר ניט אויסגעגאנגען אפן אָרט. און פלוצעם אין דער סאמע מיט האָט ער אופגעהערט.

די שכיינים־באַלמעלאָכעס האָבן זיך געגעבן א כאַפּ אוף און ווי קליינע קינדער גענומען זיך בעטן:

— יאָסעלע, וואָס האָסטו צו אונדז? פאַרוואָס האָסטו איבערגעריסן אינמיטן? שפּיל, יאָסעלע, דערשפּיל ביזן סאָף.

פון יענער נאכט אָן האָט יאָסעלע געשפּילט, וויפל זײַן הארץ האָט געגלוסט.

נאָר אָט האָט געטראָפן א גרויסער אומגליק...

עזרע גיט א ציטער, ער האָט מוירע, אז דאָ שטארבט מיכאָעל־יאָסעף און אלץ ענדיקט זיך. נאָר ניין, עס הייבט זיך ערשט אָן...

— פערצן יאָר האָט מיכאָעל־יאָסעף געשפּילט אף דער פלייט, — רעדט לייבל אופגערעגט, און זײַן שטים ווערט העכער, — פערצן יאָר האָט ער ארײַנגעאָטעמט אין איר זײַן לעבן, זײַן גאנצן כּיעס. אלץ האָט ער אוועקגעגעבן דער פלייט, און זי האָט אים פאַרקירצט זײַן אָטעם. די דאָקטוירים פאַרבאָטן אים שפּילן אף איר, און ניט שפּילן האָט פאַר מיכאָעל־יאָסעפן

באטייט ווערן שטום. די שטומקייט האָט אים געמאַכט פּאַר אויס מענטש, גוואַלדיק דערשלאָגן.

עזרע כאַפּט זיך אָן אין דעם קייטל פון לייבלס זייגער, וואָס הענגט אַרויס פון זיין זשילעט־קעשענע, — נאָך לייבלס אויסזען און נאָך זיין דערציילן דאַרף מען זיך ריכטן אַף אַן אומגליק.

— אַ יאָר צייט איז מיכאַעל־יאָסעף ניט אַרויס פון שטוב, זיך ניט באַוויזן פאַר קיין מענטשן. שלעכט געגעסן און שלעכט געשלאָפן. אַרומגעלאָפן הין און צוריק. און אָט אַזוי האָט ער באַ זיך אין צימער אויסגעשפּאַנט הונדערטער ווערסטן, און אַלץ ניט געקאָנט אַנטלויפן פון זיך, פון זיין גרויסן אומגליק.

אין שקלאָוו און אין דער גאַנצער געגנט אַרום האָט מען גערעדט, אַז מיכאַעל־יאָסעף איז אַראָפּ פון זינען.

אין איינעם אַ פרימאָרגן איז מיכאַעל־יאָסעף אופגעשטאַנען, גענומען זיין פלייט, זי געגלעט, געצערטלט, צוגעטוליעט צום האַרצן און צוגעלייגט צו די ליפּן — דאָס איז געווען די לעצטע געזעגעניש מיט איר. פון אופרעגונג האָט אים גענומען שטיקן דער הוסט, און בלוט האָט זיך געלאָזט פונעם האַלדז.

פלוצעם האָט ער אַ כאַפּ געגעבן אַ האַק און מיט אַ מאָדנעם קויעך גענומען צעברעכן די פלייט.

— וואָס? וואָס האָט ער געטאָן? — האָט עזרע אַ שלעפּ געטאָן לייבלען פאַר דער האַנט, גלייך ווי ער זאָל אים ווערן אָפּהאַלטן פון אַ פאַרברעכן. — וואָס האָט ער געטאָן? — עזרע האָט לאַנג ניט געקאָנט קומען צו־זיך.

— באַרויִק זיך, עזרינקע, — האָט אים לייבל איינגעשטילט, — ס'איז אַלץ געשען צום גוטן.

אין דעם טאָג, ווען ער האָט צעבראָכן זיין פלייט, האָט ער אַליין געמאַכט זיין האַלץ־שטרויענעם אינסטרומענט, זיין צימבל, מיט וועלכן ער האָט איבעראַשט די גאַנצע וועלט.

דער צימבל האָט מיכאַעל־יאָסעפן אומגעקערט דאָס לעבן, ער איז אַרויס פון געפענקעניש, פון דעם ענגן פאַרשפּאַרטן צימער און זיך אָנגעהויבן באַגעגענען מיט מענטשן. ער איז געוואָרן פריילעך און פול מיט האָפענונגען: ער וועט מיט זיינע הענט, מיט זיינע פינגער אַרויסברענגען דאָס אַלץ, וואָס ער האָט פריִער אַרויסגעבראַכט מיט זיין מויל, דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אין משך פון אַ יאָר געטראָגן באַ זיך טיף אין האַרצן און ניט געקאָנט אַרויסזאָגן.

די ערשטע צייט האָט זיך מיכאַעל־יאָסעף מיט זיין אָרעמען אינסטרומענט געשעמט ווייזן פאַר זיינע באַקאַנטע. ער פאָרט אוועק פון שקלאָוו און לאָזט זיך גיין פון דאָרף צו דאָרף, ווו קיינער קען אים ניט, ווו קיינער ווייסט ניט, אַז ער האָט אַמאָל געשפּילט אַף אַ פלייט. גיך ווערט ער באַליבט אין די דערפער, אַלט און יונג, אַלע, אַלע האָבן אים געהאַלטן אין איין רימען: יאָסיעס צימבל שפּילט שענער ווי די שענסטע האַרמאָניק.

אויסגעפּרוווט דעם קויעך פון זיין צימבל אין די דערפער, הייבט זיך אָן מיכאַעל־יאָסעף ווייזן אין די שטעטלעך. ער שטעלט זיך אוועק אינמיטן מאַרק, אָפן מיט פלאַץ און שפּילט. אַלעמאָל ווערט אונטער זיינע הענט

געבוירן עפּעס נײַס. ער פֿאַרמאַכט די אויגן און טראָגט זיך אוועק ווײַט־ווײַט אין אַ וועלט, ווו נאָר ער קאָן זיך אַהין דערקלײַבן, ווו נאָר ער קאָן דאָרט זײַן. און אַלץ, וואָס פֿאַר זײַנע אויגן אַנטפּלעקט זיך, שפּילט ער אויס אָפּן צימבל און גיט עס אַלעמען איבער. ווער צימבל, וואָס צימבל! אָט, דוכט זיך, הערט מען אַ פֿידל, אָט אַ קלאַרנעט, אָט אַ פֿלייט, אָט אַלע באַזונדער און אָט אַלע צוזאַמען. אַ גאַנצער אָרקעסטער.

— אײַ, צימבלט ער! אײַ, צימבלט ער!.. — פֿלעגן זיך אַלע אָפּכאַפּן נאָך זײַן שפּילן פֿאַרוווּנדערטע, איבעראַשטע, ניט וויסנדיק, אַף וועלכער וועלט מע געפֿינט זיך.

וועגן מיכאָעל־יאָסעפֿן און זײַן צימבל האָבן אָנגעהויבן אומגיין פֿאַר־שיידענע לעגענדעס — ער שפּילט ניט, נאָר ער פֿאַרקישעפֿט, ווײַל אַזוי שפּילן איז אוממעגלעך, אַ מענטש איז עס ניט בעקויעך.

די לעגענדעס האָבן זיך צעטראָגן פֿון די שטעטלעך אין די שטעט. אַלע האָבן אים געוואָלט אָנקוקן, אַלע האָבן געוואָלט הערן אָט דעם וווּנדער־לעכן קישעפֿמאַכער.

די ערשטע גרויסע שטאָט, וווּהין מע לאַדט אײַן מיכאָעל־יאָסעפֿן מיט זײַן צימבל, איז קיִעוו.

— און ער איז געפֿאָרן? מיט אַ צימבל קיין קיִעוו? — שטעלט אויס עזרע זײַנע אויגן, און פֿון איבעראַשונג צעעפֿנט ער זײַן מויל.

— יאָ, ער איז געפֿאָרן, גוזיקאָוו איז געפֿאָרן קיין קיִעוו, — שאָקלט צו לייבל מיטן קאָפּ.

אין קיִעוו איז צו יענער צײַט אַרויסגעטראָטן אַף קאָנצערטן דער פּוי־לישער פֿידלער ליפּינסקי. ליפּינסקי איז געווען אַ וועלט־באַרימטער פֿיד־לער. אַז מיכאָעל־יאָסעף האָט דערהערט ליפּינסקין שפּילן, האָט ער זיך פֿאַרשעמט און איז בא זיך שטאַרק געוואָרן געפֿאַלן מיט זײַן צימבל — וואָס פֿאַר אַ פּאָנעם וועט ער האָבן אַנטקעגן אַזאַ שפּילער. ניין, נאָך אים שפּילט ער ניט, און ער האָט גלײַך געוואָלט פֿאַרלאָזן קיִעוו. ליפּינסקי האָט אים אָבער ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט אים אײַנגעלאַדן צו זיך אין האָטעל און פֿאָרגעלייגט שפּילן.

נאָך דער ערשטער זאַך, וואָס מיכאָעל־יאָסעף האָט אויסגעשפּילט אַף זײַן צימבל, איז ליפּינסקי צו אים צוגעלאָפֿן, אים אַרומגענומען און געגנו־מען פּאַטשן אין פּלייצע:

— גוזיקאָוו, איך בין איבעראַשט, איך קני פֿאַר אײַך. איר זײַנט מער אַרטיסט, ווי איך — אַזוינס האָב איך נאָך ניט געהערט...

גראַף וואָראָנצאָוו לאַדט אײַן מיכאָעל־יאָסעפֿן קיין אָדעס, ווו ער שפּילט אָפּ עטלעכע כאַדאָשים נאָכאַנאַנד. און אָדעס איז איבעראַשט ניט ווייניקער ווי קיִעוו.

די פֿאַרשיידענע אויסלענדער, וואָס האָבן באַזוכט גוזיקאָווס קאָנצערטן אין אָדעס, אָרדענען אים אײַן אַ קאָנצערט־טורנע איבער אייראָפּע.

— איבער אייראָפּע?! — הייבט זיך עזרע אַזש אויף פֿון אָרט, און זײַנע אויגן צעגלאַנצן זיך מיט פֿרייד.

— יאָ, און נאָך ווי אַזוי, — פֿרייט זיך לייבל צוזאַמען מיט עזרען. — אייראָפּע גייט כאַדאָראָם... גוזיקאָוו שפּילט אין אַלע קייסערלעכע הויפֿן

און אין די גרעסטע שטאָט־טעאַטערס. די ערשטע צײַט איז מען געלאָפן, ווי אף א בייזוווּנדער, אָנקוקן דעם מאָדנעם אינסטרומענט — די ברעט־לעך, אויסגעלייגט אף א שטרויענעם אונטערבעט, און דעם מאָדנעם שפּי־לער מיט זײַן אויסזען און אָנטאָן.

געווען איז גוזיקאָוו הויך און דאַר. זײַן פּאָנעם — א לענגלעך צעצויגנס און בלייכס. א שוואַרצע באָרד מיט לאַנגע שוואַרץ־געקרײַזלטע האָר, אויגן גרויסע — שטענדיק אָנגעצונדענע, שטענדיק פינקלענדיקע, און אָנגעטאָן איז ער געווען אין א זײַדענער קאַפּאָטע מיט א יאַרמלקע אפן קאָפּ.

ער גיט ארויס די ערשטע שוואַכע מעטאַל־קלאַנגען. דער אוילעם קנייטשט מיט די פּלייצעס, מע ווינקט זיך איבער, מע שמייכלט — קיינער גלייבט ניט, אז אָט דער שפּילער זאָל אף זײַן אינסטרומענט אויסשפּילן עפּעס רעכטס.

נאָר אָט מיטאַמאָל נעמען די שוואַרצע שטעקעלעך אין זײַנע הענט פליִען פלינק איבערן האָלץ, און עס צעטראָגן זיך די סאַמע פאַרכאַפּנדיק־סטע טענער. די קלעזמער־ניגונים, די ייִדישע, אוקראַיִנישע, פּוילישע און רוסישע מעלאָדיעס קלינגען אָפּ, ווי די שענסטע סימפאָניעס.

— בראַוואָ, גוזיקאָוו! בראַוואָ, גוזיקאָוו!.. — פּלעגט זיך דער אוילעם א הייב טאָן פון די ערטער און לאַנג־לאַנג באַשענקען אים מיט הילכיקע אפּלאָדיסמענטן.

זײַן רום איז געוואָרן אזוי גרויס, אז אין פּאַריזש האָט מען אומעטום פאַרקויפט זײַנע פּאָטאָ־בילדער, און די פרויען האָבן אפילו גענומען טראָגן די האָר א־ליא גוזיקאָוו...

לייבל רײַסט פּלוצעם איבער, הייבט זיך אוף פון דער קאַנאַפּע, גייט צו צום טיש, עפנט דעם שופלאָד און הייבט אָן זוכן צווישן זײַנע פּאַפּירן.

— אָ, אָט דאָס איז עס! — דערלאַנגט לייבל עזרען א געדרוקט בלעטל פון עפּעס א זשורנאַל און הייסט אים איבערלייענען.

— פ. מענדעלסאָן־באַרטאָלדי! — שרײַט אויס עזרע. ס׳איז אים א באַ־קאַנטער נאָמען. ער ווייסט, אז דאָס איז א באַרימטער קאָמפּאָזיטאָר.

— אָט דער מענדעלסאָן־באַרטאָלדי, — ברענגט אים לייבל פאַר עזרען ווי אן איידעס, אז אלץ, וואָס ער האָט אים דערציילט, איז ניט קיין אויס־געטראַכטע מײַסע, — הער, וואָס ער האָט געשריבן וועגן גוזיקאָוון נאָכדעם, ווי ער האָט אים געהערט ארויסטרעטן אין לײַפּציק.

לייבל מיט עזרען האַלטן פעסט דאָס זײַטל פּאַפּיר, און פון שורע צו שורע הייבן זיי עס העכער און העכער. לייבל לייענט, עזרע הערט, קוקט, און שטילערהייט זאָגט ער נאָך יעדעס וואָרט.

„...ער איז אן עמעסער פענאָמען, אן אַנטיק, וואָס שטייט ניט נידעריקער פון קיין שום ווירטואָז אין דער וועלט, ניט לויט זײַן אַרט אויספירן, ניט לויט זײַן רײַפקײַט...

איך האָב שוין א לאַנגע צײַט ניט געהאַט אזויפיל פאַרגעניגן אף א קאָנצערט, ווי אף דעם, ווײַל ער, גוזיקאָוו, איז בעפּיירעש אן עמעסער געני".

— עזרינקע, דו הערסט? און אָט דער געני האָט אפילו קיין נאָטן ניט געקענט. וואָס וואָלט פון אים געוואָרן, ווען ער זאָל זיך געווען לערנען?

— וואָס זשע איז פון אים געוואָרן? — קאָן זיך עזרע ניט דערוואַרטן דעם סאָף. וואָס נעענטער צום סאָף, אַלץ אומעטיקער און אומעטיקער דערציילט לייבל.

— פונקט ווי אַמאָל דער פּלייט, אַזוי האָט מיכאָעל־יאָסעף איצט אוועקגעגעבן זײַן גאַנץ לעבן דעם צימבל. אַרויסרופן די מעלאָדיע אפן צימבל איז אַ סאַך שווערער, ווי אַף אַ פֿידל. דאָ מוז מען אָנווענדן אויסערגעוויינלעכע געשיקטקייט און עלאַסטישקייט. דאָס אַלץ האָט אופגערעגט גוזיקאָוס נערוון, צעשרויפט און אינגאַנצן אונטערגעבראָכן זײַן געזונט.

א שרעק איז געווען צו קוקן, ווי ער פלעגט אַף די לעצטע קאָנצערטן צוגיין צום צימבל, — דאָס איז געווען אַ גערעאַנגל אַף לעבן און טויט.

מיכאָעל־יאָסעפן ציט אַהיים קיין שקלאָוו, ער וויל זיך אָפּרוען, ער וויל פאַריכטן זײַן געזונט, נאָר די פאַרשיידענע אַנטרעפּרענעאָרן האָבן אים געהאַלטן אין קלעם מיט זייערע אָפּמאַכן — מע צווינגט אים שפּילן ביז די לעצטע קויכעס.

און דעם 21 נאָיאַבער 1837 יאָר האָט מיכאָעל־יאָסעף אָפּגעגעבן זײַן לעצטן קאָנצערט אַף דער בינע פון אַאַכענער טעאַטער.

געשפּילט האָט ער אַזוי, אַז די שטיינער פון די ווענט האָבן געוויינט. מע האָט מוירע געהאַט אים אַ קוק טאָן אין פּאָנעם. דאָס האָט ער זיך אויסגעטײַנעט מיט דער וועלט... דאָס האָט ער זיך באַפרײַט פון די צאָרעס און שווערע ליידן, וואָס האָבן אים באַגלייט אַף שריט און טריט... דאָס האָט ער זיך געזעגנט מיט זײַן פּלייט און צימבל און אויסגעשפּילט זײַן לעצטן געזאַנג...

עס פאַרגייט דער לעצטער אַקאָרד, און מיכאָעל־יאָסעף גייט אויס אַף דער בינע.

עזרע פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט מוירע אַ קוק טאָן — אומעטום, אין יעדן ווינקל און אינמיטן שטוב, דוכט זיך אים, שטייט פאַרגליווערט מיכאָעל־יאָסעף מיטן צימבל אין האַנט...

יענער טאָג איז פאַר עזרען געווען אַ שווערער, די נאַכט אַן אומרויקע — מיכאָעל־יאָסעף לאָזט אים ניט צורו.

ס'איז האַלבע נאַכט. מע הערט די שטילקייט. זי קלינגט אין די אויערן.

א קליין טוקנדיק פײַערל פון אַן אַכטער לעמפּל פּרוווט זיך אַ שטיק צײַט צעשנײַדן די געדיכטע פינצטערניש, און די געדיכטע פינצטערניש לעשט עס אויס.

די אויגן זעען איצט גאָרניט, איצט זעט אַלץ דאָס וואָכע האַרץ.

אָט דאָ אַף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט הענגט אַ פּאָטאָגראַפיע פון דער גאַנצער מישפּאָכע. און אונטן — אַלע לעשאָנע־טויוועס, וואָס זיי באַקומען יעדעס יאָר.

רעכטס הענגען די פידלען, לינקס דער שפּיגל. וואָס קומט עס פּאָר? אַ פּולע שטוב מיט מיכאָעל־יאָסעפס. אָט לויפט ער היין און צוריק באַ זיך אין צימער, אָט גייט ער אַרום איבער די דערפער... אָט שפּילט ער מיט זײַן צימבל אַף די מאַרקן און פּלעצער פון די שטעטלעך... און ווו זײַנען אַהינגעקומען די פידלען? — ניטאָ קיין איין פידל. אַ פּולע וואַנט מיט צימבלען און פּלייטן.

און אין שפּיגל איז גאָר אַ שרעק אַ קוק צו טאָן — מיכאָעל־יאָסעף שטייט דאָ טויט פאַרגליווערט מיטן צימבל אין האַנט.

אַ שפּיגל, ווייסט עזרע, טאָר ניט ווײַזן דעם שאָטן פון אַ טויטן. אַ שפּיגל דאַרף ווײַזן נאָר אַ לעבעדיק פּאָנעם. ווען אַ טויטער איז דאָ אין שטוב, דאַרף מען דעם שפּיגל פאַרהענגען מיט אַ שוואַרצער זאַך...

עזרע שפּרינגט אַראָפּ פון בעט, ער וויל גיך פאַרהענגען דעם שפּיגל. נאָר די פינצטערניש האָט אים ווי אין קלעם אַרײַנגענומען, און ער ווייסט ניט, ווו ער געפינט זיך... ער שווימט מיט זײַנע הענט אין דער פינצטערניש און פאַרשווימט ניט אַהין, ווו ער וויל — דער שפּיגל הענגט לינקס, איז ווי זשע קומט אַהער דער קאַסטן?

ווו איז זײַן בעטל? — ער וויל שוין גיכער צום בעטל, נאָר אַט שטויסט ער זיך גאָר אָן אין דער קאַנאַפּע.

די מאַמע האָט פון שלאָף אַ טיפן זיפץ געטאָן. עזרע כאַפּט זיך אָן אײַנעם אָפּהילך פונעם זיפץ. דער זיפץ גייט פון אַלקער, דאַרף מען אָפּקערעווען פונדאַנען און זיך לאָזן רעכטס צו דער וואַנט, דאָרט איז זײַן בעטל.

אָט איז זײַן בעטל, ער האַלט זיך אָן דעם פּעסט. ביז טאָג איז נאָך ווײַט, עס ווילט זיך אים אײַנשלאָפן. ער פאַרמאַכט די אויגן, ער זעט שוין, דוכט זיך, קיינעם ניט.

נאָר מיטאַמאָל האָט ער דערהערט שפּילן. די גאַנצע שטוב איז פול געוואָרן מיט קלאַנגען. ער קאָן ניט אײַנליגן. אָט זעצט ער זיך, אָט שטעלט ער זיך אויף.

מיכאָעל־יאָסעף האָט זיך צעשפּילט...

ווי אַ שטורעם־ווינט, צעטראָגן זיך די קלאַנגען פון דער פלייט און פונעם צימבל. און אָט שפּילט מיכאָעל־יאָסעף זײַן לעצטן געזאַנג, וואָס אונטער אים איז ער אויסגעגאַנגען.

ווו איז לייבל, ווו איז דער טאַטע, ווו איז שויעלקע? ווען זיי זײַנען איצט דאָ, און וואָך ווי ער, וואָלטן זיי אויך געהערט, זיך אויך דערוווּסט, וואָס הייסט שפּילן.

די ווונדערלעכע קלאַנגען כאַפּן אויף עזרען און שלעפּן אים אַרויס פון בעט, וואָס ער האָט ערשט מיט אַזויפיל שוועריקייטן געפונען. ער כאַפּט זײַן פידל און לויפט אַרויס אין קיך.

און ער ווייסט ניט, וויאַזוי איז עס געשען. ער האָט אַ נעם געטאָן דעם פידל, און דער פידל האָט ווי אַליין אָנגעהויבן שפּילן.

די גאַנצע שרעק, דער ווייטעק פאַר מיכאָעל־יאָסעפן האָט זיך אַרויסגעריסן פון האַרצן און זיך אַרײַנגעכאַפּט אין פידל. דער פידל שפּילט עס אויס. עס ווערט אים לײַכטער, עס ווערט אים גרינגער — סאַראַ ליכטיקייט ס׳איז געוואָרן דאָ אַרום־און־אַרום...

וועמען שפּילט ער? קיין איין קלאַנג אַפילע איז ניט ענלעך צו דעם, וואָס לייבל האָט אינדערפרי געשפּילט. באַ קיינעם האָט ער עס ניט געהערט. ס׳איז זײַנס, ס׳איז זײַן אייגנס... — צום ערשטן מאָל שפּילט ער זײַן אייגנס, זײַן קאָמפּאָזיציע.

שלוימע כאַפּט זיך אויף — וואָס איז געשען? — ווער שפּילט עס אינמיטן נאַכט? ס׳איז אַ כאָלעם, ס׳דוכט זיך אים אויס. ניין, מע שפּילט.

ער צינדט אָן דעם לאָמפּ און לאָזט זיך נאָכן פידל־קלאַנג אין קיך אַריַין.

וואָס זעט ער? — עזרע שטייט אין איין העמד, א באָרוועסער, מיט צע־שויבערטע האָר, וואַרפט זיך אומרויִק הין און הער, און דער פידל — סאַראַ אומעט ס׳רײַסט זיך פון אים.

װעמען שפּילט ער? וואָס האָט פּאַסירט? ער האָט אים נאָך קיינמאָל אַזאַ ניט געזען. ער רוקט זיך אָפּ אָן א זײַט, מע טאָר אים ניט שטערן, זאָל ער זיך אויסשפּילן.

שטיל פאַרגייען די לעצטע קלאַנגען. דער פידל קאָן מער ניט, ער ווערט אַנשוויגן. א פינצטערניש, א געדיכטע פינצטערניש אַרום־און־אַרום. מיכאָעל־יאָסעף איז טויט.

עזרע וויל אָנהייבן שרײַען פון שרעק.

שלוימע לויפט צו אים צו, כאַפּט אים אַרוף אף די הענט און הייבט אים אָן האַלדזן און קושן.

— עזרינקע, קינד מײַנס, וואָס איז מיט דיר געשען? וועמען האָסטו עס געשפּילט אינמיטן נאַכט? וועמעס מוזיק איז עס?

— כ׳ווייס ניט, כ׳ווייס ניט, — האָט עזרע אינגאַנצן ציטערנדיק גע־שטאַמלט. — דאָס איז מיר אָנגעקומען מיטאַמאָל... ס׳האָט מיך אופגעהויבן פון געלעגער, אַוועקגעטראָגן אַהער, און מיטאַמאָל אַזוי פון זיך האָט זיך עס אויסגעשפּילט...

— כאַנציע! כאַנציע! שטיי אוף! דו הערסט? ס׳איז זײַנס... ס׳איז זײַן אייגנס, — שלוימע האָט געגלעט אים די האָר, צוגעטוליעט צו זיך און אים אַוועקגעלייגט לעבן זיך אין דער הילצערנער בעט.

ס׳איז שוין געווען אָפּגערעדט שיקן עזרען צו פּעדאָצערן קיין בער־דיטשעוו.

כאַנציע האָט פריִער אפילע ניט געוואָלט הערן וועגן דעם. זי האָט גע־האַלטן אין איין טײַנען, אַז נאָר דער טויט קאָן זי צעשיידן מיט איר מיזיניק. איצט האָט זי אַליין געגרייט עזרען אין וועג אַרײַן.

די טעכטער זײַנען די לעצטע טעג ניט אַרויס פון שלוימעס שטוב, זיי פלעגן קומען גאַנצפרי און אָפּזיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַלע זײַנען געווען פאַרהאָוועט — מע האָט געבאַקן קיכלעך, געפּרעגלט אײַנגעמאַכטס, געוואַשן און געפּרעסט... אויך די מאַנצבלען זײַנען ניט געזעסן ליידיק. יעדערער האָט באַקומען זײַן אַרבעט — איינער איז געלאָפן א גאַנג, א צווייטער האָט געשטויסן צימרינג, א דריטער האָט געמײַסטרעוועט און פאַריכט דאָס גרין־געפאַרבטע קעסטל אף אײַנצופּאַקעווען עזרעס זאַכן.

כאַנציע איז געזעסן אף עזרעס קליין בענקעלע, געמערעזשעט זאַכן און געהאַט צו טון מיט זײַן גרעט. עזרע איז אַרויסגעוואַקסן פון די העמדלעך, קיין נײַע קאָן מען ניט קויפן, האָט זי אונטערגעטאָטשעט און פון צוויי קליינע געמאַכט איין גרויס.

שלוימע איז געזעסן באַם טיש און אַרײַנגעקוקט אין א סייפער, קעדיי ניט אַרויסווײַזן פאַר כאַנציען זײַן צעטראָגנקײַט. און אַז כאַנציע פלעגט

זיך אופהייבן פון בענקעלע, פארבייגן עטוואָס דעם קאָפּ און מיט פאר־זשמורעטע אויגן פרוּוון אַרײַנצי׳ען אַ פאָדעם אין נאָדל, פלעגט שלוימע גיך צולויפן און בא איר צונעמען די נאָדל און פאָדעם:

— גיב מיר, איך וועל עס אַרײַנצי׳ען גיכער.

אָבער אויך אים פלעגט עס אזוי גרינג ניט אָנקומען. ער נעצט אָן דעם עק פאָדעם, קאַטשעט אים צונויף און אָט, דוכט זיך אים, דער פאָדעם איז שוין דורכגעצויגן, נאָר ער גייט פארבײַ.

— אין דר׳ערד זאָל עס גיין, ווו זײַנען עס די אמאָליקע אויגן?

נאָר אָט האָט ער אַרײַנגעצויגן דעם פאָדעם. ער ציט אים אויס אין דער לענג און ניזשעט אָן אף אים אַ בינטל ווערטער:

— ס׳וועט אוואדע זײַן שווער צאָלן פאר קעסט און פעדאָצערן פאר לערנען. נאָר נישקאָשע. איך אַ ביסל, לייבל, די איידעמס, וועט מען ווי־עס־איז אלע איניינעם אויסשטורכען.

ער דערלאנגט כאנציען די נאָדל־פאָדעם.

זי הייבט אוף אירע אויגן אף שלוימען, און באלד לאָזט זי זיי אראָפּ און באהאלט זיי אויס אין עזרעס ווײַסע העמדער.

די וועגט אין שטוב, דוכט זיך, האָבן שוין אָנגעהויבן בענקען נאָך עז־רעס קאָל, נאָר עזרע איז ניט אײַנגעזעסן אין שטוב. אים האָט איצט גראַ־דע געצויגן אין דרויסן ארויס, צו זײַנע כאַווייריס.

— צאָבע, צאָבע!...— טרײַבט אַ פויער זײַנע אָקסן, די רעדער פון וואָגן סקריפּען, שרײַען. דער פויער אײַלט פון מארק אהיים, צוריק אין דאָרף.

עזרע הייבט אָן לאנגזאם נאָכגיין נאָך דער פויערשער פור. דאָס סקרי־פּען פון די רעדער מאכט אים עפּעס שווער דאָס הארץ. דער פויער אײַלט אהיים, און ער, עזרע, פאָרט גאָר אוועק פון דער היים...

מיטאמאָל פארלייגט עזרע די הענט אין די קעשענעס, הייבט אָן גיין גיכער. אים ווילט זיך איצט, אז אלע זאָלן אים זען: זאָל מען זיך אָנקוקן אף אים — אין עטלעכע טעג ארום וועט אים שוין קיינער דאָ ניט זען. עפּעס אַ קלייניקײַט, קיין איין ייִנגל אין זײַנע יאָרן פאָרט ניט אוועק פון דער היים.

— אַ העלד! אַן עמעסער העלד! — איז מען אים אלע מעקאַנע. און ער, עזרע, אף וועמען ער זאָל ניט אַ קוק טאָן, האָט ער איצט גרויס ראכמאָ־נעס. ער וועט אוועקפאָרן, ער וועט אויסזען אַ וועלט... און זיי אלע וועלן בלײַבן דאָ, און גאָרנישט ניט זען. ער קאָן דאָך ניט נעמען אלעמען מיט זיך. אז ער וועט קומען אמאָל צוגאסט, וועט ער זיי אלעמען אלץ־אלץ דערציילן.

עזרע הייבט אָן אונטערלויפן, און די געדאנקען, וואָס לאָזן אים ניט צורו, לויפן פאָרויס. אים שטייט נאָך פאָר אַ וועלט מיט ארבעט... ער דאַרף זיך מיט אלעמען געזעגענען און דערנאָך פאָרן מיט דער פור העכער זיי־בעציק ווערסט. ער האָט שוין עטלעכע מאָל איבערגעפרעגט וועגן די אלע שטעטלעך און דערפער, וואָס ער וועט דארפן דורכפאָרן. ער האָט אויס־געכאזערט אָף אויסנווייניק זייערע נעמען. איידער זיי וועלן אַרײַנפאָרן אין אַ שטעטל, וועט ער אָנרופן דעם נאָמען; איידער זיי וועלן ארויספאָרן פון איין דערפל, וועט ער אויסשרײַען דעם נאָמען פונעם צווייטן. דער

באלעגאָלע וועט אים פּאַטאַקעווען. „איז וווהין זשע פאָרן מיר ווײַטער?״ — וועט אים דער באלעגאָלע נעמען פאַרהערן, און ער וועט אפגיך פאַר איינ־מאָל אויסרעכענען ניט נאָר די שטעטלעך און דערפער, נאָר אַלע גאַסן פון בערדיטשעוו, וואָס פירן צו דעם געסל, ווו ס׳וווינט פעדאָצער. און ניט נאָר די נעמען וועט ער אים אָנרופן, ער וועט אים אויף אַלץ געבן סימאָנים: אין דעם דאָרף איז דאָ א סאַזשלקע, און בא יענעם דאָרף א וועלדל, יענץ שטעטל פאַרמאָגט א סאַך קלויזן, און אין דעם איז דאָ א הויכע שול. דאָ איז דאָ א קלעזמער־קאַפּעליע, און דאָרט ניט...

זיצן וועט ער זיצן מיטן באַלעגאָלע אויף דער קעלניע. אַלץ וועט פאַר אים זײַן אָפן, אַלץ וועט פאַר אים לויפן פאָרויס און אַנטלויפן אפּצוריק. די לייצעס וועט ער באַם באַלעגאָלע ניט בעטן. ער וועט אָפּשליסן זײַן קעסטל, וועט ארויסנעמען א פולקע פון אָן אויף, א שטיק כאַלע, א פּאָר קיכלעך און דערלאַנגען דעם באַלעגאָלע. דער באַלעגאָלע וועט זיך אָנכאַפּן מיטביידע הענט און וועט אים א זאָג געבן שטיל: „עזרע, זײַ אַזוי גוט, נעם אויף א ווײַלע די לייצעס אין די הענט״.

— נאָ, קאַסקעלעך! — הערט עזרע, ווי זײַן אייגענע שטים קלינגט אָפּ. די פערדלעך פאָלגן אים, זיי צעיאָגן זיך אַזוי, אַז קוים וואָס ער האַלט זיי אײַן.

ער גיט זיך א קער אויס — ווו איז ליפּאָוועץ? ע... עהעו!.. ליפּאָוועץ איז שוין גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. ווו איז זייער שטוב? ניטאָ קיין שטוב.

— טאַטע! מאַמע! — ווילט זיך אים א געשריי טאָן, נאָר זיי וועלן ניט הערן, זיי זײַנען ווײַט־ווײַט פונדאַנען...

וויאַזוי וועט ער עס זײַן אָן דעם טאַטן, אָן דער מאַמען? ער וועט עס ניט אויסהאַלטן. עס ווילט זיך אים א פאַרקערעווע טאָן די פערד אפּצוריק, און דער באַלעגאָלע צעבייזערט זיך אויף אים — א פּאַטעפּאַלנעסט פון א יינגל!..

עזרע שפּרינגט אראָפּ פון דער קעלניע און דערזעט זיך אין דער מאַ־מעס אָרעמס. די מאַמע זאָגט אים גאָרניט, זי גלעט אים נאָר פאַר די האָר און נעמט פון אים ניט אראָפּ די אויגן.

— זײַ געזונט, מאַמע, — נעמט ער זי ארום, האַלדזט זי און קושט זי, — זײַ געזונט, איך וועל שרײַבן, אַלע טאָג וועל איך דיר שרײַבן בריוו...

אים פאַרקלעמט שטאַרק דאָס האַרץ. אָט ערשט פריער מיט עטלעכע מינוט זײַנען אים אַלע מעקאַנע געווען, און איצט איז ער אַלעמען מעקאַ־נע. אַלע בלײַבן אין ליפּאָוועץ, יעדערער בא זיך אין דער היים, און נאָר ער, ער איינער אליין פאָרט אוועק אינדערפרעמד.

פעדאָצער קאָן נאָך זאָגן, אַז ער שפּילט שלעכט. ער איז דאָך ניט לייבל, ניט דער טאַטע, וואָס קווענלן אָן פון זײַן שפּילן. איז וואָס זשע וועט ער דעמלט טאָן? אַנטלויפן צוריק אהיים? — ניין, דאָס ניט. ער וועט זיך אָפּלערנען א שטיקל צײַט בא פעדאָצערן, דערנאָך וועט ער אראָפּ־פאָרן קיין ליפּאָוועץ און אין ראַסאָווסקיס סטאַדאָלע, אין דער סטאַדאָלע פון דעם „טשלען אופּראַווע״, וועט ער געבן קאָנצערטן.

אַלע וועלן אָפּגעבן מאַזלטאָוו דעם טאַטן, די ווײַבער וועלן זיך קושן מיט דער מאַמען זײַנער, און אים וועט מען קלאַפּן אין פּלייצע: „מאַלאַ־

דיעץ, עזרינקע, דו האָסט אוספּייעט, שטאַרק אוספּייעט, אַף אונדזערע קינדער געזאָגט געוואָרן״.

און טאָמער ניט, טאָמער וועט פון אים גאָרנישט ווערן? — דערשרעקט זיך עזרע ווידער פאַר דער פרעמדער שטאָט, פאַר דעם פעדאָצערן. און עס הייבט אים אָן נאָך שטאַרקער באַנק טאָן ליפּאָוועץ, זייער שטוב, זײַן היים... דאָ איז ער שוין צוגעוווינט געוואָרן מיט דעם שטיק הימל, וואָס הענגט אַראָפּ איבער ליפּאָוועץ, ער ווייסט, פון וועלכער זײַט פלויט גייט אויף די זון, און פון וועלכער זײַט פלויט זי פאַרגייט. לויטן שאָטן פון דער אַנטקעגנדיקער שכײנעסדיקער שטוב ווייסט ער שטענדיק די צײַט, טרעפט שטענדיק, וויפל דער זייגער האַלט. אין בערדיטשעוו וועט ער ניט וויסן, אַף וועלכער וועלט ער געפינט זיך...

אלע ווערן אים נאָענט, אפילע די פרעמדע מענטשן פון ליפּאָוועץ, מיט וועמען ער האָט קיינמאָל קיין וואָרט ניט אויסגערעדט... אין בערדי־טשעוו, אַז ער וועט באַגעגענען אַ ליפּאָוועצער, וועט ער צו אים צולויפן, אים ניט אָפּלאָזן און האַלטן אין איין פרעגן: „וואָס הערט זיך עפּעס אין ליפּאָוועץ?״. ער וועט זיך באַ אים דערוויסן — ווער איז אוועקגעפאָרן, און ווער איז געקומען צוגאַסט; ווער בויט זיך אַ נײַע שטוב; צי ס׳זײַנען ניט געוועזן קיין סרייפעס; צי אַלץ שטייט אַפן אָרט; וו׳אַזוי איז געראָטן דאָס יאָר אַגרעסן, ווײַנשל, שאָלקאָוויצעס...

...נאָר דערווײַל שפּאַנט ער איבער ליפּאָוועץ, און אַלץ, וואָס ער באַ־געגנט, אַלץ, וואָס ער דערזעט, דערמאָנט אים אָן עפּעס.

איטשעסביידער. סאַרא קלעפּ ער האָט דאָ געכאַפּט פאַר אויסלערנען די יינגלעך קלעזמער־לאָשן... אין אָט דעם הויף האָט ער באַ אַלע יינגלעך אויסגעווונען זייערע פּייסעכדיקע ניס, די יינגלעך זײַנען אַף אים אָנגע־פאַלן, צעריסן זײַנע קעשענעס און צוגענומען באַ אים ביז איין נוס... אַף יענעם־אָ בוים האָט ער זיך ארופגעקראַבקעט, אָנגעריסן אַ פולע פּאַזוכע מיט עפּל; פון יענעם בוים איז ער אַראָפּגעפאַלן, זיך אויסגעוויכנעט אַ פּוס און לאַנג אַף אים געהונקען...

אָט איז בערעלע כאַזערס שטוב — די רײַכסטע און שענסטע אין ליפּאָ־וועץ.

פאַראַיאָרן ערעוו פּייסעך. באַ שלוימען דעם קלעזמער איז גאָרנישט ניט געוועזן נאָך אַף פּייסעך — ניט קיין מאַצע, ניט קיין קאַרטאָפּל, ניט קיין פלייש. אַלע קרעמער איז מען געוועזן שולדיק, און קיינער האָט ניט גע־וואָלט באָרגן. וואָס צו פאַרמאַשקענען איז שוין אויך ניט געוועזן, עס איז געבליבן דעם טאַטנס טערקישער זייגער, וועלכן ער האָט זייער ליב גע־האַט. שטענדיק, ווען עס פלעגט קומען צו זיי אין שטוב אַרײַן אַ גאַסט, פלעגט דער טאַטע באַווײַזן דעם זייגער און זיך ניט קאָנען אָפּלויבן פון אים: „וואָס ווייסט איר, אַ זייגער צו אַ זייגער איז ניט גלײַך. אַכצן יאָר, אַז ער גייט אָן אַ פּאַטשינקעלע, אַכצן יאָר ווי איין טאָג״. אײַנדערוואָכן פלעגט ער אים זשאַלעווען טראָגן מיט זיך, נאָר אין אַ יאָמטעוו, אַף אַ סימכע, אַף אַ כאַסענע ערגעץ פלעגט ער אים נעמען מיט זיך. פאַרן זייגער האָט ער געהאַט אַ לעדערן שיידעלע — ס׳זאָל קיין שטויבעלע אַף אים ניט פאַלן. פאַרן שלאָפן פלעגט ער שטענדיק צוגיין, אַרויסנעמען דעם זייגער

פון שיידל, צולייגן אים צום אויער און צופרידן מיט א שמייכל א זאָג טאָן: „ער גייט"...

אַט דעם טערקישן זייגער האָט אים דער טאטע געגעבן און געזאָגט:

— טראָג אוועק דעם זייגער צו מוישען, צו בערל כאזערס יינגל, און זאָל ער דיר פון זײַן געלט אנטלײַען פינף רובל, ווײַל באם טאטן זײַנעם ליגן שוין אונדזערע עטלעכע מאשקאָנעס. דיר, עזרינקע, וועט ער לײַען, דו האָסט דאָך עפּעס מיט אים געלערנט פידל־שפּילן?

ער איז דאן מיט א קלאפנדיק הארץ ארײַנגעלאָפן צו בערעלען אין הויף.

— ווי קומסטו אהער? וואָס דארפסטו דאָ? — האָט אים מוישע באַ־געגנט. — איך לערן זיך שוין מער קיין פידל ניט... איך דארף עס האָבן אף טויזנט קאפּאַרעס. דאָס איז אן ארבעט פאר א קלעזמערל...

— ניין, ניין, ניט וועגן פידל־שפּילן, — איז ער געוואָרן רויט, — איך האָב צו דיר א... א... א באקאָשע.

— צו מיר א באקאָשע?

מוישע האָט פארלייגט די הענט אין די קעשענעס און גענומען אונ־טערשפּרינגען.

— זיך הוידען אף דער קאטשעליע, א נעכטיקער טאָג, זאָלסט אפילע ניט טראכטן וועגן דעם, אין פילקע וועל איך מיט דיר אויך ניט שפּילן...

איצט, שטייענדיק דאָ, דערפילט עזרע נאָכאמאָל די באליידיקונג, ער דערמאָנט זיך, ווי ער האָט ארויסגעכאפּט דעם טערקישן זייגער און אים דערלאנגט מוישען:

— נא דיר דעם זייגער פאר א מאשקן, און לײַ אונדז פון דײַן געלט פינף רובל. נאָך יאָמטעוו וועל איך דיר אָפּברענגען.

מוישע האָט א נעם געטאָן דעם זייגער, אים צוגעלייגט צום אויער און זיך צעלאכט:

— ס'איז א זייגער? ס'איז א פּייגער, ס'איז א שטיק בליאכע, ער איז ניט ווערט קיין רובל, זאָל איך אים געבן פינף... קוק אים אָן, סארא קלוג־גיטשקער ער איז... ער וויל בא מיר אויסנארן געלט. ניין, ניט בא מיר נארט מען...

עזרע קאָן דאָ מער ניט אײַנשטיין, ער אנטלויפט פונדאנען... און לויפנ־דיק, שרײַט ער הויך אף א קאָל:

— אטשו!.. אטשו!.. אטשו, כאזערוקע!

אים פארדריסט זייער שטארק, וואָס פאראיאָרן ערעוו פּייסעך, ווען מוי־שע האָט אים אזוי שטארק באליידיקט, איז ער אים ניט ארײַנגעפאָרן גלײַך אין פּאָנעם ארײַן. אָבער שענקען וועט ער עס אים קיינמאָל ניט. נישקאָ־שע, ער וועט אים נאָך ערשט ווײַזן.

גוט, זייער גוט, וואָס ער פאָרט איצט אוועק פונדאנען. ער מוז זיך לערנען, טאָג ווי נאכט וועט ער זיך לערנען, ער מוז ווערן א באוווסטער פידלער, וועגן וועלכן די וועלט זאָל ריידן. און ער, מוישע, וועט זײַן א כאזער, ווי דער טאטע זײַנער — מוישע דער כאזער, בערל כאזערס זון — אזוי וועט מען אים רופן און מער גאָר...

אַט דער געפּיל פון נעקאָמע הייבט אוף עזרעס שטימונג, און מיט א גרינג געמיט טראָגט ער זיך באַרג־אַראָפּ, הינטערן שטאָט צו שויעלן דעם לאַנגן.

דיביימער, די קאָפּיצעס אַף די אָנגעשניטענע פעלדער, די שטעטלשע שטיבלעך, וואָס זײַנען פאַרבליבן ווײַט פון הינטן, דוכט זיך אים, הייבן זיך שוין אָן געזעגענען מיט אים:

— אין א גוטער שאָ!..

— עזרינקע, פאַרגעס ניט אין אונדז!..

— פאַרשעם ניט דײַן מישפּאָכע, פאַרשעם ניט ליפּאָוועץ! זײַ געזונט! פאָר געזונט!

זון מײַנער

— אַט דאָ קריך אַראָפּ, מער פיר איך ניט, די פערד קאָנען שוין די פיס ניט שלעפּן. נו, א יאַזדע, פאַרברענט זאָל עס ווערן! — האָט דער באַלעגאָלע, שעלטנדיק גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, איבערגעלאָזט עזרען איינעם אליין אין דער פרעמדער שטאָט.

צוזאַמען מיטן באַלעגאָלע איז פאַרשוווּנדן יעדער שפּור פון דער היים. ווען עזרע איז געפאָרן אַף דער פור, האָט ער מיט זיך די גאַנצע צײַט מיטגעפירט ליפּאָוועץ. איצט שטייט ער מיט זײַן גרין־געפאַרבט הילצערנעם קעסטל אין איין האַנט, מיטן פידל אין דער צווייטער, און פילט זיך שטאַרק עלנט.

בערדיטשעוו האָט אים באַגעגנט מיט א כמאַרנעם הימל, מיט א דריבנעם בײַסיקן רעגנדל, וואָס עסט זיך אײַן אין די ביינער. עזרע האָט אַראָפּגערוקט דאָס היטל, אופגעהויבן דעם קאָלנער פונעם פאַלטאָכל און אָנגעהויבן גיין אין דער ריכטונג, וווּ עס ווײַנט פעדאָצער. ער טיאָפּקעט איבער די בלאָטעס, פאַרהייבט אלעמאָל דעם קאָפּ, באַטראַכט די הײַזער, ציילט אפּדערגיך איבער די פענצטער. סאַרא הײַזער! סאַרא גרויסע שטאָט!

מער פון אלץ האָבן אים איבעראַשט די עטלעכע לאַנגע גרויסע באַלקאָנען. א הויכן מויער האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, נאָר קיין באַלקאָן קיינמאָל ניט. אין אָט די גרויסע הײַזער, אפּאָנעם, פראַוועט מען עס אלע כאַסענעס, און אַף די באַלקאָנען באַגעגנט פעדאָצער מיט זײַן קאַפּעלע כאָסן־קאַלע.

— אופ־ף, אופ־ף... — הייבט זיך עזרע אוף אַף די טרעפּלעך פון א גאַנעק. ער שטעלט אוועק דאָס קעסטל אַף א באַנק, און דעם פידל לאָזט ער ניט אַרויס פון האַנט.

— אופ־ף, אופ־ף! סאַרא גרויסע שטאָט, סאַרא לאַנגע גאַסן! — ליפּאָוועץ וואָלט ער שוין דורכגעגאַנגען עטלעכע מאָל הין און צוריק. און דאָ איז גאָר קיין עק ניטאָ — ער גייט אָבער ריכטיק, דערווײַל איז אלץ, ווי מע האָט אים אויסגעמאָלט. נישקאָשע, ער וועט טרעפן, מונטערט ער זיך אליין אונטער, און ס׳ווערט אים מיטאַמאָל לײַכטער און ווארעמער, כאָטש

דאָס הארבסטיקע, בײַסיקע רעגנדל טרעפט אים אויך דאָ פון ביידע אָפּע־נע זײַטן גאַנעק.

עזרע פארוקט די רעכטע האנט אונטערן פאלטאָכל, דערקלײַבט זיך ביזן פּידזשאַק, פון פּידזשאַק צו דעם מולטענעם העמדל, און פון דעם מול־טענעם העמדל איז אים שוין נאָענט צו דעם אונטערשטן העמד.

— ס'איז דאָ! ס'איז דאָ! — רעכטס ליגט אײַנגעגנייט דאָס צענערל, וואָס ער דארף באלד, ווי ער וועט קומען, געבן פעדאָצערן. לינקס — צוויי צע־נערלעך אף דינגען א דירע און קעסט.

— ס'איז דאָ! אלץ איז דאָ!..

דאָס רעגנדל שפּריצט פּאַמעלעך, די געדיכטע כמארעס זאָגן צו, אז עס וועט נאָך שפּריצן לאנג־לאנג.

אך, ווי גוט ס'איז א זומערדיקער רעגן! א זומערדיקער רעגן גיט א פליוך מיטאמאָל, און ס'ווערט ווידער ליכטיק. דער הארבסטיקער רעגן אָבער... נאָר אָט גייען מענטשן און פארגינען זיך נאָך אין אזא וועטער זיך אָפּשטעלן און אים באטראכטן פון קאָפּ ביז די פיס.

קאָלזמאַן ער איז געגאַנגען, עזרע, איז ער זיך געגאַנגען, נאָר וויבאלד ער האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָ אפן גאנעק מיטן פידל אין האנט, דארף שוין יעדערער עפּעס זאָגן, און יעדערער דארף זיך שוין דערוויסן, ווער איז דאָס ייִנגל.

— וויבאלד מיט א פידל, איז דאָס צו פעדאָצערן. דער פעדאָצער האָט אין זיך א מאָדנעם קויעך — אין רעגנס, אין ווינטן, אין היצן און אין קעלטן, מע גייט צו אים, מע פאָרט צו אים, ווי צו א גוטן ייִדן לעהאוודל, כא־כא־כא! — רוקט זיך ארויס פון א גרויסן ברייטן געלן פאראסאָל א קליין, שווארץ, שיטער בערדל און ווערט באלד פארשווונדן.

— קארג שלעפּערס האָט בערדיטשעוו, קארג אָרעמעלײַט, וואָס גייען אום איבער די הויפן און גרימפּלען אף די פידלען, איז נא דיר נאָך אן אָנשיקעניש צו די צאָרעס, — צעפּאָכעט זיך א ייִדענע מיט איר שאל, ווי מיט פליגל.

און אָט לויפט דורך א צווייטע ייִדענע און מאכט א קרום פּאָנעם:

— ווייי איז דער מאמען, נעבעך א יאָסעם, האָט זיך ניט ווו צו פריטור־ליען.

— וואָס גיסט איר אזוי מיט שעמען־זאָס? — דעריאָגט זי א דריטע ייִדענע. — וואָס צעלאָזט איר אײַער הארץ ווי פּוטער אף א בעקן — אן אלמאָנע איז טויזנט מאָל ערגער פון א יאָסעם. א יאָסעם איז איינער אליין, ער וועט זיך ווי־עס־איז דורכשלאָגן א וועג, אָבער אן אלמאָנע, וואָס האָט פינף פיצלעך, וואָס ווילן עסן, ווייי איז מיר, — באגלייט די אלמאָנע די צווייטע ייִדענע ביזן שטוב און הערט אלץ ניט אוף צו דערציילן וועגן אירע צאָרעס, וועגן איר מאַן, וואָס איז געשטאָרבן און זי איבערגעלאָזט מיט פינף ברעקלעך, ווי אפן מיטן וואסער.

די מער נײַגעריקע זײַנען שוין לאנג אפן גאנעק. מ'טרעט ניט אָפּ פון עזרען, מע רינגלט אים ארום און מע לאָזט אים ניט צורו.

— ייִנגעלע, פונוואנען ביסטו? — גיט אים א נעם ארום א יונגערמאן

מיט אַן אונטערגעשוירן בערדל, מיט פּענסנע און מיט אַ לאַנג אַראָפּהענ־געדיק שנירל, וואָס טעלעפּעט זיך הין און צוריק.

— פון ליפּאָוועץ, — ענטפערט עזרע אָפּ בייזלעך די אַלע, וואָס באַ־טראַכטן אים ווי אַ מאָדנע באַשעפעניש.

— וואָס רעדסטו, פון ליפּאָוועץ? וואָס זשע שוויַיגסטו, איך האָב דאָך דאָרט אַ וועלט מיט קרויווים, — זעצט זיך אוועק דער יונגערמאַן אָף דער נאָסער באַנק און הייבט אָן עזרען אויספרעגן אָף גאַנץ ליפּאָוועץ.

— דאָס יינגעלע איז פון ליפּאָוועץ און איז געקומען אהער קיין בער־דיטשעוו זיך לערנען בא פּעדאַצערן, — שריַיט אויס עמעצער פון רעדל די רייד, וואָס ער האָט אופגעכאַפּט פון דעם יונגערמאַנס געשפּרעך מיט עז־רען.

— וואָס דערציילט איר מיַיסעס? — פאַרגייט זיך אין געלעכטער אַן על־טערער מענטש, — פידל־שפּילן — דאָס איז אַ ראַסקאָש, דאָס קאָן זיך פאַר־גינען אַ פּאָרעץ, אַ גוויר, נאָר ווי קומט אַ קאַפּצנס אַ קינד צו פידל־שפּילן? אין יעשיווע יאָ, פאַר טוירע־לערנען גיבן יידן אָרעמע קינדער טעג עסן, אָבער פאַר פידל־שפּילן — אַ נעכטיקער טאָג.

— פאַרגעסט ניט, פעטער, אַז די עמעסע פידלער, די עמעסע מענאַג־נים זיַינען קאַפּצאָנישע קינדער, — שטעלט זיך אוועק גליַיך אַנטקעגן דעם אַלטן אַ הויכער ייִד, אָנגעטאָן אין אַ ברייטן טוזליק. — איר ווייסט דאָך, וואָס עס שטייט בא אונדז געשריבן: „היט זיך און האָט אָפּשיַי פאַר די אָרעמע קינדער, וויַיל די טוירע קומט אַרויס פון זיי". וואָס דאַרף מען דאָ לאַנג בריַיען? ווער איז געווען סטעמפּעניו, ווער איז אונדזער פּעדאָצער, ווער איז געווען מיכאָעל־יאָסעף און ווער איז אַלטער טשודנאָווער? בא זיי איז פידל, נעגינע ניט קיין ראַסקאָש, דאָס איז זייער כּיִעס. צוליב דעם זיַי־נען זיי געקומען אָף דער וועלט. אָט זעט איר דאָך, גיט אַ קוק אָף אָט דעם יינגעלע: וואָס האָט אים געבראַכט אהער? דער קלעזמער האָט אים אהער געבראַכט!..

עס ווערט אָף עטלעכע מינוט שטיל. עזרען האָט מען שוין באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס. די שטילקיַיט דערשרעקט אָבער דאָ איינעם אַ יונ־גערמאַן, ער האָט מוירע, מע קאָן זיך נאָך באַלד צעגיין אהיים. און ער גיט פּלוצעם הויך אָפן קאָל אַ געשריי:

— ווייסט איר וואָס, זאָל דאָ דאָס יינגעלע פאַר אונדז עפּעס אַ שפּיל טאָן, וועלן מיר אים מאַכן עטלעכע קאָפּקעס.

— זיַיט אַ באַל־צדאָקע און אַ באַל־ראַכמים, ווו מע באַדאַרף, — שטעלט אים אָפּ דער יונגערמאַן מיטן אונטערגעשוירענעם בערדל און מיט די פּענ־סנע. — דאָס יינגעלע בייטיקט זיך ניט אין קיין נעדאָוועס. עס איז געקומען אהער זיך לערנען בא פּעדאָצערן, לאָמיר אים וויַיזן דעם וועג.

— דורך די יאַטקעס! דורך די יאַטקעס! דורך די יאַטקעס מוז ער דורכ־גיין.

— ער מוז גאָרניט, ער קאָן גיין אַרום־און־אַרום.

— וואָס פּלוידערט איר! ער וועט דורכגיין די יאַטקעס, נאָכדעם דורך דעם קאָוועלס הויף, און פון דאָרט וועט ער זיך אויסקערעווען גליַיך אין געסל אַריַין.

— לעבן די יאטקעס, ייִנגעלע, זײַ אָסטאָראָזשנע, דאָרט איז ניט קיין בלאָטע, נאָר א יאם, — וואָרנט אים איינער פון רעדל.
כאַפּט א צווייטער אונטער מיט א כאָכמע:
— וואָס ווערט ער ניספּאָעל, ער האָט דאָך א קאסטן, וועט ער שווימען, ווי נויעך אין דער טייווע.
איצט ווייסט שוין עזרע גענוי דעם וועג צו פעדאָצערס שטוב, און ער לאָזט זיך בײַקומען די לעצטע און די גרעסטע בערדיטשעווער בלאָטע, וואָס נעענטער עס ווערט צו פעדאָצערן, אלץ שטארקער הייבט אים אָן קלאפּן דאָס הארץ, אלץ גרעסער ווערט זײַן שרעק.
וואָס טוט ער, אז ער קומט און טרעפט אים ניט אין דער היים, ער איז גאָר ערגעץ אוועקגעפאָרן אף א כאסענע? און אז ער וועט אים טרעפן, איז ווער ווייסט, וויאזוי ער וועט אים באגעגענען? ער קאָן אים זאָגן: „ניין, ייִנגעלע, איך בין פארנומען, איך האָב שוין א סאך טאלמידים. פאר דיר איז בא מיר ניטאָ קיין אָרט”. וואָס וועט ער דעמלט טאָן?
נאָר דאָס איז נאָך נישקאָשע, ער וועט קומען צוריק אהיים און וועט זיך פאר אַלעמען קאָנען פארענטפערן — ניט געווען קיין פרײַ אָרט בא פעדאָצערן. איבעראיאָר האָט ער מיר געהייסן קומען.
נאָר וואָס וועט זײַן, אז פעדאָצער וועט אים אויסהערן און עס וועט אים ניט געפעלן? „ניין, ייִנגעלע, און אוויירע דעם טאטנס געלט...”
אָט איז שוין באלד פעדאָצערס שטוב. עזרע טוט זיך פלוצעם א כאַפּ אָן אין א טפילע, ווי דער, וואָס טרינקט זיך, אין א שטרוי.
אָט די טפילע האָט אים דער רעבע איטשע אויסגעלערנט און אָנגעזאָגט, אז בא יעדער געפאר, וואָס וועט פאסירן אין זײַן לעבן, זאָל ער זי עטלעכע מאָל איבערכאזערן, און ער וועט באלד געראטעוועט ווערן.
עזרע טוט טפילע מיטן גאנצן הארצן:
„גאָט, וואָס שטייסטו פונדערווײַטן, פארוואָס באהאלטסטו זיך אויס, ווען מיר איז אזוי שלעכט? ענטפער מיר, ענטפער מיר און ראטעווע מיך פון דער גרויסער צאָרע”.
אָט איז די טיר, פונדאנען טראָגן זיך פארשיידענע פידל־קלאנגען. עזרע שטרעקט אויס די האנט, נאָר די האנט בלײַבט ווי פארגליווערט, ער קאָן ניט עפענען.
עטלעכע טעג נאָכאנאנד האָט ער געטראכט, ווי ער וועט ארײַן, ווי מע וועט אים אופנעמען, און איצט הייבט זיך בא אים ניט די האנט אף אָנקלאפּן. די שרעק יאָגט אים ארויס פון קאָרידאָר, און ער הייבט זיך אָן ארומדרייען לעבן שטוב.
ווען ער דערזעט איצט דעם באלעגאָלע, וואָלט ער אים אלץ אוועקגעגעבן, ער זאָל אים אוועקפירן צוריק אהיים קיין ליפּאָוועץ.
איינער אליין אין אזא גרויסער, פרעמדער שטאָט. ער האָט פארבלאָנדזשעט. ער האָט דאָ ניט וואָס צו טאָן, ער וויל אהיים, צוריק אהיים.
ניין, וואָס ס'זאָל ניט זײַן, ער מוז ארײַן. עזרע שפּיליעט איבער די קנעפּ פון זײַן פאלטאָכל, גיט א שאר די לאנגע געקרײַזלטע האָר זײַנע און רוקט אָן פעסטער דאָס היטל, לויפט אײַליק דורך דעם קאָרידאָר, גיט א שטארקן קלאַפּ אין דער טיר, גלײַך ווי ער האָט מוירע געהאט, אז טאָמער

טוט ער עס ניט באַלד, וועט זיך די שרעק אים שטעלן אַנטקעגן און אים ווידער ניט לאָזן אַנקלאַפּן.

די טיר האָט אים געעפנט אַ מיטלוווּקסיקער מענטש מיט אַ שוואַרצער באָרד, אין וועלכער ס'האָבן זיך שוין דאָ און דאָרט געגומען ווײַזן גראָווע האָר. די יאַרמלקע אויפן שפּיץ קאָפּ האָט נאָך בוילעטער אויסגעטיילט זײַן גרויסן שטערן. די אויגן זײַנען בײַ אים געווען טיפע, דורכדרינגענדיקע.

דאָס איז ער! אָט אַזוי האָט מען אים אָפּגעמאָלט! ס'איז פּעדאָצער אַליין! בײַ עזרען האָט ווידער אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן דאָס האַרץ.

— צו וועמען דאַרפסטו, יינגעלע? — האָט פּעדאָצער אַ פרעג געגעבן.

— צו אײַך, — האָט עזרע שטיל, מיט אַ ציטערדיקן קאָל קוים געענטפערט.

— פונוואַנען ביסטו?

— פון ליפּאָוועץ.

— וועמעס ביסטו?

— שלוימע דעם קלעזמערס. דער טאַטע האָט מיך געשיקט צו אײַך זיך לערנען.

עזרע האָט פרײַ אָפּגעאָטעמט. דאָס ערגסטע איז ער שוין דורכגעקומען. ער האָט שוין דאָ אין פּאָדער־צימער אַלץ געזאָגט, וואָס ער האָט געדאַרפט זאָגן.

— ביסט שלוימעס יינגל? ביסט לייבלס ברודער? איז וואָס זשע שווײַגסטו? ביסטו דאָך אַ גרויסער גאַסט, — פּעדאָצער האָט גענומען עזרען פאַר דער האַנט און אים אַרײַנגעפירט אין שטוב אַרײַן. פּעדאָצער האָט הויך אויף אַ קאָל גענומען צונויפרופן די מישפּאָכע, די קלעזמער, די טאַלמידים. — אַהער קומט, קומט אַרײַן אַהער! מיר האָבן אַ גאַסט! איר ווייסט, ווער דאָס איז? דאָס איז שלוימעס אַ זון, לייבלס אַ ברודער, ער שטאַמט פון אַ מישפּאָכע פון מענאַגנים, פון עמעסע גוטע שפּילער.

— פונוואַנען איז ער? פונוואַנען קומט ער? — האָבן די טאַלמידים שוין אַלץ געוואָלט וויסן וועגן דעם נײַ־אָנגעקומענעם כאַווער.

— פון ליפּאָוועץ, ער איז אַ ליפּאָוועצער. — מער האָבן די טאַלמידים ניט באַדאַרפט. דאָס האָט זיי שוין פאַרביטן אַלץ — אי דעם נאָמען, אי די פאַמיליע. יעדער איינער פון זיי הייסט דאָ לויטן נאָמען פון דעם שטעטל, פונוואַנען ער איז געקומען: דער בערשאַדער, דער נעמיראָווער, דער וויניצער, דער אומאַנער, דער ליגעצער.

— ליפּאָוועצער, קום אַהער! ליפּאָוועצער, קום אין קיך אַרײַן, ס'איז שוין גרייט וואַסער אויף זיך אַרומוואַשן.

— ליפּאָוועצער, קאָנסט זײַן מיט מיר אויף איין דירע און עסן בײַ איין באַלעבאָסטע קעסט.

— מיט מיר וועט ער זײַן, מיט מיר! — האָט העכער פון אַלע געשריגן דער ליגעצער, אַ יינגל מיט שיינע, קלוגע אויגן, מיט גראָבלעכע ליפּן און מיט אַ לעבעדיק, באַוועגלעך פּאָנעם. — ליגעץ איז ניט ווײַט פון ליפּאָוועץ, מיר זײַנען קימאַט לאַנדסלײַט.

— איך בין מיט מײַן טאַטן ניט איין מאָל געווען אין ליפּאָוועץ.

— ליפּאָוועצער, א־יאָ אין ליפּאָוועץ איז דאָ א טײַך, א בריק, א קאָ־סטיאָל, א לאנגע גאס?

— ריכטיק, ריכטיק! — ענטפערט עזרע.

הייבט אָן דער לינעצער אויסרעכענען די אלע נעמען פון די ליפּאָווע־צער, וואָס ער קען:

— דײַן טאטן, מיטן ברודער, מיט דער גאנצער קאפּעלע קען איך אויך. פאַרצווייֵיאָרן האָבן זיי געשפּילט אַף מײַן שוועסטערס כאַסענע.

— וואָס רעדסטו? — דערפרייט זיך עזרע מיט דעם גרוס, גלײַך ווי ער זאָל שוין עטלעכע יאָר זײַן פון ליפּאָוועץ און דער לינעצער איז נאָר־וואָס פון דאָרטן געקומען.

— וויבאלד לאנדסלײַט, דארפן זיי זײַן צוזאמען, — האלטן אונטער אלע כעוורע.

...עזרע קומט ארײַן, אָן ארומגעוואשענער, אָן איבערגעטאָנענער, אין דער באגלייטונג פון אלע כעוורע, גלײַך צו פעדאָצערן אין זאל ארײַן.

דער לינעצער טרעט ניט אָפּ פון עזרען אַף קיין מינוט, ווי מוירע האָבנדיק, אז אָט פארשווינדט ער פון אונטער די הענט.

— מירן שוין זײַן צוזאמען די גאנצע צײַט. איך וועל דיך די גאנצע שטאָט אויספירן און דיר אלץ באווײַזן. די אלטע שול מוזסטו זען, אָך זײַנען דאָרט געמעלעכצן, די שענסטע „ריסונקעס” אין דער וועלט!

ארום טיש זיצן די קלעזמער פון פעדאָצערס קאפּעלע און די קלעזמער פון פרעמדע שטעט, וואָס זײַנען געקומען איבערנעמען פעדאָצערס זאכן.

פעדאָצער רעדט פאר זײַנע קלעזמער און טאלמידים. די יארמלקע איז בא אים פארוקט ווײַטער פונעם מיט קאָפּ, נעענטער צו דער פּאָטיליצע, און דער ברייטער שטערן רוקט זיך ארויס מיט אלע זײַנע שמאָלע קנייטשעלעך. יעדעס קנייטשעלע איז פול און פול מיט נאָך ניט ארויסגעזאָגטע געדאנקען. די שטים זײַנע, אָט ווערט זי שטילער, אָט שטארקער, אָט גאָר שטיל און אָט גאָר שרײַענדיק ווי בייזערנדיק זיך אַף עמעצן. דער אוילעם זיצט פארגאפט...

פעדאָצער זאָגט:

— פונקט ווי יעדן מענטשן גיט יעדן טאָג א קלעם דער הונגער און ער נעמט זיך צום עסן, אזוי דארף דעם שפּילער, דעם שעפער, יעדן טאָג א קלעם טאָן דער הונגער צו שאפן. און ווען דער הונגער קלעמט ניט, ווײַל ער האָט אים ניט מיט וואָס צו שטילן, בא דעם איז א פוסטע קיילע, וואָס קלאפּט שטארק מיט איר איין־און־איינציק גראָשנדיקן מאטבייעלע און גאָר.

— איר פארשטייט, — כאזערט איבער פעדאָצער דעם זעלבן געדאנק מיט אנדערע ווערטער, בעדערעך מאָשל, — ס'זײַנען פאראן טײַכלעך, וואָס א גאנץ יאָר זײַנען זיי טרוקן, און נאָר פרילינג ווערן זיי אַף א שטיקל צײַט אָנגעגאָסן. און ס'זײַנען פאראן קוואלן, וואָס הערן ניט אוף קוועלן אין אלע צײַטן פון יאָר. געבענטשט איז דער קוועלנדיקער קוואל, און אומגליקלעך איז דאָס טײַכל, וואָס טריקנט אויס. דאָס לעבן לויפט, יעדן טאָג ווערט עפּעס באנײַט, יעדן טאָג קומט עפּעס צו, און וואָס קאָן טאָן אן אויסגעטריקנט טײַכל? גאָרניט.

— ביסטו, טאָ זײַ! — הייבט זיך אוף פעדאָצער, טײַטלט און ווײַזט אָן מיט זײַן פינגער אף יעדן איינעם. — זײַ מיט דער נעשאָמע, מיטן גוף, מיטן גאנצן לײַב־און־לעבן. שפילן — דאָס איז ניט קיין אײַנגעמאכטס, וואָס עס פארווילט זיך אמאָל אף דערקוויקן זיך דאָס הארץ. מע דארף שפילן אפילע דאן, ווען מע שפילט ניט, — באם עסן, באם טרינקען, ווען מע גייט אין גאס, ווען מע זיצט אין שטוב, אין כאָלעם אפילע.

דער לינעצער שושקעט עזרען אפן אויער. ער דערקלערט אים, וואָס פעדאָצער האָט דאָ ערשט געזאָגט, וואָס האָט ער דאָ געמיינט מיט דעם טײַך, וואָס טריקנט אויס, מיט דעם שטענדיק קוועלנדיקן קוואל:

— פעדאָצער אליין איז טאקע געגליכן צו אָט יענעם שטענדיק קוועלנ־דיקן קוואל. ווו ער גייט און ווו ער שטייט, טראכט ער אויס קאָמפּאָזי־ציעס, און מיר שפילן זיי. דו וועסט זיי אויך שפילן, וועסטו פארשטיין, וואָס פארא קאָמפּאָזיציעס דאָס זײַנען. פעדאָצער זאָגט: „וואָס מער איך גיב אוועק, אלץ מער באקום איך. מײַן פּריפּיאָקל שפּאָר איך זיך אָפּ אלע טאָג — באם לערנען מיט די טאלמידים, באם אײַנלערנען מיט דער קא־פּעלע. אָט דעמלט, — זאָגט ער, — קומען אים אוף געדאנקען פאר זײַנע נאָך ניט געבוירענע זאכן".

עזרען גיט א קלאַפּ אין הארצן. ער לאָזט אראָפּ די אויגן, גלײַך ווי מע האָט אים דאָ געפּאקט בא א גנייווע. ער האָט דאָך אויך אויסגעטראכט א קאָמפּאָזיציע אָט דעמלט באנאכט וועגן מיכאָעל־יאָסעפן. פעדאָצער זאָל זיך כאָטש וועגן דעם ניט דערוויסן, ס'איז א ביזאָיען!..

נאָך מער, ווי פאר זיך, שרעקט ער זיך איצט פאר זײַן לייבלען. לייבל הייבט אָן אין זײַנע אויגן אויסגעלאָשן ווערן אין פארגלײַך מיט פעדאָ־צערן, ווי א ליכט קעגן א פלאם.

דער לינעצער לאָזט אָבער עזרען לאנג ניט זײַן פארטראכט. ער שטעלט פאר אים דאָ פאָר יעדן באזונדער:

— אָט דער, וואָס זיצט לינקס, דאָס איז א קלעזמער פון ערגעץ א ווײַטער שטאָט. ער איז געקומען איבערנעמען פעדאָצערס זאכן פאר זײַן קאַפּעלע. און אָט דער גראָבלעכער מיטן געגאָלטן פּאָנעם, וואָס זיצט רעכטס, אָנגעטאָן „פּאָ וואָיענאָמו", — גיט דער לינעצער אומבאמערקט א טײַטל מיטן פינגער, — איז ניט קיין גענעראל, ער איז א קאפּעלמייסטער פון א „וואָיענעם" אָרקעסטער. זײַן פאמיליע איז בראָדיעצקי. ער איז פּע־דאָצערס אן איידעם. אז ער וועט שפילן מיטן אָרקעסטער, וועל איך דיך פירן אהין, וועסטו זען, ווי ער דיריזשירט. ליפּאָוועצער, דו זעסט אָט דעם, וואָס שפּאנט ארום הין און הער, דו ווייסט, ווער דאָס איז? ער מאכט אליין קאָמפּאָזיציעס, איז ער געקומען צו פעדאָצערן, ער זאָל זיי אויסהערן און זאָגן זײַנע מעווינעס.

און שפּעט אין אָוונט, ווען עזרע איז געלעגן מיטן לינעצער אף איין געלעגער, האָט ער אים נאָך אלץ דערציילט און דערציילט... ער ווערט גאָר ניט אנשוויגן. פון מאָל צו מאָל גיט ער א טאָרקע עזרען, צי שלאָפט ער ניט.

— איך הער! — ענטפערט עזרע. — איך הער!

און וואָס מער דער לינעצער דערציילט, אַלץ שווערער ווערט עזרען אפֿן האַרצן. דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט ער זיך מיט אַ שטאַרקערן פֿון זיך. דער לינעצער האַלט שוין ווײַט־ווײַט... ער האָט שוין געשפּילט אַזעלכע זאַכן, וועגן וועלכע ער, עזרע, האָט אַפֿילו ניט געהערט.

אין ליפּאָוועץ איז צו אים קיין גלײַכן ניט געווען. ער האָט געשפּילט בעסער פֿון אַלע ייִנגלעך. און דאָ, אָט דאָ בײַ דער זײַט, לעבן אים, ליגט דער לינעצער און דערמאָנט אים אַלע מינוט, אַז ער איז נאָך גאָר אַ קליינער שפּילער.

און ערשט ווען ס׳האָט גענומען שאַרײַען אויף טאָג, זײַנען די צוויי נײַע כאַווײרים געשמאַק אײַנגעשלאָפֿן געוואָרן.

באַם ערשטן פֿאַרהער האָט עזרע געשפּילט עטלעכע זאַכן. פֿעדאָצער איז געווען צופֿרידן.

— דו האָסט אַ קויעך־האַדימיען און היסלײַוועס, — האָט ער געפּאַטשט עזרען אין פּלייצע.

נאָך אָט דעם גליקלעכן טאָג האָבן זיך פֿאַר עזרען אָנגעהויבן שווערע טעג. פֿעדאָצער האָט מיט אים אָנגעהויבן פֿון אַלעפֿבייס. די הוילע טענער, די איבערכאַזערונג פֿון גאַמעס, פֿון פּראַזעס זײַנען אים געווען שטאַרק דערווידער. ער איז געוווינט געווען שפּילן גאַנצע זאַכן, און איצט, אין די באַזונדערע גאַמעס און טענער, וואָס פֿעדאָצער צווינגט אים צו שפּילן, האָט זיך עזרען געדוכט, אַז ער האָט צעבראָכן דאָס שענסטע, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט, און עס איז פֿאַרבליבן פֿון דעם בלויז שטיקלעך און ברעקלעך, פֿון וועלכע מע וועט שוין קיינמאָל דאָס ניט קאָנען צונויפֿשטעלן צוריק.

פֿעדאָצער דערקלערט אים:

— דער שפּילער טאָר ניט זײַן ווילד, נאָר געשליפֿן, ווי דער דימענט. וואָס מער געשליפֿנקײַט, אַלץ ריכטיקער דער קלאַנג, אַלץ טיפֿער דער געדאַנק. שאַבעס איז זייער אַ גוטער טאָג, — האָט פֿעדאָצער ניט איין מאָל עזרען געטרייסט, — די גוטסקײַט פֿילן מיר דערפֿאַר, ווײַל מיר וואַרטן און גרייטן זיך אויף אים גאַנצע זעקס וואָכיקע טעג. יאָמטעוו איז גאָר אַ טײַערע זאַך. אויף אים וואַרטן מיר און גרייטן זיך גאָר לאַנג, אַ יאָר אַ גאַנצן. נאָך אַ ביסל, נאָך, נאָך אַ ביסל, די וואָכעדיקײַט וועט דורכגיין, און ס׳וועט קומען דער שאַבעס, דער יאָמטעוו.

נאָר די וואָך האָט זיך אַזוי לאַנג געצויגן, אַז עזרע האָט שוין פֿאַרלוירן יעדע האָפֿענונג אויפֿן שאַבעס. ער איז מעקאַנע געווען אַלע כאַווײרים. יעדן איינעם פֿון זיי האָט ער געשטעלט העכער פֿון זיך. אַז ער פֿלעגט הערן שפּילן דעם לינעצער, האָט ער געהאַלטן, אַז ער איז דער גליקלעכסטער אין דער וועלט. אָט אים איז גוט! מיר וועט קיינמאָל אַזוי גוט ניט זײַן. דער לינעצער שפּילט גרויסע זאַכן, און ער, עזרע, האַלט בײַ אַלעפֿבייס, אַ דערוואַקסן ייִנגל לערנט אַלעפֿבייס...

אין אַזעלכע שווערע מינוטן פֿלעגט ער פֿײַנט באַקומען אַלץ, אַפֿילו דעם פֿידל. נאָר מיטן פֿידל פֿלעגט ער גיכער ווי מיט עמעצן אַנדערש זיך

איבערבעטן. באַם איבערבעטן זיך פלעגט ער די גאַנצע שולד אַרופֿלייגן אַף פּעדאַצערן. דאָס איז פּעדאַצער שולדיק, דאָס האָט ער אים צעקריגט און געמאַכט אַ בייז לעבן צווישן אים מיט זײַן נאָענטן פרײַנט.

נעכט האָט עזרע געהאַט אומרויִקע. דער שלאָף איז פאַרוואָגלט געוואָרן פון זײַנע אויגן. אים האָט שטאַרק ווי געטאָן פאַרן טאַטן, פאַר דער מאַ־מען, פאַר לייבלען — זיי ברעננגען זיך אויס, וואָסי, זיי ווילן, ער זאָל זיך לערנען בא פּעדאַצערן. זיי קאָנען דאָרט מיינען, אַז ער שפּילט דאָ די גרעסטע זאַכן, ער וואַקסט פון טאָג צו טאָג, און צום סאָף...

אויך באַטאָג האָט זיך עזרע קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. וואָס דער לינעצער פלעגט אים ניט פאַרלייגן, פלעגט ער מיט קאַלטער גלײַכגילטי־קײַט זיך אָפּזאָגן.

באַם פרישטיק, וואַרמעס און וועטשערע פלעגט עזרע מוזן אויסהערן איינע און די זעלבע טײַנע פון דער באַלעבאָסטע:

— פאַרוואָס עסטו ניט, עסן זאָלן ווערעם מײַנע סאָנים. בא מיר פּאָפּראַ־ווען זיך אַלע קעסטניקעס, מע גייט אַרויס מיט אַזעלכע מאָרדיאַקעס, און דו זעסט אויס ווי אַ בויטע־לאָמעסניק, ווי אַ זדיכלינע. וואָס וועלן זאָגן בייזע צינגער, אָכן און זאָכן זאָלן זיי, אַז איך פאַרשליס פאַר דיר דאָס עסן און צייל דיר אויס דעם ביסן, ציילן זאָל מען זיי די ציינער. אַ פּײַנע „וויוועסקע״ ביסטו בא מיר, אַ שיינעם שעם קאָנסטו מיר מאַכן. איך קאָן איבער דיר בלײַבן אָן איין קעסטניק, בלײַבן זאָלן זיי אַלע אָן הענט און אָן פיס.

אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום האָט עזרע שוין געשפּילט פּעדאַצערס קלעזמערישע זאַכן. עזרע האָט אָנגעהויבן אויפלעבן, ער האָט זיך דער־פילט ווי נאָך אַ גרויסער קרענק, ווען אַלץ זעט אויס נײַ, אָנגענעם, גלײַך ווי מע זעט עס צום ערשטן מאָל, אָדער ווי מע האָט עס אַמאָל שוין געזען, נאָר איצט איז עס הונדערט מאָל שענער. די גאַנצע וועלט וואָלט ער איצט געדריקט צום האַרצן פאַר פרייד. עזרע באַטראַכט זיך פון קאָפּ ביז די פיס און ווערט בא זיך אַליין טײַערער, ער קווועלט אָן פון זײַנע אייגענע טריט, פון דעם געלעכטער, וואָס האָט זיך צו אים אומגעקערט. ס'איז די גרויסע פרייד פון דעם קראַנקן, וואָס איז כאַדאָשימלאַנג געווען אויסגעטאָן פון אַלץ, און איצט טוט ער אָן אַף זיך דאָס גאַנצע אומגע־קערטע לעבן זײַנס...

פּעדאַצער איז געווען גערעכט... — דאָס האָט עזרע דערפילט, ווען פּע־דאַצער האָט אים אַנומלטן געהייסן איבערשפּילן די זאַכן, וואָס ער, עזרע, האָט מיט זיך געבראַכט פון ליפּאָוועץ. ער אַליין האָט זיי גאָר ניט דער־קענט. סאַראַ גרויסער אונטערשייד פון דעמלט! ס'זײַנען גאָר אַנדערע טע־נער. פּעדאַצער איז טאַקע גערעכט געווען, ווען ער האָט אים געזאָגט, אַז אַ פעלד דאַרף מען פריִער באַמיסטיקן, אויסוואָרצלען די ווילדגראָזן, טיף אויפאַקערן, דערנאָך דאַרף נידערן אַף דעם אַ רעגן, און ערשט דאַן בליט עס, וואַקסט עס. אין אַלץ איז פּעדאַצער גערעכט געווען, און אומזיסט האָט ער אַ שטיק צײַט זיך אַף פּעדאַצערן געברויגעזט.

איין מאָל אין וואָך, אַזוי איז פון שטענדיק אָן געווען אײַנגעפירט בא פּעדאַצערן, האָט יעדער טאַלמיד געדאַרפט דערקלערן פאַר אַלעמען, וואָס

ער שפילט, און איינער דעם צווייטן האָט געדאַרפט אָנווײַזן אױף די כעס־רוינעס. ווער עס פאַרשטייט ניט דעם פֿײַרעש פון די קלאַנגען, פון די מאָ־טיוון, — האָבן די טאַלמידים גוט פאַרגעדענקט פעדאָצערס אַרויסזאָגונג, — זײַנען עס פוסטע, טויטע קלאַנגען.

איינמאָל, ווען עזרע האָט אָנגעוויזן יעדן כּאַווער באַזונדער זײַנע פעלערן, האָט פעדאָצער דערזען אין עזרען ניט בלויז אַ גוטן שפּילער, נאָר אויך אַן אויסגעצייכנטן מאַסביר, וואָס גיט איבער פאַרשטענדלעך פאַר יעדן איינעם דאָס, וואָס ער טראַכט, און דאָס, וואָס ער לעבט איבער.

דעם אינהאַלט פון דער וויגליד, וואָס פעדאָצער האָט געשאַפן, האָט ער געהייסן עזרען איבערכאַזערן אַ צווייט מאָל.

— ער כאַזערט ניט איבער, נאָר ער שאַפט, — האָט פעדאָצער אָנגעוואָלן, — און שאַפנדיק, מוז שטענדיק עפּעס צוקומען.

עזרע שטייט אינמיטן זאָל אַנטקעגן אַלע טאַלמידים און דערקלערט שטיל, ווי ער האָט פאַרשטאַנען די וויגליד:

— ס'איז צוועלף אַזייגער באַנאַכט. די מאַמע האָט זיך צוגעשפּאַרט אַ ווײַלע. שוין עטלעכע נעכט, אַז זי שלאָפט ניט. און אָט האָט זיך דאָס קראַנקע קינד ווידער צעוויינט. די מאַמע כאַפּט זיך אויף און דרייט אַרויס דעם לאָמפּ. זי גיט אַ טאַפּ דאָס קינד באַם שטערן, עס ברענט אַ העלישׁ פֿײַער. אַ דערשראָקענע לויפט זי צו צום פענצטער אַ קוק טאָן, ווי ווײַט איז נאָך צו טאָג. נאָר ווער־וואָס, ס'איז פינצטער, ס'איז האַלבע נאַכט. אַ הונט האָט זיך פּלוצעם צעוואָיעט.

— אױף דײַן קאָפּ! — האָט די מאַמע אויסגעשפּיגן און באַלד געכאַפּט און איבערגעקערט אַ קאַלאָש. ווײַ איז דער מאַמען, דער מאַלעכהאַמאָוועס איז דאָ אין שטאָט. זי כאַפּט אַרויס דאָס קינד פון וויגעלע און זי איז גרייט ביז די לעצטע קויכעס זיך שלאָגן פאַר איר קינד מיטן מאַלעכהאַמאָוועס. שפּאַנענדיק אַזוי הין און הער, הייבט די מאַמע אָן שטיל זינגען:

— אײַ־ליע־ליו־ליו, מיר פאַר דיר, מײַן קינד, אײַ־ליע־ליו־ליו...

פעדאָצער הערט אויף אַרומגיין איבערן זאַל, גלײַך ער זאָל מוירע האָבן שטערן דער אַרומשפּאַנענדיקער מאַמע מיטן קראַנקן קינד. ער שטעלט זיך אַוועק אין אַ ווינקל און נעמט ניט אַראָפּ זײַנע אויגן פון עזרען, וועלכער דערציילט וועגן זאַכן, וואָס זײַנען גאָר ניטאָ אין זײַן ליד. „און אַזוי דאַרף זײַן״, — טראַכט פעדאָצער.

— די מאַמע האָט, אַזוי שטייענדיק, מיטן קראַנקן קינד אױף די הענט, אײַנגעדרעמלט, — דערציילט ווײַטער עזרע, — און אָט כאָלעמט זיך איר אַ כאָלעם: איר קינד איז געוואָרן געזונט, עס איז אויסגעוואַקסן. דער זון אירער איז געוואָרן אַ גרויסער פידלער. זײַן נאָמען איז באַוווּסט אומעטום, און ער איז געקומען צו איר זי צונעמען צו זיך, אין דער גרויסער שטאָט.

— זון מײַנער, — דריקט זי אים צו זיך, — וואָס דײַן מאַמע האָט זיך אָנגעליטן פאַר דיר. ווען דו ביסט נאָך געווען אַ פּיצל, ביסטו געווען גע־פערלעך קראַנק. איך בין קיין נעכט ניט געשלאָפן, די אויגן האָב איך זיך אויסגעוויינט, מיטן מאַלעכהאַמאָועס זיך געראַנגלט און דיך אַרויסגעריסן פון זײַנע הענט.

דער זון, דער באַרימטער פידלער, הייבט אָן שפּילן. די מאַמע קאָן זיך

ניט אײַנהאלטן און הייבט אָן שטיל מורמלען אָט יענע ליד, וואָס זי האָט געזונגען, ווען איר זון איז נאָך געווען א פּיצל:

— אײַ־ליע־ליו־ליו, מיר פאר דיר, מײַן קינד, אײַ־ליע־ליו־ליו!..

— גוט! זייער גוט! — לויפט צו פעדאָצער און נעמט ארום עזרען. — דו יארשנסט מיך. און ווער עס האָט א יוירעש, — מאכט צו פעדאָצער זײַנע אויגן, — דער שטארבט ניט, זון מײַנער!..

די טאלמידים בלײַבן שטארק גערירט פון עזרעס דערציילן און פון פעדאָצערס איבעראשונג. וויבאלד פעדאָצער האָט אים אָנגערופן זון, איז עק וועלט. די טאלמידים לויפן צו אים צו, רינגלען אים ארום, און ניט וויסנדיק אים וואָס צו זאָגן, שרײַען זיי אין איין קאָל: „ליפּאָוועצער! ליפּאָוועצער!" און דער לינעצער, עלישע, באַרימט זיך פאר אלעמען:

— ווי געפעלט אײַך מײַן „זעמליאק", שוין איינמאָל א „זעמליאק"!..

אין דעם פריידיקן גערויש פון זײַנע כאווײרים דערמאָנט זיך עזרע מיטאמאָל אין יענעם שאבעס אפדערנאכט, ווען שויעל דער לאנגער האָט אים געכאפּט אף די הענט, איז מיט אים ארײַנגעלאָפן אין שטוב און אָנגע־הויבן שרײַען:

— א גוטע וואָך! א מאזלדיקע וואָך!

— עלישע, — האָט עזרע זיך אָנגערופן, — הײַנט איז א מארק־טאָג, קום מיט מיר אפן מארק, מירן דאָרט אָנטרעפן לינעצער און ליפּאָוועצער, און מיר וועלן זיי איבערגעבן גרוסן אהיים.

דער ווײַטסטער וועג זעט איצט אויס בא עזרען נאָענט. ער וואָלט איצט געגאנגען און געגאנגען. נאָר אָט איז שוין דער מארק.

צווישן די פורן מיט די האָלאָבליעס אף דער ערד און מיט די פערד בא די וועגענער דרייען זיך ארום עזרע מיט עלישען און זוכן באקאנטע פון זייערע שטעטלעך.

— וואָס הערט זיך עפּעס בא אונדז אין שטעטל? — שטעלט אויס עלי־שע זײַנע אויגן אף איינעם א פארהאָרעוועטן לינעצער.

— לינעץ שטייט אף אן אָרט, האָט זיך דערווײַל נאָך ניט איבערגע־קערט. עס מעג פארסארפּעט ווערן הײַנטיקן טאָג.

— וואָס מאכט דער טאטע מײַנער? — פּרוווט אים עלישע פארהאלטן נאָך אף א מינוט.

— וואָס זאָל ער מאכן, — לאָזט דער פארהאָרעוועטער ייִד פאלן עטלע־כע ווערטער, לויפנדיק מיט א זעקל אף דער פּלייצע און מיט צוויי טאָר־בעטשקעס בא די זײַטן, — ער שניצט, ער שניצט דעם דאלעס, און קאָן אים אלץ ניט אויסשניצן.

און אָט פּאקט עזרע א ליפּאָוועצער. נאָך איידער ער באווײַזט בא אים עפּעס־וואָס פרעגן, ווערט יענער ניט, ווי פון אונטער די הענט.

אפן ברייטן פּלאץ, ווו עס איז אָנגעשטעלט און אָנגעזעצט איין קלייט אף דער צווייטער, ווו אלץ זידט און קאָכט, ווו אלע לויפן און שרײַען, שטייען די צוויי יונגע כעוורע און באטראכטן אלץ, וואָס קומט דאָ פאָר.

— א מעציִע פאר א גאנעוו! קויפט! קויפט! — ציקלט זיך א הייזעריקע שטים.

— א בראַנד דיר אין די קישקעס, הולטײַ, א קישקע אָן א דנאָ! ווו א קוינע, כאַפּט עס אויס, כאַפּן זאָל עס דיך פאר די געדערים, — צעקריגן זיך צוויי קרעמערלעך.

מע לויפט זיך צונויף און מע האלט זיי אין איין אונטערהיצן, — אז מע לייזט קיין געלט ניט, זאָל מען כאַטש לייזן פּעטש.

— ייִדעלעך, מאַדאַמעלעך, א גוט־יאָר אף אײַך, שענקט א קאַליקע אָן הענט און אָן פיס, אָן לײַב־און־לעבן, מיט א ווײַב מיט פינף פּיצלעך קינ־דער א נעדאָווע אף א שטיקל ברויט.

— מע האָט מיך באַגאַנוועט, בעדיל־האַדאַל געשטעלט. וואָס שטייט איר? ווו איז דער גאַנעוו? — יאָגט און שפּרינגט א צעכראַסטעט ייִדל, און אַלע הייבן אוף מיטאַמאָל א גוואַלד:

— כאַפּט אים! יאָגט אים! שלאָגט אים!

בא א זײַט שטייט א רעדל, קאָפּ אף קאָפּ. א קונצנמאַכער מאַכט פאַר־שיידענע קונצן. האָקוס־פּאָקוס, — שרײַט ער און קוליעט זיך און קערט זיך מיטן קאָפּ אראָפּ. און אַלע האַלטן זיך בא די קעשענעס און ברומען: א קאַשע אף א קונצנמאַכער, ער גיט א פּראַווע אַזאַ קונץ — און אויס קע־שענע.

צו עזרען און צו עלישען דערטראָגט זיך א געזאַנג פון באַנדוריסטן. זיי וואַקסן ביידע אויס אַרום די באַנדוריסטן און פאַרהאַלטן זיך דאָ לאַנג.

— וואָס האָסטו פאַרשפּאַרט די הענט אין די קעשענעס? — גיט פּלוצעם עלישע א פרעג בא עזרען.

— איך טאַפּ אָן די ניגונים, איך האַלט צו די קלאַנגען, זיי זאָלן פון מיר ניט אַנטלויפן, — שמייכלט עזרע.

— אוי, ביסט טאַקע גערעכט, — צעלאַכט זיך עלישע, — א קלאַנג איז ווי א טויב. לאָזסט אים אַרויס פון האַנט, פליט ער אַוועק, און ווי א טויב קערט ער זיך דערנאָך אַליין אום צו דיר. איך הער אַמאָל א ניגון, און איך פאַרגעס אים. און אין א צײַט אַרום, פּלוצעם, איך טראַכט גאָר וועגן עפּעס אַנדערש, קומט אָט יענער ניגון, קלאַפּט אָן צו מיר, ווי א טויב אין איך נעסט, און בעט זיך: „לאָז מיך אַרײַן צו דיר, אַמאָל־אַמאָל האָסטו מיך געהערט, איך בין דײַן ניגון, דו דערקענסט מיך ניט?" ליפּאָוועצער, בא דיר טרעפט אויך אַזוי?

— יאָ, בא מיר אויך אַזוי. נאָר אַז מע האַלט דעם ניגון פעסט צו, וועט ער ניט אַנטלויפן. אָט צאַפּלט ער זיך און רײַסט זיך בא מיר פון די הענט, נאָר כ'וויל אים ניט אָפּלאָזן, ס'איז א שיינער ניגון, מירן אים הײַנט אָפּדערנאַכט אויסשפּילן.

די באַנדורעס דערציילן און דערציילן...

דער אוילעם וואַקסט, נאָר קיין גראָשנס קומען ניט צו אינעם הילצער־נעם שיסעלע. גראָד די, בא וועמען די באַנדוריסטן נעמען אַזוי שטאַרק אויס, האָבן ניט וואָס צו פאַרקויפן און פאַר וואָס עפּעס קויפן. זיי זײַנען געקומען אַהער אָפּן מאַרק זיך א ביסל פאַרטומלען און פאַרגעסן אף א ווײַלע אין די צאָרעס.

פּלוצעם דערטראָגן זיך פון ערגעץ נאָענט באַקאַנטע קלאַנגען פון פּע־דאָצערס באַוווסטן „אַהאַוואָ ראַבאָ" — „די גרויסע ליבע", וואָס ווערט גע־

שפּילט אַף אַלע ייִדישע כאַסענעס אין אוקראַיִנע. עלישע און עזרע לאָזן זיך אַוועק נאָך די קלאַנגען פֿון דער „גרויסער ליבע" און בלײַבן שטיין באַ אַ רעדל מענטשן. מע האָט אַרומגערינגלט אַ בלינדן פֿידלער אין אַן אויס־געבייט אוקראַיִניש העמד.

עס ווערט אײַנגעשטילט דער מאַרק־געפֿילדער, עס הערן אויף פּאַכען און קנאַקן די בײַטשן. די פֿידל־קלאַנגען האָבן דאָ אַף אַ ווײַלע פֿאַרכאַפּט די מאַכט...

ווונדער איבער ווונדער, אַ מאַרק פֿון ווונדער!

כײַקל דער קלעזמער זינגט אוקראַיִנישע לידער און שפּילט זיי אויס אַפֿן פֿידל.

— דאַווײַ, דאַווײַ, כײַקל! מאָלאָדיעץ, כײַקל! דו זינגסט און שפּילסט, ווי דו וואָלסט אויסגעוואַקסן אין דאָרף צווישן אונדזערע.

פּיאָדאָר פֿון קלויסטער־כאָר האָט אַרום זיך צונויפֿגעקליבן אַ גרויסן אוילעם ייִדן. ער זינגט ניסיס „קאָלנידרע" מיט אַלע פֿישטשעווקעס.

ווײַבער וויינען, ווי יאַמקיפּער פֿאַרנאַכט אין שול, און מאַנצבלען קרעכצן, ווי באַם דאַווענען, ווי באַם הערן ניסי בעלזער מיט זײַנע מעשׂוי־רערים.

פֿונעם טרויעריקן קאָלנידרע־מאָטיוו גייט איבער פּיאָדאָר צו פֿאַרשייַ־דענע כסידישע לידער — אַ געמיש פֿון רוסישע, אוקראַיִנישע און העברעיִ־שע ווערטער:

אי פּיל יאַ או נידיליו,
פּראָפּיל יאַ סוואָיו קאָבילו.
אוי, טרעבאַ זנאַטי יאַק הוליאַטי,
יאַק פּערעד באָגאָם אָטוועטשאַטי,
איבער הונדערט יאָר יאַק אומיראַטי,
אוי־ווי, כעזשבן צעדעק אָטדאַוואַטי.
אַ מי פּיאָם טאַ הוליאַיעם,
וועאַטאָ טישמאַ מין האַשאָמאַיִם.

— דערלאַנג! דערלאַנג, פּיאָדאָר! פֿאַרמאָגסט אַ כסידישע נעשאָמע, דער־לאַנג! — שרײַט מען פֿון אַלע זײַטן. און פּיאָדאָר לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן:

עך, טי כאַוואַ, נאַשאַ מאַטי,
טשאָם טי יעלאַ ז׳אייץ־האַדאָס?
יעסליב נע יעלאַ ז׳אייץ־האַדאָס,
טאָ ניע בילאָ בי סמערטי נאַ נאַס.

געענדיקט מיט כאַוועס, פֿאַרגלאָצט פּיאָדאָר די אויגן, קלאַפּט צו מיט די פֿינגער, ווי אַן עכטער כאָסיד, און בעט דעם טאַטן אַווראָם, ער זאָל זיך אָנעמען פֿאַר זײַנע קינדער:

אַווראָם אָווינו, באַטקאָ נאַש,
טשאָם טי ניע כאָדיש,
טשאָם טי ניע פּראָסיש, —
טשאָם טי ניע מאָליש
באָגאַ זאַ נאַס?
מאָזשע נאַס וויפּראָסיטי,
מאָזשע נאַס ווימאָליטי,

מאָזשע נאס וויפלאקאטי,
נאשו כאטקו פּאָטשיניאטי,
נאשו דאָליו פּאָפּראָוווליאטי!

עלישע און עזרע זײַנען גוואלדיק צופרידן פונעם מארקטאָג. אזא טאָג פון שעפע האָט קיין איין יארידניק ניט געהאט. עפּעס א קלייניקײַט — אזויפיל הערן און אזויפיל זען!..

— זייער גוט, וואָס מײַן טאטע איז ניט קיין קרעמער, — פירט אונטער עזרע דעם סאכאקל פונעם הײַנטיקן טאָג.

— דו ביסט גערעכט, — האלט אונטער עלישע עזרען, — ס'איז זייער גוט, וואָס דײַן טאטע איז א קלעזמער און מײַן טאטע א שניצער.

— ווען דו וואָלסט געהערט, ווי מײַן טאטע שפּילט...

— ווען דו וואָלסט געזען, ווי מײַן טאטע שניצט... אלץ אין דער וועלט שניצט ער אויס, אלץ איז ווי לעבעדיק, און ווי לעבעדיקע זאכן האָט ער עס ליב.

בארימענדיק זיך מיט די טאטעס, גייען זיי אוועק ווײַט־ווײַט פון מארק, זיי קומען צום טײַך און דאָרט רוען זיי זיך אָפּ.

עלישע, וואָס ווייסט אלץ אין דער וועלט, דערציילט עזרען, זיצנדיק מיט אים באם ברעג טײַך, די געשיכטע פון בערדיטשעוו.

...געווען איז אמאָל איינער א גאזלען מיטן נאָמען בערדיטש. בערדיטש איז פאר זײַן לעבן אויסגעוועזן די געדיכטסטע און גרעסטע וועלדער פון דער וועלט. ווען ער האָט אָפּ זײַן וועג באגעגנט, האָט ער בארויבט, און ווער עס האָט זיך אים קעגנגעשטעלט, האָט ער געהארגעט גלײַך אפן אָרט.

מיט דער צײַט האָט ער אָנגעזאמלט אזויפיל גוטס, אז ער האָט ניט גע־ וווסט ווו עס אהינצוטאָן. אָף דער עלטער איז בערדיטשן נימעס געוואָרן זײַן גאזלאָניש לעבן — אז ווו געטאָגט, איז ניט גענעכטיקט. רופט ער צו־ נויף אלע גאזלאָנים זײַנע, געזעגנט זיך מיט זיי, דאנקט זיי פאר זייער געטרײַשאפט און באפוילט זיי מיט די העק אראָפּנעמען איינער דעם צווייטן די קעפּ.

די גאזלאָנים, וואָס האָבן זייער גאנץ לעבן געפאָלגט בערדיטשן, האָבן איצט צום לעצטן מאָל אים אויך געפאָלגט. בערדיטש איז איינער אליין געקומען אף אָט דער ערד און זיך אויסגעבויט א כוטאָר. און אזויווי ער האָט זיך געפילט שטארק זינדיק, האָט ער אויסגעבויט א קלויסטער, צו־ נויפגעזאמלט א סאך גאלאָכים און זיי באפוילן טאָג ווי נאכט טפילע טאָן פאר זײַן זינדיקער נעשאָמע. און אז ער וועט שטארבן, זאָל מען אים באַ־ גראָבן אין קלויסטער. זײַן צוואָע איז אויסגעפילט געוואָרן. די גאלאָ־ כים האָבן אים אפילע דערקלערט פאר א הייליקן, און פון דער גאנצער געגנט ארום פלעגן קומען אהער פויערים אף באָגאָמאָליע זיך בוקן און טפילע טאָן אף זײַן קייווער. עס זײַנען געקומען אהער ייִדן באלמעלאָכעס, שוסטער, שנײַדער, סטאָליערס און שמידן, עס זײַנען געקומען אהער הענד־ לער, וואָס האָבן אויסגעבויט שאָפּעס, אײַנפאָר־הײַזער, קלייטן, און ס'איז געוואָרן א שטאָט פון פּארנאָסע. און דערפאר האָט מען די שטאָט אָנגע־ רופן בערדיטשעוו, נאָכן נאָמען פונעם גאזלען און „הייליקן" בערדיטש.

עזרע צעלאכט זיך פון דעם „הייליקן", מיט וועלכן ס'האָבן געהאנדלט די גאלאָכים און די קרעמער. אים קומען אפן זינען א סאך ייִדישע צאדי־קים, וועלכע זייער ליפּאָוועצער שאָכן ארעלע מיאטעזשניק פלעגט שטענ־דיק אויסלאכן און מאכן צונישט.

— ווײַ, ווײַ, וויפל הייליקע ס'זײַנען פאראן! יעדער קלויז דאָ אין בערדיטשעוו טראָגט דעם נאָמען פון א הייליקן. — און עזרע הייבט אָן גיך־גיך רעכענען אף די פינגער: — סאדיגערער, טשערנאָבילער, קאָראָ־סטישעווער, מאקאראָווער, טאלנער, טשערקאסער, טריסקער, סקווירער, רעזשישטשעווער, נאכמיסטריווקער, זינקיווער, אסטרער, בראסלעווער, קאָצקער און נאָך און נאָך...

מיט אָט די געדאנקען כאפּן זיך ביידע כאווײרים ארײַן אין דער אל־טער שול. ס'איז געווען פונקט מינכע־צײַט.

אין שול טראָגט זיך פונעם אָמעד א ווײנענדיק, בעטנדיק קאָל: „סלח לנו אבינו כי חטאנו, מחל לנו כי פשענו" (זײַ אונדז מויכל, פאָטער, ווײַל מיר האָבן געזינדיקט).

און דער געציילטער מיניען פאָטאקעוועט — אָמיין!

נאָר עזרע איז געקומען איצט אהער ניט הערן, נאָר זען. ער פארײַסט די אויגן אין דער הייך און ווייסט ניט, וווהין פריִער קוקן. אז אלץ — דער אָמעד, די בימע, די ווענט, די סטעליע, אלץ איז דאָ באמאָלט און באצירט, אז ס'פארכאפּט דאָס אויג.

אָט איז דער בארג סינײַ — א ווילדער, גרויסער הויכער בארג מיט ארויסשטארצנדיקע פעלדזן און מיט א סאך צעוואָרפענע און צעשאָטענע שטיינער. אפן שפּיץ בארג שטייט מוישע ראבייני מיט די לוכעס. און אָט זײַנען אווראָם, ייִצכאָק, יאנקעוו — אלץ באקאנטע פארשוינען פון כומעש. זיי שטייען אלע אזוי ווי לעבעדיק אויסגעמאָלט, און עזרען הייבט זיך אָן דוכטן, אז ער פילט, וואָס זיי טראכטן, ער הערט, וואָס זיי ריידן.

אָט דער, וואָס האָט עס אלץ אָנגעמאָלט, דארף זײַן א מין פעדאָצער. צו אים קומט מען אויך מיסטאם פון דער גאנצער וועלט זיך לערנען מאָלן.

עזרעס אויגן פארקוקן זיך אף די צוועלף מאזאָלעס, און אין קאָפּ הערט זיך בא אים ניט אויף צו ראנגלען א געדאנק וועגן דעם, וואָס איז שטאר־קער — מוזיק צי מאָלערײַ? ער ווערט פול מיט שטאָלץ פאר די אלע, וואָס שפּילן, זינגען, מאָלן און שניצן. די וועלט, די גאנצע וועלט, איז בא זיי אין די הענט — דער הימל, די ערד, די זון, די שטערן, דער מענטש, די יאמען, די טײַכן — אלץ.

פלוצעם גיט עזרען א קלונג אין די אויערן איטשע דעם רעבנס שטים: „מע טאָר אף דעם ניט קוקן, מע טאָר פון דעם ניט האנאָע האָבן".

— פארוואָס?! — פרעגט עזרע בא עלישען. — פארוואָס פלעגט מײַן רעבע איטשע שלאָגן ביז טויט, אז ער פלעגט פאקן עמעצן אָנמאָלן א מענטשעלע? „קיין מענטשעלעך מאָלן טאָר מען ניט, — פלעגט איטשע שרײַען ניט מיט זײַן קאָל. — אין דער טוירע שטייט געשריבן: „לא תעשה לך פסל". מע טאָר ניט מאָלן, ניט שניצן, ניט קנעטן, ניט אויסהאקן קיין מענטשעלעך, ס'איז א שטיק אווידע־זאָרע, די מעקובאָלים האָבן ערשט העט שפּעטער מאטיר געווען פיגורן פון די כײַעס־האקוידעש, און דאָס

נאָר פון דרײַ — לייב, אָדלער און אָקס. מאָלט אָקסן, לייבן, אָדלערס, — פלעגט איטשע זיך בײַזערן און קלאַפּן אין טיש, — נאָר ניט קיין מענטשן, פאַר מענטשן מאָלן וועל איך מאַכן פאַר אויס מענטש". איז דערקלער זשע מיר, עלישע, ווי קומט עס, וואָס דאָ אין דער אלטער שול זײַנען אַנגע־מאָלט אַזויפיל מענטשן?

עלישע כאַפּט אָן עזרען און טוט אים א קערעווע אויס אין דער מיי־רעוו־זײַט.

— וואָס זעסטו? — פרעגט ער אים.

— וואָס הייסט, וואָס זע איך? איך זע אויסגעמאָלט א פידל, א באַס, א קלאַרנעט, א פלייט, א פּויק, קליינע האַנט־פּײַקלעך און טעצעלעך.

— און וואָס איז דאָרטן אונטערגעשריבן?

— ס'איז אונטערגעשריבן „על ערבים בתוכה תלינו כנורותינו", — לייענט עזרע איבער הויך אָף א קאָל.

— הייסט עס, — הייבט ערשט איצט אָן עלישע דערקלערן און ענטפערן עזרען אָף זײַן פראַגע, — הייסט עס, אז דאָרט, אָף די ביימער בא די טײַכן פון באָוול, האָבן די ייִדן אופגעהאַנגען די האַרפּעס, און אויס, אויס שפּילן... און בא דער אלטער שול קומען פאַר אלע כאַסענעס, און פעדאָצער שפּילט מיט זײַן קאַפּעלע. ווער זשע איז שולדיק אין דעם, וואָס מע שפּילט? די קלעזמער. און ווער איז שולדיק אין דעם, וואָס דאָ איז אלץ אזוי באַמאָלט, באַצירט און אויסגעשניצט? די מאָלער, די שניצער. דער קלעזמער, דער מאָלער, דער שניצער ברעכן דעם דין. ייִדן געוווינען זיך צו, און מע האָט פון דעם גרויס האַנאָע.

— מײַן טאַטע, — ציינדט זיך אָן דער לינעצער אלץ מער און מער, — האָט זייער ליב שניצן ביימער. „בא ייִדן, זאָגט ער, איז פאַרבאָטן האַנאָע צו האָבן פון א שיינעם בוים — וויל איך זיי אָט דעם געפּיל אומקערן. מײַן גאַנצע נעשאָמע, מײַן גאַנץ האַרץ לייג איך אַרײַן אין דעם בוים, אז יעדער פאַרמאָרעשכוירעטער ייִד זאָל זיך דערקוויקן, און ברעכנדיק דעם שטרענגן דין, זאָל ער זאָגן: „אך, ווי שיין איז דער בוים!.."

עזרע פאַרקוקט זיך אָף דער בימע, וואָס איז פון אלע פיר זײַטן מיט קינסטלעכע פּרוכט־ביימער פאַרשטעלט.

— דו ביסט גערעכט, עלישע!

זיך נעמענדיק פאַר די הענט, פאַרלאָזן זיי ביידע די שול און מע אײַלט אהיים.

לאַטײַנישע אויסיעס

פעדאָצער דער „נאָטנפּרעסער" האָט אויך געהאַט א שעם פון א גרויסן בעריע אָף לאַטײַנישע אויסיעס.

אייניקע בערדיטשעווער כקירע־לײַט האָבן געהאַלטן אין איין דער־וויַזן, אז סײַ די נאָטן און סײַ די לאַטײַנישע אויסיעס געהערן צו קאַבאָ־לע־לאָשן. פאַלט עס אַרײַן אין די הענט פון א ראָשע, העלפט עס דעם ראָשע ווערן נאָך מער ראָשע ווי ער איז געוועזן ביז איצט, און פאַלט עס

אריַין אין די הענט פון א צאדיק, זיַינען עס שליסלען אף עפענען ניַיע וועלטן

בערדיטשעווער אפּיקאָרסים, וואָס האָבן ליב געהאַט אפילע דאָס וואָרט כאַפּן אין א ליגן, האָבן זיך אויסגעלאַכט און אָפּגעלייקנט די הייליקייַט פון די לאַטיַינישע אויסיעס. זיי האָבן דערוויזן, אז אָט די אויסיעס טויגן בלויז פאַר די דאָקטוירים, אז א פּרעמדע אויג זאָל ניט אַריַינקוקן און ניט זען, אז זיי וויסן גאָרנישט, אז זיי האָבן בלויז עטלעכע שיר־האַמיַילעסן, וועלכע זיי קענען אף אויסווייניק און האַלטן זיי אין איין בײַטן. העלפט ניט דער ערשטער שיר־האַמיַילעס, שריַיבן זיי צו א צווייטן, און ווערט פון דעם צווייטן נאָך ערגער, שריַיבן זיי צו א דריטן, א פערטן, א פינפטן, און אז עס העלפט אלץ ניט, קערן זיי זיך אום אף צוריק און שריַיבן ווידער צו דעם ערשטן שיר־האַמיַילעס. די איינציקע זאַך, אף וואָס עס טויגן די לאַטיַינישע אויסיעס, — האָבן געהאַלטן די בערדיטשעווער אפּיקאָרסים, — איז בלויז אף שריַיבן אדרעסן קיין אמעריקע.

און אזוי שיין שריַיבן אדרעסן, ווי עס האָט געשריבן פּעדאָצער אפּן „אמעריקאַנער לאָשן", האָט אין בערדיטשעוו קיינער ניט געשריבן, אפילע די אַפּטייקערס זיַינען געבליבן הינטערשטעליק לעגאַבע אים.

פּעדאָצער, וואָס האָט קיינמאָל אין זיַין לעבן ניט אָפּגעזאָגט א ניגן אַנטלײַען, א „פרייליעכס" שענקען, האָט אויך קיינעם ניט אָפּגעזאָגט אויס־צאַצקעווען אן אדרעס, אז גאַנץ אמעריקע זאָל עס גיין אָנקוקן אף כידושים.

יעדער אָס פון די לאַטיַינישע אויסיעס איז בא פּעדאָצערן געווען עפּעס א מין באַזונדער שיים־האַמפּוירעש, וואָס פירט אריבער דעם בריוו בעשאָ־לעם אזש ביז אף יענער זײַט אָקעאַן, קומט אָן קיין אמעריקע, קלאַפּט אָן אין דעם אָדער יענעם הויכן אויג־מעלעך־האַבאָשן־מויער, פּאַרשיקערט מיטן רייעך פון דער אַלטער היים, פון דער ערד, אף וועלכער מ׳איז גע־בוירן און אויסגעוואַקסן, גיט זיי איבער א גרוס פון טאַטע־מאַמע, פון ברי־דער און שוועסטער, פון גאַנץ בערדיטשעוו, וואָס ווינטשעוועט דעם שענסטן „אָלרײַט", דעם „אָלרײַט שעבעאָלרײַט"...

די טיר האָט זיך בא פּעדאָצערן ניט צוגעמאַכט. ווו נאָר א פּאָטער, וואָס האָט געהאַט א זון אין אמעריקע, ווו נאָר א מאַמע מיט אויסגעווייַנטע אויגן, און ווו נאָר א יונג וויַיבל, וואָס איז פאַרעלטערט געוואָרן פאַר דער צײַט פון איר מאַנס „אָלרײַט" און „מאַכן א לעבן", איז מען געקומען צו פּעדאָצערן אָן אדרעס שרײַבן.

און ווי דער רעבע, אזוי די טאַלמידים. בערעלע דער טאַלנער און פּײַוור־קע דער סקווערער זיַינען מיט דער צײַט אזוי געניט געוואָרן אין די לאַ־טיַינישע אויסיעס, אז אין בערדיטשעוו האָט מען אָנגעהויבן צוביסלעכווײַז אופהערן מאַטריזעך זײַן פּעדאָצערן און אָנגעהויבן גיין צו זיַינע צוויי אויס־געשפּילטע טאַלמידים, צו בערעלע דעם טאַלנער און פּײַוועקע דעם סקווע־רער.

פון טאָג צו טאָג האָט דער שעם פון די צוויי טאַלמידים געשעמט אלץ מער און מער. די כעוורעלײַט, אז זיי שרײַבן אָן אן אדרעס, קומט אָן דער בריוו קיין אמעריקע, פּונקט ווי דעם אדרעס זאָל אָנשרײַבן ער אליין, פּע־

דאָצער. דאָס איז געווען ניט קיין אויסגעטראַכטע זאַך. די צענדליקער „קיבאַלטי״ מיט די צענדליקער „דעם לעטער באַקומען״ האָבן איידעס געזאָגט וועגן דעם.

בערעלע דער טאַלנער האָט אפילע איינמאָל אַף טשיקאַוועס אָנגעשריבן אַהיים אַ ייִדיש בריוול מיט לאַטייַנישע אויסיעס. האָט מען אין טאַלנע ניט געוווּסט, מיט וואָס מע עסט עס. באַסיע, בערעלעס מאַמע, איז אפילע געווען זיכער, אַז דאָס איז אַ נײַע מאָדע פון נײַע נאָטן אַזעלכע, ניט אַף צו לייענען, נאָר אַף צו שפּילן און זינגען. האָט דאָוויד, דער מאַן אירער, דער „ערשטער פידל״ אין דער טאַלנער קלעזמער־קאַפּעלע, זיך אויסגעלאַכט פון איר:

— נאָטן זײַנען אַזוי ווי די אויסיעס פון דער טוירע, דער אַלעף איז געווען אַן אַלעף און געבליבן אַן אַלעף, און דער בייס וועט זיך אויך קיינמאָל ניט ענדערן, ווי דער גימל מיטן דאַלעד. אָט פּרווו צוגיין צו איוואַן פּעטראָוויטשן, צום אַפּטייקער, ווײַל ווי מיר דוכט, איז עס געשריבן געוואָרן אַף זײַן לאָשן, אַפן רעפוע־לאָשן.

באַסיע האָט געפאָלגט איר דאָווידן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז טאַקע גערעכט געווען.

איוואַן פּעטראָוויטש האָט גענומען לייענען אַף ייִדיש, גלײַך ווי זײַן זיידע און עלטערזיידע זאָלן שטאַמען פון ייִדן.

באַסיע איז געבליבן געפּלעפט און ניט געגלייבט אירע אייגענע אויערן — הייסט עס, אַז ער, איוואַן פּעטראָוויטש, דער אַפּטייקער קען ייִדיש, און זי מיט איר דאָווידן, וואָס האָבן אַ לעבן גערעדט אַף ייִדיש, קענען ניט. אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, ווי אין מאָשיעכס צײַטן...

און טאַלנע האָט מער ניט באַדאַרפט, מ׳האָט געבריײַעט און דערוויזן, אַז בערעלע האָט דערלערנט דאָס לאָשן פון יענע פּאַרבאָרגענע לעשוינעס, וואָס לערנט אויס אין איין אויגנבליק יעדן ניט־ייִדן דאָס ייִדישע לאָשן. מעג ער זײַן אַ רוס, אַן אוקראַאינער, אַ פּאָליאַק, אַ טאָטער, אַ טערק, אַ פראַנצויז, אַן ענגלענדער, נו, פון אַ דײַטש איז שוין אָפּגערעדט — וועלכער דײַטש קען עס ניט קיין ייִדיש און וועלכער ייִד קען עס ניט קיין דײַטש?! מעג יעדער איינער פון די אומעס־האָוילאָם קענען אַלע זיבעציק לעשוינעס, מעג ער יאָ וועלן צי נישט וועלן, וועט ער באַלקאָרכע, פון דער העלער הויט נעמען לייענען ייִדיש.

מיט דער צײַט האָט פּעדאָצער די מערהײַט טעקסטן פון זײַנע נײַע זאַכן גענומען שרײַבן מיט לאַטײַנישע אויסיעס.

— די לאַטײַנישע אויסיעס, — האָט פּעדאָצער דערקלערט, — וועלן איבערגעבן פאַר די אַלע, וואָס פאַרשטייען ניט קיין לאָשנקוידעש און ייִדיש, דעם קלאַנג און ריטם פונעם טעקסט, און דאָס וועט שוין אַף העלפט מיטהעלפן פאַרשטיין דעם טאָך, דעם אינהאַלט פון דער זאַך.

די לאַטײַנישע אויסיעס דאַרפן דינען פאַר אונדז ווי שליסלען אַף צו עפענען די ווונדערלעכע אוצרעס פון דער וועלט־נעגינע, זיי וועלן אונדז העלפן דערנעענטערן צו דעם, וואָס עס זינגען און זאָגן די אומעס־האָוילאָם.

פעדאָצערס טאַלמידים האָבן זיך אַזוי פאַרכאַפּט מיט די לאַטײַנישע אויסיעס, אַז אומבאַמערקט פאַר זיך זײַנען זיי געקומען צום לאַטײַנישן וואָרט, צו דער לאַטײַנישער שורע און צום לאַטײַנישן טעקסט. מ׳האָט געקראָגן לאַטײַניש־רוסישע און רוסיש־לאַטײַנישע ווערטערביכער און געטײַטשט יעדעס וואָרט, יעדע שורע און יעדן אַפּזאַץ, ווי אַמאָל אין כיידער די פּסוקים פון כומעש.

מ׳האָט איבערגעזעצט אַף לאַטײַן טפילעס, שאַבעסדיקע זמירעס און ייִדישע גלײַכווערטלעך. עס האָט זיך באַקומען מאָדנע. נאָר וואָס מאָדנער עס האָט זיך באַקומען, אַלץ מער האָט עס באַגײַסטערט און פאַרכאַפּט די טאַלמידים.

בערדיטשעווער פרומאַקעס האָבן אופגעהויבן אַ גוואַלד און אַף יעדן לאַטײַנישן אָס אָנגעוואָרפן בערג מיט זינד און מיט טײַנעס:

— געװנוג אומגליקן און גזיירעס, איז נאַ דיר נאָך אַ גזיירע, אַ לאַטײַנישע. אַ גזיירע, וואָס גייט פון אינוויייניק, איז אַ סאַך געפערלעכער ווי די גזיירע, וואָס גייט פון דרויסן. אַף דעם טאַקע האָט געוויינט און געקלאָגט דער נאָווי — דײַנע צעשטערער און אומברענגער וועלן פון דיר אַליין אַרויסקומען. אַזאַ זאַך וועט גלאַט ניט אַראָפּגיין! אַזאַ זאַך וועט ניט געשענקט ווערן! די קאָשערסטע ניגונים וועלן איבער די לאַטײַנישע אויסיעס טרייף ווערן. די גאַנצע לופט וועט פול ווערן מיט טאַרפּע, כאָטש ווער דערשטיקט. טאַרפּע! טאַרפּע! עפּעס אַ קלייניקײַט טאַרפּע!

די שאָמרים פונעם ריינעם ניגן און פונעם ריינעם הייליקן וואָרט, אַז קיין צוגווינטן פון דרויסן זאָלן צו זיי ניט צושטיין, האָבן לאַנג זיך געקריגט מיט פעדאָצערן.

אָבער מיט פעדאָצערן איז שווער געווען זיך צו קריגן, ווײַל אויסער נאָטן און אויסער לאַטײַנישע אויסיעס האָט ער אויך גוט געקענט אין די שוואַרצע פינטעלעך.

די לאַטײַן־סאָנים זײַנען איבערגעגאַנגען צו דראָונגען, אַז מ׳וועט אים, פעדאָצערן, צוזאַמען מיט זײַן נעגינע אין כיירעם אַרײַנוואַרפן, און אויס טאַלמידים, און אויס שפּילן אַף ייִדישע כאַסענעס, אויס מעכוטן אַף ייִדישע סימכעס. ער וועט באַצײַטנס מעגן אופהענגען זײַן פידל אַף די ווערבעס פון גבילאָפּיאַטאָוקע און זיך אופנייען אַ טאָרבע אַף גיין איבער די הײַזער...

פעדאָצער איז אָבער געשטאַנען אײַזנפעסט אַף זײַנס און האָט ניט אופגעהערט דערווײַזן מיט שוואַרץ אַף ווײַס, אַז ער טוט ניט אַזוינס, וואָס מ׳טאָר ניט טאָן אַלפּי־דין.

די מאַכלויקעס האָט לאַנג געדויערט, ביז עס האָבן זיך אַרײַנגעמישט לייווי־ייִצכאָק דעם בערדיטשעוורס טאַלמידים און אָנהענגער, וואָס האָבן געהאַט בעקאַבאָלע פון זייער רעבן, אַז דאָס וואָרט, פון וועלכן לאָשן עס זאָל ניט קומען, וויבאַלד עס איז זיך מעשאַדעך מיטן ניגן, ווערט עס הייליק...

בראָדיעצקי, דער קאַפּעלמייסטער פון בערדיטשעווער מיליטערישן אָרקעסטער, איז געווען פעדאָצערס איידעם.

די מוזיקאַנטן פון מיליטערישן אָרקעסטער האָבן פאַרוסישט און פאַר־

מיליטערישט זײַן נאָמען. בערדיטשעווער פּרומאַקעס האָבן בּיכלל ניט געוואָלט וויסן פון זײַן נאָמען. זיי איז ניט געפעלן געוואָרן זײַן צורע, זײַנע וואָנצעס, זײַן אויסגעמושטרירטער גאַנג, זײַנע מיליטערישע קליי־דער — דער מונדיר מיט די פּאַגאָנעס, וואָס האָבן געשראָקן און דערווײַ־טערט פון זיך. זיי האָבן געהאַלטן, אַז ער, דער שײנער אײדעם, פּירט עס אַראָפּ פעדאָצערן פונעם דערעך־האַיאָשער; דאָס האָט ער, און ניט קיין אַנ־דערער, געשמאַדט די ייִדישע אויסיעס. און דערפאַר טאַקע האָט מען אים צווישן די בערדיטשעווער פּרומאַקעס גערופן ניט אַנדערש ווי דער מעשו־מעד, וואָס שמאַדט אָפּ, דער זינדיקער, וואָס מאַכט אויך זינדיקן אַנדערע.

ער האָט אויך געהייסן בּאַ זיי דער „אווידעזאָרעניק״, דער „טרייפענער האַלדז״. דעם טיטל „טרייפענער האַלדז״ האָט ער באַקומען אַדאַנק די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געטראָגן וועגן אים, אַז יעדן יאָמקיפּער דער־גייט זײַן אַפּיקאָרסישער אַפּצולאָכעס אַזוי ווײַט, אַז אומגעוואַשן, אָן אַ היטל און אָן „סעו יעדייכעם״ עסט ער בּאָסער־קוויטש, פּאָרעט זיך אײַן מיט אַ קאַפּאָרע־הינדל, געפּרעגלט אין פּוטער, און פאַרטרינקט מיט מילך.

ייִדן מענאַגנים האָבן אַ גאָר אַנדערע מיינונג געהאַט וועגן בראָדיעצ־קין; זיי האָבן געהאַלטן, אַז ער איז ווערט צו זײַן פעדאָצערס אײדעם, אַז ער געהערט צו יענע מענאַגנים, וואָס שעפּן זייערע קלאַנגען פון דעם מאָ־קער איבער אַלע מעקוירעס — פונעם הייכל האַנועגינע.

באַזונדערס באַליבּט איז בראָדיעצקי געוועזן בּאַ פעדאָצערס טאַלמידים. האָט ווער נאָר פון זיי דערמאָנט דעם מאַעסטראָ, האָט ער דעם טיטל ניט געקענט אַרויסזאָגן אָן דעם וואָרט „אונדזער״ — „אונדזער מאַעסטראָ!״

דער מאַעסטראָ בראָדיעצקי האָט קיינמאָל נישט געזשאַלעוועט קיין צײַט און מי פאַר פעדאָצערס טאַלמידים.

אַף די קלאַווישן פון זײַן ראָיאַל האָט ער זיי ווי אַף שפּאַלעס פון נײַ־אויסגעלייגטע וועגן געפירט פון פאָלק צו פאָלק, פון לאַנד צו לאַנד און פון דאָר צו דאָר.

בראָדיעצקי האָט די טאַלנער, סקווערער, מאַקאַראָווער, טשערנאָבילער, ליפּאָוועצער און לינעצער ייִנגלעך באַפרײַנדעט מיט די ביכער פון זײַן ביבליִאָטעק. ער האָט געהאַלטן, אַז אויב מע וויל קענען דאָס שאַפן פון דעם אָדער יענעם קאָמפּאָזיטאָר, דאַרף מען פריִער פון אַלץ קענען זײַן לעבן, גיין צו אים אין לאַנד אַרײַן.

דערבײַ פלעגט בראָדיעצקי קיינמאָל ניט פאַרגעסן איבערצוכאַזערן און אָנזאָגן, אַז מ׳זאָל זײַן זייער און זייער פּאָרזיכטיק מיט די ביכער פון זײַן ביבליִאָטעק, וועלכע ער פאַרטרויט זיי. באַם איבערמישן אַ בלעטל באַדאַרף מען זען, אַז די פינגער זאָלן זײַן ריין, און זאָל גאָט אָפּהיטן צו פאַרבייגן אַ בלעטל אַלס סימען; דאָס איז דער גרעסטער אומקאָוועד פאַר דעם, וואָס האָט געשריבן דעם סייפער, פאַר דעם, וועגן וועמען דער סייפער איז גע־שריבן געוואָרן, און פאַר דעם, צו וועמען דער סייפער געהערט.

אַ לייענער, וואָס האָט ניט קיין אָפּשײַ פאַר אַ בוך, איז אַלציינס, ווי ער זאָל קיין אָפּשײַ ניט האָבן פאַר קיין מענטשן. אַזאַ מענטש איז גאָר קיין מענטש ניט!

א באַזונדער פאַרגעניגן פלעגט פאַרשאַפן די דאָרשטיקע און פאַרליבטע יינגלעך, ווען דער שווער פלעגט זיך צונויפקומען צוזאַמען מיטן איידעם.

בראָדיעצקי האָט געפּרוווט אָפּרײַסן די שטעטלשע יינגלעך פון זייער שטאָם, זיי פירן גלײַך אין דער וועלט אַרײַן. און פעדאָצער האָט זיך קעגנגעשטעלט:

— צו דער וועלט גייט מען פון זיך! איז דער „איך" נישטאָ, דרייט מען זיך אַרום אין דער גרויסער וועלט אַזוי ווי אַ פרעמדער, אַן איבעריקער, מ'קומט נישט ווי אַ מעכוטן, נאָר ווי אַ בעטלער צום אָרעם־טיש.

דורך דער יידישער מעלאָדיק צו דער וועלט־מעלאָדיק! און נאָר דאַן וועלן די שטעטלשע יינגלעך זיכער גיין פון דער אייגענער טעמע צו דער טעמע פון פאַרשיידענע פעלקער, ווי מ'גייט פון צימער צו צימער אינעם אייגענעם הויז, וווּ אַלץ איז נאָענט, וווּ אַלץ איז ליב און טײַער.

— נישטאָ אויף דער וועלט אַזאַ מענטש, — האָט פעדאָצער געהאַלטן, — ער זאָל זײַן אַליין ווי אַ בוים אינמיטן פעלד. יעדער מענטש איז ווי אַ בוים אין וואַלד — אַ בוים צווישן ביימער.

אַזוי איז אויך דער ניגון...

נאָך לאַנגע כלוקעדייעס האָט דער שווער איבערצײַגט דעם איידעם.

בראָדיעצקי לייענט זײַנע לעקציעס, זיצנדיק באַם ראָיאַל, און ווען דאָס וואָרט איז שוין מער ניט אימשטאַנד איבערצוגעבן די אשירעסן פון דער וועלט, קומען צוהילף די פינגער, די קלאַווישן, די קלאַנגען, יעדער קער און ווענד פונעם קערפּער, ווען אַלע ביינער זאָגן, ווען אַלע ביינער דערציילן, שפּילן און זינגען.

...דזשאָאַקינאָ ראָסיני... דער קאָמפּאָזיטאָר פון דער זוניק־זינגעוודיקער איטאַליע. דער ראָיאַל איז פאַרפלייצט מיט קלאַנגען, פאַרפלייצט מיט פאַרבן. עס גלייבט זיך ניט, אַז דאָס שפּילט איין ראָיאַל. עס שפּילט, דוכט זיך, דאָ, אין בראָדיעצקיס זאַל, אַ מעכטיקער אָרקעסטער.

„מוישע" הייסט די אָפּערע. אַ געוויש, אַ געיעג פון רײַטער און פערד. וועט זיך ניט אײַנגעבן אומקערן אויף צוריק די צעבונטעוועטע קנעכט, וועלן זיי זיי פאַרטרײַבן אין יאַם. די קנעכט ווילן ניט איבער זיך קיין האַר און געוועלטיקער, איז זאָל איבער זיי געוועלטיקן דער טויט און זאָלן זיי זייער רו געפינען אין די טיפע אָפּגרונטן פון יאַם.

בראָדיעצקיס פינגער טוען טפילע, אַז קיין בייז זאָל ניט געשען, אַז די פרײַהײַט זאָל ניט געשמידט ווערן אין קייטן.

פעדאָצערס און בראָדיעצקיס טאַלמידים ציטערן אויף, גלײַך ווי מ'זאָל זיך נאָך זיי יאָגן, גלײַך ווי אָט־אָט און זיי פאַלן אַרײַן אין די הענט פונעם סוינע.

נאָר אָט האָט מיטאַמאָל אַ בליץ געגעבן און אופגעדונערט דאָס געזאַנג פון די באַפרײַטע.

פון גליק בלײַבן די טאַלמידים ווי געפּלעפטע. ווען די נעשאָמעס צעזינגען זיך טיף אינווייניק, שווײַגט דאָס וואָרט.

בראָדיעצקי גייט צו צו דעם ביכער־שראַנק, נעמט אַרויס באַלזאַקס אַ בוך, מישט אויף אַ בלעטל און ווײַזט אָן בערעלע טאַלנער, דעם בעסטן פּאַרלייענער, אָן אַרט אַף איבערצולייענען הויך אַף אַ קאָל, אַז אַלע זאָלן הערן:

„...ווען איך האָב געהערט אין ראָסיניס אָפּערע „מוישע" די טפילע פון די נאַרוואַס באַפרײַטע יידן, האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך בין בײַגעוועזן בא דער באַפרײַונג פון איטאַליע".

— וואָס זשע הייסט עס? וואָס זשע באַטײַט עס? — פרעגט און ענטפערט זיך גלײַך אַליין בראָדיעצקי. — דאָס הייסט און דאָס באַטײַט, אַז אין דער באַפרײַונג פון דער מיצרישער קנעכטשאַפט קאָן מען אופנעמען און דער־פילן די באַפרײַונג פון יעדן פאָלק.

דזשאָאַקינאָ ראָסיני ווערט פאַר פעדאַצערס און בראָדיעצקיס טאַלמי־דים אַזוי נאָענט, גלײַך ווי ער זאָל שטאַמען פון זייערע קאַנטן, גלײַך ווי ער זאָל זײַן אין איינע יאָרן מיט זיי, און גלײַך ווי ער זאָל האָבן צוזאַמען מיט זיי אין איין כיידער, בא איין רעבן, פון איינעם און דעם זעלבן כו־מעש געלערנט די סעדרע פון יעציִאַס־מיצראַיִם.

אַ צווייטע לעקציע — וועגן מאָצאַרטן.

„...נאָך גאָר אַ יונגיטשקער קומט מאָצאַרט קיין לאָנדאָן און אין לאָנ־דאָן דערהערט ער צום ערשטן מאָל געאָרג פרידריך הענדעלס אָראַטאָריעס „עסטער", „יעהודע האַמאַקאַבי" און „שאָול".

די דראַמאַטישע טראַגעדיעס האָבן דערשיטערט מאָצאַרטן. מאָצאַרט באַוווּנדערט די מוזיק פון הענדעלן, וואָס האָט מיט אַזויפיל וואָרהאַפטי־קײַט און אופריכטיקער ליבע איבערגעגעבן אָט די געשיכטעס".

די טאַלמידים כאַפּן אויף יעדן זוניקן שטראַל, און די קאָנספּעקטן ווערן אַלץ פולער און פולער.

סען־סאַנס ווערט אַזוי צונויפגעוואַקסן מיט זײַן אָפּערע „שימשן און דלילע", אַז די טאַלמידים שטעלן זיך גאָר ניט פאָר, ווי האָט געקאָנט אין טאַנאַך דערציילט ווערן די געשיכטע פון שימשן און דלילע אָן סען־סאַנסן.

עס איז אַ סאַך גערעדט געוואָרן און עס איז אַ סאַך אַרײַנגעשריבן גע־וואָרן אין די קאָנספּעקטן וועגן אַנטאָן רובינשטיינס „מאַקאַבייער", וועגן אַלעקסאַנדער סעראָווס „יעהודיס", וועגן גלינקאַס יידישער מעלאָדיק אין דעם ליד פון פירשט כאָלמסקי צו ראָכלען, מוסאָרגסקיס „יעהוישוע בין נון" און זײַנע „בילדלעך פון דער אויסשטעלונג".

די טאַלמידים זײַנען אַף מוסאָרגסקיס זײַט. זיי האָבן באַגלײַך מיט אים פײַנט דעם אָנגעפּרעסענעם, זעלבסטצופרידענעם יידישן נאָגיד, וואָס וויל ניט אויסהערן דעם אָרעמען און אומגליקלעכן, וועלכער באַווײַנט זײַן לעבן און שעלט זײַן גוירל.

די טאַלמידים זײַנען אַף מוסאָרגסקיס זײַט, ווען ער וואָרנט, אַז גיין איבער פרעמדע גערטענער הייסט אין קיין פאַל ניט פאַרלאָזן דעם אייגע־נעם גאָרטן.

ווער עס וויל דינען זײַן פאָלק און אַרײַנברענגען זײַן כיילעק אין דער וועלט־מוזיק, טאָר קיינמאָל ניט גיין פאַרבײַ די לויטערע, פרישע פאָלקס־קוואַלן.

פעדאָצער איז גערעכט: ניט קיין בוים אינמיטן פעלד איז דער קאָמ־פּאָזיטאָר, נאָר א בוים אין וואלד — א בוים צווישן ביימער.

יעדער קאָמפּאָזיטאָר איז אין דער מיט פון א סאך קאָמפּאָזיטאָרן, פון זײַנע פאָרגייער, מיטגייער און נאָכגייער, פון זײַנע לערער און טאלמידים. ער איז אין דער מיט צווישן ארטיסטן, זינגער און מוזיקער, דיריגענטן, שרײַבער, מאָלער, געלערנטע און פארערער. ער איז אין דער מיט צווישן פרוי און קינד, צווישן פאָטער און מוטער, כאווירים און פרײַנט און גלאט באקאנטע. איין וועלט עפנט אוף א וועלט מיט וועלטן...

ניט ווייניקער ווי פעדאָצער האָט געווירקט אף בראָדיעצקין, האָט בראָ־דיעצקי געווירקט אף פעדאָצערן.

ביידע האָבן זיי געלערנט זייערע טאלמידים: פונקט ווי דער געליבטער צעשיידט זיך ניט אף קיין רעגע מיט זײַן ליבע, אזוי טאָר דער עמעסער מענאגן אף קיין רעגע זיך ניט צעשיידן מיט דער נעגינע.

ראָבערט שומאן האָט קיינמאָל צורו נישט געלאָזט זײַנע פינגער. האָט ער געשפאצירט אָדער ער איז אין וועג געווען, האָט ער שטענדיק געהאט מיט זיך א שטומען קלאוויאטאָר, פון וועלכן ער האָט געוועקט און געשעפּט די קלאנגען, וואָס האָבן נאָך געדרעמלט טיף אינעווייניק אין אים.

ראָבערט שומאן האָט געזאָגט: שטענדיק, ווען דער שפּילער שפּילט פאר זיך אליין, דארף ער אזוי שפּילן, ווי זײַן רעבע זאָל זײַן דערבײַ, ווי ס'זאָל אים הערן א גרויסער אוילעם.

און ווידער האָט ער געזאָגט: ניט יעדער קלאנג איז א געזאנג, פונקט ווי ניט יעדער זאנג איז א זאנג. וואָס איז אן אויסגעהוילטער ליידיקער זאנג? — גאָרנישט מיט גאָרנישט. אזוי איז אויך דער פוסטער קלאנג.

און דעריבער דארף מען שטענדיק אָפּקלײַבן, שטענדיק קאָנען אויסגע־פינען דאָס זאפטיקע קערנדל... די אייביקײַט וואָלט ניט געסטײַעט, ווען דער מענטש וואָלט ניט אָפּגעקליבן, וואָלט גענומען אלץ, וואָס עס פאקט זיך, אין האנט ארײַן, אלץ, וואָס דערגייט צום אויער.

די „אָמארס" האָבן זיך פון מאָל צו מאָל אלץ מער אויסגעמישט בא פעדאָצערן מיטן „אזוי זאָגט". אזוי זאָגט בעטהאָווען, אזוי זאָגט מאָצארט, אזוי זאָגט גלינקא, אזוי זאָגט טשײַקאָווסקי.

און האָט פעדאָצער גערעדט וועגן דעם גוירל פונעם עכטן קינסטלער, האָט ווי אן אָרקעסטער א שפּיל געטאָן בא אים דער שוידער פון גוירא־לעס, וואָס איז באשערט געווען די גרעסטע מענאגנים פון דער וועלט.

...בא צוויי און פערציק יאָר האָט מוסאָרגסקי אויסגעזען ווי א זאָקן!

א געפּערלעך קראנקער, איז ער אין שפּיטאָל געווען פארעכנט אלס דענשטשיק פון איינעם אן אָרדינאטאָר. אלס קאָמפּאָזיטאָר האָט ער אף דעם קיין רעכט ניט געהאט.

— ...איינמאָל פארנאכט — דערציילט ראָבערט שומאן — בין איך אוועק אפן לײַפּציקער בעסוילעם אָפּזוכן דאָרט דאָס רו־אָרט פון איינעם א גרויסן...

א סאך שאָען בין איך דאָרט ארומגעגאנגען, איך בין דורכגעגאנגען דעם בעסוילעם אין דער לענג און אין דער ברייט און אין ערגעץ ניט גע־פונען די אופשריפט י. ס. באך. און ווען כ'האָב באם קוואָרעסמאן געפרעגט

וועגן דעם, האָט ער א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אף מײַן מענטשלעכן אומ־וויסן און באמערקט דערבײַ:

— באכס זײַנען פאראן א סאך...

די בערדיטשעווער פרומאקעס האָבן פאריבל געהאט אף פעדאָצערן, האלעמײַ ער האָט זיך געלאָזט אײַנרעדן פון זײַן איידעם בראָדיעצקי און איז צוזאמען מיט אים, צוזאמען מיט זײַנע בעסטע טאלמידים געפאָרן קיין זשיטאָמיר באזוכן די בעטהאָווען־קאָנצערטן פון קיִעווער סימפאָנישן אָר־קעסטער.

מיילע ער, בראָדיעצקי, אף אים איז עס צו גלייבן, זײַנע גלאנציקע קנעפּ פון די מיליטער־קליידער באלײַכטן אים דעם וועג צו דעם. נאָר ער, אזא פרומער ייִד, ווי פעדאָצער, ווי קומט עס צו אים, ער זאָל זיך לאָזן פארפירן פונעם סאָטן, זיצן מיט א יארמלקע אפן קאָפּ צווישן אנטבלויזטע ווײַבערשע הענט און ווײַבערשע האלדז־און־נאקנס און הערן די נעגינע פון איינעם א דײַטש עפּעס א בעטהאָווען, ווען ס'איז פריילעך, גוט אפן הארצן, ווייסט ניט פון קיין דײַגעס, פון קיין צאָרעס און פון קיין גאָלעס...

— וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר! — האָט פעדאָצער גוטמוטיק אָפּ־געענטפערט די אופגעבראכטע בערדיטשעווער פרומאקעס. — וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר! דער בעטהאָווען איז איינער פון די גרעסטע צאדי־קים אין דער וועלט. נאָר אזא גרויסער צאדיק, ווי בעטהאָווען, האָט גע־קאָנט דערגרייכן צום העכסטן הייכל פון נעגינע און פון גאָט אליין באקו־מען די שענסטע מאטאָנע — דעם ניגן פון אלע נעגינים, וואָס איז טויזנטער יאָרן געלעגן אונטערן קיסײ־האקאָוועד און געוואַרט אפן גרויסן מענאגן. וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר! צען שטורעמס זײַנען געגעבן געוואָרן דער וועלט, האָט ער, אָט דער בעטהאָווען, פאר זיך אליין גענומען נײַן שטורעמס און פאר דער גאנצער וועלט איבערגעלאָזט בלויז איין שטורעם.

א סאך שאבעסצונאכטסן האָט פעדאָצער געווידמעט לעקאָוועד בעטהאָ־ווענס נײַנטער סימפאָניע.

— נײַן מאָל נײַן, — האָבן פעדאָצערס טאלמידים געשפּאסט און גע־רעדט. — נײַן מאָל נײַן איז באטראכט געוואָרן און גערעדט געוואָרן וועגן דער נײַנטער סימפאָניע.

פעדאָצער איז געווען אזוי פארכאפּט פון דער נײַנטער סימפאָניע, אז ער האָט צורו נישט געלאָזט זײַן איידעם בראָדיעצקי און געבעטן אים נאָכאמאָל און ווידעראמאָל איבערכאזערן אפן ראָיאל אָט די ווונדערלע־כע סימפאָניע, וואָס איז פול מיט מוירעדיקן שטורעם און מיט דער שטיל־קײַט, וואָס זאָגט אָן א נאָך גרעסערן שטורעם.

— שפּילן! שפּילן! — פלעגט פעדאָצער זיך בעטן בא זײַן איידעם. — אין דער נײַנטער איז ניט בלויז דאָס געזאנג פון ברייִשיס, פון נעכטן, נאָר דער איקער פון מאָרגן, דאָס געזאנג פון וועהאָיאָ באיום האהו — און עס וועט זײַן אין יענעם טאָג! און עס וועט זײַן און זײַן...

אין איינעם פון די שאבעסצונאכטסן האָט פעדאָצער אויסגעטײַטשט

פאר זײַנע טאַלמידים בעטהאָווענס אַרויסזאָגונגען וועגן דער ייִדישער נע־גינע.

„צוליב דער אָראַטאָריע „שאָול", — האָט בעטהאָווען געשריבן זײַנע פרײַנט, — האָב איך גרינטלעך דורכגעשטודירט די ייִדישע מוזיק. איך בין געגאַנגען אַראָפּ פון טרעפּ צו טרעפּ און זיך אַראָפּגעלאָזט אין די סאַמע טיפענישן, און איך בין איבעראַשט געוואָרן פון דער רײַכקײַט פון די פּלאַסטן, וואָס ליגן איינס אויפן צווייטן. אויצרעס אויף אויצרעס! קום און נעם! אָט דאָס מענטשלעכע געזאַנג האָט ניט פון הימל אויף דער ערד אַראָפּגע־נידערט, נאָר פאַרקערט, פון דער ערד האָט זיך עס דערהויבן ביז צו די הימלען".

— ריכטיק! ריכטיק! — האָט פּעדאַצער דאָ אויסגעפונען דאָס אָרט און די מעגלעכקײַט אויסצודריקן זײַן אייגענע מיינונג, זאָגן זײַן אייגן וואָרט וועגן דער ייִדישער נעגינע. — ריכטיק! ריכטיק!

דוירעס האָבן אַרײַנגעזונגען און אַרויסגעזונגען פון אונדז און דערפאַר זײַנען מיר געוואָרן אַן אַם־האַנעגינע — אַ פאָלק פון נעגינע!

מישט אויף די ערשטע בלעטלעך פון אונדזער געשיכטע, און איר וועט זען און וועט הערן אויף טריט און שריט, ווי עס זינגט און שפּילט.

יוואָל, וועמענס ייִכעס־בריוו האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן אַזש פון אָדאָם־האָרישן, האָט שוין געהאַט צו טאָן מיט נעגינע, ער ווערט פאַרעכנט פאַרן פאָטער פון די ערשטע שפּיל־אינסטרומענטן.

מיריעם די נעוויִע פּויקט... אין מידבער פײַפט מען אויף פײַפלען. איז יאָמטעוו, שאַלט מען, בלאָזט מען אין די שויפרעס, איז אַ מילכאָמע, אַליאַרמירט מען אין די טרומייטן.

לעבט דער ניגן, שטאַרבט נישט דאָס פאָלק.

אהיים

ס'איז נאָך געווען שטאַרק פרי, ווען עזרע האָט פּלוצעם, ליגנדיק אויפן געלעגער, דערהערט שויעל דעם לאַנגנס שטים, וואָס האָט זיך אין דער פרימאָרגנדיקער שטילקײַט הילכיק געטראָגן פון קיך גלײַך אהער אין אַל־קער.

— ווי קאָן מען דאָ באַ אײַך זען דעם ליפּאָוועצער, עזרע שלוימע דעם קלעזמערס ייִנגל?

— ער שלאָפט, — זאָגט די באַלעבאָסטע, — נאָר אויב איר דאַרפט אים נייטיק האָבן, קאָן איך אים אופוועקן.

— ניין, ניין, מע דאַרף אים ניט וועקן, זאָל ער שלאָפן, איך וועל צו־וואַרטן אויף אים. וואָס מאַכט ער?

— וואָס זאָל ער מאַכן, ער איז קיין אײַנהאָרע געזונט ווי אַ מויער, האָט אַ שטאַרקן אַפּעטיט, ס'זאָל ניט זײַן איבערגערעדט.

די באַלעבאָסטע הערט ניט אויף רימען אירע קעסט:

— אַזוינע קעסט, ווי באַ מיר, איז אין דער וועלט ניט צו קריגן, אַ מאַ־מע איר קינד קאָן ניט זײַן אַזוי געטרײַ, ווי איך בין געטרײַ מײַנע קעסט־ניקעס.

עזרע הייבט אָן אזש ציטערן פון פרייד. שויעל דעם לאנגנס שטים האָט מיט זיך מיטגעבראכט די היים זײַנע, מיט וועלכער ער איז שוין אזוי לאנג צעשיידט. אלע, דוכט זיך אים, זײַנען זיי געקומען אהער, אלע ווארטן זיי אין קיך, ער זאָל ארויסגיין צו זיי. אָט באלד וועט אָנהייבן ריידן דער טאַטע, די מאמע, לייבל...

— עלישע! עלישע! שטיי אוף! שטיי אוף! — נעמט אים עזרע וועקן מיט אזא אימפעט, גלײַך ווי מע וועקט איינעם, וואָס איז געקומען צו דער סטאנציע, ווו ער דארף אראָפּשטײַגן, און טאָמער וועקט מען אים באלד ניט אוף, פארשפעטיקט ער און פארפאָרט ווײַטער.

עזרע מיט עלישען ציִען גיך ארוף אף זיך די הויזן, און באָרוועסע לויפן זיי ארײַן אין קיך. איידער עזרע באוויַזט עפעס זאָגן, איז ער שוין בא שויעלן אין די הענט.

— איך דערקען דיך ניט, ביסט געוואָרן א גרויסער... אָט אף אזויפיל־אָ, — מעסט אים שויעל אויס מיט די פינגער און באלד שטעלט ער אים אוועק לעם זיך. — סמירנאָ! דעם קאָפּ אין דער הייך! — גיט שויעל א קאָמאנדע. — עזרע הייבט זיך אף די שפיץ פינגער פון די פיס, און שויעל ציט אים אונטער פארן אויער. — אָט־אָט נאָך א ביסעלע, דערלאנגסטו מײַן הייך, אָט־אָט נאָך א ביסעלע, וואקסטו מיך אריבער.

עזרע שרײַט:

— אוי, אוי, לאָזט אָפּ, ס'טוט וויי! וואָס מאכט די מאמע? וואָס מאכט דער טאטע? — און מער ווי די עטלעכע געציילטע ווערטער קאָן עזרע ניט פרעגן.

וואָס איז דאָס מיט אים? ערשט נעכטן, דוכט זיך, האָט ער געטראכט, אז ווען ער זאָל באגעגענען א באקאנטן פון ליפּאָוועץ, וואָלט ער אים פארשאָטן מיט הונדערטער פראגן. א מאָדנע זאך, — טראכט עזרע, — איין הייי־מישער מענטש, און די אלע פראגן, וואָס מאטערן אים אלע טאָג, זײַנען מיטאמאָל פארשוווּנדן.

— שויעלקע, איך וועל אײַך פירן צו אײַער טאָכטער, איך ווייס גוט די גאס, איר וועט זיך אָנקוקן כידושים... — האלט עזרע אין איין בארימען זיך מיט בערדיטשעוו.

— וויבאלד דו ביסט אזא וויל יינגל, איז נא דיר, — בינדט שויעל פאַנאנדער דעם זאק און דערלאנגט עזרען א פעקל, וואָס די מאמע האָט אים געשיקט.

עזרע גיט א נעם דאָס פעקל אין האנט, באטאפּט עס און באשמעקט עס פון אלע זײַטן און קוויקט זיך מיטן היימישן רייעך, מיט די רייכעס פון זייער הויף, פון זייער גאס, פון גאנץ ליפּאָוועץ.

די דרײַ טעג, וואָס שויעל האָט פארבראכט אין בערדיטשעוו, זײַנען פאר עזרען געוועזן דרײַ יאָמטעוודיקע טעג. עזרען האָט זיך שטארק געוואָלט, אז די צײַט זאָל זיך ציִען און ציִען. באם לייגן זיך שלאָפן, באם לערנען זיך האָט ער אלץ געטראכט וועגן די גוטע באטאָגיקע שאָען, וואָס ער באגעגנט זיך מיט שויעלן.

עזרע האָט אויסגעפירט שויעלן, ווו די שטאָט האָט אן עק. פון אלץ, וואָס שויעלן פלעגט געפעלן ווערן, און פון אלץ, פון וואָס שויעל פלעגט

כאפּן היספּײַלעס, פּלעגט עזרען צוקומען א שטיק געזונט. א סאך זאכן אין בערדיטשעוו, וואָס עזרע האָט אליין פון זיי ניט געהאלטן, האָט ער פאר שויעלן פארלויבט. אים האָט זיך געוואָלט, אז שויעל זאָל פון בערדיטשעוו אוועקפאָרן א צופרידענער. זאָל ער אין ליפּאָוועץ דערציילן וועגן בערדי־טשעוו, וועט דער טאטע און די מאמע אָנקוועלן.

ווען שויעל האָט געזען, ווי פעדאָצער לערנט מיט זײַנע טאַלמידים, האָט ער אין מעשעך פון עטלעכע שאָ ניט געקאָנט קומען צו־זיך און גע־האלטן אין איין ריידן וועגן אים: „פעדאָצער — דאָס איז אונדזער קלעז־מערישער רעבע. הערן זײַנע רייד, זײַנע זאָגעכצן, איז לוינט גיין צופוס הונדערטער ווערסט — אײַ, בין איך דיר מעקאַנע, עזרינקע!"

עזרע האָט נאָך געגומען גיסן בוימל אפן פײַער. אלץ, אלץ, וואָס ער האָט געהערט וועגן גרויסע מענטשן אין דער וועלט, האָט ער עס אוועקגע־שענקט פעדאָצערן. זאָל ליפּאָוועץ וויסן, וואָס פאר א פעדאָצער דאָס איז...

די לעצטע עטלעכע שאָ פאר שויעלס אוועקפאָרן האָט עזרע באוויזן, וואָס ער קען. דאָס איז געווען אי א הארציקע געזעגעניש, אי א גרוס אהיים — א גרוס, אז די צײַט איז בא אים ניט פארפאלן אומזיסט, אז ער האלט שוין ווײַט, ווײַט...

— דו וואקסט א מענטש, עזרע! אָבער איך האָב אויך אין דעם א כיי־לעק...

גלעטנדיק עזרען פאר די געקרײַזלטע האָר, האָט שויעל שטיל, ווי צו זיך אליין, א זאָג געטאָן:

— קוקט אָן, ווי שיין ס'איז אויסגעוואקסן...

שויעל האָט אים ניט געוואָלט פארשאפן קיין אגמעסנעפעש, נאָר ווי ער האָט זיך ניט געסטארעט אויסבאהאלטן דאָס, וואָס אין דער היים קומט פאָר, איז קלאָר געוואָרן, אז אין דער היים איז ניט גוט.

דאָס האָט זיך געפילט אין שויעלס פארשווײַגן, אין זײַן ניט־דערריידן, אין זײַן אָפּקומען מיט א כאָכמע און גלײַכווערטל.

נאָך שויעלס אוועקפאָרן איז עזרען געוואָרן עפּעס סומנע אפן הארצן. די שאָען, וואָס ערשט ניט לאנג זײַנען זיי געווען אזוי קורץ, אזוי אײַליק, האָבן זיך איצט געצויגן לאנג־לאנג, אָן א סאָף און אָן א ברעג.

אין איינעם פון אָט די אומרויִקע טעג האָט עזרע געדארפט שפּילן בא פעדאָצערן פאר די נײַ־אָנגעפאָרענע געסט.

פעדאָצער האָט אים שטארק פארלויבט, דאָס האָט עזרע געפילט אין די בליקן פון די געסט.

— אָט דאָס איז ער, — האָט עזרע באמערקט, ווי איינער האָט אָנגעוויזן אף אים.

און א צווייטער האָט, א קוק געבנדיק אף אים, א דריי געטאָן מיטן קאָפּ און זיך צעשמייכלט, ווי איינער מיינט — נו, גוט, מירן הערן, וועלן מיר זאָגן.

— נו, גוט, — וואָלט אים אין אן אנדער צײַט עזרע מיט אן אנטקעגן־שמייכעלע אָפּגעענטפערט, אָבער איצט איז ער ניט זיכער אין זיך. און וואָס ווייניקער זיכער ער איז אין זיך, אלץ מער וויל ער אויסנעמען פאר די געסט, אלץ מער וויל ער אופהייבן דעם קאָוועד פון פעדאָצערן. אָבער

איצט קאָן ער שפּילן נאָר אַ זאַך, וואָס זאָל אַרויסברענגען זײַן ווייטעק. און פּעדאָצער האָט פאַר אים אויסגעקליבן גאָר אַ מונטערע זאַך.

ס׳איז געווען אַיין קלאַנג אַרויסברענגען וועגן זיך, און די גאַנצע מונ־טערקײַט פון פּעדאָצערס זאַך איז געפּאַטערט. ער וועט דורכפאַלן. נאָר דאָס, וואָס ער וועט דורכפאַלן, איז נאָך ניט אַזוי שרעקלעך. שרעקלעכער איז דאָס, וואָס צוזאַמען מיט אים וועט אויך דורכפאַלן פּעדאָצער. ער האָט דאָך אים אַזוי פאַרליבט. ניין, ער וועט ניט שפּילן, ער וועט זיך מאַכן קראַנק... אָפּנאַרן פּעדאָצערן? — ס׳איז אַ ביזאיען. ער וועט זיך דערנאָך שעמען אים קוקן אין די אויגן. ער וועט בעסער קומען צו פּעדאָצערן און אים זאָגן: „איך קאָן ניט, איך וועל דורכפאַלן״. וועט אים פּעדאָצער נעמען אויספרעגן — פאַרוואָס? וואָס איז געשען? — איז וואָס וועט ער אים ענט־פערן? שויעל האָט דאָך אים ניט איבערגעגעבן קיין שלעכטן גרוס, ער שטעלט זיך דאָך נאָר פאָר און דרינגט אַרויס פון זײַנע רייד. פּעדאָצער וועט אים אויסלאַכן, אָנרופן מאַרעשכוירעניק און הייסן שפּילן. נו, זאָל זײַן וואָס ס׳וועט זײַן, ער וועט שפּילן.

דער ערשטער האָט דעם פידל אין האַנט גענומען עלישע. ער האָט אַף אַלעמען אָנגעוואָרפן אַן אומעט — ער האָט געשפּילט איינע פון פּעדאָצערס טרויעריקע זאַכן.

און עזרע, וואָס האָט זיך ערשט געראַנגלט און געפּרוּווט פאַרטרײַבן פון זיך אַלע שווערע געדאַנקען, דערשטיקן אין זיך אַלע ווייטעקדיקע גע־פילן, איז איצט צעריסן אַף שטיקער און אײַנגאַנצן אין די הענט פונעם אומעט. וואָס האָט צו אים געהאַט עלישע? וויאַזוי וועט ער איצטער שפּילן? וואָס האָט ער אים אָפּגעטאָן?

דער אוילעם האָט פרײַ אָפּגעאָטעמט. אַלעמענס אויגן זײַנען איצט גע־ווענדט אַף עזרען, ער זאָל זיי טרייסטן, ער זאָל זיי מונטערן.

פּעדאָצער גיט ברייט אַ פיר מיט די הענט — אַ צייכן פון אָנהייבן דאָס שפּילן.

עזרע זעט גאָרניט, אים איז טונקל געוואָרן אין די אויגן. אים דוכט זיך, אַז ער איז דאָ אַליין, איינער אַליין.

און אָט טוט אָפּ מיט אים דער אומעט אַ בייזע שפּיל. ער כאַפּט אויף און קערט אום די ערשט פאַרשווונדענע טרויעריקע קלאַנגען, וואָס עלישע האָט אַרויסגעבראַכט, און פאַרפּילט מיט זיי עזרעס פידל, צעהענגט זיי אַף די סטרונעס, אַפן סמיק. דעם אומעט האָט זיך פאַרוואָלט זען, באַ וועמען וועט ער זיך באַקומען שטאַרקער — באַ עלישען צי באַ עזרען?

עזרע גיט אַ ריר מיטן סמיק, און אַלע אומעטיקע קלאַנגען רופן זיך אָפּ. יעדער קלאַנג איז גרייט העלפן זיך אויסריידן דאָס האַרץ.

פּעדאָצער שטעלט זיך אוועק אַנטקעגן, ער פאַרשטעלט זיי דעם וועג און ער צעשרײַט זיך:

— וואָס הייסט עס?!

— פאַרביטן די יאַצרעס, — באַגעגענען זיך פון אַלע זײַטן שמייכלען.

עזרע גיט זיך אַ כאַפּ אויף, די שמייכלען שטעכן אים, ווי נאָדלען, און פּעדאָצערס געשריי האָט זיך ווי אַ דונער אַרופגעוואַלגערט אַף אים.

א קאַלטער שווייס האָט אים באַגאָסן. ער קאָן שוין מער ניט. נאָר אָט קומען אים צו הילף די פריידיקע קלאַנגען, וואָס פעדאָצער פאָדערט פון אים. ער הייבט אָן שפּילן. דער אומעט טרעט אָבער ניט אָפּ, ער פאַלט אָן אויף דער פרייד, און עס קומט פאַר א שטאַרקער געראַנגל — אָט טראָגן זיך די פריידיקע טענער, און אָט שרײַען זיי איבער די טענער פון אומעט. וואָס שפּילט ער? — עזרע ווייסט אַליין ניט וואָס. ער שפּילט שוין איצט ניט פאַר זיך און ניט פאַר זיי.

— גענוג! גענוג! — הערט עזרע פעדאָצערס געשריי.

דער פידל מיטן סמיק פאַלן בא אים אַרויס פון די הענט. און וואָס ס׳איז מיט אים ווײַטער געשען, געדענקט ער ניט.

אין עטלעכע שאָ אַרום, ווען עזרע האָט זיך אויפגעכאַפּט אין פעדאָצערס אַלקער, האָט ער דערזען לעם דער בעט זיצן פעדאָצערן און עלישען. פעדאָצער האָט אים געגלעט פאַר די הענט, געטאַפּט אַלעמאָל פאַרן קאָפּ און אים אַלץ ניט אויפגעהערט פרעגן:

— ליפּאָוועצער, וואָס איז געשען מיט דיר? דערצייל, וואָס איז געשען מיט דיר?

עזרעס אויגן זײַנען ברייטער געוואָרן, און זײַן שטים איז געוואָרן שטיל און עטוואָס צעצויגן, ווי נאָך א לאַנגדויערנדיקער קרענק:

— א שלעכטן גרוס באַקומען פון דער היים.

— דערצייל מיר, לאָמיך אויך וויסן. האָסטו דאָך מיר פריִער געקאָנט זאָגן.

— די מאַמע איז ניט געזונט, באַם טאַטן זײַנען שלעכטע געשעפטן; זיי קאָנען מיך ניט אויסהאַלטן.

— זיי קאָנען דיך ניט אויסהאַלטן, זיי רופן דיך צוריק אַהיים?

— דערווײַל נאָך ניט.

— אַזאַ מאַזל האָב איך שוין, — קלאָגט זיך פעדאָצער פאַר עזרען און פאַר עלישען. — איך אַקער, איך פאַרפלאַנץ, און אַז עס הייבט אָן בליִען, קומען בייזע ווינטן, וואָרצלען עס אויס, און מע פאַרטראָגט עס אין אַלדי רוכעס. אין יעדן טאַלמיד איז א שטיק פון מײַן לעבן, און אָט רײַסט מען אָפּ פון מיר אָט די שטיקער לעבן. און מײַן לעבן ווערט קלענער, ווערט ווייניקער. צוויי יאָר האָט בא מיר אָפּגעלערנט אײנס א כמעלניקער יִינגל. דאָס איז געווען אַן אויסנאַם. ווען ער זאָל זיך געווען לערנען, וואָלט ער געווען מאַריש־אוילעם זײַן. האָט זײַן טאַטע יאָסי דער באָנדער אים מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן. איך האָב זיך בא אים געבעטן — זאָל ער זיך לערנען, איך וועל בא אײַך קיין סכאַר־לימעד ניט נעמען, ער וועט בא מיר ווױנען, ער וועט בא מיר עסן. און יאָסי דער באָנדער — אײנמאָל ניין — ס׳איז קיין מעלאָכע ניט, ס׳איז קיין טאַכלעס ניט...

פון יענעם טאָג אָן האָט פעדאָצער עזרען פון זיך ניט אָפּגעלאָזן. וואָס פעדאָצער האָט ניט געטאָן, האָט עזרע געדאַרפט זײַן דערבײַ. און ניט נאָר פעדאָצער, נאָר אַלע בא אים אין שטוב האָבן גענומען ציטערן איבער עזרען, ווי איבער א בעניאָכיד, גלײַך ווי ער איז דאָ דער איין־און־אײנציקער פאַרבליבן פון אַלע טאַלמידים.

...פעדאָצערס שטוב איז געווען פול געפאקט אינווייניק און באלאגערט פון אלע זײַטן פון דרויסן. צווישן פעדאָצערס שטענדיקע פארערער און באשטעלער האָבן זיך דאָ אויך געפונען אוקראַיִנישע אקטיאָרן, מוזיקאנטן און זינגער. פעדאָצער האָט גערעדט אַף רוסיש, נאָר ער האָט ארײַנגע־מישט אוקראַיִנישע ווערטלעך און ייִדישע מעשאָלים:

— ווי קום איך צום „טשומאק”, קאָנט איר מיך דאָך פרעגן? איך קום צו אים, ווײַל ער איז געקומען צו מיר, ווײַל ער האָט זיך באזעצט אין מײַן נעשאָמע און מיך צורו ניט געלאָזט, ביז איך האָב אים א טיקן געגעבן, געבראכט אַף דער וועלט. א ניגן איז ווי א פויגל, וואָס ווייסט ניט פון קיין גרענעצן. קיינער קאָן אים ניט פארהאלטן, קיינער קאָן אים ניט אָפּשטעלן און פרעגן, פונוואנען קומט ער און ווהין פליט ער. ווען מענטשן וואָלטן זיך געקאָנט אזוי גיך צונויפלעבן, אזוי גיך זיך פארברידערן, ווי ניגונים פון פארשיידענע פעלקער, וואָלט גאָר אנדערש געווען צו לעבן אַף דער וועלט. די ייִדישע נעגינע האָט קיינמאָל ניט פארמאכט אירע טירן פאר די ניגונים פון אויסן, זי האָט זיי שטענדיק אופגענומען גאסטפרײַנטלעך. ווילט איר וויסן די געשיכטע פון אונדזער פאָלק, זײַן נאווענאדעווען, אַף וועלכע ערדן עס האָט געטראָטן און אין וועלכע לענדער עס האָט געוווינט, איז פרעגט בא די ניגונים זײַנע, זיי וועלן אײַך דערציילן. יאָ, יאָ, ניגן — דאָס איז געשיכטע!

— אָט האָב איך אנומלטן געפרעגט בא אונדזער ניסע בעלזער, — זעצט פאָר פעדאָצער, — בא דעם מענטשן מיט די אָפענע אויערן און אָפענעם האַרץ: מיט וואָס האָט אים אזוי פארכאפּט די אוקראַיִנישע ליד? ווייסט איר, וואָס ער האָט מיר געענטפערט? „ווען איך הייב אָן דערשטיקט ווערן אין דער ענגשאפט פונעם שטעטל, קומט מיר די אוקראַיִנישע ליד צוהילף, זי פירט מיך אוועק אין סטעפּ, אין די פעלדער און וועלדער, פון וועלכע איך בין אָפּגעריסן, און איך אָטעם מיט דער פולער ברוסט. די אוקראַיִני־שע ליד פילט אָן מײַן מעלאָדיע אָט מיט פרייד און שטאָלץ, און אָט מיט פארביטערטקײַט און טרויער, וואָס זײַנען ברייט און אומענדלעך, ווי דאָס פעלד, דער סטעפּ”.

דעם אוקראַיִנישן ניגן האָט נאָך פאר ניסע בעלזער פארהייליקט רעב לייווי־ייִצכאָק פון בערדיטשעוו. לייווי־ייִצכאָק, — צענעמט פעדאָצער ברייט זײַנע הענט, זײַנע אויגן צעצינדן זיך, דאָס פּאָנעם ווערט באשײַנט, די שטים העכער, דאָס וואָרט אלץ מער באגײַסטערטער, פעדאָצער איז שטארק צופרידן, וואָס ער האָט דאָ די געלעגנהײַט פאָרשטעלן פאר זײַנע אלטע און נײַע צוהערער לייווי־ייִצכאָקן, — אָן אויסטערליש געשטאלט איז געווען אָט דער לייווי־ייִצכאָק. ער האָט געהאלטן, אז אויב דער מענטש וויל א מענטש זײַן, דארף ער זײַן באשיידן און אנטלויפן פון קאָוועד. שיי־נע טיטלען, — האָט ער געזאָגט, — דאָס איז די סאמע מיִעסטע זאך, דאָס איז א שרײַענדיק שילד אַף א פוסטער קלייט. מיט הענט און פיס האָט זיך לייווי־ייִצכאָק אָפּגעשלאָגן פון די פארשיידענע אָנגעבלאָזענע „מויריינעס”. ער האָט אפילע ניט געוואָלט זיך אָנרופן לויטן פּאָטער־נאָמען, ווײַל דאָס איז א גרויסע אוולע, — האָט ער געהאלטן. אפן ערשטן אָרט דארף שטיין די מוטער. און אזוי האָט ער טאקע געטאָן. ער האָט זיך אָנגערופן לייווי־

ייִצכאָק דער זון פון סאָרע. לייווי־ייִצכאָק דער זון פון סאָרע האָט דערוויזן, אַז ניט שטענדיק איז דער מענטש שולדיק קעגן גאָט, נאָר אַדעראַבעע, זייַער אָפּט איז גאָר גאָט שולדיק קעגן מענטשן. לייווי־ייִצכאָק האָט אַרויסגערופן גאָט אַף אַ דין־טוירע. ער האָט דערוויזן, אַז גאָט באַגייט אַ סאַך אומרעכטן קעגן דער וועלט, קעגן דעם מענטשן, און זיך אויסגעטייַנעט מיט גאָט האָט ער ניט אַף גאָטס הייליקער שפּראַך, נאָר אַף פּראָסט מאַמע־לאָשן, אַף ייִדיש. אין ייִדיש האָט ער אויך געדודעט אַף דער דודע פונעם אוקראַיִנישן פּאַסטעך, אויסגענוצט דאָס אוקראַיִנישע וואָרט און אוקראַיִניש גלייַכווערטל.

ווען מ׳האָט לייווי־ייִצכאָקן געפרעגט, ווי קומט עס צו אים, אַז ער זאָל אייניקע טפילעס זייַנע אויסזינגען מיט אוקראַיִנישע ניגונים, האָט ער געענטפערט: גאָט איז אומעטום, און וויבאַלד ער געפינט זיך אויך אַף אוקראַיִנע, דאַרף ער אויך פאַרשטיין דעם אוקראַיִנישן ניגון. און פון דאַן אָן, ווען לייווי־ייִצכאָק האָט דערוויזן, אַז גאָט איז ניט בלויז אַ ווייסער פון פרעמדע מאַכשאָוועס, נאָר אויך אַ ווייסער פון פרעמדע לעשוינעס, האָט אַלץ מער און מער אָנגעהויבן אַרייַנדרינגען אין די געזאַנגען פון לייווי־ייִצכאָקס אָנהענגער דאָס רוסישע און אוקראַיִנישע וואָרט, דער רוסישער סאָלדאַטישער מאַרש, די אוקראַיִנישע פאָלקסליד, די רומענישע דוינע און וואָלעך.

פּעדאָצער דערציילט, וויִאַזוי ער האָט נאָך אין די קינדער־יאָרן אייַנגעזאַפּט אין זיך די טרויעריקע מאָטיוון פון די וואַנדערנדיקע טשומאַקעס, וועלכע האָבן געפירט זאַלץ פון ווייַטן קרים, די טרויעריקע מאָטיוון פון זייערע פרויען און קינדער, פול מיט בענקשאַפט נאָך די מענער, נאָך די טאַטעס און ברידער. וואָס מער די טשומאַקישע מעלאָדיעס פלעגן אים אָפּזוכן, אַלץ מער פלעגט ער זיי זוכן. ער איז אויסגעוועזן אוקראַיִנע אין דער לענג און אין דער ברייט, ער האָט קיינמאָל ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהייַט צו הערן טשומאַקישע מעלאָדיעס.

— וואָס האָט איר, רעב פּעדאָצער, אייַנגעהאַנדלט אַפן יאַריד? — פלעגן די יאַרידניקעס פּרווון אַ שפּאַס טאָן.

— אַ מעציִע האָב איך אייַנגעהאַנדלט, — פלעגט ער ענטפערן מיט שטאָלץ, — אַזאַ מעציִע, וואָס קיין איין יאַרידניק אין דער וועלט האָט אַפּילע אין כאָלעם ניט געזען: איך האָב געפונען אַ נייַעם וואַריִאַנט, אַ נייַעם טשומאַקישן וואַריִאַנט!

פּעדאָצער נעמט אַראָפּ דעם פידל פון דער וואַנט, שטעלט אים אָן.

מע צעעפנט די פענצטער. איצט איז שוין דער „טשומאַק" ניט בלויז פּעדאָצערס — ער געהערט אַלעמען. אַלע קאָנען אים איבערנעמען. עס ווערט שטיל אין שטוב, עס ווערט שטיל אין דרויסן, גלייַך ווי דער גרויסער אוילעם, וואָס האָט באַלאַגערט פּעדאָצערס שטוב, איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן געוואָרן. פּעדאָצערס ברייטע, פעסטע פיגור ווערט העכער און העכער, פונקט ער זאָל שטייַגן צוזאַמען מיט די קלאַנגען, ווי אַף טרעפּ.

דאָס שפּילן ווערט אומרויִקער און אומרויִקער. פּעדאָצער שטייט ווי אַ דעמב אין דער צייַט פון אַ שטורעם, ווי אַ געטרייַער וועכטער אין אַ פינצטערער נאַכט, ווען פון אַלע זייַטן לויערן געפאַרן. פון יעדן קלאַנג

דערטראָגט זיך צו אים א לעבעדיקע מענטשלעכע שטים, אַן אויסגעשריי, פול מיט פאריבל און טײַנעס.

טשומאַק! טשומאַק! ווי לאַנגזאַם זײַנען די טריט פון די אָקסן און ווי פלינק די ביטערע דאָליע לויפט דיר אנטקעגן און באַגעגנט דיך פון אַלע זײַטן!

טשומאַק! טשומאַק! ווי ברייט זײַנען די סטעפּעס, ווי אומענדלעך זי איז, די אוקראַיִנישע ערד, און דו באַקומסט בלויז פיר איילן נאָך דײַן טויט...

טשומאַק! טשומאַק! וווהין פירן דיך די אָקסן־טריט, וווהין וועלן זיי דיך פאַרפירן?

טשומאַק! טשומאַק!

מע פרעגט פעדאָצערן, ווי קוקט ער ביכלאַל אָף באַשטעלונגען, בעסוי־כעם אָף די באַשטעלונגען פון די רײַכע באַלעבאַטים, וואָס ווילן, אַז די וועלט זאָל וויסן, אַז אָף דער כאַסענע פון זייערע קינדער האָט מען גע־שפּילט גאָלע נײַע ניגונים.

— צוויי באַשטעלער זײַנען פאַראַן, — ענטפערט פעדאָצער, — צוויי באַ־שטעלער, מיט וועמען מע מוז זיך שטענדיק רעכענען און אויספּילן אָפּן בעסטן אויפן, — דאָס איז דאָס פאָלק און דײַן אייגן האַרץ.

עזרען ווילט זיך דערוויסן, וואָס וועלן די זינגערס זאָגן אָף פעדאָצערס רייד. עזרע קוקט אָף זיי, און ער דערמאָנט זיך, ווי ער האָט זיך דאָ צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט ניסע בעלזער.

ער האָט זיך אים פאָרגעשטעלט א הויכן, א געזונטן, א שיינעם. און דערזען האָט ער א שוואַרץ קליין יידל מיט א גראָבער נאָז.

ער האָט זיך ניט געגלייבט און עטלעכע מאָל איבערגעפרעגט:

— דאָס איז ניסע! אָט דאָס איז ניסע?

— יאָ, אָט דאָס איז ניסע! אָט דאָס איז ניסע! — האָט מען אים געענט־פערט.

פון דאַן אָן האָט עזרע שוין ניט געקאָנט אָפּטרעטן פון אים. איז ניסע אופגעשטאַנען, איז ער אויך אופגעשטאַנען, און אַז ניסע איז אַרויס פון פעדאָצערן, האָט ער זיך געלאָזט גלײַך נאָך אים. ער פאַרלויפט אים פאָ־רויס און גיט אים נאָכאַמאָל א קוק אין פּאָנעם.

עזרע האָט שוין ניט אָף איין כאַסענע געהערט, ווי פעדאָצערס קאַפּעלע מיט ניסעס כאָר האָבן צוזאַמען געשפּילט און געזונגען. ער האָט געהערט, ווי מענטשלעכע קולעס פאַרמעסטן זיך מיט קולעס פון די אינסטרו־מענטן. די סאָפּראַנען מיט די אַלטן פון ניסעס כאָר ראַנגלען זיך מיט די פידלען, אָט, אָט — אויס פידלען. און אָט מיטאַמאָל הערט מען שוין קיי־נעם ניט, נאָר זיי, די ערשט־פאַרשריגענע פידלען.

לענגער פון אַלע ראַנגלט זיך עלקאָנע פראָפונדע־באַס. די טרומייטן מיט די קאָנטראַבאַסן צעקײַקלען זייערע קלאַנגען אַראָפּ צום דיל, נידערי־קער קאָן שוין גאָר ניט זײַן. און די קלאַנגען פון עלקאָנעס שטים קויקלען זיך פון דיל נאָך נידעריקער אַראָפּ, זיי גייען צום גרונט.

— עלקאָנע, — האָט אים עלישע דערציילט, — איז געווען יאָרנלאַנג אַן אָקסן־טרײַבער, בא די פאַסטעכער האָט ער זיך אויסגעלערנט פּײַפן און דודען אָף דודעס. אַז ער פאַרמאָגט אַזאַ באַס, האָט ער ניט געוווּסט און

ניט די באַלעבאַטים זײַנע — די אָקסן־הענדלער. איינמאָל אין איינעם א פּריַיטיק האָט ער געבראַכט צו טרײַבן קיין בערדיטשעוו א פּאַרטיע אָקסן און ער איז שוין געבליבן שאַבעס האַלטן, קעדיי הערן ניסע בעלזער מיטן כאָר. עלקאָנע קומט צו צו דער אַלטער שול, מע לאָזט אים ניט אַרײַן, ס'איז שוין פֿול און פֿיל.

האָט עלקאָנע אָף די נידעריקע טענער זיך גענומען בעטן:

— איך בין א פֿרעמדער, איך בין אומיסטן געבליבן שאַבעס־האַלטן אָף צו הערן ניסען מיטן כאָר. צי דען וועל איך איינער אײַך אַלעמען ענג מאַכן?

עלקאָנעס קאָל האָט זיך דערקײַקלט צו ניסען, וואָס איז געשטאַנען באַם אָמעד.

ניסע האָט זיך צעשריגן: „שאַמעס, לאָזט אַרײַן דעם יונגערמאַן", — און פֿון דעמלט אָן זינגט עלקאָנע בא ניסען אין כאָר.

און ניט ווייניקער, ווי פֿון עלקאָנען, איז עזרע איבעראַשט פֿון בערעלע טענאָר. בערעלע זינגט שטענדיק דועטן מיט ניסען. בערעלעס אָנגענעמענער טענאָר ציט זיך לאַנגזאַם, עטוואָס ציטערדיק. ער פּאַסט זיך צו צו ניסעס היקענדיקער, הייזעריקער שטים. עס טרעפֿט א מינוט, אַז עס הייבט זיך אָן דוכטן, אַז ניסעס שטים בלײַבט אַליין, נאָר בערעלע אײַלט גיך קומען צו הילף און ער פֿאַרדעקט זי מיט זײַן טענאָר, אַז ניסע זאָל ניט בלײַבן פֿאַר אַלעמען אין די אויגן צו בושע און צו כאַרפּע...

אָף וועמען עזרע זאָל דאָ ניט א קוק טאָן, — אָף די שפּילער, אָף די זינגער, אָף די טאַלמידים, אַלע זײַנען זיי אים נאָענט. אַלע, אַלע האַלטן זיי אים דאָ צו און מע לאָזט אים ניט אוועק פֿונדאַנען. ניין, ער וועט פֿונדאַנען ניט אוועק, ער וועט האַקן האָלץ, ער וועט טראָגן פּעק, ער וועט ווערן א שיק־ייִנגל. ער וועט טאָן אַלץ אין דער וועלט און וועט דאָ מיט אַלעמען בלײַבן...

נאָך א קליינעם איבעררײַס שפּילט פּעדאָצער פֿאַר די געסט זײַן נײַע סאָלע צום קאַלעס־באַזעצן.

אין דער סאָלע דערמאָנט פּעדאָצער דער קאַלע פֿון איר געבוירן ביז הײַנטיקן טאָג. ער געזעגנט זי מיט איר קינדהײַט, מיט איר יוגנט און זאָגט איר פֿאָרויס וועגן איר ווײַטערדיקן לעבן.

די סטרונעס ווערן שטײַפֿער, איבער זיי הייבט אָן שפּאַנען די יוגנט. נאָר זייער גיך הייבן אָן די קלאַנגען זיך צעפּאַלן. און די סטרונעס, וואָס זײַנען ערשט געווען אַזוי שטײַף, צעפֿלעכטן זיך, ווי דער קאַלעס צעפּ.

עס רײַסט זיך דורך א קרעכץ, און אָן אומעט פֿאַרגייט זיך אָף א סטרונע, ווי אָן עלנטער פֿויגל אָף א צווײַג פֿון א בוים. דאָס איז שוין נאָך דער יוגנט. ערשט זי באַגעגנט, און איצט באַגלייט מען זי שוין.

און פּעדאָצער דערציילט אַלץ אָף זײַן פֿידל, ווי שווער ס'איז יעדער שפּאַן אין לעבן.

דער פֿידל איז שטיל געוואָרן. אַלעמענס אויגן זײַנען איצט געווענדט אין דער הייך — גלײַך ווי פּעדאָצער האָט דאָ פֿאַר אַלעמען אויסגעהאַנגען יעדנס פּעקל צאָרעס באַזונדער, און אַלע באַטראַכטן, וועמענס פּעקל ס'איז גרעסער.

עזרע נעמט זיך איבער מיט זײַן לערער, פילט זיך גליקלעך, וואָס ער געפינט זיך מיט אים אונטער איין דאך. ניט איינער וועט אים מעקאנע זײַן, וואָס ער האָט געהאַט די זכיה צו זײַן אזוי נאָענט צו פעדאָצערן, וואָס ער האָט געהאַט די זכיה צו זײַן זײַן טאלמיד.

אונטער די קלאַנגען פון פעדאָצערס פידל האָבן זיך עזרעס הענט אראָפּ־געלאָזט אין קעשענע און ווידער אָנגעטאַפּט דעם בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון דער היים. אינעם בריוו איז שוואַרץ אף ווײַס אָנגעשריבן אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעקלערט און זיך פאַרגעשטעלט פון שויעלס ניט קלאָרן גרוס.

„מײַן ליבער זון, — שרײַבט אים דער טאַטע, — די קרוין פון מײַן קאָפּ, די טרייסט פון מײַן עלטער, לעב עוויג גליקלעך.

ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זײַנען באַרעכהאַשעם געזונט. די מאַמע ליגט גאַנצענע טעג צום בעט. דער רעוומאַטיזם דרייט איר לײַב־און־לעבן. אויך מיך האָבן די קויכעס פאַר דער צײַט פאַרלאָזן. אין ליפּאָוועץ שפּיל איך נאָך ווי־עס־איז אָפּ א כאַסענע, נאָר ארויספאָרן אף דער סוויווע קאָן איך שוין ניט. און לייבל איז נעבעך אליין א קאַפּצן.

אלע גריסן דיר גאָר פרײַנטלעך. איך ווינטש דיר און אונדז אלעמען בעסערע צײַטן ווי איצט.

דײַן פאָטער, וואָס טראַכט וועגן דיר טאָג און נאַכט און וויל אין דיר דערלעבן אלדאָס גוטס.

שלוימע".

עזרע נעמט זיך אָן מיט אלע קויכעס, לויפט ארײַן אינמיטן רעדל, וואָס האָט ארומגערינגלט פעדאָצערן, און העכער פון אלע שרײַט ער אויס:

— יאשער קויכאַכעם, יאשער קויכאַכעם!

— קויכאַכעם יאשער! — ענטפערט אים פעדאָצער. ער לייגט ארוף פאַטערלעך די האַנט אף עזרעס אַקסל און ווענדט זיך צו די ארומיקע: — איך האָב ספּעציעל פאַר אים אָנגעשריבן א סאָלאָ. די סאָלאָ וועל איך מאָרגן אָנהייבן מיט אים אײַנלערנען, און ער וועט מיט איר ארויסטרעטן אפן גרויסן יאָמטעוו־קאָנצערט.

פעדאָצער הייבט אָן מיט זײַן קאַפּעלע זײַן נײַעם ניגן — פאַרן אָרעם־טיש. דער ניגן פאַרן אָרעם־טיש — דאָס איז געווען פעדאָצערס מיצווע. וואָס ער האָט זי שטרענג אָפּגעהיט, זינט ער איז א קלעזמער. זײַן פידל פאַרגייט זיך אין אָן עלנטן געשריי, וואָס ווערט פון קיינעם ניט דערהערט. די איינציקע לינדערונג איז דער געשריי אליין. דעם געשריי פאַרבײַט א געבעט פון באַנדורעס, פון בעטלערישע קוילעס.

פון ראַכמים גייט איבער פעדאָצער צו זײַן הארבער טײַנע, וואָס ער האָט צו דער וועלט. ניין, ער נעמט ניט אָן דעם שטרענגן מישפּעט פון דער טוירע, אז אף דער וועלט וועלן שטענדיק זײַן אָרעמעלײַט.

— דער מישפּעט איז אָן אומגערעכטער. פאַרוואָס זאָל עס אזוי זײַן? — פרעגט בא זיך פעדאָצער, און ער קאָן ניט געפינען קיין ענטפער. די קאַפּעלע כאַפּט אונטער מיטן בעטלערישן העפקער־טאַנץ, מיטן טאַנץ, וואָס פאַרטאַנצט אלע ווייטעקן, אלע באַליידיקונגען...

דער ניגן פאַרן אָרעם־טיש האָט אופגעוועקט אין עזרען די ווונדן.

„דאָס איז פאַר אים דער העפּקער־טאַנץ, — טראַכט עזרע, — דאָס האָט פּעדאָצער דערפילט, וואָס ס'טוט זיך בא אים אין האַרצן, און ער פאַר־שרײַט זײַנע ווייטעקן".

ס'איז שוין טאָג. פּעדאָצער גייט אַרויס א ביסל אפן גאַס באַגלייטן זײַנע געסט און זיך אָפּפרישן מיט דער פרילינגדיקער פרימאָרגנדיקער לופט.

— גייט שלאָפט זיך אויס, — געזעגנט זיך פּעדאָצער מיט עזרען און מיט עלישען. — צוויי אַזייגער באַטאָג זאָלט איר זײַן בא מיר. איר האָט סאָלאָס לויט אײַער גוסט. איר וועט נאָך בא מיר אויך ביידע שפּילן א דועט אפן יאָמטעוו־קאָנצערט.

— מירן קומען, צוויי אַזייגער וועלן מיר זײַן בא אײַך, א גוטן טאָג, רעב פּעדאָצער.

— א גוטן טאָג! א גוט־יאָר אף אײַך! א גוטער טאָמיד! — באַגלייט זיי פּעדאָצערס פרײַנטלעכקײַט.

— אַך, סאַרא שיינער טאָג ס'גייט אויף! — גיט עלישע א הייב די האַנט אין דער הייך, אַנווײַזנדיק אפן מיזרעך.

— אָ, סאַרא נאַכט ס'איז געווען, א וווּנדערלעכע נאַכט, א נאַכט פון נעגינע! — טוט עזרע א ציטער פון דער פרימאָרגנדיקער קילקײַט.

צוויי אַזייגער זײַנען עזרע מיט עלישען געקומען צו פּעדאָצערן. עלישע איז אין זאַל ניט אַרײַן. ער איז געבליבן אין קיך. ער האָט ניט געקאָנט צוקוקן, ווי עזרע וועט זיך געזעגענען מיט פּעדאָצערן.

— אָ, ליפּאָוועצער, גוט וואָס דו ביסט געקומען, — שרײַט אויס פּע־דאָצער, אײַליק איבערמישנדיק זײַן גראָבן נאָטן־בוך, — באַלד הייבן מיר אָן. מיט דער סאָלאָ דאַרפסטו איבערקערן בערדיטשעוו. דאָס וועט זײַן דײַן סאַכאַקל פאַר אָנדערהאַלבן יאָר זיך לערנען בא מיר. און א סאַכאַקל, מײַן קינד, איז שטענדיק דער סאָף פאַר א נײַעם גרויסן אָנהייב.

בא עזרען קלאַפּט דאָס האַרץ. ענדלעך האַלט ער ניט אויס. ער נעמט אַרײַן דאָס פּאָנעם אין ביידע הענט און, ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער, ברעכט ער אויס אין א געוויין.

— גאָט איז מיט דיר, קינד מײַנס, וואָס האָט געטראָפן? — לויפט צו אים צו פּעדאָצער א דערשראָקענער.

— ר־ר־ר־רעבעו! רעב פּעדאָצער... — ניט קאָנענדיק אַרויסריידן מער קיין איין וואָרט, האָט עזרע אַרויסגענומען און געוויזן א צעטעלע.

פונעם צעטעלע איז פּעדאָצערן געוואָרן קלאָר, אַז עזרע איז זיך געקומען צו אים געזעגענען, אַז הײַנט פאָרט ער אַוועק צוריק אַהיים קיין ליפּאָוועץ.

פּעדאָצער דערפילט זיך ווי א בוים, פון וועלכן מע האָט אָפּגעבראָכן זײַן גרעסטע צווײַג, וואָס האָט געהאַלטן אין צײַטיקן א שעפע־פּרוכט.

— סאָרע! קינדער! ווו זײַנט איר? אַהער קומט! קומט אַרײַן אַהער!

ווען אַלע זײַנען זיך צונויפגעלאָפן און דערשראָקענע אָנגעהויבן פרעגן: „וואָס איז געשען?" — האָט פּעדאָצער גאָרניט געענטפערט. ער האָט אויפ־געהויבן דעם נאָטן־בוך מיט דער אויפגעמישטער סאָלאָ און אים פון זיך א שטאַרקן שלײַדער געטאָן אין דיל.

א טויטע שטילקייט האָט אַלעמען באַהערשט. באַ קיינעם האָט זיך ניט געפונען קיין איין־און־איינציק טרייסט־וואָרט, ניט פאַרן רעבן און ניט פאַרן טאַלמיד.

* * *

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד איז שלוימע דעם קלעזמערס שטוב געווען פול געפּאַקט. שכיינים און פּראַיוואַט זײַנען געקומען זען זיך מיט עזרען, וואָס האָט געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן בערדיטשעוו, וועגן פּעדאָ־צערן.

ווען לייזער דער סטעלמאַך מיט דער לאַנגער ווײַסער באָרד זאָל געווען זײַן דאָ דערבײַ, וואָלט ער מיסטאַם דערציילט אַ מײַסע, וואָס וואָלט אויסגעבריַיעט, אַז אומגליק איז דאָ אַ סאַך מער ווי גליק אויף דער וועלט. נאָר לייזער איז ניטאָ. שוין אַ האַלב יאָר, אַז לייזער דער סטעלמאַך איז טויט. און וואָס איז דאָס מיט אַרעלע מיאַטעזשניק? ער איז עפּעס געוואָרן אַ שווײַגער. און געדאַליע דעם שנײַדערס ווערטלעך זײַנען אויך עפּעס ניט די, וואָס פריִער. ער וויל, דוכט זיך, זיי פריילעכער מאַכן, און ס׳באַקומט זיך באַ אים פּונקט פאַרקערט. און לייבל, געדאַליע קנײַפּל און וועלוול בעלפאַר זײַנען אויך ניט די, וואָס געווען.

נאָר אָט נעמט עזרע דעם פידל און הייבט אָן שפּילן פּעדאָצערס זאַכן. מע ווערט אופגעלייגט, מע פאַרגעסט אויף אַ ווײַלע אין די צאָרעס.

די ערשטע טעג זײַנען נאָך געווען צו דערלײַדן. עזרע גייט נאָר אַרויס, באַגעגנט מען אים פון אַלע זײַטן מיט אַ ברייטן שאָלעם־אַליי‏כעם:

— אַ גאַסט אין שטעטל, וואָס מאַכסטו עפּעס? וואָס הערט זיך עפּעס אין בערדיטשעוו? וויאַזוי האָט זיך דיר געלערנט באַ פּעדאָצערן?

און עזרען ווערט ניט נימעס איבערדערציילן נאָכאַמאָל און ווידעראַ־מאָל דאָס אייגענע.

די שאָלעם־אַלייכעמס זײַנען פאַר אים געוואָרן אַזוי נייטיק, אַז טאָמער פלעגט עמעצער דורכגיין און אים ניט באַמערקן, פלעגט עזרע אים אָפּ־שטעלן:

— רעב יאַנקעוו, רעב מאָרדכע, מוישע! — און מיט אַן אויסגעשטרעק־טער האַנט מאָנען דעם שאָלעם־אַלייכעם ווי אַ כויוו, וואָס קומט אים און מוז באַלד אָפּגעצאָלט ווערן.

עזרע קוועלט אָן פון די קליינע קינדער, וואָס זײַנען פאַר די אָנדער־האַלבן יאָר אויסגעוואַקסן. ער איז ניט מיד אַרומשפּאַנען איבער די גאַסן און זען, צי יעדער שטוב, צי יעדעס גאַנעקל און פּלויט שטייען אויף דעם זעלבן אָרט, ווו ער האָט זיי איבערגעלאָזט. אויף איין גאַס איז צוגעקומען אַ נײַער גאַנעק, אַ נײַער פּלויט מיט שיינע געפאַרבטע שטאַכעטלעך. אויף אַ צווייטער גאַס האָט מען עטלעכע דעכער געדעקט מיט שינדל. עס פרייט דאָס האַרץ — אין ליפּאָוועץ איז פאַר דער צײַט עפּעס צוגעקומען. ער פאַר־קערעוועט אין אַ דריטער גאַס. דאָ זײַנען געשטאַנען צוויי אַלטע שטיב־לעך, ווו זײַנען זיי אַהינגעקומען? די אָנגעוואַלגערטע בערגלעך און הרוי־דעס מיט שטיינער דערציילן אים, אַז די אַלטע שטיבלעך האָבן מער ניט

געקאָנט אויסהאַלטן, זיי האָבן זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן אַף אים און זײַנען אײַנגעפאַלן...

די אָנגעוואַלגערטע בערגלעך מיט די הרודעס שטיינער פאַרקלעמען אים דאָס האַרץ, ווי דאָס בערגל ערד פון לייזער סטעלמאַכס קייווער, אַף וועלכן ער האָט דעם ערשטן טאָג פון זײַן קומען אוועקגעלייגט אַ ביסעלע גראָז מיט עטלעכע פעלד־בלימלעך.

אויב ער וועט אוועקפאָרן נאָך אַף עטלעכע יאָר, וועט ער שוין מער ניט טרעפן ניט די אַלטע מענטשן און ניט די אַלטע הײַזער, פון זיי וועט בלײַבן בערגלעך ערד און הרודעס שטיינער, און מער גאָר...

אָט די אומעטיקע געדאַנקען האָבן עזרען ניט געלאָזט צורו. אין מעשעך פון עטלעכע טעג האָט ער ניט אויפגעהערט זיך אײַנקוקן אין דער מאַמעס און טאַטנס פּנימער. די מאַמע איז קלענער געוואָרן, דער טאַטע אויך, און צוזאַמען מיט זיי האָט זיך אויך שטאַרק אַראָפּגעזעצט זייער שטיבל.

— מאַמע, — האָט עזרע ניט געקאָנט אײַנהאַלטן אין זיך דעם אומעט, — זאָג מיר, ס'דוכט זיך מיר, צי ס'איז טאַקע אַזוי: אונדזער שטיבל האָט זיך געזעצט און איז קלענער געוואָרן?

— ניין, קינד מײַנס, די שטוב איז ניט קלענער געוואָרן, נאָר דו ביסט אַ סאַך גרעסער געוואָרן, דוכט זיך דיר אויס.

אַלץ דאָ אין ליפּאָוועץ איז פון טאָג צו טאָג אין עזרעס אויגן קלענער און קלענער געוואָרן.

וואָס וועט מיט אים דאָ זײַן? וואָס וועט ער דאָ טאָן?

יעדער מענטש, פלעגט זאָגן פעדאָצער, וואָס וויל ניט גיין אַף צוריק, נאָר העכער און העכער, דאַרף זיך לערנען בײַ ראַבי אַקיווען דעם געוועזענעם פּאַסטעך, וואָס איז דערנאָך געוואָרן איינער פון די גרעסטע געלערנטע.

אַקיווע איז געווען געגליכן צום פּויער, וואָס גייט אַרויס מיט זײַן קאָרב אַלע טאָג אין פעלד. וואָס ער פּאַקט, קלײַבט ער צונויף און וואַרפט אַרײַן אין קאָרב — ווייץ איז ווייץ, גערשטן איז גערשטן, האָבער איז האָבער, לינדזן איז לינדזן. און דערנאָך קלײַבט ער אויס און צעלייגט יעדע זאַך באַזונדער, און וואָס ער דאַרף און ווען ער דאַרף, איז דאָ אַפן אָרט. עלישע ברענגט אַלע טאָג אַ פול־אָנגעלאָדענעם קאָרב, יעדן טאָג קומט אים עפּעס צו, און בײַ אים, עזרען, קומט יעדן טאָג אָפּ.

פעדאָצער איז גערעכט: נעגיגע איז שווער צו באַקומען, ווי גאָלד, און גרינג צו צעברעכן, ווי אַ גלעזערנע קיילע.

וועגן וואָס עזרע זאָל איצט ניט טראַכטן, קומען אים אויף אַפן זינען פעדאָצערס רייד. אפשר האָט ער ניט פאַרשטאַנען זייער פולן זין.

אַז מע איז פאַרליבט אין די מײַסים, וואָס מע טוט, און מע זעט אין זיי מאַזל־בראָכע, איז אַף דעם שאַרף פון אַ שווערד געראַם. און ווען די ליבע לעשט זיך אויס און די מײַסים ווערן אויס מײַסים, איז אין אַ בעט פון זעכציק איילן ענג. דער, וואָס הייבט זיך אוף הויך, דער קאָן פאַלן נידעריק. דאָס נידעריקע פאַלן איז אַ בסורע, אַן אָנזאָג פאַר אַ ווײַטערדיקן אופהייבן זיך. דאָס פײַער, וואָס פלאַקערט מיט פלאַמען, קאָן פאַרשטיקט און פאַרלאָשן ווערן, נאָר אינעם אַש פון די שוואַרץ־אויסגעלאָשענע האָ־

לעוועשקעס פארבלײַבן פונקען. און באַם ערשטן בלאָז פונעם ווינט פלאַ־קערן זיי אויף אין א נײַעם פלאַם. דער, וואָס אנטלויפט פון פײַער, וועט זיך קיינמאָל ניט אָנצינדן. דער, וואָס ליגט אף דער ערד, דער וועט קיינמאָל ניט פאלן, דערפאר אָבער וועט ער זיך קיינמאָל ניט אופהייבן.

עזרע דערמאָנט זיך אין איינער א מײַסע, וואָס ער האָט געהערט בא פעדאַצערן. לויט אָט דער מײַסע קומט אויס, אז ערגער פון אלעמען איז טאקע אים.

ס'איז געווען איינער א מענטש, וואָס איז אף דער ליכטיקער וועלט געקומען מיט פינצטערע אויגן. ער האָט געהערט וועגן בלויען הימל, גע־פילט די ווארעמקײַט פון דער זון, געוווסט וועגן דער לעוואָנע און שטערן, נאָר געזען האָט ער זיי ניט.

דער מענטש האָט זיך אזוי צוגעווינט צו דער פינצטערניש, אז יעדן וועג האָט ער געוווסט אף אויסווייניק, געוווסט, ווו ס'איז א בערגל, א גרוב, א בלאָטע, און די מענטשן פון זײַן שטעטל פלעגט ער ניט נאָר לויטן קאָל דערקענען, נאָר אויך לויט די טריט.

איינמאָל איז געקומען צום בלינדן איינער א קישעפמאכער און אים געזאָגט:

— אויב דו ווילסט, קאָן איך דיך זעעוודיק מאכן, נאָר ביטנײַ, אז אין דרײַ טעג ארום זאָלסטו צוריק בלינד ווערן.

דער בלינדער האָט פון פרייד אָנגעהויבן טאנצן, זינגען און שפרינגען:

— אפילע אף א טאָג, אפילע אף א שאָ, אפילע אף א רעגע. איך וויל כאָטש איין מאָל א קוק טאָן אף הימלען. מע זאָגט — זיי זײַנען בלוי, און איך שטעל זיך ניט פאָר קיין בלויקײַט. די ערד, אף וועלכער איך טרעט, איז א שווארצע, און איך קאָן ניט אונטערשיידן פון שווארצקײַט ביז בלויקײַט. גרין גראָז, וואָס פאר א פארב איז עס? די בלומען פארקישעפן מיט זייערע רייכעס, און ניט ווייניקער, זאָגן מענטשן, פארבלענדן זיי און איבערראשן דאָס אויג מיט זייערע פארבן און קאָלירן. איך וויל כאָטש איין מאָל א קוק טאָן אף דער ליכטיקער וועלט, כאָטש איין מאָל אָנזעטיקן מײַנע אויגן מיט העלער שײַן.

דרײַ טעג איז דער בלינדער געווען זעעוודיק. דרײַ טעג האָט ער ניט צוגעמאכט קיין אויג. צום אלעם ערשטן האָט ער ניט געקאָנט אָפטרעטן פון שפיגל, אף זיך אליין גענוג אָנקוקן.

סארא שווארצע האָר בא אים, סארא ווײַסע ציין, סארא פארברוינט פאָנעם.

נאָך אזויפיל יאָרן האָט ער זײַן ווײַב און די קינדער און אלע זײַנע באקאנטע, יעדן דערזען אין זײַן באזונדער געשטאלט, אין זײַן באזונדער אויסזען.

ער איז געווען איבערראשט פונעם הימל, פון דער ערד, פון דער זון, לעוואָנע און שטערן, פונעם רויך, פײַער, וואסער,ביימער און גראָזן. און ווו ער איז געגאנגען, האָט ער פון האנט ניט ארויסגעלאָזט דעם פארביקן בוקעט מיט בלומען, און פון גרויס פרייד האָט ער אים אלע מינוט געהויבן אין דער הייך:

— ווי פארביק, שיין די ליכטיקע וועלט זעט אויס...

די דרײַ טעג זײַנען פֿאַרשוווּנדן ווי דרײַ רעגעס, און ווידער איז גע־קומען די פֿינצטערע נאַכט און פֿאַרווישט אַלץ פֿון זײַנע אויגן.

דער בלינדער האָט געוויינט, געריסן פֿון זיך די האָר און געהאַלטן אײן אײַן שעלטן דעם בייזן קישעפֿמאַכער.

— וואָס האָסטו צו אים? — האָבן אים מענטשן געפּרוווט באַרויִקן. — פֿאַרקערט, דו דאַרפֿסט אים דאַנקען, וואָס וויינסטו? דו ביסט דאָך בלינד געווען דײַן גאַנץ לעבן, און זעעוודיק — ניט מער ווי דרײַ טעג.

— אָט די דרײַ טעג האָבן מיך געפּאַטערט, — האָט דער אומגליקלעכער מענטש אַלץ געוויינט און געוויינט. — אַז איך בין געווען בלינד, האָב איך זיך צוגעוווינט צו דער פֿינצטערניש. אָבער איצט, ווען כ׳האָב דערזען, ווי שיין און פֿאַרביק די וועלט איז, קאָן איך מער ניט און וויל מער ניט זײַן בלינד. איידער אין אַזאַ פֿינצטערער געפֿענקעניש, איז שוין גלײַכער אינ־גאַנצן ניט לעבן...

אָט צו דעם בלינדן, וואָס איז געוואָרן זעעוודיק און דערנאָכדעם ווידער בלינד, איז ער, עזרע, איצט געגליכן.

זיי אַלע דאָ אין ליפּאָוועץ האָבן ניט געזען און ניט געהערט דאָס, וואָס ער האָט געהערט און געזען אין בערדיטשעוו. קיינעם פֿון זיי האָט פֿעדאָ־צער ניט אַנטפּלעקט די סוידעס פֿון דער נעגינע. קיינער פֿון זיי ווייסט ניט פֿון דער גרויסער ליבע צום פֿידל, און דערפֿאַר איז זיי דאָ אַלעמען בע־סער פֿון אים, הונדערט מאָל בעסער.

בונים

אין אָט די שווערע טעג, ווען עזרע האָט ניט געוווּסט וווּהין זיך אַהינ־צוטאָן, האָבן אים מאַמעס אַרײַנגעגעבן אַ נײַע נעשאָמע די אָנגעקומענע ייִדישע אַקטיאָרן. אינמיטן טאָג האָט זיך אין שטילן ליפּאָוועץ, מיט אַ גע־קלאַנג פֿון גלעקער און מיט אַ זינגערײַ, אַרײַנגעריסן אַ פֿול אָנגעפּאַקטער וואָגן מיט מאָדנע פֿאַרשוינען.

די לייצעס האָט געהאַלטן אַ הויכער ברייטביינערדיקער באָכער, אָנגעטאָן אין אַ קורץ קליידל און אין אַ שמאָל זשאַקעטל. לעבן אים זײַנען געזעסן צוויי כעווירעלײַט מיט פֿאַנצערס — באַ די זײַטן האָבן זיי געטראָגן שווערדן, אין די הענט האָבן זיי געהאַלטן פֿײַל און בויגן. אויף די הוטן פֿון די צוויי אַקטריסעס האָבן זיך טעלעפּעט גרויסע גרינע פֿעדערן.

אַ באָכערל מיט קאָסאָקע אויגן, וואָס איז געזעסן רעכטס פֿון די צוויי אַקטריסעס, איז געווען אָנגעטאָן אין אַ קיטל מיט אַ יאַרמלקע. אַ צווייטער — אין אַ בלויע כאַלאַטל, אַרומגעבונדן מיט אַ גרינעם גאַרטל, און אויפֿן קאָפּ — אַ רויט ספּאָדעקל מיט אַ שוואַרץ קוטעסל. אַ דריטער, וואָס איז געזעסן אין עק וואָגן, די פּיס אַראָפּגעהאַנגען, איז געווען אויסגעשמירט, שוואַרץ ווי די ערד. דאָס האָט נאָך ווײַסער געמאַכט זײַנע שטשירענדיקע ציין.

דאָס גאַנצע שטעטל, קליין און גרויס, איז אַרויס אַנטקעגן.

— אוי, יִשמאַיילי! אַט יענער איז יִשמאַיילי, א טערק! אַן עמעסער טערק! — ווײַזט עמעצער אַן מיטן פינגער, און אלע האלטן אים אונטער.

— אוואדע, אוואדע, אַט דער מיטן רויטן ספּאַדעקל.

— אויב אזוי, וואלגערט אײַן דעם אויוון, מיר האָבן א גאסט, אונדזער שוועסטערקינדל איז געקומען.

— און דער איז ווער? — טײַטלט מען פון אלע זײַטן אפן שווארץ אויס־געשמירטן מיט די שטשירענדיקע ווײַסע ציין.

כעוורע קליינווארג שרײַען, פּילדערן, קלעטערן אף די פּלויטן, כאפּן זיך ארוף איינער אפן צווייטן רײַטנדיק — זיי ווילן דאָ גאָרניט דורכלאָזן, אלץ דארפן זיי דאָ זען.

וואָס געדיכטער ס׳ווערט דער אוילעם, אלץ אָפטער הייבט זיך אָן אָפּ־שטעלן דער וואָגן. די אקטיאָרן הייבן אָן ווײַזן זייערע שטיק, זיי לויבן זייער טעאטער:

טײַערע יִדישע קינדער,
הערט א וווּנדער,
א טעאטער א יִדעש —
גאָר א כידעש.
מע שפּילט שטיקלעך,
גאָר אנטיקלעך,
פון הער גאָלדפאדען אליין
פארפאסט זייער שיין.

— קאָמעדיאַנשטשיקעס! פּורים־שפּילער! לייצים! — טראָגן זיך פון אלע זײַטן געשרייען. די אקטיאָרן זינגען נאָכאמאָל די ליד, וואָס פארבעט דעם אוילעם אין טעאטער.

— יִדן, אין א גוטער, מאזלדיקער שאָ, הײַנט אין טעאטער, — געזעגע־נען זיך דערווײַל די אקטיאָרן מיטן נאָכגייענדיקן אוילעם. — אדיו! אדיו! — פּאָכען זיי מיט די הענט.

דעם זעלבן טאָג האָט זיך עזרע באגעגנט מיט די אקטיאָרן בא זײַן ברודער לייבלען אין שטוב. דאָרט איז ער געוואָר געוואָרן, אז די טרופּע איז געווען גאָר א גרויסע. נאָר אזויווי די געשעפטן זײַנען געגאַנגען שלעכט, האָבן זיי זיך צעקריגט און צעטיילט אף צוויי באזונדערע טרו־פּעס. בא די, וואָס זײַנען געקומען אהער קיין ליפּאָוועץ, זײַנען געבליבן די בעסטע שטימען. האָבן יענע פאר קינע און פארדראָס זיי אָפּגעטאָן א מיִעס שפּיצל — צוגעגאנוועט די נאָטן, אז זיי זאָלן ניט האָבן וואָס צו זינ־גען. איז מען איצט געקומען צו לייבלען, ער זאָל זיי ארויסראַטעווען.

בא לייבלען איז דאָס שוין ניט קיין נאָווינע. שוין ניט איין אוקראַיִני־שער אָדער יִדישער אקטיאָר איז געקומען צו אים הויל אָן איין נאָטן־בלאַט, און ער, לייבל, האָט אים אופגעשטעלט אלץ ווי געווען. דער אק־טיאָר זינגט אויס, וואָס ער געדענקט, און לייבל צעשרײַבט די פּארטיטור.

מער פון אלע אקטיאָרן האָט בא עזרען אויסגענומען דער אָנפירער פון דער טרופּע, דער קאָמיקער בונים מיטשטוק. מיטשטוק האָט מען אים גע־רופן פאר זײַנע שטוקעס, פאר זײַנע קלוגע קאָמעדיאַנטישע אײַנפאלן.

בונים איז דער העכסטער און שענסטער פון אלע. בא אים איז א גרוי־סע געדיכטע קודלע שווארצע האָר, גרויסע, עטוואָס גרינבלעכע אויגן, פּיס,

וואָס קאָנען ניט אײַנשטיין אויף איין אָרט, און א מויל, וואָס מאכט זיך גאָר ניט צו.

— יענע קאָמפּאַניע, וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט, איז אויסגעגאנגען, איך זאָל פאָרן מיט זיי. נאָר וואָס וועל איך דאָ אויסבײַטן — א פאראיאָריקן לועך אויף אן אָפּגעשמיסענער הוישײַנע? איין רועך און איין טײַוול. מישו־לימקע דער גלאָוונער פון יענער קאָמפּאַניע איז א מאמזער בען האנידע. ער וועט דיר אראָפּדרייען דעם מארך, מיטן פארך, מיט לײַב־און־לעבן. ער איז שוין איינמאָל א פארך. און א פארך טאָר ניט זײַן קיין ראָש־האקאָהאָל, ווײַל ער האָט געגוג זײַן אייגנס צו טראָגן אויפן קאָפּ. נאָר כאפּט אים דער וואַטנמאכער. קאָפּ אין קעסטל, קעסטל אין דער ערד. איז אָט, ווי איר זעט, בין איך געבליבן מיט די פּוטהאלבן אקטיאָרן. אז ס׳איז ניטאָ קיין מאזל, דאַרף מען ניט קיין יאָרן. וואָס טויג דער גוטער קאָפּ, אז די פיס קאָנען אים ניט טראָגן. איז וואָס זשע דאָס לויפן און דאָס יאָגן, אז ס׳איז ניטאָ מיט וואָס אָנצופילן דעם מאָגן. און איך האלט פון דעם קלאל, אז איידער האַרצוויטעק, איז בעסער בויכוויטעק. פון בויכוויטעק האָט מען כאָטש פרײַער פאַרגעניגן, מ׳עסט זיך גוט אָן. נאָר כאָכמעס אין דער זײַט, האָפּ, האָפּ, מיר איז איינס אין קאָפּ. איז וואָס זשע גייט מיר אָפּ, וואָס זשע פעלט מיר, ווילט איר וויסן?

בונים גיט א צענעם ברייט זײַנע הענט און כאפּט ציילן אויף די פינגער:

— א סטאָדאָלע, בענק, קליידער, אקטיאָרן, „דאָס פאָלק" — מיט איין וואָרט, מיר פעלט געזונט און לײַב־און־לעבן, אכוץ פּאַרנאָסע.

לייבל מיט עזרען פאַרגייען זיך פון געלעכטער, און די איבעריקע אקטיאָרן רירט עס ניט, זיי האָבן פּײַנט לאכן פון יענעמס כאָכמעס. זיי קאָנען זיך אליין כאָכמענען. נאָר דאָס האַרץ איז זיי ניט דערבײַ, דאָס קאָן נאָר בונים זיך איצט פאַרגינען פריילעך מאכן.

— ס׳איז גאָר ניט אזוי די מײַסע, דער הימל ליגט נאָך ניט אויף דער ערד, — וויל לייבל טרייסטן. — אין ליפּאָוועץ האָט מען ליב ייִדישן טעאַטער. וואָס שײַעך דער סטאָדאָלע — איז נאָך א רובל, און זי איז אײַערע. בענק און קליידער — דאָס איז שוין גאָר א קלייניקײַט. פאר א בילעט וועט מען אײַך אויסטאָן דאָס לעצטע העמד און עס אײַך אוועקגעבן.

— א מאָשל לעמעשקע, ווען די באָבע וואָלט געהאַט רעדער, וואָלט זי געווען א וואָגן, — שטעלט בונים אויס זײַנע צוויי הענט אנטקעגן לייבלס ערשט־ארויסגעזאָגטע ווערטער, ער וויל זיי ניט צולאָזן צום אויער, ער וויל פון זיי אפילע ניט הערן. — איר זאָגט אקטיאָרן, איז ווען זשע וואָלט עס געווען, ווען דאָס וואָלטן געווען אקטיאָרן. אָבער ווי זשע איז דער דין, אז איין דראַנג איז דאָ גרעסער פונעם צווייטן? אָט נעמט מיכלען, — ווײַזט בונים אָן אויף א מיטלווקסיקן באָכער מיט פּינטלענדיקע אויגן. — ער איז דאפקע ניט קיין שלעכטער „ליובאָווניק", נאָר ניט אויף דער סצענע. יאמויד האכאָסן מוישע־רוון, אָט קוקט אים אָן — ווי הויך ער איז, אזוי איז ער געהאַרגעט אין איוורע, א לאָמדן־מופלעג, א קאָפּ ווי א קופּ־לעק. מי־שעביירעך, אָט איז זישע, אײַנגעזונקען זאָל ער ווערן ווי קוירעך. ער קען שוין דאפקע יאָ איוורע, נאָר ער זאָגט זי ניט דאָרט ווו מע באַ־דאַרף — אָדער ער כאפּט אויס פרײַער, אָדער ער קומט שוין נאָך אלע

האיעמס. ער האָט ליב אַרײַנפּאַרן מיט די האַלאַבליעס אין לעכאָ־דוידי אַרײַן. און אָט איז אונדזער זאָקן רעב הערטשע — אַ קאָפּ מיט גראָװע האָר און מיט גרינעם סײכל. זײַנע ראַלן, װײַזט אױס, װעט ער שױן קענען אױף יענער־װעלט. און דער־אָ איז אונדזער טראַגיקער — שלומיע־שמועל איז זײַן נאָמען, — גיט בונים אַ כאַפּ פֿאַר דער האַנט אַ דיקלעכן פֿאַרשױן מיט אַ שטאַרק רױטער נאָז און פֿירט אים אַרױס פֿאַר אַלעמען.

שלומיע־שמועל מאַכט עטלעכע רעװעראַנסן און שטעלט זיך באַלד אין דער זײַט אױסהערן, װאָס בונים װעט דאָ װעגן אים זאָגן.

— איר קוקט אים אָן מיט זײַן האַדראַס־פּאָנעם און האַדראַס־נאָז, איז דאָס יענער שלימאַזל. דער יאַש פֿאָלגט אים ניט — ער שיקט אים אין בױך אַרײַן, און דער יאַש קריכט אים אין נאָז אַרײַן. װעײלו הײַן — אָט דאָס זײַנען מיר. איז אַקטיאָרן, הײסט עס, האָבן מיר. װאָס שײַעך פּובליקע... אָן דעם קאָן מען זיך ניט באַגײן. איז זאָגט איר, ס'װעט זײַן, איז גוט. כעװרע פֿלעצל, װאָס זשע שטײט איר? — גיט בונים אַ קאָמאַנדע. — מיכל און מױשע־רװון — נאָך בענק! אַ בענקל — אַ בילעט, פֿאַר אַ באַנק — צװײ. זישע און שלומיע־שמועל — נאָך בגאָדים! און איך מיט דעם יאַטל, — װײַזט בונים אָן אױף עזרען, — װעלן שױן דערקאַזשען אַלע איבעריקע זאַכן...

— װעװוריק, דו װעסט גײן מיט מיר? — װענדט זיך בונים צו עזרען. — איז האַלאַך מױשע, איז געהױבן פּיס.

צום אַלעם ערשטן האָט עזרע אױעקגעפֿירט בונימען צו באָרעך־גימפּ־לען. באַ אים אַרבעטן פֿיר שנײַדער־יונגען און זײער שאָכן געדאַליע. אָט דאָ האָט עזרע געװאָלט זען, װער װעט איבערשטײַגן אין כאָכמעס און אין גלײַכװערטער — דער קאָמעדיאַנט געדאַליען, צי געדאַליע דעם קאָמעדי־אַנט.

אַז זײ זײַנען אַרײַן צו באָרעך־גימפּלען, האָט געדאַליע באַלד אַ פֿרעג געגעבן באַ עזרען:

— װער איז אָט דער פּאָנעם־כאַלאָשעס? — און דערלאַנגט בונימען אַ ברײטן שאָלעם־אַלײכעם.

— מע קאָן פֿון מיר ניט נאָר כאַלעשן, נאָר אױך שטאַרבן, — שטעלט זיך בונים פֿאַר.

— שטאַרבן זאָלן די סאָנים, — זאָגט געדאַליע, און אַלע פֿיר שנײַדער־יונגען כאַפּן אונטער מיט אַ הילכיקן אָמײן און מע הערט אױף אַרבעטן.

— איז װאָס זשע װעסטו עפּעס זאָגן, שפּיל־פֿױגעלע מײַנער, װילסט עפּעס אַ רעכטן בעגעד זיך אױפֿנײען? — פֿאַרוקט געדאַליע די ברילן אױפֿן שטערן, באַטראַכט בונימען פֿון קאָפּ ביז די פּיס און הײבט אָן צו קאַטשען אױף דער האַנט די מאָס, װאָס הענגט באַ אים אױפֿן האַלדז.

— גוטע פֿרײַנט אױף טרעסקעניש און סאָנים אױף לאָפּעניש, דאַפֿקע ניט. מײַן בעגעד איז נאָך אין די מיטעלע יאָרן. און אױף דער עלטער איז אַ לאַטע אױף אַ לאַטע, און די שמאַטע איז אַ שמאַטע. נאָר לײסאַטע איז באָרעכאַטע, אַ דאַנק און אַ לױב דיר, ליבער טאַטע, — הײבט אױף בונים די הענט אין דער הײך, מאַכט אַ פֿרום פּאָנעם און גלאָצט מיט די אױגן.

די יונגען פּלאַצן פֿון געלעכטער.

— װאָס ס'האָט געזאָלט זײַן מיר, מײַן שװיגערס שניר און מײַן כאָסנס

קאלע, זאָל פאלן אף דײַן קאָפּ, — שטורכעט געדאליע גוטברודעריש בוני־מען אין דער זײַט.

— כעוורע, צו דער ארבעט, דער באלעבאָס קאָן נאָך ארײַן, — הייבט אָן קלאפּן מיט דער שער אין טיש אײנער פון די שנײַדער־יונגען, א גראָב־לעכער און שטארק נידעריקער — אז ער שטעלט זיך, דערלאנגט ער קוים דעם טיש, און אז ער זעצט זיך, זעט מען אים גאָר ניט ארויס.

— קוקט אים נאָר אָן, קוקט אים נאָר אָן, — פאלט אָף אים אָן בונים, — גרויס ווי א טאלעמאָטער אין א קליין סידערל, און האָט מוירע פארן באַ־לעבאָס, ווי א גרויסער.

— אזוי איז עס, — פארענטפערט אים געדאליע, — אף ווּעמען מע קאָן ניט קוקן, צו דעם מוז מען זיך בוקן.

— און איך זאָג פארקערט, — גיט בונים א וואָרף זײַנע הענט, גלײַך ווי אָט פארפאָרט ער עמעצן אין פּאָנעם, — אף ווּעמען מע קאָן ניט קוקן, דעם האקט מען איבער דעם רוקן. דער בעסטער טײַטש פון אלע טײַטשן איז קעלעוו — א הונט, און א הונט דארף מען געבן אן אָרט אפן בעסוילעם און דערצו זײַן לונג־און־לעבער אין האנט פאר א צאצקע, ס'זאָל אים דאָרט ניט זײַן אומעטיק.

— בראָך ס'טאָבאָי, זאָל זײַן ווי דו זאָגסט, — פארמאכט געדאליע אזש די אויגן פון פארגעניגן.

אויסגענומען בא דער כעוורע, איז בונים באלד געוואָרן היימיש און זיך גענומען פאָרשטעלן:

— איך בין אַן אקטיאָר, נאָר ניט אײנער בין איך, כאסכאָלילע, איך און ער, שוויגער און שווער, באָרעך און זאָרעך, א יינגל און א מיידל, און א פּאָר קלענערע און א פּאָר גרעסערע — מיכל, מוישע־רוון, זישע, הער־טשע, ברײַנע, טרײַנע, שלוימע אוכדוימע. נאָר ס'איז מיר אלץ ווייניק, איך דארף נאָך. ווער פון אײַך וויל האָבן דאָס גוטע יאָר און ווערן אַן אקטיאָר?

— יאָ, — כאפּט אונטער געדאליע, — ווילסטו באקומען די דאָר, טאָ ווער אַן אקטיאָר.

— סטראשעט ניט, — שלאָגט אים אָפּ בונים מיט אַן אנטקעגן־גראם, — ניט די געזונטע לעבן, ניט די קראנקע שטארבן, מע קאָן מיט דער דאָר אויסלעבן אלע יאָר. איז ווער?

— אָט דער, — גיבן אלע א ווײַז אפן גראָבלעכן, נידעריטשקן שנײַדער־יונג.

— ער? — פארקרימט זיך געדאליע. — ער קאָן, וויפל א קאץ אפן עק טראָגט אוועק. ער איז א בעריע, שוין אײנמאָל א האָז, ער פאלט אפן רוקן און צעקלאפּט זיך די נאָז.

— לאכט ניט, לאכט ניט, מע קאָן גאָר קײנמאָל ניט וויסן, בא ווּעמען דער אקטיאָר שטייט אײַן. בא מיר וואָלט פון אים געוואָרן א לײַט. ער איז ווי געבוירן געוואָרן פאר א שמענדריק.

— יעהאלעלעכא זאָר ועלוי פּיכאָ, א טאָ בודע ליכאָ! — פּרוּווט געדאליע בונימען אָפּקילן.

נאָר ווער־וואָס, בונים האָט זיך צעפלאקערט, ווי א העליש פײַער.

— איר וועט בא מיר ווערן גאָר אנדערע מענטשן. וואָס איר וועט וועלן, דאָס וועט איר זײַן. גראַפן איז גראַפן, קייסאָרים איז קייסאָרים, הײַנט אין סטאַמבול, מאָרגן אין פּאַריזש, איבערמאָרגן אין גוישען, אין האָצעקלאָץ. אין פּאַלאַצן וועט איר וווינען, די שענסטע טעכטער וועט איר זיך אויסקלײַבן, אײַך וועט זײַן אזוי גוט, אַז באַטאָג און באַנאַכט וועט איר האַלטן אין איין זינגען און אין איין טאַנצן.

בא די שנײַדער־יונגען האָבן די אויגן אָנגעהויבן ברענען.

— יאָ, מיר וועלן קומען, הײַנט אַפּדערנאַכט וועלן מיר קומען צו אײַך, — שרײַען אַלע פיר שנײַדער־יונגען אויס ווי איין מענטש.

— און איר? איר זײַנט דאָך דער עמעסער אַקטיאָר, דער געבוירענער קאָמיקער, פאַרוואָס זאָלט איר ניט קומען? — ווענדט זיך בונים צו געדאַליען.

— ע, — גיט דער פריילעכער געדאַליע אַן אומעטיקן מאַך מיט דער האַנט, — איך בין שוין צו אַלט. באַדאַרפט געוועזן קומען מיט אַ יאָר דרײַסיק צוריק, ווען אַלע איילוורים האָבן אין מיר געריעדט.

בונים מיט עזרען לאָזן זיך גיין הינטערן שטאָט צו די נייטערנס. עזרען אין די אויערן קלינגט אַלץ געדאַליעס ווערטער — „באַדאַרפט געוועזן קומען מיט דרײַסיק יאָר צוריק". אויך מיט אים וועט אזוי זײַן. ער וועט דאָ אין ליפּאָוועץ פאַרפאַלן ווערן. און ווען ער וועט שוין זײַן אזוי אַלט, ווי געדאַליע, וועט קומען עפּעס איינער אַ בונים אזא, וועט אים דערהערן שפּילן און זיך כאַפּן פאַרן קאָפּ: „וואָס וואַלגערט איר זיך דאָ אין דער בלאָטע, קומט מיט מיר אין דער וועלט ארײַן". און ער וועט ענטפערן: „באַדאַרפט געוועזן קומען מיט אַ יאָר דרײַסיק צוריק".

עזרע דערשרעקט זיך פאַר די אייגענע ווערטער.

אָט אים באַדאַרף מען מעקאַנע זײַן, — הייבט אוף עזרע די אויגן און באַטראַכט נאָכאַמאָל בונימען. — ער איז אַ קאָמיקער. אַ קאָמיקער — דאָס איז אַ מענטש, וואָס איז שטענדיק פריילעך, אים איז שטענדיק גוט אַפן האַרצן. טאָמער ווערט עמעצער פון די אַקטיאָרן אומעטיק אַף דער בינע און דער אוילעם צעוויינט זיך, איז דער קאָמיקער באַלד דאָ, ער טרײַבט אַוועק דעם אומעט, און דער אוילעם לאַכט, דער אוילעם קוועלט. גוט, וואָס אַהער קיין ליפּאָוועץ איז געקומען אַ קאָמיקער. ער וועט שוין פון אים ניט אָפּטרעטן. דריקט ער בונימען פעסטער פאַר דער האַנט, און בונים רעדט און ווערט גאָר ניט אַנשוויגן:

— אָט ווי איך גיי איצט מיט דיר זוכן אַקטיאָרן, אָט אזוי האָט מיט יאָרן צוריק געזוכט גאָלדפאַדען אַליין. הער זיך אײַן, צוציק מײַנער.

בונים טוט אַ צי דעם פּידזשאַק, קערט איבער דאָס היטל אַף דער לינקער זײַט מיטן קאָזיראָק אַף דער פּאָטיליצע, ציט אויס איין האַנט, די צווייטע טוט זיך אַ רודער גלאַט אין דער וועלט ארײַן, מאַכט צורעכט די פינגער און מיט אַ קנאַק פון צונג דוכט זיך, אַז ער האָט צוגעשפּיליעט אַ פּאָר קנאָפּקעס — דאָס ווײַזט ער פאַר עזרען, ווי גאָלדפאַדען איז ארויס אין אַ פראַק, אין אַ צילינדער און אין ווײַסע הענטשן אַף דער בינע פון יאַסער קאָנצערט־גאָרטן.

בונים הייבט אָן דעקלאַמירן, און באַלד רײַסט ער איבער מיט א סווישט־שערײַ און מיט א געשריי פון ווײַבערשע, מאַנצבלשע, גראָבע, דינע, קווי־טשענדיקע און שטיקנדיקע קוילעס: „וואָס איז דאָס פאַר א הוילעך, פאַר אַן אָנטאָן? וואָס איז דאָס פאַר א לאָשן? יאָלד אין קאַפּעליוש! אראָפּ פון דער בינע! דאָס געלט גיב אָפּ! מירן דיך מיימעסן! אין לײַלעכער וועט מען דיך באַלד ארויסטראָגן!"

— ווער ווייסט, וואָס ס'וואָלט געווען, — גייט בונים איבער פון שפּילן צו דערציילן, — ווער ווייסט, וואָס ס'וואָלט געווען, ווען איינער א נאַש־בראַט זאָל ניט געווען אַנטשעפּען באַרד־און־פּייעס, אפגיך זיך ניט געווען איבערטאָן אין א לאַנגן קאַפּטאָן, אין שיך מיט ווײַסע זאָקן, מיט א שטרײַמל און ארויסשפּרינגען מיט א „פּריילעכן כאָסידל". ווער ווייסט, וואָס ס'וואָלט געווען, ווען עטלעכע גוטע־ברידער וואָלטן ניט געכאַפּט גאָלדפאַדענען און אים באַלד ניט געווען אָפּפירן אַף א דראָזשקע אהיים...

בונים הייבט אוף זײַן האַנט און מיט דעם זעלבן טאָן, וואָס ער האָט ערשט ניט לאַנג דעקלאַמירט גאָלדפאַדענס ליד, פאַרענדיקט ער:

— דוכט זיך, נאָך אזא באַגעגעניש האָט גאָלדפאַדען געדאַרפט אַנט־לויפן פונעם טעאַטער. און גראַדע אין די טעג, ווען גאָלדפאַדען האָט זיך געשעמט ארויס אין גאַס, גראַד אין די טעג האָט ער א סאַך געטראַכט וועגן א יידישן טעאַטער.

איינמאָל שיקט גאָלדפאַדען רופן צו זיך גראָדנערן, דעם קעלער־זינגער, און זאָגט אים אזוי:

— איך וויל אײַך ארויסציִען פון קעלער, ס'איז קיין טאַכלעס ניט, אַז איר זאָלט בלײַבן נאָר בא לידלעך זינגען, שאַדע אײַער טאַלאַנט!

— אוואַדע ניט קיין טאַכלעס, — האָט זיך גראָדנער אָנגעכאַפּט. — נאָר וויאַזוי?

— פּאָשעט, — האָט אים גאָלדפאַדען געענטפערט, — איך וועל שרײַבן פאַר אײַך טעאַטער־שטיק און דראַמען. איך באַזיץ זייער פיל שיינע סו־זשעטן פונעם יידישן לעבן.

גראָדנער איז געוואָרן איבעראַשט פון אָט דער בסורע. עטלעכע מאָל האָט ער איבערגעפרעגט:

— איר שפּאַסט ניט? איר וועט זיך סקאָמפּאַנייען מיט א קעלער־זינ־גער?

— ניין, ניין, — האָט אים גאָלדפאַדען פאַרזיכערט, — עס איז ניט קיין שפּאַס, עס איז מײַן הייליקער כויוו, נאַט אײַך מײַן האַנט.

דאָס איז געווען גאָלדפאַדענס שוווע פאַרן יידישן טעאַטער.

אינגיכן האָט זיך אונטערגעכאַפּט א צווייטער קעלער־זינגער, איינער א גאָלדשטיין, א שיינער יונג — א קראַסאַוועץ. טאָג און נאַכט איז גאָלדפאַ־דען געווען מיט זיי צוזאַמען. אינייִנעם געגעסן, אינייִנעם געשלאָפן. איינ־מאָל האָט געטראָפן, אַז אינמיטן נאַכט איז גאָלדפאַדענען אופגעקומען עפּעס א טעאַטער־שטיק, האָט ער גלײַך אופגעוועקט גראָדנערן מיט גאָלד־שטיינען און ביז טאָג מיט זיי אויסגערעפּעטירט די האַווײַעס, די לידלעך, די טענץ.

עזרען קומען ארוף אפן זינען פעדאָצערס ווערטער: „שפילן דארף מען שטענדיק — באַם עסן, באַם טרינקען, ווען מע גייט אין גאַס, ווען מע זיצט אין שטוב, אין כאָלעם אפילע".

— איינמאָל, דו הערסט, באָכערעץ, ס'איז נאָך געווען זייער פרי, גאָט איז נאָך געשלאָפן, קלאפּט אָן צו גאָלדפאדענען איינער אַן אקטיאָר. גאָלד־פאדען לויפט ארויס און פארשטעלט אים דעם וועג און לאָזט אים ניט אריַין; דער אקטיאָר ווערט רויט, פארשעמט, ער קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען.

גאָלדפאדען צעלאַכט זיך און גיט אים א וויַיז מיטן פינגער אפן דיל. דער אקטיאָר טוט א קוק, ערשט דער גאנצער דיל איז פארשריבן מיט קריַיד.

— וואָס איז דאָס? — גיט ער אים א פרעג.

— דו פארשטייסט, — זאָגט אים גאָלדפאדען, — אינמיטן נאַכט איז מיר איַינגעפאלן א גאָלדענע סצענקע... איך גיב זיך א כאַפּ, ערשט ס'איז ניטאָ ניט קיין פּאפּיר, ניט קיין טינט און פעדער. און די סצענקע, אָט־אָט אנט־לויפט זי, און פארפאלן, גיי כאַפּ זי. האָט זיך דער אייבערשטער אָף מיר מערחעם געווען און מיר צוגעשיקט א שטיקל קריַיד, האָב איך פארשריבן דאָ דעם גאנצן דיל.

— דו ווייסט, וויאזוי מע האָט גערופן גאָלדפאדענען, — גיט בונים א קוק עזרען אין פּאָנעם אריַין. — אווראָם אָווינו, דער פאָטער פון יידישן טעאטער. און דער פאָטער האָט ניט געהאַט מער ווי צוויי קינדער — מיין איך צוויי אקטיאָרן. צוויי און ניט מער, — הייבט בונים אוף צוויי פינ־גער. — און וואָס זיַינען צוויי אקטיאָרן פאר גאָלדפאדענען? גאָרניט. ער האָט אזויפיל ציקאווע פארשוינען אָף צו באקענען דעם אוילעם, איז וואָס קאָן מען מאכן מיט צוויי אקטיאָרן? אז כעוורע־פלעצל האָט דערהערט, אז גאָלדפאדען זוכט אקטיאָרן, איז ווו נאָר א מעשוירער, ווו נאָר א פּור־רים־שפּילער, ווו נאָר א לעץ און ווו נאָר א פריילעכע בריַיע, האָט עס אים געצויגן צו גאָלדפאדענען...

— אָט, פּונקט ווי צו פעדאָצערן, — דערפרייט זיך עזרע.

פעדאָצער, דערציילט מען, האָט די ערשטע צײַט אויך געזוכט טאלמי־דים, און איבער יעדן טאלמיד האָט ער זיך געפרייט, ווי איבער א געפּור־נענעם אוצער. און דערנאָך, שפּעטער־צו, האָבן די טאלמידים אים געזוכט. וויַיל פּונקט ווי דער גוטער טאלמיד דארף האָבן דעם גוטן רעבן, אזוי דארף דער גוטער רעבע דעם גוטן טאלמיד. פעדאָצער פלעגט דעם געדאנק שטענדיק אויסדריקן מיט די ווערטער: „ווי דאָס קינד מוז זויגן, אזוי מוז די מוטער געזויגן ווערן"...

עזרע שטעלט זיך פאָר: מיט יאָרן שפּעטער וועט ער, ווי פעדאָצער, ווי גאָלדפאדען, ארומגיין ווו די וועלט האָט אן עק און וועט צונויפקליַיבן א סאך טאלמידים. ער וועט זיי לערנען און זיי איבערגעבן אלץ, וואָס ער האָט איבערגענומען. ער וועט זיי דערציילן וועגן פעדאָצערן און וועגן גאָלדפאדענען. זיי וועלן זיי באוואונדערן און זיך בא זיי אָפּלערנען, ווי מע דארף ליב האָבן קונסט. גוט, זייער גוט, וואָס בונים דערציילט אים איצט אזויפיל וועגן גאָלדפאדענען, עס וועט אים צוניץ קומען.

בונים רעדט מיט אלץ מער באגײַסטערונג, גלײַך ווי ער האָט זיך דער־ווּסט, וואָס עזרע האָט ערשט געטראַכט, גלײַך ווי ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס אַלץ וועט דערציילט ווערן פאַר דורעס.

— דו הערסט, יאטל, גאָלדפאַדען גייט איינמאָל אַזוי דורך פאַרבײַ אַ קעלער און ער דערהערט, ווי איינער א שוסטער שעלט דאָס ווײַב. גאָלד־פאַדען ווערט צוגעזאָטן צום אָרט. ס׳זײַנען ניט קיין קלאָלעס, — זאָגט ער, — דאָס זײַנען פּערל, ברילִיאַנטן. סאַראַ יאַדערדיק לאָשן. דאָס איז אַן אַקטיאָר פון זײַן ליבן נאָמען. און באַלד טאַקע האָט ער פאַר דעם שוסטער אָנגעשריבן אַ ראָל... הײַנט ווו האָט ער מיך געפּאַקט?

— אײַך? — שרײַט אויס עזרע.

— יאָ, מיך, מיך אַליין, — ווײַזט אָן בונים עטלעכע מאָל אַף זיך.

עזרע דערזעט מיטאַמאָל פאַר זיך גאָר אַן אַנדער מענטשן, און אים ווילט זיך דערוויסן, צי אָט דער נײַער מענטש איז טאַקע בונים.

— איז אָט, אין איין שיינעם פרימאָרגן שטעלט זיך אַרײַן גאָלדפאַדען צו אונדז אין בעקערײַ. איך שטיי באַם אויוון און כאַכמע זיך. איז זיך מעיאשעוו גאָלדפאַדען און גיט מיר אויסגאָב. איך איין כאַכמע, און ער צוויי. זיך אָפּגעכאַכמעט, גיט גאָלדפאַדען א ברום א ניגנדל. דאָס ניגנדל האָט מיך אַ ברי געטאָן, גלײַך ווי א פלאַם פון אויוון איז מיך באַפאַלן. איך האָב זיך צעזונגען, אַז מע האָט מיך גאָר ניט געקאָנט אָפּשטעלן. אַף מאָרגן האָב איך פאַרלאָזט די בעקערײַ און געוואָרן אַן אַקטיאָר.

— איר האָט אַליין געקענט גאָלדפאַדענען? איר האָט אַליין געשפּילט באַ אים? — וווּנדערט זיך עזרע, און ער קאָן זיך גאָר קיין אָרט ניט געפי־נען, אָט איז ער באַ בונימען פון דער רעכטער זײַט, אָט פון דער לינקער, און אָט פאַרלויפט ער גאָר פאָרויס און כאַפּט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל אַ קוק אין בונימס פּאָנעם, אין בונימס אויגן, אין די אויגן, וואָס האָבן אַליין געזען גאָלדפאַדענען.

— דו פרעגסט, צי איך האָב געשפּילט? נאָך א מין שפּילן. ס׳האָט גע־ברענט אונטער די הענט, ס׳האָט געפלאַקערט אונטער די פיס. און אַז מע האָט זיך צעזונגען, האָבן אַזש די ווענט געזונגען. איז אַ קאָמישע סצענקע, איז פרעג ניט, ברודער, פאַלט דאָס פּובליקום פון די בענק. מיר האָבן געגעבן אַ שפּיל „ברײַנדעלע קאָזאַק", „צוציק און מוציק", „אַ שמענדריק", האָט דאָס פּובליקום שיר ניט אײַנגענומען די מיסע־מעשונע אַפן אָרט. און אַצינד... — באַוויַזט ניט בונים ווײַטער צו דערציילן אַ נײַע געשיכטע און ער כאַפּט אונטער די ליד פון די בייטערנס, וועלכע ער האָט באַגעגנט באַם אַרײַנגאַנג אין אַ נידעריק, קליין שטיבעלע.

— קראַסאַוויצעס, וואָס זײַנט איר אַנשוויגן געוואָרן? — גיט בונים גוט־ברודעריש אַ פּאַטש מיט די הענט. — וואָס איז דאָס פאַר אַ קאַבאָלעס־פּאָנעם? בעסער אַ פאַלשער גוטמאָרגן, איידער אַן עמעסער שוואַרציאָר!

די בייטערנס הייבן אוף די אויגן, הייבן זיך אָן רויטלען, נאָר גלײַך פאַרבאַהאַלטן זיי די אויגן צוריק אין די שטיקלעך אַרבעט, וואָס זיי האַלטן אין די הענט. נאָר בונים לאָזט זיי ניט צורו:

— איר האָט געפּאַקט אַן אויצער, טאָ לאָזט אים ניט אַרויס פון האַנט. איך זוך אַ קאַלע מיט ליכט, און אָן נאַדן. און אַליין, זאָלט איר וויסן, בין

איך א גאָלדשפּינער און א פּריזיוויִעטער. און א באָכער נאָכן פּריזיוו, א כאַזער נאָך קאַלייִד און אן אינדיק נאָך פּייסעך האָבן צו זיך קיין גלײַכן ניט.

די נייטערנס הייבן ווידער אוף די אויגן און צעשמייכלען זיך. בונים האלט זיך נאָך אין פאַרשטעלן:

— קוקט ניט, וואָס איך בין א ביסל קאַפּצענעוואַטע, דערפאַר בין איך ניט טאַמעוואַטע, ניט היקעוואַטע, ניט פאַרכעוואַטע, און די אויערן זײַנען בא מיר ניט פאַרלייגט מיט וואַטע. און מײַן טאַטע? מײַן טאַטע שטאַמט אַזש פון אָדעם האָרישן. מיידעלעך, טעכטערלעך, באָסיעכידקעלעך און מיזינקעלעך, בעסער עסן הינערשע יויך מיט הילצערנע לעפל, איידער קרופּניק מיט זילבערנע לעפל.

די נייטערנס הייבן זיך אוף פון די ערטער, און יעדע איינע באַזונדער טראָגט אים אונטער א בענקל.

בונים פאַרנייגט זיך און דאַנקט אָפּ דזשענטלמעניש. ער ווייסט שוין, אַז ער האָט געוווּנען דאָס האַרץ פון די נייטערנס, אָן אַקטריסעס וועט ער שוין ניט אַוועק.

בונים געזעגנט זיך, און ער זאָגט צו, אַז פאַר די אַקטריסעס, וואָס ער האָט דאָ אָנגענומען, וועט ער ארײַנלאָזן אין טעאַטער אַלע נייטערנס אומזיסט, אָן א קאָפּקע געלט.

— מיר האָט הײַנט אָפּגעגאָלטן בעסער פון גאָלדפאַדענען, — הייבט אָן בונים אַזש רײַבן די הענט פון צופרידנקײַט באַם ארויסגיין פון שטיבל.

— מיט וואָס? — פרעגט אים עזרע.

— וואָס הייסט מיט וואָס? מיט מיידלעך. ווען דו, יאַטל, ווייסט, ווי גאָלדפאַדען האָט זיך אָנגעליטן פון די מיידלעך, וואָלסטו בא מיר ניט געפרעגט. דאָס מיִעסטע מיידל האָט ניט געוואָלט שפּילן די שענסטע ראָל אין טעאַטער. פאַר א מיידל איז עס טאַקע געווען א גרויסער ניסאָיען, גיין שפּילן אין טעאַטער האָט באַטײַט — באַקומען א שלעכטן שעם, פאַרזיצן ביזן גראָוון צאָפּ. און ווען גאָלדפאַדען האָט שוין מיט גרויסע צאָרעס געפּאַקט איינס א דינסטמיידל, האָט זי אויסגענומען, אַז ארויס א פאַרשטעלטע אָף דער בינע וועט זי נאָך ווי־עס־איז ארויס, נאָר ריידן ניט, מע וועט זי באַלד דערקענען לויטן קאָל, און זי איז אָן אומגליקלעכע אָף איר גאַנץ לעבן — קיין שום באַלעבאָסטע וועט זי דערנאָך ניט וועלן צונעמען פאַר א דינסט.

און גאָלדפאַדען האָט געמוזט פאַר איר אָנשרײַבן א ראָל אָן ווערטער, א ראָל פון א שטומער. אָן ווײַבער, ברודערל, איז געווען זייער שלעכט, מיר אליין האָבן זיך געדאַרפט פאַרשטעלן פאַר ווײַבער... נאָר נאָך ערגער איז געוואָרן, אַז ס'זײַנען צוגעקומען טעלעכע ווײַבער, זיי זײַנען בא זיך געווען אַזוי גרויס, אַז מע האָט פון זיי ניט געקאָנט אריבערטראָגן. אָט זײַנען זיי בא אונדז, און אָט לויפן זיי אריבער אין א צווייטער טרופּע. אָט מאַניען מיר זיי איבער פון דער צווייטער, און זיי פאָרן שוין אום ערגעץ אין א דריטער.

נאָר עזרע וויל וויסן, וואָס האָט בונים געוואָלט דערציילן וועגן זיך פאָרן ארײַנגיין צו די נייטערנס.

— וואָס זשע איז אצינד מיט אײַך? איר האָט דאָך געוואָלט עפּעס דער־ציילן? — לאָזט עזרע בונימען ניט צורו.

— אצינד איז ניט גוט, — ווערט בונימס שטים גלײַך אײַנגעשטילט, און דאָס פּאָנעם ענדערט זיך. — פאַרשטייסט, פון דעם ערשטן טאָג אָן בין איך פון גאָלדפאַדענען ניט אָפּגעטראָטן, איניינעם איבערגעטראָגן אַלע ליידן און פריידן. און דאָך האָבן מיר זיך געמוזט צעשיידן. גאָלדפאַדענס טרופּע איז פון טאָג צו טאָג גרעסער געוואָרן און די פאַרדינסטן קלענער און קלענער. די גרויסע טרופּע האָט לאַנג ניט געקאָנט אויסהאַלטן. און זיך צעשאָטן אין טרופּעלעך. יעדער גאַרנישט אין אזא טרופּעלע האָט זיך גע־האַלטן פאַר א גאָלדפאַדען. אין אזעלכע טרופּעלעך, ברודערל, איז מען גע־וואַקסן אָף צוריק, דער בעסטער אַקטיאָר איז געוואָרן אויס אַקטיאָר. וויל־סטו וויסן, ווי עס האָבן אויסגעזען יענע טרופּעלעך, וואָס זײַנען געוואַקסן ווי שוואָמען נאָך א רעגן, גיב א קוק אָף דער טרופּע, וואָס איך האָב גע־בראַכט אהער קיין ליפּאָוועץ. אָט די טרופּע מײַנע, — מאַכט זי בונים צונישט מיט איין באַוועג פון האַנט, — איז א נאָכקרימעניש אָף טעאַטער. אוי, ווי שווער ס'איז מיר מיט אָט דער כאַווריאַ. אין אָנהייב האָב איך געטראַכט — עפּשער איז עס אָף א ווײַלע, עפּשער וועט זיך עס איבער־דרייען, טאָמער. און טאָמער איז דאָך פּאָרט בעסער ווי פּאָמער, און איצט זע איך אַרויס, אז נאָר א נאַר ווערט אין כאָלעם רײַך. מיט איין וואָרט, ס'איז האַקל־העוול, ס'איז ניט גוט. מײַן ראָליע איז שוין אָפּגעשפּילט, — צעפּירט בונים הילפלאָז מיט די הענט, — וויבאַלד אָן גאָלדפאַדענען, איז וואָס טויג עס איינגאַנצן.

עזרע גיט אזש א ציטער. ווו איז ער אהינגעקומען, דער קאָמיקער, דער פריילעכער בונים, וועמען ער איז ערשט אזוי שטאַרק מעקאַנע געווען?

— בא מיר איז אויך אזוי, — האָט עזרע איצט געפונען דעם פּאַסיקן מאָמענט אָף זיך פאָרשטעלן, — איך האָב זיך אָפּגעלערנט אַנדערהאַלבן יאָר בא פעדאָצערן, און איצט בין איך דאָ אין ליפּאָוועץ...

— דו ביסט א פידלער? דו האָסט זיך געלערנט בא פעדאָצערן? זע, און איך האָב גאָר ניט געוווּסט! וואָס האָט איר באַלד ניט געזאָגט? — הייבט בונים אָן פון איבערראַשונג מיטאַמאָל אירצן אים. — זע, ס'איז דאָך זייער גוט, וואָס מיר האָבן זיך דאָ באַגעגנט. זע, א מאָדנע זאַך, ווי איין גורל בא אונדז ביידן. איר שפּילט, מיין איך, דו שפּילסט, און איך שפּיל. — פּלאָנטערנדיק זיך צווישן „דו" און „איר", רעדט שוין בונים אַלציינס פאַר עזרען, ווי פאַר זײַנעם א כאַווער, ווי פאַר זײַנעם א גלײַכן. — דו האָסט זיך געלערנט, און איך האָב זיך געלערנט. איר בא פעדאָצערן, און איך בא גאָלדפאַדענען. און ביידע האָבן מיר זיי אָנגעווירן, איז לאָמיר זײַן צוזאַמען.

— אַוודע צוזאַמען, — האָט עזרע געפּירט בונימען צו זיך אהיים.

דעם טאָג, וואָס עזרע מיט בונימען האָבן פאַרבראַכט מיט אַרעלע מיאַ־טעזשניק און מיט יאַנקל קירזשנער, איז געווען דער סאַמע שענסטער טאָג פאַר דער גאַנצער צײַט, וואָס זיי זײַנען געווען צוזאַמען.

אַרעלע מיאַטעזשניק האָט אויסגעטאַנצט אַלע זײַנע טענץ, און יאַנקל קירזשנער האָט אויסגעזונגען אַלע זײַנע לידער. בונים איז געווען אזוי

איבעראשט, אז, קומענדיק אהיים, האָט ער געהאלטן אין איין ריידן בלויז וועגן טעאטער.

— קיין שטאַרקערע קראַפט, ווי טעאטער, איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. וואָס האָבן מיר, גאָלדפאַדענס אַקטיאָרן, ניט איבערגעלעבט. געוואַנדערט, ווו געטאָגט, איז ניט גענעכטיקט. קעלט, הונגער, ביזיוינעס פון כסידים, סקאַנדאַלן פון גווירים און אַריסטאָקראַטן, א מיסע־מעשונג אויף זיי, — קאָן זיך שוין בונים ניט איינהאַלטן. אז ער דערמאָנט דאָס וואָרט אַריסטאָקראַט, מוז באַלד בא אים קומען א זידלוואָרט, גלייך ווי נאָך א גוט־מאָרגן — א גוט־יאָר.

— נאָר וואָס פאַר א ווערט האָט עס אַלץ געהאַט, ווען דו האָסט באַקומען א ראָל. אז ער, אווראָם, האָט געזאָגט דעם אָדער יענעם אַקטיאָר: „איך וועל פאַר דיר אָנשרייבן א ראָל", איז עס געווען די גרעסטע באַלוינונג, זיינען אַלע צאָרעס פאַרשוווּנדן. גאָלדפאַדען האָט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין ניט געשריבן קיין ראָלן. ווי א שניידער נעמט אַראָפּ א מאָס, אַזוי פלעגט ער אַראָפּנעמען א מאָס פון דעם אַקטיאָר. ער פלעגט אויסלערנען זיין הוילעך, זיין גאַנג, זיינע פּאָסטעמקעס, זיין כאַראַקטער, און די ראָל פלעגט שוין זיין ווי באַשאַפן פון שיישעס יעמיי ברייישעס פאַר אים. דו ווייסט, וואָס דאָס באַטייט שפּילן א ראָל? דו קאָנסט זיך אַריבערטראָגן מיט טויזנטער יאָרן צוריק, דו קאָנסט ווערן דער מענטש, וואָס איז נאָך גאָר ניט געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט. דו קאָנסט שפּילן א מיילעך, א גאַזלען, א מעזעג־טאָוו, אַלץ אין דער וועלט קאָנסטו זיין. נאָר וואָס ס'זאָל פון מיר ניט ווערן — בין איך בונים — איך! איך דאַרף אין זיך אַליין אָפּוועקן ווילדקייט, רישעס, גוטסקייט, ראַכמים, קאַס, ליבע, סינע, גווורע, כאָכמע, נאַרישקייט. און אויב דאָס אַלץ באַקומט זיך, איז א סימען, אז בא דיר איז א ברייט האַרץ. דער צושויער באַוווּנדערט דיך, ער אַפּלאָדירט, ער שרייט אויס פון היספּיילעס דיין פאַמיליע, ווייל דאָס אַלץ קאָן ער ניט, ווי דו, אַרויסברענגען, ווייל דאָס אַלץ צוזאַמען פאַרמאָגט ער ניט אין אַזא קראַפט, ווי דו.

אַרעלע מיאַטעזשניק און יאַנקל קירזשנער, וואָס האָבן אַרויסגערופן בא בונימען אַזויפיל געדאַנקען וועגן טעאטער, האָבן אויפגערודערט אויך זיינע ווונדן.

— איך האָב נאָך אַזא טאַנצן ניט געזען. איך האָב נאָך אַזא זינגען ניט געהערט, — האָט בונים אַלץ ניט געקאָנט קומען צו־זיך. — אַרעלע מיאַטעזשניק און יאַנקל קירזשנער — דאָס זיינען דאָך צווי דימענטן, און אָט די דימענטן וואַלגערן זיך אין בלאָטע. איין טאַכלעס ווערט פון יעדן איינעם, וואָס געהער צו א נאַש־בראַט, און קאָנסט גאַרניט העלפן, — בונים זעצט זיך אַוועק אויף דער קאַנאַפּע און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ.

בונימס שמייכלענדיק פּאָנעם, דוכט זיך עזרען, האָט זיך פאַרקרימט אין א געוויין, און עס ווערט אים שטאַרק אומעטיק. עזרע דערזעט לעם בונימען שטיין דעם טאַטן, לייבלען, געדאַליע שניידער, אַרעלע מיאַטעזשניק און יאַנקל קירזשנער. אָט, דוכט זיך, וועלן זיי אַלע מיטאַמאָל נעמען שרייען און טיינען — פאַרוואָס? פאַרוואָס קומט עס זיי?

יאָ, פאַרוואָס קומט עס זיי?!

ניין, ער, עזרע, וועט דערגיין דעם וועג, וואָס זיי אַלע זײַנען ניט דער־גאַנגען. ער מוז דערגיין! — עזרע הייבט אָן שפּאַנען הין און צוריק איבערן צימער. אַן אָנגעלאָדענער מיט נײַגער צו די אומבאַקאַנטע וועגן, וואָס האָבן זיך מיטאַמאָל פאַר אים צעשפּרייט, גייט ער צו צו בונימען און נעמט אים וועקן פון זײַנע אומעטיקע געדאַנקען:

— וואָס האָט איר זיך פאַרטראַכט? הייבט אויף דעם קאָפּ, בונים!..

די ווײַסע מאַזורקע

די גלעקער אויף די העלדזער פון די דרײַ געשפּאַנטע לויפנדיקע פערד האָבן אַלעמען צו וויסן געגעבן, אַז עס פאָרט דער פּאַן וואַצלאַוו.

אויבנאָן אין שליטן איז געזעסן דער פּאַן וואַצלאַוו מיט אַ פאַנאַנדער־געשפּיליעטן פוטער, און די בערישע פעל איז צוליב דער אָדליהע געלעגן בא אים ניט אויף די פיס, נאָר אונטער זיי.

אַנטקעגן וואַצלאַוון זײַנען, ענג צונויפגעפּרעסטע, געזעסן שויעל דער לאַנגער, וואַסיל און פּעטער. עזרעס אָרט איז געווען לעבן דעם קוטשער.

די פרײַלעכקײַט, וואָס האָט אַלעמען דורכגענומען, איז געפאַלן פון דעם פוילן ווינטל און פון דעם גרוי־פאַרוואָלקנטן הימל, וואָס אָט־אָט, האָט זיך געדוכט, וועט ער אויספליוכען מיט אַ שלאַקסרעגן.

וואַצלאַוו הייבט זיך מיטאַמאָל אויף, און פאָכענדיק מיט דער האַנט, שרײַט ער צום קוטשער:

— פרענדזי! פרענדזי! גיכער! וואָס, דאָס האַרץ פאַרטראָגט דיר ניט אַ שמײַס געבן די פערד? צי עפּשער ווילסטו פריִער אַליין פאַרזוכן די בײַטש?

קאַזיוקן גיט אַ שלאָג דאָס בלוט אין פּאָנעם. אַן אָנגעצונדענער לאָזט ער אַראָפּ די אויגן. ס׳איז אים אַ כאַרפּע פאַר די מוזיקאַנטן. קאַזיוק רײַסט די לייצעס און שמײַסט די פערד. שמײַסט, ווו ער טרעפט נאָר. דאָס שמײַסן איז אַזאַ, אַז ס׳איז שווער צו זאָגן, צי פלײַסט זיך קאַזיוק און פּילט אויס דעם האַרס באַפעל, אָדער ער לאָזט אויס דאָס האַרץ און איז זיך נוקעם אין דעם האַרס פערד.

וואַסיל און פּעטער קוקן זיך איבער און ציטערן ניט־ווילנדיק אויף. די שרעק איז זיי פאַרבליבן פון יענע יאָרן, ווען זיי זײַנען נאָך ביידע געווען לײַבייגענע, ווען זיי ביידע זײַנען נאָך געווען הויף־מוזיקאַנטן. וואַ־סיל און פּעטער ווייסן גוט, אַז אַ פאָרעץ שפּאַסט ניט, זיי ווייסן גוט, אַז אַפילו צוליב אַ שפּאַס קאָן ער אומברענגען ניט איין לעבן.

ניט ווייניקער פון וואַסילן און פּעטערן ציטערט שויעל. ווי נאָר ער גיט אַ קוק אויפן פּאַן, כאַפּט ער זיך גלײַך פאַר דער באָרד. ווערט דער פּאָרעץ אין קאַס, איז דעמלט שטענדיק אויפן ערשטן פּײַער שויעלס באָרד. וויפל מאָל האָט מען זי שוין געצופּט, געריסן! עזרע דערפילט זייער שרעק, עס ווערט אים קאַלט, און ער רוקט אַראָפּ דאָס היטל, שטעלט אויף דעם קאָלנער.

נאָך בונימס אַוועקפאָרן פון ליפּאָוועץ פלעגט עזרע קימאַט אַלע אָוונט ארויסטרעטן אין ליפּאָוועצער קלוב. די סאָכרישע יונגעלייטלעך, די גווירישע זין און טעכטער שפּילן אין קאָרטן, אין ביליאַרד, און ער שפּילט זיי צו אַפן פידל. שפּילט עמעצער אויס, שרייַט מען אים: „אַ פריילעכס! אַ לעבעדיקס! אַז די ווענט זאָלן אַזש טאַנצן״. פאַרשפּילט עמעצער, בייזערט מען זיך אָף אים: „הער אויף! גענוג גרימפּלען אַפן פידל!״

באַטאָג האָט ער אויך קיין פרייַע מינוט ניט געהאַט. ער איז ארומגעלאָפן פון איין גווירישער שטוב אין דער צווייטער לערנען מיט די קינדער פידל־שפּילן.

און איצט? איצט איז גאָר אַן אומגליק. די פּריצים האָבן זיך דערוווּסט וועגן אים, און מע שלעפּט אים ארום פון הויף צו הויף, פון באַל צו באַל. אומעטום, איבער דער גאַנצער געגנט, שלעפּן אים די פּריצים ארום.

ערשט איצט, פאַרנדיק צום פּאַן וואַצלאַוו, דערפילט עזרע דעם זין פון פּעדאָצערס קלאָגן זיך: „איך נעם דאָס בעסטע, וואָס איך באַשאַף, ווי דער האָלצהעקער זייַן קאָזלע, זייַן זעג, און גיי זיך פאַרדינגען״.

איצט קלינגען אַזוי פאַרשטענדלעך פאַר אים בונימס ווערטער: „דאָס, וואָס דו פאַרמאָגסט, וועסטו באַלד פאַרשווענדן, צוקומען וועט דיר גאָרניט. און דו וועסט בלייַבן אַ פּוסטע, ליידיקע קיילע, וואָס קאָן נאָר איין זאַך — צעבראָכן ווערן אָף שאַרבנס״.

וואָס מאַכט עפּעס פּעדאָצער? צי געדענקט ער אים, צי האָט ער אים שוין לאַנג פאַרגעסן? ווו איז עלישע? ער לערנט זיך דאָך שוין אויך ניט בא פּעדאָצערן. און בונים? ווו איז בונים? ער שלעפּט זיך נאָך ארום איבער די שטעטלעך, צי ער האָט זיך געלאָזט איבער דער וועלט זוכן גאָלדפּאַדענען?

פאַר עזרעס אויגן צעקרייצן זיך וועגן. אַ סאַך וועגן — זאַמדיקע, בלאָטיקע. אָט שלעפּן זיך קוים צוויי בוידן — עס פאָרט פּעדאָצער מיט זייַן קאַפּעלע. און דאָרט בא אַ באַרג איז צוגעשטאַנען אַ בויד, די אַקטיאָרן שעלטן זיך, און בונים כאָכמעט זיך און לאַכט.

און אָט הערט ער אַ געקלאַנג פון גלעקער. ער דערזעט עלישען, אייַנגעקוטעט און אייַנגעהאָרבעט אָף דער קעלנע צוזאַמען מיטן קוטשער. דאָס פאָרט ער, עלישע, ווי ער, עזרע, ערגעץ צו אַ צווייטן פּאָרעץ אָף אַ באַל.

מע פאָרט!.. ווּהין פאָרט מען? — מע איז צוגעשטאַנען, מע בלאָנדזשעט, מע האָט זיך אַראָפּגעשלאָגן פון וועג...

קאַזיוק פאַרקערעוועט די פערד, ער וויל דורכפאָרן די בריק. דער פּאַן וואַצלאַוו צעשרייַט זיך:

— צוליב וואָס אָנלייגן אַזויפיל וועג, פאָר גלייַך איבערן טייַך.

עזרעס שווערע געדאַנקען רייַסט פּלוצעם איבער אַ טרישטשענדיקער אייַזבראָך. די פערד צעפאָרשקען זיך ווילד מיט די נאָזלעכער, צעהירזשען זיך מוירעדיק. זיי האָבן דערפילט אַ געפאַר, און פון שרעק בלייַבן זיי מיט די פאָדערשטע פיס אויסגעשטרעקט, ווי אויסגעהאַקט פון בראָנזע ערגעץ אַ דענקמאָל. עס צעטראָגט זיך אַן איימעדיקער געשריי. קאַזיוק קניט אָף

איינעם פון די פּערדישע רוקנס, גלײַך ווי ער קלײַבט זיך אָפּריכטן א געבעט.

וואסיל און פּעטער און נאָך זיי שויעל שפּרינגען ארויס פון דעם שליטן, זיי כאַפּן זיך אָן אין שטיקער אָפּגעבראָכענעם אײַז.

— עזרע, גלײַך אַף אונדז! שפּרינג גלײַך אַף אונדז! — שטעלן אים אונטער פּעטער און שויעל זייערע אונטערגעהויבענע פּלייצעס.

האלטנדיק דעם פידל אין דער הייך, גיט עזרע א שפּרונג. ער נעצט אײַן די פיס ביז די קנעכלעך. ער וויל, ווי אלע, שרײַען צו הילף, ער עפנט דאָס מויל, איז ניטאָ קיין איין קלאנג, קיין איין וואָרט — גלײַך ווי די אלע ווערטער זײַנען דערטרונקען געוואָרן דאָ אין פּאָלאָנקע. אים קלאפּט א צאָן אין א צאָן. עס טרייסלט אים אזוי, אז אָט וועט עס אים אראָפּ־שלײַדערן פון די פּלייצעס, וואָס האלטן אים געטרײַ אונטער.

דער איימעדיקער געשריי האָט צונויפגעזאמלט אהער צום טײַך די פּויערים פון דאָרף. דעם ערשטן, וואָס מע האָט ארויסגעראטעוועט, איז געווען עזרע. נאָכדעם האָט מען איינציקווײַז ארויסגעראטעוועט וואסילן, פּעטערן, שויעלן און קאזיוקן.

געבליבן איז דער פּאן וואצלאוו מיט דעם שליטן און מיט די פערד. די פערד האָבן זיך געגליטשט אַפן אײַז ארוף און אראָפּ. און דער שליטן — אָט ווערט ער פול מיט וואסער און גייט צום גרונט, און אָט גיבן אים די פערד א הייב אוף, דאָס וואסער צעכליופּעט זיך, און אָט איז ער שוין ווי־דער פול.

דער פּאן וואצלאוו איז געלעגן העכער האלב אין וואסער. אָנשטאָט באַ־פוילן, האָט ער איצט צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן זיך געבעטן: „ראַ־טעוועט מיך!"

צווישן די פּויערים האָט זיך אָנגעהויבן א קריגערײַ:

— זאָל ער גיין אַף יענער־וועלט, אַף דער־וועלט זײַנען דאָ גענוג פּריי־צים אָן אים, — קילט זיך דאָס הארץ א יונגער הויכער באָכער אין א לאנגן צעפליקטן פּעלץ.

— בא גאָט זײַנען אלע מענטשן אלציינס! — צעבייזערט זיך דער סטאַ־ראָסטע.

— טאָ גיי אליין!

— ברידער, האָט ראכמאָנעס אַף מיר, — בעט זיך קאזיוק מיט טרערן אין די אויגן, — ווער־ווער, נאָר איך וועל פארן פאָרעץ באצאָלן מיט מײַן קאָפּ. טוט עס צוליב מיר.

— סעליאַני! ברידער! קומט, קומט ארויסראטעווען! א ראכמאָנעס אַף קאזיוקן, — גיט זיך א יאָג צום טײַך דער יונגער הויכער באָכער. און אלע פּויערים נאָך אים.

אז עזרע האָט זיך אופגעכאפּט, האָט ער זיך דערזען ליגן אין דער מיט צווישן וואסילן און פּעטערן אַף א ברייטן אַפן־אויוון. אונטן אַף דער לעזשאנקע איז געשלאָפן שויעל. דער שטארק־אָנגעהייצטער אויוון, דער

פעלץ, מיט וועלכן עזרע איז געווען איינגעקוטעט, האָבן אים אזוי דער־וואַרעמט, אז ער האָט אזש געשוויצט.

ווײַזט אויס, היפּש אָפּגעשלאָפן — ווען ער האָט זיך געלייגט, איז גע־ווען עלף אינדערפרי, און איצט דאַרף שוין זײַן גאָר שפּעט. פון פענצטערל זעט ער בלויז עטלעכע הוידענדיקע פײַערלעך פון ברענענדיקע קינעלעך. און אַרום־און־אַרום איז פינצטער — דאָס דאַרף שלאָפט. ווען ניט פעטער, שויעל און די פויערים פון דאָרף...

עזרע ציט זיך אויס, צעקעמט מיט די פינגער די האָר, עפנט אויף און פאַרמאַכט, פאַרמאַכט און עפנט אויף עטלעכע מאָל די אויגן. ער לעבט! וויפל איז אָפּגעגאַנגען, ער זאָל שוין מער קיינמאָל ניט שפּילן אַפן פידל...

א קלאַפּ אין טיר האָט אלעמען אופגעוועקט. דאָס איז געקומען דעם פאָרעצס דינער זאָגן, אז די טענץ וועלן זיך אָנהייבן ניט פריִער ווי צוויי אזייגער באַנאַכט, און איצט איז ערשט נײַן. אזוי, אז די מוזיקאַנטן האָבן זיך ניט וואָס צו כאַפּן.

דער באַלעבאָס, א קורצוווקסיקער פויער, וואָס לאָזט קיינמאָל די ליולקע פון מויל ניט אַרויס, האָט געמאַכט ליכטיק אין שטוב. די באַלעבאָסטע האָט אײַנגעהייצט אין אויוון און זיך געשטעלט קאָכן וועטשערע פאַר די געסט.

די מוזיקאַנטן זײַנען אַראָפּ פונעם אַפן־אויוון און געבליבן זיצן אַף דער לעזשאַנקע. עס האָט זיי נאָך געטרייסלט פון קעלט. די אָנגענעצטעביינער, וואָס האָבן זיך אינדערפרי געשווענקט אין דער פּאַלאַנקע, האָבן זיך נאָך געגנוג ניט אויסגעטריקנט.

וואסיל שאַרט אָפּ פון מויל זײַנע לאַנגע וואָנצן, מאַכט פריִ דעם וועג פאַרן שמייכל, וואָס גייט איבער אין א הילכיקן געלעכטער:

— א פאַרגעניגן געווען הײַנט אינדערפרי צוקוקן, ווי דער פּאַן איז געלעגן אין פּאַלאַנקע.

— אויך מיר א פאַרגעניגן, — איז פעטער ניט מאַסקים מיט וואסילן, — א פאַרגעניגן וואָלט געווען, ווען מ'זעט דעם פּאַן ליגן אין קייווער.

— בא אונדז, ייִדן, זאָגט מען, אז אַף קיין בייזן פּאָרעץ טאָר מען קיין מאַפּאָלע ניט בעטן, ווײַל עס קאָן נאָך קומען אן ערגערער, — גיט א זאָג שויעל.

די מוזיקאַנטן ריידן זיך אויס דאָס האַרץ, דערציילן, ווי די פּריצים האָבן זיי א גאַנץ לעבן געקריוודעט.

— פון ווילטיק ווערן די פּריצים מעשוגע, זיי ווייסן שוין גאָרניט וואָס צו צוטראַכטן, — רופט זיך אָן וואסיל, ווען מען ס'ווערט ענג אײַנזיצן אַף דער לעזשאַנקע, — זיי מאַכן ווילד זייערע פערד, רייצן אויף זייערע הינט. איינער א פּאָרעץ האָט באַפוילן זײַנע דינער, אז קיינער טאָר מער קיין וואָרט ניט אויסריידן, אַלע מוזן זינגען, זינגען לויט די מאָטיוון, וואָס ער וועט יעדן איינעם באַזונדער פאַנאַנדערטיילן. „אײַער מאַיעסטעט! שוין צײַט עסן! דער טיש איז גרייט!" — פלעגט א טענאָר זיך פאַרגיין אַף די העכסטע טענער. „אַרײַן! אַרײַן! ביטע! דער פּאַן הייסט אַרײַן!" — פלעגט דער לאַקיי אויסזינגען אַף זײַן באַסאָווע שטים. „די פערד זײַנען אײַנגע־שפּאַנט! די קאַרעטע איז גרייט! אַלע וועגן זײַנען פאַר אײַך אָפן!" — דער קוטשער, דער באַריטאָן, פלעגט אזוי הילכיק זינגען, אז די פערד פלעגן

זיך איבערשרעקן. געווען באם פּאַרעץ א פידלער, וואסיע האָט ער געהייסן, אָט ווי איך. א גרויסער פידלער איז ער געווען. א סאך, א סאך יאָרן זײַנען שוין אוועק, און ביז איצט געדענקט מען זײַן שפּילן.

איינמאָל האָט אָט דער וואסיע פאר די געסט פון זײַן פּאַרעץ אויסגע־שפּילט אפן פידל א נײַע זאך, וואָס ער אליין האָט צוגעטראכט. אין דער נײַער זאך האָט ער אַרײַנגעלייגט זײַן גאנצע נעשאָמע, זײַן גאנצן פאר־דראָס און ווייטעק. דער פידל האָט ניט געשפּילט, דער פידל האָט געוויינט, געשריגן, געטײַנעט, זיך געבעטן. איר שטעלט זיך פאָר, וואָס פאר א שפּילן דאָס איז געווען, אז עס איז דערגאנגען אויך צו די אײַזערנע הערצער פון די געסט. אלע שרײַען אין איין קאָל:

— בראוואָ! ביס! בראוואָ! ביס!

דער פּאַן באפוילט זײַן לײַבייגענעם, זײַן פידל־קנעכט, נאָכאמאָל שפּילן דאָס זעלבע.

וואסיל שפּילט!

— נאָך! נאָכאמאָל! — שרײַען באגײַסטערט די געסט.

— נאָך! נאָכאמאָל! — באפוילט דער פּאַן.

וואסיל שפּילט!..

די פינגער בא וואסילן זײַנען געשוואָלן געוואָרן, עס האָבן זיך אײַנגע־שניטן אין זיי די סטרונעס, בלוט טריפט פון זיי. און דער צעווילדעוועטער פּאַן מיט א הויך אופגעהויבענעם פויסט באפוילט: נאָך! נאָך! נאָכאמאָל!..

וואסיל האָט שוין מער ניט געקאָנט אויסהאלטן. ער האָט א שלײַדער געטאָן דעם פידל, אַרײַנגעלאָפן אין קיך און מיט איין האק פונעם מעסער זיך אָפּגעהאקט די פינגער פון דער לינקער האנט.

עזרע האָט דערפילט א טיפן ווייטעק אין די פינגער פון זײַן לינקער האנט און ווי אן אָפּגעבריטער זיי צוגעטראָגן צו די ליפּן.

שויעל ברומט אויס א טיפן זיפץ, ווי דער זיפץ פון זײַן באָס.

— א פּאָהיבעל אף זיי אלע, אף אלע פּריצים, אין איין טאָג, — באוועגן זיך ארוף און אראָפּ די קנייטשן פון פּעטערס פּאָנעם, — אָט ווייס איך אפילע ניט, ווהין איז אהינגעקומען מײַן טאַטנס געביין. איינמאָל, ווען דער פּאָרעץ איז געווען קראנק, האָט דער טאַטע מײַנער צונויפגעקליבן אלע פּארובקעס און געשפּילט פאר זיי. אז דער פּאָרעץ איז וועגן דעם געוואָר געוואָרן, איז ער געוואָרן אָנגעצונדן:

— ער פרייט זיך מיט מײַן קרענק, וועט ער שוין דערפאר בא מיר קרענקען ביזן טויט, — און ער האָט באפוילן פארשפּארן דעם טאַטן מײַנעם אין קעלער, ביז ער וועט געזונט ווערן.

דעם ערשטן טאָג, ווען דער פּאָרעץ איז נאָר געזונט געוואָרן, האָט מען צונויפגעקליבן אלע דינער און פאר זיי אלעמען אין די אויגן געשמיסן מײַן טאַטן. די פּריצע ציילט: איינס, צוויי, דרײַ, און דער פּאָרעץ שמײַסט איבערן הוילן לײַב מיט א נאהײַקע פון אָקסענע אָדערן. דער טאַטע פאר־גייט זיך פון ווייטעק, פונעם לײַב זײַנעם טריפט בלוט, און די פּריצע: פיר, פינף, זעקס.

ווען מע האָט דעם טאַטן אָפּגעמינטערט, האָט דער פּאָרעץ אפן טאַטנס קאָפּ צעבראָכן זײַן פידל. און ערשט דערנאָך האָט מען אים אָפּגעגאָלט א

האלבן קאָפּ, א האַלבע באָרד, געשמידט אין קייטן און אים אַרײַנגעוואָרפן אין א פּול־געפּאַקטער בארזשע מיט לײַבייגענע פּויערים, וועלכע מע האָט געפירט קיין פּעטערבורג פארקויפן.

אפן צעריסענעם העמד פון מײַן טאַטן איז געווען צוגעקלעפּט א צעטעלע: „אן אויסגעצייכנטער פידלער, פּרײַז — 300 רובל”.

שויעל ברומט ווידער אויס א טיפן זיפץ, ווי דער זיפץ פון זײַן באַס:

— דעם פּאָרעצעס לײַבייגענע זײַנען געווען ניט בלויז די פּויערים, נאָר אויך די אָרעמע יידן פון שטעטל. אויך מיט זיי האָט ער געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט. ניט אומזיסט האָט מען זיך בא יידן געשאָלטן: „א פּאָרעץ זאָל דיך באַגעגענען!”. ניט אומזיסט האָט מען קינדער אין די וויגן געשראָקן: „אָן גייט א פּאָרעץ!”. פאר אַלץ האָט מען אים באַדאַרפט צאָלן, אפילו פאר דער לופט, מיט וועלכער מ׳האָט געאָטעמט. אָבער ניט אַלעמאָל האָט מען זיך געקאָנט אויסקויפן מיט געלט. פלעגט דעם פּאָרעץ א מעשוגאַס אַרײַן אין קאָפּ, פלעגט ער אין איין רעגע ארויסטרײַבן די יידן פון זײַנע דערפער, די יידן, וועמענס זיידעס און אורעלטער־זיידעס האָבן דאָרט געוווינט. „מאַשקע”. קיין אנדער נאָמען האָט דער פּאָרעץ ניט געהאַט פארן אָרעמען יידן. „מאַשקע, זינגו!”, „מאַשקע, טאַנצו!”, „מאַשקע, קריך אף אַלע פירו!”.

בא איינעם א יידן א שנײַדער מיטן נאָמען יאָסל איז געווען אן איין־און־איינציקער זון. דעם שנײַדערס זון איז געווען א גרויסער שפּילער. אז דער פּאָרעץ פון יענער געגנט האָט דערהערט, אז עס איז פאַראַן אזא שפּילער, האָט ער לאַנג ניט געטראַכט און צוגענומען צו זיך דעם שנײַדערס זון, ער זאָל אים פריילעך מאַכן. דער שנײַדער פלעגט אַלע טאָג קומען צום פּאָרעץ בעטן, ער זאָל אים אָפּגעבן דעם זון. דער פּאָרעץ פלעגט אף אים אָנרייצן זײַנע הינט און מיט בײַזוויגעס און קלעפּ אים דורכטרײַבן.

אין איינעם אן אָפּדערנאַכט, ווען דער יונגער פידלער האָט געשפּילט פארן פּאָרעצס געסט, האָט ער דערהערט דעם טאַטנס קאָל, וואָס איז זיך פאַרגאַנגען אין א ביטער געוויין, און ער האָט פּלוצעם איבערגעריסן דאָס שפּילן.

דער פּאָרעץ האָט אָנגעהויבן טופּען פאר קאַס מיט די פיס: „הינטישער זון! פאַרשאָלטענע נעשאָמע, שפּיל!” און דער יונגער פידלער — איינמאָל ניין!

— קראָפּעווע אהער!

דער פּאָרעץ האָט לאַנג געשמיסן דעם יונגן פידלער איבער די הענט, און ער — קיין זיפץ ניט, קיין געשריי ניט. ער בײַסט צונויף די ליפּן און שווײַגט.

נאָר אָט האָט דער יונגער פידלער א כאַפּ געטאָן מיט זײַנע רויט־געשוואָלענע הענט דעם פידל.

דער פּאָרעץ און די געסט האָבן געמיינט, אז אָט הייבט ער אָן שפּילן. נאָר ניין, דער יונגער פידלער גיט א ריס איין סטרונע, די צווייטע, די דריטע, ברעכט איבער דעם סמיק און גיט א שלײַדער דעם פידל פון זיך. דער צעקאַסטער פּאָרעץ ווערט ווילד ווי א כײַע. אים צו הילף קומען

די כאַשעווע געסט זײַנע, ביז דער יונגער פידלער האָט אויסגעהויכט דעם אָטעם.

— איצט, — גיט אָפּ א באַפעל דער פּאָרעץ, — קערט אום אָט דעם פאַרשאָלטענעם זון דעם טאַטן זײַנעם, וואָס וואָיעט דאָרט הינטער דער שטוב, ווי א וואָלף...

די דאָרפישע מיידלעך און באָכערים האָבן זיך דערוווּסט, אַז דאָ געפינען זיך איצט מוזיקאַנטן, זײַנען זיי אַלע, מיטן האַרמאָניסט צוזאַמען, געקומען אַהער.

וואַסיל גיט א שפּרונג אַראָפּ פון דער לעזשאַנקע, און נאָך אים די איבעריקע.

— שטענדיק מאַכן מיר יענעם פריילעך, און איצט לאָמיר אליין זײַן פריילעך, — זאָגט וואַסיל צו דער אַרײַנגעקומענער כעווריע.

— ריכטיק, ריכטיק! — כאַפּן אונטער די באָכערים מיט די מיידלעך. — האַרמאָניסט!..

— מאַכט אַן אָרט, געראַמער זאָל ווערן, — אַלע רוקן זיך אָפּ, און מע שטעלט זיך אויס אין א ברייטן קרײַז.

— עך, עך! — איז דער אַלטער וואַסיל מיט שויעלן אַרויס די ערשטע אין טאַנץ, און נאָך זיי עזרע מיט פּעטערן.

— עך, עך! — שרײַען אַלע מיט, און מע פּאַטשט צו מיט די הענט צום טאַקט.

די כאַטקע ווערט צעטראָגן פונעם טאַנץ און פון די הילכיקע געשרייען. עזרע גיט זיך נאָכאַמאָל א ריס אַרויס און לאָזט זיך אליין. ער הייבט זיך ביז דער סטעליע, זעצט זיך אַראָפּ ביזן דיל און, אַן אַראָפּגעזעצטער, פליט ער געשווינד און קלאַפּט זיך מיט די הענט אין די פיס.

— סטאַריאָ, — שרײַט וואַסיל, — לאָמיר אָנלערנען דעם יונגאַטש.

און אַלע דרײַ — וואַסיל, פּעטער און שויעל — פּרוּוון זייערע קויכעס. מע הייבט זיך הויך, און מע זעצט זיך אַראָפּ נידעריק, און עזרע ווײַזט זיי אַלץ מער די קראַפט פון דער יוגנט. ער כאַפּט זיי אַלעמען פאַר די הענט, און ווידער לאָזט מען זיך אין א פאַרייניקטן טאַנץ.

פּלוצעם א געשריי פון פּאָרעצס דינער:

— מוזיקאַנטן, אַפּן באַל!

ווען די מוזיקאַנטן זײַנען געקומען צום פּאַן וואַצלאַוו, איז שוין געווען נאָך דער וועטשערע.

— פּראָשע, וועלמאָזשנע פּאַנאָוויע! — פאַרבייגט זיך דער פּאָרעץ פאַר זײַנע האַלב שיקערע געסט. — פּראָשע אין טאַנץ־זאַל. ס'איז שוין צוויי אַזייגער, מיר הייבן באַלד אָן די ווײַסע מאַזורקע. — די ווײַסע מאַזורקע האָט זי געהייסן דערפאַר, וואָס מע פלעגט זי שפּילן ביזן ווײַסן טאָג אָן איבעררײַס.

וואַסיל, פּעטער און שויעל זיצן פאַרשטעלט אין א ווינקל פון זאַל. לעבן זיי שטייט עזרע. ער שפּילט דעם ערשטן פידל, ער פירט דעם קוואַרטעט. עזרע וואַרפט געשווינד זײַנע בליקן אַף די שפּילער און אַף די טאַנצנדיקע

פיגורן. זיך אראָפּשלאָגן פון טאַקט טאָר מען דאָ ניט. עזרען ווערט דאָ אַלע ווײַלע ענגער און ענגער. וואָס שטאַרקער עס ווערט דער טאַנץ, אַלץ אײַנ־זאַמער דערפילט ער זיך.

— פּשעקלענטי זשידזשע! מאַצנע! מאַצנע! מאַצנע! — רײַסט זיך אַרײַן אַ ווילד פּריציש געשריי. דער פּאַן ווּזשביצקי, וואָס האָט ניט לאַנג געשריגן, אַז אין אים קלאַפּט נאָך יונג בלוט, בייזערט זיך... אַלע טאַנצן, און ער זיצט ווי אַ געליימטער. ער איז אין קאַס, וואָס אַזוי גיך זײַנען פאַרשוווּנדן זײַנע יונגע יאָרן... און פון קינע און פאַרדראָס הייבט ער אָן אויסלאָזן זײַן האַרץ אויף שויעלן און עזרען. ער הייבט אויף זײַן גראָבן סוקעוואַטן שטעקן און קלאַפּט אין טיש:

— אַלס שטראָף פאַר אומברענגען יעזוסן דאַרפן די ייִדן לײַדן, און ווער ס'פאַרשאַרפט זיי צאָרעס, דער איז געבענטשט.

אַ צעהיצטער פון זײַנע אייגענע רייד, לויפט ווּזשביצקי צו צו די מוזיקאַנטן און וויל אָנכאַפּן שויעלן פאַר דער באָרד.

די ווײַסע מאַזורקע ווערט איבערגעריסן... די אויפגעבראַכטע געסט האַלטן אין איין אונטערהיצן דעם פּאַן ווּזשביצקי:

— גיט אַ דיריזשיר מיט אײַער סוקעוואַטן שטעקן, וועלן זיי זיך אויפ־כאַפּן.

— אַנו, פּאַני, באַווײַזט אײַערע מוזיקאַלע פייִקײַטן, באַווײַזט, וואָס איר קאָנט.

פּאַן ווּזשביצקי פּרוווט ווידעראַמאָל אָנכאַפּן שויעלן פאַר דער באָרד, וואַסיל און פּעטער פאַרשטעלן מיט זיך שויעלן.

אַן אויפגערייצטער, לאָזט ווּזשביצקי אַראָפּ אַ פּאָר פײַערדיקע פּעטש וואַסילן.

— בראַוואָ! בראַוואָ! ביס! ביס! — ווערן די געסט שטאַרק באַגײַסטערט, און אַלע אין איין קאָל: — שלאָגן אַ כאָלאָפּ איז אַלציינס ווי אַ זשיד, בראַוואָ! בראַוואָ! פּאַן ווּזשביצקי!

— איז ווידער אָנגעהויבן! מוזיקאַנטן, צו די אינסטרומענטן, — גיט דער פּאַן וואַצלאַוו אַ הייב זײַנע הענט מײַסע דיריזשאָר, — נאָך אַ פּאַטש דאַרף זיך שפּילן בעסער. אַ מוזיקאַנט איז ווי אַ פּויק, וואָס שטאַרקער דער קלאַפּ, אַלץ הילכיקער דער ווידערקאָל. איז אָנגעהויבן! די ווײַסע מאַזורקע טאָר אויף לאַנג ניט איבערגעריסן ווערן!

די ווײַסע מאַזורקע ווערט ווילדער און ווילדער... מיט די קלאַנגען ווילט זיך פאַרשרײַען דעם ווייטעק, די באַליידיקונג, דעם ביזאָ־יען. נאָר דער ווייטעק און דער ביזאָיען שרײַען זיי איבער.

פאַר עזרעס אויגן לויפט דורך יאָסל דעם שנײַדערס זון. ער צעברעכט דעם סמיק, ער ווערט פאַרפײַניקט צום טויט. ער דערזעט דעם בראָך פון דעם פידל איבערן קאָפּ פון פּעטערס טאַטן, ער דערזעט אים אַ געשמידטן אין קייטן, אַ פידל־קנעכט, וואָס איז אָפּגעשאַצט געוואָרן אין 300 רובל.

נייך, ניט קיין פּאַנעס און פּאַנענקעס טאַנצן. אַ געלאָף פון צעווילדע־וועטע פּריצישע הינט. זיי בילן, זיי פּאַלן אָן, זיי רײַסן שטיקער לײַב.

בונים, גאָלדפאַדענס אַקטיאָר, וואַקסט אויס דאָ לעבן אים און דער־

ציילט אים ווידעראמאָל די געשיכטע פון די פריצישע טיטשקעס הינט, וואָס זײַנען אָנגעפאלן אַף די ייִדישע אַקטיאָרן.

...בונים איז מיט זײַן טרופּע געקומען אין איינעם א שטעטל שפּילן טעאטער, און דאָרט איז ניט געווען קיין סטאַדאָלע, איז ער אוועק צום פּאָרעץ אָפּדינגען זײַן טעאטער־זאַל.

דער פּאָרעץ האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט — ניט נאָר זײַן זאַל גיט ער אומזיסט, נאָר ער נעמט אַף זיך אלע בילעטן צו פארקויפן און ער צאָלט אָפּ די אַקטיאָרן.

אפדערנאכט. די אַקטיאָרן גרימירן זיך. דער פּאָרעץ דרייט זיך ארום מײַסע־באלעבאָס און הייסט געבן דעם ערשטן קלונג.

בונים גיט א קוק אין זאַל — ס'איז ניטאָ קיין איין מענטש. בעט ער זיך באַם פּאָרעץ, מע זאָל נאָך א ביסל צוווארטן, און דער פּאָרעץ איינ־מאָל ניין: „שוין געבן דעם ערשטן קלונג". אזוי איז געווען מיטן צווייטן און מיטן דריטן קלונג.

אז מע האָט געגעבן דעם דריטן קלונג, האָט דער פּאָרעץ געגעבן א פײַף, עס האָבן זיך צעעפנט די טירן, און פון אלע זײַטן זײַנען ארײַנגע־לאָפן טיטשקעס הינט.

פארגייענדיק זיך אין געלעכטער, האָט דער פּאָרעץ אויסגעשריען: „אָט פאר זיי שפּילט זשידאָווסקע טעאטער"...

ס'טאָגט שוין, און עזרען ווערט פינצטערער און פינצטערער... די פינ־גער פון זײַנע הענט זײַנען געשוואָלן, די פיס זײַנען בא אים ווי מיט בלײַ אָנגעגאָסן. אָט־אָט פאלט ער אנידער. עס טוט אים שטארק וויי, א סטרונע האָט זיך טיף אײַנגעשניטן אין א פינגער און עס שטראָמט פון אים מיט הייס בלוט גלײַך אפן פידל.

און עזרע ווייסט ניט, צי דאָס טוט אים אזוי וויי פאר זיך, צי פאר וואַ־סיע דעם פידלער, וואָס האָט שוין מער ניט געקאָנט אויסהאלטן, צי דאָס רינט זײַן אייגן בלוט.

— שפּיל! שפּיל! שטארקער! נאָך! נאָכאמאָל!

אַף וועמען שרײַט מען עס, אַף אים, עזרען, צי אַף וואסיען? און דאָס בלוט רינט און רינט...

מיריעם

מיט מיריעם דעם פעטער מייערס טאָכטער איז עזרע געווען קימאַט אין איינע יאָרן. זיי האָבן געוווינט בישכיינעס. די ביידע שטיבער זײַנען גע־ווען, ווי איין שטוב, די ביידע פאמיליעס, ווי איין פאמיליע, די ביידע שוועסטערקינדער, עזרע מיט מיריעמען, ווי א ברודער מיט א שוועסטער. צוזאמען געוואקסן, צוזאמען זיך געשפּילט. האָט מען אופגעניייט עזרען אן אָנצוג, האָט מען באלד מיריעמען אופגעניייט א קליידל. האָט מיריעם אָנ־געטאָן א פּאָר נײַע שיך, האָט מען שוין דעם זעלבן טאָג באשטעלט פאר עזרען א פּאָר שיך. זיי האָבן אפילע געגעסן איינס און דאָס זעלבע. די מאמע מיט דער מומען פלעגן זיך בײַטן מיט א טייל פון די וואַרמעסן, קע־

די מיריעם זאָל פאַרזוכן פון דעם, וואָס עזרע האָט געגעסן, און עזרע זאָל פאַרזוכן פון דעם, וואָס מיריעם האָט געגעסן.

אַז עזרע איז אוועקגעפאָרן קיין בערדיטשעוו זיך לערנען בא פעדאָ־צערן, האָט ער נאָך מיריעמען געבענקט, ווי נאָכן טאַטן, ווי נאָך דער מאַמען, ווי נאָך לייבלען, ווי נאָך אַלעמען.

נאָר אָט איינמאָל פאַרנאַכט, באַלד נאָך בונימס אוועקפאָרן איז עס געווען, איז עזרע געזעסן מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין דער טאַפליע פון פענצטער. מיריעם איז צו אים הינטערוויַילעכס שטיל צוגעגאַנגען, מיט אירע הענט א גלעט געטאָן זיַינע האָר, א שלעפּ געטאָן זיַין קאָפּ פון דער טאַפליע און אים פאַרשטעלט די אויגן.

עזרע האָט אָנגעטאַפּט די הענט און אָנגערופן פאַרשיידענע נעמען, און ערשט דערנאָך, ווען ער האָט קוים געטראָפן, האָט אים מיריעם באַפריַיט די אויגן.

ערשט איז זי געווען אַזאַ קליינינקע, און אָט שטייט זי פאַר אים א ווּקסיקע, א שלאַנקע. ער, וויַיזט אויס, איז שוין אויך א גרויסער, — גיט עזרע א פיר מיט א פינגער איבער זיַין אייבערשטער ליפּ און טאַפּט אָן שטעכיקע הערעלעך פון די שפּראָצנדיקע וואָנצן.

ער שריַיט אויס — מיריעם! און ער דערהערט, ווי זיַין שטים האָט זיך געענדערט, — דעם אַלט זיַינעם האָט פאַרביטן א גרינגער ניט־ציַיטיקער טענאָר, וואָס איז נאָך ניט בעקויעך נעמען א הויכן טאָן.

פון יענעם פאַרנאַכט אָן האָט עזרע אָנגעהויבן בענקען נאָך מיריעמען מער ווי נאָך אַלעמען. ס'זיַינען געווען נעכט, ווען ער, עזרע, האָט ניט געקאָנט אַנשלאָפן ווערן. ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז צו דער נאַכט וועט גאָר קיינמאָל קיין סאָף ניט נעמען, און אַז מיריעם איז וויַיט־וויַיט, מע קאָן גאָר צו איר ניט קומען.

ליגנדיק א וואַכער אָפן געלעגער, פלעגט ער פון בענקעניש באַנעצן די קישן מיט טרערן, מיט יענע לויטערע טרערן, וואָס זיַינען באַשערט דער יוגנט, ווען זי פאַרזוכט צום ערשטן מאָל די פרייד און פּיַין פון ליבע.

נאָך יענעם פאַרנאַכט, אַז מיריעם פלעגט אריַינקומען צו זיי אין שטוב, פלעגט אין אַלע ווינקעלעך ווערן ליכטיקער און אין אַלע אייוורים וואַ־רעמער. עס האָט זיך ניט געוואָלט גיין אין גאַס. איז ער מיט איר ארויס אין גאַס, האָט זיך ניט געוואָלט אריַין אין שטוב.

איז זי דאָ צווישן די געסט, איז עזרע זיכער, זיַינען אַלע עפּעס קלי־גער, זיַינען אַלע עפּעס שענער. ס'איז גאָר אַן אַנדער טאַנצן, אַן אַנדער זינגען, אַן אַנדער דערציילן. און פעלט זי צווישן די געסט, פעלט אַלץ. מע ווייסט ניט פון וואָס אָנצוהייבן און מיט וואָס אויסצולאָזן. יעדעס וואָרט ציט זיך ווי פון קליי.

אַז ער, עזרע, קומט פון א פּריצישן באַל און דער טאַטע מיט דער מאַ־מען אָדער לייבל גיבן אים א פרעג: „נו, ווי איז עס געגאַנגען?", ענטפערט ער געציילטע ווערטער: „מיר האָבן געשפּילט, און די פּריצים האָבן גע־טאַנצט".

און אַז מיריעם גיט אַף אים א קוק מיט אירע בלויע אויגן, צעעפנט א מויל מיט וויַיסע ציין, קאָן ער ריידן און דערציילן שאָענוויַיז.

עזרע האָט געהאַלטן אין איין אויסלערנען שפּילן נײַע זאַכן.

עס טרעפט, אַז עס באַקומט זיך ניט, עס איז שווער. ער ווערט בײַ זיך געפאַלן, עס ווילט זיך אים וואַרפן, אויפהערן, נאָר אָט שטעלט ער זיך פאָר, ווי מיריעם קומט אַרײַן, ער שפּילט עס פאַר איר אויס, זי באַווּנדערט אים, זי לייגט אַף אים אַרויף די האַנט, לאָזט אַראָפּ די אויגן און זאָגט שטיל אַרויס: „מאָלאָדיעץ, אַליין אויסגעלערנט, איינער אַליין אויסגעלערנט! סאַראַ מאָלאָדיעץ דו ביסט".

פון דעם דאָזיקן געדאַנק ווערט בײַ זיך עזרע שטאַרקער, אײַנגעשפּאַרטער! קלאַנג נאָך קלאַנג ווערט געבוירן. יעדער קלאַנג ווערט געריכט, געשליפן, געלײַטערט. די קלאַנגען פאַרייניקן זיך, גייען זיך פאַנאַנדער. יעדער קלאַנג באַזונדער האָט דאָ וואָס צו זאָגן, האָט דאָ וואָס צו טאָן. און אָט הייבט אָן דער סמיק שווינדליק לויפן הין און הער, און די פינגער צעטאַנצן זיך וויכערדיק...

מיריעם איז איצט זײַן לערער... ווען ניט זי, וואָלט ער ניט אויסגעלערנט אַזויפיל נײַע זאַכן. ער האָט דאָס איר ניט געזאָגט און וועט עס איר ניט זאָגן. ס'איז אַ הייליקער סאָד, וואָס ווערט אַרויסגערעדט אָן ווערטער.

און פּונקט ווי ער, אַזוי האָט אויך מיריעם אירע סודעס, וואָס זי באַהאַלט אויס פון עזרען.

אָט איז ער אַנומלטן געפאָרן פון אַ פּריצישן באַל, און אַ פינף ווערסט פאַר ליפּאָוועץ האָט ער באַגעגנט מיריעמען איינע אַליין זיצן אונטער אַ בוים.

— וואָס טוסטו דאָ? — איז ער אַ דערשראָקענער אײַליק אַראָפּגעשפּרונגען פון דער פור.

מיריעם איז רויט געוואָרן.

— איך האָב דאָ געקליבן פעלד־בלימעלעך, — האָט זי זיך געפּרוּווט פאַרכאַפּן. נאָר אירע צוויי ליידיקע הענט האָבן זי אַרויסגעגעבן...

פון יענעם פאַרנאַכט אָן פלעגן בײַ עזרען אויך טרעפן אַזעלכע טעג, ווען ער פלעגט גאָרנישט ניט קאָנען טאָן. ער מישט אויף די נאָטן, נעמט אַרויס דעם פידל, נאָר עס שפּילט זיך ניט. מיריעמס קאָל קלינגט אים, דוכט זיך, אין די אויערן: „עזרע, האָב צײַט, דו וועסט נאָך שפּילן, קום צו מיר, איך וואַרט אַף דיר!..״

עזרע וואַרפט דאָס שפּילן און גיך, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, לויפט ער אַרײַן צום פעטער.

אין וואָכעדיקן אָנטאָן, מיט אַ טיכעלע אַפן קאָפּ, האָט אים מיריעם אויסגעזען אַ סאַך שענער, ווי אין אירע יאָמטעוודיקע קליידער.

מיריעם שיילט קאַרטאָפל, און עזרע דערציילט איר וועגן בערדיטשעוו, וועגן פעדאָצערן, וועגן זײַן כאַוווער עלישע.

זי קערט די שטוב, און עזרע גייט איר נאָך:

— דו מיינסט ניט, אַז איך וועל שוין אַזוי בלײַבן. אין סעוואַסטאָפּאָל, זאָגט מען, איז דאָ זייער אַ גוטער סימפאָנישער אָרקעסטער. ווער ס'האָט אים נאָר געהערט שפּילן, קאָן זיך גאָר ניט אָפּלויבן. איך וועל פאָרן אַהין,

און מיט דער צײַט װעל איך אַלײן װערן אַן אָנפירער פון אַ סימפּאָנישן אָרקעסטער. מיט דער צײַט װעל איך... װעסט זען...

מיריעם גיט אַף אים אַ קוק, ער פאַרשעמט זיך. מיריעם, דוכט זיך אים, האָט מיט איר קוק אים גאָר אױסגעלאַכט. נאָר אָט גיט זי נאָכאַמאָל אַ בליק אַף אים, און עזרע דערפילט זיך שולדיק... זי פרעגט אים מיט איר בליק: „װאָס הײסט, דו װעסט אװעקפאָרן, און אַף װעמען װעסטו מיך איבער־לאָזן?"

מיריעם העפט אױס אַ טיכעלע. עזרע דערזעט אַפן טיכעלע אױסגעהעפט מיט רױטע, בלױע און גרינע פֿאָדעם די ערשטע אױסיעס פון זײַן נאָמען און פאַמיליע. די אױסיעס — װי זײ װאָלטן רײדן צו אים מיט מיריעמס שטים: „עזרע, איך האָב דיך ליב!"

די פרײד איז אַזאַ גרױסע, אַז ס'איז אים שװער זי אײַנהאַלטן אין זיך...

די זון האָט, דוכט זיך, אָנגעהױבן שײַנען העלער, ליכטיקער.

„דער עמעסער שפּילער, — האָט געזאָגט פּעדאָצער, — איז דער פאַר־ליבטער! ליבע איז פריִער פאַר אַלץ, אַפילע פֿאַר נעגינע. די נעגינע איז באַשאַפן געװאָרן אין זכוס פון דער ליבע. װאָלט קײן ליבע ניט געװען, װאָלט די נעגינע ניט געקאָנט זיך אַזױ פרײען און אַזױ טרױערן, זי װאָלט ניט געהאַט װעמען צו באַשפּילן, װעמען צו באַזינגען און װעמען צו באַ־װײנען".

און נאָך האָט פּעדאָצער געזאָגט: „אױב נעגינע איז געזאַנג, איז ליבע — דאָס געזאַנג פון אַלע געזאַנגען, דער שיר־האַשירים פון דער מענטשלעכער נעשאָמע".

פּעדאָצער האָט זיך גליקלעך געשעצט, װאָס ער שרײַבט זײַנע „פרײ־לעכסן", „דאָבראַניטשן", „באַגעגעניש" און „געזעגעניש" פאַרן כאָסן און פאַר דער קאַלע. פּעדאָצער, דער זינגער פון ליבע, האָט שטענדיק, װי דעם שענסטן געשאַנק, אונטערגעטראָגן יעדן טאַלמיד, װאָס האָט זיך באַװיזן צו פאַרליבן, אַ נײַע ליבע־שפּיל, אַ נײַ ליבע־געזאַנג, װאָס נאָר פאַרליבטע קאָנען עס פאַרשטײן און נאָר פאַרליבטע קאָנען עס פּילן.

לאָזט זיך אױס, אַז דער מאַמעס „צענע־אורענע" האָט אױך שטאַרק גע־האָלטן פון ליבע. ערשט איצט זײַנען עזרען קלאָר געװאָרן אַ רײ ליבע־געשיכטעס, װאָס ער האָט אין די שאַבעס־טעג געהערט פון דער מאַמעס מױל אין די קינדער־יאָרן. ערשט איצט פאַרגלײַכט ער די מיצריטעס, זליכעס כאַװערטעס, װאָס זײַנען פאַרבלענדט געװאָרן פון יױסעפס שײנ־קײַט, מיטן אָרעמען שנײַדער, װאָס איז איבעראַשט געװאָרן פון דער קאַ־פּעלע אַזױ, אַז ער האָט איבער דעם פאַרשפּילט דאָס גאָלד מיטן זילבער, װאָס ער האָט אין מעשעך פון צװײ שאָ געקאָנט נעמען װיפל דאָס האַרץ זײַנס האָט געגלוסט.

זליכע, פּױטיפערעס װײַב, האָט פאַר אירע כאַװערטעס אַנטפּלעקט דעם סאָד, אַז פונעם ערשטן קוק האָט זי זיך פאַרליבט אין יױסעפן.

אָט דער יױסעף פאַרמאָגט אַ װוּנדערלעכן קישעף: װער נאָר עס גיט אַף אים אַ קוק, װערט װי צוגעשמידט צו אים.

זליכעס כאַווערטעס, די ייִכעסדיקע מיצריטעס, האָבן ניט געגלייבט, אַז אָט דער יויסעף זאָל פאַרמאָגן אַזאַ צוציִונגס־קראַפט, וואָס ניט אײַנליבן זיך אין אים איז אומעגלעך.

האָט זליכע אַ סוֹדע אײַנגעאָרדנט פאַר אירע כאַווערטעס, און יויסעף האָט באַדינט די הויך־געשעצטע געסט.

דער ווײַן שוימט אין די גילדענע בעכערס, און זליכעס כאַווערטעס קאָנען אים ניט דערטראָגן ביז צום מויל — די הענט ציטערן באַ זיי און דער ווײַן גיסט זיך אַף די זײַדענע קליידער.

אין קרישטאָלענע וואַזעס ווערן אונטערגעטראָגן מילגרוימען מיט גילדענע מעסערלעך, נאָר אָנשטאָט אָפּשיילן און צעשנײַדן די פּיירעס צעשנײַדן זיך זליכעס כאַווערטעס די פינגער. דאָס בלוט טריפט אַף זייערע טײַערע קליידער, און זיי פילן ניט און באַמערקן ניט. זיי זײַנען ניט בעקויעך אָפּרײַסן זייערע בליקן פון דעם שיינעם יויסעפן און הערן ניט אויף זינגען אַ לויבגעזאַנג דער ליבע...

עזרע איז גליקלעך, ער איז פאַרליבט!

ליבע און מוזיק — דאָס איז אַ פאַרליבטע פּאָר, וואָס קיין זאַך אין דער וועלט קאָן זיי ניט צעשיידן. זיי גייען שטענדיק פעסט געאַרעמט, זיי דערגאַנצן און באַרײַכערן איינס דאָס אַנדערע.

נעמט ער איצט דעם פידל אין האַנט, פילט ער, ווי עס גייען אים אַלע קלאַנגען אַנטקעגן. אַלץ, וואָס ס׳האָט אויסגעזען שווער, איז איצט לײַכט. ער וועט אָנשרײַבן פעדאָצערן און אים אָנזאָגן די בסורע, אַז ער איז פאַרליבט. און פעדאָצער וועט אים אַרויסשיקן אַלס געשאַנק אַלע זײַנע ליבעגעזאַנגען: „שפּיל, עזרע! איצט ביסטו רײַף געוואָרן, איצט וועסטו פאַרשטיין, וואָס איך האָב געמיינט. שפּיל, עזרע! און זאָל דיר ווויל באַקומען״.

נאָר ניט אַלעמאָל און ניט באַ אַלעמען, — ווייסט עזרע, — באַקומט זיך ווויל...

וויפל ליבעס זײַנען געבליבן ניט קיין געשלאָסענע, וויפל ליבעס האָבן געצאַנקט און זיך אויסגעלאָשן.

ער, עזרע אַליין, איז ניט אַף איין סימכע, ניט אַף איין כאַסענע אין ליפּאָוועץ, אין ליִנעץ און אין בערדיטשעוו בײַגעוועזן אַלס איידעס פון זייער אַ סאַך טרויעריקע געשיכטעס. דער כאָסן פלאָנטערט מיט דער צונג און ער קאָן ניט זאָגן דעם „האַריי אַט״, ער קאָן ניט זאָגן — „דו ביסט מײַנע״. „מײַנע״ האָט ער אָנגערופן אַ צווייטע, און די עלטערן האָבן אים געצוווּנגען אָנרופן „מײַנע״ אַזאַ, וועלכע איז ניט זײַנע, „מײַנע״ נאָר דערפאַר, וואָס זי האָט רײַכע עלטערן און זיי גיבן אַ רײַכן נאַדן. ער האָט געזען, ווי קאַלעס האָבן געוויינט, ווי קאַלעס האָבן געכאַלעשט באַ די סאַמע פריילעכסטע טענץ.

די כאַסענעס — דער יאָמטעוו פון ליבע — זײַנען ניט איין מאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעווײַע, אין אַ לעווײַע פון יונגע הערצער, פון די שענסטע טרוימען און האָפענונגען.

באַ פעדאָצערן אין דער קאַפּעלע איז געוועזן איינער אַ יונגער באָכער מיטן נאָמען שימען. האָט זיך דער שימען אײַנגעליבט אין אַ גווירס אַ טאָכטער, אין אַ יונג, שטאַלטנע מיידל. די גווירישע טאָכטער האָט אַפילע

אף אים ניט געוואָלט קוקן, ניט געוואָלט אפילע מיט אים קיין וואָרט אויס־ריידן. און שימען פלעגט גאנצענע נעכט צוליב איר אויסשפּילן פּעדאַצערס שענסטע זאכן.

ס׳איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז אלע קאיאָר פלעגט שימען ארויס מיט זײַן פידל בענטשן די באנק, אף וועלכער זי איז געזעסן, די ערד, אף וועלכער זי האָט געטראָטן, דעם סאָד, ווו זי האָט געשפּאצירט.

די ליבע האָט אזוי לאנג געפלאַקערט אין אים, ביז זי האָט אויסגע־ברענט אין שימענען אלץ. ער קומט צו דער קאפּעלע, ער מישט אוף די נאָטן, און ער קאָן קיין איינע ניט אָנרופן באם נאָמען. ער ווייסט ניט זייער מיין, זייער באטײַט. ער נעמט דעם פידל אין האנט, און דער פידל בלײַבט בא אים פארגליווערט. ער האָט אינגאנצן פארגעסן, ווי ער וואָלט קיינמאָל גאָרניט געשפּילט... מיריעם איז מיט גאָרניט ענלעך צו שימענס געליבטע, מיריעם איז אין אים פארליבט, ווי ער אין איר. אזא ליבע הערט קיינמאָל ניט אוף שפּילן...

אין די דאָזיקע גליקלעכע טעג האָט מיריעם ניט איין מאָל דערמאָנט עזרען וועגן דער צעשיידונג, וואָס עס שטייט זיי פאָר: „ס׳איז שווער, אָבער איך בין גרייט אף דעם. און דו, עזרע?״

— איז לאָמיר אָנשרײַבן קיין סעוואסטאָפּאָל! — מיריעם לויפט צו צום טיש, שטעלט זיך אוועק מיט די קני אף א בענקל, רײַסט ארויס א זײַטל פון א העפט, טונקט אײַן די פען אין טינטער: — נו, דיקטיר, איך וועל שרײַבן, — און זי צעלאכט זיך. — בא מיר איז א שענערער קסאוו, ווי בא דיר!

עזרע הייבט אָן ארומשפּאנען איבער דער שטוב און כאזערט עטלעכע מאָל איבער יעדעס וואָרט:

— הער טשערניכאָווסקי! איך האָב זייער א סאך געהערט וועגן אײַער סימפאָנישן אָרקעסטער... אָנגעשריבן? — שטעלט ער זיך אָפּ הינטער מיריעמען און גיט א קוק, ווי ס׳באקומט זיך.

— ס׳האָט זיך שוין אפילע אויסגעטריקנט, איך שרײַב גיכער, ווי דו רעדסט! — רייצט זי זיך מיט אים. — נו, ווײַטער?

— ווײַטער שרײַב אליין, דו ווייסט דאָך, וואָס איך וויל אָנשרײַבן...

— האָסטו דאָך לעכאטכילע געקאָנט אזוי זאָגן! — הערט מיריעם ניט אוף טונקען די פען אין טינטער פון פרייד, וואָס עזרע פארטרויט איר אליין אָנשרײַבן אזא וויכטיקן בריוו.

— פארטיק! הער!

— איך הער!

מיריעם לייענט:

„איך האָב זייער א סאך געהערט וועגן אײַער סימפאָנישן אָרקעסטער, און איך וואָלט געוואָלט קומען צו אײַך שפּילן. איך שטאם פון א מישפּאָכע פון גאָלע קלעזמער. איך האָב זיך געלערנט בא פּעדאַצערן. איך לייען נאָטן און שפּיל א סאך ערנסטע זאכן. נאָר מיר ווילט זיך לערנען ווײַטער און שפּילן אין א גוטן אָרקעסטער. איין וואָרט: „קומט!״ — און איך בין בא אײַך״.

— גוט, מיריעם! מאָלע־טאם! — שרײַט אויס עזרע.

פלוצעם ווערט ער שטיל, פאַרבײַסט אַ ליפּ און הייבט זיך אָן רויטלען. נישט קיין בריוו האָט אים מיריעם נאָרוואָס געלייענט, נאָר אַ שטרענגן אורטייל.

זי, מיריעם, האָט אים פאַרמישפּעט ווי דעם גווירס טאָכטער שימענען, ער זאָל אוועק פון איר ווײַט־ווײַט, ווײַט אוועק פון איר.

וויאַזוי האָבן באַ איר די הענט ניט געציטערט, שרײַבנדיק אַזאַ בריוו? פאַרוואָס האָט זי זיך ניט צעוויינט, ניט אַרופגעפאַלן אים אפן האַלדז און ניט געבעטן, אַז ער זאָל ניט אוועקפאָרן? זי האָט אים ניט ליב, יאָ, זי האָט אים ניט ליב!..

אַ ווונדערלעכע סימפאָניע

טשערניכאָווסקי האָט עזרען אופגענומען זייער קאַלט. ער האָט אים גלײַך געזאָגט, אַז אין אָרקעסטער זײַנען באַ אים גענוג מענטשן און ער נייטיקט זיך ניט אין קיין פידלער.

— איר אַליין האָט דאָך מיר אָנגעשריבן, איך זאָל קומען! — האָט עזרע אויסגעשריִען.

— מאַלע וואָס! — האָט טשערניכאָווסקי אַ בורטשע געטאָן. — דעמלט, ווען איך האָב אײַך געשריבן, האָב איך באַדאַרפט אַ פידלער, און איצט באַדאַרף איך ניט.

— הערט מיך כאָטש אויס!

— נאָר ניט הײַנט! הײַנט בין איך פאַרנומען, באַ מיר איז אַ רעפּעטי־ציע און אַ קאָנצערט. קומט מאָרגן, וועלן מיר זען.

טשערניכאָווסקי האָט גענומען אײַליק צונויפלייגן די נאָטן.

פון „מאָרגן" איז געוואָרן „איבערמאָרגן", און פון „איבערמאָרגן" ווי־דער „מאָרגן". פון מאָל צו מאָל האָט טשערניכאָווסקי באַגעגנט עזרען מיט מער אופרעגונג: „וואָס האָט מען צו מיר? מע האַלט מיר אין איין דרייען אַ קאָפּ און מע לאָזט מיך ניט צורו!"

ער וואָלט הונדערט אָרקעסטערס געקאָנט צונויפשטעלן פון די פידלער, וואָס קומען צו אים, ער זאָל זיי אויסהערן. אַלע צו אים, צו אים! גלײַך ווי איין טשערניכאָווסקי איז דאָ אױף דער וועלט. ער זאָל וועלן אַלע־מען אויסהערן, וואָלט ער באַדאַרפט פאַנאַנדערלאָזן דעם אייגענעם אָרקע־סטער, בלײַבן אָן אַ שטיקל ברויט און אַליין אַרומגיין איבער דער וועלט זיך בעטן, מע זאָל אים אויסהערן...

עזרע איז אַרומגעגאַנגען איבער סעוואַסטאָפּאָל, און די שיינע שטאָט האָט פאַרלוירן אַלע כיינען אין זײַנע אויגן. דער יאַם איז אויך אַ בייזער, בייז ווי טשערניכאָווסקי. ער נעמט אים אויך אויף קאַלט. מיט יעדן רויש און מיט יעדער כוואַליע זאָגט ער אים: עס וועט זיך גאָרניט באַקומען, נישטאָ אַף וואָס צו האָפן.

עזרע איז אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט איינמאָל געפרעגט באַ זײַן מאַמען: פאַרוואָס וויינט זי אַזוי אָפט? האָט די מאַמע געענטפערט: ווען גאָט וואָלט זי ניט געבענטשט מיט אַזוי־

פיל טרערן, וואָלט זי שוין לאנג פארטריקנט געוואָרן, ווי א הארבסטיקער בלאט. זי וואָלט שוין לאנג ניט אויסגעהאלטן און ניט געקאָנט איבערטראָגן די אלע צאָרעס, וואָס דאָס לעבן האָט ארופגעוואלגערט אף אירע שוואכע פלייצעס.

טרערן — דאָס איז רעטונג. וויינט זי זיך אויס, ווערט איר ליכטיקער אין די אויגן, לײַכטער אפן הארצן און גרינגער אף דער נעשאָמע.

„פארגעס ניט, קינד מײַנס, — האָט אים די מאמע געזאָגט, — אז פון יענעם טאָג אָן, זינט גאָט האָט זײַן צאָרן אויסגעגאָסן אף אונדז און פאר־שלאָסן אלע טויערן פון מאזל און גליק, האָט ער אײנצײַטיק אויך פאר־שלאָסן די טפילע־טויערן, אז אונדזער געבעט זאָל ניט דערגיין צו אים, נאָר די טרערן־טויערן האָט ער געלאָזט אָפן. טרערן זײַנען ערלעכער פון יעדער טפילע, בא א טפילע קאָן דאָס הארץ זײַן איינס און די ליפּן זאָלן ארויסברעגנגען א צווייטס, נאָר ווען א מענטש וויינט, טוט אים ווײ, איז עס פון פולן הארצן".

עזרע האָט געוואָלט וויינען — און ניט געקאָנט.

וואָס זשע טוט מען? זיך אומקערן אהיים, צוריק אין ליפּאָוועץ, איז אומ־מעגלעך. וואָס וועט ער זאָגן דעם טאטן, דער מאמען, לייבלען? מיט וואָס פארא אויגן וועט ער קוקן אף מיריעמען?

יעדן טאָג האָט עזרע געשריבן מיריעמען, נאָר קיין איינעם פון די בריוו האָט ער איר ניט אָפּגעשיקט. וואָס שטארקער דער ביזאָיען, וואָס גרעסער דער ווייטעק, אלץ מער האָט זיך עזרען געוואָלט טיילן מיט מי־ריעמען און אלץ אופגערעגטער האָט ער די בריוו צעריסן און צעפליקט אף פּיץ־פּיצלעך.

עזרע האָט א סאך געשריבן מיריעמען וועגן טשערניכאָווסקין. טשערני־כאָווסקי איז א מאָדנער מענטש, ער האנדלט מיט מוזיק, נאָר ער איז ניט געוואָרן אויס מוזיקאנט. ווען דער אָרקעסטער שפּילט, קוועלט ער אָן פון יעדער נאָטע, פון יעדן געלונגענעם קלאנג, נאָר ווערט דער אָרקעסטער אנשוויגן — ווערט טשערניכאָווסקי ווידער א סויכער מיט אלע סאָכרים באגלײַך, א סויכער, פאר וועמען ס'איז מער ניטאָ קיין שום שיינקײַט, קיין שום הייליקײַט. ער איז צופרידן מיט דעם אָדער יענעם מוזיקאנט, וואָס העלפט מיט פארגרעסערן זײַן האכנאָסע, און איז אומצופרידן מיט יענע, וואָס פאָדערן א הויסאָפע. א סויכער און א מוזיקער אין איין מענטשן, א טויב און א שלאנג האָבן זיך געמאכט א נעסט אין איין הארצן. ס'איז נאָך א גליק, וואָס זיי גייען ניט צוזאמען. נעמט די אויבערהאנט דער סויכער — פארשווינדט דער מוזיקער, לעבט אוף דער מוזיקער — בלײַבט אָפּהענטיק דער סויכער.

איז דען מעגלעך אזא זאך? יאָ, עס טרעפט. און עזרען קומט אוף אפן זינען דאָס, וואָס ער האָט געהערט דערציילן וועגן דעם קאמענעצער מאגיד.

דער קאמענעצער מאגיד איז געווען איינער פון די גרעסטע מאגידים פון זײַן צײַט. וועגן אים האָט מען געזאָגט, אז ער פארענדיקט ניט זײַן דראָשע, ביז ער טרינקט ניט אויס דעם עמער וואסער, וועלכן מע פלעגט אים אוועקשטעלן אף דער בימע.

דער קאַמענעצער מאַגיד האָט אין זײַנע דראָשעס גערעדט וועגן גאָט, דעם העכשטער פון דער וועלט, און וועגן די מלאָכים, די באַדינער זײַנע, וועגן סכאַר און אוינעש — וועגן געצאָלטס און שטראָף, וועגן גענעם און גאַניידן מיט אַזעלכע בליץ־פאַרביקע בילדער, מיט אַזאַ היסלײַוועס, אַז אַלע צוהערער האָבן עס מאַמעש געזען מיט די אויגן און אָנגעטאַפּט מיט די הענט. מע פלעגט פאַרגיסן טײַכן טרערן און פאַלן כאַלאָשעס.

און נאָך אָט די הייסע דראָשעס, נאָך וועלכע די סאַמע זינדיקסטע פלעגן ווערן באַלטשוּוועס, און גאָטספאָרכטיקע — נאָך גאָטספאָרכטיקער, האָט מען ניט איין מאָל געפּאַקט דעם קאַמענעצער מאַגיד בא זיך אויף דער אַכסאַניע, ווי ער פלעגט אום שאַבעס רייכערן אַ ציגאַר, עסן טאַרפעס און זיך קוויקן מיט טרייף־פּאָסל־ביכער וועגן זינדיקע, אויסגעלאַסענע פּרויען.

ס׳האָט זיך געטאָן כוישעך, ניט איין מאָל האָט מען אים געשלאָגן, גע־צופּט פאַר דער באָרד און פאַרוווּרפט אים האַלטן זײַנע דראָשעס.

נאָר קוים האָט זיך אײַנגעגעבן דעם קאַמענעצער מאַגיד דורכרײַסן זיך ערגעץ אויף אַ בימע, אַזוי גלײַך פלעגן אַלע פאַרגעסן אָן זײַנע אַוויירעס, שלינגען יעדעס וואָרט זײַנס, גלײַך ווי ער זאָל זײַן פון גאָט געשיקט.

„וויבאַלד איר זײַט אָן אַפּיקוירעס און גלייבט ניט אין דעם, וואָס איר רעדט, — פלעגט מען אים פרעגן, — איז ווי זשע קאָנט איר מיט אַזאַ באַ־גײַסטערונג און מיט אַזאַ איבערצײַגונג ריידן וועגן דער עמונע?״

„זייער פּאַשעט, — פלעגט ענטפערן דער מאַגיד. — ווי נאָר איך גיי אַרויף אויף דער בימע און זאָג אַרויס דאָס ערשטע וואָרט „ראַבויסײַ״, ווער איך, דער אומגלייביקער, אַ גלייביקער, ווײַל וואָלט איך אַליין בעשאַסמײַסע זיך ניט אָנגעצונדן, וואָלט זיך בא מיר גאָרנישט ניט באַקומען. מיט מיר פּאַסירט דאָס, וואָס עס פּאַסירט מיט יעדן אַקטיאָר, — איך גיי אַרײַן אין דער ראָל... ניט אומזיסט האָבן אונדזערע כאַכאָמים געזאָגט: „דער באַל־טשוווע איז גרעסער און העכער פונעם צאַדיק״. דער צאַדיק ווייסט ניט דעם טאַם פון דער אַוויירע, און דעריבער איז זײַן מיצווע אויך אָן טאַם, אָבער דער זינדיקער, וואָס רײַסט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּ פון זײַן אַוויירע, דערלאַנגט אַזעלכע הייכן, וואָס קיין איין צאַדיק אין דער וועלט קאָן עס ניט דערלאַנגען״.

פּעדאָצער האָט ניט געהאַלטן פון אַזעלכע מענטשן.

„אָט די „צוויייענדיקע בוכהאַלטעריע״, — האָט ער געזאָגט, — ברענגט אומפּאַרמײַדלעך צו אַ טרויעריקן באַלאַנס. אָבער דאָס הייסט ניט, — פלעגט צוגעבן פּעדאָצער, — אַז בא אַזעלכע מענטשן איז גאָרנישט ניטאָ וואָס צו לערנען... אָט האָט דער טאַנע עלישע בען אַוויע אין זיך אַליין ווידער־שפּעניקט. ער האָט אויסגעהאַקט דיביימער, וואָס ער אַליין האָט מיט זײַנע הענט פאַרפלאַנצט. ער האָט אָפּגעלייקנט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט דער־וויזן פריִער, אַז דאָס איז בלויזער עמעס. עלישע איז געוואָרן אַן אַפּיקוי־רעס. און ראַבי מייער, עלישעס טאַלמיד, וואָס איז געווען שטאַרק קעגן דער אַפּיקאָרסעס פון זײַן רעבן, איז דאָך פאַרבליבן זײַן טאַלמיד. איז שאַ־בעס עלישע געריטן אויף זײַן פערד, איז אים ראַבי מייער נאָכגעגאַנגען, האָט עלישע שאַבעס צעלייגט אַ שײַטער, האָט זיך ראַבי מייער בא אים געוואַרעמט.

— ווי קומט דאָס צו דיר, וואָס דו האלטסט זיך בא עלישען, אז איר זײַנט איינער פונעם צווייטן אזוי ווײַט? — האָבן זיך געוווּנדערט ראבי מייערס כאַוויירים.

אף דערויף האָט ראבי מייער זיי געענטפערט:

— פאראן פּיירעס, וואָס האָבן זייער א ביטערע שאָלעכץ. די שאָלעכץ איז ביטער און אליין די פּיירע איז זיס. ווארפט מען ארויס די ביטערע שאָלעכץ און מע קוויקט זיך מיט דער זיסער געשמאקער פּיירע".

יאָ, טשערניכאָווסקי איז אײַנגעהילט אין זייער א ביטערער שאָלעכץ, ער פארמאָגט אָבער אויך אין זיך יענע זאפטיקע פּיירע, פון וועלכער מ׳טאָר זיך ניט אָפּזאָגן.

צוויי וואָכן זײַנען אדורך, ביז עזרע האָט זיך דערשלאָגן, אז טשערני־כאָווסקי זאָל אים אויסהערן.

דאָס פארהערן עזרען איז פאָרגעקומען אין דער אָנוועזנהײַט פון אלע אָרקעסטראנטן. אזוי פלעגט טשערניכאָווסקי שטענדיק טאָן: ער האָט גע־ווּוסט, אז וואָס בעסער דער אויסגעפרווּוטער וועט שפּילן, אלץ מער קעג־נער וועט ער האָבן, אלץ מער וועלן די אָרקעסטראנטן זײַן אף זײַן זײַט, אף דער זײַט פון זייער באלעבאָס. וואָס מער זיי וועלן מוירע האָבן פאר קאָנקורענץ, אלץ מער וועלן זיי אים אונטערהאלטן און זאָגן, אז דאָס שפּילן איז אזוי זיך, מיטלמעסיק.

אף דער אָפענער בינע פונעם שטאָטישן זומער־טעאטער, באם ברעג יאם, האָט עזרע זיך דערפילט ווי אפן דעק פון דער שיף אין דער צײַט פון א שטורעם. די כוואליעס שלײַדערן די שיף פון איין זײַט אין דער צווייטער, אָט־אָט צעשמעטערן זיי זי.

טשערניכאָווסקי האָט פאָרגעלייגט אָנהייבן פון א מעלאָדיע, וואָס אים, עזרען, געפעלט שוין פון לאנג, און פארענדיקן מיט דעם, איבער וואָס ער האָט ניט לאנג געארבעט און פילט אויס בא היינטיקן טאָג.

עזרע האָט אָנגעהויבן פון זײַן אייגענער קאָמפּאָזיציע. אף די אומרויִקע סטרונעס פון זײַן פידל האָט אופגעלעבט יענע אומפארגעסלעכע נאכט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אויסגעדריקט זײַן באגײַסטערונג, זײַן לויבגע־זאנג, זײַן טיפן ווייטעק פאר גוזיקאָוון, ווּעמעס הארץ עס האָט זיך ווי א סטרונע איבערגעריסן אף דער בינע פון אאכענער טעאטער...

עזרע האָט געשפּילט דעם טאטנס און דעם ברודערס קאָמפּאָזיציעס, ער האָט געשפּילט פעדאָצערס „טשומאק".

עזרע שפּילט און הערט זיך אײַן אינעם סקריפּ פון די פורן. עס גייט דורך פאר זײַנע אויגן אן אָבאָז פון טשומאקעס. טשומאק! טשומאק!

פעדאָצער באוויינט די טשומאקישע דאָליע, און עזרע דערפילט, ווי זײַן אייגענער גוירל פלעכט זיך איבער מיטן ביטערן גוירל פון די טשומאקעס.

און אָט גיט א קלונג העגדעלס אָראטאָריע „שימשן", און עזרע הייבט זיך אָן פילן אלץ זיכערער און זיכערער. יעדער קלאנג פון זײַן פידל בעט און פאָדערט: „קערט זיך אום, מײַנע קויכעס, כאָטש אף א מינוט, כאָטש אף א רעגע, שטארק זיך, מײַן הארץ, שטארק זיך, מײַן האנט. איך באַ־דארף נעמען אָט די פעסטונג!"

עזרע שפּילט — און אים דוכט זיך, אַז דער יאַם־שטורעם האָט זיך באַרויִקט, דאָס געריוש פון די כוואַליעס ווערט שטילער און שטילער — אָט־אָט און עס וועט זיך באַווײַזן די זון, עס וועט קומען צו פליִען אַ ווײַסע טויב מיט אַ גרינעם בלאַט אין פּיסקל, מיטן אָנזאָג פון גוטע און פריילעכע בסורעס...

דער פידל איז אַנשוויגן געוואָרן, די שפּיל איז געענדיקט. אַלע שווײַגן. אַלעמענס פּנעמער זײַנען אָנגעכמורעט, אומצופרידן און באַרויגעז. ביין, קיין גוט וואָרט וועסטו פון אָט די מענטשן זיך ניט דערוואַרטן.

— איך, איך וועל זאָגן! — הייבט אוף דעם פינגער אַ גרײַז־גרויער מו־זיקאַנט מיט אַ פּאָר פּענסנע אַף זײַן גראָבלעכער, ברייטער נאָז. פון די פּענסנע האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר גוטע אויגן.

— זעצט זיך! מע פרעגט בא אײַך ניט! — האָט טשערניכאָווסקי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, גלײַך ווי באַם דיריזשירן, ווען ער פאַלט אָן אַף איינעם, וואָס האָט גענומען אַ פאַלשן טאָן און זיך אַראָפּגעשלאָגן פון טאַקט.

— נישקאָשע, — גיט טשערניכאָווסקי אַ שאָקל מיטן קאָפּ, כאַפּט זיך פאַר זײַן שוואַרץ, קײַלעכדיק בערדל, און דאָס גאַנצע פּאָנעם מיטן שטערן קנייטשן זיך בא אים צונויף, גלײַך ווי ס'טוט אים באַנק, וואָס ער האָט אַפילע אַרויסגעזאָגט דעם „נישקאָשע".

— ווייס איך וואָס, ניטאָ וואָס צו הערן, — פאַריכטן עטלעכע מוזיקאַנטן דעם באַלעבאָס.

— פּרימיטיוו, ס'פּילט זיך פּראָווינץ, ווייס איך וואָס...

עזרע בלײַבט פאַרשטויסן אין אַ ווינקל פון דער בינע. וואָס טוט ער דאָ? וואָס האָט ער דאָ וואָס צו טאָן? אַף וואָס וואַרט ער? ער וועט זיך דאָ אַף גאָרניט דערוואַרטן. פּעדאָצער האָט מיט אים אַזוי ניט געטאָן. פּעדאָצער האָט אים גאָר אַנדערש באַגעגנט.

„רעב פּעדאָצער, — ווילט זיך עזרען אויסשרײַען, — רעב פּעדאָצער, ווען איר וואָלט געוווּסט, ווי מע פאַרשעמט דאָ אײַער טאַלמיד!"

עזרע שפּרינגט אַראָפּ פון דער בינע.

אומגעריכט האָט אים אָפּגעשטעלט טשערניכאָווסקיס דיריזשאָר־שטע־קעלע, וואָס האָט עטלעכע מאָל אָנגעקלאַפּט אין פּולט און זיך אופגעהויבן אין דער הייך. עזרע קערט זיך אום אַף דער בינע...

עס בײַזערט זיך דער יאַם, עס לויפן און טראָגן זיך הויכע וואַסער־בערג. זיי לויפן און טראָגן זיך ביז צום ברעג, דערנאָך צוריק — צעקלאַפּ־טע, צעשפּליטערטע אין די שטיינער, אַף ווידער זיך צונויפגיסן און צונויפ־וואַקסן אין הויכע וואַסער־בערג.

דער אָרקעסטער שפּילט בעטהאָווענס נײַנטע סימפאָניע. אַלע טײַכן פאַלן אַרײַן אין יאַם, און דער יאַם ווערט ניט פול.

אַלע טײַכן פאַלן אַרײַן אין יאַם — אָט אַזוי גיסן זיך צונויף אין דער נײַנטער סימפאָניע אַלע פריידן און אַלעליידן, ליבע און סינע, טרוים און ווירקלעכקײַט, מאַכט און אָנמאַכט, רו און אומרו, וועגן און אָנוועגן, אַליִעס און יערידעס, דער אומדערמידלעכער געלויף פון דער צײַט צו קאַיאָר, צו דער שײַן פון דעם נײַ־געבוירענעם טאָג — דאָרט, ווו עס עטעמט זיך פרײַ,

דאָרט, ווו דער מענטש קאָן אומגעשטערט באַגײַסטערט אויסרופן: „ווי שיין זײַנען די פעלדער און וועלדער, די טײַכן און אָזערעס! ווי ווונדערלעך איז די וועלט! ווי אויסגעצייכנט איז דער מענטש! ווי גוט איז צו לעבן אף דער וועלט!"

„הערן בעטהאָווענען, — האָט געזאָגט פעדאָצער, — דאָס איז דאָס זעלבע ווי מיט די אייגענע אויגן זען דעם וועלט־באַשאַף, ווי די שײַן האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער פינצטערניש, די יאַבאָשע פון דער וואסער, דער הימל פון דער ערד".

עזרעס אויגן קאָנען זיך ניט אָפּרײַסן פון טשערניכאָווסקיס זיך שלײַ־דערנדיקע הענט, גלײַך ווי זיי וואָלטן וועלן די גאנצע וועלט ארומנעמען.

עזרען איז א ביזאַיען: ער איז בא זיך אראָפּגעפאלן, ער האָט זיך פאר־שלאָגן אין א ווינקל, אים איז א ביזאַיען פאר בעטהאָווענס אומענדלעכער קראפט, וואָס שטעלט זיך קעגן דעם שטורעם און פארמעסט זיך מיט די צעבושעוועטע שטורעמדיקע כוואליעס.

די שפיל פונעם אָרקעסטער ווערט שטארקער און שטארקער, און וואָס מער עזרע באַגײַסטערט זיך פון בעטהאָווענען, אלץ מער קאָן ער ניט מויכל זײַן די, וואָס האָבן אים באליידיקט, וואָס האָבן אים באַאוולט.

עלישע האָט ערגעץ אויסגעלייענט און אים, עזרען, דערציילט, וואָס עס האָט איינמאָל פּאסירט מיט בעטהאָווענען.

...אין איינעם א פארנאכט, אין איינער א פאָרשטאָט פון ווין איז גע־גאנגען א ברייטפּלייציקער מענטש מיט א פעסטן זיכערן גאנג. זײַן לייבן־קאָפּ איז געווען הויך אופגעהויבן, זײַנע ווײַס־בלויע אויגן האָבן געפינקלט, ווי צוויי פײַערלעך זאָלן זיך אין זיי ארײַנזעצן, און זײַנע ליפּן האָבן גע־פײַפט און אויסגעפײַפט א מעלאָדיע. ער פײַפט! ער פײַפט ניט אף דער וועלט, ניין, ער פײַפט וועגן דער וועלט, פאר דער וועלט, פאר אלעמען, פאר אלעמען...

אָנגעטאָן איז ער געווען אזוי, אז מ'האָט אים אָנגענומען פאר א פאר־דעכטיקן בראָדיאגע, וואָס פײַפט און רופט צונויף זײַן בראָדיאגע־באנדע אף אָפּצוטאָן פינצטערע מײַסים.

דער פארדעכטיקער בראָדיאגע איז געווען ניט קיין אנדערער, ווי ליוד־וויג וואן בעטהאָווען, און די פארדעכטיקע פײַפערײַ איז געווען די ערשט געבוירענע טעמע פון איינער זײַנער א באוווסטער סימפאָניע, וואָס האָט איבערראַשט די וועלט.

די פּאָליציי האָט אים ארעסטירט, און די טפיסע איז גרייט געווען ברייט עפענען פאר אים אירע שטיינערנע אָרעמס.

— ווער ביסטו? — פרעגט אים דער פּאָליציי־קאָמיסאר.
— איך בין בעטהאָווען!
— באַווײַז דײַן דאָקומענט.
— בעטהאָווען באדארף ניט האָבן קיינע שום דאָקומענטן.

— א שיינע זאך, — האָט זיך דער פּאָליציי־קאָמיסאר צעבייזערט, — אויב אזוי, קאָן דאָך יעדער בראָדיאגע זיך ארויסגעבן פאר בעטהאָווענען. בעטהאָווען קאָן ניט זײַן אָנגעטאָן ווי דו.

— איר האָט א טאָעס, קאָמיסאַר, — האָט זיך בעטהאָווען הילכיק צע־לאַכט, — אָט אזוי און ניט אנדערש גייט אָנגעטאָן בעטהאָווען!..

וויבאלד מענטשן זײַנען זיך אזוי באַגאַנגען מיטן גרעסטן קאָמפּאָזי־טאָר, איז צו וועמען קאָן ער, דאָס ליפּאָוועצער באָכערל, טײַנעס האָבן?.. און עזרען דוכט זיך, אז צו אים דערטראָגט זיך בעטהאָווענס שטים — קאָלזמאַן דו לעבסט, האָב טײַנעס צו דער וועלט! זיך ניט אונטערגעבן דער פאַרצווייפלונג!

די אָרקעסטראַנטן גייען זיך פאַנאַנדער. טשערניכאָווסקי רופט צו עזרען צו זיך מיט א ווונק.

— איז אָט וואָס, דו קאָנסט בלײַבן שפּילן אין מײַן אָרקעסטער, — טשערניכאָווסקי קוקט ניט אף עזרען און רעדט ווי צו זיך אליין, — דאָס ערשטע יאָר אָן געהאַלט, נאָר פאַר קעסט.

— איך בין מאַסקים! — שרײַט אויס עזרע.

— איז קום מאָרגן צען אינדערפרי אף דער רעפּעטיציע.

עזרע איז גליקלעך.

ווי וווּנדערלעך איז סעוואַסטאָפּאָל!.. ווי איבעראַשנדיק איז דער יאַם!.. סאַרא אויסגעצייכנטע מענטשן!.. זיי אלע, דוכט זיך עזרען, זײַנען אזעלכע נאָענטע, אזעלכע אייגענע, ווי זיי וואָלטן געשפּילט מיט אים אין איין אָרקעסטער אָט די מעלאָדיע, וואָס קלינגט איצט אזוי פײַערלעך אין זײַן האַרצן. עזרע טראָגט זיך איבער די סעוואַסטאָפּאָלער גאַסן און כאַזערט איבער די שורעס און ווערטער פונעם בריוו, וועלכן ער וועט באַלד אָנ־שרײַבן מיריעמען: „דאָס ערשטע יאָר — אָן געהאַלט, נאָר פאַר קעסט״.

אָט די שורע קאָן פאַרשטערן מיריעמען די גאַנצע פרייד, די שורע טאָר אין דעם בריוו צו מיריעמען ניט אַרײַן. מיריעם באַדאַרף וועגן דעם ניט וויסן. עס מאַכט ניט אויס, ער וועט זיך ווי־עס־איז אויסדרייען. ער וועט דאָ אויסזוכן עטלעכע טאַלמידים. ער איז אפילע מאַסקים זײַן א שוואַרצאַר־בעטער, טאָן די סאַמע שווערסטע אַרבעטן. דאָס אלץ איז ניט וויכטיק. דער איקער איז דאָס, וואָס מאָרגן הייבט ער אָן שפּילן אין א סימפאָנישן אָר־קעסטער, ער הייבט זיך אוף נאָך אף א שטאַפּל. ער וועט ווערן אַן עכ־טער פידלער!

שווערע טעג זײַנען אָנגעקומען פאַר עזרען. דער ליבהאָבער פון מוזיק, וואָס האָט בא זיך אין שטוב געגעבן עזרען אַן אומזיסטיק ווינקל אף צו ווינען, האָט אים צורו ניט געלאָזט. ער האָט געצווונגען עזרען שאָענווײַז אויסהערן זײַנע מיינוּנגען וועגן מוזיק און מוזיקער, וועגן די אלע קאָנ־צערטן, וואָס ער האָט אמאָל געהאַט געהערט, און וועגן זײַנע אלע באַגעגע־נישן מיט פאַרשיידענע באַרימטע מענטשן.

ניט איין מאָל האָט מען איבערגעריסן עזרען אינמיטן שפּילן:

— די באַלעבאָסטע פילט זיך ניט מיט אלעמען, מוזיק רעגט זי אוף.

— בא דער טאָכטער איז א שלעכטע שטימונג, די מוזיק וואַרפט זי אַרײַן אין א מאָרעשכוירע.

געגעסן האָט עזרע בא טשערניכאָווסקין. טשערניכאָווסקיס פרוי, עזרעס שפּײַזערן, האָט געטאָן אַלץ, אַז ער זאָל זיך איבעריקס ניט פאַריכטן.

— א פידלער, — האָט זי געזאָגט, — איז ניט קײן קאַצעוו, א פידלער באַדאַרף זײַן באַוועגלעך, ווי קוועקזילבער.

ניט אײן מאָל האָט געטראָפן: עזרע קומט עסן, און די באַלעבאָסטע זיצט בא א שכײנע. און אַז זי האָט זיך ניט געקאָנט אויסדרײען און שוין דער־לאַנגט עסן, פלעגט זי אָפּשלאָגן עזרען דעם אַפּעטיט מיטן אויסרעכענען די פּרײַזן אַפן מאַרק, וואָס שטײַגן פון טאָג צו טאָג, מיט דעם יאַקרעס, פון וועלכן עס איז ניט איבערצוטראָגן.

— וואָס טראַכט ער זיך, דער גאָלדשפּינער מײַנער, — פלעגט זי זיך אַלץ מער בײזערן, — זיך אַלײן איז שווער אויסצוהאַלטן, נעמט ער נאָך קעסטניקעס, אַלץ אַף מײַן קאָפּ!

ס'איז דערגאַנגען צו דעם, אַז עזרע האָט מער ניט געקאָנט זיצן בא טשערניכאָווסקיס טיש, ער האָט זיך געוואָרגן מיט יעדן ביסן. ער מוז וואָס גיכער אוועק פונדאַנען. קײן „שטונדן" זײַנען ניט געווען, האָט עזרע זיך אײַנגעאָרדנט פאַר א וועכטער אַף א האַלבער נאַכט — ביז האַלב־נאַכט האָט געהיט אײנער א קראַנקער זאַקן, און עזרע פלעגט אים פאַרבײַטן פון אײנס באַנאַכט: געקלאַפּט מיט אַלע קויכעס א ברעטל אין א ברעטל אַף אָנצושרעקן די גאַנאָווים, און דער איקער, אַז דער באַלעבאָס זאָל וויסן, אַז ער, עזרע, שטײט אַף דער וואַך.

נאָר דאָס אַלץ איז געווען גאָרניט לעגאַבע דער סינע, מיט וועלכער עס האָבן אים טאָגטעגלעך באַגעגנט די מוזיקאַנטן פון טשערניכאָווסקיס אָרקעסטער.

מוזיקאַנטן, וואָס לעבן ניט בעשאָלעם צווישן זיך, וואָס קאָנען ניט אָנ־קוקן אײנער דעם צווײטן, — האָט פעדאָצער געהאַלטן, — טאָר מען ניט דערלאָזן, אַז זײ זאָלן שפּילן אין אײן אָרקעסטער.

אַן אָרקעסטער דאַרף זײַן ווי א פויסט, אין וועלכער אַלע פינגער זײַנען פאַראײניקט. אַלע גלײַך, און מ'דערקענט ניט, וועלכער פון זײ איז לענגער.

אַן אָרקעסטער — דאָס איז א הויזגעזינד, וווּ אײן קלאַנג מיטן צווײטן זײַנען ווי ברידער באַהעפט און ווי פרײַנט העלפן זײ מיט אײנער דעם צווײטן.

עזרע האָט אַף טריט און שריט געפילט דאָס פאַרקערטע...

טשערניכאָווסקי האָט געוווּסט אַף וואָס די מוזיקאַנטן פון זײַן אָרקעס־טער זײַנען פײַיִק, און גלײַך באַם שטעלן זיך צום פּולט און באַם אויפמישן די פּאַרטיטור, מיטן ערשטן געפּאַך פונעם דיריזשיר־שטעקעלע פלעגט ער זײ געבן צו וויסן, אַז טאָן וועלן זײ אַלץ, וואָס ער פאַרלאַנגט, אַז ער וועט הערשן איבער זײ און ניט זײ איבער אים. טשערניכאָווסקין זײַנען ניט אָנ־געגאַנגען די מוזיקאַנטן פון אָרקעסטער, אים זײַנען אָנגעגאַנגען די קלאַנ־גען, קײן אײן קלאַנג טאָר ניט געפעלשט ווערן, קײן אײן קלאַנג טאָר ניט באַאוולט ווערן. פאַר א קלאַנג איז טשערניכאָווסקי גרײט געווען איבער־קערן די וועלט.

אין די מינוטן פון טשערניכאָווסקיס הערשאַפט, אין די מינוטן, ווען די

מוזיקאנטן האָבן פאַרגעסן אין זיך און אין אים, איז צו עזרען קיין גלײַכן ניט געווען.

די אָפענע בינע איז א שיף, א שיף אין אָפענעם יאַם: אַפּשווימענדיק פון איין ברעג, טראָגט זי זיך אַף אַלע זעגלען צום צווייטן. זי איז שוין ווײַט אוועק פונעם ברעג, און נאָך ווײַטער איז דער ברעג, צו וועלכן זי שווימט. נאָר זי וועט דערשווימען, אומבאַדינגט דערשווימען, זי וועט זיך ניט פאַר־האַלטן אין וועג און אין ערגעץ ניט אָפּקערעווען.

טשערניכאָווסקיס דיריזשאָר־שטעקעלע — א רודער אין דער האַנט פו־נעם קאַפּיטאַן. ער פירט און ריכטעט די שיף, און אַלץ נעענטער ווערט דער וועג צו דער יאַבאָשע, צו יענעם ברעג, ווו דער מענטש איז א מענטש, ווו עס ענדיקט זיך די גרויע וואָך און ס׳איז דורכויסיקער יאָמטעוו.

דער אָרקעסטער שפּילט, און עזרען ווילט זיך, אַז די שפּיל זאָל זיך קיינמאָל ניט ענדיקן — ער וויל ניט, ס׳זאָל זיך ענדיקן דער יאָמטעוו. ווי גוט וואָלט געווען, טרוימט עזרע, ווען ס׳וואָלט ווידער אופגעקומען דאָס פידל־קיניגרײַך!

וועגן דעם דאָזיקן קיניגרײַך פון אַלע קיניגרײַכן האָט פעדאָצער ניט איין מאָל דערציילט זײַנע טאַלמידים.

קימאַט אכט הונדערט יאָר האָט זיך געצויגן אָט דאָס קיניגרײַך — ביזן 1765 יאָר, ווען דער לעצטער „פידל־קיניג״, הילײאָם דיומאַנזאַר, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זײַן טראָן. „די איצטיקע פידלער, — האָט ער געזאָגט, — זײַ־נען שוין ניט די, וואָס זײַנען געווען אין די אַלטע צײַטן, זיי זײַנען שוין מער ניט הילפלאָז, זיי קאָנען שוין אַליין באַשטיין זייער שטעטל און ניי־טיקן זיך ניט מער אין קיינעמס הילף...״

ניין, — איז עזרע ניט מאַסקים מיט הילײאָם דיומאַנזאַר, — די לאַגע פון די פידלער איז נאָך אויך איצט, אומעטום אין גאָר דער וועלט זייער א שווערע, זיי ווערן באַליידיקט אַף טריט און שריט, איצט, ווי אַמאָל, איז נייטיק אַזא, וואָס זאָל זיך אָנעמען די קריוודע פון די פידלער, און עזרע ווילט אויס דעם בעסטן און ערלעכסטן מוזיקאַנט פונעם אָרקעסטער, דעם גרײַז־גרויען אַראָנען פאַר א קיניג.

פון הײַנט אָן און ווײַטער אַנערקענט ער טשערניכאָווסקין בלויז אַלס דיריזשאָר, נאָר ניט אַלס באַלעבאָס, באַלעבאָס וועט זײַן ער, דער קיניג, דער גרײַז־גרויער אַראָן.

עזרע מישט די נאָטן־בלעטער, און איינצײַטיק ווערט אופגעמישט פאַר אים איין געשיכטע־בלאַט נאָך דער צווייטער.

...גאָט האָט פײַנט שפּאַס, גאָט האָט פײַנט שאַרפע צינגער, גאָט האָט פײַנט, אַז מע לויבט די, וואָס טרעטן אַף דער ערד, און מ׳פאַרגעסט אָן אים. גאָטס וועכטער האָבן דערקלערט א מילכאָמע די שפּילער, די זינגער, די לייצים מיט די שאַרפע צינגער. נאָר וואָס מער מ׳האָט זיי גערודיפעט, אַלץ פעסטער האָבן זיי זיך פאַרייניקט.

דוכט זיך, וואָס קאָן זײַן אַף דער וועלט שטילער און צאַרטער פון א פידל. איז אויך דעם פידל האָבן די קאַרדינאַלן געפּאַסלט — דער פידל שטערט דעם גלעקער־געקלאַנג. דער גלאָק מיטן פידל קאָנען צווישן זיך

ניט לעבן בעשאָלעם — דער גלאָק רופט אַף גאָטס וועג און דער פידל פירט אראָפּ פונעם דערעך־האיאָשאָר, דער פידל האָט זיך זײַן באזונדער טפּילע, וואָס ווידערשפּעניקט. אין גאָטס נאָמען האָט מען די פידלער פאַר־שאָלטן, אין גאָטס נאָמען דערקלערט, אז ווער עס וועט זיי רוידעפן און טאָן שלעכטס, וועט מיט דעם פארדינען די גרעסטע מיצווע. און באלאָנים אַף טאָן שלעכטס און פארדינען דורך דעם א מיצווע האָבן זיך געפונען א סאך, א סאך.

שווער איז דאן געווען די איינצלנע וואנדער־פידלער. האָבן זיי זיך אָרגאניזירט אין אָרקעסטערס. די אָרקעסטערס האָבן זיך פאַרייניקט אין „פידל־קיניגרײַכן", און יעדער „קיניגרײַך" האָט זיך געהאט זײַן „קיניג".

איין מאָל אין יאָר, אין טאָג פון מישפּעט, פלעגט דער „פידל־קיניג" אויסהערן אלע אָנקלאָגעס, אלע פאַריבלען און באליידיקונגען, וואָס עס איז אויסגעקומען אויסצושטיין פארן יאָר די אונטערטאנער פונעם „פידל־קיניגרײַך". אין דעם טאָג פלעגן ארויסגעטראָגן ווערן אורטיילן, אויס־ריידן, עס פלעגן אויסגעדריקט ווערן דאנקען און אין דעם ערן־בוך פלעגן פארשריבן ווערן די נעמען פון די מוזיקאנטן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט פארן יאָר מיט זייער שפּילן און מיט זייער אופירונג.

אין אלע טעג פון א גאנץ יאָר איז דער „פידל־קיניג" געווען פארנומען מיט זײַנע אויסערלעכע איניאָנים. ער פלעגט זיך אָנעמען די קריוודע פון יעדן פידל־אונטערטאנער, געוואָרנט, געמאָנט און אין דער מערהײַט פאלן אויסגעפירט.

ניט איין מאָל פלעגט אים אויסקומען זיך ווענדן צום עכטן קיניג, צום הערשער פון לאנד:

— דער פידלער איז באשאפן געוואָרן צוליב דעם, ער זאָל שפּילן אפן פידל, און ניט צוליב דעם, ער זאָל לײַדן באליידיקונגען און דערנידעריקונ־גען. אויב מײַנע אונטערטאנער האָבן זיך מיט עפּעס־וואָס פארשולדיקט, וועל איך זיי אליין מישפּעטן. איר האָט אַף דעם קיין רעכט ניט. איר זײַט טאקע א קיניג, „דער געזאלבטער פון גאָט", נאָר ס'איז נאָך א גרויסע פראגע, ווער ס'איז דער עמעסער קיניג, — דער, וואָס טראָגט די קרוין אפן קאָפּ, צי דער, וואָס האלט דעם פידל אין דער האנט. א קרוין קאָן יעדער איינער טראָגן, און קעדיי צו שפּילן אפן פידל, דאַרף מען פארמאָגן עפּעס אזוינס, וואָס ניט יעדער איינער פארמאָגט עס!..

עזרען ווילט זיך זײַן אן אונטערטאנער פונעם קיניגרײַך איבער אלע קיניגרײַכן, פונעם „פידל־קיניגרײַך".

אָט־אָט וועט אָנקומען דער טאָג פון מישפּעט, און דער סאמע ערלעכ־סטער „פידל־קיניג" אין דער וועלט וועט אים, עזרען, באפרײַען פון גע־פּענקעניש. ער וועט פארמאָגן אן אייגן ווינקל אין א ווינונג, ווו קיינער וועט אים ניט שטערן. טשערניכאָווסקי וועט אים צאָלן אזא געהאלט, ווי ער פארדינט. דער „פידל־קיניג" וועט זיך נעמען צו טשערניכאָווסקין — זאָל ער איינמאָל פאר אלעמאָל פארענדיקן מיט זײַנע מיִעסע סאָכרישע גענג. אן אונטערטאנער פונעם „פידל־קיניגרײַך" קאָן זײַן בלויז א מוזיקאנט, פאר הענדלער איז דאָ קיין אָרט ניטאָ.

א טראָט צוריק

נאָר ווו, וואָס, ווען — נישטאָ קיין „פידל־קיניגרײַך”, און אפילע דאָס, וואָס ס׳איז געווען, איז אויך פארלוירן געגאנגען: טשערניכאָווסקיס סימפאָנישער אָרקעסטער איז זיך פאנאנדערגעפאלן.

אין סעוואסטאָפּאָל האָבן אלץ אָפּטער, באזונדערס זומער־צײַט, אָנגעהויבן גאסטראָלירן פארשיידענע סימפאָנישע אָרקעסטערס פון אָדעס און קיִעוו, אונטער דער אָנפירונג פון באוווּסטע דיריזשאָרן. טשערניכאָווסקין איז אלץ שווערער און שווערער געוואָרן קאָנקורירן מיט זיי. ניט איין מאָל פלעגט אויסקומען אָפּשאפן די קאָנצערטן: אין קאסע פלעגן בלײַבן אלע בילעטן ניט קיין פארקויפטע.

טשערניכאָווסקי האָט געבויט פארשיידענע פּלענער, האָט געטראכט, ווי צו שאפן א נײַעם אָרקעסטער אין אן אנדער שטאָט, און דערווײַל, ביז וואָס־ווען, האָבן די מוזיקאנטן פארלאָזט זייער אלטן באלעבאָס און זיך געלאָזט איבער דער וועלט זוכן נײַע באלעבאטים.

עזרע איז אוועקגעפאָרן קיין בעלץ און האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין מענאַשעס אָרקעסטער. מענאשע איז געווען באוווּסט אלס דרייער און מוזיק־געשעפטמאכער.

— מײַן אָרקעסטער, — האָט געזאָגט מענאשע, — דארף זײַן א גארניטער פון קאָפּ ביז די פיס, פון האָניק און עסיק. א קאָלבוי־אָרקעסטער. בעלץ איז ניט פאריזש און ניט פעטערבורג, אונדזער שטעטל קאָן זיך ניט פארגינען האָבן באזונדערע באקאליי־קלייטן, באזונדערע שוך־, מאנופאקטור־ און גאלאנטעריי־מאגאזינען. מײַן אָרקעסטער באדארף פארמאָגן א פולן אסאָרטימענט — אלץ פאר אלעמען. איז א ייִדישע כאסענע — איז א ייִדישע, איז א מאָלדאוואנישע — איז א מאָלדאוואנישע, איז א רוסישע — איז א רוסישע; א דוינע — איז א דוינע; ווילן פריצים טאנצן, דארף זיי דער אָרקעסטער טראָגן אלע טענץ אנטקעגן; און פארווילט זיך א רײַכן ייִדן עפּעס א „מאָראל”, דארף מען אים אָנמאָראלעווען, וויפל נאָר ס׳וועט אין אים ארײַנקריכן. צווישן מיליטערלײַט דארף זיין „פאָ־וואָיענאָמו”, און פאר די דאמען און הערן, וואָס זײַנען געווען אין די גרויסע שטעט און פארזוכט דעם טאַם פון סימפאָניעס, דארף מען באווײַזן, אז דער בעלצער אָרקעסטער ווייסט אויך, וואָס עס טוט זיך אף דער וועלט. פון ניט וויסן און ניט קענען טאָר קיין רייד ניט זײַן, יעדער איינער, וואָס שפּילט אין מײַן אָרקעסטער, דארף זײַן גרייט צו אלץ.

מענאשע האָט אופגענומען עזרען, ווי זײַנעם אן אלטן גוטנפרײַנט, ער האָט גלײַך דערפילט מיט זײַנע ברייטלעכע נאָזלעכער, אז ארום דעם יונגן מוזיקאנט וועט ער קאָנען מאכן געשעפט און אָפּלעקן א ביינדל.

— זײַ וויסן, ברודערל, — האָט זיך מענאשע פאָרגעשטעלט פאר עזרען, — אז איך באצי זיך צו מוזיקאנטן, ווי אווראָם גאָלדפאדען האָט זיך באצויגן צו אקטיאָרן. איך בין דער קלעזמער־גאָלדפאדען. יאָ, יאָ! — האָט מענאשע ניט אופגעהערט שארן ארוף זײַנע שווארצע געדיכטע האָר און צערטלען זײַן קאָמעץ־בערדל א־ליא גאָלדפאדען.

מענאשעס אומרויִקע, ארומלויפנדיקע אויגן האָבן זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען אין די ברילן, וועלכע ער האָט געטראָגן ניט אזוי צוליב דעם, אז ער זאָל זען יענעם, נאָר דעריקער, אז יענער זאָל אים זען, זאָל אים באמערקן, סארא אינטעליגענט, סארא היינטצייטיקער מענטש ער איז.

— נו, איז קום, ברודערל, אין ווייַנקעלער! — האָט מענאשע אונטערגע־כאפט עזרען אונטער דער האנט. — דאָרטן וועל איך דיך פארהערן, וויאזוי דו עסט און וויאזוי דו טרינקסט. לויטן עסן און טרינקען דערקענט מען שטענדיק דעם מענטשן. וואָס גרעסער דער טאלאנט, אלץ א גרעסערער טרינקער און פרעסער איז ער... בא מיר אין אָרקעסטער איז געווען איינער א פידל־סאָליסט, טאלאנטפול ווי דער טייַוול! אין רעסטאָראַן פלעגט ער זיך באשטעלן עסן ניט לויט די מייַכאָלים, נאָר לויט דער צייַט: דערלאנג אים עסן אף א שאָ, אף אָנדערהאלבן, און אמאָל אף גאנצע צוויי! דו שטעלסט זיך עס פאָר, וויפל מע קאָן אופּרעסן פאר צוויי שאָ?.. איך בין אויך ניט פון די טאנייסים־פאסטער, נאָר מער ווי א שאָ עסן קאָן איך ניט. נאָך א שאָ עסן דוכט זיך מיר, אז מע קאָן זיך ביכלאל באגיין אָן עסן.

יאָ, יאָ, — באגייַסטערט זיך מענאשע און ווייסט ניט, וועלכע פרעסער־געשיכטע דערציילן פריִער, — יאָ, יאָ, בא מיר אין אָרקעסטער איז געווען איינער א קלארנעטיסט, האָט ער אזא אפעטיט געהאט צום עסן, אז אף אלע פויקער, אף אלע טראָמבאָניסטן און טרובאטשעס געזאָגט געוואָרן.

הער א מייַסע, אין א שאָ ארום גייט דער אָרקעסטער אף א כאסענע, און ער, דער קלארנעטיסט, לויפט ארייַן אין א קאפע און בעט דערלאנגען אפדערגיך איבערכאפּן א צענדליק געקאָכטע אייער, א טוץ בייגל, א קופל ביר, צוויי גלעזער קאווע און א טשייַניק טיי.

— גיכער, גיכער, — האָט דער קלארנעטיסט אופגעהויבן א טומל, גלייַך ווי ער זאָל צען טעג ניט עסן, — גיכער, גיכער, איך אייל אף א כא־סענע!

בעסאראביע, ברודערל, זאָלסטו וויסן זייַן, איז א לאנד פון עסן, א לאנד פון מאמעליגע מיט ווייַן, און וויַל מע עסט דאָ אזויפיל, דערפאר טאקע האָט מען דאָ אזוי ליב מוזיק. ווי זאָגט מען עס, פארן עסן גייט קיין טאנץ ניט. שפיל פאר א הונגעריקן מאגן די שענסטע זאכן אין דער וועלט, וועט דער הונגעריקער הערן בלויז, ווי עס שפילט בא אים דער מאָגן, ווי ער מאָנט, גייט אויס און כאלעשט עסן.

אינעם ווייַנקעלער האָט זיך מענאשע געפילט ווי בא זיך אין דער היים. גלייַך נאָכן צווייטן קאָס האָט ער געקרוינט עזרען מיטן טיטל „מאעסטראָ”, אים באשטימט אלס דיריזשאָר און אלס פידל־סאָליסט. געהאלט — פינף און צוואנציק רובל א כוידעש.

— מאעסטראָ! מאעסטראָ! — איז מענאשע פון מינוט צו מינוט פריילע־כער געוואָרן. — דייַן זאך איז שפילן, שפילן, ווי דאָס געערטע פובליקום פארלאנגט, און דאָס איבעריקע נעם איך אף זיך. און אלץ, וואָס איך נעם אף זיך, איז שוין ניט דייַן זאך, דו קוק און שווייַג.

און וואָס מער מענאשע האָט געטרונקען און גערעדט וועגן דער פראָג־ראַם פון זייַן אָרקעסטער, אלץ מער איז עזרע ניכטערערהייט שיקער גע־וואָרן — אלץ האָט זיך געדרייט, אלץ האָט זיך פארדרייט אין א ווילדן ווי־

כער. די גרויסע פעסער ווײַן קויקלען זיך און קויקלען זיך, אָט־אָט וואל־גערן זיי זיך ארוף אף אים. עס פעלט אים אויס אָטעם, ער ווערט דער־שטיקט, און אלע זינגען דאָ, און אלע לאכן דאָ און פרייען זיך ווי אף א בייזוווּנדער.

ווו געפינט ער זיך, וואָס טוט זיך עס מיט אים?

עזרע האָט נאָך ניט באוויזן ווי עס געהער צו זײַן זיך באקענען מיטן אָרקעסטער, מיטן רעפּערטואַר, ער האָט נאָך ניט באוויזן אויסלערנען מיט זיי קיין איין זאך, האָבן זיך איבער די בעלצער גאסן באוויזן רעקלאמעס מיט געדרוקטע האנט־אויסיעס:

„קליין און גרויס, אלע ביז איינעם — אין טעאטער!
איר וועט זיך ניט קאָנען אָפּכידעשן און אָפּוווּנדערן!
א נײַער סאָליסט, א נײַער דיריזשאָר, א נײַער רעפּערטואַר!
דער סאָליסט איז דער דיריזשאָר,
א קינד נאָך, א וווּנדערקינד!
א קינד, וואָס זעט אויס קימאַט ווי א דערוואקסענער...
אָט דאָס וווּנדערקינד האָט איבערראשט פּעטערבורג,
מאָסקווע און בערלין, לאָנדאָן און פּאַריזש.
און איצט איז ער געקומען צו אונדז,
געקומען איבערראשן בעלץ...
לאָזט ניט דורך אזא גליקלעכע געלעגנהײַט!
קומט! ניט פאַרזאַמט! אײַלט!"

מיט דער רעקלאמע זײַנען געוועןן באקלעפּט אלע קלייטלעך, אלע פּלויטן און די פאסאדן פון די הײַזער. ווען עזרע האָט דאָס דערזען, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט זיך דערפילט אזוי, גלײַך ווי ער זאָל זיך פאַרשולדיקן פאַר זײַן פידל, ווי ער זאָל מיט די אייגענע הענט האָבן צעריסן די סטרונעס, צעבראָכן דעם סמיק און ארויסגעוואָרפן דעם פידל אף א קופּע מיסט. אים איז א ביזאָיען געווען קוקן מענטשן אין פּאָ־נעם; אים האָט זיך געדוכט, אז אלע לאכן פון אים: „אָט איז ער, דער לעץ, דער בארימער, דער ליגנער און שווינדלער".

עזרען ווילט זיך וואָס גיכער קומען צו זיך אין צימער, זיך פאַרשליסן און באנאכט, ווען אלע וועלן שלאָפן, אנטלויפן פונדאנען, וווהין די אויגן וועלן טראָגן. נאָר ער גייט גאָר עפּעס אין אן אנדער זײַט, אלץ ווײַטער פונעם הויז, ווו ער וווינט, און אומעטום, פון אלע זײַטן, שווינדלט אים פאַר די אויגן די פאַרשאָלטענע רעקלאמע, און ער לויפט פאַרבײַ די בויגנס פּאַפּיר, ווי קאָליסטרוי, און די אויסיעס שמײַסן, שמײַסן אין פּאָנעם, זעצן איבערן קאָפּ, איבערן הארצן...

ווען עזרע איז ניט געקומען צו דער באשטימטער צײַט אף דער רע־פּעטיציע, האָט זיך מענאשע שטארק באומרויִקט און געלאָזט זיך אים זוכן. ער איז געווען בא אים אין דער היים, בא אלע מוזיקאנטן און בא אלע מו־זיק־ליבהאָבער. ער האָט אים געזוכט אפן מארק, איבער אלע גאסן און געסלעך, און געפּאַקט האָט ער אים הינטער דער שטאָט, זיצנדיק לעבן א בוים מיטן פידל אין דער האנט.

מענאשע האָט געשווינד אראָפּגעכאפּט די ברילן, זען, צי האָט ער קיין

טאָטע ניט, צי דאָס איז טאַקע עזרע. יאָ, דאָס איז ער. א צופרידענער, וואָס דער העזעק האָט זיך אָפּגעזוכט, האָט מענאשע אזש אונטערגעטאנצט:

— ער! אַף מײַן ערן־וואָרט, ער! וואָס האָט מיט דיר געטראָפן? האָט דיך עמעצער באַליידיקט? דערצייל, באַהאַלט ניט אויס! פאר וועמען, פאר וועמען, נאָר פאר דיר וועל איך זיך שטענדיק אָננעמען.

עזרע איז אופגעשפרונגען:

— ווער... ווער האָט אײַך געגעבן דאָס רעכט אויסהענגען אזא רעקלאַמע?

— וואָסי וואָס? — האָט זיך מענאשע צעשמייכלט, ווי גאָרניט אים מיינט מען. — אַך, די רעקלאַמע? נו, איז וואָס? דיר איז עפּעס אָפּגעקומען פון דעם? דו ביסט א טשודאַק! דיך קאָסט עס טײַער? פארקערט, דו קאָנסט נאָך פארדינען אינעם געשעפט! אדעראבע, זאָג מיר, וויפל ווילסטו, איך זאָל דיר אָפּצאָלן פאר דעם? א צענערל וועט זײַן גענוג! ווייניק? נו, איז פופצן. אויך קארג? איז צוואַנציק! וואָס, צוואַנציק איז אויך קיין מאַטבייע ניט? איז זאָל זײַן ניט ווי איך וויל, און ניט ווי דו ווילסט, זאָל זײַן א פינף־און־צוואַנציקער.

— אפילע פאר קיין טויזנטער וועל איך ניט פארקויפן מײַן ערע! — האָט עזרע א רויט־אָנגעצונדענער געציטערט פון אופרעגונג. — איך בין ניט קיין לעך, ניט קיין שפּילצײַג, אז יעדער איינער זאָל זיך מיט מיר שפּילן ווי עס ווילט זיך אים. איך בין איך, און ניט קיין אנדערער!

— ע, קינד מײַנס, איך זע, אז דו ביסט טאַקע אפדערעמעסן א קינד.

מענאשע האָט גענומען עזרען פאר דער האנט און אים צוגעפירט צו א בוים.

— לאָמיר זיך צוזעצן. בארויק זיך. איך מיין דאָך בלויז דײַן טויווע. די גאנצע וועלט האַלט זיך דאָך בלויז אַף שווינדל. אָן שווינדל וועסטו אין ערגעץ קיין טראָט ניט מאכן. וועסטו ניט אָפּנארן — וועט מען דיך אָפּנארן. דער מארק איז נישט בלויז אפן מארק־פלאַץ — דער מארק איז אומעטום. יעדער איינער איז אַף זײַן אויפן א סויכער, יעדער איינער סטאַרעט זיך אָפּנארן ווו נאָר ער קאָן.

— ניט עמעס! — האָט עזרע אויסגעשריגן און זיך אָפּגעקערט אָן א זײַט, ער זאָל ניט אָנקוקן מענאשעס כיטרע שמייכעלע. — מײַן טאַטע איז ניט קיין סויכער, מײַן טאַטע איז א קלעזמער; מײַן ברודער לייבל איז א פידלער, מײַנע שוואָגערס זײַנען מוזיקאנטן! און קיינמאָל האָבן זיי קיינעם ניט אָפּגענארט און וועלן ניט אָפּנארן.

מענאשעס אָפּשפּעטערישער שמייכל האָט אופגעבראַכט עזרען, און ער האָט געהאַלטן אין איין דערווײַזן מיט פארשיידענע באווײַזן, סארא זינד ער, מענאשע, באגייט מיט דעם, וואָס ער נעמט אלעמען ארײַן אין קאָן, וואָס ער טיילט ניט אָפּ די ליכטיקײַט פון דער פינצטערניש.

— די מוזיקאנטן פעטער און וואסיל זײַנען ניט קיין סאָכרים. זיי זײַנען ערלעך און ריין, ווי די קלאַנגען פון זייערע פידלען. בונים, גאָלדפאַדענס אקטיאָר, איז ניט קיין סויכער! און פעדאָצער? זײַנע טאַלמידים האָט פעדאָצער שטענדיק געלערנט, אז מע זאָל זיך ניט יאָגן נאָך קיין געלט.

— ניין! — האָט מענאשע איבערגעריסן עזרען. — איך האָב קיין טאָעס ניט געהאט, ווען כ'האָב אָנגעשריבן אין דער רעקלאַמע, אַז דו ביסט אַ קינד. איז עס דען ניט אַזוי? דײַן פֿאָטער און דײַן פֿעדאָצער נאַרן קײנעם ניט אָפּ? זײַנען זיי אָרעמעלײַט!.. מע זאָגט, אַז יעדער דאָר האָט זיך זײַנע זעקס און דרײַסיק לאַמעדוואָווניקעס, אין וועמעס זכוס די וועלט האַלט זיך. נאָר וואָס פֿאַר אַ ווערט האָבן זעקס און דרײַסיק מענטשן אין פֿאַרגלײַך מיט דער גאַנצער וועלט? ווי דו ווילסט זיך — און איך בלײַב זיך בײַ מײַנעם. די וועלט איז אַ מאַרק, ווו מ'האַנדלט און מ'נאַרט אָפּ. אַפֿילו דײַנע שוסטער און שנײַדער, מיט וועמען דו נעמסט זיך אַזוי איבער, — האַלטן אין איין נאַרן די וועלט, אין איין רעקלאַמירן זיך. וואָס אַ גרעסערער פֿאַרטאַטש, וואָס אַ גרעסערער קאַליקע, אַלץ אַ גרעסערע רעקלאַמע. אַ ליאַדע שוסטערל, וואָס ווייסט ניט, ווו פּאַריזש געפֿינט זיך, רעקלאַמירט זיך אַלס פּאַריזשער מײַסטער, וואָס נייט בלויז לויט דער פּאַריזשער מאָדע. אַ שנײַדער, וואָס האָט אַף זײַן לעבן קײנמאָל קיין שינעל אין האַנט ניט געהאַלטן, שטעלט אַרויס אַ שילד מיט אַ שינעל און שטעלט זיך פֿאָר אַלס פּעטערבורגער מיליטער־שנײַדער, אַ צווייטער האַלט זיך פֿאַר אַ לאָנדאָנער און אַ דריטער פֿאַר אַ ניו־יאָרקער. נעם די קלייקוידעש! דאָס זײַנען דאָך עמעסע גאָטס־גאַנאָווים. זייער מאַרק — איז די שול, זייער סכוירע — גאָט אַליין! און גאָט, באַדאַרף איך דיר זאָגן, איז אַ גוט שטיקל סכוירע, אַ סאַך אַ בעסערע סכוירע, ווי מוזיק. מוזיק באַדאַרף מען אַמאָל אין אַ יויוול: אַף אַ כאַסענע, אַף אַ סימכע. און אָן גאָט וועסטו זיך ניט באַגיין קיין איין מינוט. דערבײַ נייטיקט זיך ניט גאָט אין קיין רעקלאַמע. גאָט — דאָס איז די סאַמע גאַנגבאַרסטע סכוירע!

מענאשע איז אַלץ מער פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון די אייגענע רייד.

— אָט יענע וואָך איז געקומען צו אונדז אין בעלץ איינער אַ כסידישער רעבע, האָט ער מיט זיך אָוועקגעפֿירט אַ מאַטמען מיט געלט. פֿאַר צוזאָגן געזונט — געלט! פֿאַר צוזאָגן אַ גוטן כאָסן — געלט! און אַ גוטע קאַלע גייט אויך ניט צופֿוס. אַז דער רעבע זאָגט צו — דאַרף מען צאָלן. נו, און פּאַרנאָסע? פּאַרנאָסע אַליין איז דאָך שוין געלט, איז ווי צאָלט מען ניט פֿאַר געלט מיט געלט? און אַז דער רעבע זאָגט צו אָן אַקאָרע אַ בענזאָכער, איז פֿאַרקויפֿט מען פֿון זיך דאָס לעצטע העמד. ווען דער רעבע האָט געהאַלטן באַם אָוועקפֿאָרן, האָט מען געפּראַוועט אַ סודע. די טישן האָבן זיך געבראָכן פֿון מײַכאָלים און מאַשקע. די סאַמע טײַערסטע ווײַנען, די סאַמע בעסטע פֿליישן און די סאַמע געשמאַקסטע פֿיש. דער רעבע, וואָס איז געזעסן אויבנאָן, האָט מיט זײַן ווײַטן קוק גלײַך באַמערקט דעם געפֿרעגלטן אינדיק. כסידים האָבן גלײַך פֿאַרשטאַנען, וואָס דער רעבע מיינט, און פֿײַל־אויסן־בויגן אים צוגערוקט דעם אינדיק. פֿון גרויס באַגײַסטערונג האָט דער רעבע פֿאַרגלאָצט די אויגן און מיט אַ כליפּענדיקער שטים גענומען זאָגן מוסער: „ייִדן! די האַזשגאָכע אַליין האָט אונדז צוגעשיקט דעם אינדיק, און געשיקט האָט זי אים, איר זאָלט זיך אַראָפּנעמען אַ מורסער. נעכטן איז נאָך דער אינדיק אַרומגעגאַנגען מיט אַ הויך אויפֿגעהויבענעם קאָפּ און גאַדלעסדיק געשריגן „האָלדער, האָלדער!" און געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט איז זײַנע, אַז ער האָט גאָר צו זיך קיין גלײַכן ניט. און

איצט איז ער אַ געקוילעטער, אַ געסמאַלעטער, אַ געבראָטענער, אַ געקאָכטער און געפּרעגלטער. געווען אַן אינדיק — און מער ניטאָ קיין אינדיק! אַזוי איז, לעהאַוודל, דער מענטש. אָט גייט ער, אָט לויפט ער, אָט קערט ער וועלטן און מיינט, אַז ער איז אַלץ!.. און גיט נאָר דער מאַלעכהאַמאָוועס אַ פאָכע מיט דער שווערד, איז שוין דער מענטש געגליכן צום אינדיק, ער איז אַ געקוילעטער, אַ צעשניטענער, גאַרנישט מיט גאַרנישט, דרויב און שטויב. געווען אַ מענטש — און ניטאָ קיין מענטש!.. און וויבאַלד אַזוי, איז לאָמיר זיך אַראָפּנעמען אַ מוסער פונעם אינדיק. אַ האַלבן מוסער, — איז דער רעבע מיט אַ שאַרף מעסער פאַרפאָרן אינעם געפּרעגלטן אינדיק, — נעם איך פאַר זיך, און די צווייטע העלפט מוסער לאָז איך איבער פאַר אײַך אַלעמען, מײַנע טײַערע כסידים". אַזאַ, ברודערל, איז די קאַוואָנע און דער מיין פון יעדן מוסער, — האָט פאַרענדיקט מענאַשע. — קעגן אַ וועלט קאָן מען ניט גיין! דו ביסט דאָך ניט מער ווי אַ באַסערוועדאָם. אַ מוזיקאַנט אָן רעקלאַמע קאָן זיך ניט באַגיין.

אָבער וואָס מער מענאַשע האָט אײַנגערעדט עזרען, אַלץ אײַנגעשפּאַרטער איז ער געווען. ער איז ניט מאַסקים אַף קיינע שום רעקלאַמעס. עס האָט גאַרנישט ניט געהאָלפן, מענאַשע האָט זיך געמוזט אונטערגעבן.

אין די מעלדונגען, וואָס האָבן פאַרקלעפּט די רעקלאַמעס, איז צו וויסן געגעבן געוואָרן, אַז דער נײַער דיריזשאָר און סאָליסט פון אָרקעסטער — עזרע מאַליאַרסקי — איז פּעדאַצערס אַ טאַלמיד, און דער הויפּט־רעפּערטואַר פונעם קאָנצערט וועט באַשטיין פון פּעדאָצערס זאַכן.

באַ די אַלע, וואָס האָבן געשפּילט אין בעלצער אָרקעסטער, איז מוזיק געווען אַ בײַזאַך, אַ בײַפּראָפעסיע. זיי זײַנען געווען שנײַדער, שוסטער, סטאָליערס, שערער, אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי געאַרבעט, און אָפּדערנאַכט האָבן זיי געשפּילט. די ערשטע צײַט זײַנען, געוויינלעך, די מוזיקאַנטן פון בעלצער אָרקעסטער ניט איבעריקס געווען צופרידן מיט זייער נײַעם דיריזשאָר, ער פאָדערט פון זיי צופיל.

— וואָס מיינט איר זיך, — האָבן זיי ניט אויפגעהערט טײַנען צו עזרען, — מיר זײַנען אַן אָרקעסטער פונעם אימפּעראַטאָרישן טעאַטער? זוכט ניט צווישן אונדז קיין פּאַגאַניניס... יונגערמאַן, דרייט אונדז ניט קיין קאָפּ: יעדער איינער פון אונדז האָט אַ ווײַב מיט קינדער און האָט אַ סאַך גרעסערע צאָרעס, ווי די, וואָס דער אָרקעסטער קלינגט ניט אַזוי, ווי ער וואָלט באַדאַרפט קלינגען. פאַר בעלץ איז עס איבערגענוג, בעלץ וועט עס פאַרדייען, בעלץ פאַרדייעט אַ סאַך ערגערע זאַכן.

עזרע איז באַשטאַנען אַף זײַנס. ס'זײַנען דורך עטלעכע וואָכן, און די אָרקעסטראַנטן האָבן אַליין ניט דערקענט די זאַכן, וואָס זיי האָבן ביז אַהער געשפּילט יאָרנלאַנג. זייער באַציִונג צו עזרען האָט זיך געביטן. גרויס דערפאָלג האָט עזרע געהאַט אויך באַם בעלצער פּובליקום, באַ די אַרומיקע פּריצים. נאָר וואָס גרעסער ס'איז געווען דער דערפאָלג, אַלץ ווייניקער איז ער געווען צופרידן מיט זיך.

ניין, ער האָט קיין רעכט ניט לערנען מיט אַנדערע, ער אַליין באַדאַרף זיך נאָך היפּש לערנען! אַן אומצײַטיקע פרוכט איז ער. פון אַזאַ פרוכט

ווערן הײַליק די צײַן. געראָכט איז פּעדאַצער, טויזנט מאָל גערעכט, בעסער זײַן דער לעצטער באַ די ערשטע, ווי דער ערשטער באַ די לעצטע, בעסער זײַן אַן עק באַם לייב, ווי אַ קאָפּ באַם פוקס. אַ לערער קאָן שטענדיק זײַן אַ טאַלמיד, אָבער דער טאַלמיד קאָן ניט און טאָר ניט, ביז עס קומט די עכטע צײַט, ווערן אַ לערער. ווען איך קוק אַף אַזעלכע לערער, — פּלעגט זאָגן פּעדאַצער, — רײַסט מיר דאָס האַרץ, ווי אַף אַ צעניאַריק יעסוימעלע, וואָס ווערט אַ שטוב־באַלעבאָסטע, גיט אַכטונג אַף די ברידערלעך און שוועסטערלעך, וואַשט, קאָכט און באַקט. קיין טאָלק וועט שוין ניט זײַן אין שטוב, און קיין טאָלק וועט שוין ניט זײַן מיט איר אַליין, מיט דעם יעסוימעלע. אומגליקלעך איז דער אַלטער, וואָס זעט אויס ווי אַ קינד, און טויזנט מאָל איז אומגליקלעך דאָס קינד, וואָס זעט אויס ווי אַן אַלטער. די פּריצײַטיק געוואָרענע לערער האָקן אונטער דעם אייגענעם וואָרצל, און זיי ווערן פּאַרוועלקט, איידער זיי ווערן צײַטיק.

פּעדאַצער האָט געהאַט אַ מאָשל וועגן די פּריצײַטיק געוואָרענע לערער, און דער מאָשל קריכט איצט עזרען פון קאָפּ ניט אַרויס.

איינער אַ מענטש איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ גרוב, אין זייער אַ טיפער גרוב. אַף די ווענט פון דער גרוב זײַנען געוועזן פעסטע גראָז־וואָרצלען. האָט דער מענטש זיך אָנגעכאַפּט אין זיי און געפּרוּווט זיך אַרויסקראַפּקען. קאַראַפּקענדיק זיך אַזוי אַ לאַנגע צײַט, האָט דעם מענטשן אָנגעהויבן שטאַרק כאַלעשן דאָס האַרץ, אים האָט זיך פאַרוואָלט עסן. האָט ער אויסגעריסן אַ גראָז פון איינעם אַ גראָז־וואָרצל. דאָס גראָז האָט זיך אַרויסגעוויזן האָניק־זיס, באַטאַמט מיט אַלע טאַמען.

— וויבאַלד אַזוי, איז זיך ניטאָ וואָס צו אײַלן, — האָט דער מענטש זיך זייער שטאַרק דערפרייט, — אויבן אַף דער ערד זײַנען גאָר אַזעלכע געשמאַקע מײַכאָלים ניטאָ, און ווער ווייס עס דיר אויבן אַף דער ערד געבן עפּעס אומזיסט? — דער מענטש האָט זיך מיט איין האַנט געהאַלטן באַ אַ גראָז־וואָרצל און מיט דער צווייטער געצופּט אַ גראָז נאָך אַ גראָז, געצופּט פון אַלע גראָז־וואָרצלען — סײַ פון די, וואָס אויבן, און סײַ פון די, וואָס אין דער נידעריק. ער האָט אַזוי לאַנג זיך געקוויקט מיט די גראָזן, אַזוי לאַנג זיי געצופּט און געריסן, ביז אַלע גראָז־וואָרצלען זײַנען אויסגעוואָרצלט געוואָרן. דער מענטש האָט זיך אָפּגעריסן, אַראָפּגעפאַלן טיף אין גרוב און דאָרט זײַן קיי־וועַר געפונען.

די בריוו, אין וועלכע עזרע האָט זיך צום אַלעם ערשטן געפּרוּווט באַרימען פאַר מיריעמען, אַז ער דיריזשירט און איז דער סאָליסט פון בעלצער אָרקעסטער, אַז ער האָט אומעטום דערפאָלג, האָט ער צעריסן. ער האָט מיריעמען אַוועקגעשיקט גאָר אַן אַנדער בריוו — קורץ געגעבן צו וויסן, אַז דער סעוואָסטאָפּאָלער אָרקעסטער איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן און ער, עזרע, שפּילט איצט אין בעלץ.

נאָר מיריעם האָט אַלץ פאַרשטאַנען. זי האָט גלײַך געענטפערט, אַז ווי עס ווײַזט אויס, גייט ער, עזרע, אַף ניט קיין ריכטיקן וועג, און ווער ווייסט, וווהין אָט דער וועג קאָן אים פאַרפירן.

פעדאָצערן האָט עזרע געשריבן דעם גאַנצן עמעס, און אויך פעדאָצער האָט אים ניט געשוינט.

„יעדער איינער דאַרף טראָגן די מאַסע, וועלכע ער איז בעקויעך צו דערטראָגן, — האָט אים געענטפערט פעדאָצער. — אַזאַ איז דער געזעץ פון דער נאַטור. זײַנע ערשטע ניט זיכערע טריט מאַכט דורך דער מענטש בײַ זיך אין שטוב; פון שטוב גייט ער אַרויס אַפן הויף, פון הויף — אַף דער גאַס, פון איין גאַס — צו דער צווייטער, ביז ער קומט הינטער דער שטאָט און גייט אַלץ ווײַטער און ווײַטער — אַהין, וווּ עס עפענען זיך פאַר אים ברייטע אומענדלעכע ווײַטן. אין סעוואַסטאָפּאָל האָסטו זיך אופגעהויבן אַף אַ שטאַפּל העכער, און איצט האָסטו געמאַכט אַ טראָט צוריק. איך גלייב, אַז דיר וועט אײַנגיכן ווערן ענג אין בעלץ און דו וועסט אוועקפאָרן קיין וואַרשע. מע זאָגט, אַז דאָרט איז גרינגער אַרײַנטרעטן אין דער מוזיקאַלער שול ווי אין פּעטערבורג, מאָסקווע אָדער אין קיִעוו“.

„גוט, זייער גוט, — האָט עזרע געטראַכט, — וואָס פעדאָצער און מי־ריעם שרײַבן מיר אַזוי“. אַף דעם האָט ער געוואַרט און קיין טאָעס ניט געהאַט.

מיריעמס און פעדאָצערס בריוו האָבן זיך ווי אַ שטורעם־ווינט אַרײַנ־געריסן אין עזרעס האַרץ, זיך דורכגעטראָגן אין דער שפּיל פון אָרקעס־טער, אין די סאָלאָס און מער ווי אומעטום אין די פאַרשיידענע דוינע־וואַריִאַציעס.

...דוינע... דוינע... פאַרגייט זיך עזרעס פידל אַלץ העכער און העכער, און וואָס העכער, אַלץ איינזאַמער, אַלץ שווערער, אַלץ מער פאַרכאַפּט דער אָטעם. די קלאַנגען פון זײַן פידל, דוכט זיך עזרען, טראָגן פאַנאַנדער די ווערטער פון מיריעמס און פעדאָצערס בריוו. און אַלע דערפילן, וואָס עס טוט זיך בײַ אים אין האַרצן.

דוינע... דוינע... וועקט דעם שפּילערס ווייטעק די ווייטעקן פון די צו־הערער.

דוינע... דוינע... קלאָגט דער אָרעמער מאָלדאַוואַן, — אַזאַ רײַכקײַט אַרום־און־אַרום, און איך בין הויל און נאַקעט. אָרעמקײַט, אָרעמקײַט, פאַר־וואָס שאַנעוועסטו ניט מײַן שווייס? פאַרוואָס איז מײַן שווייס אַ רעגן אַף די פעלדער, וואָס בליִען און וואַקסן ניט פאַר מיר?

דוינע... דוינע... באַווייַנט אַ יונג האַרץ זײַן ליבע, וואָס איז פאַרשווּעכט געוואָרן פון אייגענע טאַטע־מאַמע. ער האָט ליב געהאַט אַן אָרעם מיידל. און די אָרעמע עלטערן זײַנע האָבן געטײַנעט — אָרעמקײַט איז ניטאָ וואָס ליב צו האָבן. ניט אין שיינע אויגן, ניט אין אַ שיינעם פּאָנעם און ניט אין אַ קלינגעוודיקער שטים איז דאָס גליק, גליק איז בלויז אין דער קלינגעוו־דיקער מאַטבייע.

דער פאַסטעך פײַפט אַף זײַן פײַפל, דודעט זײַן דו־דו־דו!.. און פאָכעט מיט דער בײַטש. די גליקלעכע שאָף מײַדט אויס די שמיץ, און די אומ־גליקלעכע קומען אָפּ פאַר אַלעמען די שטראָף — דו־דו־דו, דו דאַרפסט גע־שמיסן ווערן, דו דאַרפסט לײַדן, דו־דו־דו!

עזרע דודעט אויס אַף זײַן פידל דעם דו־דו־דו!.. און צענדליקער אָרעמע, פאַרשטויסענע ייִדן, וועמען דער דאַלעס און די רעכטלאָזיקײַט

גייען נאָך פוסטריט, ברומען נאָך: איך־איך־איך, דאָס בין איך די געשמיסענע שאָף, איך־איך־איך!

און פלוצעם, אומגעריכט, גייען זיך פאנאנדער די וואָלקנס און די קלאַנגען צעשטראַלן זיך מיט זוניקער ליכטיקײַט און וואַרעמקײַט, מיט גלויבן אָף בעסערע צײַטן, און וואָס שטאַרקער דאָס גלויבן, אַלץ ווײַכערדיקער און ווײַכערדיקער ווערט די פרייד. גישט אומזיסט האָבן ייִדישע קלעזמער אָט די דוינע־פרייד אײַנגעשלאָסן אין זייערע „פריילעכסן”, אין די כאָסענעטענץ, ווו אַלט און יונג וואַרפן אַראָפ פון זיך אַלע דײַגעס, טוען אויס פון זיך אַלע צאָרעס און מיט געשלאָסענע הענט און מיט פאַרייניקטע הערצער טאַנצן זיי ביז העלן טאָג אַרײַן.

דער בעלצער אָרקעסטער איז אַלץ מער באַרימט געוואָרן. מ'האָט אים גענומען אײַנלאַדן אין פאַרשיידענע אַנדערע מאָלדאַווישע שטעט און שטעטלעך. עזרעס רום איז געשטיגן. מענאַשע איז געוואָרן אומרויִק. ער האָט געפילט, אַז די פאַרדינסטן פונעם גליקלעכן סעזאָן זײַנען ווי די צעגאָסענע פרילינג־וואַסערן — אָט פאַרפלייצן זיי, אָט יאָגן זיי און טראָגן זיך פון אַלע זײַטן, און מע באַווײַזט זיך ניט אַרומקוקן, ווי זיי ווערן אויסגערונען, אויסגעטריקנט. ניין, ער וועט עזרען ניט קאָנען אײַנהאַלטן. ווײַבאַלד יענער האָט זיך אַרײַנגענומען אַ „דור” אין קאָפ — זיך לערנען, איז ניטאָ וואָס צו ריידן מיט אים. איז פאַרפאַלן!..

ברענגט ער אים אַ מאַטאָנע, ווײַל ער ניט נעמען, וואַרפט ער אים צו אַן איבעריק קערבל, הייסט ער עס אוועקגעבן דעם אָרקעסטער, און לייגט ער אים פאָר באַצײַטנס שליסן אַן אָפמאַך נאָך אָף אַ יאָר, ווײַל ער אַפילע ניט הערן.

די אָרקעסטראַנטן האָבן אויך ניט געוואָלט אָפלאָזן עזרען.

— אָן אײַך וועלן מיר בלײַבן ווי אײַנמיטן וועג... שלעכט שפילן וועלן מיר שוין ניט קאָנען, און גוט — האָבן מיר זיך נאָך ניט אינגאַנצן אויסגעלערנט.

נאָר עזרע איז געווען זיכער: בלײַבן דאָ טאָר ער מער ניט! אים האָט אויך ניט געקאָנט אָפשטעלן עלישעס טרויעריקער בריוו וועגן דעם, אַז ער האָט אין דער וואַרשעווער מוזיק־שול אויסגעהאַלטן די עקזאַמענעס אָף אויסגעצייכנט, אַלע זײַנען געווען איבעראַשט פון זײַן שפילן, נאָר אָנגענומען האָט מען אים ניט אָנגענומען און ער איז געצוווּנגען פאַרלאָזן וואַרשע. עלישע פאַרלאָזט וואַרשע, און ער, עזרע, וועט קומען קיין וואַרשע.

וועלכער לויפער שטעלט זיך עס אָפ, ווען זײַן כאַווער איז געפאַלן אײַנמיטן וועג, ווען זײַן כאַווער איז ניט דערלאָפן ביז צום אָנגעמערקטן ציל? וועלכער לויפער טראַכט עס ניט, אַז גראָד ער וועט דערלויפן, אַז גראָד ער וועט זײַן דער ערשטער, אַז גראָד ער וועט דערגרייכן דאָס, וואָס דעם צווייטן און דריטן האָט זיך עס ניט אײַנגעגעבן.

וואָלט דער לויפער ניט ריזיקירט, וואָלט דער לויפער אַזוי ניט געטראַכט, וואָלט ער קיינמאָל קיין לויפער ניט געווען, וואָלט ער זיך קיינמאָל פון אָרט ניט געקאָנט רירן.

צום ווידערזען, אוקראַינע!

דער צוג טראָגט זיך שנעל, און עזרען דוכט זיך, אַז ער שלעפּט זיך קוים. ער האָט שוין אַזוי אויך פאַרשפּעטיקט, אָט־אָט ווערט אים אַכצן יאָר. מע דאַרף דעריאָגן דאָס דורכגעלאָזטע, גיכער קומען קיין וואַרשע!

עזרע קוקט אין פענצטער. דער צוג טראָגט זיך אַלץ ווײַטער און ווײַטער פון ליפּאָוועץ — זײַן היים. אינגיכן וועט גאַנץ אוקראַינע בלײַבן אַהינטן — די ערד, אַף וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן. קיין איין פרימאָרגן האָט ער ניט פאַרשלאָפן אַף אָט דער ערד, קיין איין זון־אויפגאַנג האָט ער ניט דורכגעלאָזט...

ווו זשע זײַנען יענע פרימאָרגנס און ווו זײַנען יענע פאַרנאַכטן? כאָטש נאָך איין מאָל א קוק טאָן אַף זיי! און עזרע קאָן זיך ניט זאַט אָנקוקן: סאַרא ראַכוועסן, סאַרא שיינקייטן!

ער גייט אָפּ פון פענצטער, רײַסט זיך אָפּ פון די שווערע געדאַנקען, וואָס יאָגן אַריבער דעם געלויף פון צוג, און קוקט זיך צו צו די פּאַסאַזשירן. מענטשן פון פאַרשיידענע ערטער, פון פאַרשיידענע פעלקער מיט פאַרשיי־דענע שפּראַכן, ווען דער וואַגאָן האָט צופעליק צונויפגעפירט אינייִנעם, זעען אויס נאָענט און היימיש ווי איין מישפּאָכע.

מע איז מעכאַבעד איינער דעם צווייטן מיט רייכערן:

— ניטאָ קיין מער ביטערע און האַרבערע מאַכאָרקע, ווי די אוקראַי־נישע!

— נו, ווי קומט זי צו טולער סאַמאָסאַד, אונדזער סאַמאָסאַד קאָן דעם שטאַרקסטן אומוואַלגערן פון די פיס.

— דערפאַר איז די מאָלדאַווישע אַזוי ביטער — אויסצופאָרן די וועלט און ניט צו געפינען אַזאַ ביטערקייט!

פון צײַטונגס־פּאַפּיר פאַרדרייט מען לאַנגע גראָבע ציגאַרן, מע האַקט אויס פון די קרעסאַלעס פונקען, מע פאַררייכערט. שטיקנדיקע ביטערע קנוילן רויך צעטראָגן זיך איבערן וואַגאָן.

עזרע באַטראַכט יעדן איינעם, הערט זיך צו צום געשפּרעך.

— און איר ווּהין פאָרט? — ווענדט זיך צו עזרען א ייִד מיט ניט קיין גרויסער גראָווער באָרד און מיט אומרויִקע אויגן. ווי עס ווײַזט אויס, קאָן ער ניט דערלאָזן, אַז עמעצער אין וואַגאָן זאָל שטיין אין א זײַט פונעם אַלגעמיינעם געשפּרעך. — ווּהין זשע פונדעסטוועגן פאָרט איר עס? מיט וואָס פאַר א געשעפט פאַרנעמט איר זיך? — שטייט ער ניט אָפּ פון עז־רען. — וואָס דערוואַרט איר פון דער נסיעה? בא ייִדן איז דאָ א ווערטל: „מעשאַנע מאָקום, מעשאַנע מאַזל" — ענדערט מען דאָס אָרט, ענדערט מען דאָס מאַזל. דאָס רעדט זיך אָבער נאָר אַזוי, אינדערעמעסן איז, אַז מע אַנטלויפט פון איין שלימאַזל, באַגעגענען דיך צוויי שלימאַזלס מיטאַמאָל און מע נעמט דיך אַזוי אַרײַן אין די לאַפּעס, ווי אין אָפּצווענגעס, זיך ניט אויסצודרייען!

דער ייִד וואַרט אומגעדולדיק, וואָס וועט עזרע זאָגן אַף דעם.

— איך פאָר קיין וואַרשע, — זאָגט עזרע. — איך בין א מוזיקאַנט. איך וועל זיך דאָרטן גרייטן אין דער מוזיק־שול.

דער ציגאר ציטערט אויף אינעם ייִדנס פינגער, דאָס פּײַערל ווערט אָט העלער און אָט טונקעלער פונעם הילכיקן געלעכטער.

— איר הערט — ער פּאָרט זיך לערנען! כאַ־כאַ־כאַ! מײַן זון האָט מען אויסגעשלאָסן פון אוניווערסיטעט, און ער פּאָרט אַהין אַרײַנטרעטן אין א מוזיק־שול! כאַ־כאַ־כאַ!

— איידער פריִער צונעמען און דערנאָך אויסשליסן, — דערטראָגט זיך עמעצנס א שטים פון דער אייבערשטער פּאָלקע, — איז שוין בעסער פון סאמע אָנהייב אָן נישט צונעמען. ווי זאָגט מען עס: „איך וויל ניט דײַן האָניק און וויל ניט דײַן ביס".

— איך האָב געהאט א טאָכטער, — דערטראָגט זיך א שטילע, דערשטיקטע שטים, — די מערדער, די פּאָגראָמשטשיקעס, האָבן זי ניט דערהארגעט ביזן סאָף — האָט זי אליין זיך גענומען דאָס לעבן. זי האָט ניט געקאָנט אריבערטראָגן דעם ביזאָיען. און דאָס ווײַב מײַנס האָט אזוי לאנג געוויינט, ביזוואנען די טרערן האָבן זיך אויסגעשעפּט און די שײַן פון אירע אויגן איז אויסגעלאָשן געוואָרן. פיר איך זי איצט קיין ווארשע צו א באוווסטן אויגן־פּראָפעסאָר...

דער מאכאָרקע־רויך ווערט געדיכטער, שווארצער.

און מיטאמאָל האָט זיך צעשפּילט א הארמאָשקע, זי האָט געשפּילט דאָס געזאנג וועגן די טשומאקעס. די קלאנגען פון דער הארמאָשקע צאפּלען און ווארפן זיך ווי פיש אין דער נעץ.

אוי, טשומאקי! טשומאקי!

זאלץ! זאלץ! אומעטום זאלץ! זאלץ אין די אויגן. זאלץ אפן הארצן, זאלץ אף די וווּנדן...

די הארמאָשקע שפּילט, עטלעכע יונגען זינגען, און עס באגעגענען זיך די ביטערע דאָליעס פון די־צוג־פּאסאזשירן מיט דער ביטערער דאָליע פון די טשומאקעס.

נאָך דער ליד, נאָכן אָנגעווייעטן טרויער, קומט א טרייסטער און ליינדערט אים מיט א ווערטל, א מאָשל:

— צוויי איז ניט איינער, און טויזנט — איז ניט קיין הונדערט... א ציטערניש האָט ארומגעכאפּט אלעביימער, ווען אײַזן האָט זיך באוויזן אף דער ערד: „א סאָף, אן עק! דאָס אײַזן וועט אונדז אונטערהאקן!" האָט אָבער דאָס אײַזן געזאָגט צו די ביימער: „אלץ איז אָפּהענגיק פון אײַך, — מאכט יאדאכאס און גיט ניט קיין האָלץ אף א שטעל צו דער האק"...

עזרע גייט ווידער צו צום פענצטער. ער זעט, ווי עס גייט ערגעץ אוועק זײַן ביז איצטערדיק לעבן, ווי עס פארשווינדן די אייגענע און נאָענטע — די מאמע... מיריעם... ווען וועט ער זיי ווידער זען?

מיריעם האָט אים געשריבן: „דו דארפסט, עזרע, אלץ אוועקווארפן און פאָרן לערנען! איך וועל נייען וועש, זעק לאטען, דילן וואשן — אלץ אין דער וועלט בין איך גרייט טאָן, איך זאָל דיר קאָנען העלפן"...

ווער ווייסט, ווער ווייסט, צי וועט ער קאָנען אויספילן דעם צוזאָג, וואָס ער האָט טיף אין הארצן געגעבן דעם טאטן, דער מאמען, לייבלען, מיריעמען, אלע אייגענע און נאָענטע, גאנץ ליפּאָוועץ?

אָט דאָ לעבן אים אין וואגאָן צווישן די פּאסאזשירן זיצן די איידעס פונעם גרויסן אומגליק, וואָס דערוואַרט אזעלכע ווי ער, — איין טאטע פאָרט צום זון, וועלכן מע האָט אויסגעשלאָסן פון אוניווערסיטעט, און דער צווייטער — צום זון, וועלכן מע האָט ניט אָנגענומען.

איז אַף וואָס זשע האָפט ער? וווהין זשע פאָרט ער? וואָס האָט ער זיך איַנגערעדט!..

דער לויפנדיקער צוג, ווי ער זאָל מאסקים זיַין מיט עזרען, שטעלט זיך אָפּ בא א סטאנציע.

דאָס הארץ פּלאטערט בא עזרען: עפּשער וואָלט ער בעסער אראָפּ אַף אָט דער סטאנציע און זיך אומגעקערט אהיים?

עזרע גייט אָפּ פון דעם פענצטער און קוקט אַף די פּאסאזשירן, וואָס פארלאָזן דעם וואגאָן. ער טוט א בליק אפן זייגער: וויפל מינוט וועט דאָ נאָך שטיין דער צוג?..

ניין! ער קאָן ניט אוועק! ער זעט פאר זיך מיריעמס אויגן און הערט פּעדאָצערס שטים...

„— די, וואָס קערן זיך אום פון מיטן וועג, זיַינען פּאכדאָנים, זיי זיַינען מער פּאכדאָנעסדיקער פון די, וואָס האָבן פון סאמע אָנהייב ניט געוואגט ארויס אין וועג. מיט וועמען קאָן מען פארגליַיכן דעם, וואָס קערט זיך אום פון מיטן וועג? מיטן נארישן דינער, וואָס האָט איבער זיַין שוואכקיַיט און ניט־אנטשלאָסנקיַיט דריַי מאָל געליטן און באקומען זיַין שטראָף.

דער נארישער דינער האָט איינמאָל געבראכט דעם האר זיַינעם ניט קיין פרישן פיש. דער האר איז שטארק אין קאס געוואָרן:

„איינס פון די דריַי: אָדער פרעס אליין אוף דעם פיש, אָדער דו באקומסט הונדערט שמיץ, אָדער קער אום דאָס, וואָס האָסט אָפּגעצאָלט פארן פיש”.

דער דינער האָט א טראכט געטאָן און געזאָגט:

„איך וועל אופעסן דעם פיש”.

ווען ער האָט אופגעגעסן א האלבן פיש, האָט אים אָנגעהויבן צו עקלען, ווארפט ער אוועק דעם פיש און זאָגט:

„ניין, בעסער גיט מיר הונדערט שמיץ”.

ווען מע האָט שוין געהאט אָפּגעציילט די שמיץ ביז פופציק, איז דעם דינער געוואָרן ניט גוט און ער האָט געזאָגט:

„ניין, איך וועל בעסער אָפּצאָלן וויפל עס קאָסט דער פיש”.

האָט זיך באקומען, אז ער האָט אי פוילע פיש געגעסן, אי שמיץ געכאפּט, אי געלט באצאָלט...”

דער צוג רירט פון אָרט, פארגיכערט זיַין גאנג.

ניין, ער, עזרע, האָט ניט פארשפּעטיקט. ער איז שוין טאקע אלט אכצן יאָר, אָבער די אכצן יאָר זיַינען ניט דורך אומזיסט. ער הייבט ניט אָן — ער זעצט פאָר. זיַינע יאָרן זיַינען ניט אוועק לעיבעד.

ראבי אקיווע — פּעדאָצערס באליבט געשטאלט — האָט אָנגעהויבן א סאך שפּעטער. צו פערציק יאָר האָט אקיווע ניט געוווּסט די צורע פון אַן אָס, און מיט דער ציַיט איז ער געוואָרן איינער פון די גרעסטע יידישע געלערנטע.

דער צוג לויפט, איַילט, און עזרען פארטראָגט אהין צו יענע ציַיטן, ווען

אקיווע איז א פאסטעך געווען און געזונגען פאר זײַנע כאַוויירים די פאסטעכער א לויב־געזאַנג דעם מענטשן, דער וועלט, הימל און ערד:

„די ערד איז שוואַרץ, איר געשטאַלט איז זייער טונקל, נאָר ווי ליכטיק זײַנען אירע מײַסים! אָן דער ערד, וואָס וואָלט די זון געטאָן? ווען וואָלט זי געוואַרעמט און וועמען וואָלט זי איר כ׳עס איבערגעגעבן? אָן דער ערד, איז ווער וואָלט אױפן הימל געקוקט, וועמען וואָלט ער אָנגעגאַנגען?"

די זון פאַרגייט. עס ווערט טונקעלער און טונקעלער. די נאַכט פאַר־וויגט, און אין וואַגאָן ווערט שטילער און שטילער. עזרע טראַכט ניט וועגן שלאָפן. דורכן טונקעלן פענצטער, פון וועלכן ער טרעט ניט אָפּ, גייען דורך פאַרבײַ אים ליכטיקע בילדער פון אקיוועס לעבן.

אקיווע דער פאַסטעך און די וווּנדער־שיינע ראָכל, די איין־און־איינציקע טאָכטער פון קאַלבאַ סאַוווּאַ, וועמענס שאָף אקיווע האָט געפּאַשעט.

אקיוועס געשפּרעכן מיט די פאַסטעכער, זײַנע מעשאָלים, גלײַכווערטלעך און לידער זײַנען ווי זוימען אין א פעטן גרונט ארײַנגעפאַלן אין ראָכלס האַרץ, און ווען איר ליבע צו אקיוועס איז רײַף געוואָרן, האָט זי אָפן פאַר אַלע פאַסטעכער דערקלערט:

— איך האָב דיך ליב, אקיווע! דו ביסט מײַן באַשערטער, קיינער אין דער וועלט קאָן דיך ניט פאַרבײַטן!

— צווישן מיר און דיר איז א טיפער אָפּגרונט, פאַרגעס ניט, ווער דו ביסט און ווער איך בין, דו ביסט די טאָכטער פונעם רײַכסטן קאַלבאַ סאַוווּאַ, און איך בין ניט מער ווי זײַן פאַסטעך, דער אָרעמער אקיווע.

— ניין, — איז ראָכל צוגעפאַלן צו אקיוועס ברוסט און אים געענט־פערט, — דו ביסט דער רײַכסטער אין גאָר דער וועלט: איין מאָשל דײַ־נער, איין ליד דײַנס איז מער ווערט פון מײַן טאַטנס פאַרמעגן.

ביידע הערצער האָבן זיך פאַרשטאַנען, און ביידע הערצער האָבן זיך געשלאָסן. אין איינער א נאַכט באַ די שײַטערס ווי אָף א גרויסן יאָמ־טעוו האָבן פאַסטעכער אָף פײַפלען געפײַפט, לידער געזונגען, און טענץ האָבן אָן אופהער געוויכערט.

אקיווע האָט ראָכלען א רינג אָנגעטאָן אָפן פינגער און געזאָגט איר: „דו ביסט מײַנע לויטן דין פון מוישע און ייִסראָעל, מײַנע לויטן ווילן און פאַרלאַנג פון אונדזערע ביידנס הערצער".

אז עס האָט אָנגעהויבן שאַרײַען אָף טאָג, איז אקיווע אוועק צו די גרע־סטע כאַכאָמים זיך לערנען, און ווען די זון איז אופגעגאַנגען, האָט קאַלבאַ סאַוווּאַ אין גרויסן גרימצאָרן זיך אָפּגעזאָגט פון זײַן טאָכטער און אָף איי־ביק זי פאַרטריבן.

די איידל געצערטלטע ראָכל, וועמען צענדליקער באַדינער און באַדי־נערנס האָבן באַגלייט אָף טריט און שריט, האָט פון פאַרטאָג ביז שפּעט באַנאַכט אָף פרעמדע פעלדער און פרעמדע ווײַנגערטנער אײַנדרײַען זיך געבויגן. זי האָט ניט געגעסן צו זאַט, געגאַנגען אין די סאַמע אָרעמסטע קליידער און אירע פאַרדינסטן אקיווען געשיקט.

עס זײַנען דורכגעגאַנגען זיבן יאָר, אקיוועס נאָמען איז געוואָרן באַ־רימט צווישן די גרעסטע געלערנטע, און ווען ראָכל פרעגט באַ אים, ווי האַלט עס ביזן הויכן באַרג, האָט איר אקיווע געענטפערט:

„ביזן הויכן בארג איז נאָך ווײַט!“
„אויב אזוי, — האָט ראָכל, ניט איבערטראכטנדיק, געשריבן, — איז גיי ווײַטער! איך בין גרייט נאָך זיבן יאָר ווארטן אף דיר“.
מיט דער צײַט ווערט ראָכל אָפּגעשוואכט, זי קאָן שוין מער ניט ארבעטן אין פעלד, איר איז שווער וואשן גרעט, באדינען די רײַכע באלעבאטים, און ראָכל האָט אָפּגעשוירן אירע גרויסע, לאנגע און שיינע צעפּ, זיי פארקויפט און אוועקגעשיקט אקיוון דאָס געלט, אז ער זאָל אומגעשטערט קאָנען גיין און קומען צום העכסטן באַרג.
פערצן יאָר זײַנען דורך, אקיווע איז געוואָרן דער גרעסטער געלערנטער. מיט פינף און צוואנציק טויזנט טאלמידים איז ער געקומען אין דער שטאָט, ווו ראָכל האָט געוווינט.
די גאנצע שטאָט איז ארויס באגעגענען ראבי אקיוון מיט געזאנג און מיט טענץ! און אָט האָט זיך אן אָרעמע, אײַנגעבויגענע פרוי זיך דורכגעריסן צווישן דעם יאָמטעוודיקן אוילעם און אויסגעשריגן: „אקיווע, לעבן מײַנס!“.
האָבן זי אקיוועס טאלמידים אָנגענומען פאר א דולער און ניט דערלאָזט, אז זי זאָל זיך דערנעענטערן צו אקיוון. דאן האָט אקיווע אויסגעשריגן:
— מאכט פרײַ דעם וועג פאר דער פרוי! אף די קני שטעלט זיך פאר איר, נישט איך האָב פארדינט דעם קאָוועד, נאָר זי, מײַן איינציקע, מײַן ליבע און טײַערע ראָכל!
עזרע איז גערירט, אים קלאפּט שטארק דאָס הארץ, גלײַך ווי ער אליין זאָל בײַזײַן בא דער באגעגעניש פון איינע פון די שענסטע ליבעס אף דער וועלט!
עזרע איז גליקלעך, וואָס אין מיריעמען איז דאָ א פונק פון ראָכלען, דער פונק, וואָס טליִעט און קאָן צו יעדער מינוט אופלאקערן אין א פלאם. מיריעם האָט דאָך אים, פונקט ווי ראָכל, ניט איין מאָל געשריבן, אז זי וועט נייען וועש, לאטען זעק, וואשן דילן, טאָן אלץ אין דער וועלט, אבי ער זאָל זיך פאָרן לערנען!
ער וועט ענדיקן די וואַרשעווער מוזיק־שול, און דערנאָך וועט ער זײַן וויסן איבערגעבן אנדערע, ער וועט האָבן א סאך טאלמידים, און אָפּן פאר זיי אלעמען וועט ער זאָגן וועגן מיריעמען דאָס, וואָס אקיווע האָט געזאָגט וועגן ראָכלען: מײַן שפּילן און אײַער שפּילן — דאָס איז איר שפּילן!..
„לערן זיך בא אקיוון! לערן זיך בא אקיוון!“ — יאָגט זיך נאָך פעדאָצערס שטים נאָכן צוג. „לערן זיך בא אקיוון! לערן זיך בא אקיוון!“ — קלאפּן צו די רעדער פון די וואגאָנען צום טאקט.
דורכן טונקעלן פענצטער בלעטערט עזרע דורך אקיוועס ליכטיק לעבן, און יעדע בלאט באזונדער לאָזט אים עפּעס צו הערן, לערנט אים, ווי מ'טאָר דעם קאָפּ ניט בייגן, ווי מ'טאָר בא זיך ניט זײַן געפאלן.
דער צוג דערנעענטערט זיך צו ווארשע. אונטערן טאקט פונעם רעדערגעקלאפּ, וואָס וועקט די שטילקײַט, באגריסט עזרע די פּוילישע ערד — זײַ געגריסט, פּוילן! — און ער געזעגנט זיך מיט אוקראַיִנע:
— צום ווידערזען, אוקראַיִנע, צום ווידערזען!



ליפּאָוועץ אין וואַרשע

נ אָך אין צוג האָט עזרע זיך דערוווּסט, ווי וואַרשע זעט אויס. איינער א פּאַסאַזשיר האָט אָנגעצייכנט פאַר אים דעם פּלאַן פון דער שטאָט, ער האָט באַוויזן, ווו עס געפינט זיך די מוזיק־שול, די, אין וועלכער עס האָבן זיך געלערנט שאָפּען און מאָניושקאָ...

אָט דער גוטהאַרציקער פּאַסאַזשיר האָט דערציילט עזרען, אַז די רייַכע יידן וווינען אין וואַרשע ווו נאָר זיי ווילן — אין צענטער, אין די שענסטע קוואַרטאַלן פון דער אַלטער שטאָט, און די יידישע אַרבעטער, די באַלמע־

לאָכעס, די אָרעמשאַפט — זיי אַלע שטיקן זיך אין די ענגע, שמוציקע געסלעך.

— אײַער ליפּאָוועץ, פּונוואַנען איר קומט, — האָט דער צוגעלאָזטער פּאַסאַזשיר פאַרזיכערט עזרען, — וועט אײַך אויך דאָ אין וואַרשע גיין אנט־קעגן. ניט איין ליפּאָוועץ וועט איר באַגעגענען אַף דזשיקע, אַף הענטשע און סמאָטשי.

עזרען האָט זיך געוואָלט באַטראַכטן די שיינע הײַזער, די דענקמעלער, גערטענער און סקווערן, און ניט קלערנדיק, ווי ער האַלט אין כּעזשבן מיט געלט, האָט ער זיך אָרופּגעכאַפּט אַף אַ פֿאַעטאָן און געהייסן זיך פירן אין צענטער און דערנאָך אין דער אַלטער שטאָט...

ענגע, שמוציקע גאַסן און געסלעך, הויכע שמאָלע הײַזער, אַ סאַך אָן הויפן, ווי דאַרע סוכאָטניקעס, וועמען עס פעלט אויס לופט. יעדער הויז איז דאָ געפאַרבט מיט אַ באַזונדער אַפּצולאָכעס־פאַרב: איז איין הויז געל, איז דאָס צווייטע גרין, איז דאָס דריטע רויט, איז דאָס פערטע בלוי, און דאָס פינפטע ווײַס, און דאָס זעקסטע שוואַרץ. די פאַרבן זײַנען דאָ לייצאָנעסדיק, שרײַעוודיק, ווי דאָס וואָרט „פּאַני”, וואָס לאָזט זיך הערן אַף טריט און שריט.

— פּאַני!

אָט אַזוי אומדערמידלעך, אָן אופהער, גיבן זיך אָפּ קאָוועד איינער דעם צווייטן קרעמער, פליישהעקער, לאַטוטניקעס, שוסטער און שנײַדער, שטיוול־פּוצער, פורמאַנעס, טאַטשקע־שלעפער, טרעגער, האָלץ־העקער און אַפילע בעטלער.

— פּאַני!

דער טיטל פון די פריצישע גיטער און שלעסער, פון די רײַכע, שיין אויסגעפּוצטע גאַסן האָט פאַרבלאָנדזשעט אַהער, קעדיי צו אָפּלאַכן פון דער אָרעמשאַפט.

עזרע האָט אָפּגעשטעלט דורכגייער, זיך פאַנאַנדערגעפרעגט, ווו געפינט זיך די גאַס, אַף וועלכער עס וווינט דאָוויד איטקין, געדאַליע דעם שנײַ־דערס זון פון ליפּאָוועץ.

— איר וועט גיין, פּאַני, רעכטס, נאָכדעם זיך פאַרקערעווען לינקס, וועט אײַך אָנקומען אַנטקעגן אַ בערגל. גייט איר פאַרבײַ, לאָזט זיך אַראָפּ אין אַ טאָל, פון דאָרט אין אַ געסל, פון געסל אין אַ גאַס. פון דער גאַס נעמט זיך לינקס, און פון דאָרט...

דער דורכגייער גיט זיך אַ צופּ בײַ די וואָנצן און מיט אַ פינגער צייכנט ער אַף דער דלאָניע דעם וועג, וואָס עס שטייט פאַר עזרען.

עזרע האָט געשפּאַנט ווײַטער. און איידער ער פּרוּווט פרעגן בײַ ווע־מען־עס־איז, צי האָט ער זיך ניט אַראָפּגעשלאָגן פון וועג, קומט אים אָן אַנטקעגן אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אַ שטרײַמל מיט געדיכטע פייעס, אַ פײַער־דיק־רויטע באָרד, אַ בלייך אײַנגעפאַלן פּאָנעם, מיט אַ צעצויגענעם זינ־געוודיקן יידיש, וואָס איז פול מיט פאַרוווּנדערונג, מיט פראַגן און דער־וואַרטונגען:

— פון וועלכע קאַנטן קומט עס אָן אַ באָכערל? און צי איז שוין אַזאַ

באַכערל געווען אַמאָל אין וואַרשע? צי האָט ער נאָך א טאַטן מיט א מאַ־מען, צי לעבן זיי נאָך? צי שפּילט ער פידל צוליב ווילטיק וועגן, צי דער פידל איז בא אים גאָר א פּאַרנאָסע־זאַך? וווּהין גייט ער? וועמען זוכט ער?

עזרע האָט געענטפערט בלויז אַף דער לעצטער פראַגע:

— איך זוך דאָוויד איטקינען, געדאַליע דעם שנײַדערס זון פון ליפּאָ־וועץ...

איז דער ייִד ניט פויל, בייגט זיך אײַן צו דער ערד, און אונטער זײַנע הענט האָבן גענומען שורשען הארבסטיקע געלע בלעטער. ער האָט זיי צע־לייגט אין רייען: די גרויסע בלעטער ווײַזן אָן, ווו עס געפינען זיך די הויפּט־גאַסן, און די קליינע, שטאַרק אײַנגעקאָרטשעטע — די פאַרוואָרפענע געסלעך.

עזרע גייט דורך איבערן לאַבירינט פון גאַסן און געסלעך, קוקט זיך אַרום און באַטראַכט זיך אליין אין די שמאָלע וויטרינעס. שוין דאָס צוויי־טע מאָל פאַר הײַנטיקן טאָג, אַז ער לײַדט ביזיוינעס פאַר זײַן האַלב־וואָלענעם אָנצוג, פאַרן בלויען שניפּס מיט די ווײַסע פּינטעלעך, פאַר דעם אַשקאָליריקן הוט מיט די ברייטע קאַנטן און פאַר די געלע טופליעס, וואָס גלאַנצן און סקריפּען. אין צענטער שטאָט האָט ער אויסגעזען אַלטמאָדיש, און דאָ איז ער פראַנטיש פאַרפּוצט. אין צענטער האָט זיך עזרען אויסגע־דוכט, אַז מע כויזעקט פון זײַן קליינשטעטלדיקײַט, מע לאַכט פונעם קאַפּצן, וואָס נעגידישט זיך, און דאָ דוכט זיך אים, אַז יעדנס בליק איז א ניט־פאַר־גינערישער, א פאַרדראָסלעכער: קוקט אים נאָר אָן, דעם פּאַניטש, ווי ער האָט זיך עס אויסגעפּוצט, א גאַנצער „יאַ־טיעבע־דאַם״...

דער גלעקער־געקלאַנג, וואָס האָט גערופן צו דער אָוונטיקער טפילע, האָט פאַרלאַנגזאַמט עזרעס טריט. ער באַטראַכט פון אַלע זײַטן דעם קאָס־טיאָל, און עס קומט אים אויף אָן אַפּיקאָרסישער געדאַנק: בא די רײַכע אין צענטער שטאָט איז א רײַכער גאָט, זײַן פּאַלאַץ איז ראַכוועסדיק שיין, ווי ראַכוועסדיק שיין ס׳זײַנען די פּאַלאַצן און שלעסער פון זײַנע דינער, און דאָ, צווישן דער אָרעמשאַפט — אַן אָרעמער גאָט, וואָס איז פאַרשטופּט אין א גרוי, ענג הויז מיט נעבעכדיק פאַרשעמטע צייַלעמער.

פון ערגעץ דערטראָגן זיך קלאַנגען פון א האַרמאָניק. ערדישע מאַזור־קע־קלאַנגען גרײַפן אָן אַף דעם מאָרעשכוירעדיקן גלעקער־געקלאַנג. עס באַווײַזן נאָך ניט אויסגיין די מאַזורקע־קלאַנגען, און די האַרמאָשקע פאַרכלינעט זיך אין א קראַקאָוויאַק. דעם האַרמאָניסט איז עפּעס באַזונ־דערס גוט אפן האַרצן, גלײַך ווי די פּוילישע ערד זאָל וויסן נאָר פון טענץ, גלײַך ווי די פרייד פון זײַן פאָלק איז קיינמאָל ניט פאַרשטערט געוואָרן.

שפּאַנענדיק אין דער ריכטונג פון די שטיל וועררנדיקע קלאַנגען פון דער האַרמאָשקע, האָט עזרע זיך דערמאָנט אין דעם, וואָס פעדאָצער האָט געזאָגט:

„די טרוימען פונעם מענטשן זײַנען ענלעך אַף די קלאַנגען פון א מאַרשירנדיקן אָרקעסטער: פריִער דערטראָגן זיי זיך פונדערווײַטן, פון מינוט צו מינוט ווערט דער אָרקעסטער נעענטער, דער מאַרש אַלץ העכער און קלאָרער, כאָטש נעם און טאַפּ אָן יעדן קלאַנג און קלײַב צונויף דעם

צעשאָטענעם פּײַקל־שרויט. עס בליצט דורך פאר די אויגן דאָס מעש פון די טרובעס, און די קלאַנגען קויקלען זיך אוועק, ווי דאָס געקלאַפּ פון די רעדער פון א צוג — אַלץ ווײַטער און ווײַטער. א ווײַלע דערמאָנען די אוועקגייענדיקע קלאנגען די אָנקומענדיקע, און א ווײַלע ווילט זיך גלייבן, אז דאָס מאזל קערט זיך אום. נאָר א נעכטיקער טאָג! די קלאנגען ווערן פארטויבט און צוגעשטיקט, זיי גייען אויס, עס פארשווינדט דער לעצטער אָפּהילך, דער ווידערקאָל, געוועו און ניטאָ״.

עזרע האָט אָנגעשטרענגט זײַן געהער, ס׳איז פארשוווּנדן דער לעצטער ווידערקלאַנג פון דער הארמאָשקע און פון ערגעץ האָט זיך ניט געלאָזט הערן דער גאנג פון אן אָנקומענדיקן אָרקעסטער. זײַן מאזל איז נאָך אפילע אין וועג ניט ארויס, און ווער ווייסט, צי וועט עס אמאָל א שפּיל טאָן פאר אים?

זײַנע טריט האָבן צערודערט די שטילקײַט פון א לאנגן, פינצטערן קאָרידאָר.

עס האָט זיך געעפנט טיר נאָך טיר, און נײַגעריקע שכיינים מיט נאפּט־לאָמפּן אין די הענט האָבן זיך ארויסגערוקט אָנקוקן, ווער האָט עס פאר־בלאָנדזשעט צו זיי אינעם הארבסטיקן אפדערנאכט?

פארשיידענע ברייטברוסטיקע, הילכיקע, קוויטשענדיקע, בייז־אומצו־פרידענע און גאסטפרײַנטלעכע שטימען האָבן געהאלטן אין איין פרעגן:

— ווער גייט עס?

— ווער איז עס?

— ווער קאָן ער זײַן?

— צו וועמען באדארף ער?

— עפּעס א יאָלד מיט א קאפּעליושל! — האָט הייזעריק אויסגעברומט עמעצער.

— זאָגט אים, — איז א צווייטער זיך פארגאנגען אף א פאלצעט, — אז ער האָט א טאָעס, אויב ער מיינט, אז דאָ איז א ליוקס־האָטעל...

— זאָל ער! זאָל ער! וואָס ארט עס אײַך, — שטעלט זיך אײַן פאר עז־רען א פארדעמפּטע, שיקערע שטים, — זאָל ער אויך האנאָע האָבן פון דער וועלט!

— זאָל ער! זאָל ער! — האָבן קינדערשע שטימען פון פארשיידענע זײַטן זיך פארייניקט, און פון פרייד, וואָס צו זיי אין קאָרידאָר איז געקו־מען א פאניטש מיט א פידל, האָבן זיי געטופּעט מיט די פיס און צוגע־פּאטשט מיט די הענט.

— פראָשע פאני! פראָשע פאני! — האָט מען עזרען אײַנגעלאַדן פון אלע זײַטן. עס איז געוועזן ענלעך אף דעם, אז זיי קילן זיך דאָס הארץ, ווי אלטע ארעסטאנטן, ווען זיי באגעגענען א נײַ־אָנגעקומענעם צו זיי אין טפיסע. זיי זײַנען אים גרייט דויערס זײַן דערפאר, וואָס ער האָט זיך ערשט געפּאקט. זיי קומען דאָ אָפּ שוין אזויפיל יאָרן, און ער איז זיך ארומגעגאנגען פראנק־און־פרײַ און אפילע ניט געקלערט, אז עס איז דאָ אף דער וועלט אזא־אָ טפיסע מיט ארעסטאנטן...

און אָט איז עזרע אריבער די שוועל פון דאָווידס וווינונג.

— איך בין א ליפּאָוועצער!..

מער איז שוין גאָרניט אויסגעקומען צו זאָגן.
די קליינוווקסיקע רירעוודיקע לייקע האָט א פאטש געגעבן מיט די הענט און אויסגעשריען:
— עזרע! שלוימע דעם קלעזמערס זון? פאַרוואָס האָסטו ניט געגעבן צו וויסן? מיר וואָלטן דיך געוועז באַגעגנט אפן וואָקזאַל!
דאָוויד האָט באַטראַכט עזרען פון קאָפּ ביז די פיס מיט א דורכדריגנדיקן בליק:
— ווי שיין ער איז עס, קיין אײַנהאָרע ניט אויסגעוואַקסן, סאַראַ ברייטפלייציקער, סאַראַ קודלע האָר, סאַראַ פּראַנט!
דאָוויד האָט געהאַלטן אין איין דרייען עזרען, ווי ער זאָל זײַן איבעראַשט מיטן שטיקל אַרבעט פון אַן אומבאַקאַנטן קאָלעגע, מיטן אָנצוג, וואָס איז אפן יונגאַטש געלעגן ווי אויסגעגאָסן.
דאָווידס פלינקע באַוועגונגען, זײַן אויסגעבלייכט לאַכנדיק פּאָנעם, די קנייטשן אפן שטערן, די שוואַרצע אויגן מיט די געדיכטע ברעמען, זײַן הילכיקע שטים — אַלץ דערמאָנט עזרען אין דאָווידס פּאָטער, אין געדאַליען. דער זעלבער געדאַליע, נאָר א געגאָלטער. ביז אהער האָט ער געקענט געדאַליע דעם אַלטן, איצט האָט ער זיך באַקענט מיט געדאַליע דעם יונגן, מיט געדאַליען פון צוריק מיט פערציק יאָר. עזרע האָט עס געוואָלט אַרויסזאָגן דאָווידן און ניט געוווּסט, וויאַזוי זיך ווענדן צו אים. אָנרופן אים „פּאַני" דערלאָזט אים ניט דער גרוי אָרעמער צימער מיטן איינעם פענצטער אין גאַס אַרויס. אים א זאָג טאָן „רעב דאָוויד", איז וואָס פאַר א „רעב" איז ער, אז ער איז געגאָלט און פאַרמאָגט ניט דעם מינדסטן סימען און שפּור פון א „רעב". עפּשער גאָר איטקין, לויט דער פאַמיליע? איז ער דאָך עפּעס ניט קיין גימנאַזיסטל פון דריטן קלאַס.
פאַרגלײַכנדיק דעם זון מיטן פּאָטער, האָט זיך בא עזרען אַרויסגעכאַפּט: רעב געדאַליע!
— געדאַליע האָט געהייסן מײַן פּאָטער, און איך הייס דאָוויד, פּאַני דאָוויד, — האָט דער גאַסטפרײַנטלעכער באַלעבאָס פאַריכט גלײַך עזרעס טאָעס. און ביידע, געדאַליעס זון און געדאַליעס יונגער פרײַנט, האָבן זיך איבערגעקוקט און אין טיפן שווײַגן באַערט דעם אָנדענק פון געדאַליע דעם שנײַדער, וואָס איז געוועזן און איז שוין מער ניטאָ.
לייקע האָט אָבער לאַנג שווײַגן ניט געלאָזט:
— שאָלעמקע, ווו ביסטו? קום אהער, קינד מײַנס! מיר פאַר דײַנע ביינער... טאַטע! טאַטע! מיר האָבן א גרויסן גאַסט! עזרע שלוימע דעם קלעזמערס זון איז צו אונדז געקומען! — לייקע האָט פלינק פאַנאַנדערגערוקט דאָס שפּאַנישע ווענטל, הינטער וועלכן עס איז געלעגן איר קראַנקער פּאָטער דאַניעל דער סויפער.
שאָלעמקע האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן און דרייען הין און צוריק הינטערן זיידנס בעט. ער האָט זיך באַהאַלטן, ווײַל ער האָט זיך געשעמט פאַרן גאַסט. דאָוויד האָט זיך אָנגעבויגן און אַרויסגעשלעפּט שאָלעמקען.
— טאַטע! טאַטע! וויאַזוי האָסטו געטראָפן, ווו איך האָב זיך באַהאַלטן? דער זיידע האָט אפילע ניט געוווּסט, אז איך בין דאָ!
אַלע האָבן געלאַכט, צוזאַמען מיט אַלעמען האָט אויך געלאַכט עזרע.

— איז אָט, ווי דו זעסט, האָסטו פאר זיך דאָס אייניקל מיטן זיידן — צוויי דוירעס מיטאמאָל, דער ערשטער און דריטער דאָר, — האָט דאָוויד מיט ברייט צעעפנטע הענט פאָרגעשטעלט פאר עזרען דעם סאמע עלטסטן און דעם סאמע יינגסטן אין דער מישפּאָכע.

— שאָלעם־אַלייכעם איַיך, רעב דאניִעל, — האָט עזרע איַינגעבויגן דעם קאָפּ פארן אלטן, ווי ער זאָל קומען זיך צו אים בענטשן, און פאָרזיכטיק געדריקט די אלטע ציטערנדיקע האנט.

דאניִעל האָט געבעטן, מע זאָל אים אונטערשפּארן די פּלייצע מיט קישנס, און אז עזרע זאָל זיך זעצן לעבן אים אפן בעט.

— נעענטער, טיַיערינקער! נאָך נעענטער, אָט אזוי... — האָבן שטיל געשעפּטשעט דאניִעלס פארשמאכטע ליפּן, — דו האָסט מיר געבראכט א גרוס פון ליפּאָוועץ, דעם לעצטן גרוס. שוין צוועלף יאָר, אז מיר וווינען אין ווארשע, צוועלף יאָר! ווען מיר האָבן פארלאָזט ליפּאָוועץ, ביסטו, עזרינקע, נאָך א קיידער־יִינגל געווען, און איצט ביסטו שוין מינאסטאם א שמוינע־עסריי, אכצן, וואָס באטיַיט כיַי — לעבן, און עפּשער מיט א סמיטשיק? לעבן זאָלסטו מיר און געזונט זיַין.

דאניִעל האָט מיט זיַינע אויסגעדארטע סקעלעט־הענט געקניַיפּט עזרעס באקן, אים ארומגענומען און באשמעקט די האָר זיַינע:

— א, א מעכיַיע, ליפּאָוועצער רייעך! א, א דערקוויקעניש, ליפּאָוועצער רייעך!

— און ער, — האָט דאָוויד א צי געטאָן שאָלעמקען פארן אויער, — ער האָט ליפּאָוועצער רייעך אפילע ניט געשמעקט, א געבוירענער אין ווארשע! א ווארשעווער צוויַיגל אף א ליפּאָוועצער בוים!

— וואָס ווייסטו, וואָס פאר א יונג צוויַיגעלע דאָס איז, — האָט לייקע צוגעטוליעט צו זיך שאָלעמקען, ווי זי זאָל מוירע האָבן פאר א גוט־אויג, — לערנט שוין כומעש מיט ראשע, האָט דעם זיידנס קסאוו, א פּערלדיקן קסאוו, שריַיבט יִדיש, רוסיש און פּויליש, און א קאָפּ אף כעזשבענען איז בא אים, ווי בא א בוכהאלטער, ווי בא א מיניסטער. היַינט זיַין שפּילן אפן שטייסל און זיַין נאָכמאכן יעדן איינעם, אָן עמע־סער קלעזמער, אָן עמעסער אקטיאָר, פארשטערט זאָל ער מיר ניט ווערן און ליַיכטן זאָל ער מיר אייביק, מיַין איין אויג אין קאָפּ.

— ווארשעווער צוויַיגל, פארשעם ניט ליפּאָוועצער בוים! — עזרע האָט אריַינגעכאפּט שאָלעמקען אין די אָרעמס און צעפּאטלט זיַינע געקריַיזלטע האָר.

פון נאכעס האָבן בא לייקען זיך טרערן באוויזן:

— אזא יאָר אף מיר, ווי שיין ס'איז דער ליפּאָוועצער בוים, ווי הויך ער איז אויסגעוואקסן, האלעוויַי אף שאָלעמקען געזאָגט געוואָרן, מער וואָלט איך ניט פארלאנגט און ניט געבעטן בא דעם, וואָס לעבט אייביק. זע, ווי איך האָב זיך עס פארעדט, וואָס שטיי איך, מ'דארף דאָך אופזידן הייסע וואסער, אז עזרע זאָל זיך ארומוואשן פון וועג, צוגרייטן א וועטשערע. דאָוויד, וואָס שטייסטו? שאָלעמקע, פארוואָס העלפסטו ניט? טאַטע, לאָז עזרען צורו, דו וועסט נאָך באוויַיזן זיך אָנריידן, — און לייקע איז פיַיל־אויסן־בויגן אויסגעוואקסן בא דער פּליטע.

רויטע פּאַסן שײַן האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די פּליטע־רערן און זיך אײַנגעפלאָכטן אין דער יאָמטעוודיקײַט, וואָס האָט געהערשט אין צימער.

לייקע האָט אויסגערעכנט עזרען אַ רײַכע מעניו פון מײַכאָלים:

— אַ געהאַקט הערינגל מיט אַ ציבעלקעלע, מיט עסיק און מיט בוימל, האַ? עזרינקע, זאָג מיר נאָר, ווי זעט אויס מײַן עלטערע שוועסטער בראָשקע, און ווי האַלט עס מיט דער זאַדישקע בײַ איר מאַן? ווײ איז מיר, אַ לעבן, אַז ס'האַלט אים אין איין דישען... מאַכן דיר אַ פּרעזשעניצע? געפּרישטע בולקע? ווי זעט דאָרט אויס דווירעלע? מ'זאָגט, אַז זי איז אַ נעגידעסטע! זעסט דאָך, אַזאַ מ'עסניצע און האָט אַזאַ שיין מאַזל... דו האָסט שוין לאַנג מינאַסטאַם קיין עסיק־פלייש אין מויל ניט געהאַט? און וואָס מאַכט דאָרט בערעלע כאַזערס מישפּאָכע? איין כאַזער מינאַסטאַם ערגער פון צוויי? און ווי קוקסטו, עזרע, אויף רעטעך מיט גענדזענער שמאַלץ? וואַרשעווער רעטעך האָט אַ שעם אין דער וועלט!

אין דער זעלבער צײַט האָט דאָוויד אַרײַנגערוקט דעם קאָפּ אין קליי־נעם פענצטערל, וואָס איז געווען אויסגעהאַקט אין דער וואַנט פון דער שכיינעסדיקער דירע, און זיך אַזוי צעשריִען, גלײַך ווי אַ פײַער זאָל פון אַלע זײַטן אַרומכאַפּן די שטוב:

— זיאַמע! זיאַמע! געוואַגט זיך פּאַרקען מיט די זייגערס! פּרעגט ניט און קומט גלײַך אַרײַן צו מיר, שוין, די מינוט!

פון דעם טאָג, ווען דאָס פענצטערל איז אויסגעהאַקט געוואָרן, האָט די וואַנט מער ניט אָפּגעטיילט דאָוויד דעם שנײַדער פון זיאַמע דעם זייגער־מאַכער. דאָס פענצטערל איז פאַר די צוויי שכיינים געווען דער טויער פאַר אַלע נײַסן פונעם קאָרידאָר, פון דער שטאָט און פון גאָר דער וועלט. דורך דעם דאָזיקן פענצטערל זײַנען געלייענט געוואָרן אַלע באַ־קומענע און אָנגעשריבענע בריוו קיין ליפּאָוועץ, טאַלנע, ניו־יאָרק און טשיקאַגאָ, אַרויסגעזאָגט געוואָרן מעווינעס אויף כאַזאָנים, פּרימאַדאָנעס און פאַרשיידענע מײַסע־ביכלעך.

דורך דעם פענצטערל פלעגן די ווײַבער טרײַבן רעכילעס, פאַרמאַסערן און לויבן די מענער, פאַרזוכן איינער בײַ דער צווייטער די וואַרמעסן און געבעקסן.

זיאַמע האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן און איז גלײַך אַרײַנגעקומען מיט זײַן טשיפּע־שיפּרען, מיט זײַן שוויגער פּעסל און מיט זײַנע דרײַ יינגלעך, גערוקטע איינער פונעם צווייטן אויף צוויי יאָר.

ער האָט אָפּגעגעבן עזרען אַ ברייטן שאָלעם־אַלייכעם און אים באַ־טראַכט מיט זײַנע פאַרזשמורעטע אויגן, ווי ער באַטראַכט אַ זייגער: צי אײַלט ער ניט, צי שטייט ער ניט אָפּ און צי די ספּרוזשינקע גייט אַ גאַנג.

די ענגשאַפט אין צימער און דער טומל זײַנען פון מינוט צו מינוט געוואַקסן. אַרײַן און אַרויס, אַרויס און אַרײַן... יעדן איינעם האָט זיך גע־וואָלט אַ קוק טאָן אויף דאָווידס גאַסט, אַפּן פּאַניטש מיטן פידל. ווײַבער פון קאָרידאָר זײַנען אַרײַנגעקומען, יעדע מיט אַן אַנדער טערעץ: איינע איז געקומען לײַען אַ טעפּל, אַ צווייטע — אַ שיסל, אַ דריטע — אַ פּרעסל, אַ פערטע — אַ ביסעלע פעפער, און אַ פינפטע — אַ גמילעסכעסעד ביז מאָרגן אינדערפרי. די מענער זײַנען געקומען רופן די ווײַבער, און די קינ־

דער זײַנען אָן שום טערוצים געלאָפֿן אהער ווי אַף א בײַזוואונדער. שאַ־לעמקע האָט זיך באַרימט פֿאַר זײַנע כאַווײרים מיט עזרעס פֿידל, מיט עזרעס טשעמאָדאַן און מיט דעם, אַז פֿון מאָרגעדיקן טאָג וועט ער שוין מער ניט שפּילן אַפֿן שטײסל, נאָר זיך לערנען פֿידל־שפּילן. כעוורע האָט געצאָלט שאָלעמקען מיט קנעפּלעך, מיט שטיקלעך פֿאַרביקן פֿאָרצעלײַ און מיט שווינדל־גלאָז, ער זאָל זיי נאָר לאָזן זיך צורירן צום פֿידל. שאָלעמקע איז פֿון מינוט צו מינוט רײַכער און בעסער געוואָרן.

— וואָס שטייט איר אָן א זײַט? — האָט ער זיך געווענדט צו די יִנגַ־לעך, וואָס האָבן ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן. — גייט צו נעענטער און גיט א טאַפּ דעם פֿידל. איר האָט דאָך קײנמאָל קיין פֿידל אין דער האַנט ניט געהאַלטן. איר זײַט דאָך קײנמאָל ווי איצט אַזוי נאָענט לעבן א פֿידל ניט געשטאַנען. האָט קיין מוירע ניט, דער פֿידל בײַסט זיך ניט!

— ס'איז ניט קיין שפּילכל! — האָט דאָוויד זיך צעשרײַען אַף שאָלעמ־קען. — שוין, די מינוט זאָלסטו מיר אופֿהענגען דעם פֿידל אַף דער וואַנט!

שאָלעמקע האָט געגומען איבערהענגען דעם פֿידל פֿון אײן צוויאָק אַפֿן צווייטן און ניט אופֿגעהערט זיך נאָכפֿרעגן בא עזרען, צי אָט דאָ פּאַסט הענגען דעם פֿידל. עזרע גיט א פֿיר מיטן פֿינגער איבער דער וואַנט און פֿאַרקרימט זיך, ווי ס'זאָל אים וויי טאָן:

— ניין, שאָלעמקע, דאָ טויג ניט, ס'איז פֿײַכט. דער פֿידל קאָן זיך נאָך צוקילן און אָנהייבן כריפּען.

— וואָס, דער פֿידל איז דען א באָסערוועדאָם, א לעבעדיקע באַשע־פֿעניש? — האָט זיאַמע אָנגעשטעלט זײַנע אויגן אַף עזרען. — א זייגער איז אויך א שטיקל קלינגער, און פֿונדעסטוועגן, ווו מ'זאָל אים ניט אופֿהענגען, גייט ער.

— וואָס גלײַכט איר? — האָט עזרע זיך אָנגענומען די קריוודע פֿון זײַן פֿידל. — א זייגער איז אָן אָנגעשטעלטע קײלע, און א פֿידל איז גאָר עפּעס אַנדערש, א פֿידל איז מיט א נעשאָמע, מיט א האַרץ...

— דאָוויד! הײַנט פֿאַרשטייסטו שוין, וואָס הייסט האָבן א פֿידל בא זיך אין שטוב? — האָט לייקע איבערגעלאָזט די פֿליטע און א פֿאַרפֿאַליע־טע זיך דורכגעריסן צווישן דעם אוילעם. — ניט דערלעבן זאָלן עס מײַנע סאָנים, אַז בא מיר אין שטוב זאָל עזרעס פֿידל זיך צוקילן. דאָוויד, וואָס שטייסטו? וווהין טוט מען אהין דעם פֿידל?

געבליבן איז, אַז מ'זאָל אים אַרײַנלייגן אין קאַסטן — אהין, ווו עס ליגן די יאָמטעוודיקע בגאָדים מיטן צירונג, וואָס לייקע האָט באַקומען, ווען זי איז א קאַלע געוואָרן.

מע האָט אויך לאַנג ניט געוווּסט, וווהין אהינצוטאָן עזרעס טשעמאָ־דאַן. אין וועלכן ווינקל דאָוויד האָט אים ניט געפּרוּווט אוועקשטעלן, איז לייקען ניט געפֿעלן געוואָרן:

— וואָס ווילסטו, אַז שוואָמען זאָלן אַף אים וואַקסן?

אַלע האָבן געטייצעט, יעדערער האָט אָנגעוויזן אָן אַנדער אָרט, און ווער נאָר ס'האָט געהאַט א האַנט, האָט געפּרוּווט אָפּרוקן און צורוקן, פֿאַרוקן און אַרויסרוקן, אַזוי לאַנג, ביז דער טשעמאָדאַן איז פֿאַרוקט גע־וואָרן הינטערן טיש, וואָס איז געשטאַנען אין דער מיט פֿון צימער.

...עזרע איז געזעסן בא דאניעלן אפן בעט. אנטקעגן אים, אף א לאנ־גער באנק, זײַנען געזעסן דאָוויד, לייקע און זייער שאָכן זיאמע.

זיאמע איז קיינמאָל ניט געווען אין ליפּאָוועץ, נאָר טאלנע איז אזוי ענלעך אף ליפּאָוועץ, אז וואָס עזרע האָט ניט דערציילט וועגן ליפּאָוועץ, האָט זיאמע עס איבערגעטראָגן אף טאלנע.

פאר שאָלעמקען האָט זיך געעפנט א נײַע וועלט, און ער האָט גע־וואָלט באַגלײַך מיט אלע דערוואקסענע דורכשפּאנען אָט די וועלט פון אָנהייב ביזן סאָף. ער האָט אָבער ניט אויסגעהאלטן און איז אנשלאָפן גע־וואָרן אין אָנטאָן באם זיידן צופוסנס.

עזרע דערציילט וועגן טאטן, וועגן דער מאמען, וועגן לייבלען, וועגן די פעטערס און מומעס, וועגן מיריעמען. ער פירט זײַנע פרײַנט קיין בערדיטשעוו, סעוואסטאָפּאָל, בעלץ, באקענט זיי מיט פעדאָצערן און מיט טשערניכאָווסקין. וואָס מער פעדאָצער נעמט אויס, אלץ מער געפעלט ניט טשערניכאָווסקי.

— א שלעכטע קיילע,— האָט געזאָגט וועגן אים דער אלטער דאָ־ניעל,— אזא מין קיילע, וויפל זי זאָל ניט ברענען אפן פײַער, וועט זי רײַנער ניט ווערן!

זיאמע קאָן זיך גאָרניט פאָרשטעלן, אז אין אזא שלעכטער קיילע זאָל זיך געפינען אזא גוטער ווײַן.

פאר דאָווידן איז עזרע סײַ א גוטע קיילע, סײַ גוטער ווײַן, אָבער די האנט פונעם גורל איז ניט געגנוג פאָרזיכטיק — דער ווײַן צעכליופּעט זיך און גיסט זיך אויס.

דאָס זעלבע טראכט אויך לייקע. איר טוט שטארק וויי פאר עזרעס נאוועגאַדעווען פון שטאָט צו שטאָט. און וואָס דערוואַרט אים אין וואַר־שע? זי ווייסט דאָך די געשיכטע פונעם ווילנער באלעבעסל, פונעם גרויס־ארטיקן זינגער. ער איז דאָך אויך געקומען אהער קיין ווארשע זיך לערנען, און וואָס איז פון אים געוואָרן? ער האָט זיך גערירט פון זינען, ארומגעלאָפן איבער די ווארשעווער גאסן און געזונגען אזוי ביטער, אז א שטיין האָט עס געקאָנט רירן... ווי גרינג ס'איז דער פידל און ווי שווער ס'איז אים דערטראָגן!

דער געקלאנג פון די זייגערס, וואָס האָט זיך געטראָגן פון זיאמעס שטוב, האָט אלע האלבע שאָ און אלע שאָ געגעבן צו וויסן, אז די צײַט גייט: צוויי אזייגער, דרײַ אזייגער... און לייקע לייקנט אָפּ די זייגערס. ווי קאָן עס זײַן? וואָס פאר א ספּעשקע איז אף זיי, מע האָט זיך דאָך נאָך ניט באוויזן אָנצורײדן!..

— אָ, אז דו זאָלסט זיך אָנריידן,— צעלאכט זיך הילכיק דאָוויד,— באדארף מען, אז די זון זאָל ניט אופגיין, די לעוואָנע זאָל ניט פארגיין, און אלע זייגערס אין דער וועלט זאָלן זיך אָפּשטעלן.

— ווי איר ווילט זיך, לייקע,— מישט זיך ארײַן זיאמע, דער מײַסטער פון צײַט,— איין זייגער קאָן לײַגן, צוויי קאָנען לײַגן, נאָר אז א סאך זייגערס קלינגען איינס און דאָס זעלבע, מוז מען זיך רעכענען מיט דער צײַט. עס וועט אײַך גאָרניט העלפן. קעגן דער צײַט קאָן מען ניט גיין.

איז האָט זשע צײַט, דאָס, וואָס איר וועט ניט באַווײַזן פאַר הײַנטיקער נאַכט, וועט איר דערליידן מאָרגן, איבערמאָרגן.

— א שיינעם דאַנק אײַך! — שפּרינגט אויף לייקע פון דער לאַנגער באַנק. — נײַס, אַז מע לאָזט עס איבער אױף מאָרגן, ווערט עס אַלטגעבאַקן. ס'איז שוין ניט דאָס, ס'איז דער צווייטער סיידער, די צווייטע טעג יאָמ־טעוו, וואָס זײַנען מער וואָכעדיק, ווי יאָמטעוו.

ליפּאָוועץ איז צעטיילט געוואָרן אױף גאַסן, אױף הײַזער, אױף מישפּאָכעס און באַזונדערע מענטשן. ס'איז געווען אַזױפיל צו ריידן, צו פרעגן און זיך דערוויסן, אַז לייקע האָט ניט געוווּסט פון וואָס אָנהייבן, און אַז זי האָט אָנגעהויבן, האָט זי אָנגעהויבן ניט פון דעם וויכטיקסטן, ווי שטענ־דיק אין די מינוטן פון באַגעגענען זיך מיט פאַרגאַנגענע, לאַנג צעשייד־טע פאַרשווונדענע יאָרן.

— וואָס מאַכט עפּעס דער אָנדערהאַלבנדיקער באָכער מיט די טאַצן?

— געשטאָרבן, — ענטפערט עזרע, — שוין לאַנג געשטאָרבן. קיינער האָט ניט געוואָלט גיין אױף זײַן אָרט, קיינער אין ליפּאָוועץ האָט ניט גע־וואָלט קלאַפּן אין די טאַצן. דעם טאַטן מײַנעם האָט זיך קוים אײַנגעגעבן אײַנבעטן עפּעס איינעם א יעכיעלקען פון העקדעש, וואָס איז אױף פינף קעפּ קלענער פון דעם אָנדערהאַלבנדיקן באָכער, איין הייך מיט דער פּויק. אַז די קאַפּעלע שפּילט, זעט מען אים ניט אַרויס, אָט דעם יעכיעלקען.

— שויעל דער לאַנגער שפּילט נאָך?

— ער האָט שוין זײַנס אָפּגעשפּילט...

— אַרעלע מיאַטעזשניק טאַנצט נאָך?

— ער האָט שוין זײַנס אָפּגעטאַנצט...

— און ווי האַלט יאַנקעלע קירזשנער מיט זײַנע מײַסעס?

— ער האַלט שוין ווײַט־ווײַט...

— הער א מײַסע, ווי דער מאַלעכהאַמאָוועס האָט זיך עס א שפּיל גע־טאָן מיט ליפּאָוועץ! ווײ, ווײ, א דאָר א גאַנצער שטאַרבט אױס, — ווערט דאָווידס פּאָנעם אָנגעכמורעט.

— אַזוי איז עס, אַזוי איז געווען, און אַזוי וועט עס זײַן, — פּרוּווט זיאַמע באַרויִקן דאָווידן, — די ווײַזערס פּונעם לעבנס־זייגער רוקן זיך. זיי ציילן אָפּ די רעגעס און יאָרן פון יעדן מענטשן. א קלוגג, און דער זייגער גיט צו וויסן: הער, דו, אַזעלכער און אַזעלכער, דײַן שאָ האָט געשלאָגן, זײַ זיך מאַטריִעך, פאַרנעם זיך פונדאַנען און לאָז איבער דײַן אָרט פאַר א צווייטן! „א דאָר גייט אַוועק און א דאָר קומט, און די ערד בלײַבט שטיין אױף אייביק".

געשטאָרבן! געשטאָרבן! — קאָן עזרע ניט אָפּשטעלן דאָס שרעקלעכע וואָרט, נאָך וועלכן ס'איז ניטאָ מער וואָס צו פרעגן און וואָס זיך צו דער־וויסן. עזרעס קורצע ענטפערס קלינגען אָפּ טרויעריק, ווי די ערשטע שטי־קער ערד, וואָס פאַלן אין גרוב אַרײַן.

דאַניִעל האָט זיך דערפילט ווי אַן אַנטלאָפענער פון זײַן דאָר, ווען מע האָט דאָ נאָרוואָס געפּאַקט און ער ווייסט ניט, וויאַזוי זיך צו פאַרענט־פערן, פאַרוואָס ער געפינט זיך נאָך צווישן די לעבעדיקע, ווען אַלע זײַנע

מיטצײַטלער זײַנען שוין לאַנג ניטאָ. אים איז שווער געוואָרן צו עטעמען. לייקע פּאָכעט אָף אים מיט די טאָוולען פון אַן אַלטן סידער.

— טאַטע, וואָס איז מיט דיר? טאַטע!

לייקעס אויגן זײַנען פול מיט טרערן. דאָוויד מיט זיאַמען קוקן זיך טרויעריק איבער. דער צאַנקענדיקער לאָמפּ האָט זיך אויסגעלאָשן, און אין פענצטער האָט אָנגעהויבן שאַר׳ען אָף טאָג.

דאַנ׳על איז אײַנגעשלאָפן, און שאָלעמקע האָט זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף. ער האָט זיך געריבן די אויגן און ניט געקאָנט דערגיין, צי ס׳איז פאַרטאָג, צי ס׳איז פאַרנאַכט, צי ס׳איז נאָך נעכטן, צי ס׳איז שוין הײַנט...

עזרע האָט קוים אײַנגעהאַלטן זײַן פאַרדראָס: ער איז געקומען צו פאָרן קיין וואַרשע, און לייקע, דאָוויד מיט דאַנ׳עלן האַלטן אים אין ליפּאָוועץ און לאָזן אים ניט אַרויס פון דאָרטן. אַ נאַכט, אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געהאַלטן אין איין ריידן וועגן ליפּאָוועץ, און דערנאָך אַ גאַנצן טאָג — נאָכאַמאָל דאָס זעלבע. ער, עזרע, גייט אויס זיך דערוויסן אַלץ וועגן וואַרשע: ווו איז די מוזיק־שול, ווו איז דער אָפּערע־טעאַטער און ווו קאָן מען הערן אַ גוטן סימפאָנישן אָרקעסטער. עזרע האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ טרוים — זען דעם באַוווסטן יידישן שרײַבער י.־ל. פּערעץ. ער האָט געלייענט זײַנע דערציילונגען, ער קען אָף אויסווייניק אַ סאַך זײַנע לידער. נאָר גיי פּרווו זיך אַרויסרײַסן קיין וואַרשע, אַז די עקסקורסיע אין ליפּאָוועץ האַלט אין סאַמע ברען: ווערט מיד לייקע — פאַרבײַט זי גלײַך דאָוויד, ווערט אָף אַ ווײַלע אַנשוויגן דאָוויד — כאַפּט אונטער דער אַלטער דאַנ׳על, און הייבט אָן דאַנ׳על אײַנדרעמלען, לאָזט שאָלעמקע ניט צורו.

אַזוי איז דורך אַ טאָג, אַ צווייטער, און ערשט אָפן דריטן טאָג האָט זיך עזרען סאָפּקאָלסאָף אײַנגעגעבן אַרויסרײַסן אין שטאָט.

— וו׳אַזוי פאָרט מען פונדאַנען צו דער אָפּערע, וו׳אַזוי קומט מען פונדאַנען אין דער מוזיק־שול? — האָט עזרע זיך געווענדט צו לייקען. — עמעס, האָיאָר טראַכט איך ניט אָנקומען אַהין, ערשט איבעראָיאָר, ווען איך וועל זיך גוט צוגרייטן. נאָר אַ קוק טאָן און זיך באַקענען מיט דער מוזיק־שול באַדאַרף מען איצט.

לייקע האָט זיך צעלאַכט:

— גאָט איז מיט דיר, עזרינקע, מיר זײַנען געקומען קיין וואַרשע ניט צוליב דער מוזיק־שול און ניט צוליבן אָפּערע־טעאַטער. אונדזערע אָפּערעס און אונדזערע קאָנצערטן קומען פאָר דאָ. מיר קאָנען זיי אָף אויסווייניק... באַ אונדז איז אַזוי אויך פריילעך, אין יעדן ווינקעלע זינגט באַ אונדז דער דאַלעס און עס טאַנצט די נויט...

דאָוויד האָט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל גענומען דערמונטערן עזרען:

— דו, עזרע, נעם זיך איבעריקס ניט צום האַרצן. מאַלע וואָס אַ יידענע זאָגט, אַ יידענע בלײַבט אַ יידענע... אין דײַן מוזיק־שול, אין קאָנצערטן און אין אָפּערע קלײַבט זי זיך פאַנאַנדער ווי אַ האָן אין בניי־אָדאָם. ס׳איז איר ביטער, מעגסט איר געבן די סאַמע זיסטע זאַכן, וועט זי שרײַען, אַז ס׳איז פע, אַז ס׳איז ביטער, ווי גאַל.

— אויך מיר אַ מייוון אָף ווײַבערשער כאָכמע, — האָט זיך לייקע צערעכנט גלײַך מיט דאָווידן. — איך בין דען קעגן מוזיק? אַ רועך אין יע־

נעמס טאטן אַרײַן, װער עס װיל ניט װיסן, װאָס שײן און װאָס גוט איז! נאָר װאָס קאָנען מיר טאָן, אז זײ, אָט די, װאָס גײען אין די אָפּערעס און אַף די קאָנצערטן, האָבן אַראָפּגענומען פאַר זיך די סמעטענע און פאַר אונדז איבערגעלאָזט בלויז די זױערמילך... זײַט אזוי גוט און זאָגט, װער פון אונדזערע קאָרידאָר־אײַנװױנער קאָן זיך אָנטאָן דאָס פאַרגעניגן צו גײן אין טעאַטער?

עזרע האָט אַף ציקאװעס זיך נאָכגעפרעגט בא אנדערע אײַנװױנער פון קאָרידאָר, צי װײסן זײ, װוּ, אַף װעלכער גאַס עס געפינט זיך די מוזיק־שול און װיאזוי דערקלײַבט מען זיך אהין.

— מיר זאָלן אזוי װיסן פון צאָרעס...

די אײנציקע אײַנװױנערן פון קאָרידאָר, װאָס איז גערן געװען אויס־הערן עזרעס פראַגן, איז געװען פּאולינע די בלומען־פּאַרקויפערן, לײקעס סאַמע נאָענטע שכײנע און סאַמע נאָענטער פרײַנט.

— זײַט אזוי גוט און קומט אַרײַן צו מיר אין שטוב, װעל איך אײַך אלץ דערקלערן און אַף אלץ ענטפערן...

פאַר עזרען האָבן זיך אָנגעהױבן טעג פון בלאָנדזשען. ער גײט, דוכט זיך, ריכטיק, אזוי װי פּאולינע האָט אים אויסגעמאָלט, נאָר די געדאַנקען לויפן פאָרויס... אָט איז ער א סטודענט פון מוזיק־שול, אָט א באַװוּסטער פידלער, א לערער פון א סאַך גרעסטענע טאלמידים, ער טרעט אַרויס אַף קאָנצערטן אין די גרעסטע שטעט פון לאַנד, אפילו אין פּעטערבורג דער־לויבט מען אים שפּילן. ער מאַכט א טורנע איבער אײראָפּע. אײראָפּע איז איבעראַשט, אײראָפּע אַפּלאָדירט אים, עזרען, שלוימע דעם קלעזמערס זון. און װאָס װײַטער עס טראָגן די געדאַנקען, אלץ מער שלאָגט ער זיך אַראָפּ פון ריכטיקן װעג, ער פאַרבלאָנדזשעט און אים קומט אויס גײן צו־ריק, און בעמײלע פאַרשפּעטיקט ער קומען צו דער באַשטימטער צײַט אהײם, װי ער האָט צוגעזאָגט לײקען.

לײקע פאַלט אַף אים אָן:

— שוין עטלעכע שאָ, אז מיר װאַרטן אַף דיר מיטן װאַרמעס, מ׳באַ־דאַרף דאָך האָבן גאָט אין האַרצן!

לײקע שװערט זיך, אז מער װעט זי אים אין ערגעץ ניט לאָזן אלײן. עזרע גיט דאָס װאָרט, אז מער װעט זיך עס ניט איבערכאַזערן, פון מאָרגן אָן...

און אַף מאָרגן כאַזערט זיך איבער דאָס זעלבע.

לײקע האָט אַלעמאָל זיך געגרײט אָפּשפּילן א קאָנצערט עזרען, נאָר ס׳איז געגנוג געװען דערהערן זײַנע טריט, דאָס האַרץ זאָל איר גלײַך אָפּ־גײן:

— אָן עק, זעץ זיך גיכער צום טיש, פון װאַרמעס אָן האָסטו נאָך אין מויל ניט געהאַט... װײ, װײ, װען דײַן מאַמע זאָל עס װיסן! אָט האָסטו דיר! גײ לאָז אװעק קינדער אין דער פרעמד, א שײנער טאַכלעס װערט פון זײ! כאַפּ שוין איבער! בעסער א שפּעטע װעטשערע, אײדער אָפּלײגן זי אַפן מאָרגעדיקן פרישטיק.

נאָר װער עסן, װאָס עסן, עזרע איז הײַנט געװען אַף א קאָנצערט, און

ער איז אזוי זאט מיט אים, אז ער מוז זיך גלײַך אפן אָרט טײלן מיט זײַנע פרײַנט.

— צוליב אזא קאָנצערט אליין איז קעדײַ צו לעבן אף דער וועלט!

עזרע פרווּוט זיך מיט ווערטער איבערגעבן דאָס, וואָס די פּיאַניסטן האָבן איבערגעגעבן דורך קלאַנגען. ער רעדט שטיל, ער זאָל ניט אופוועקן דאַניעלן מיט שאָלעמקען, נאָר שאָלעמקע כאַפּט זיך אלצײנס אוף.

דרײַ פּיאַניסטן האָבן געשפּילט אײנעם און דעם זעלבן רעפּערטואַר — בעטהאָווענען, נאָר יעדערער אף זײַן אויפן. עס האָט געמאַכט דעם אײַנ־דרוק, אז ס׳זײַנען געווען דרײַ פאַרשײדענע ווערק פון דרײַ פאַרשײדענע קאָמפּאָזיטאָרן. און ניט נאָר די פּראָגראַם פון קאָנצערט, און ניט נאָר בעט־האָווען, נאָר אפילע דער זאַל האָט אלעמאָל באַקומען אן אנדער אויסזען — דרײַ באַזונדערע זאַלן. וואָס זוניקער עס האָט געלויכטן די נעשאָמע פון עם מוזיקאַנט, אלץ שענער האָט אויסגעזען דער זאַל.

— אז מ׳טראַכט זיך אַרײַן, — האָט לײקע אָפּגעגעבן עזרען דעם גע־רעכט, — איז דאָס טאַקע אזוי. אָט נעמט אונדזער נאַסע, פינצטערע דירע. ווען עס טרעפט, אז מיר איז גוט אפן האַרצן, לויכט דאָ אין יעדן ווינקעלע.

די פידלער האָבן נאָך מער איבעראַשט עזרען. אזעלכע פידלער האָט ער, זינט ער לעבט, נאָך ניט געהערט.

אין די אינדערפרי׳ען פלעגט ער זיך גלײַך נעמען פאַרן פידל און איבערשפּילן די ערטער, וואָס האָבן זיך אים באַזונדערס אײַנגעקריצט אין זיקאָרן.

טשעסלאַווס פידל

פּאָולינע, די אלטע אײַנוווינערן פון לאַנגן פינצטערן קאָרידאָר, איז געווען שטאַרק באַפרײַנדעט מיט דער ליפּאָווצער מישפּאָכע. פּײסעך צום סײדער פלעגט פּאָולינע זיצן אן אויסגעפּוצטע בא דאַווידס טיש. די ליפּאָ־ווצער מישפּאָכע, פון איר זײַט, האָט ניט דורכגעלאָזט קײן אײין קאַטוילישן יאָמטעוו, אז זי זאָל ניט אַרײַן באַגריסן פּאָולינען און צוווינ־טשעווען איר א סאַך גליק און לאַנגע יאָרן. דער אלטער דאַניעל האָט גע־האלטן פּאָולינען פאַר א צאַדײקעס און איז געווען זיכער, אז זי וועט האָבן יענע־וועלט און אז אף איר וואַרט א בעקאָוועדיק אָרט אין גאַנײדן.

אין א קורצער צײַט נאָך עזרעס קומען קײן וואַרשע האָט פּאָולינע פאָרגעלײגט, אז עזרע זאָל זיך אַריבערקלײַבן וווינען צו איר: זי איז אײי־נע אליין און עזרע וועט זיך ניט דאַרפן שטיקן אין דער ענגשאַפט.

— עזרע מאַכט אונדז ניט ענג, — האָט זיך לײקע צום ערשטן מאָל פאַר צוועלף יאָר באַלײדיקט אף פּאָולינען, — פאַרקערט, מיר דוכט זיך, אז פון דעם טאָג, וואָס ער איז געקומען, איז בא אונדז אין שטוב געוואָרן געראַ־מער און ליכטיקער.

— ריכטיק, ריכטיק, — האָט דאַניעל אונטערגעהאלטן לײקען, — עס

שטייט בא אונדז געשריבן: דאָרט, וווּ ליבע הערשט, איז אַף דער שפּיץ פון א שווערד גערעם, און דאָרט, וווּ די סינע כאַפּט זיך אַריַין, ווערט ענג אין דער סאַמע גרעסטער שטוב, און ניט נאָר אין שטוב, עס ווערט ענג אין גאַס, אין שטאָט, איבער גאָר דער וועלט.

— פאַני דאַניעל, — האָט פּאַולינע געפּרוווט אַריבערציִען איר אַלטן פריַינט אַף איר זיַיט, — איר זיַיט דאָך קראַנק, און עזרע דאַרף שפּילן, דאַרף זיך גרייטן צו די עקזאַמענעס. שטעלט זיך פאָר, אַז איַיך ווערט ניט גוט און ער האַלט אינמיטן שפּילן.

— אַזאַ קלוגע, ווי איר, פּאַולינע, זיַיט, איז ווי קומט עס צו איַיך, איר זאָלט אַזוינס זאָגן? פאַר וועמען האַלט איר מיך? — דאַניעלס קאָפּ האָט זיך גענומען שווער באַוועגן הין און צוריק איבערן קישן. — מיר קאָן דען ווערן ניט גוט? עס קאָן קומען בלויז דער סאָף מיַינער — און דאָס איז דאָך גוט! דאָס פירט צו א נייַעם גליקלעכן אָנהייב, גליַיך אין גאַניידן אַריַין! אין אַזעלכע מינוטן דאַרף מען זיך פרייען. אין טרויער שטאַרבט דער ראָשע.

— גאָט מיַינער! גאָט מיַינער! — האָט פּאַולינעס לינקע האַנט פאַרכאַפּט און אָפּגעשטעלט איר רעכטע, זי זאָל זיך ניט איבערציילעמען פאַר דאַניעלן אין די אויגן.

נאָר אַף מאָרגן האָט פּאַולינע ווידער גענומען ריידן וועגן דעם זעלבן.

— איר פאַרשטייט, — האָט דאָוויד דערוויזן פּאַולינען, — דערוויסט מען זיך נאָר אין ליפּאָוועץ, אַז עזרע וווינט בא איַיך און ניט בא מיר, מאַכט מען מיך גליַיך פאַר א סאָך א גרעסערן קאַפּצן, ווי איך בין אינדערעמעסן. מע וועט זיך קילן דאָס האַרץ און זאָגן: וויבאַלד א קאַפּצן און אַרבעט בא יענעם, האָט ער דאָך געקאָנט, ווי געדאַליע, דער טאַטע זיַינער, זיצן אין ליפּאָוועץ? צוליב וואָס זשע איז געוואָרן דער הענדעם־פּענדעם קיין וואַרשע? וואָסי, א וואַרשעווער קאַפּצן איז שענער ווי א ליפּאָוועצער?

— זאָל גאָט אָפּהיטן, — האָט זיך לייקע אָנגעכאַפּט אין איר מאַנס גע־רעכטע דערוויַיזן, — דערוויסט זיך ליפּאָוועץ, איז גייט דאָס גאַנצע שטעטל כאָדאָראָם און איך טאָר זיך קיינמאָל אַהין ניט וויַיזן. איך בעט איַיך, פּאַולינע, פאַרשוואַרצט מיר ניט דאָס פּאָנעם פאַר די ליפּאָוועצער.

זיאַמע האָט אָנגעקוקט אַלעמען מיט זיַינע עגבערדיקע אויגן און ניט געקאָנט דערגיין דעם סייכל פון דעם קריג, פּונקט אַזוי, ווי שווער ס'איז אים אַמאָל דערגיין, פאַרוואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט א זייגער, כאָטש אַלע רעדעלעך און שריַיפעלעך זיַינען אינווייניק גאַנץ.

— איך פאַרשטיי ניט, פאַני פּאַולינע, וואָס קער זיך עזרע אָן מיט איַיך, וואָס איר קערט אַזוי וועלטן, ער זאָל וווינען אין איַיער צימער?

פּאַולינע איז רויט געוואָרן:

— ווי קאָנט איר אַזוי זאָגן, פאַני זיאַמע? איך שטאַם דאָך פון מוזי־קאַנטן!

— אַנטשולדיקט, יאָ, איַיך איז שווער.

נאָר מאַסקים זיַין מיט פּאַולינען, אַז עזרע דאַרף אַריבער וווינען צו איר, קאָן ניט זיאַמע. זיַינע ליפּאָוועצער פריַינט וואָלטן אים דאָס קיינמאָל ניט מויכל געווען. פעלט אים איַין אַזוינס: מ'דאַרף, אַז שטענדיק, ווען עזרע

וועט שפּילן אויף זײַן פֿידל, זאָל דאָווידס טיר זײַן אָפֿן, קעדיי די קלאַנגען זאָלן דערגיין צו פּאולינען אין אַנטקעגנדיקן צימער.

— איז אָט וואָס, — טײַערע פּאולינע, — האָט לייקע אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל, — מיט די קלאַנגען פֿון עזרעס פֿידל בין איך זיך גרייט טיילן, אָבער עזרע... ער בלײַבט באַ אונדז!

— פֿאַרוואָס ווילט איר מיך ניט פֿאַרשטיין? איר זײַט דאָך אַ מאַמע און ווייסט דאָך, וואָס הייסט באַ אַ מאַמע אַ קינד. — פּאולינע איז מיטאַמאָל שטאַרק בלייך געוואָרן.

— פּאולינע, וואָס איז מיט אײַך! זײַט מיר מוחל, אויב איך האָב עפּעס געזאָגט אַזוינס, וואָס איך האָב ניט באַדאַרפֿט זאָגן...

נאָר ערשט אין עטלעכע טעג אַרום האָט פּאולינע אַנטפּלעקט פֿאַר דער ליפּאָוועצער מישפּאָכע דעם אויסבאַהאַלטענעם סאָד, וועלכן זי האָט אין מעשעך פֿון פֿופֿצן יאָר געטראָגן טיף אין האַרצן. דער פֿידלער טשעסלאַוו, דער איינ־און־איינציקער זון אירער, וואָס איז צוריק מיט פֿופֿצן יאָר געשטאָרבן פֿון סוכאָטע, האָט פֿאַרן טויט איבערגעלאָזט אַ צוואָאָע: „מאַמע, אויב דו וועסט אַמאָל באַגעגענען אַ יונגן אָרעמען פֿידלער, וועמעס שפּילן עס וועט דיר געפֿעלן ווערן און דערמאָנען אין מײַן שפּילן, איז פֿאַרעכן אים פֿאַר אַ זון און שענק אים מײַן פֿידל”.

אין דעם אָפּדערנאַכט, ווען עזרע האָט זיך אַריבערגעקליבן צו פּאולינען, האָט זי באַהאַנגען די ווענט פֿון איר צימער מיט פֿאַרשיידענע בילדער און פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון איר זון. אָט איז טשעסלאַוו אַן ערשט־געבוירענער, אָט פּויזעט טשעסלאַוו אויף אַלע פֿיר, טשעסלאַוו אויף דער שול־באַנק, טשעסלאַוו נעמט צום ערשטן מאָל דעם פֿידל אין האַנט, טשעסלאַוו אין אָרקעסטער, טשעסלאַוו אויף דער בינע פֿאַר אַ פֿול געפּאַקטן זאַל, טשעסלאַוו אין אָרן, באַלייגט אַרום־און־אַרום מיט בלומען־קרענץ.

דעם שטום געוואָרענעם פֿידל, וואָס האָט שוין העכער פֿופֿצן יאָר ניט אַרויסגעלאָזט קיין איין קלאַנג, האָט פּאולינע אויפֿגעהאַנגען אויף דעם זעלבן אָרט, אויף וועלכן ער איז געהאַנגען, ווען איר זון האָט געלעבט.

זי האָט דורכגעלופֿטערט די פֿאַרשיידענע נאָטן־ביכער, דורכגעבלעטערט און ניט געקאָנט אָפּרײַסן איר בליק פֿון די צייכנס, וואָס האָבן פֿאַרהיט אין זיך די קלאַנגען־וועלט פֿון איר טשעסלאַוו. אַן אומפֿאַרשטענדלעכע שפּראַך זײַנען אָט די נאָטן, און דאָך אַזאַ נאָענטע און טײַערע — די שפּראַך פֿון איר זונס האַרץ.

דער טיש איז געווען פֿאַרשפּרייט מיטן יאָמטעוודיקן סערוועט. אַרום־און־אַרום — קויסעס, און אין דער מיט — גראַפֿינען מיט ווײַן.

עזרע מיט פּאולינען זײַנען געזעסן אויבנאָן. באַ די זײַטן פֿון טיש — פּאולינעס קרויווים, טשעסלאַווס פֿעטערס, מומעס און שוועסטערקינדער, דאָוויד, לייקע מיט שאָלעמקען, זיאַמע, זײַן פֿרוי טשיפּע־שיפֿרע, די שוויגער פֿעסל מיט די דרײַ יינגלעך.

סײַ די באַלעבאָסטע, סײַ די געסט האָבן ניט געוווּסט, וויאַזוי מע באַדאַרף זיך פֿירן אין אַזאַ אָוונט. האָט מען גערעדט פֿון זײַטיקע זאַכן.

דאָוויד האָט באַטראַכט און באַטאַפּט די אָנצוגן פון די געסט. דאָ בעט זיך אַן אַרבל אַ ביסעלע אופּהייבן, און דאָ וואָלט מען מוזן אַראָפּלאָזן, דאָ איז דער פּלייצע איז צו ברייט, און דאָ איז ענגלעך.

לויט די אָנצוגן האָט דאָוויד געפּרוווט טרעפן, ווער פון די שנײַדער עס האָט זיי אופגעניייט, און האָט ער געטראָפן, האָט ער גלײַך גענומען דערציילן די לעבנס־געשיכטע פון דעם אָדער יענעם שנײַדער און די גע־שיכטע פון דעם, וויאַזוי ער קומט צו אים, וויאַזוי ער האָט זיך מיט אים באַקאַנט און באַפרײַנדעט. ער האָט דערקלערט און דערוויזן, מיט וואָס עס שיידט זיך אונטער איין געניי פונעם צווייטן, ווײַל וויפל שנײַדער ס'זײַנען דאָ אַף דער וועלט, אַזויפיל באַזונדערע צושנײַדעכצן און אַזויפיל באַזונ־דערע געניייען זײַנען דאָ.

לייקע האָט ניט געקאָנט אײַנזיצן. ווען דאָ וואָלטן געוועזן בלויז די שכיינים פון קאָרידאָר, וואָלט זי שוין לאַנג אָפּגעשטעלט דאָווידן און אים ניט געלאָזט מער ריידן וועגן שנײַדער און שנײַדערײַ. דאָס שנײַדערײַ ליגט איר גוט אין האַרצן און פאַרומערט איר היפּש דאָס לעבן. נאָר גיי טו עפּעס, אַז די צונג איז געשלאָסן און די אויגן־שפּראַך איז פאַר דאָווידן קיין לאָשן ניט. ער ווייסט, אַז ווי לייקע זאָל ניט אויסגיין אַרײַנזאָגן אים, וועט זי איצט גאָרניט זאָגן. נוצט ער אויס די גוטע כּײַע־שאָ.

לייקע האָט אַ שעפּטשע געטאָן שאָלעמקען אַפן אויער. אין אַ מינוט אַרום האָט ער געבראַכט זײַנע מוזיקאַלע אינסטרומענטן — דאָס מעשענע שטייסל מיטן מעשענעם טויקעטש, צוועקעס פון פאַרשיידענער גרייס און גרעב. זיאַמעס ייִנגלעך האָבן גענומען שרײַען אין איין קאָל:

— שאָלעמקע, קלינג, ווי עס קלינגט דער הילצערנער קאַסטיאָל!

— ניין, מ'דאַרף ניט, מאַך בעסער נאָך דעם בלינדן זאַדישלעוון בעט־לער.

— פּראָשע פּאַני! פּראָשע פּאַני! פּראָשע שאָלעמקע! — האָבן די גרויסע אונטערגעהאַלטן דאָס קליינוואַרג.

שאָלעמקע האָט מיט עטלעכע דינינקע צוועקעס גענומען אויסקלאַפּן איינוויניק און אין די דרויסנדיקע זײַטן פון שטייסל: דזין־דזין־דזין!..

— ריכטיק! ריכטיק! פּונקט אַזוי קלינגט דער הילצערנער קאַסטיאָל, וואָס געפינט זיך אַף אונדזער גאַס! — האָבן די געסט אויסגעשאָסן אַ היל־כיק געלעכטער.

איינע אַן אַלטיטשקע, וואָס האָט געהאַט אײַנגעדרעמלט, האָט זיך אופגעכאַפּט און זיך גענומען ציילעמען:

— מ'רופט שוין צו דער אָוונטיקער טפילע, און איך בין דאָ פאַר־זעסן... שוין צײַט גיין...

דער אַלטערס ציילעמען זיך האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דאָס גע־לעכטער.

— און איצט, שאָלעמקע, זאָל אַ קלונג טאָן דער רײַכער שטיינערנער קאַסטיאָל, — האָט עזרע ברייט אַ פּיר געטאָן מיט די הענט, ווי אָט דאָ לעבן אים זאָל זיך געפינען אַן אָרקעסטער.

אין דער זעלבער צײַט האָבן פּאולינע און לייקע געבראַכט טשעסלאַווס ביכער און נאָטן־העפטן און זיי איבערגעגעבן עזרען. פּאולינע האָט אַראָפּ־

גענומען דעם פידל פון וואנט און מיט ציטערנדיקע הענט געעפנט דעם פוטליאר. דער פידל אין אירע הענט האָט אויסגעזען ווי א שווערע מאַסע, גאָרניט פאר אירע קויכעס, אָט־אָט פאלט ער ארויס פון אירע הענט...

פאולינע האָט אונטערגעטראָגן דעם פידל עזרען:

— איך בעט אײַך, שפּילט דאָס, וואָס מײַן זון האָט געשפּילט...

עזרע באַרירט מיט זײַנע פינגער די סטרונעס, און דער פידל ענטפערט אָפּ מיט א קלאָרער ווייכער שטים, מיט א שטים פון דאנקבארקײַט פאר אומקערן אים דאָס לעבן.

— סאָרא ווונדערלעכער טעמבער! — איז עזרע איבערראשט און הערט ניט אויף באטראכטן דעם פידל פון אלע זײַטן. דער פידל איז אלט, און זײַן שטים איז יונג. עזרע באַרירט ווידעראמאָל מיט זײַנע פינגער די סטרונעס, קעדיי זיך איבערצײַגן, צי האָט ער קיין טאָעס ניט געהאַט. ניין, קיין טאָעס האָט ער ניט געהאט — די שטים איז יונג און דער פידל איז אלט. באלד וועט ער שפּילן דאָס, וואָס טשעסלאוו האָט אמאָל געשפּילט. נאָר וויאזוי טשעסלאוו האָט געשפּילט, דאָס ווייסט ער ניט. און ווען ער וואָלט אים אפילע געוועזן הערן, וואָלט ער בעשום־אויפן ניט געקאָנט שפּילן, ווי טשעסלאוו. ניטאָ קיין צוויי אלציינע מוזיקאנטן... עזרע איז פארגליווערט געבליבן שטיין אינמיטן צימער מיטן פידל אין דער האנט.

אָנגעהויבן האָט ער פון אן עטיוד, קעדיי אויספּרוּוון אי זיך, אי דעם פידל. אָפּ בײַקומען טשעסלאווס שווערן רעפּערטואַר דארפן די סטרונעס און די פינגער זיך צוגעוווינען איינער צום צווייטן.

פאולינען ווערט קאלט, זי ווארפט אָפּ זיך ארוף א שאלכל. די קלאנגען, וואָס צעטראָגן זיך איבערן צימער, זײַנען איר באקאנט און נאָענט, ווי אירע קרויוּוים און שכיינים, וואָס זיצן דאָ באם טיש.

וווּ זשע זײַנען די קלאנגען אזוי לאנג געווען, ווו האָבן זיי זיך אזוי לאנג אויסגעבאהאלטן?

עס ווערט אופגעמישט א נײַער נאָטן־בלאט, און עזרע שפּילט א נאָקטיורן, א לויבגעזאנג דער נאכט, ער גיט איבער די שטילע טריט פון דער נאכט, דעם געבעט פון די פארליבטע, אז די נאכט זאָל זיך ציִען און ציִען...

אָט דעם נאָקטיורן האָט טשעסלאוו ליב געהאט שפּילן בא אן אָפענעם פענצטער אין די זומערדיקע לעוואָנע־נעכט. פאולינע גייט צו צום פענצטער. זי ווערט פארשיקערט. דער קאָפּ פארדרייט זיך איר, גלײַך ווי אָפּ די סטרונעס האָט א צווײַגל פון בוים זיך א הוידע געטאָן, א ווינטל האָט מיט זיך די רייכעס פון ווײַסל, פון סעדער און גערטענער געבראכט.

דעם נאָקטיורן פארבײַט א בארקאראָלע, און פאולינע דערזעט עלזשבעטען, טשעסלאווס איוסדערוויילטע. זיי שיפלען זיך ביידע אָפּ א שיפל. עלזשבעטע זינגט, און טשעסלאוו שפּילט, און די כוואליעס פון דער ווײַסל קלאפּן צום טאקט. דאָס שיפל הוידעט זיך און טאנצט זײַן וואסער־טאנץ. ווו איז עלזשבעטע? ניט באשערט געווען, אז זי זאָל זי, פאולינען, רופן מאמע. זי איז מיסטאמע איצט שוין אליין א מאמע? ניט באשערט געווען, אז עלזשבעטעס קינדער זאָלן רופן איר טשעסלאוון טאטע...

עזרע לייגט אָפּ אין א זײַט די בורלעסקעס, און פּאולינע ווענדט זיך צו עזרען אַף דער שפּראַך, וואָס דער פידל־לערער פלעגט דערקלערן איר טשעסלאַוון:

— עזרינקע טײַערער, שפּיל דע קאַפּאָ אל פינע — פון אָנהייב ביזן סאָף, אַלץ ווי עס גייט.

עזרע פאַרענטפערט זיך פאַר פּאולינען:

— אד ליביטום — איך קאָן איצט נאָר שפּילן, ווי דאָס האַרץ זאָגט מיר אונטער.

— מאָרענדאָ — שטיל און שטילער, ווי באַם לעצטן פאַרגאַנג, — שעפּטשען פּאולינעס ליפּן.

מאָרענדאָ — כאַזערן איבער די סטרונעס.

שטיל פאַרגייען די קלאַנגען, ווי שטיל ס'פאַרגייען די לעצטע זונענשטראַלן.

דער וועג איז אָפן פאַרן טרויער, און דער טרויער ווערט פון מינוט צו מינוט זיכערער אין זײַן גאַנג, נידערט אַראָפּ אין יעדנס האַרץ, בלײַבט ליגן אַף יעדנס פּאָנעם, און די אָנגעגאָסענע קויסעס בלײַבן שטיין פאַרשעמט און איבעריק, ווי ניט־געבעטענע געסט.

גויראָלעס

אין סעוואַסטאָפּאָל, אין דער וווינונג פונעם „מוזיק־ליבהאָבער", האָט מען עזרען שטענדיק געשעטערט שפּילן. דאָס איז צו פרי, און דאָס איז צו שפּעט, הײַנט איז בא דער טאָכטער א שלעכטע שטימונג, מאָרגן האָט זיך בא דער פרוי צעשפּילט דער מיגרען, און איבערמאָרגן איז פונקט אויסגעפאַלן דער יאָרצײַט פון א ווײַטער קרויווע. און דאָ, אין לאַנגן פינצטערן קאָרידאָר, בא פּאולינען אין שטוב, פילט ער זיך ווי בא זיך אין דער היים — שפּיל וויפל דו ווילסט און ווען דו ווילסט.

אויסגעמאַטערטע פונעם שווערן טאָג האָרעוואַניע, שלאָפן דאָ אַלע באַנאַכט, ווי די געהאַרגעטע, שלאָפן אַזוי, אַז ניט נאָר עזרעס פידל, נאָר ווען אַפילע אַן אָרקעסטער פון בלויזע פויקן וואָלט געפּויקט א גאַנצע נאַכט, וואָלט זיך דאָ, דאַכט זיך, אויך קיינער ניט אופגעכאַפּט. פאַרטאָג זײַנען שוין אַלע וואַך. פאַרטאָג טראָגט יעדער איינער אוועק פאַר דער נאַכט אָנגעזאַמלטע קויכעס און גיט זיי אוועק דעם באַלעבאָס פאַרן קאַרגן אָרעמען לוין, אַז ער זאָל צו נאַכט ווידער קומען אַן אויסגעליידיקטער, א פאַרמאַטערטער און פאַלן ווי א סנאָפּ.

די אײַנוווינער פון קאָרידאָר האָבן ליב געהאַט עזרען און אים געטראָגן אַנטקעגן די גוטמאָרגנס און גוט־אָוונטס, און מיט א באַזונדער אָפּשײַ אים גערופן „פּאַני עזרע".

— ער איז אַן אונדזעריקער, — האָט מען גערעדט וועגן אים, — א האָרעפּאַשניק, האָרעוועט טאָג ווי נאַכט.

די גאַמעס — די גאַנצע, האַלבע, פערטל, אַכטל און זעכצנטל טענער,

וואָס עזרע פלעגט שאָענוויַז ניט אופהערן ציִען פונעם פידל, זיַינען דאָ פאַרגליכן געוועזן צו דער סאַמע שווערסטער אַרבעט פון גראָבן גריבער און האַקן שטיינער.

און נאָך, ווען עזרע פלעגט שפּילן, פלעגן די איַינוווינער פון לאַנגן פינצטערן קאָרידאָר זיך קילן דאָס האַרץ, זיך גערייצט מיט די פּריצים און גווירים — „אהאַ, מיר קאָנען אויך! ס׳קאָן זיַין, אַז מיר קאָנען בעסער פון איַיך. עהע, ווען מ׳לאָזט אונדז, ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ הונדערטטשיילעק פון איַיערע מעגלעכקיַיטן, וואָלטן מיר ערשט באַוויזן, וואָס מיר קאָנען!"

באַזונדערס האָט ליב געהאַט עזרען דאָווידס באָכערל, שאָלעמקע. ניט אָנקלאַפּנדיק אין טיר, האָט שאָלעמקע צו יעדער מינוט געקאָנט אַריַין צו עזרען. און ווען ער זאָל ניט אַריַין, איז ער געווען בא אים אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

וואָס מער שאָלעמקען האָט זיך געוואָלט זיצן בא עזרען, אַלץ ווייניקער האָט זיך אים געוואָלט זיצן אין כיידער. אַלע טאָג האָט ער עפּעס צוגעטראַכט אַ ניַיס:

— דער קאָפּ טוט וויי, — פלעגט ער זיך בעטן באַם רעבן, ער זאָל אים פריִער אָפּלאָזן אַהיים. דאָס האָט אים אַ כאַפּ געגעבן דער בויך, און דאָס פלעגט ער מאַכן פאַרן רעבן אַ קרום פּענעמל, אַז די מאַמע איז פאַרשלאָפט געוואָרן, זי איז איינע אַליין און ס׳איז ניטאָ ווער ס׳זאָל איר דערלאַנגען אַ טרונק וואַסער.

און אַז ער האָט שוין ניט געהאַט וואָס צוצוטראַכטן, פלעגן אים זיַינע פיס קומען צוהילף — זיי פלעגן אַזוי פלינק אַנטלויפן, אַז קיינער אין דער וועלט וואָלט ניט געקאָנט דעריאָגן שאָלעמקען. דערנאָך זיַינען די פיס געקומען צום סייכל. צוליב וואָס גיין אין כיידער און דערנאָך אַנטלויפן, איז שוין גליַיכער איַינגאַנצן ניט גיין אַהין.

אויסערן זיידן, איז שאָלעמקע געווען זיכער, וועט אים קיינער קיין קרום וואָרט ניט זאָגן. דער פידל וועט זיך פאַר אים איַינשטעלן.

אַלע פאַרנאַכט, ווען עזרע לערנט אים שפּילן, דוכט זיך שאָלעמקען, אַז ער הערט, ווי דער פידל זאָגט צו דעם טאַטן מיט דער מאַמען גילדענע בערג: „אָט וועט איר זען, וואָס ס׳וועט זיַין פון איַיער שאָלעמקען, סאַראַ ליַיט דאָס וועט אויסוואַקסן. אָף זיַינעם אַ קאָנצערט וועט מען קיין בילעטן ניט קאָנען קריגן, קאָפּ אָף קאָפּ וועט מען שטיין, מ׳וועט אַפּלאָדירן און שריַיען אָן אופהער: „בראַוואָ! ביס! ביס! בראַוואָ!"

זינט שאָלעמקע איז געוואָרן עזרעס טאַלמיד און שטענדיקער אַריַינגייער צו אים, האָט מען אין קאָרידאָר אים גערופן „דער צווייטער פידל", „דער שאָלעכמאָנעס־טרעגער". שאָלעכמאָנעס־טרעגער האָט מען אים גערופן דערפאַר, וואָס ווער נאָר אין קאָרידאָר ס׳האָט געוואָלט מיט עפּעס־וואָס מעכאַבעד זיַין עזרען, פלעגט מען עס איבערגעבן דורך שאָלעמקען.

— שאָלעמקע, זאָל דער פּאַניטש פאַרזוכן די עפּל, ס׳איז וויַין, ניט קיין עפּל.

— קינד מיַינס, זיַי אַזוי גוט און טראָג אַריַין אָט דאָס טעלערל מיט

קרעפּלעך און זע, אַז דער פּאַניטש זאָל עסן, און זע, ער זאָל קיין פּאַריבל ניט האָבן, טאָמער איז דאָ ווייניקלעך סמעטענע.

— אַ גלאָז ציקאָריע מיט אַ קאָרזשיק, דאָס האַרץ באַם פּאַניטש טאָר ניט איבערכאַלעשן, אָ, יעזוס הייליקער, ווי דער פידל ציט עס אַרויס בּאַ אים דעם קליאָק פון די ביינער!

— שאָלעמקע, צעבּרעך ניט די אייער, פרישע אייער, ערשט הײַנט איינ־דערפרי האָבן זיי מײַנע הינער געלייגט. זאָל דער פּאַניטש זיי אויסטרינ־קען רויערהייט. אַ רוי איי איז געזונט פאַרן האַרצן, פאַר די לונגען און פאַרן קאָפּ.

— שאָלעמקע, וואַרט צו אַ ווײַלע!

— שאָלעמקע, כאַפּ זיך שפּעטער אַרײַן צו מיר, בּאַ מיר גרייט זיך אַזאַ מײַכל, וואָס דער פּאַניטש האָט עס מיסטאָם קיינמאָל אַף זײַן לעבן ניט געגעסן.

— שאָלעמקע!

— שאָלעמקע!

וואָס מער פרײַנטלעכער און וואַרעמער מ׳האָט זיך באַצויגן צו עזרען, אַלץ פאַר אַ גרעסערן באַלכױיװ האָט ער זיך געפילט — ווו נעמט מען אַזוי־פיל ליבע צאָלן פאַר דעם אַלץ?

עזרעס פינגער האָבן אומדערמידלעך געציילט די קלאַנגען, ער האָט צענדליקער מאָל איבערגעשפּילט זײַן אַלטן רעפּערטואַר און דערלערנט אַ ריי נײַע זאַכן, פינקטלעך אויסגעפילט די פאַרגעבונגען פונעם קורצזיכ־טיקן סטודענט, וואָס האָט געהאַלטן אין איין קוקן אַפן זייגער און פאַר יע־דער איבעריקער מינוט געמאָנט אַ צווייענדיקע פרײַז — אַ קאָפּקע אַ מינוט.

אין דער איבעריקער פרײַער צײַט האָט עזרע געגעבן מוזיק־„שטונדן", געלערנט מיט באַלעבאַטישע יינגלעך פידל־שפּילן.

טשעסלאַוס פידל איז פון טאָג צו טאָג אַלץ מער נעענטער געוואָרן מיט עזרען. ער האָט אים ניט איין מאָל דערמאָנט און דערציילט וועגן אַזעלכע מאָמענטן אין זײַן לעבן, וועלכע ער האָט שוין געהאַט קימאַט פאַרגעסן.

עזרע שפּילט דעם טאַטנס מעלאַוועמאַלקע, לייבלס טענץ, פּעדאָצערס מאַרשן, „באַזעצנס" און „זײַ־געזונטן". ער שפּילט די וואַלסן און מאַזורקעס, וועלכע אים איז אויסגעקומען צו שפּילן ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן אין די פאַרשיידענע פּריצישע הויפן, ער שפּילט פון טשערניכאָווסקיס רעפּערטו־אַר, און יעדער קלאַנג איז פול מיט דערמאָנונגען, ווי אַ באַשאָטענע צווײַג מיט איבערגעצײַטיקטע פּרוכט. גיט זיך נאָר אַ הוידע די צווײַג, רײַסן זיך אָפּ די פּרוכטן, פאַלן פאַרוווּנדעטע און מאַכן פײַכט די ערד מיט זייער פאַר־גאָסענעם זאַפט, און עס טוט ווי פאַר דער איבערגעצײַטיקטקײַט, ווי הײַליק עס ווערן די ציין פון דער אומצײַטיקײַט.

ניט פאַרשוווּנדענע זײַנען געבליבן בלויז די נאָטן, אָבער די קלאַנגען, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט לויט די זעלבע און אייגענע נאָטן, זײַנען שוין אויך ווײַט ניט די, אַוועלכע זיי זײַנען געווען דאַן, ווען ער האָט זיי צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן אַרויסגעבראַכט. זײַן האַנט איז געוואָרן מער געניטער, זײַן אויג מער ווײַטזיכטיקער, זײַן אויער מער אָנגעשטרענגט

און זײַן האַרץ מער פּילבאַרער און רײַכער מיט איבערלעבונגען און לעבנס־דערקענטעניש.

ערשט איצט ווערט פֿאַר אים קלאָר דאָס, וואָס זײַן לערער פּעדאַצער האָט מיט יאָרן צוריק אים געזאָגט:

„די נאָטן, עזרינקע, זײַנען טאַקע די זעלבע און אייגענע, זיי בלײַבן אַף שטענדיק ניט געענדערט, נאָר דער איז אַן עכטער פֿידלער, וואָס קאָן פֿון זיי אַרויסלייענען יעדן טאָג עפּעס נײַס.

נאָטן זײַנען ווי דער בוים, ווי דער בלאַט, ווי דער געוויקס. דער בוים בליט אַלע פֿרילינג, און אין יעדן פֿרילינג ווערט ער באַצירט מיט נײַע שפּראָצונגען, און דאָס גיסט אים אָן מיט זאַפֿט, מיט כּיעס. אָן די נײַע שפּראָצונגען וואָלט דער בוים אין אַ שטיק האָלץ פֿאַרוואַנדלט געוואָרן און געטויגט נאָר אָפּן פֿײַער.

יעדן פֿרילינג ווערט דער בוים באַוואַקסן מיט בלעטער, נאָר ס'איז נאָך ניט געווען אַזאַ פֿרילינג אין דער וועלט, אַז די בלעטער פֿון בוים זאָלן זײַן ענלעך צו די בלעטער פֿון פֿאָריקן פֿרילינג".

עזרע האָט אַף טשעסלאַווס פֿידל געשפּילט וועגן דעם פֿאַרשפּילטן גורל פֿון ווילנער באַלעבעסל — ער האָט געשפּילט פּעדאַצערס העספּעד, פּעדאַ־צערס עלעגיע וועגן יויעל־דאָווידן.

באַקאַנטע אייכאָ־קלאַנגען רײַסן זיך דורך און גיבן אָנצוהערן, אַז דער אומגליק איז ניט פֿון הײַנט, ניט פֿון נעכטן און אייערנעכטן. דער אומ־גליק איז אַלט, ווי אַלט ס'איז דער מענטש, ווי אַלט ס'איז די וועלט.

— אַני האַגעווער, — קלאָגט זיך יויעל־דאָוויד, דאָס ווילנער באַלע־בעסל, — איך בין דער אומגליקלעכסטער מענטש פֿון אַלע מענטשן אַף דער וועלט! אַזויפֿיל האָפֿענונגען, און גאָרניט איז מעקוייעם געוואָרן. אַ פֿאַלשער נאָווי איז געזעסן אין מיר און האָט אָן אויפֿהער פֿאַלשע נעוויִעס געזאָגט!

יויעל־דאָוויד לויפֿט אַרום אַ דולער איבער די וואַרשעווער גאַסן און האַלט אין איין זינגען זײַן איין־און־איינציק ליד, וואָס איז אים גע־בליבן פֿון אַלע זײַנע געזאַנגען:

„מענטשן, קוקט און זעט, צי ס'איז נאָך פֿאַראַן אַזאַ ווייטעק, ווי מײַן ווייטעק, ווי דער יאַם איז גרויס דער בראָך!..."

דעם סמיק ווערט שווער באַרירן די אַנטבלויזטע ווונדן פֿון די סטרונעס. און ער טרעט אָפּ זײַן אָרט פֿאַר עזרעס פֿינגער. עזרעס פֿינגער ציִען און ברעכן שטיקער פֿון דעם אומענדלעכן בראָך, און זיי דערמאָנען אָן יענעם פֿויגל, וואָס האָט מיט זײַן קליין פּיסקל געוואָלט מיט דער וואַסער פֿון יאַם פֿאַרטרינקען די יאַבאָשע און מיטן זאַמד פֿון דער יאַבאָשע פֿאַרשיטן דעם יאַם...

פּלוצעם איז עזרע געבליבן שטיין פֿאַרגליווערט מיטן פֿידל אין דער האַנט און ניט געקאָנט אַרויסברענגען ניט קיין קלאַנג און ניט קיין וואָרט. אַ טומל, אַ געלויף, געשרייען און זידלערײַען האָבן זיך געטראָגן איבערן קאָרידאָר.

עזרען האָט זיך געדוכט, אַז דאָס האָט מען פאַרטריבן אהער דאָס ווילנער באַלעבעסל, מע זאָל קאָנען אומגעשטערט אים פּײַניקן און מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער הערט, ווי דאָס ווילנער באַלעבעסל רופט צוהילף און בעט זיך, מע זאָל אים לאָזן צורו. און עזרע איז גרייט די מינוט אים קומען צוהילף, באַשיצן און דערציילן דאָ אַלעמען, סאַראַ גרויסער זינגער יענער איז געווען.

פּאָלינע האָט זיך איבערגעשראָקן פאַר עזרען, וואָס איז געבליבן שטיין פאַרגליווערט מיטן פידל אין האַנט און ניט געקאָנט אַרויסברענגען ניט קיין קלאַנג און ניט קיין וואָרט.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט פּאָלינע עטלעכע מאָל איבערגעפרעגט עזרען. — קענסט נאָך אַלץ ניט אונדזער קאָרידאָר? ווייסט ניט, אַז פונעם קלענסטן ווינטל קאָן דאָ ווערן אַ זאַווערוכע?

איבערן קאָרידאָר האָט זיך געטראָגן דעם פּאַני קאַמסקיס הילכיקער באַריטאָן. דער אויסגעשלאָסענער סטודענט קאַמסקי האָט דאָ אין קאָרידאָר בײַ אַלעמען געהייסן דער שלימאַזלדיקער מעשומעד.

צוויי פּאָליציי־לײַט, איינער אַ הויכער, מיט אַ געשטופּלט פּאָנעם און מיט גרויסע, גלעזערנע, פאַרגליווערטע אויגן, און דער צווייטער, אַ נידעריקער, מיט לאַנגע וואָנצעס, זײַנען געקומען נאָך פּאַני קאַמסקין. שטענדיק, ווען אין פּאָליציי־באַצירק האָט מען באַדאַרפט אוועקשיקן אַ באַריכט פאַר דער העכערער נאַטשאַלסטווע, פלעגט מען פּאַני קאַמסקין אַרײַנזעצן אין אַן איינצל־קאַמער און אים ניט אַרויסלאָזן, ביז ער פלעגט ניט אָנשרײַבן די נייטיקע פּאַפּירן. דערנאָך האָט דער גאַנצער פּאָליציי־באַצירק זיך געשפּיגלט אין דעם אויסגעצאַצקעוועטן קסאַוו, אין דעם אויסלייגעכץ און אין דער קלאָרקײַט און לאָגישקײַט פון געדאַנק. די העכערע נאַטשאַלסטווע האָט גאָרניט געקאָנט אָנלויבן דעם פּריסטאַוו.

נאָר איצט האָט זיך קאַמסקי אײַנגעשפּאַרט:

— גענוג! אַ סאָף, אַן עק! איך וועל ניט גיין! איינמאָל פאַר אַלעמאָל, ביין און ביין!

דער נידעריקער פּאָליציי־מאַן מיט די לאַנגע וואָנצעס איז פלינק אונטערגעשפּרונגען און גוטברודעריש אוועקגעלייגט די האַנט אויף קאַמסקיס ברייטער פּלייצע.

— נו, קום שוין, קום! ביזוואַנען איז דער שיר אונדז פאַרהאַלטן? נו, קום שוין, שיקאַרניק איינער, קום! דו וועסט זיך ווי־עס־איז עטלעכע טעג אויסדרייען אָן בראַנפן. קום, אַז ניט, וועסטו ערגער מאַכן.

— ערגער? יאָ, אויף דעם זײַט איר בעריעס! — פּאַני קאַמסקי האָט פון אויפרעגונג פּאַנאַנדערגעשפּיליעט דעם אויסגעריבענעם סטודענטישן מונדיר. — יאָ, ערגער, וואָס אַ טאָג ערגער און ערגער!..

— שטילער! שטילער! — האָבן זיך צעשרײַען ביידע פּאָליציי־לײַט מיטאַמאָל.

פּאַני קאַמסקי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און גענומען דעקלאַמירן:

Свободы, гения и славы палачи!
Таитесь вы под сению закона,
Пред вами суд и правда — все молчи![1]

די פּאָליציי־לײַט האָבן געפּרוווט מיט די הענט פאַרמאַכן קאַמסקין דאָס מויל. נאָר ווי פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואַקסן אײַזיק שיוועזיצער, דער שאָכן מיטן אויסגעהאַקטן אויג. שיוועזיצער האָט מען אײַזיקן גערופן דערפאַר, ווײַל דרײַ טעג נאָכן באַפרײַען זיך פון טפיסע, ווו ער איז אָפּגעזעסן העכער צוויי יאָר, איז געשטאָרבן בא זײַן ווײַב דאָס אויפעלע, וואָס קיינער האָט ניט געוווּסט, פון וועמען עס איז געקומען אַף דער וועלט. דאָס ווײַב האָט אים געהאַלטן אין איין אײַנריידן, אַז דאָס קינד איז געווען געראָטן אין אים, געראָטן מיט אַלע פּישטשעווקעס, און אים געצוווּנגען זיך זעצן שיווע. ווען די גאַנאָווים־יונגען זײַנען געקומען אײַזיקן מענאַכעם־אָוול זײַן, האָט ער זיך פאַר זיי געקלאָגט:

— אַף מײַן לעבן, ווי איר ווייסט, בין איך שוין ניט איין מאָל געזעסן. נאָר אַזוי אומשוּלדיק, ווי איך זיץ איצט, בין איך נאָך קיינמאָל ניט געזעסן.

אָט דעם אײַזיקל, וואָס האָט געציטערט פאַרן ווײַב און איז גרייט געווען גיין פאַר איר אין פײַער און אין וואַסער, איז גענוג געווען אַ קוק געבן אַף עמעצן מיט זײַן לינקן אויג, אַז בא יענעם זאָל דאָס האַרץ אַ צאַפּל טאָן און דאָס בלוט זאָל פאַרקילט ווערן.

אויך איצט, אָט דאָ אין קאָרידאָר, זײַנען די פּאָליציי־לײַט פאַרציטערט געוואָרן פון אײַזיקס בליק. און קאַמסקי האָט פאָרגעזעצט:

— Но есть, есть божий суд, наперсники разврата!
Есть грозный судия: он ждет...[2]

די צינגער האָבן זיך בא אַלעמען פאַנאַנדערגעבונדן.

— גייט אײַך פּונדאַנעֶן!

— צו אַלדי שוואַרצע יאָר!

— דאָ וועט איר קיין פּעט ביינדל ניט אָפּלעקן!

האַלטנדיק פעסט שאָלעמקען פאַר דער האַנט, האָט לייקע ניט מיט איר קאָל געשרִיען:

— שאָלעמקע, ווו ביסטו? דאָוויד, פאַרוואָס זע איך דיך ניט? דאָוויד, קריך ניט אַהין, ווו מ'באַדאַרף ניט.

— איך קריך אין ערגעץ ניט! — האָט זיך אָנגערופן דאָוויד. — איך זאָג נאָר, אַז ס'איז אומדערהערט. פון אוניווערסיטעט האָט מען קאַמסקין אויסגעשלאָסן און שרײַבן זאָל ער זיי שרײַבן! און נאָך ווו? אין טפיסע! אַ

---

[1] איר, הענקער פון געוויִנעס, פרײַהײַט, רום!
אונטער די פליגל פון געזעץ ט'איר זיך פאַרטײַעט,
די רעכט, דעם עמעס — אַלץ פאַר אײַך איז שטום!

[2] נאָר ניין, גאָטס מישפּעט איז פאַראַן, פאַרדאַרבערישע ברִיעס!
אַ גרויסער שויפעט איז פאַראַן: ער וואַרט!
(פון מ. יו. לערמאָנטאָווס „דעם דיכטערס טויט". איבערזעצונג פון עמ. קאַזאַקעוויטש).

קליינִיקײַט! ער איז באַגאַנגען אַ גרויסן פֿאַרברעכן — ער קען און זיי קענען ניט!

— רעדן! רעדן! דו וועסט זיך דערעדן! שוין זאָלסטו מיר גיין אַהיים!

— וואָס שרײַט איר אויף אים? — האָט זיאַמע דער זייגערמאַכער זיך אָנגענומען דאַווידס קריוודע. — דאַוויד איז גערעכט! נאָך אַ מין גערעכט!

— טשיפּע־שיפּרע, וואָס שווײַגט איר?! — האָט לייקע אַ כאַפּ געגעבן זיאַמען פֿאַרן לאַץ פֿון פּידזשאַק און אים געגנומען שלעפּן, ווי פֿון אַ סרייפּע. — טשיפּע־שיפּרע, ווו זײַט איר?! ווײ איז מיר, קאַרג, וואָס איר האָט אַ מאַן אַ זייגערמאַכער, דאַרפֿט איר נאָך האָבן אַ מאַן קאַטאָרזשניק!

נאָר איין נאָכעמקע „מאַך מיך איבער", נאָכעמקע דער מעקובל, וואָס האָט זיך פֿון זינען געריירט, האָט איצט דאָ, אינעם טומל, אויסגעזען ווי שטענדיק, און ווי שטענדיק צוגעשטאַנען צו עזרען:

— דו, פֿידלער איינער, מאַך מיך איבער פֿאַר אַ פֿויק! אַ פֿויק, אַז מע קלאַפּט אין איר, טוט איר ניט ווײ, און דאָך שרײַט זי, און מיך, אַז מע שלאָגט מיך, שווײַג איך. איך וויל שרײַען, נאָר איך ווייס, אַז אַלע טויערן פֿון הימל און אַלע אויערן דאָ אויף דער ערד זײַנען פֿאַרמאַכט און פֿאַרשלאָסן פֿאַר מײַן געשריי.

מיט נאָכעמקע „מאַך מיך איבער", מיט נאָכעמקע דעם מעקובל האָט זיך עזרע באַקאַנט, גלײַך ווי ער איז געקומען אַהער. יעדעס מאָל, ווען עזרע פֿלעגט אים דערזען, האָט זיך אים געדוכט, אַז דער קליינוווקסיקער נאָכעמקע איז נאָך קלענער געוואָרן. אויפֿן גוטמוטיקן יונגן פּאָנעם האָבן זיך באַוויזן נאָך מער קנייטשן. די רויטע פֿאַרזשמורעטע אויגן זײַנען נאָך רויטער און פֿאַרזשמורעטער געוואָרן. די ליפּן בײַ נאָכעמקען האָבן זיך קיינמאָל ניט צוגעמאַכט, שטענדיק האָבן זיי עפּעס געשעפּטשעט, עפּעס געבעטן, עפּעס דערציילט פֿאַר זיך אַליין. מיט אַ שטעקן אין דער האַנט און מיט אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס, ווי דער אייביק פֿאַרשאָלטענער וואַנדערער, האָט נאָכעמקע שטענדיק געאײַלט, גלײַך ער זאָל מוירע האָבן עפּעס פֿאַרשפּעטיקן. וועמען נאָכעמקע זאָל ניט באַגעגענען, בעט ער זיך:

— מאַכט מיך איבער! איך וויל מער ניט זײַן אַזאַ, ווי איך בין! מאַכט מיך איבער! ווי אַ הירש, וואָס לויפֿט, אַזוי וועל איך לויפֿן; ווי אַ פֿויגל, וואָס פֿליט, אַזוי וועל איך פֿליִען; אַזוי ווי אַ רויז, וואָס בליט, אַזוי וועל איך בליִען. איך ווייס, איך ווייס, אַ רויז וועלקט זייער גיך, נאָר דערפֿאַר ווי שיין זי בליט! סאַראַ רייכעס זי גיט אַרויס פֿון זיך, סאַראַ צאַרטע זי איז, סאַראַ זויבערע, סאַראַ רויטע! דאָס לײַדט זי בושע פֿאַרן מענטשן! נאָר אויב איך בין מער גוף ווי נעשאָמע, מער ערד ווי הימל, טאָ מאַכט מיך איבער און פֿאַרוואַנדלט מיך אין אַ בורעק, ווײַל אַפֿילע אים, דעם בורעק, כאָוועט מען, צערטלט מען, מע באַגיסט אים מיט וואַסער און מע פֿרייט זיך מיט זײַן וווּקס. פֿאַר אַ רעטעך טויג איך ניט, פֿאַר אַ רעטעך בין איך צופֿיל ביטער, ניין, פֿאַר אַ רעטעך טויג איך ניט. מאַכט מיך איבער! מאַכט מיך איבער!

ניט איינער האָט אים געפּרוווט אויף זײַן אויפֿן איבערמאַכן.

— לייג זיך, נאָכעמקע! — און נאָכעמקע לייגט זיך געהאָרכזאַם.

— צי אויס די פֿיס, צי אויס די הענט!

— פארמאַך די אויגן!
— זאָג ווידע!
עזרע האָט געזען, ווי די קאַצאָווים־יונגען האָבן אַנומלטן פאַרפירט נאָכצומקען אין יאטקע און צוגעזאָגט אים איבערמאַכן פאַר א הירש. נאָכעמקע האָט אוועקגעלייגט זײַן קאָפּ אף דעם פאַרבלוטיקטן פלייש־קלאָץ, און ווען איינער פון די קאַצאָווים־יונגען האָט פאַרהויבן איבער זײַן קאָפּ די האק, האָט נאָכעמקע רויק געזאָגט:
— האק! האק! א קאָפּ איז געגעבן געוואָרן דעם מענטשן אף טראַכטן! א קאָפּ דאַרף דערלאַנגען ביז צו די הימלען! נאָר אויב דער קאָפּ ווערט דערנידעריקט, אויב מע וואַרפט אין אים שטיינער, איז דער קאָפּ קיין קאָפּ ניט!
עזרע האָט ניט איין מאָל באַגעגנט נאָכעמקען א צעבלוטיקטן, ניט איין מאָל געזען, ווי מיט פאַרהויבענע הענט אין דער הייך שרײַט ער אויס זײַן ווייטעק:
— קינדער, טשעפּעט מיך ניט! קינדער, הערט מיך אויס, כאָטש איינ־מאָל אין לעבן הערט מיך אויס! טשעפּעט מיך ניט! געגוג וואַרפן אין מיר שטיינער, מיר טוט אזוי אויך געגוג ווײ. קינדער! טײַערע קינדער, וואָס טוט איר? באַטראַכט זיך! איר וועט דאָך אויך אויסוואַקסן, איר וועט דאָך אויך אמאָל ווערן גרויסע, און עפשער, האַלעווײַ זאָל עס אזוי ניט זײַן, און עפשער וועט אויך עמעצער פון אײַך באַגערן, מע זאָל אים איבער־מאַכן. באַטראַכט זיך, קינדער!
אויך איצט הערט ניט אוף נאָכעמקע בעטן עזרען:
— מאַך מיך איבער! מאַך מיך איבער פאַר א פויגל!..

נאָך דער געשעעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין קאָרידאָר, האָט עזרע זיך אָנגעהויבן גריסן מיט קאַמסקין און אראָפּנעמען די שליאַפּע פאַר אים, און קאַמסקי פלעגט אים באַשענקען מיט שוואָכים אפילע דאַן, ווען ער איז ניכטער געווען.
שיקערהייט האָט קאַמסקי שטענדיק געמאַכט רעוועראַנסן און געשאָטן מיט קאָמפּלימענטן — יעדע פרוי איז בא אים דאַן געווען א שיינהײַט, א מעדינע אויספּאָרן און ניט געפינען אזא, און יעדער מאַנצבל האָט בא אים אויסגעזען הונדערט מאָל בעסער ווי ער איז.
אין אזא צושטאַנד פון זיך ווען אַרומנעמען מיט דער גאַנצער וועלט האָט פּאַני קאַמסקי איינמאָל שפּעט באַנאַכט אַרומגעכאַפּט עזרען און געבעטן אויסהערן אים.
— מאַעסטראָ, הערט מיך אויס! איך בין טאַקע א צעבראָכענע קיילע, פון וועלכער אַלץ רינט אויס, אָבער אויסהערן דאַרפט איר מיך! איך שטעל זיך פאָר, וואָס איר טראַכט וועגן מיר, — קאַמסקיס אונטערשטע גראָבע ליפּ לאָזט זיך אראָפּ אַלץ נידעריקער. — א מעשומעד, א שיקער, א בראָ־דיאַגע, — צעלאַכט זיך קאַמסקי, און די בושע פון אַלע אייוורים כאַפּט זיך אַרײַן אין זײַן רויטער דיקלעכער נאָז, און עס דוכט זיך: אָט־אָט ווערט די נאָז פאַרברענט פון כאַרפּע. — איך שטעל זיך פאָר, וואָס איר

טראכט וועגן מיר... א מעשומעד. סאַראַ שׂרעקלעך און פּאַרהאַסט און באַשפּיגן וואָרט דאָס איז! כ'האָב עס אָבער פאַרדינט, קאָשער פאַרדינט!

קאַמסקי דרייט צונויף זײַן סטודענטיש היטל, ווי ער זאָל עס וועלן אויסקוועטשן פון שמאַד, צופּט די שוואַרצע לאַק־ברעקלעך פונעם געווע־זענעם גלאַנציקן קאָזיראָק, פאַרווישט די שפּורן פון דער געוועזענער קאָקאַרדע, וואָס איז פריִער געווען צוגעשרויפט אינעם אויבנאָן פון דעם היטל.

— איך האָב געוואָלט לערנען, איך האָב געדאַרשט נאָך וויסן, מיך האָט געצויגן צו ליכט, האָט מען מיך אַלס ייִדן אין אוניווערסיטעט ניט געוואָלט אָננעמען. בין איך צו דער ליכט דורך פינצטערניש געגאַנגען — כ'האָב זיך געשמאַדט. און דאָ האָט זיך עס אָנגעהויבן — דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן זיך די האָר פון קאָפּ געריסן, זיך געזעצט שיווע און געוויינט, זיי האָבן מיך אויסגעריסן פון זייער האַרצן און אויסגעמעקט פון זייער געדעכעניש — געווען און איז מער ניטאָ. דאָס שטעטל אין אוקראַיִנע איז כאַדאַראַם געגאַנגען, אונדזער שטוב האָט מען אַף זיבן מײַל אויסגעמיטן, קינד־און־קייט האָבן געלאַכט. וויבאַלד ער האָט פאַר־ביטן איין עמונע, האָט מען גערעדט וועגן מיר, וועט ער זיך לאַנג ניט האַלטן בײַ דער צווייטער. איז צוליב וואָס האָט עס אים געלוינט? ער האָט דערמיט בלויז אָפּגעלייגט דעם דאַלעס אַף איין טאָג שפּעטער. אַזוי וואָלט ער ניט געהאַט אַף שאַבעס, און אַצינד וועט ער ניט האָבן אַף זונטיק.

עזרע וויל עפּעס זאָגן, טרייסטן, און ער ווייסט, אַז שפּעט באַנאַכט איז דאָס טרייסט־וואָרט שטאַרק פאַרנומען — עס האַלט אין איין אַרומשוועבן אַף די ליפּן פון די שלאָפלאָזע מאַמעס, וואָס פאַרשלעפערן זייערע קינדער מיט די שענסטע מײַסעס און צוזאָגעכצן, אַז זיי וועט זײַן גוט, גוט אָן אַ סאָף און אָן אַ ברעג. עזרע ווייסט ניט, וווהין אַהינצוטאָן זײַן בליק, אים איז אַ ביזאָיען פאַר דער גאַנצער וועלט.

און קאַמסקי שוינט ניט די וועלט, האַלט איר אין איין צושטעלן אַ בענקעלע פאַר עזרען:

— איר פאַרשטייט, אין מײַן אַלטער היים, אין דער היים פון טאַטע־מאַמע, האָט מען מיך פאַרשאָלטן, און אין דער נײַער בין איך געווען אַ פרעמדער, ווען מען מ'האָט ניט געגלייבט.

איינמאָל אַף אַ לעקציע האָט דער פּראָפעסאָר פון פילאָסאָפיע געהאַלטן אין איין דערווײַזן, אַז די קאַטוילישע עמונע איז די עמונע איבער אַלע עמונעס. איאָ, פּאַני קאַמסקי? און דער פּראָפעסאָר שטעלט מיך אַרויס אַלס איידעס — אָט איר, אַ געוועזענער ייִד און איצטיקער קאַטאָלי־קער, קאָן מער ווי עמעצער אַנדערש עס באַשטעטיקן.

אַלעמענס בליקן זײַנען געווען געווענדט צו מיר. און איך, דער מעשו־מעד, דער געוועזענער ייִד און איצטיקער קאַטאָליקער, האָב אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— בײַ מיר האָבן אַלע געטער איין פּאָנעם, זיי אַלע זײַנען ניט געשטויגן און ניט געפלויגן, און וואָס שײַעך דעם ראָוו און גאַלעך, איז

היינע אוואדע גערעכט: פון זייביידן באגלײַך גיט אָפּ א שלעכטער רייעך!..

ווי־אזוי איך בין ארויס א לעבעדיקער פון די קאטוילישע הענט, קאָן איך זיך ביז איצט ניט פאָרשטעלן.

פון אוניווערסיטעט האָט מען מיך אויסגעשלאָסן. ביידע געטער, דער יידישער און דער קריסטלעכער, האָבן זיך מיר געשטעלט אין וועג און מיך ניט דערלאָזט צום אייץ־האדאס — צום בוים פון וויסן.

מיט איין וואָרט, ס'איז געווען פריילעך. וואָס האָב איך זיך דערנאָך ניט אָנגעהערט וועגן זיך:

— אויס קאַלע און ווידער מויד.

— א מעשומעד א באלטשוווע האָט אזא פּאָנעם, ווי א מאמזער, וואָס שרײַט: טאטע!

— אונטער א פּלויט וועט ער שטארבן, און א הונט וועט נאָך אים בילן...

מיט דער צײַט בין איך פארוואָרפן געוואָרן אהער אין קאָרידאָר, זיך אָנגעהויבן אראָפּלאָזן און ארײַנלאָזן אין שיקרעס...

נאָך יענער שפּעטער נאכט זײַנען עזרע מיט קאמסקין געוואָרן פרײַנט. נאָך יענער שפּעטער נאכט האָט עזרע באשטימט פארלאָזן דעם קורצזיכ־טיקן סטודענט, וואָס האָט געהאלטן אין איין קוקן אפן זייגער און פאר יעדער איבעריקער מינוט געמאָנט א צווייענדיקע פרײַז — א קאָפּקע א מינוט, און איז אריבער זיך לערנען צו קאמסקין. קימאַט אלע קאמסקיס טאלמידים פלעגן זייער סכאר־לימעד ארײַנטראָגן דער באלעבאָסטע, בא וועלכער זייער לערער האָט געוווינט אף אלעם גרייטן. קיין געלט האָט קאמסקי בא זיך ניט געטאָרט האלטן, אנדערש וואָלט ער קיינמאָל ניט ניכטער געווען. עזרע איז בא קאמסקין געווען גאָר א באזונדער מין טאלמיד — א טאלמיד ניט צוליב פּארנאָסע, א טאלמיד — א פרײַנט און כאווער.

פארטאָג, ווי נאָר פּאולינע פלעגט אוועקגיין אף דער ארבעט אין דער בלומען־קלייט פון איר באלעבאָס, פלעגט קאמסקי גלײַך ארײַנקומען צו עזרען און אָן קיינע שום האכאָנעס אָנהייבן זײַנע לעקציעס. אים איז א שאָד געווען יעדע מינוט, ווײַל דאָס זײַנען געווען די בעסטע מינוטן — די נאכט האָט אים אויסגעניכטערט און דער טאָג האָט אים נאָך ניט אָנגעשיקערט.

— נישטאָ קיין וואָרט, וואָס זאָל ניט האָבן זײַן וואָרצל, זײַן אָפּשטאַ־מונג, זײַן געשיכטע, זײַן באזונדער קלאנג, — שפּאנט קאמסקי הין און צוריק איבערן צימער, און זײַן ברוסטיקע שטים קלינגט הילכיק אין דער פארטאָגיקער שטילקײַט, — נישטאָ קיין פראזע, וואָס זאָל ניט טראָגן אירע ווערטער, ווי א הענגל טראָגט אירע זאפטיק אָנגעגאָסענע ווײַנ־טרויבן.

עזרעס אויער איז אָנגעשטרענגט, ער הערט, ווי קאמסקי דיריזשירט מיט די ווערטער, דיריזשירט, ווי מיט א סימפאָנישן אָרקעסטער, — אָט ריידן אלע ווערטער מיטאמאָל, און אָט ווערט אונטערגעטראָגן איין וואָרט, איין זילבּ, ווי א סאָלאָ אף א פּלייט.

— קאָנען הערן איז פונקט ווי קאָנען זען. הערן הייסט זען, און זען הייסט הערן.
דאָס זעלבע האָט געזאָגט פעדאָצער. עזרע איז גליקלעך, וואָס ביידע לערער זײַנע, פעדאָצער און קאמסקי, האָבן זיך ווי צונויפגערעדט און גייען זיך צונויף אף דעם זעלבן און אייגענעם געדאַנק.
פעדאָצער האָט געזאָגט:
„א געהער, וואָס הערט און זעט ניט, איז א טויבער געהער, ווײַל ניט זען, ניט קאָנען זיך פאָרשטעלן, וועגן וועמען און וועגן וואָס דו שפּילסט און זינגסט, איז עס גלאט געקרימפּלט, קלאנגען לעוואטאָלע, ארויסגעוואָרפן אפן ווינט".

די יידישע שרײַבער פּערעץ און דינעזאָן האָבן שוין ניט איין מאָל באזוכט דעם לאנגן פינצטערן קאָרידאָר. דינעזאָן האָט דאָ געזוכט הארצ־רײַסנדיקע געשיכטעס: דערשלאָגענע קינדער, טשאכאָטעטשנע באַלמע־לאָכעס און קראנקע מאמעס, אלץ אזוינס, וואָס זאָל אָנפילן די טרערן־קוואלן, אז באם שרײַבן און דערנאָך באם לייענען זאָל זיך וויינען און וויינען. און פּערעץ האָט דאָ, אין דער פינצטער, געזוכט ליכטיקע שטראלן, ער האָט, ווי פּערל, געשנורעוועט יעדע כאָכמע, יעדעס גלײַכווערטל, יעדן מאָשל און זיך אָנגעכאפּט אין דער מינדסטער האָפענונג, אין דעם מינדסטן גלויבן, וואָס האָט אופגעשײַנט דאָ בא דעם אָדער יענעם אײַנוווינער פון קאָרידאָר.
באזונדערס האָט פּערעץ זיך פאָרינטערעסירט מיט זיאמע דעם זייגער־מאכער, מיטן „פילאָסאָף פון קאָרידאָר", וואָס האָט אליין געגלייבט און אָנגעשטעקט אנדערע מיט גלויבן אין בעסערע צײַטן. פּערעץ האָט ניט געשאנעוועט זײַן קעשענע־זייגערל און האָט ארויסגעקוקט, אז וואָס אָפּטער זאָל זיך אין דעם „אָפּשטעלן דאָס הארץ", ער זאָל האָבן א טערעץ פאר זיאמען. און האָט דאָס זייגערל זיך אײַנגעשפּארט און דאפקע געוואָלט גיין, האָט שוין פּערעץ קיין אנדער ברייִרע ניט געהאט, ווי ברענגען דער פרויס זייגערל אָדער גאָר אויסגעפינען א קאליע זייגערל, וואָס האָט יאָרנלאנג זיך געוואלגערט צווישן ברוכווארג.
אויך אין אָט דעם זומער־פאָרנאכט איז פּערעץ געקומען צו זיאמען מיט „א קאליע ספּרוזשינקעלע, וואָס נייטיקט זיך אין א פּאָטשינקעלע". און געקומען איז פּערעץ אליין, אָן דינעזאָנען, ווײַל מיט דינעזאָנען וואָלט ער באדארפט דורכגיין דעם גאנצן קאָרידאָר און אויסהערן אלע טרויעריקע געשיכטעס, און פאר זיאמע דעם זייגערמאכער וואָלט שוין קיין צײַט ניט געבליבן. דאָס מאָל האָט זיך פּערעצן געוואָלט לענגער פאַרברענגען מיט זיאמען.
זיאמע איז דורך דעם שפּאקטיוו אפן אויג טיף ארײַנגעדרונגען אינעם אינגעווייד פונעם זייגערל און ווי פון א קוואל געשעפּט פון דעם. ווערט־לעך, געדאנקען, כאָכמעס, מעשאָלים און ארײַנזאָגעכצן האָבן זיך אָן אופּ־הער געשאָטן פון זײַן מויל. פּערעץ האָט הילכיק געלאכט און האנאָעדיק געצופּט זײַנע שווארצע געדיכטע וואָנצעס.

פלוצעם האָבן זיך פון הינטער דער וואנט דערטראָגן פידל־קלאנגען.
פּערעץ האָט איבערגעריסן זיאמען:

— סאַרא װוּנדערלעכע שפּיל! װער איז עס? װאָס שפּילט ער?

און זיאמע, וואָס האָט ליב געהאט בעאַריכעסדיק דערציילן, אַרײַנ־פלעכטן א מײַסע אין א מײַסע, א מאָשל אין א מאָשל, האָט איצט מיט גע־ציילטע ווערטער איבערגעגעבן פּערעצן, אז בא זיי אין קאָרידאָר וווינט פּעדאָצערס א טאַלמיד, וואָס וויל אָנקומען אין דער וואַרשעווער מוזיק־שול, און שפּילן שפּילט ער איצט פּעדאָצערס „דאָס ווילנער באַלעבעסל".

— סאַרא גליקלעכע באַגעגעניש! — האָט אויסגעשריִען פּערעץ. — סײַ פּעדאָצערן און סײַ יויעל־דאָווידן, דאָס ווילנער באַלעבעסל, טראָג איך שוין לאַנג אין זיך, זיי לעבן טיף אין מיר. וועגן פּעדאָצערן האָב איך שוין אָנגעוואָרפן עטלעכע וואַריאַנטן, און אויך ער, יויעל־דאָוויד, לאָזט מיך ניט צורו. פּעדאָצער האָט זיך טיף דערגרונטעוועט צו יויעל־דאָווידס אומגליק... און דעם פידלער שרעקט געוויס דער גורל פונעם ווילנער באַלעבעסל. סאַרא גרויסע טעמע!

די מעלאָדיע איז געוואָרן אַלץ טרויעריקער און טרויעריקער, די קלאַנגען האָבן זיך געבעטן, געצאַרנט, באַשולדיקט און געזוכט אַן אָנשפּאַר. און אָט איז די עלעגיע געענדיקט.

פּערעץ האָט לאַנג געשוויגן. און זיאמע האָט ניט געוואַגט שטערן אים און אַרײַנפּאָרן אפילו מיט א זייגער־מאָשל.

פּערעץ האָט געבעטן זיאמען אים באַקאַנען מיטן פידלער.

זיאמעס פרוי טשיפּע־שיפרע איז אַרויסגעלאָפן אין קאָרידאָר און ניט מיט איר קאָל געגומען שרײַען:

— עזרע! גיי גיכער! פּערעץ, ער אַליין, דער שרײַבער פּערעץ, וויל זיך מיט דיר באַקאַנען!

עזרע האָט פלינק זיך גענומען איבערטאָן, און וואָס מער ער האָט געאײַלט, אַלץ לענגער האָט געדויערט. אים האָט זיך ניט געגלייבט: ווי־אַזוי איז עס מעגלעך? פּערעץ? פּערעץ, וועמעס א סאך לידער ער קען אף אויסווייניק, וועמעס בילד עס הענגט בא מיריעמען אין שטוב!.. אויב דאָס איז מעגלעך, איז אַלץ אין דער וועלט מעגלעך!

יאָ, דאָס איז ער, פּערעץ, — די זעלבע גוטיקע שווארצע וואָנצעס, די זעלבע ברענענדיקע אויגן, דער זעלבער שמייכל, וואָס אפן בילד.

פּערעץ האָט זיך פאַנאַנדערגעפרעגט וועגן פּעדאָצערן, נאָר עזרען איז שווער געווען צו ריידן. ענטפערן וואָלט ער איצט געקאָנט בלויז אפן פידל. און פּערעץ האָט אַליין גענומען ריידן וועגן פּעדאָצערן:

— פּעדאָצער איז געבענטשט מיט יענעם טיפן טרויער, וואָס עפנט דעם וועג פאַר עכטער פרייד. די עלעגיע וועגן ווילנער באַלעבעסל, וואָס איך האָב דאָ נאָרוואָס געהערט, דאָס איז דער שיר־השירים פון פּעדאָ־צערס נעשאָמע. איך וואָלט זייער געוואָלט, אז מיט אָט דער עלעגיע זאָלן זיך באַקאַנען מײַנע נאָענטע פרײַנט, דער פּראָפעסאָר פון וואַרשעווער מוזיק־שול באָלעסלאַווסקי און שאַבעלסקי, דער דיריזשאָר פונעם אָפּערע־אָרקעסטער. איך וועל טאָן אַלץ, אז זיי זאָלן אײַך אויסהערן און מיט־העלפן מיט אַלץ, וואָס מעגלעך איז...

עזרע האָט בא פּאולינען אין צימערל נאָך ניט באוויזן קומען צו־זיך נאָך דער איבערגעווייניקלעכער באגעגעניש, ווי עס איז אריינגעלאָפן שאַלעמקע און מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם אויסגעשריִען:

— צוויי בריוו! איינער פון ליפּאָוועץ, דער צווייטער פון בערדיטשעוו!

קאַמסקי, וואָס איז אריין געבן די „שטונדע״, איז געבליבן שטיין אין מיטן צימער און ניט אראָפּגעלאָזט זיינע אויגן פון די צוויי בריוו, וואָס פלאַטערן אין עזרעס הענט.

קיין זאַך דערמאָנט ניט אזוי קאַמסקין זיין עלנטקייט און איבעריקייט אף דער וועלט, ווי בריוו. אים דוכט זיך, אז יעדער בריוו רייצט זיך מיט אים: „דו האָסט ניט קיין אדרעס, און דערפאַר האָבן אלע אדרעסן דיך פאַרגעסן״...

קאַמסקי שלעפּט ארויס פון קעשענע דאָס צעקנייטשטע היטל און פאָכעט מיט דעם אינדערלופטן:

— אפדערנאַכט וועל איך זיך אריינכאַפּן הערן, וואָס בערדיטשעוו און ליפּאָוועץ זאָגן עפּעס. איך גלייב, אז אין אָט די צוויי בריוו וועט זיין אי פאַר דיר, אי פאַר מיר, אי פאַר שפּראַך, אי פאַר געשיכטע, אי פאַר ווארהייט, אי פאַר דיכטונג... אפדערנאַכט באגעגענען מיר זיך, און דער־ווייל צום ווידערזען! אדיע!

שאַלעמקען איז א כידעש אף פאַני קאַמסקין. ער וואָלט בעשום־אויפן ניט געקאָנט וואַרטן ביז אפדערנאַכט, אים ווילט זיך שוין וויסן, וואָס מע שרייבט זיין לערער, און ער שפּירט נאָך נאָכן ציטער פון עזרעס פינגער באם אופרייסן די קאָנווערטן, נאָכן געלויף פון די אויגן, נאָכן שמייכל אף די ליפּן, נאָך די פאַרבן, וואָס ענדערן זיך אפן פּאָנעם, אָט רויט און אָט בלאַס.

עזרע לייענט ביידע בריוו מיטאמאָל. אָט הייבט ער אָן פונעם לאַנגן טיטל, מיט וועלכן פעדאָצער באטיטלט אים, און גייט גלייך איבער צו מיריעמס בריוו, וואָס הייבט זיך אָן מיטן איינציקן וואָרט „עזרע״, מיט וועלכן זי הייבט אָן אלע אירע בריוו צו אים. דעם נאָמען זיינעם לאָזט זי פון מויל ניט ארויס. ווו א שורע, איז עזרע, ווו צוויי ווערטער, איז זיין נאָמען דאָס דריטע. אף דעם איין־און־איינציקן וואָרט „עזרע״ האָט זי אָנגעלאָדן אלע אירע געפילן, ארופגעוואַלגערט די לאַסט פון איר ליבע צו אים. עזרע לויפט דורך א שורע פון פעדאָצערס בריוו און באגעגנט זיך גלייך מיט מיריעמס א שורע, און ווידער „עזרע״ און „עזרע״!..

מיריעמס שורעס האָבן טיינעס צו עזרען: וואָס שפּרינגסטו פון בריוו צו בריוו ווי א פויגל, וואָס ווייסט ניט, וועלכע צווייַג זיך אויסקלייבן אף צו בויען זיין נעסט, אף צו זינגען זיינע געזאַנגען. ווי שעמסטו זיך ניט? מיין בריוו ועסטו אין אלע צייטן באוויזן איבערצולייענען. וואָס הייסט, דו לייגסט אָפּ פעדאָצערס בריוו אף שפּעטער, און ווו איז קיבעד־אָוו? ער רופט דאָך דיך זון! און ווו איז קיבעד־רעבע? ער רופט דאָך דיך טאַלמיד. און ווו איז ביכלאל קאָוועד און אָפּשיי פאַר אזא גרויסן קלעזמער?!

עזרע פֿאָלגט מיריעמען, ער לייגט אַרײַן איר בריוו אין קאָנווערט און קאָן זיך שוין ניט אָפּרײַסן פֿון פּעדאָצערס ענטפֿער וועגן וואָרט און ניגון.

די ווײַטערדיקע שורעס וועגן ליבע און ניגון גיבן אַ ברי עזרעס האַנט, ווי ער זאָל זיך אָנרירן אָן אַ גליִענדיקן אײַזן. אין סאַמע ברען פֿון דער ליבע, וואָס אין איר זכות איז געקומען די נעגינע אויף דער וועלט, נעמט ער ווידער אַרויס מיריעמס בריוו פֿון קאָנווערט.

עזרע הערט, ווי פּעדאָצער רעדט צו אים צווישן זײַנע שורעס:

זי איז בילכער, לייען פֿריִער איר בריוו. פֿאַרשעם ניט מיריעמען, דערלאָז ניט קיין צאַר צו איר האַרצן. גיב אָפּ קאָוועד מיריעמען, און מיט דעם וועסטו אויך מיר אָנטאָן דעם גרעסטן קאָוועד.

און ווידער אַ וועלט מיט עזרעס — עזרע און עזרע!..

„...פֿריִער, ווען דו האָסט נאָך געלעבט אין ליפּאָוועץ, האָב איך קיין זאַך אין דער וועלט אַזוי ניט ליב געהאַט, ווי אַ כאַסענע. מיר האָט זיך שטענדיק געדוכט, אַז דאָס שפּילסטו ניט פֿאַר כאַסן־קאַלע, נאָר פֿאַר מיר. אַלץ, וואָס דו האָסט מיט קיין ווערטער ניט געזאָגט, גיסטו איבער מיטן פֿידל. און איצט, אַז עס קומט אַ כאַסענע, וואָלט איך אַנטלאָפֿן ווו די וועלט האָט אַן עק... איז אַ כאַסענע אין שטעטל, איז אַלע אין איין קאָל: „האָסט ניט וואָס צו וואַרטן אויף אים. ער איז פֿאַר דיר אַ נעכטיקער טאָג... פֿאַרגעס ניט, ווער דו ביסט, און ווער ער איז. ער איז געוואָרן אַ וואַרשעווער, און דו ביסט אין ליפּאָוועץ געבוירן און אַ ליפּאָוועצער וועסטו פֿאַרבלײַבן, וואַרשע מיט ליפּאָוועץ איז קיין פּאָר ניט! ביזוואַנען איז דער שיר?״

די ווײַטערדיקע שורעס פֿון דעם בריוו גלײַכן זיך אויס, די אויסיעס זעען אויס פֿעסטער און זיכערער בא זיך, און דאָס באַרויִקט עזרען.

„...שפּאַצירן גיי איך אַרויס אָדער די ערשטע, אָדער די לעצטע — איך וויל ניט, מ׳זאָל אונדז שטערן. די לעוואָנע, וואָס איז אַי אַ ליפּאָוועצער אַי אַ וואַרשעווער, טראָגט מיר שטענדיק אַנטקעגן אַ ליכטיקן גרוס פֿון דיר. איך הייב אויף די אויגן צום הימל און זוך צווישן אַלע שטערן דײַן שטערן. און אַז איך געפֿין אויס דעם סאַמע ליכטיקסטן, רוף איך אים אָן מיט דײַן נאָמען און בעט אים, ער זאָל דיר שײַנען און שײַנען... דו פֿרעגסט זיך נאָך וועגן דעם לינעצער כאַוווער דײַנעם, וועגן עלישען, מיט וועלכן דו האָסט זיך געלערנט בא פּעדאָצערן. איז קום איך דיר צו מעלדן, אַז עס האָבן זיך צעטראָגן וועגן אים גאָר ניט קיין פֿריילעכע קלאַנגען. אַנומלטן, ווען איך האָב אויפֿגעהויבן די אויגן אין דער הייך, האָט אַ ליכטיקער שטערן זיך אָפּגעריסן פֿון הימל, און פֿאַלנדיק אויף דער ערד, האָט ער זײַן לעצטן בליץ געגעבן און זיך אויסגעלאָשן. דער שטערן איז אַזוי גיך געפֿאַלן, אַז ער האָט אַפֿילע ניט באַוויזן צו צאַנקען, און שטעל זיך פֿאָר, פּונקט אין דער רעגע איז מיר עלישע אַרופֿגעקומען אויפֿן זינען. אוי, סאַראַ שלעכטער סימען דאָס איז! האַלעוואַי וואָלט זיך עס אויסגעלאָזט צום גוטן. יעדער מענטש אויף דער ערד האָט דאָך אַ שטערן אין הימל. און פֿאַלט דער שטערן, פֿאַלט דער מענטש, און לעשט זיך אויס דער שטערן, ווערט פֿינצטער דעם מענטשן, און דער מענטש ווערט אויס מענטש...״

גרויסן און גרויסן... עס גריסט אים זײַן טאַטע און איר טאַטע, זײַן מאַמע און איר מאַמע, לײַבל און אַלע אירע ברידער, זײַנע שוועסטער און אירע שוועסטער, זײַנע קרובֿים און אירע קרובֿים, און קינדער, אַלעמענס קינדער, לאָזן גריסן גאָר פֿרײַנטלעך. עס גריסן די שכנים. עס גריסט די גאַנצע גאַס, ס׳גריסט גאַנץ ליפּאָוועץ, און אַלע ווי איינער ווינטשעווען אים, ער זאָל שטאַרק „אויספֿייען״ אין לעבן.

מיריעם האָט פֿאַרגעסן, אַז דאָ באַדאַרף מען ענדיקן דעם בריוו, און האָט ווידער אָנגעהויבן פֿון אָנהייב און ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל „עזרע״, „עזרע״, „עזרע״!

„...איך האָב פֿאַר מײַן אייגן געלט, וואָס איך פֿאַרדין פֿונעם אויס־נייען, אַ ווײַס קלייד זיך אויפֿגענייט. עס פּאַסט מיר, דאָס זאָגן אַלע. איך בין אומישנע געגאַנגען צום אַפּטייקער אַ קוק געבן אַף זיך אין זײַן גרויסן שפּיגל. יאָ, אינדערעמעסן, עס פּאַסט מיר... אָט דאָס ווײַסע קלייד וועל איך אָנטאָן דעם טאָג, ווען דו וועסט אויסהאַלטן די עקזאַמענעס. אין דעם טאָג, ווען איך וועל דיך גיין באַגעגענען. און דערווײַל ביז עפּעס וואָס איז מיר אומעטיק אָן דיר. פּעדאָצערס שורעס, וואָס דו האָסט פֿאַר מיר געבראַכט אין איינעם פֿון דײַנע בריוו, האָבן זיך שטאַרק מיר אײַנגעקריצט אין זיקאָרן: „ניט גוט איז דעם מענטשן אַליין צו זײַן, ער איז ווי אַ פֿאַרגעסענער זאַנג אַף אַן אָפּגעשניטן פֿעלד, ער איז ווי איין נאָטן־צייכן אַף אַ גרויסן ניט־פֿאַרשריבענעם בויגן. און וואָס איז איין נאָטן־צייכן? אַ שטומער קלאַנג, גאָרניט מיט נישט...״

עזרע לייענט פּעדאָצערס בריוו. זײַן בריוו הייבט זיך אָן:

„מײַן זון, מײַן יורש! אייביק זאָל דײַן ליכט שײַנען! מײַן תּלמיד, מײַן נאָכגייער, איבערשטײַגן זאָלסטו מיך, דײַן פֿאָרגייער!

אונדזערע חכמים זאָגן: אַף אַלעמען פֿאַרדריסט, ווען מ׳יאָגט דיך אַריבער, אויסער ווי אַפֿן זון און ווי אַפֿן תּלמיד. ווײַל ווי ווײַט דער זון זאָל ניט איבערשטײַגן דעם פֿאָטער און דער תּלמיד זײַן רבין, איז דער וואָרצל פֿון די ברייט־צעוואַקסענע צווײַגן דאָך דער טאַטע, דאָך דער רבי!

קרוין פֿון מײַן קאָפּ, קיינמאָל זאָלסטו ניט אַראָפּפֿאַלן. זאָל דײַן נאָמען זיך טראָגן ווײַט, ווי דער רייעך פֿון די געווירצן, וואָס ווערן אויסגעליידיקט פֿון איין קײלע אין דער צווייטער. זאָל אומעטום דײַן נאָמען זײַן צו לויב, צו שיינקייט און צו בראָכע. לעב עוויק גליקלעך — אָמיין!

אין די ווײַטערדיקע שורעס פֿון מײַן בריוו טו איך טאָן זאָגן: אַזוי ווויל איז צו מיר, וואָס איך גיי אוועק פֿון דער וועלט און לאָז איבער אַ יורש, ווײַל שטאַרבן און ניט איבערלאָזן קיין יורש הייסט ניט געלעבט. די וועלט וואָלט קיין קיום ניט געהאַט, ווען די אוועקגייענדי־קע וואָלטן ניט איבערגעלאָזט קיין יערושע און ווען די פֿאַרבליבענע וואָלטן ניט געיאַרשנט. „מעסוירע״! דו געדענקסט, וויפֿל מאָל איך האָב גערעדט וועגן דעם? „מעסוירע״ הייסט — דאָס גיין און איבערגיין פֿון האַנט צו האַנט, דאָס איבערגעבן פֿון מויל צו מויל און פֿון האַרץ צו האַרץ, דאָס אוועקגיין און גיין, גיין!״.

און עזרע קאָן מער ניט אײַנשטיין אַף איין אָרט, און מיט פעדאָצערס בריוו אין האנט הייבט ער אָן שפּאנען הין און צוריק איבערן צימער.

עזרעס טריט האָבן אופגעהויבן שאָלעמקען פון זײַן אָרט. וווהין נאָר דער לערער זײַנער קערעוועט זיך אויס, אהינצו קערעוועט ער זיך אויך אויס. ער פארלויפט ניט פאָרויס, נאָר שטייט אויך ניט אָפּ, גלײַך ווי צו אים, שאָלעמקען, זאָל דערגייין פעדאָצערס געדאנק וועגן מעסוירע, וועגן נאָכגיין און ניט אָפּשטיין.

עזרע קוקט זיך אום און זעט, ווי שאָלעמקע גייט אים נאָך — ער, דער לעצטער, איז געוואָרן דער ערשטער, ער, וואָס האָט אליין ערשט אָנגעהויבן יארשענען, האָט שוין א יוירעש, וואָס ווארט אַף זײַן יערושע. מעסוירע, — רופט עס אָן פעדאָצער אין זײַן בריוו, — מעסוירע — אלץ, וואָס דו האָסט גענומען, גיב אָפּ אַף צוריק א צווייטן, קעדיי דער צווייטער זאָל האָבן וואָס צו געבן א דריטן, און אזוי אָן א סאָף און אָן א ברעג...

עזרע זעצט פאָר שפּאנען הין און צוריק איבערן צימער. אינעם גיין אליין, זאָגט פעדאָצער, איז שוין דאָ דאָס קומען, ווי אין זוכן איז פאראן די פרייד פון געפינען... וואָס מערער דער גייער גייט, אלץ מער קפּיצאס־האדערען, אלץ גיכער שפּרינגט אים דער וועג אנטקעגן... דו האָסט געמוזט פארלאָזן בערדיטשעוו, ביסטו אוועק קיין סעוואסטאָפּאָל, האָסטו לאנג אין סעוואסטאָפּאָל ניט געקאָנט זײַן, ביסטו אויסגעוואקסן אין בעלץ, האָט בעלץ ניט פאנאנדערגענומען אירע אָרעמס פאר דיר, ביסטו געקומען פּרוּוון דײַן מאזל אין ווארשע. און אויב כאָס־כאָלילע דאָס מאזל וועט דיר אין ווארשע ניט שײַנען, גלייב איך, אז דו וועסט ניט זאָגן — גענוג! מער גיי איך ניט, מער זוך איך ניט. ווײַל ווער עס זאָגט אזוי, דער האָט שוין אלץ אָפּגעזאָגט!.. פון אזא איז שוין גאָרניט צו דערווארטן.

איך ווייס, וואקסן איז שווער, ווי שווער ס'זײַנען די כעוולײַ לײַדאָ — די ווייען פון געבורט. איך ווייס, דער צאר פון וואקסן איז אָפּט שווארץ, ווי דער וואָלקן, וואָס פארהילט די זון, דעם בלויען הימל. און פונקט ווי דער וואָלקן באפרוכפּערט די ערד מיטן רעגן, אזוי באפרוכפּערט דער צאר די מענטשלעכע נעשאָמע.

שווער איז דער וועג צו בעגינע! נעגינע איז ווי יענץ פארפירעריש פײַערל, וואָס האלט זיך אין איין רייצן מיט דיר — באווײַזט זיך און ווערט ניט, גיט א בליץ און לעשט זיך אויס. אָט איז ער ווײַט־ווײַט, און מיטאמאָל, דוכט זיך, ווערט ער אזוי נאָענט, אז אָט באלד, די מינוט וועט ער דיך באשײַנען און דערווארעמען.

איז לאָז זשע, עזרע, זיך ניט פארפירן און האָב אין זינען, אז די אויס־געדוכטע נאָענטקײַט איז ווײַטער פון דער גרעסטער ווײַט.

פעדאָצער פאָדערט און פאָדערט:

„...באנוגן זיך קיינמאָל ניט מיט דעם, וואָס דו ווייסט... וואָס מערער דו ווייסט, וואָס מערער דו האָסט געזען, געפילט און איבערגעלעבט, אלץ גרינגער איז פארן פידל דאָס הארץ זיך אויסריידן...

קוק ניט אַף דער וועלט דורך א שפּאלט, האָב קיין מוירע ניט פאר קיין צוגווינטן. צעעפן ברייטער אלע פענצטער! וואָס מער אָפענע פענצ־

טער, אלץ מער זון, מער שײַן, מער װאַרעמקײַט. און װילסטו האָבן א פרײלעכן װעג און דער װעג זאָל זיך ניט אויסציִען, איז זאָל יאָמטעװו שטענדיק זײַן אין דײַן הארצן. גײ ניט צו צום פידל, װען דו ביסט װאָכע־דיק. װיפל מאָל דו זאָלסט ניט שפּילן די אָדער יענע זאַך, זאָל עס בא דיר אויסזען, װי דו שפּילסט עס צום ערשטן מאָל״.

אן אָנזאָג נאָך אן אָנזאָג... אַף קאַמסקיס לאָשן הײסט עס „קרעדאָ״, און אַף פּעדאָצערס — „אני־מאַמין״. נאָר ניט אינעם נאָמען גײט עס. עס גײט אין דעם, צי װעט ער, עזרע, קאָנען אויספּילן אָט דאָס אלץ...

אזויפיל אני־מאַמינס, אזעלכע שװערע אני־מאַמינס!..

פּעדאָצער שרײַבט זײַנע בריװ אַף דעם זעלבן אויפן, װי ער שרײַבט זײַנע קאָמפּאָזיציעס. ער האָט א סאַך װאָס צו זאָגן, און דעריבער זײַנען אזוי צעצװײַגט און אזוי פאַרשײדנאַרטיק זײַנע מאָטיװן.

אָנװײַזנדיק עזרען דעם װעג, קאָן פּעדאָצער ניט פאַרבײַגײן די, װאָס זײַנען ניט דערגאַנגען.

פּעדאָצער רעדט װעגן עלישען, װעגן עזרעס כאַװער, רעדט װעגן אים, װי װעגן זײַנעם א שענסטן און בעסטן פאַרלוירענעם אני־מאַמין.

„...װוּ איז עלישע, פרעגסטו מיך? דאָס זעלבע פרעג איך אויך. עלישע! עלישע! װען איך דערמאָן זײַן נאָמען, װײנט אין מיר מײַן הארץ. װײ איז דעם רעבן, װאָס זײַן טאַלמיד איז פאַרטריבן געװאָרן פון זײַן טיש, און װײ איז דעם טאַלמיד, װאָס האָט ניט קײן טיש, װאָס האָט ניט קײן רעבן!

מע זאָגט, אז א פּערל איז אומעטום א פּערל, נאָר װײ איז צום פּערל, װאָס װאַלגערט זיך אין מיסט, װײ איז צום פּערל, װאָס באַצירט ניט און דערפרײט קײנעם ניט!״

פון עזרען שרײַט מיטאמאָל ארויס:

— װוּ איז עלישע? װאָס האָט פּאַסירט מיט עלישען?

אויב עלישע איז ניט אָנגענומען געװאָרן אין װאַרשעװער מוזיק־שול, װעט ער, עזרע, אװאדע און אװאדע ניט אָנגענומען װערן, װײַל װי קומט ער צו עלישען? אזעלכע פידלער, װי עלישע, זײַנען קײן סאַך ניטאָ. אויב עלישע איז אראָפּ פון װעג, איז אַף װעלכן װעג קאָן ער ארויף? פּאַלט ער דורך אין װאַרשע, איז אויך געענדיקט מיט ליפּאָװעץ — ער בלײַבט אָן א היים, אָן נאָענטע און אָן פרײַנט, ער אנטלויפט פון אלעמען, אנטלויפט פון זיך אלײן. קײנער װײסט ניט, װוּהין ער איז אהינגעקומען, און פּע־דאָצער האַלט זיך אין אײן נאָכפרעגן: װוּ איז עזרע? װאָס האָט פּאַסירט מיט עזרען?

עזרעס אומרויִקע אויגן לויפן ארום איבער פּעדאָצערס בריװ, זײ זאַמלען צונויף אלע טרײסטנדיקע און רופנדיקע שורעס, און עס װערט אים לײַכטער.

— דו פאַרשטײסט, שאָלעמקע, — קאָן עזרע מער ניט אײַנהאַלטן זײַנע געפילן אין זיך, — קײנמאָל טאָר מען זיך ניט אָפּשטעלן אַפן מיטן װעג.

שאָלעמקע איז נײַגעריק צו װיסן, װאָס איז פּאָרט געשען מיט עלישען, און ער פרעגט:

— ווּ זשע איז ער געווען?

עזרע פּרוווט פּאַרפירן אַן אנדער געשפּרעך. נאָר שאָלעמקע לאָזט זיך ניט אַראָפּפירן פון וועג.

— אוי, שאָלעמקע, ס׳איז זייער א לאַנגע מעשׂה.

— אַן אינטערעסאַנטע מעשׂה ווערט קיינמאָל ניט דערעסן. דערציילט, דערציילט! — איז שאָלעמקע פון אים ניט אָפּגעטראָטן.

— „אַמאָל איז געווען א מעשׂה", — הייבט אָן עזרע. און שאָלעמקע קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען. וויאַזוי ער זאָל זיך ניט זעצן, וויאַזוי ער זאָל ניט אויסדרייען דעם קאָפּ צו עזרען, דוכט זיך אים אַלץ, אַז ער זיצט ניט גענוג נאָענט, אַז ער וועט עפּעס־וואָס דורכלאָזן און ניט דערהערן.

— ניין, — רײַסט עזרע גלײַך איבער דעם ניגון און הייבט ווידער אָן פון אָנהייב, — ניט אַמאָל איז עס געווען, נאָר איצט, אין אונדזערע טעג... „די מעשׂה איז גאָרניט פריילעך"... האָבן זיך די ווערטער ווידער פאַר־בענקט נאָכן ניגון, — די מעשׂה הייבט זיך אָן ניט וועגן א ייִדישן מיילעך.

— וועגן א וואָסער זשע מיילעך?

— וועגן א מיילעך, וואָס האָט ניט פאַרמאָגט קיין מעדינע און זײַן קיניגרײַך איז געווען דאָס סאַמע גרעסטע — א וועלט א גאַנצע — די וועלט פון נעגינע. וועגן א מיילעך, וואָס האָט ניט געהאַט קיין אויצרעס פון גאָלד און זילבער, נאָר זײַן אויצער איז געווען דער רײַכ־סטער פון אַלע אויצרעס—דער פידל. וועגן א מיילעך, וואָס האָט קיין כאַיל ניט געהאַט, קיין בלוט ניט פאַרגאָסן און קיינמאָל קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן, — ער האָט בלויז מיט זײַנע קלאַנגען הערצער געפאַנגען. דאָס איז די מעשׂה וועגן עלישען, וועגן עלישע דעם פידלער...

— פונוואַנען איז ער?

— פון ליִנעץ.

— ווּ איז ערגעץ ליִנעץ? לעבן סאַמבאַטיען, אונטער די האָריי־כוישעך צי ערגעץ לעבן די מידבאָריעס?

— ניט לעבן סאַמבאַטיען, ניט לעבן די האָריי־כוישעך, ניט לעבן די מידבאָריעס, נאָר לעבן ליפּאָוועץ.

— פון דעם זעלבן ליפּאָוועץ, פונוואַנען איר זײַט געקומען? פון דעם זעלבן ליפּאָוועץ, פונוואַנען דער זיידע, דער טאַטע מיט דער מאַמען זײַנען געקומען?

— יאָ, יאָ.

— אויב אַזוי, איז דאָך דאָס אַפּדערעמעסן און ס׳איז ניט קיין מעשׂה.

— ניין, ס׳איז א מעשׂה. אַן עמעסע מעשׂה... ניטאָ קיין שענערע מעשׂיות, ווי די מעשׂיות וועגן פידלער. א פידלער איז מער אי פון א מיילעך, אי פון א מאַלקע, אי פון א בען־מעלעך און באַסמאַלקע.

עזרע מאָלט אָפּ עלישען אין דער לענג און אין דער ברייט און שטעלט אים אוועק פאַר שאָלעמקען ווי ער שטייט און גייט:

— עלישע האָט געהאַט שפּילעוודיקע פינגער, א זינגעוודיק מויל און לאַכנדיקע אויגן. ווען ער איז נאָך גאָר א קליינער געווען, האָט אים דער טאַטע זײַנער, כאַצקעלע דער שניצער, אויסגעשניצט א פידל. מיט דעם

פידל איז עלישע געשלאָפן, מיט דעם פידל איז ער אופגעשטאַנען. איינער אַן אַלטער פאַן האָט אויסגעלערנט עלישען לייענען נאָטן. דער אַלטער פאַן, וועמען קיין זאַך אין דער וועלט האָט שוין ניט באַוווּנדערט, האָט מיטאַמאָל גענומען זיך וווּנדערן: „אַזאַ, ווי דער עלישע, האָט נאָך די וועלט ניט געזען. ניט אַנדערש, אַז דער טײַוול אַליין שפּילט אין אים“. אין די פאַרנאַכטן פלעגט עלישע מיט זײַנע פידל־קלאַנגען פאַרטרײַבן די פייגל אין זייערע נעסטן, באַגעגענען די לעוואָנע, אײַנשלעפערן די וועלדער און פעלדער, די ביימער און גראָזן, די טײַכן און סאַזשלקעס, די גאַסן און געסלעך. און פאַרטאָג פלעגן עלישעס פידל־קלאַנגען באַגעגענען די ערשטע שטראַלן פון דער אופגייענדיקער זון... וואָס גרינגער עלישען פלעגט זיך אײַנגעבן אַ מעלאָדיע, אַלץ מער פלעגט ער האָרעווען איבער איר... און דו, שאָלעמקע, טוסט פּונקט פאַרקערט! דו, שאָלעמקע, האָסט פײַנט האָרעווען, אָפּגיין מיטן זיבעטן שווייס... עלישען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער דריטער פינגער איז בײַ אים שוואַכער ווי אַלע איבעריקע, האָט ער אים צורו ניט געלאָזט. און בײַ דיר, שאָלעמקע, שטייט אָפּ דער דריטער פינגער, און דו טוסט גאָרניט, ער זאָל קאָנען דעריאָגן די איבעריקע.

שאָלעמקע איז רויט געוואָרן. אַ פאַרשעמטער באַטראַכט ער דעם דריטן פינגער זײַנעם פון אַלע זײַטן און שטיל אין זיך זאָגט ער אים צו, אַז ער וועט אים מער ניט לאָזן אָפּשטיין, אַז ער וועט טאָן אַלץ אין דער וועלט, אַז ער זאָל ווערן אַ פינגער מיט אַלע פינגער גלײַך.

עזרע הייבט זיך אוף פון דער קושעטקע, בלײַבט שטיין אינמיטן צימער און ווײַזט שאָלעמקען, וויאַזוי עלישע פלעגט האַלטן דעם קאָפּ, וויאַזוי ער פלעגט נעמען דעם פידל אין דער האַנט און וויאַזוי ער פלעגט באַרירן מיט די פינגער די סטרונעס. אָט אַזוי באַדאַרף מען האַלטן דעם פידל, אָט אַזוי באַדאַרף מען שפּילן! אָט אַזוי!

— צוזאַמען מיט עלישען האָבן מיר זיך געלערנט אין בערדיטשעוו, — זעצט זיך עזרע ווידער אַוועק אַף דער קושעטקע, — צוזאַמען האָבן מיר זיך געלערנט בײַ פּעדאָצערן. עלישע איז געוואָרן מײַן בעסטער כאַווער. אָבער לאַנג זײַן צוזאַמען האָבן מיר ניט געקאָנט, מיר האָבן זיך געמוזט צעשיידן. עלישע איז אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע, ער האָט געטרוימט אָנקומען אין דער מוזיק־שול, נאָר מ׳האָט אים ניט אָנגענומען, ווײַל ער, עלישע, איז אַן אָרעם ייִדיש באָכערל... וואַנדערט ער אַזוי פון שטאָט צו שטאָט מיט זײַן פידל...

שאָלעמקעס לעכצנדיקע אויגן וואַרטן און בעטן זיך: „נו, און ווײַטער, וואָס האָט ווײַטער מיט עלישען געטראָפן?“ און עזרע ווייסט ניט, וואָס ס׳האָט מיט עלישען ווײַטער געטראָפן, ווּהין ער גייט און ווּהין ער וועט קומען.

— ער וואַנדערט אַזוי פון שטאָט צו שטאָט מיטן פידל אין דער האַנט. ער גייט און זוכט אַלץ דעם פרישן שלאָגנדיקן קוואַל אַף צו שטילן זײַן דאָרשט. און ווּהין ער קומט, זײַנען די קוואַלן פאַרמאַכט; און אין וועלכער טיר ער זאָל ניט אָנקלאַפּן, עפנט זי זיך פאַר אים ניט; ווּהין ער זאָל ניט קומען, זאָגט מען אים: „גיי זיך ווײַטער!“ ער גייט און קומט צו אַ

שיידוועג... די זון פארגייט... עס ווערט טונקעלער און טונקעלער, און עלישע ווייסט ניט, וווהין זיך קערן און ווענדן: רעכטס צי לינקס, אהין, ווו די זון גייט אוף, אָדער אהין, ווו זי פארגייט, אף דאָרעם צי אף צאָפן. און מיטאמאָל הייבט זיך אוף א שטורעם, דער ווינט רײַסט ארויס פון עלישעס הענט דעם פידל און פארוואַרפט אים הויך צו די כמארעס — עלישע בלײַבט אליין מיטן סמיק אין האנט... און וואָס קאָן טאָן דער סמיק אָן דעם פידל? ער קאָן בלויז וועקן די ווונדן... א רעגן — א מאבל... ס'דונערט, נאָר עלישעס געשריי שרײַט אים איבער: „פידל, מײַן פידל! וואָס זאָל איך טאָן אָן דיר? וואָס בין איך אָן דיר?" און דער פידל שיקט זײַן ענטפער דורכן בליץ, געשריבן מיט פײַערדיקע אויסיעס: „עלישע! טײַערער עלישע! אָן דיר בין איך מער קיין פידל ניט. איך בין א שפענדל, וואָס ווערט געטריבן פונעם דונער אף די כוואליעס פון פײַער און וואסער... אוי, עלישע, פארוואָס האָט מען אונדז אזוי באליידיקט! פארוואָס האָט מען אונדז צעשיידט?"

שאָלעמקען הייבט אָן קלאפן א צאָן אָן א צאָן, ער קאָרטשעט זיך צונויף, ווי דער שטורעם מיטן שלאַקסרעגן, די דונערס מיט די בליצן וואָלטן אים אליין ערגעץ ווײַט פארטריבן. און א פארטריבענער וויל שאָלעמקע איצט בלויז איינס — א גוטן סאָף.

— וויפל צײַט ס'איז דורכגעגאנגען, איז שווער צו זאָגן, נאָר ווען עלישע איז געקומען צו־זיך, האָט ער זיך דערזען ערגעץ אין א ווײַטער מעדינע, אין א פרעמדער שטאָט. אין דער מיט צווישן דער שטאָט, וווהין ער איז געקומען, און דער צווייטער, שכיינעסדיקער שטאָט איז געשטאנען א הויכער בארג, און אפן הויכן בארג איז געהאנגען דער פידל. אלע נאכט פלעגט דער ווינט אופוועקן די ווונדן פונעם פידל און דער פידל פלעגט שרײַען: „עלישע, ווו ביסטו? אָן דיר איז מײַן לעבן קיין לעבן ניט..."

פײַל־פון־בויגן יאָגט זיך עלישע נאָכן געשריי פונעם פידל מיטן סמיק אין דער האנט. ער וויל צוקומען צום פידל, און דער בארג לאָזט ניט... עלישע פירט מיטן סמיק הין און צוריק אינדערלופטן, און די לופט ווערט פול מיט א פײַנפול געשריי: „איך גיי אויס נאָך דיר, פידל מײַנער!"

און אָט אזוי כאזערט זיך עס איבער נאכט נאָך נאכט. די אײַנוווינער פון די צוויי שטעט, וואָס געפינען זיך צווישן דעם הויכן בארג, קאָנען ניט איבערטראָגן די גוואלדן און געשרייען פון דעם פידלער און מאכן ניט צו מיט קיין אויג. זיי שלאָפן ניט, ווײַל דער ראכמאָנעס איז בא זיי אָפגעטאָן געוואָרן פון הארצן — קיין איינער פון די אײַנוווינער, וואָס געפינען זיך אין די צוויי שטעט, האָט גאָרניט געטאָן אף אומקערן דעם פידל צום פידלער...

דער שלעכטער סאָף דערשיטערט שאָלעמקען, און ער צעוויינט זיך הויך, אף א קאָל. און פאר עזרען זײַנען שאָלעמקעס טרערן ווי די טרערן פון צושויער פארן אקטיאָר דעם טראגיקער — די העכסטע באלוינונג. דער טרויעריקער סאָף פון דער מײַסע קערט אום עזרען צום ווײַטן ליכ־טיקן אָנהייב — ער דערמאָנט זיך יענעם שאבייסענאכטס, ווען ער, דער קליינינקער עזרע, האָט אויסגעהאלטן דעם עקזאמען בא שויעל דעם

לאנגן — ער האָט געטראָפן דעם טאָן „פא״ אף דער סטרונע „סי״ און דעם טאָן „מי״ אף דער סטרונע „רע״. שויעל דער לאנגער האָט אים געכאפּט אף די הענט, ארײַנגעלאָפן מיט אים אין שטוב און אָנגעהויבן שרײַען:

— א גוטע וואָך! א מאזלדיקע וואָך! מאזלטאָוו מיט א נײַעם קלעזמער!

עזרע איז איבערגעגאנגען פון האנט צו האנט, יעדערער האָט אים געקניפּט און געקושט, און אלע האָבן אין איין קאָל געשרי׳ען:

— א גוטע וואָך! א מאזלדיקע וואָך!

עזרען דוכט זיך, אז יענע גוטע וואָך האָט זיך אומגעקערט און אלע, וואָס זײַנען דאן געזעסן בא זײַן טאטן אין שטוב, זיצן אויך איצט און וואַרטן אף א נײַעם אופגייענדיקן שטערן... און אָט לויפט ארײַן שויעל דער לאנגער און זאָגט אָן די גוטע בסורע:

— א גוטע וואָך! א מאזלדיקע וואָך! אונדז קומט מאזלטאָוו, אָט ערשט, די מינוט, איז עזרע ניסגאלע געוואָרן — זיך אנטפּלעקט! מאזלטאָוו מיט א נײַעם רעבן פון נעגינע, פון פידל־שפּילן!

— מאזלטאָוו!

— מאזלטאָוו!

דאני׳עלס טויט

אינמיטן דער נאכט האָט זיך שאָלעמקע אופגעכאפּט א דערשראָקענער פון דער מאמעס גוואלדן:

— טאטע, לאָז זיך ניט אָפּ, שטארק זיך! טאטע, לאָז אונדז ניט איבער!

שאָלעמקע איז אין איין העמד ארויסגעשפּרונגען פון בעט. ער האָט זיך ארומגעקוקט אין אלע זײַטן און דערזען די שכיינים פון קאָרידאָר, וואָס זײַנען זיך צונויפגעלאָפן אף דער מאמעס גוואלדן.

דאני׳על האָט געעפנט די אויגן, באקוקט אלעמען, ווי ער זאָל זען די מענטשן צום ערשטן מאָל:

— וואָס איז, הא? וואָס קומט דאָ פאָר? פארוואָס זײַנען אלע אזוי צעטומלט? ס׳איז דאָך שוין כוידעש ניסן. דער בעסטער כוידעש אף צו שטארבן: אז מ׳שטארבט ניסן־צײַט, גייט מען דאָך גלײַך אין גאניידן ארײַן...

— אוי, ער רעדט! — האָט טשיפּע־שיפרע א פּאטש געגעבן מיט ביידע הענט. — לייקע האָט אים ווידער אָפּגעשרי׳ען, האלעווײַ אף לאנג!

שאָלעמקע, וואָס האָט זיך אזוי שטארק איבערגעשראָקן פארן טויט און ניט מיט זײַן קאָל געשרי׳ען: „זיידע! זיידע!״, האָט זיך דערפרייט, וואָס מע קאָן אָפּשרײַען פון טויט. ווײַבאלד אזוי, וועט ער לעבן אייביק און קיינמאָל ניט שטארבן. די זיכערקײַט אין אומשטערבלעכקײַט האָט זיך אָבער גלײַך א וואקל געגעבן — ווײַבאלד מע קאָן אָפּשרײַען און מע קאָן לעבן אייביק, איז פארוואָס זשע שטארבט מען? פארוואָס האָט מען ניט אָפּגעשרי׳ען די באָבען? פארוואָס האָט מען ניט אָפּגעשרי׳ען דעם טאטנס טאטן? פארוואָס איז געשטאָרבן דער מומע עטלס דאָווידל?

ווען מ׳זאָל אלעמען אָפּשרײַען, איז שאָלעמקע זיכער, וואָלט קיין מאַלעכהאמאָוועס ניט געווען אף דער וועלט, מע וואָלט ניט באַדאַרפט קיין בעסוילעם מיט מאַצייוועס, זיך שרעקן באַנאַכט פאַר די טויטע, צינדן יאָרצײַט־ליכט, אז די טויטע זאָלן איין מאָל אין יאָר טרעפן דעם וועג צו זיך אַהיים.

ווען מ׳זאָל אויפהערן שטאַרבן, וואָלטן קיין יעסוימים ניט געווען, און אז ס׳וואָלטן ניט געווען קיין יעסוימים, וואָלט מען פאַרשפּאָרט זאָגן קאַ־דעש, און די יינגלעך, וואָס האָבן טאַטע־מאַמע, וואָלטן ניט באַדאַרפט אַרויסגיין פון שול, ווען מע זאָגט „יִזכּור״.

שאָלעמקע קאָן מער ניט אײַנהאַלטן זײַנע „פּאַרוואָסן״ אין זיך און לאָזט קיינעם ניט צורו, מע זאָל אים ענטפערן אף זײַנע פראַגן.

לייקע האָט זיך צעשריִען אף שאָלעמקען:

— שוין זאָלסטו מיר אַנשוויגן ווערן! קינדער טאָרן ניט ריידן וועגן טויט.

— אוואַדע אַזוי, — האָט טשיפּע־שיפרע פאַרביסן אירע ליפּן און געגנו־מען ווישן די טרערן פון אירע אויגן. זי האָט זיך דערמאָנט אָן איר צווייִ־לינג, אָן די צוויי יינגלעך, וואָס זײַנען אוועק פון דער וועלט אָן נעמען אפילע. זיי האָבן ניט דערלעבט ביז צום אַכטן טאָג.

מיט יעדן אוי, וואָס רײַסט זיך אַרויס בא טשיפּע־שיפרען פון האַרצן, און מיט יעדער אַראָפּגעפאַלענער טרער ציילט זי די אוועקגייענדיקע און פאַרבליבענע קינדער און מאַכט א סאַכאַקל, וויפל וואָלט זי איצט גע־האַט איניינעם, ווען דער מאַלעכהאמאָוועס וואָלט געווען אויסמײַדן איר שוועל. א מאַמע פון אַכט קינדער וואָלט זי געווען.

זיאַמע פאַרגלײַכט דאַנִיעלן צו יענעם מין זייגער, וואָס אָט גייט אים אויס דער אָטעם, אָט שטעלט ער זיך אָפּ. גיט מען אָבער נאָך א צעוויג דעם געוויכט זײַנעם, הייבט ער אָן ווידער גיין. אַמאָל גייט ער עטלעכע מינוט, אַמאָל א שאָ, אַמאָל א טאָג, און אַמאָל קאָן ער אַזוי אָפּגיין א וואָך, צוויי און אפילע א כוידעש. ער כריפּעט, זשיפּעט, אָט ווערט ער דער־שטיקט, נאָר ער גייט.

אָפּשרײַען הייסט צעוויגן דעם געוויכט...

— מע קאָן טאַקע אָפּשרײַען? וואָס הייסט אָפּשרײַען? — טרעט שאָ־לעמקע ניט אָפּ פונעם פעטער זיאַמע, ער זאָל אים געבן א קלאָרן ענט־פער.

— מ׳קאָן, מ׳קאָן, אוואַדע קאָן מען, — דערקלערט זיאַמע שאָלעמקען רוּיק, געלאַסן, ווי ער דערקלערט, אין וואָס באַשטייט דאָס „פּאָטשיִנקעלע״, אין וועלכן דער אָדער יענער זייגער נייטיקט זיך. — אָפּשרײַען הייסט דערשרעקן דעם מאַלעכהאמאָוועס. דער מאַלעכהאמאָוועס, ווי דו קוקסט אים אָן, שרעקט זיך בלויז עטלעכע מינוט אין מעסלעס, ווײַל וואָלט ער זיך געשראָקן די גאַנצע צײַט, איז וואָס פאַר א מאַלעכהאמאָוועס וואָלט ער געווען? קיינער וואָלט אים אפן שוועל ניט אַרופגעלאָזט, און קיינער וואָלט אים אף הונדערט מײַל נאָענט ניט צוגעלאָזט צו זיך. נאָר אז מע

טרעפט אָן אין דער גוטער מינוט, ווען ער אליין, פאר ווּעמען אלע האָבן מוירע, האָט אליין מוירע, איז וואָס העכער און שטארקער מע שרײַט, אלץ ווײַטער פארטרײַבט מען אים. דער מאלעכהאמאָוועס דערפילט זיך, ווי א גאנעוו, ווּעמען מ׳האָט געפּאקט בא דער האנט. ווער נעשאָמע, וואָס נעשאָמע! די נעשאָמע ליגט אין דער מינוט אין זינען דעם מאלעכהאמאָ־וועס, ווי די גנייווישע זאכן דעם גאנעוו, ווען ער איז ארומגערינגלט און פון אלע זײַטן שרײַט מען: א גאנעוו! א גאנעוו! כאפּט אים! קלאפּט אים! לאָזט אים ניט ארויס קיין לעבעדיקן!

פון גאס האָט זיך דערטראָגן א געוואָי פון הינט. לייקע האָט דרײַ מאָל אויסגעשפּיגן און איבערגעקערט א קאלאָש.

— מאמע, וואָס טוסטו עס? — האָט זיך שאָלעמקע צעשריגן. — דו זאָגסט דאָך, אז מ׳טאָר ניט איבערקערן ניט קיין שוך און ניט קיין קאלאָש, דו זאָגסט דאָך, אז דאָס איז אזוי געפערלעך, ווי הוידען מיט די פיס, סע קאָן נאָך איבער דעם שטארבן דער טאטע אָדער די מאמע, און מע קאָן נאָך איבער דעם א יאָסעם בלײַבן.

— ריכטיק! ריכטיק, מײַן קינד! דאָס איז אָבער ריכטיק דאן, ווען דער מאלעכהאמאָוועס איז אין שטאָט ניטאָ, ווען ער איז בא זיך דאָרט ערגעץ אין זײַן טויט־שטיבל, אָט דאן טאָר מען ניט איבערקערן ניט קיין שוך און ניט קיין קאלאָש, אָט דאן איז עס זייער געפערלעך. נאָר ווען ער ווײַזט זיך אין שטאָט, מוז מען גלײַך איבערקערן א שוך אָדער א קאלאָש. איבערגעקערטערהייט פארשטעלן זיי דעם וועג צום קראנקן. דער מאלעכ־האמאָוועס, וואָס שפּרינגט איבער די העכסטע בערג און די ווײַטסטע יאמען, פארטשעפּעט זיך אָן זיי מיט זײַנע דינע הינערשע פיסלעך און פאלט. און אז ער פאלט, געפינט ער זיך קיין אָרט ניט פאר ביזיוינעס און אנטלויפט אהין, ווו דער שווארצער פעפער וואקסט.

— מאמע! און וויאזוי ווייסט מען, אז דער מאלעכהאמאָוועס איז דאָ אין שטאָט?

— וואָס הייסט וויאזוי? ווען הינט וואָיען, איז א סימען, אז דער מאַ־לעכהאמאָוועס האָט זיך באוויזן אין שטאָט.

— וויאזוי דערקענען די הינט דעם מאלעכהאמאָוועס?

— וואָס הייסט וויאזוי? אף דערוף זײַנען זיי דאָך הינט.

דער געוואָי פון די הינט האָט זיך אלץ מער פארשטארקט...

— קינד מײַנס, — האָט לייקע פעסט צוגעטוליעט צו זיך שאָלעמקען, — דער מאלעכהאמאָוועס גייט זיך ארום פראנק־און־פרײַ איבער אונדזער גאס און קוילעט אָן ראכמאָנעס. גאָט בארעמהארציקער, דערבארעם זיך אף אונדז!

טשיפּע־שיפרע קאָן דאָ מער אף קיין מינוט ניט בלײַבן און לויפט געשווינד אוועק באשיצן אירע דרײַ יינגלעך, וואָס זײַנען גערוקט איינער פונעם צווייטן אף צוויי יאָר.

שאָלעמקע פרעגט ווידער באם פעטער זיאמע, וואָס ווייסט אלע גענג פונעם מאלעכהאמאָוועס, ווי ער ווייסט די גענג פון די שרײַפעלעך אינעם זייגער:

— אף וואָס דארף דער מאלעכהאמאָוועס האָבן טויזנט פּאָר אויגן?

— ער זאָל זיי ניט באַדאַרפֿן, וואָלט ער זיי ניט געהאַט. די טויזנט פּאָר אויגן באַדאַרף ער האָבן, ער זאָל זיך קאָנען אַרומקוקן פֿון אַלע זײַטן, מע זאָל אים ניט אָפּנאַרן. נאָר אַלצייַנס נאַרט מען אים אָפּ. ווערט עמעצער קראַנק, לייגט מען אים צו אַ צווייטן נאָמען. אויב ביז דער קרענק האָט ער געהייסן פּײַוויש, רופֿט מען אים איצט אַלטער־פּײַוויש אָדער כאַיִם־פּײַוויש. און אויב ער האָט געהייסן בער, רופֿט מען אים איצט וואָלף־בער אָדער לייב־בער. דער מאַלעכהאַמאָוועס פֿאַרפּלאָנטערט זיך און גייט אַוועק זוכן דעם קראַנקן, וואָס דאַרף הייסן אַזוי ווי עס שטייט אָנגעשריבן בא אים אין זײַן טויט־צעטל, ערגעץ אין אַ צווייטער שטוב, אַף אַ צווייטער גאַס, אין אַ צווייטער שטאָט.

— אהאַ! — שרײַט אויס שאָלעמקע. — אהאַ! מ׳קאָן דעם מאַלעכהאַמאָ־וועס אָפּנאַרן און זיך אויסדרייען פֿון זײַנע הענט. אהאַ! אהאַ!

— שטילער! שטילער! — באַרויִקט אים לייקע. — דער זיידע איז אײַנ־געשלאָפֿן. שטילער, שטילער!

און שאָלעמקע פֿרעגט שטילערהייט בא דער מאַמען זײַנער, ווי ער זאָל איר אײַנרוימען אַ סאָד:

— פֿאַרוואָס זשע גיט מען דעם זיידן ניט צו קיין צווייטן נאָמען?

— אַ צווייטן נאָמען, מײַן קינד, גיט מען אַזאַ קראַנקן, וואָס וויל לעבן, אַזאַ, וואָס וויל זיך ניט שיידן מיט דער וועלט, און דײַן זיידע גייט אויס, אַזוי וויל ער שטאַרבן, אַזוי וויל ער וואָס גיכער אין גאַניידן אַרײַן!

פֿאַרטאָג האָט שאָלעמקען זיך געכאָלעמט, אַז דער זיידע ליגט אין דער מיטע צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצער דעקע, אַף וועלכער עס איז אָנגעשריבן מיט ווײַסע אויסיעס: „און זײַנע טריט זאָל ער האַלטן גרייט אין וועג אַרײַן״. מע טראָגט אַרויס די מיטע פֿון זייער שטוב און מ׳לויפֿט מיט איר...

אין סאַמע לויפֿן מיט דער מיטע האָט לייקע גענומען וועקן שאָלעמ־קען פֿון שלאָף:

— שטיי אוף, פּעפּערל מײַנס! שטיי אוף! דער זיידע וויל זיך מיט דיר געזעגענען און דיך בענטשן!

לייקע האָט צוגעטוליעט צו זיך איר שאָלעמקען, אים געקושט אין די פֿאַרפּלאַמטע באַקן, אין די איבערגעשראָקענע אויגן...

דאַניִעלס הענט האָבן געציטערט אַף שאָלעמקעס קאָפּ, און זײַן בראָכע האָט געציטערט אַף די ליפּן:

— וועאָהאַווטאָ... און דו זאָלסט ליב האָבן!.. האָב ליב דעם טאַטן מיט דער מאַמען, האָב ליב דײַן כאַווער, דעם שאָכן, דעם נאָענטן און ווײַטן, דעם אייגענעם און פֿרעמדן, געדענק, ליבע צום מענטשן און צו גאָר דער וועלט הייבט זיך אָן פֿונעם סאַמע קלענסטן גרעזל...

דאַניִעלן האָט פֿאַרכאַפּט דער אָטעם, די בראָכע האָט זיך אים גע־שטעלט אין האַלדז. דער אַלטער איז געלעגן אומבאַוועגלעך. דער ווײַ־סער לײַלעך, דער צודעק זײַנער, האָט אויסגעזען ווי אַ זעגל אין אַ שטילן פֿרימאָרגן. לייקע האָט אַ ווונק געגעבן צו דאָווידן, און דאָוויד האָט פֿלינק אַרויסגעריסן פֿון דער פֿערענע אַ פֿעדער און צוגעלייגט צו דאַניִעלס

נאָזלעכער. דאָס פעדערל האָט, ווי א ווײַס אומשולדיק פלאַטערל, זיך אופגעהויבן אין דער הייך און אָנגעזאָגט די בסורע:

— ער לעבט!

פּאַרנאַכט. די זון האָט געהאַלטן באַם פאַרגיין. א שקיע־שטראַל איז צוגעקומען צום פענצטער פון דאַווידס שטוב, געפאַלן אף דאַניִעלס אַלט פּאָנעם. דאַניִעל האָט זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף מיט אן אויסגערוט פּאָ־נעם און לעבעדיקע בליקן. אין לייקען האָט זיך אופגעוועקט א האָפע־נונג — דער טאַטע וועט נאָך לעבן, און לעבן א סאַך יאָרן. און אז דער טאַטע לעבט, איז וויפל זאָלסט ניט אַלט זײַן, ביסטו נאָך אַלץ א קינד, ביסטו ניט קיין עלנטע אף דער וועלט.

— איאָ, טאַטע, דו פילסט זיך בעסער?

דאַניִעל גיט איר נאָך:

— אוואַדע, טאָכטער מײַנע, אוואַדע פיל איך זיך בעסער.

לייקע קושט שאָלעמקען:

— קינד מײַנס, דעם זיידן איז בעסער.

פּאַרנאַכט זײַנען אַלע, ווער נאָר ס'האָט געקענט דאַניִעלן, אים גע־קומען מעוואַקער־כוילע זײַן. עס איז געווען אזוי שטיל, אז דאַניִעלס שוואַכע שטים איז דערגאַנגען צו יעדן:

— איך האָב געזען א ווונדערלעכן כאָלעם. מ'האָט מיר געגעבן צו וויסן, אז איך זאָל זיך קלײַבן אין וועג אַרײַן. איך האָב זויכע געווען זען דעם גאַניידן... אַרום־און־אַרום — לאַנגע טישן פון בעסטן פּימסנהאָלץ. אף די טישן ליגן צעעפנטע הייליקע ספאָרים, זייערע אויסיעס שײַנען ווי די שטערן אין הימל. אַרום־און־אַרום די טישן — שטולן. אַזעלכע שטולן האָב איך קיינמאָל אין מײַן לעבן ניט געזען. יעדער שטול — א קיסײַ־האַקאָוועד, כאָטש זעץ זיך אוועק אף אים און קיניג...

פּלוצעם נידערט אַראָפּ אהער אין גאַניידן דער מאַלעך, וואָס פירט אָן, גיט קויעך און מויעך אַלע לערנער סײַ אף דער וועלט און סײַ אף יענער וועלט.

— ווו זײַנט איר, מײַנע לערנער, — שרײַט ער אויס, — פאַרוואָס זעט מען אײַך ניט, פאַרוואָס הערט מען אײַך ניט? צי דען ווייסט איר ניט, אז דאָס לערנען טאָר זיך אף קיין רעגע ניט אָפּשטעלן. — דער מאַ־לעך גיט א בלאָז אין שויפער, און עס ווערט אן אײַנגעלויף אין גאַניידן, פול און פול מיט מענטשן ניט אף איבערצוציילן, אָנהייבנדיק פון אָדאָם־האָרישן ביזן לעצטן צאַדיק, וואָס איז אין דעם טאָג געשטאָרבן.

אַלע שטייען מיט גרויס פּאָרכטיקײַט און וואַרטן אפן מאַלעכס באַ־פעל, וועלכע קאַשעס דאַרפן הײַנט געפרעגט ווערן און וואָס פאַרא טערו־צים דאַרפן געגעבן ווערן.

— ראַבויסײַ! איך האָב אײַך א נײַס צו דערציילן, — רופט זיך אָן מיט גרויס אָפּשײַ דער מאַלעך. — אין דער פאַמאַליע־שעל־מײַלע איז אָנגע־נומען געוואָרן, אז פון הײַנט אָן און ווײַטער זאָל מען מער ניט לערנען בעיעכידעס. פון הײַנט אָן און ווײַטער וועט מען לערנען פּאָרווײַז. אײַנ־צווייען וועט זײַן פריילעכער, איינער דעם צווייטן וועט אונטערהאַלטן, —

און ניט מאכנדיק קיין שיִעס, נעמט ער פאָרן: אָדאָם וועט לערנען מיט נויעכן, קאַין מיט העוולען, יִיצכאָק מיט יאנקעוון, רוווּן מיט שימענען, דער ווילנער גאָען מיטן באלשעם. און אזוי א דאָר נאָך א דאָר, דער מיט דעם און יענער מיט יענעם. דוכט זיך, קיינעם ניט דורכגעלאָזט. נאָר ניין, אָט גיט זיך א הייב אוף דער גרעסטער מיילִיץ־יוישער פון אלע דוירעס, לייווי־יִיצכאָק בען סאָרע פון בערדיטשעוו, לעבן וועמען עס שטייט א ליידיקער שטול, און מיט דער גאנצער גוטסקייט און טמי־מעס זייַנער גיט ער א פרעג:

— און מיט וועמען וועל איך לערנען? איך האָב קיין פּאָר ניט.

— האָט קיין מוירע ניט, רעב לייווי־יִיצכאָק דער זון פון סאָרע,— בארויִקט אים דער מאלעך,— אָט באלד דארף ניסטאלעק ווערן, אָפּגעטאָן ווערן פון יענער־וועלט דאניִעל דער סויפער. מיר ווארטן אף אים פון מינוט צו מינוט, אָט באלד וועלן מיר אים גיין מעקאבל־פּאָנעם זייַן, און דער שטול לעבן אייַך וועט ניט זייַן ליידיק...

לייקע האָט אויסגעבראָכן מיט א געוויין. קוקנדיק אף דער מאמען, האָט זיך אויך שאָלעמקע צעוויינט.

— טאטע, לאָז זיך ניט אָפּ, שטארק זיך! טאטע, לאָז אונדז ניט אי־בער!

— זיידע!

דאניִעל האָט ברייט צעעפנט די אויגן און זיך געבעטן:

— פארהאלט מיך ניט! לאָזט מיך! איך גיי! איך גיי! לייווי־יִיצכאָק דער בערדיטשעווער ווארט אף מיר!

דאָס ווייַסע פעדערל, וואָס איז צוגעלייגט געוואָרן צו דאניִעלס נאָז־לעכער, האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן...

— באָרעך דייַען עמעס, געלויבט איז דער ריכטער פון עמעס!— האָט עמעצנס א ציטערנדיקע שטים זיך צעטראָגן איבערן צימער.

— באָרעך דייַען עמעס,— האָבן א סאך צעבראָכענע שטימען אונטער־געכאפּט און געלויבט דעם, וואָס טוט אלץ, וואָס אים געפעלט, און קיינער קאָן אים ניט אָנווייַזן און קיינער קאָן אים ניט זאָגן קיין דייע.

דער מעס איז געלעגן אפן דיל. אונטער אים איז געווען אונטערגעבעט שטרוי, פון וועלכער מ'האָט שוין לאנג אויסגעקלאפּט די קערנער און וואָס איז שוין לאנג געווען אויסגעטריקנט פון אלע זאפטן און פון אלע ערדישע רייכעס. דער מעס איז געווען צוגעדעקט מיט א ווייַסן לייַ־לעך, ארום־און־ארום זייַנען געשטאנען מעשענע לייַכטער, וועלכע די שכיינים האָבן צונויפגעטראָגן. די לייַכטער, וואָס זייַנען געווינט פייַער־לעך באגעגענען שאבאָסים און יאָמטויווים, כאָסן־קאלע, האָבן איצט באלויכטן דעם וועג פאר דאניִעלן אין זייַן אייביקער רו. די פייַערלעך האָבן געשמאָלצן דעם כיילעוו פון די ליכט, זיך געטוקט און אף זייער פייַערדיק שטום־לאָשן געזאָגט, אז קיין אייביקייַט איז ניטאָ... אָט־אָט וועלן זיי צעשמאָלצן ווערן, נעמען צאנקען און אויסגעלאָשן ווערן.

באם טאטן צוקאָפּנס איז געזעסן לייקע, לעבן איר פּאולינע מיט כא־

לאַשעס־טראָפּן, מיט טראָפּנס אַף אונטערהאַלטן דאָס האַרץ, מיט וויַן־עסיק אַף איַנרײַבן די שלייפן און מיט אַ פלאַש קאַלטער וואַסער אַף באַשפּריצן דאָס פּאָנעם.

ווי נאָר לייקע האָט אופגעהערט וויינען, פלעגט פּאַולינע זי נעמען מינטערן, ראַטעווען און טאָן אַלץ, זי זאָל ווידער וויינען. לייקעס שטים האָט זיך אַלע ווײַלע געענדערט, אָט ווערט זי דערשטיקט אין געוויין און אָט צערײַסט זי זיך אַף שטיקער פון צו הויכע קוויטשערײַען. אָט זינגט זי מיט אַ ניגן, און אָט רעדט זי ווי אין אַ פּאָשעטן מיטוואָך.

...— אַז איר ווייסט גאָר ניט, ווער ער איז געוועזן, אַז איר ווייסט גאָר ניט, וועמען מיר האָבן פאַרלוירן! — און ווידער אַ קוויטש, און ווידער רײַסן זיך די ווערטער מיט אַ טכינע־ניגון: — די קרוין פון מײַן קאָפּ איז מיר אַראָפּגעפאַלן, די זון איז פאַרגאַנגען, פינצטער און וויסט איז מיר. פאַרשטערט זײַנען געוואָרן אַלע מײַנע סימכעס, אַ בראָך איז צו מיר און אַ קלאָג איז צו מיר!

לייקע האָט טײַנעס צום טאַטן אין הימל און הערט אים ניט אוף בעטן פאַר איר טאַטן:

— אַלמעכטיקער גאָט, דו זאָלסט זיך דערבאַרעמען מיט דײַן גרויס גנאָד צו עפענען אים די טויערן פון כעסעד און פון ראַכמים — די טויערן פון גאַנײידן, און דו זאָלסט מעקאַבל זײַן די הייליקע נעשאָמע פון מײַן טאַטן מיט גרויס ליבשאַפט, און דו זאָלסט שיקן דײַנע הייליקע מאַלאָכים, דאָס זיי זאָלן פירן די נעשאָמע זײַנע און זי אַוועקזעצן דאָרט, ווו עס זיצן די נעשאָמעס פון אַלע צאַדיקים, און זי זאָל זיך דאָרט זענפטיקן אין דער לויטערקײַט פון דער שכינע.

און אַז לייקע נעמט כאַלעשן, וויל יעדע איינע פון די ווײַבער פאַר־נעמען איר אָרט און ווערן די פירקלאָגערן. איינע וויל ניט אָפּטרעטן דער צווייטער:

— וואָס! נאָר איר האָט צאָרעס! מיר האָבן אויך גענוג, עפּשער מער פון אײַך! מע דאַרף דאָך האָבן גאָט אין האַרצן און אַ צווייטן אויך לאָזן זיך אויסוויינען!

לייקעס אָרט פאַרנעמט טשיפּע־שיפרע, דאַניעלס נאָענטסטע שכיינע. טשיפּע־שיפרע קאָן זיך ניט אָנוויינען, זי בעט און קאָן זיך ניט אָנבעטן. זי בעט דאַניעלן, ער זאָל זײַן אַ גוטער בעטער פאַר איר.

— ...הייליקע נעשאָמע, טײַערע נעשאָמע! אַז איר וועט זיך באַגעגע־נען מיט די אויסגעלײַטערטע נעשאָמעס פון מײַן טאַטן, פון מײַן זיידן, פון מײַנע ברידער, פון מײַנע גלידשוועסטערקינדער, זאָלט איר זיי איבערגעבן, אַז זייער טשיפּע־שיפרע איז אַף גרויסע צאָרעס — פינף קינ־דער זײַנען בא איר געשטאָרבן, ווי איז דער מאַמען! און דרײַ קינדער זײַנען בא איר געבליבן, דרײַ זין איינער ערגער פונעם צווייטן, לערנען ווילן זיי ניט, און עסן וואָלטן זיי געגעסן אַ גאַנצן טאָג, מיר פאַר זייערע ביינער! איר הערט, רעב דאַניעל! אַז איר וועט באַגעגענען מײַנע פינף געשטאָרבענע קינדער, איז גיט זיי איבער, אַז די מאַמע זייערע האָט זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן לעמאַנהאַשעם אין זינען האָבן זייערע דרײַ ברי־דער, וואָס זײַנען געבליבן לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

רעב דאניִעל! הייליקע נעשאָמע, איר זאָלט זיך מאטריִעך זײַן דער־שלאָגן זיך צום מאלעך, וואָס גיט פּארנאָסע, און אים איבערגעבן, אַז בא מײַן זיאמען איז די פּארנאָסע שטארק געשלאָגן, ווי אפּצולאָכעס ווילן די לעצטע צײַט די זייגערס ניט קאליע ווערן. דער מאלעך פון פּארנאָסע קאָן דאָך אַלץ, ער קאָן דאָך אי קאליע מאכן, אי פאריכטן, איז זאָל ער וואָס מער קאליע מאכן די זייגערס און וואָס מער פאריכטן אונדזער דאָליע.

א גוטער בעטער זאָלט איר זײַן פאר מײַנע קינדער, פאר מײַן מאן, פאר מײַן מאמען, וואָס זיצט אָט דאָ לעבן מיר, פאר מיר אליין, פאר מײַנע שוועסטער און פאר מײַנע ברידער, פאר מײַנע שוואָגערס און שוועגערנס, פאר אלע מײַנע גוטע שכיינים, פאר אלע מײַנע גוטעפרײַנט און פאר אלע, וואָס ווילן מיט מיר גוטס טאָן.

— רעב דאניִעל, — רײַסט זיך ארײַן די שטים פון א שכיינע, וואָס האָט זיך קוים דערוואַרט איר ריי, — איך בעט אײַך נאָר, רעב דאניִעל, איר זאָלט זיך ארײַנלייגן אינעם שידעך און טאָן אַלץ, וואָס איר וועט קאָנען, אַז מײַן טאָכטער זאָל איִנגיכן כאסענע האָבן.

— און איך, ציפּע־דווירע, בעט נאָר איינס — א רעפוע. איך בין א מאמע פון קינדער, און דער הוסט שטיקט מיך, דער קאָפּ דרייט זיך, און אין די אויגן איז פינצטער, דאָס האַרץ שטעכט פון איין זײַט, און די זײַטן שטעכן פון דער צווייטער זײַט. א רעפוע, לעמאַנהאַשעם א רעפוע!

ווען פּאולינע ווייסט, אַז א טויטער ייִד פארשטייט אויך פּויליש, אַז יענע־וועלט איז א יענע־וועלט פאר אלעמען, און דאניִעל קאָן זיך דאָרט באַגעגענען מיט איר טשעסלאַוון, וואָלט זי געבעטן דאניִעלן איבערגעבן א גרוס איר טשעסלאַוון און אים זאָגן, אַז זי האָט זײַן צוואָע אויס־געפילט, אַז זי האָט זײַן פידל איבערגעגעבן עזרען, און אַז עזרע וווינט בא איר, שלאָפט אין זײַן בעט און זיצט אױף זײַן שטול.

פּאולינע האָט א סאך, א סאך וואָס איבערצוגעבן, נאָר זי וואַגט ניט ריידן, זי וויינט נאָר, וויינט שטיל אין זיך.

שאָלעמקע האָט זיך גלײַך צוגעווּוינט צום טויט, זיך גענומען באַרימען פאר די כאַווייריִם, פאר די ייִנגלעך פון קאָרידאָר, אַז זײַן זיידע איז געשטאָרבן און ניט זייערע זיידעס, אַז זײַן מאמע איז געבליבן א יעסוימע און ניט זייערע; אַז בא אים אין שטוב ברענען א סאך לײַכטערס און ניט בא זיי; אַז בא אים אין שטוב איז פול און פול מיט מענטשן און ניט בא זיי. ער וועט הײַנטיקע נאַכט שלאָפן בא פּאולינען מיט עזרען אין איין בעט, און זיי אלע ווערן, ווי אלע נעכט פון א גאַנץ יאָר, שלאָפן אױף זייערע געלעגערס.

שאָלעמקע איז אלע ווײַלע געלאָפן צו פּאולינען אין צימער, ווו די מאַנצבלען פון קאָרידאָר האָבן זיך צונויפגעקליבן, און איבערגעגעבן, ווי די ווײַבער וויינען, וואָס זיי זאָגן, און וויאַזוי זיי גיבן איבער גרוסן מיט זײַן זיידן אױף יענער־וועלט.

אלע ווײַלע איז שאָלעמקע געקומען צו לויפן מיט אן אנדער פראַגע. אָט פרעגט ער, צי דער זיידע וועט ביזן קומען אױף יענער־וועלט פאַרגע־

דענקען דאָס אַלץ, וואָס די ווײַבער האָבן אים געבעטן און אָנגעזאָגט. ער פאַרשטייט פּאָשעט ניט, ווי־אַזוי קאָן דער זיידע ביכלאַל פאַרגעדענקען, אַז ער קאָן ניט רירן מיט קיין איבער? ווי־אַזוי וועט דער זיידע דאָרט קאָנען ריידן און איבערגעבן אַלע גרוסן, אַז ער קאָן דאָס מויל ניט עפֿע־נען?

אויך פּאַר עזרען זײַנען אין יענער נאַכט אופגעשטאַנען אַ סאַך ניט פאַרענטפערטע פראַגן. ער האָט געזען, ווי דער טויט האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אַף די אײַנוווינער פונעם לאַנגן, פינצטערן קאָרידאָר. אפילע קאַמסקי, דאָווידל שיווע־זיצער און „נאָכעמקע מאַך מיך איבער”, וואָס שאַנעווען ניט דאָס לעבן, האָבן איצט אויסגעזען ניט ווי אַלעמאָל.

קאַמסקי האָט זיך מעכאַבעד געווען מיט אַ פּאָר איבעריקע „סאָטקעס” בראַנפן.

— ביטערקײַט, — האָט ער געזאָגט, — קאָן מען ארויסשטויסן נאָר דורך ביטערקײַט.

דאָווידל שיווע־זיצער האָט געלאָזט אַ טרער און איז געקומען צום אויספיר, אַז פונעם מאַלעכהאַמאָוועסעס הענט וועט ער אפילע זיך ניט קאָנען אויסדרייען. „נאָכעמקע מאַך מיך איבער” האָט געשוויגן און דעם אַפּדערנאַכט קיינעם ניט געבעטן, מ׳זאָל אים איבערמאַכן.

אין פאַרגלײַך מיטן טויט ווערט דאָס לעבן אַ גאַניידן...

גיט מען נאָר אַ טראַכט וועגן דאַני׳עלס נײַער דירע, וווהין ער וועט זיך מאָרגן אינדערפרי איבערצי׳ען, ווערט דער צימער, וואָס איז שטענ־דיק ענג, נאַסלעך און פינצטערלעך, אַ פּאַלאַץ.

די ווײַבער ווערן ניט מיד איבערכאַזערן די נעמען פון זייערע מע־נער, און די מענער די נעמען פון זייערע ווײַבער, און די ווײַבער מיט די מענער — די נעמען פון זייערע קינדער.

ס׳איז דער איבערוף פון לעבן! די פרייד פון זײַן!

דאָס לעבן איז שטאַרקער פונעם טויט! און דאָך פעלט אויס עזרען דאָס פּאַסיקע וואָרט אַף באַזיניקן דעם טויט, ער זוכט עס און קאָן עס ניט געפינען.

און עזרע איז אוועק אין דער וועלט פון קלאַנגען. די מוזיק דרינגט ארײַן אין די פאַרהוילעניש פון טויט אַ סאַך טיפער, ווי דאָס וואָרט...

אַ גאַנצע נאַכט האָט אין עזרעס פאָרשטעלונג איין טרויער־מאַרש פאַרביטן דעם צווייטן.

פאַרשיידענע טויטן, פאַרשיידענע מאַרשן...

אַ מאַרש, וואָס באַגלייט אין דער אומשטערבלעכקײַט, און אַ מאַרש, וואָס באַגלייט בלויז ביז צום גרוב. אַ מאַרש, וואָס באַדויערט, אַ מאַרש, וואָס טרויערט, און אַ מאַרש, וואָס רופט, וואָס לויבט, רימט און מונ־טערט...

די לעווײַע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך האַלבן טאָג...

שאָלעמקעס כאַלעם איז מעקוים געוואָרן. דער זיידע איז טאַקע גע־לעגן אין דער מיטע צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצער דעקע, אַף וועלכער עס

זײַנען אָנגעשריבן מיט ווײַסע אויסיעס: „און זײַנע טריט זאָל ער האלטן גרייט אין וועג אַרײַן״...

מע לויפט מיט דער מיטע, מע לויפט מיט איר אזוי לאנג, ביז מע ווערט מיד, און אז מע ווערט מיד, לייגט מען זי אוועק אף דער קאָפּ־צאָנישער בעסוילעם־טאראטײַקע, וואָס איז נאָכגעפאָרן די גאנצע צײַט. ניין, דער זיידע האלט ניט גרייט זײַנע טריט אין וועג אַרײַן, אָט האָט מען אים געטראָגן, און אָט פירט מען אים.

די צדאָקע־פושקע קלינגט, און דער שאמעס שרײַט: „צדאָקע טאציל מימאָוועס״ — צדאָקע ראטעוועט פון טויט.

די באגלייטער ראטעווען זיך, און די צדאָקע־פושקע קלינגט... און אין עזרעס אויערן הערן ניט אויף קלינגען די מארשן, וואָס האָבן אים א גאנצע נאכט צורו ניט געלאָזט און וואָס באגלייטן איצט דאני:עלן ווי זײַנע נאָענטע פרײַנט, ווי די אײַנוווינער פון לאנגן פינצטערן קאָרידאָר.

מאכט עזרע צו זײַנע אויגן, זעט ער פאר זיך אן אָרקעסטער, זעט יעדן אינסטרומענט באזונדער. נאָר קיין אָרקעסטער קאָן דאָ ניט זײַן. לויטן ייִדישן מינהעג טאָר מען דעם טויט ניט באגלייטן מיט מוזיק, ווי מ׳טאָר דעם טויט ניט אונטערטראָגן קיין בלומען.

אָט האָט הײַנט אינדערפרי פאולינע געבראכט א בלומען־קראנץ פון נארציסן אף באשיינען דאני:עלס לעצטן וועג, האָט מען איר דערקלערט, אז מע טאָר ניט.

פאולינע האָט זיך אנטשולדיקט און גלײַך באהאלטן דעם בלומען־קראנץ.

אָבער מארשן, וואָס רײַסן זיך פון די סאמע טיפעניש פון דער נע־שאָמע, ווי קאָן מען זיי באהאלטן, ווי קאָן מען זיי אָפּשטעלן?

און די טאראטײַקע סקריפעט אלץ און סקריפעט. דאָס אויסגעדארטע פערדל, וועמען ס׳איז דערעסן דאָס לעבן און נימעס געוואָרן האָבן צו טאָן מיטן טויט, פאלט שיר ניט פון די פיס.

אָט דאָס איז דער רײַטוואָגן, מיט וועלכן דאני:על האָט געטרוימט קו־מען אף יענער־וועלט? — פארקלעמט עזרען שטארק פארן הארצן. ער שפאנט נאָך די קלאנגען פונעם טרויער־מארש, וואָס דערציילט וועגן דעם, ווי ווײַט ס׳איז די וואָר פונעם מענטשלעכן טרוים.

דער מארש צעשפּילט זיך אין עזרען אלץ שטארקער. עזרע זעט, ווי לייקע וואקלט זיך אינדערמיט צווישן פאולינען און טשיפע־שיפרען. אלע דרײַ פארטונקלען מיט זייערע שווארצע קליידער די העלקײַט פון טאָג.

עזרע זעט, ווי שאָלעמקע זיצט א צונויפגעקאָרטשעטער אף דער טא־ראטײַקע און ציילט אלע ווײַלע איבער, אף וויפל זײַנען ווייניקער גע־וואָרן די באגלייטער. די זון שיקט אראָפּ א שטראל אף דער שווארצער דעקע פון דער מיטע, טוט נאָכאמאָל א דערמאָן, אז זי איז אייביק, און אז ער, דער מענטש, איז ווי א שאָטן, וואָס פארשווינדט.

דער מארש שפּילט, און עזרע הערט, ווי די באגלייטער, וואָס האָבן דעם ערשטן העלפט וועג גערעדט בלויז וועגן דאני:עלן, וועגן זײַן לעבן און וועגן זײַן טויט, ריידן איצט וועגן זײַטיקע זאכן.

די טאַראַטײַקע סקריפּעט און סקריפּעט. אַ סאַך דורכגייער לויפֿן דורך און שטעלן זיך אַפֿילו קיין רגע ניט אָפּ, גלײַך ווי דער טויט האָט צו זיי קיין שײַכות ניט.

דער דורכפֿאָרנדיקער מעס אינטערעסירט בלויז די, וואָס האָבן מוירע פֿאַרן טויט, וואָס האַלטן אין איין ציילן די עטלעכע פֿאַרבליבענע יאָרן זייערע, ווי דער אָרעמאַן, וואָס ציילט דאָס מינץ זײַנס, וויפֿל ער זאָל ניט ציילן, באַקומט זיך אַלץ ווינציק.

— ווער איז דער מעס, אַ מאַנצביל צי אַ פֿרוי?

— אַ יונגער צי אַן אַלטער?

— אַ געזונטער געווען צי אַ קראַנקער?

— מיט וואָס האָט ער געקרענקט און מיט וואָס און וויאַזוי האָט מען אים געהיילט?

— געהאַט כאָטש אַ גוטע עלטער?

— געלאָזט יאָרשים?

דער נײַגער פֿון די, וואָס האָבן ניט געקאָנט און קיינמאָל ניט געזען דאַניִעלן, איז פֿאַר עזרען אַלציינס ווי דער גלײַכגילט פֿון יענע, וואָס קוקן זיך ניט אַרום און שטעלן זיך ניט אָפּ.

עזרען טוט שטאַרק וויי פֿאַר דאַניִעל סויפֿערס עלנטקייט איבער די גאַסן פֿון דער גרויסער שטאָט.

ווען דאַניִעל שטאַרבט אין ליפּאָוועץ, טראַכט זיך עזרע, וואָלט דאָס גאַנצע שטעטל געגאַנגען כאַדאָראָם. אַלע ווײַבער וואָלטן אים געקומען באַוויינען, אַלע באַלמעלאָכעס וואָלטן געוואָרפֿן די אַרבעט, אַלע קרעמער וואָלטן פֿאַרמאַכט די קליטן און געקומען אים באַגלייטן.

אַ טאָג, אַ גאַנצן טאָג, ניין, אַ וואָך, אַ גאַנצע וואָך, וואָלט מען גערעדט וועגן דאַניִעל סויפֿער, סאַראַ לײַטישער מענטש, סאַראַ שטילע טויב דאָס איז געווען. מע וואָלט זיך געווונטשן, אַז זייערע קינדער און קינדסקינדער זאָלן כאָטש אַ הונדערטסטעלעך פֿון זײַן לײַטישקײַט און ערלעכקײַט פֿאַרמאָגן.

אַלטע ייִדן וואָלטן זיך דערמאָנט, ווען דאַניִעל איז נאָך אַ ייִנגל גע־ווען, אין כיידער געגאַנגען, דערנאָך אַ כאָסן און אַ טאַטע געוואָרן, און ווען האָט זיך באַוויזן בײַ דאַניִעלן די ערשטע גראָווע האָר אין זײַן שוואַרצער באָרד.

...בעטהאָוועס אַקאָרדן... זיי פֿאַלן אָן מאַכנעסווײַז אויף דאַניִעלס לעבן און באַרעכטיקן ניט זײַן טויט. אַזאַ טויט פּירט אין ערגעץ ניט!

אַ מינוט לעבן איז אַן אייביקײַט! אַ מינוט לעבן איז מער ווי די גאַנ־צע אויסגעטראַכטע און ניט פֿאַראַנענע יענע־וועלט!..

זיך ניט אונטערגעבן! זיך גיט אונטערגעבן!

און דאַניִעל האָט זיך אונטערגעגעבן, ער האָט זיך איבערגעשראָקן פֿאַרן לעבן און זיך געוואָרפֿן אין די אָרעמס פֿון טויט...

אָבער אַזאַ, ווי דאַניִעל, וועט שוין מער ניט זײַן, — שטעלט זיך אײַן פֿאַר אים פּעדאָצערס מאַרש — דער מאַרש פֿון ביטערן קלאָג און געוויין.

...עס שפּילט אַ פֿידל... פּעדאָצערס ערשטער פֿידל. דער פֿידל, וואָס

איז אזוי קליין, גייט אויס פון צאַר פאַר דער וועלט, וואָס האָט פאַרלוירן פון איר גרויסקייט. „אַ מענטש איז געשטאָרבן, אַ קליינע וועלט איז כאַ־רעוו געוואָרן, ווייניקער געוואָרן מיט אַ שטערן".

מיט פּעדאָצצערס פידל קלאָגן אַלע איבעריקע פידלען, די קלאַרנעטן און פלייטן און די טרובעס ברומען און לאָזן זיך אַראָפּ אַלץ טיפער און טיפער, און דער פּויק פּויקט און פּויקט אויס, אַז אַלע זאָלן וויסן: אַ מענטש איז געשטאָרבן! די וועלט איז קלענער געוואָרן!..

מענטש, שטעל זיך אָפּ! — קלאָגט פּעדאָצצערס מאַרש. — אַ מענטש איז אַוועק פון דער וועלט, און מיט דעם ביסטו אָרעמער געוואָרן, שטענ־דיק וועט דיר עפּעס פעלן, שטענדיק וועט דיר עפּעס אָפּגיין.

מענטש, שטעל זיך אָפּ! אַ מענטש איז אַוועק פון דער וועלט, און מיט אים צוזאַמען איז אַוועק אַ וועלט, וואָס וועט מער קיינמאָל ניט באַשאַפן ווערן, וואָס וועט מער קיינמאָל ניט איבערגעכאַזערט ווערן.

פּעדאָצצערס מאַרש ווערט אַלץ מער קלאָגעוודיקער און שרײַענדיקער, און דער בעסוילעם אַלץ נעענטער און נעענטער...

די טויערן פון בעסוילעם האָבן זיך ברייט צעעפנט. די סקריפּענדיקע טאַראַטײַקע איז שטיל געוואָרן, ווי אַלץ ווערט דאָ שטיל און באַ־רויִקט.

דאָס אויסגעדאַרטע פערדל האָט געצופּט מיט זײַנע שטומפּיקע צייי־נער דאָס גרינע זאַפטיקע גראָז, געקײַט און זיך געקוויקט אַפּצולאָכעס דעם טויט, וואָס האָט זיך דאָ צעלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט.

קאַמסקי האָט אויסגעשטרעקט זײַן רעכטע האַנט צו די קוואָרים און זיך געווענדט צו די לעבעדיקע: אָט איז זי, די יענע־וועלט! נו, ווער איז געווען גערעכט, איך צי דאַניעל? זעט, סאַראַ קליינע זי איז, אַ ליאַדע פּאָרעצל אויף דער וועלט האָט מער ערד, ווי אויף יענער־וועלט האָבן צענד־ליקער און הונדערטער טויזנטער.

פון ערגעץ באַ אַן אָפענעם קייווער האָט זיך צעטראָגן אַ טפילע און געגעבן צו וויסן, אַז דער מענטש קומט פון דער ערד און קערט זיך אום צו דער ערד. ווערט רײַך דער מענטש, רעדט אײַן די טפילע, דאַרף מען זיך צום האַרצן ניט נעמען, ווײַל מ'וועט דעם רײַכן גאָרניט מיטגעבן מיט זיך אין קייווער אַרײַן. אַלץ איז העוול האַוואָלים!

זיאַמע דער זייגערמאַכער דערוווידערט דער טפילע — הייסט עס, דער רײַכער זאָל זײַן רײַך און דער אָרעמער אָרעם, ווײַל אַלציינס שטאַרבט מען. ניין, פּונקט פאַרקערט, ווײַל מע שטאַרבט, ווילט זיך ערשט דעם קאַפּצן ניט זײַן קיין קאַפּצן.

איינער פון די באַגראָבער האָט אַ זאָג געגעבן זיאַמען, אַז ניט דאָ איז דאָס אָרט צו ריידן וועגן אַזעלכע זאַכן.

זיאַמע האָט זיך געבייזערט און דערוויזן, אַז אַפילע דאָ אַפּן בעסוילעם ליגט דער עמעס נײַן איילן טיף אין דער ערד באַגראָבן. אויך דאָ אַפּן בעסוילעם הערשט ניט קיין שאָלעם! אויך דאָ זײַנען ניט אַלע גלײַך. אָט קוקט, סאַראַ שיינע אַלייען, סאַראַ רײַכע מאַצייוועס, און אויף יעדער מאַ־צייווע אַ צעטל פון די גוטע מײַסים, ווי דאָס צעטל פון די סכוירעס, וואָס פלעגט הענגען באַ יעדן איינעם פון אָט די לײַט אין זייערע רײַכע

געשעפטן און אין זייערע פול געפאַקטע קראָמען. און דער קאַפּצן ליגט ערגעץ פאַרוואָרפן אָן א זײַט, אין א ווינקעלע, מ׳זאָל אים ניט ארויס־זען, און שווײַגט וועגן זיך טויטערהייט, ווי ער האָט געשוויגן בא זײַן לעבן.

שאָלעמקע איז געשפּרונגען פון מאַצייווע צו מאַצייווע און הויך אַפן קאָל פאַרטײַטשט אַף זײַן אויפן די צוויי אויסיעס — דעם „פּ״ מיטן „נ״, וואָס שטייען אויבנאָן אַף יעדער מאַצייווע.

„פּ׳נ״ באַטײַט פּוי ניקבאר — דאָ ליגט באַגראָבן, אָדער פּוי ניטמאַן — דאָ ליגט באַהאַלטן.

— פאַידיאָש נאַזאַד? — פרעגט שאָלעמקע באַם טויטן, און גלײַך, לייענענדיק די אויסיעס אַף צוריק, דעם „נ״ פאַרן „פּ״, ענטפערט שאָ־לעמקע פאַר יעדן טויטן אַף אַן אַנדער שטים:

— ניע פאַידו!

— ניע פאַידו!

און וויבאַלד דער טויטער זאָגט זיך אָפּ ארויס פון זײַן קייווער, דאַרף שאָלעמקע וויסן, מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן. און שאָלעמקעס שטים צעטראָגט זיך איבערן בעסוילעם:

„דאָ ליגט א מענטש א כאָכעם, א מענטש א צאַדיק, א גאָטספאָרכטי־קער, וואָס איז שטענדיק געגאַנגען אין גאָטס וועגן. „תנצבה״!

שאָלעמקען געפעלט שטאַרק דער „תנצבה״, און ער כאַזערט אים א סאַך מאָל איבער. „תנצבה״ — דאָס זײַנען פינף צונויפגענומענע און אין איין וואָרט צונויפגעגאָסענע אויסיעס, וואָס גיבן איבער דעם אינהאַלט פון פינף ווערטער, פון א גאַנצער פראַזע:

„תהא נשמתו צרורה בצרור החיים״ — זאָל זײַן נעשאָמע זײַן פאַר־בונדן אין בונד פון לעבן.

...דאָ ליגט א צאַדיק בען צאַדיק, א כאָכעם בען כאָכעם, א באַלצדאָקע איינער אין דער וועלט. זײַן אויער איז געווען אָפן פאַרן געשריי פון דער אַלמאָנע, און זײַן האַרצן האָט אראָפּגענידערט די טרער פונעם יאָ־סעם, און די האַנט זײַנע איז געווען אויסגעשטרעקט צו יעדן.

„תנצבה״!!..

...דאָ ליגט א טאַלמיד־כאָכעם, א מופלעג, וווּ א שײַלע איז מען גע־גאַנגען צו אים, וווּ אַן אייצע צו אים, און וווּ נאָר א טויווע, ווידער צו אים!

„תנצבה״!

...דאָ ליגט אַן אוישער, וואָס האָט פון זײַן אשירעס א סאַך ווייניקער האַנאָע געהאַט, ווי די, וועמען ער האָט צעטיילט זײַן געלט.

„תנצבה״!

שאָלעמקע לייענט און פאַרשטייט ניט איין זאַך. וויבאַלד אַלע טויטע זײַנען אַזוי פײַן, אַזוי לײַטיש, אַזוי גוט, איז פאַרוואָס זשע זײַנען צווישן די לעבעדיקע אַזויפיל שלעכטע מענטשן? אָט די טויטע זײַנען דאָך אַלע אַמאָל געווען לעבעדיקע?

שאָלעמקע שפרינגט פון מאַצייווע צו מאַצייווע. און בלײַבט שטאַרק

ניט צופרידן פון יענע טויטע, וואָס האַלטן אים אין איין סטראַשען, ער זאָל ניט אָנרירן זייער שטויב, ווײַל זיי זײַנען שוין באַ זיך אין דער היים, און ער איז אַ צײַטווײַליקער גאַסט, וואָס ווייסט ניט, אַף וועלכער וועלט ער געפינט זיך.

ווי נאָר אָן אישעצנוע, לאָזט זי שאַלעמקע דורך, ער גייט אויך ניט צו נאָענט צו די יונגע מיידלעך מיט די צעלאָזטע צעפּ, וואָס שפּיגלען זיך טויטערהייט אין גלאָז פון די מאַצייוועס.

— פּאָידיאָש נאַזאַד?

— פּאָידיאָש נאַזאַד?

זיך ניט דערוואַרטנדיק אַף קיין ענטפער, שרײַט שאַלעמקע פאַר אַלעמען:

— ניע פּאָידו!

— ניע פּאָידו!

— מיר וועלן גיין! אַלע וועלן מיר גיין! אַלע דאַרפן גיין! אַלע ווי איינער! — האָט שאַלעמקעס „ניע פּאָידו" פּלוצעם איבערגעריסן אַ הילכי־קער געשריי פון די לעבעדיקע.

— אַלע!

— אַלע!

— אַלע ווי איינער!

— אַז מירן אַלע ארײַן, וועט דאָוויד גיכער זיך קאָנען צונויפריידן און זיך אויסגלײַכן מיטן מעקעך.

— ס'איז דאָך אַ כילעלהאַשעם! דער מעס ליגט פון ווייסעך ווען אָן און מ'קאָן אים ניט באַהאַלטן!

— אין קאָנטאָר! אין קאָנטאָר! — האָט עמעצנס אַ שטים באַפוילן.

לויטן רוף און באַפעל פון דער שטים זײַנען די מאַנצבלען געלאָפן און זיך ארײַנגעריסן אינווייניק שטורעמען די קאָנטאָר.

שאַלעמקע האָט איבערגעלאָזט די טויטע און זיך ארײַנגעגאָסן אין שטראָם פון די לעבעדיקע.

אַ קורצווויקסיק דיקלעך ייִדל מיט אַ קאָמעץ־בערדל און מיט אַ פּאָ־נעם, וואָס ווערט פון מינוט צו מינוט רויטער, איז זיך רויִק געזעסן אויבנאָן באַם שרײַבטיש. אנטקעגן אים איז געשטאַנען שאַלעמקעס טאַ־טע, דאָוויד געדאַליע דעם שנײַדערס, מיט אַ פּאָנעם, וואָס האָט געצי־טערט פון קאַס, און איז פון מינוט צו מינוט בלייכער געוואָרן. דאָוויד בעט אַ שיין אָרט פאַר זײַן שווער, קעפּי ער האָט פאַרדינט.

דאָס קורצווויקסיקע ייִדל האָט גאָרניט קעגן, ער שטעלט נאָר אָן דעם מיטלסטן פינגער פון זײַן רעכטער האַנט אַף אַ רעדל פון שטשאָט און זאָגט, אַז אַ שיין אָרט דאַרף קאָסטן שיין געלט.

— וואָס רעדט איר, — צעשרײַט זיך דאָוויד, — דער מעס איז געווען אַ צאַדיק, אַ וועלט אויסצופאָרן און ניט געפינען אַזאַ צאַדיק, און איר רעדט וועגן געלט. ווי שעמט איר זיך ניט?!

— באַרויִקט זיך, יונגערמאַן, — שטעלט אָן דאָס קורצווויקסיקע דיק־לעכע ייִדל אַ צווייטן פינגער פון דער רעכטער האַנט אַף אַ צווייט רעדל פון שטשאָט, — דאָס, וואָס דער מעס איז געווען אַ צאַדיק, איז זייער שיין

פון זײַן זײַט, נאָר דאָס האָט צו טאָן מיט יענער־וועלט. דאָרט, אױף יענער־וועלט, איז א באַזונדער קאָנטאָר מיט א באַזונדער בוכהאַלטעריע און מיט א באַזונדער כעזשבן, און אונדזער קאָנטאָר האָט צו טאָן מיט דער־וועלט, און אױף דער־וועלט דאַרף מען צאָלן געלט. — בײדע פינגער האָבן א שפּרונג געטאָן איבער די רעדלעך, געגומען האַסטיק לױפן הין און צוריק און געמאַכט א קלאָרן כעזשבן.

— אַנו לאָזט מיך נאָר צו אים! — דאָווידל שיוועזיצערס אײן אויג אין קאָפּ האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט. — לאָזט מיך, וועט מען זיך שוין פאַרשפּאָרן מיט אים צערעכענען אױף יענער־וועלט.

די מאַנצבלען זײַנען אויסגעוואַקסן אין א וואַנט, און אַלע אין אײן קאָל האָבן זיך געבעטן בא דאָווידל שיוועזיצער:

— אָן הענט! אָן הענט!

ס׳האָט אָבער גאָרניט געהאָלפן, דאָווידל האָט מיט אײן האַנט אוועק־געשלײַדערט אַלע די, וואָס האָבן אים פאַרשטעלט דעם וועג, און מיט דער צווײטער א כאַפּ געגעבן פאַרן האַלדז דאָס קורצוזיקע דיקלעכע ייִדל מיטן קאַמעץ־בערדל.

— ס׳איז דאָך אָן אומקאָוועד פאַרן מעס! איר פאַרשעמט דאָך דאַני־עלן, — האָט עמעצער צו דער צײַט באַוויזן אויסצושרײַען.

די ווערטער האָבן ווי א שפּרוך אָפּגעוואָרפן און אָפּגעשטעלט דאָ־ווידל שיוועזיצערס האַנט.

דאָווידל האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן, אַרויסגענומען דעם טײַסטער פון קעשענע און געגומען וואַרפן אױפן טיש אַסיגנאַציעס:

— צען, פופצן, צוואַנציק, הונדערט פינף און צוואַנציק. נו, דו, סוי־כער פון טויט, הונט אײנער, ס׳וועט זײַן גענוג, צי נאָך? רײד, רײדן זאָל מיט דיר דער מאַלעכהאַמאָוועס!

דאַניִעל האָט באַקומען א שײן אָרט — דער קייווער זײַנער איז געווען מיטן קאָפּ צום מיזרעך.

די זון איז שוין ווײַט פאַרגאַנגען אין מײַרעוו, און גלײַך ס׳זאָל איר זײַן א ביזאָיען, האָט זי א רויטע, פול מיט בושע, זיך אַראָפּגעלאָזט אַלץ נידעריקער און נידעריקער. די פויגלען האָבן ניט געזונגען, די צווײַגן פון די ביימער האָבן זיך ניט גערירט, קײן בלעטל האָט קײן שאָרך ניט געטאָן, און קײן גרעזל האָט אַפילע אױפן ווונק זיך ניט איבערגערעדט. אַלץ האָט געשוויגן, קײנער האָט גאָרניט געהאַט וואָס צו זאָגן.

יעדע לאָפּעטע מיט ערד, וואָס האָט פאַרשאָטן דאַניִעלן, האָט פאַר־שאָטן א וועלט מיט טרוימען, א וועלט פון פאָרשטעלונגען און זעונגען.

לײקע האָט געשריגן מיט די לעצטע קויכעס, זי האָט שווער געאָטעמט, געריסן פון זיך דאָס שוואַרצע קלײד און געשלײַדערט אײַנדערלופטן מיט די הענט, גלײַך ווי די לאָפּעטעס ערד זאָלן פאַלן אױף איר, פאַלן אױף איר האַרץ און לאָזן זי ניט אָטעמען.

שאָלעמקע האָט געוויינט הויך אױף א קאָל און זיך געבעטן:

— מאַמע, וויין ניט! מאַמע, וויין ניט! — ער האָט פאַרשטעלט זײַנע אויגן און ניט געקאָנט קוקן אױף דעם בערגל ערד, וועלכן די באַגרעבער האָבן צוגעפּאַטשט מיט די לאָפּעטעס.

אויך אף עזרען האָט זיך ארופגעוואלגערט דאָס פרישע בערגל ערד און געשטיקט אים. קיין זאך אין דער וועלט איז ניט אזוי איינזאם־עלנט, ווי א פרישער קייווער. אָט איז דער מענטש געווען פארבונדן מיט דער וועלט, פארפלאָכטן מיט זײַנע קינדער, קרויווים, כאווייריםׂ און פרײַנט, ווי א בוים מיט צווײַגן, אָט ערשט האָט מען אים באוויינט, אָט ערשט האָט מען אים באגלייט, און אָט לאָזט מען אים איבער איינעם אליין אין א וועלט פון גאָלע טויטע.

לייקע איז ווידער געגאנגען אין דער מיט צווישן פאולינען און טשי־פע־שיפרען. נאָך די ווײַבער זײַנען געגאנגען די מאנצבלען. יעדער איי־נער האָט אויסגעריסן א הויפן גראָז, געוואָרפן איבערן קאָפּ און זיך ניט אומגעקוקט אף צוריק צו דאניִעלס קייווער. דאָס האָט באטײַט, אזוי ווי דאָס אויסגעריסענע הויפן גראָז איז גאָרניט אין פארגלײַך מיט די בליִענדיקע וואקסנדיקע גראָזן, אזוי זאָל דער טויט אויך זײַן נישטיק און גאָרניט אין פארגלײַך מיטן לעבן.

ס'איז געווען א שיינער פרילינג־פארנאכט. דאָס לעבן האָט זיך פון אלע זײַטן געלאָזט הערן מיט זײַנע פארשיידענע קולעס און פארשיי־דענע רייכעס, עס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אזוי באטאמט און אזוי געשמאק ווי איצט.

עזרע האָט טיף אין זיך געאָטעמט די פרישע פארנאכטיקע לופט, און וואָס מער ער ווערט איבערראַשט פון דעם פארנאכט, אלץ מער טוט אים וויי, וואָס דאניִעל האָט עס ניט פארשטאנען.

דאניִעל איז ענלעך געווען צו יענעם קישעפּמאכער, וואָס האָט מיט זײַן צויבער־שטעקעלע געפּרוווט ארויסרופן אויצרעס אין אזעלכע ערטער, ווו זיי האָבן זיך קיינמאָל ניט געפונען, און ניט באמערקט דעם וווּנדער־אויצער, וואָס איז געלעגן בא אים אונטער די פיס.

אפדערנאכט, ווען לייקע האָט זיך געזעצט אף דער ערד שיווע, האָט שאָלעמקע אויך געוואָלט מיט איר זיצן.

— מ'טאָר ניט, — האָט זי אים דערקלערט, — שיווע זיצט נאָר א יאָסעם, בא וועמען ס'איז געשטאָרבן דער טאטע אָדער די מאמע.

באנאכט האָט זיך שאָלעמקע אופגעכאפּט מיט א געשריי:

— מאמע! מאמע! דער זיידע האָט זיך אופגעכאפּט פון קייווער, אים איז דאָרט ענג, קאַלט און נאס, און ער וויל צוריק אהיים. מאמע, דו הערסט? דער זיידע קלאפּט אין טיר. עפן אים! עפן אים! לאָז אים גיכער ארײַן. ס'איז אף אים א ראכמאָנעס!

לייקע האָט בארויִקט שאָלעמקען און אים גענומען צו זיך אפן דיל, אף איר שיווע־געלעגער.

ליגנדיק לעבן דער מאמען, איז שאָלעמקע אײַנגעשלאָפן, און ווידער האָט זיך אים געכאָלעמט, אז ער איז אפן בעסוילעם, אז אפן זיידנס קייווער איז אויסגעוואקסן א מאצייווע מיט די צוויי אויסיעס „פ'נ"...

— פאָדיאָש נאזאד? — פרעגט שאָלעמקע באם זיידן, און דער זיידע ענטפערט אים, ווי סע ענטפערן אלע טויטע:

— ניע פאָידו! ניע פאָידו!..

ווי גוט ס'איז צו לעבן

דער ערשטער טאָג שיווע. לייקע איז א פארטײַעטע געזעסן אפן דיל אײַנגענורעט אין א ווינקל. אירע אָנגעשפּיצטע אויערן האָבן אין דער שטיל־קײַט אופגעכאפּט דעם טאטנס הוסט, דעם סקריפּ פונעם טאטנס בעט. דער שפּיגל איז געווען באהאנגען מיט שווארצן.

וועגן פארהאנגענע שפּיגלען אין די הײַזער, ווו דער טויט האָט זיך באַוויזן, האָט לייקע פאר איר לעבן א סאך, זייער א סאך זיך אָנגעהערט. אייניקע זאָגן, אז די שפּיגלען דארפן זײַן פארהאנגען אין די טעג פון שיווע, קעדיי דער שיוועזיצער זאָל פאר זיך אליין זיך ניט איבערשרעקן, זיך ניט איבערשרעקן פאר זײַן בלייכקײַט און אויסגעצערטקײַט. אנדערע פּרווון דערווײַזן, אז דאָס ווערט געטאָן צוליב דעם — דער שיוועזיצער זאָל פאר־געסן אין דער שיינקײַט פון אלע פּענעמער, וואָס האָבן זיך פארגעדענקט און שטייען פאר די אויגן. און אייניקע האלטן, אז אין די טעג איז געפער־לעך קוקן אין די שפּיגלען, ווײַל אין זיי בלײַבט פארגליווערט און ווערט אָפּגעשפּיגלט דאָס פּאָנעם פונעם טויטן אין זײַן לעבעדיקן אויסזען.

דאָס ארײַנגעדרייטע פּײַערל פונעם אכטער לעמפּל האלט אין איין געבן אָנצוהערן, אז שטארבן שטארבט בלויז דער גוף און די נעשאָמע לעשט זיך קיינמאָל ניט אויס...

אינדערפרי האָט זיך צום צווייטן מאָל א מיניען צונויפגעקליבן און איר דאָוויד האָט דעם דריטן קאדעש געזאָגט. דעם ערשטן האָט ער גע־זאָגט באם אָפּענעם קייווער, דעם צווייטן — אפּדערנאכט נאָך דער קווורע, ווען דער מיניען האָט זיך צונויפגעקליבן מײַרעוו דאוונען.

סארא טײַערער ער איז, איר דאָוויד, איר טאטע איז בא אים ווי זײַנער, ווי אן אייגענער זון זאָגט ער נאָך אים קאדעש, ער זאָל ניט פארגעסן ווערן דאָ אף דער־וועלט, ווײַל אזא, וואָס ווערט גלײַך פארגעסן אף דער־וועלט, אזא, האָט זי געהערט זאָגן, פארלירט גלײַך אויך יענע־וועלט.

ווען לייקע וואָלט געוווּסט, אז אינעם קאדעש איז קיין וואָרט ניטאָ וועגן איר טאטן, אז דאָס איז בלויז א לויבגעזאנג צו גאָט, א טפילע, אז זײַן גרויסער נאָמען זאָל נאָך גרעסער ווערן און נאָך מער געהייליקט ווערן, וואָלט זי פארוווּרט איר דאָווידן קאדעש זאָגן, און וואָלט אפן קאדעש געקוקט ווי אף א פארשוועכונג, ווי אף דער העכסטער מענטשן־לעסטערײַ.

נאָר לייקע ווייסט ניט, וואָס די דאָזיקע טפילע שטעלט מיט זיך פאָר, און זי וואַרט מיט אומגעדולד אפן מיניען, אפן פערטן קאדעש.

קאמסקי און עזרע האָבן אויסגעפּעלט באם מיניען. קאמסקי איז געווען געפּאָסלט ווי א מעשומעד, וואָס האָט פארביטן דעם יידישן גאָט אפן קאטוילישן. ער איז געווען געפּאָסלט ווי אן אפּיקוירעס, וואָס האָט בי־כלאל קיין גאָט ניט אין הארצן.

און עזרע האָט זיך אליין געפּאָסלט — וויבאלד עס דאוונט זיך ניט, וויבאלד עס גלייבט זיך ניט, טאָר איך ניט פארעכנט ווערן אין דער צאָל

פון די, וואָס גליבן. דאָס וואָלט געווען אַ פאַרשווערונג פאַר דאַניעלס אָנדענק.

נאָר ביידע, סײַ קאַמסקי און סײַ עזרע, האָבן דעם ערשטן טאָג פון שיווע דערקלערט אַלס טרויער־טאָג. קאַמסקי האָט אָפּגעשאָפן די „שטונדן", און עזרע האָט דעם פידל אין האַנט ניט גענומען.

אינעם פרילינגדיקן טרויער־טאָג האָבן דרײַען געשפּאַנט איבער וואַר־שעווער גאַסן: צוויי לערער — קאַמסקי און עזרע — און צוויי טאַלמי־דים — עזרע און שאָלעמקע.

קאַמסקי און עזרע באַטראַכטן שאָלעמקען, ווי זיי זאָלן אים זען צום ערשטן מאָל, קוקן אַרײַן אין זײַנע גרויסע שוואַרצע אויגן, באַטראַכטן זײַנע לאַנגע געקרײַזלטע האָר, וואָס האָבן זיך גענומען אַראָפּלאָזן נידערי־קער „אַ־ליאַ עזרע".

אין לאַנגע האָר, האָט שאָלעמקע געוווּסט, איז געווען דער סאָד פון שימשנס גבֿורה, און אין לאַנגע האָר, האָט שאָלעמקע געטראַכט, איז דער סאָד פון קענען פידל־שפּילן.

אין דעם איז אויך געווען זיכער לייקע, שאָלעמקעס מאַמע. און נאָך צוליב איין זאַך האָט לייקע געוואָלט, אַז איר שאָלעמקע זאָל טראָגן לאַנגע האָר: זאָלן די נעגידעסטעס זען, אַרויס זאָל זיי די אויגן, אַז איר שאָלעמ־קע לערנט זיך פידל־שפּילן. זייערע קינדער וועלן זײַן לאָבאָטראַסן, דער רועך ווייסט וואָס, קרעמער, הענדלער, און איר שאָלעמקע וועט זײַן אַ פידלער, אָט אַזאַ, ווי זייער ליפּאָוועצער עזרע.

— קוקט אים נאָר אָן, — וועלן די נעגידעסטעס צעזעצט ווערן פון קינע, — דאָוויד דעם שנײַדערס יינגל האָט זיך פאַרלאָזט לאַנגע האָר, וואָס, ס'גייט אים שוין מער ניט אָפּ ווי פידל־שפּילן? וואָסי, אָן לאַנגע האָר וועט ער קיין נאָדל אין האַנט ניט קאָנען האַלטן?

אַפּצולאָכעס זיי וועט ער דאַפקע טראָגן לאַנגע האָר, אַפּצולאָכעס!..

יעדע גאַס, מיט וועלכער קאַמסקי מיט זײַנע צוויי באַגלייטער זײַנען געגאַנגען, האָט זיך איר באַזונדערע טרויעריקע געשיכטע, און יעדער טויער דאָ האָט עפּעס־וואָס צו דערציילן וועגן פּוילנס בעסטע זין — וועגן די אופשטענדלער, וואָס האָבן זייער לעבן אוועקגעגעבן פאַר פּוילנס פרײַהײַט, פאַר פּוילנס זעלבשטענדיקײַט, וועגן די שפּילער און באַזינגער פון פּוילן. די דאָזיקע גאַסן און געסלעך האָבן עפּעס אויך וואָס צו דערציילן וועגן דער קליינער צאָל יידן מיט די טײַסטערס, וואָס האָבן אומעטום געמעגט וווינען אַפילע דאַן, ווען מ'האָט ניט געטאָרט, און וועגן דער גרויסער צאָל יידן אָן טײַסטערס, וואָס האָבן ניט געטאָרט אַפילע דאַן, ווען מע האָט געמעגט.

— איר זעט? — טוט קאַמסקי אַ זאָג צו זײַנע מיטגייער. — אָט דאָ, וווּ מיר שטייען, האָבן יידן געמעגט וווינען; אָף יענער זײַט העלפט פונעם מויער איז שוין געווען שטרענג פאַרבאָטן. האָט מען געפּאַקט דאָרט דורכגיין אַן אָרעמען יידן, האָט אים פּאָליציי גלײַך אַרומגערינגלט און גענומען מעסטן, צי האָט ער ניט געמאַכט קיין איבעריקן טראָט אָף דער פאַרווערטער זײַט פונעם מויער, און טאָמער כאַס־כאָלילע איז דער פאַר־בלאָנדזשעטער געווען ווײַטער פון דער קאָשערער זײַט און נעענטער צו

דער טרייפער כאַטש אַף א שפּאַן, האָט מען אים געשלאָגן מאקעס־רעצעך, אריינגעזעצט אין טפיסע, ער זאָל וויסן אַף א צווייט מאָל.

דערציילנדיק עס, גיט קאַמסקי א מיש אוף א נײַ בלעטל — די געשיכטע פונעם יידישן העלד בערעק יאָסילעוויטש, וואָס האָט מיט זײַן יידישער מאכנע אָנטיילגענומען אין דעם קאָסטיושקאָ־אופשטאנד — און פאר עזרעס און שאָלעמקעס אויגן פליט דורך בערעק יאָסילעוויטשעס קאַוואַלעריע, בערעק יאָסילעוויטש קומט אום אין שלאכט פאר פוילנס פרייהײַט, פאר פוילנס זעלבשטענדיקײַט, און מיט אים צוזאמען קומען אום פינף הונדערט יידישע אופשטענדלער פון זײַן מאכנע.

קאַמסקי, עזרע און שאָלעמקע שפּאַנען פעסטער און דרייסטער איבער די וואַרשעווער גאסן, איבער דער פוילישער ערד.

אפן ראָג פון א זײַטיק געסל איז אָנגעקומען זיי אנטקעגן א פּאַן מיט א רויט אָנגעגאָסענעם פּאָנעם און שארפע אויגן און האָט בייז א צישע געטאָן:

— וואָס פּלאָנטערט איר זיך דאָ אונטער די פיס? אין ערגעץ קאָן מען פון אײַך ניט פּאָטער ווערן!

עזרע האָט אופגעציטערט. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אז דאָס איז דער פּאַן יאַניצעוויטש — אָט דער, בא וועמען ער האָט אין ליפּאָוועץ אין די לאנגע ווינטערדיקע נעכט מיט זײַן שפילן מעסאמייעך געווען זײַנע שיקערע צעווילדעוועטע געסט.

— קוק אים נאָר אָן! קוק אים נאָר אָן! — האָט קאַמסקי אויסגעשאָסן א געלעכטער און איז צוגעגאנגען נעענטער צום פּאַן. — פּאַני, עס גיט אָפּ פון אײַך, ווי פון יענעם פארלעגערטן גראַשנדיקן הערינגל, וואָס האלט, אז זײַן פּאָטערלאנד איז דער אָקעאַן, און אז ער מיטן קיט זײַנען די לעצטע גוטעברידער.

דער פּאַן איז געבליבן געפּלעפּט. זינט ער איז א פּאַן, האָט נאָך קיינער ניט געוואגט אים זאָגן א וואָרט אנטקעגן, און דאָ, אין מיטן וואַרשע, אזא באליידיקונג, אזא דערנידעריקונג! זײַנע אויגן זײַנען ווי פארגליווערטע געבליבן, זיי האָבן, פּונקט ווי די אויערן זײַנע, ניט געוואָלט גלייבן, אז אזוינס איז געשען. צוזאמען מיט די לאנגע ציטערנדיקע וואָנצן און ציטערנדיקע הענט האָבן זיך געוואָרפן און געטרייסלט אלע אייוורים זײַנע.

— פּאַני, וואָס שווײַגט איר? זאָגט עפּעס א וואָרט! ווו זײַנען אײַערע הינט? א פּאַן אָן הינט איז קיין פּאַן ניט. וואָס איז מיט אײַך? ווו איז אײַער האָנער? מאיאָנטקעס פארלוירן — גאָרניט פארלוירן, געלט פאר־לוירן — ווידער גאָרניט, האָנער פארלוירן — אלץ פארלוירן!.. — האָט קאַמסקי אלץ געפּרוווט אופּוועקן דעם פּאַן פון זײַן פארגליווערטן צושטאנד.

ענדלעך האָט דער פּאַן א קוויטש געטאָן:

— ווער האָט זיי געגעבן רעכט? ווער, פרעג איך, האָט זיי געגעבן רעכט טרעטן אַף אונדזער ערד, אָטעמען מיט אונדזער לופט? אין טפיסע! אין טפיסע! ווו איז די פּאָליציי? די פּאָליציי שלאָפט, די פּאָליציי שטייט ניט אַף דער וואַך! אַף קאַטאָרגע! אַף קאַטאָרגע!

ווען צום ראָג האָבן זיך געגומען צונויפלויפן דורכגייער פון פאַרשיי־דענע זײַטן, האָט קאַמסקי מיט זײַן הילכיקן באַריטאָן גענומען איבער־שרײַען דעם פאָן:

— אפן פאָן איז די כאַנדראַ אָנגעפאַלן, ער שלאָגט מענטשן אין די גאַסן. היט זיך! היט זיך פאַר אים!

— היט זיך! היט זיך! אפן פאָן איז די כאַנדראַ אָנגעפאַלן, ער שלאָגט מענטשן אין די גאַסן, ער האָט דאָ ערשט איינעם אַ יונגן פּאָליאַק ניט דערהאַרגעט, היט זיך! היט זיך! — האָבן עזרעס און שאָלעמקעס שטימען זיך צונויפגעגאָסן מיט קאַמסקיס.

ווען די צונויפגעלאָפענע נײַגעריקע האָבן זיך גענומען פאַנאַנדערגיין, זײַנען קאַמסקי, עזרע און שאָלעמקע אויסגעוואַקסן אױף אַ צווייטער גאַס.

דאָ האָט שאָלעמקע באַכגעקרימט דעם פּאַרעץ — געטרייסלט מיט די הענט, געוואָרפן מיטן קאָפּ, געטופּעט מיט די פיס און געקוויטשעט: „ווער האָט זיי געגעבן רעכט? אין טפּיסע! אין טפּיסע! ווער האָט זיי געגעבן רעכט?״

קאַמסקי האָט הילכיק געלאַכט און אַפּלאָדירט שאָלעמקען:

— בראַוואָ! בראַוואָ! דו שטעלסט זיך פאָר, שאָלעמקע, וואָס עס וועט זיך טאָן בא אונדז אין קאָרידאָר, ווען דו וועסט עס, אָט ווי איצט, אַ שפּיל טאָן מיט אַלע פּישטשעווקעס, ווי מיר האָבן עס מיט אים אָפּגע־שפּילט. מע וועט פּלאַצן פון געלעכטער.

עזרע איז געגאַנגען ווי אַ זײַטיקער, ניט קיין וואָרט, ניט קיין שמייכל.

— וואָסי, עזרע, וואָס איז מיט דיר געשען? דיך פּאַרדריסט, וואָס מיר זײַנען וויניק דערגאַנגען די יאָרן דעם פאָן? — האָט קאַמסקי זיך אָפּגעשטעלט, אַ כאַפּ געגעבן עזרען פאַרן לאַץ פון זײַן פּידזשאַק און אים אַרײַנגעקוקט גלײַך אין די אויגן אַרײַן.

עזרע האָט זיך אַ ריס געגעבן און אויסגעשריגן:

— יאָ, מיך פּאַרדריסט, מיך פּאַרדריסט שטאַרק. ס׳איז געווען אַ געפער־לעכע שפּיל, אַזאַ שפּיל קאָן מיך קאָסטן זייער טײַער. אָט דער פאָן קאָן מיך אָפּזוכן און זיך מיט מיר צערעכענען, אַז איך וועל פאַרגעסן ווי איך הייס. ווער ווייסט, מיט וואָס דאָס קאָן זיך ענדיקן. אויס מוזיק־שול, אויס וואַרשע, אויס, אַלץ אויס! ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז פאַר אַ מינוט קאָן מען געווינען די וועלט און פאַר אַ מינוט קאָן מען זי פאַרשפּילן.

— סאַראַ גרויסן טאָעס איך האָב געהאַט אין דיר! כ׳האָב געמיינט, אַ מענטש, וואָס שרעקט זיך ניט פאַר קיין שווועריקײַטן, קומט בײַ שווערי־קײַטן, איז אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן ווילן, ניט קיין פּאַכדן. פאַר איין מינוט קאָן אַ מענטש אַנטפּלעקן דאָס, וואָס ער האָט יאָרנלאַנג פאַרשטעלט און פאַרבאַהאַלטן טיף אין זיך.

— פּאַני קאַמסקי! פּאַני קאַמסקי! — האָט עזרע זיך געבעטן בא קאַמ־סקין, ער זאָל זיך ניט וואַרפן אַזוי לײַכט מיט באַשולדיקונגען און אים אויסהערן.

— פּאַני קאַמסקי! — שאָלעמקע האָט ניט אויסגעהאַלטן און אָנגעכאַפּט קאַמסקין פאַרן אַרבל פון זײַן פּידזשאַק. — גענוג שוין, גענוג! איך וועל דערציילן דעם טאַטן, דער מאַמען, פּאָולינען, אַלעמען וועל איך

דערציילן, אז איר זײַנט אָנגעפאלן אף עזרען, אז איר האָט געשריגן אף עזרען, און איר וועט מער צו אונדז אין קאָרידאָר זיך ניט קאָנען ווײַזן.

נאָר קאמסקי האָט ניט קיין מוירע ניט פאר שאָלעמקעס טאטן און מאמען, ניט פאר פאולינען, ניט פאר קיינעם פון די קאָרידאָר־אײַנוווינער. אים ארט ניט, וואָס עזרען טוט איצט אזוי ווײ און וואָס שאָלעמקע לעבט אזוי איבער. קאמסקי זידלט עזרען אף וואָס די וועלט שטייט, ווארפט מיט ווערטער ווי מיט שטיינער:

— מוירע, מוירע, פאר אלץ און פאר אלעמען מוירע! פאר אלעמען זיך בייגן. זיך אזוי לאנג בייגן, אז מע זאָל דיך שוין אינגאנצן ניט ארויסזען. ניין, אזא קאָן קיין קינסטלער ניט זײַן! א קינסטלער דארף זײַן דער באהערשער פון מויכעס און הערצער, און ניט קיין אונטערטעניקער מאיאָפעסניק, וואָס שיקט זײַנע קלאנגען ניט אהין, ווו דער סמיק פירט, נאָר אהין, ווו די רוט באפוילט.

— און כוץ דעם, פארשטיי איך ביכלאל ניט, וואָס איז דאָ די מוירע, — קאָן קאמסקי אלץ ניט קומען צו־זיך, — טאָמער עפּעס־וואָס, נעם איך אף זיך די שולד. איך האָב דאָך באליידיקט דעם פּאן און ניט דו. דו ביסט אף אזוינס ניט פייִק, צו ווייך זײַנען די סטרונעס פון דײַן פידל. האָב קיין מוירע ניט, טאָמער עפּעס־וואָס, שטעל איך אונטער מײַן קאָפּ. איך האָב ניט וואָס אָנצוווערן, מײַן קאריערע איז געענדיקט.

— און פונדעסטוועגן, — פלאָנטערט זיך בא עזרען די צונג, — און פונדעסטוועגן...— עזרע פארויטלט זיך. ער קאָן מער ניט אײַנהאלטן אין זיך דאָס באליידיקנדיקע וואָרט,— און פונדעסטוועגן, פּאני קאמסקי, האָט איר זיך געשמאדט צוליב קאריערע.

קאמסקי, וועלכער איז פּלוצעם געכאפּט געוואָרן פאר דער האנט, אז ער אליין איז ניט ריין פון שולד, האָט זיך איבערגעביטן אף ניט צו דערקענען אים. א געטראָפענער אין דער סאמע טיף פון דער וווּנד, האָט ער פארביסן די ליפּן און אראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי ער זאָל מעסטן דעם נידער, וווהין ער איז געפאלן.

עזרע קילט זיך ניט דאָס הארץ, קלײַבט ניט קיין נעקאָמע, ער פארענט־פערט איינצײַטיק אי זיך, אי זײַן נאָענטן כאווער, פרײַנט און לערער.

— יאָ, ריכטיק, איך האָב זיך איבערגעשראָקן! נאָר וויאזוי שרעקט מען זיך ניט, אז דאָס לעבן שרעקט דיך פון אלע זײַטן מיט געריכטע און אומגעריכטע אומגליקן. אליין דאָס ווארטן און דאָס ארויסקוקן אפן אומ־גליק קאָן, דוכט זיך, דורכלעכערן א הארץ פון אײַזן. וויאזוי שרעקט מען זיך ניט, אז אף טריט און שריט לויערן אף דיר אזויפיל געפארן, ווען ארום־און־ארום זײַנען אזויפיל זומפּיקע וועגן און אזויפיל ניט זיכערע בריקן. דער סאמע דרייסטער מענטש, ווען ער גייט אף א ניט זיכערער בריק, קלאפּט אים שטארק דאָס הארץ. אף א צעבראָכענער בריק מוז מען זײַן פאָרזיכטיק! ביז גאָר פאָרזיכטיק. מיר דוכט זיך, אז אויסהיטן דעם קאָפּ איז א סאך שווערער און א סאך וויכטיקער, ווי אים טראָגן אנטקעגן. מײַן לערער פּעדאָצער, ווען ער פלעגט באשולדיקן א מענטשן, פלעגט ער אים קיינמאָל ניט נעמען אָפּגעריסן פון זײַן צײַט, פון די אלע סיבעס, וואָס האָבן געבראכט צו דעם, ער זאָל באשולדיקט ווערן.

איך מיין, פלעגט פעדאָצער פאַרטראַכט זאָגן, אַז די כאַכאָמים אונד־זערע זיינען גערעכט: „ניט די מויז איז דער גאַנעוו, נאָר די לאָך..."

— ריכטיק, פעדאָצער איז גערעכט! — האָט קאַמסקי אויסגעשטרעקט זיין האַנט און דערלאַנגט עזרען.

דער שפּאַציר איבער וואַרשעווער גאַסן, די באַגעגעניש מיטן פּאַן, דאָס צעווערטלען און איבערבעטן זיך האָט געבראַכט צו דעם, אַז קאַמסקי, עזרע און שאָלעמקע האָבן ניט באַמערקט, ווי די צייט איז פאַרשוווּנדן, ווי זיי זיינען דורך דעם ציטאַדעל, די טאַפּאָלן און ווי זיי זיינען אָנגעקו־מען צו דער ווייסל. די פאַנאַנדערגעגאָסענע ווייסל האָט אָפּגעפרישט קאַמסקין, עזרען און שאָלעמקען. זיי זיינען פאַרגאַפּט געזעסן אויף דער גרין־געפאַרבטער באַנק און זיך צוגעהערט, ווי די ווייסל האָט דערציילט איר אַלטע וווּנדערלעכע מייסע, וואָס ווערט אַלע טאָג באַנייט, ווי באַנייט עס ווערן די הימלען, ווי באַנייט עס ווערט יעדער אויפגאַנג און פאַרגאַנג פון דער זון, די נאַכט־שפּאַצירן פון דער לעוואָנע מיט אירע אומצאָליקע באַגלייטער — די שטערן.

די ביימער, פאַרפּוצטע מיט זייערע גרינע ערשטע שפּראָצונגען און מיט פאַרפלאָכטענע צווייגן־צעפּ, קאָנען זיך גענוג ניט אָנקוקן אין די שפּיגל־וואַסערן פון טייך, דער הימל לאָזט זיך אַראָפּ פון זיינע הייכן און צוזאַמען מיט די ביימער שפּיגלט ער זיך און טוקט זיך אין ווייסל...

די וועלט האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך איר עלטער, ווי דער שווימער וואַרפט אַראָפּ פון זיך זיינע קליידער. אַ וועלט, וואָס האַלט זיך אין איין צירן מיט זוניקער שקיִע־צירונג, וואָס איז דאָ אומעטום צעשאָטן, ווי דער זאַמד באַם ברעג טייך — קום און נעם וויפל דיין האַרץ גלוסט, וויפל דו וועסט נעמען, וועט סטייען און נאָך בלייבן.

הונדערטער האָפענונגען האָבן ווי טשאַטעס פויגלען זיך געטראָגן פון אַלע זייטן, הונדערטער כאַלוימעס האָבן ווי גרינע בלעטער באַהאַנגען די צווייגן פון יעדן בוים.

ווי גוט ס'איז צו לעבן אויף דער וועלט! ווי גוט!

— צייט גיין אַהיים! שוין באַלד זעקס אַזייגער, — קאַמסקי האָט זיך אופגעהויבן פון דער באַנק.

שאָלעמקע בעט זיך, אַז מ'זאָל גיין צוריק מיט דעם זעלבן וועג, מיט וועלכן מע איז געגאַנגען אַהער. איצט ווייסט ער, ווער מאַניושקאַ איז, און אים ווילט זיך נאָכאַמאָל דורכגיין פאַרביי דעם הויז, ווו מאַניושקאַ האָט געוווינט, נאָכאַמאָל אָנטבלויזן דעם קאָפּ פאַר זיין ליכטיקן אָנדענק.

די לופט איז נאָך פול געוועזן מיט דער ווייסל. ס'האָט זיי באַגלייט אַ קילנדיק ווינטל, געצערטלט און געבעטן קומען נאָכאַמאָל אַהער צו איר.

פּלוצעם האָט עמעצנס אַ שטים איבערגעיאָגט דאָס ווינטל, וואָס האָט זיי באַגלייט:

— עזרע! עזרע! דאָס ביסטו?

עזרע האָט אַ צענעם געטאָן די הענט, ווי באַם צוגרייטן דעם אָרקעס־טער צו אַ פרייידיקער טעמפּאָ־געשווינדיקער שפּיל, און אויסגעשריגן:

— איך! איך! דאָס בין איך!

דער גרײַז־גראָוער מאַן האָט אַראָפּגענומען די פּענסנע פֿון זײַן גראָבלעכער ברייטער נאָז, זיי ווידער צוריק אָנגעטאָן, ווידעראַמאָל באַטראַכט עזרען, און ווידעראַמאָל אים אַרײַנגעכאַפּט צו זיך אין די אָרעמס:

— דו געדענקסט, עזרע, ווי אין סעוואַסטאָפּאָל...

— איך געדענק! אַלץ געדענק איך!

עזרע שטעלט פֿאָר פֿאַר דעם גרײַז־גראָוון קאָלעגע און אַלטן פֿרײַנט זײַנעם פֿונעם סעוואַסטאָפּאָלער אָרקעסטער אַראָנען קאַמסקין און שאָלעמ־קען:

— אָט דער איז מײַן לערער, און דאָס איז מײַן טאַלמיד.

דער גרײַז־גראָוער אַראָן האָט פֿעסט געדריקט קאַמסקיס האַנט און אים אָנגערופֿן זיידע.

— ווײַבאַלד אײַער טאַלמיד האָט שוין אַליין אַ טאַלמיד, זײַנט איר אַ לערער אַ זיידע, און אַ זיידע איז גאָר אַ באַזונדער מאַעסטראָ.

אַלע האָבן הילכיק געלאַכט, און הילכיקער פֿון אַלע האָט געלאַכט שאָלעמקע, אים האָט אויסגעזען שטאַרק מאָדנע, וואָס קאַמסקי, וועלכן קיינער רופֿט ניט טאַטע, איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ זיידע.

סײַ עזרע און סײַ דער גרײַז־גראָוער אַראָן האָבן זיך אַזוי דערפֿרייט איינער מיטן צווייטן, אַז מע האָט פֿאַרגעסן פֿרעגן, ווי קומען זיי אַהער קיין וואַרשע און וואָס טוען זיי דאָ.

און ערשט דאַן, ווען אַראָן האָט אַ קוק געגעבן אויפֿן זייגער און זיך געכאַפּט, אַז ער מוז לויפֿן, האָט עזרע זיך דערוווּסט, אַז אַראָן שפּילט דאָ אין וואַרשע אין סימפֿאָנישן אָרקעסטער פֿון אָפּערע־טעאַטער.

— דער זייגער איז שוין נאָך זעקס, איך מוז לויפֿן, — האָט דער גרײַז־גראָוער מוזיקאַנט זיך געווענדט צו אַלע דרײַ מיטאַמאָל, — נאָר איך געזעגן זיך ניט מיט אײַך, איך גלייב, אַז האַלב אַכט וועלן מיר זיך באַגעגענען, וווּ? נו, זאָל זײַן באַם צענטראַלן אַרײַנגאַנג פֿון שטאָט־טעאַטער. איך וועל אײַך דורכפֿירן און אײַנאָרדענען אין דער „גרוב“ פֿון אָרקעסטער, הײַנט וועט זײַן אַן אויסערגעוויינלעכער קאָנצערט, ס׳וועט זײַן וואָס צו הערן און וואָס צו זען. געדענקט זשע, פּונקט האַלב אַכט וואַרט איך אויף אײַך!

די טרעפּ, וואָס האָבן געפֿירט אין דער נידער אַראָפּ אין אָרקעסטער, האָט זיך שאָלעמקען אויסגעדוכט, דאָס זײַנען די טרעפּ פֿון יענעם לייטער, וואָס יאַנקעוו האָט געזען אין חלום, ס׳איז דער לייטער, וואָס שטייט אויף דער ערד און דערלאַנגט ביז צום הימל.

ביסטו אויפֿן הימל און עס ציט דיך אויף דער ערד, וועט דיך דער לייטער בעשאָלעם אַראָפּלאָזן אויף דער ערד; ביסטו אויף דער ערד און עס ציט דיך צום הימל, וועט דיך דער לייטער אין איין אויגנבליק ביז צום הימל דערהייבן. אויף אַזאַ לייטער קאָן מען שטאַפּל נאָך שטאַפּל זיך דערקלײַבן ביזן גאַניידן און זיך דאָרט באַגעגענען מיטן זיידן.

דער זיידע וואָלט אים שטאַרק זידלען:

— פע, ניט שיין, פע, ניט לײַטיש פון דײַן זײַט. איך האָב דיך אזוי ניט געלערנט, וואָס הייסט דו לאָזט איבער די מאמע אף א גאנצן טאָג און נאָך אין א וועלכן טאָג — אינעם ערשטן טאָג שיווע, און שלײַעסט זיך ארום איבער די ווארשעווער גאסן. ס'איז דיר קארג געווען דער טאָג, ביסטו נאָך געקומען אהער אין טעאטער, און די מאמע מיטן טאטן ווייסן ניט וואָס איבערצוטראכטן. אף אזוינס האָב איך זיך גאָרניט געריכט פון דיר...

נאָר אָנשטאָט דעם זיידן דערזעט שאָלעמקע א ליכטיק באלויכטענעם זאל מיט פליושענע שטולן, מיט לאָזשעס און גאלערייען.

שאָלעמקעס אויגן ווערן פארבלענדט, זיי זײַנען ניט צוגעווינט צו אזא העלער שײַן.

די ענג־ליוסטערס זעען אויס אין שאָלעמקעס אויגן ווי נעסטן, אין וועלכע די זון מיט אלע אירע שטראלן זײַנען געקומען אף נאכטלעגער.

דער זאל ווערט פון מינוט צו מינוט פולער. עס דערטראָגט זיך א שורשען פון זײַדענע קליידער, א הודזשערײַ און א געטומל.

אלע ווײַלע גיט א זעץ אין שאָלעמקעס נאָזלעכער א באזונדער פאר־פומען־רייעך, א רייעך פון סעדער, פון פרישן, ערשט אָפגעשניטענעם היי, פון בעז, פון רויזן. די רייכעס פארשיקערן אים. שאָלעמקע לאָזט זיך אראָפּ אף צוויי טרעפּלעך נידעריקער, ער פילט, ווי עס גרייט זיך א שטורעם, עס וועט לאנג ניט געדויערן, און דער שטורעם וועט אויסברעכן!

אזויפיל מוזיקאנטן, אזויפיל פולטן, אזויפיל אינסטרומענטן, אזויפיל אופגעמישטע נאָטן־ביכער.

און דאָרט הינטערן פאָרהאנג, וואָס טוט זיך דאָרט? ווער ווייסט, וואָס עס טוט זיך הינטער א פאָרהאנג? דאָרט איז אן אנדער וועלט, א פאר־הוילענע.

אראָן האָט פאָרגעשטעלט פאר די מוזיקאנטן עזרען, קאמסקין — עזרעס לערער — און עזרעס טאלמיד שאָלעמקען.

די מוזיקאנטן האָבן פרײַנטלעך זיך געגריסט מיט זיי.

שאָלעמקע האָט זיך גלײַך דערפילט ווי צווישן אייגענע און אָנגעהויבן זיך באקאנען מיט די אינסטרומענטן, מיט זייערע פארשיידענע שטימען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון אלע זײַטן באם אָנשטעלן זיי. ער האָט פאר־גליכן דעם אלט מיט בערעלעס אלט, וואָס זינגט אין כאָר־שול. אין כאָר איז בערעלעס אלט דער קלענסטער, און דאָ אין אָרקעסטער איז דער אלט אף א סאך גרעסער פון אלע פידלער לעבן אים. מאָדנע.

און שאָלעמקען דוכט זיך, אז דער וויאָלאָנטשעל מיט זײַן הארציקער שטים האלט אים אונטער: „מאָדנע! אוודע איז עס מאָדנע".

שאָלעמקע פארמעסט זיך מיטן קאָנטראבאס. ער קאָן אים ניט דער־לאנגען. דער קאָנטראבאסיסט קאָן אים אויך ניט גרייכן. ער קאָן אים זיצנדיק ניט אָנשטעלן. דער קאָנטראבאס מיטן קאָנטראבאסיסט זײַנען קימאט פון איין גרייס.

שאָלעמקע הערט זיך צו צו דער שטים פונעם קאָנטראבאס. זײַנע קלאנגען גייען ווי פון אונטער דער ערד. ער לייגט אויס זײַנע פעסטע נידעריקע קלאנגען ווי אין א פונדאמענט, זיי זאָלן קאָנען איבערטראָגן

אף זיך די העכסטע קלאַנגען־שטאָקן, וואָס דער אָרקעסטער וועט אַרופֿוואַלגערן אויף זיי.

די האַרפֿע האָט אַזוי פֿאַרכאַפּט שאָלעמקען, אַז ער האָט גאָר ניט באַמערקט, ווי זײַנע פֿינגער זײַנען אײַליק דורכגעלאָפֿן איבער די פּילצאָליקע סטרונעס. די איבערגעשראָקענע סטרונעס האָבן אופֿגעהויבן אַ ליאַרעם, ווי אויף אַ סרייפֿע. די האַרפֿיסטקע האָט זיך צעלאַכט. דער געלעכטער האָט געשפּריצט פֿון אירע ברייט צעעפֿנטע אויגן, שטיפֿעריש געשפּרונגען איבער איר דין געטאָקטער נאָז און איבער די ליפּן, פֿאַרפּלאָנטערט זיך אין אירע בלאָנדע האָר, אין יעדן פֿאַלד פֿון איר ווײַסן קלייד.

— אַנטשולדיקט! — האָט עזרע געבעטן פֿאַר שאָלעמקען און איז שטאַרק רויט געוואָרן. — אַנטשולדיקט אים, דאָס זעט ער צום ערשטן מאָל אין לעבן אַ האַרפֿע...

— ער האָט גאָרניט געטאָן אַזוינס, מע זאָל אים דאַרפֿן אַנטשולדיקן! — האָט די האַרפֿיסטקע געענטפֿערט אויף פּויליש. — פֿאַרקערט, מיר געפֿעלן אַזעלכע כעוורע, וואָס ווילן אַלץ וויסן, וואָס ווילן אַלץ דערגיין מיט זייער אייגענעם סייכל. איך האָב פֿײַנט פֿאַרשלאָפֿענע, גלײַכגילטיקע.

— דאָס האָט נאָר אַ שײַכעס צו קליינוואַרג? — האָט עזרען זיך געוואָלט פֿרעגן בײַ דער האַרפֿיסטקע און איז גלײַך גרייט געווען זיך אַליין אויסזידלען פֿאַר דער האָזע פֿון וועלן זיך אַרויסשטעלן און זיך אָנשלאָגן אויף אַ קאָמפּלימענט, אויף אַ גוט וואָרט.

שאָלעמקע האָט דערווײַל באַוויזן איבערצוציילן די סטרונעס פֿון דער האַרפֿע און אויסגעשריִען:

— אַ פֿידל האָט פֿיר סטרונעס און שפּילט אַזוי שיין, איז וויִאַזוי זשע שפּילט שוין אַ האַרפֿע, וואָס פֿאַרמאָגט אַזויפֿיל סטרונעס?!

— ניט אין די סטרונעס גייט עס, — האָט דערקלערט די האַרפֿיסטקע, — די האַרפֿע איז דעם פֿידלס עלטערבאָבע, נאָר דאָס אור־אור־אייניקל, דער פֿידל, האָט איבערגעשטיגן זײַן עלטערבאָבע...

אין אַ רעגע אַרום וואַקסט שאָלעמקע אויס בײַ דער פֿלייט. ער איז איבעראַשט פֿון די ווונדערלעכע קלאַנגען, וואָס די פֿלייט ברענגט אַרויס פֿון זיך. און אָט פֿאַרקלעמט אים דאָס האַרץ פֿאַרן גאַבאָי. דעם גאַבאָי, דוכט זיך שאָלעמקען, איז עפּעס ניט גוט, שטאַרק ניט גוט, און ער קאָן צו יעדער מינוט אַרײַנפֿאַלן אין אומעט, זיך קלאָגן און אויסדערציילן אַלץ, וואָס ס'טוט אים וויי.

דער פֿאַגאָטיסט האָט פֿאַר שאָלעמקען אין די אויגן אויסגעפּרוווט זײַן פֿאַגאָט, און שאָלעמקען איז געווען אַ כידעש, וואָס האָט דאָ צו טאָן אין אָרקעסטער דער פֿאַגאָט, וואָס כריפּעט ווי אַ פֿאַרקילטער און וואָרטשעט, ווי אַן אַלטער מאַן, אָן וועמען מע האָט פֿאַרגעסן.

און דער פֿאַגאָטיסט פֿאַלט בײַ זיך ניט אַראָפּ, ער ווייסט, אַז די אַלע כעסרוינעס זײַנען די גרעסטע מײַלעס פֿונעם פֿאַגאָט — דאַרף מען עמעצן אויסלאַכן, כויזעק מאַכן, אָפּשפּילן אַ קאָמישע סצענע, איז קיין בעסערער לעץ פֿון אים ניטאָ.

און אָט איז דער קלאַרנעט. שאָלעמקע האָט שוין לאַנג געהערט פֿון

קאמסקין, אז „קלארנעט" שטאמט פון לאטײַניש „קלארנע", וואָס באַ־טײַט ריין, קלאָר, פארשטענדלעך.

בא קאמסקין איז ניטאָ קיין וואָרט גלאט אין דער וועלט ארײַן. יעדעס וואָרט שטאמט און קומט בא אים פון ערגעץ.

„מוזיק" שטאמט פון די מוזעס, און „אָרקעסטער" קומט פון גריכנ־לאנד, דאָס וואָרט האָט זיך מיט דער צײַט געענדערט, ווי אלץ אין דער וועלט ענדערט זיך...

אזויפיל „פונוואנען" און „פארוואָס"?! נאָר ווער האָט איצט צײַט צו פרעגן, ווען אזויפיל אינסטרומענטן האלטן זיך אין איין פאָרשטעלן מיט זייערע באזונדערע קלאנגען.

שאָלעמקע לויפט נאָך נאָך די קלאנגען, און עס ווערט אים גאָרניט נימעס. ער וואָלט אזוי געלאָפן און גלאָפן אָן א סאָף און אָן עק.

נאָר אָט איז אָנגעקומען דער דיריזשאָר. עס ווערן שטיל די מוזיקאנטן, עס ווערן שטיל די אינסטרומענטן. דער דיריזשאָר האָט עטלעכע מאָל אָנגעקלאפט מיט זײַן שטעקעלע אין פולט. עס הייבט זיך אויף זײַן האנט, און דרײַ באזונדערע וועלטן, געקייטלטע אייגע אין דער צווייטער, טראָגן זיך דורך פאר שאָלעמקען... איין וועלט האָט זיך אויסגעלאָשן — אין צו־שויער־זאל איז געוואָרן פינצטער און שטיל, און די צווייטע וועלט איז נאָך אלץ געבליבן ערגעץ הינטערן פאָרהאנג. ליכטיק איז געווען בלויז דאָ — אין קאמסקיס, עזרעס און שאָלעמקעס וועלט — אין דער „גרוב" פון דעם אָרקעסטער. די מוזיקאנטן זײַנען ווי צוגעוואקסן צו זייערע אינ־סטרומענטן און געוואָרן איינס מיט זיי. דאָס שטעקעלע האָט א צאפל געטאָן אין דיריזשאָרס האנט, און די קלאנגען פונעם אָרקעסטער זײַנען זיך צעלאָפן אין אלע זײַטן. פארייניקט זיך און ווידער זיך צעפאלן. דאָס שטעקעלע יאָגט, דאָס שטעקעלע לאָזט ניט צורו. א דונער נאָך א דונער און א שאלן פון פרייד — די פעסטונג איז אײַנגענומען — דער פאָרהאנג איז אופגעהויבן.

א ווונדערלעכע וועלט! וויפל שײַן, וויפל לויטערקײַט! שאָלעמקען דוכט זיך, אז א וויכער האָט זיך צעטראָגן, שנייעלעך פאלן אף זײַנע וויִעס און מאכן אים צו די אויגן. עס גייט אים דורך א קעלט איבערן לײַב, ער ציטערט אוף. שאָלעמקע וויל פרעגן בא קאמסקין און עזרען, אף וועלכער וועלט ער געפינט זיך, וואָס קומט דאָ פאָר? און ער דערקענט ניט קאמסקין, דערקענט ניט עזרען. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען בא זיי אזעלכע אויגן, אזעלכע פּנעמער, זיי זײַנען גאָר ניט די, וועלכע ער קען. מיט וועלכע ער וווינט אין איין קאָרידאָר און מיט וועמען ער האָט הײַנט א גאנצן טאָג שפאצירט. זיי זײַנען אינגאנצן אנדערע.

און דער וויכער אף דער בינע ווערט אלץ שטארקער און שטארקער, און די ווײַסקײַט — אלץ ווײַסער און ווײַסער. שאָלעמקע נעמט ניט אראָפּ די אויגן פונעם דיריזשאָרס שטעקעלע, נאָר ער זעט אויך, וואָס אף דער בינע טוט זיך. דאָרט ווימלען טענצער און טענצערנס, און אלע דרייען זיי זיך ארום דעם פלינקסטן און שענסטן טענצער. דער טענצער זעט אויס ווי א בילד אין א ראַם, וואָס איז באזעצט ארום־און־ארום מיט בלומען. און אָט צעפאלט זיך די ראַם, און דער טענצער אײַלט באגעגענען די בע־

סטע, די שענסטע און פלינקסטע טענצערן, וואָס שטרעקט צו אים אויס אירע הענט. אָט־אָט דערגרייכט ער זי, אָט־אָט דערלאַנגט ער זי, נאָך איין באַוועגונג, נאָך איין טראָט, אָבער דער לעצטער טראָט, לאָזט זיך אויס, איז שווערער פון אַלע טריט. נאָר דער שענסטער און פלינקסטער טענצער איז בא זיך ניט געפאַלן, כאָטש ער פאַלט נידעריק ביז צו דער ערד. א פלי, א שפּרונג, א העכערן פלי און א ווייטערן שפּרונג, און די בעסטע, פלינקסטע און שענסטע טענצערן פלאַטערט אין זיינע הענט, פלאַטערט מיט אַלע פאַלדן פון איר קלייד, וואָס צעפּעפּענען זיך ווי די בלעטלעך בא דער רויז.

ווען שאַלעמקע וואָלט איצט געהאַט צען פּאָר אויגן, וואָלט אים ניט גענוג געווען אַלץ ארומכאַפּן, אַלץ באַטראַכטן און אַלץ באַוואונדערן. צי דען קאָנען מענטשן אזוי טאַנצן?

שאַלעמקע נעמט ניט אראָפּ זיינע אויגן פונעם דיריזשאָרס שטעקעלע, וואָס רייסט פון דער טיף די קלאַנגען און צעוואַרפט זיי, ווי קוועקזילבער אונטער די פיס פון די טאַנצנדיקע.

הענט ווי פליגלען און פיס מיט פליגלען! הענט און פיס מיט אַלע אייוור־רים צוזאַמען פאַרמאָגן זייער באַזונדער לאָשן, ריידן, דערציילן, פרייען זיך און טרויערן.

ווונדער! וווּנדער איבער וווּנדער!

עזרען הערן מער פון אַלץ ניט אויף וווּנדערן דער האַרפּיסטקעס פינגער, די קלאַנגען, וואָס זי ברענגט ארויס פון איר האַרפּע. נאָר וואָס איז מיטא־מאָל געשען? ער הערט, ווי מיריעמס קאָל רייסט זיך ארויס פונעם קלאַנ־גען־וויכער:

— עזרע! עזרע! וואָס טוסטו עס? וואָס פאַר א קישעף האָט אָפּגעקערט דיין בליק פון מיר צו איר?

עזרע!

עזרע!..

עזרע קוקט זיך אום, און עס דוכט זיך אים, אז פון אַלע זייטן, פון פּאַר־טער, פון יעדער לאָזשע, פונעם אָרקעסטער, פון דער בינע, קוקט אַף אים מיריעם.

נאָר קוים פּרוּווט זי זיך דערנענטערן צו אים, רייצט אַן אַף איר די האַרפּיסטקע די קלאַנגען פונעם אָרקעסטער. די קלאַנגען באַפאַלן זי פון אַלע זייטן און שלײַדערן זי אַוועק אזוי ווייט, אז ער זעט זי מער ניט.

„מיריעם! מיריעם! — האַלט עזרע ניט אויס, און אַלץ שרייט אין אים. — מיריעם מיריעם! קער זיך אום, ס׳איז א טאָעס, ס׳איז א מיספאַרשטייעניש. ניט אַף אירע פינגער קוק איך, נאָר אַף די הענט פונעם דיריזשאָר, זע, ווי געשווינד דעם דיריזשאָרס שטעקעלע צויבערט און מאָלט, פונקט דאָס זאָל זיין א פּענדזל. אין איין אויגנבליק ווערן באַשאַפן בילדער. זע, ווי דאָס שטעקעלע הערשט איבער די שפּילער, איבער די טענצער, איבער די צו־שויער. ווי לייכט דער דיריזשאָר באַוועגט און פאַרקערעוועט זיין האַנט. זע, סאַרא זשעסט! אזוי פּאָכעט מיט איר פליגל די שוואַן, ווען זי זינגט איר שוואַנען־ליד. מיריעם, קוק זיך צו און זע, ווי פאַרגליווערט ער איז גע־בליבן. א דענקמאָל! אַן עכטער דענקמאָל! דו הערסט? דער שטורעם האָט

זיך שוין אַנגעהויבן. קוק זיך צו און זע, ווי דער דיריזשאָר האָט דעם קאָפּ פאַרבויגן און דער אויער זײַנער הערט זיך צו און קלײַבט אָפּ קלאַנג נאָך קלאַנג אַף אײַנשטילן און אָפּשטעלן דעם שטורעם. שטילער! שטילער! די הענט צוימען פריִער פון אַלעמען זיך אַליין. דער דיריזשאָר שפּאַרט, קאַרגט און לאָזט ניט אַוועק די הענט זײַנע ווײַט פונעם האַרצן. סאַראַ גוטע אויגן ס'זײַנען בא אים, זיי האַלטן זיך אין איין בעטן, אין איין דאַנקען פאַר יעדן ריכטיק אַרויסגעבראַכטן קלאַנג. און די הענט, אַזעלכע שטרענגע, זיי האָבן קיין ראַכמאָנעס ניט, האַלטן אין איין באַפעלן און אין איין פאָדערן — בעסער! בעסער! מ'קאָן נאָך בעסער! העכער! טיפער! נאָך העכער! נאָך טיפער! א באַרג־אַרוף! דעם דיריזשאָרס הענט ציִען זיך אויס אין דער הייך ווי צו א טפילע, זיי בעטן, אַז יעדן קלאַנג זאָל סטײַען אָטעם, אַז קיין איינער פון זיי זאָל זיך ניט אַראָפּקוויקלען און ניט פאַרפאַלן גיין!"

די רעכטע האַנט פונעם דיריזשאָר גיט א פּלי אינדערלופטן, און די לינקע האַנט יאָגט נאָך די רעכטע מיט א שליסנדיקער פויסט, וואָס דראָעט, אַז איצט וועט גאָרניט געשענקט ווערן, אַז איצט וועט קיין זאַך ניט פאַרגעסן ווערן. איצט איז די שווערסטע און סאַמע געפערלעכסטע מינוט, פאַרשפּילט מען די לעצטע מינוט, וואָס פירט צום פינאַל, איז אַלץ פאַרשפּילט!

די מינוט ציט זיך ווי אַן אייביקײַט!

עזרע האָט פאַרגעסן די האַרפּיסטקע, מיריעמען, ער האָט פאַרגעסן זיך אַליין. איצט איז אַף גאָר דער וועלט פאַרבליבן בלויז זי, די מינוט...

די מינוט איז אויסגעשפּילט! דער סאָף האָט ניט פאַרשעמט דעם אָנהייב...

עס לאָזן זיך אָנמעכטיק אַראָפּ דעם דיריזשאָרס הענט, עס לאָזט זיך אַראָפּ דער פאָרהאַנג.

אין זאַל איז געשטאַנען א היץ. אייניקע עלטערע צושויער און יונגע באַכורים מיט מיידלעך זײַנען געבליבן זיצן אַף די ערטער. דעם יונגוואַרג גייט ניט אָן דער איבערײַס אַף דער בינע. זיי זײַנען אַליין פאַר זיך די אַקטיאָרן, די הויפּט־העלדן, די פאַרליבטע. זיי זײַנען ערשט אַרײַנגעטראָטן אין דער שפּיל, און זיי וואָלטן וועלן, אַז דער אָנהייב זאָל קיינמאָל ניט דערגיין צו קיין סאָף.

דער גרײַזער אַראָן האָט געפירט זײַנע געסט — עזרען, קאַמסקין און שאָלעמקען — איבערן צושויער־זאַל און אַלע ווײַלע געבעטן זיך צוקוקן און באַטראַכטן:

— איר הערט? איצט גיט אָפּ דער זאַל קאָנצערט!

דעם אַרכיטעקטאָר פון זאַל האָט אַראָן פאַרגלײַכט צו א דיריזשאָר, וועלכער האָט דאָ איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַזוי אויסגערעזשיסירט אַלץ, אַז ער דאַרף זיך מער ניט באַווײַזן — אַלץ שפּילט שוין אָן אים.

אַראָן און עזרע טיילן זיך מיט זייערע אײַנדרוקן וועגן דעם ערשטן טייל פון קאָנצערט און וואַרפן זיך דורך מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס זײַנען אומפאַרשטענדלעך שאָלעמקען. אים געפעלט שטאַרק דער קלאַנג פון די דרײַ אומבאַקאַנטע ווערטער: „וויוואַ", „וויוואַטשע", „וויוואַטשיסימע", און ער שטייט צו צו קאַמסקין, ער זאָל אים דערקלערן זייער באַדײַט.

קאמסקי קאָן ניט דורכלאָזן אזא געלעגנהײט, ווי פארטײטשן און דער־קלערן, פונוואנען און וויאזוי איז געקומען דאָס אָדער יענץ וואָרט אף דער וועלט.

— וויוואַ קומט פונעם לאטײנישן וויטא, און וויטא איז דער טײַטש — לעבן, דאָס הייסט — לעבעדיקער! וויוואטשע — גייט פונעם זעלבן שוירעש, און דער טײַטש זײַנער איז — נאָך לעבעדיקער! וויוואטשיסימע — איז ווי־וואס און וויוואטשעס א ברודער, ער איז א ספריטנער און קאָן ניט אײַנ־שטיין אף קיין אָרט. וויוואטשיסימע איז דער טײַטש — לעבעדיק, וואָס לעבעדיק הייסט!

— יאָ, אָט דאָס מיין איך טאקע, — איז אראָן שטארק צופרידן פון קאמ־סקיס טײַטשן. און דאָך לאָזט ער ניט זיך אָפשטעלן אף קיין מינוט, — גי־כער, גיכער! נישטאָ קיין צײַט! פארגעסט ניט, אז אין דעם צווייטן טייל פון קאָנצערט שפּילט דער אָרקעסטער אף דער בינע. גיכער! גיכער! הײַדא נאָך מיר אף דער גאַליאָרקע. זײַן אין טעאטער און ניט ארוף אף דער גאליאָר־קע וואָלט געווען זייער ניט שיין פון אײַער זײַט.

אף דער גאליאָרקע האָבן זיי געטראָפן אן אלטיטשקן מיט יונגע אויגן און מיט לאנגע, דיקלעכע וואָנצן. ער האָט זיך שטארק דערפרייט מיט אראָנען, פעסט געדריקט אים די האנט און געבעטן איבערגעבן זײַן דאנק און באוונדערונג דעם דיריזשאָר און יעדן מוזיקאנט באזונדער.

— אויסגעצייכנט אָרקעסטרירט, אויסגעצייכנט אויסגעפילט! סעמפליא־טשע! סעמפליאטשע! פּראָסט, פּאָשעט און פארשטענדלעך.

אראָן האָט פאָרגעשטעלט פאר דעם אלטיטשקן קאמסקין, עזרען און שאָלעמקען:

— באקאנט זיך! דער פּאַן איז איינער פון די גרעסטע מעלאָמאנען אין ווארשע, א מעלאָמאן פון מעלאָמאַנען... אים ווערט קיינמאָל ניט נימעס קיין מעלאָדיע, און הערט ער עפּעס נײַס, איז ער דער גליקלעכסטער אין דער וועלט. צוליב א מעלאָדיע איז ער גרייט זיך אופכאפּן אינמיטן דער נאכט און גיין הונדערט ווערסט צופוס.

— נו, נו, גענוג, — פארויטלט זיך דער אלטיטשקער, — אויב עמעצן לויבן, דארף מען פריִער פון אלץ אײַך, די מוזיקאנטן.

באם געזעגענען זיך האָט אראָן געפרעגט באם אלטיטשקן, ווי קומט ער אהער אף דער גאליאָרקע.

— דאָ, אף דער גאליאָרקע, — האָט זיך דער אלטיטשקער גענומען צופּן די וואָנצן, דערבײַ זײַנען זײַנע יונגע שטיפערישע אויגן ארומגעלאָפן הין און צוריק, — דאָ, אף דער גאליאָרקע, קומט פאָר דער ראנדעוווּ מיט מײַן יוגנט. ס'איז א געהיימע באגעגעניש, די עלטער טאָר וועגן דעם ניט וויסן. די עלטער איז גוואלדיק אייפערזיכטיק צו דער יוגנט. אמאָל, ווען איך בין געווען א גימנאזיסט, דערנאָך א סטודענט, איז דאָ, אף דער גאליאָרקע, געווען מײַן אָרט. אהער, אין דער הייך, זײַנען דערגאנגען צו מיר אלע קלאנגען, יעדע באוועגונג, יעדער זשעסט. דער געהער איז געווען אָפן, אָנגעשפּיצט און געהאָרכזאם, ווי דער געהער באם גרענעץ־וועכטער, און דאָס אויג, ווי באם יעגער, וואָס צילט און טרעפט. נאָר די יאָרן זײַנען ניט קיין גאליאָרקע, זיי שטייען ניט אף קיין אָרט, זיי לויפן, לויפן אראָפּ אלץ

נידעריקער און נידעריקער. א יאָר נאָך א יאָר, און איך בין אזוי פאמעלעך דערגנידעריקט געוואָרן ביזן פּאַרטער. אָנגעהויבן האָב איך פון די לעצטע רייען, און וואָס עלטער איך ווער, אלץ מער דערנעענטער איך זיך צו דער בינע. אָבער וואָס מער איך דערוויַיטער זיך פון דער גאַליאָרקע, אלץ מער ציט מיך צו איר. עס טרעפט אמאָל, אז עס גיט מיך אזא צי פון דער ניַי־דער צו דער הייך, ווו מיַין יוגנט איז געזעסן, אז איך האלט ניט אויס און מיט די לעצטע קויכעס קאַראַפּקע איך זיך ארויף אהין און קום צוגאסט צו מיַין יוגנט, וואָס וויל ניט און קאָן ניט אף קיין מינוט ניט אראָפּנידערן צו מיר אין פּאַרטער. הייַנט פאַרשטייט איר שוין, ווי איך קום אהער, אף דער גאַליאָרקע?

אראָן האָט אוועקגעפירט שאָלעמקען הינטער די קוליסן. ערשט דאָ האָט זיך פאַר דעם יינגל געעפנט א שפּאָגל־ניַיע וועלט.

ווען שאָלעמקע האָט דערזען פונדערוויַיטן א לעוואָנע מיט שטערן, האָט ער זיך ניט געכידעשט, ס'איז איצט אפּדערנאַכט. נאָר ווען ער האָט איינ־ציַיטיק פון דער צווייטער זיַיט דערזען, ווי די זון גייט אויף, האָט ער ניט געוווסט, אף וועלכער וועלט ער געפינט זיך. שאָלעמקע הייבט זיך אוף אפן העכסטן שטאפּל פון א לייטער צו דער לעוואָנע — און די לעוואָנע ווערט אויס לעוואָנע. ער רירט זיך צו צו איר מיטן פינגער — זי איז קאַלט, טויט, ווי אלע טויטע, די זון איז קיין זון ניט, א גרויסער געלבלע־כער קיַילעך, ארום־און־ארום וויַיסע פלעקן און מער גאָרניט.

שאָלעמקע האָט שוין דאָ מער ניט קיין מוירע פאַרן וואַלד מיט די כיַי־עס. עס שרעקן אים ניט די בערג, די פעלדזן, דער יאַם מיט די כוואַליעס. א לייב שטייט אינמיטן וועג, און שאָלעמקע גיט קיין ציטער ניט, ער כאַפּט זיך ארויף אף אים ריַיטנדיק, און קומט אים אנטקעגן א שטאָלענע פיגור פון א ריטער, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס, קלאַפּט אים שאָלעמקע אין פליי־צע ווי זיַינעם א לעצטן גוטנברודער.

שאָלעמקע האָט זיך געלאָזט לויפן צו קאַמסקין און עזרען, קעדיי דער־ציילן וועגן די אלע כידושים, וואָס ער האָט געזען הינטער די קוליסן, נאָר דער וועג איז שוין געווען אָפּגעשניטן — עס האָט זיך אָנגעהויבן די צוויי־טע אָפּטיילונג פון קאָנצערט. דער סימפאָנישער אָרקעסטער איז געווען אף דער בינע. עזרע און קאַמסקי זיַינען געבליבן אין דער „גרוב", ווו זיי זיַינען ביז דעם געזעסן.

אָנגעהויבן האָט דער סימפאָנישער אָרקעסטער. נאָכדעם האָט ער פריַי געמאַכט דעם וועג פאַר פאַרשיידענע זינגער און שפּילער. דער אָרקעסטער האָט זיי בלויז באַגלייט.

עס זינגט א זינגערן... פונקט ווי א סאָלאָווײ פאַרגייט זיך אף א צוויַיג. א צוויטשעריַי, א טרילעריַי. יעדער טאָן צעגיסט זיך אין טוי־טראָפּנס, אין בלישטשענדיקע יאַם־שפּריצן, אין א מאַבל פון פונקען. ווידער און ווידער צעפיצלט זיך, צעבערעקלט זיך די שטים, און יעדער קלאַנג פאַרקויקלט זיך אזוי הויך, אז ס'איז שווער מיטן אויער אים דערלאַנגען, אזוי הויך, אז עס דוכט זיך — פון דאָרטן וועט זיך שוין מער קיינמאָל קיין איין קלאַנג ניט

אומקערן אַף צוריק. נאָר דאָ טוט די זינגערן, ווי א קישעפּמאכערן, פלינק א זאמל צונויף די צוזשאָטענע און צעוואָרפענע שפּליטערס פון איר שטים, און ווארעמע מילדע טענער דערפרייען דאָס האַרץ.

און אָט טרעט אוף א זינגער. עזרע באמערקט, ווי עס ציטערט אינעם זינגערס הענט דער צונויפגעוויקלטער נאָטן־בלאט. אָט אזוי פלעגט ציטערן דער פידל אין פעדאָצערס הענט, איידער ער פלעגט אָנהייבן שפּילן; אָט אזוי פלעגט ציטערן דער פידל באם טאטן, בא לייבלען, בא עלישען. אויך ער, עזרע, פילט זיך אין דער מינוט, ווען ער נעמט דעם פידל אין דער האנט, גלײַך ווי מ׳זאָל אים פלוצעם ארײַנוואַרפן אין אײַז־קאלטן וואסער. עזרע געדענקט ניט, פון וועמען האָט ער עס געהערט דערציילן, אז אפילע ער, אנטאָן רובינשטיין, דער הערשער פונעם ראָיאל, איידער ער פלעגט ארויסטרעטן אַף דער עסטראדע, פלעגט זײַן געדיכטע גריווע פלאטערן, ווי א ווינט זאָל זי באפאלן, זײַנע מעכטיקע הענט האָבן זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען, ארומלויפנדיק הין און צוריק, האָט ער אויסגעזען ווי א לייב אין שטײַג. איימאָסאָ דעציבוראָ — מוירע פארן אוילעם, — אזוי פלעגט פעדאָצער אָנרופן אָט דעם דאָזיקן צושטאנד.

דער זינגער האָט אויסגעפילט קאלינקאָווס „אַף אן אלטן קורגאן“, די ליד וועגן סאָקאָל, וואָס איז שוין טויזנט יאָר צוגעשמידט צום אלטן קורגאן. דער סאָקאָל שרײַט, גייט אויס נאָך פרײַהײַט, און ער, דער זינגער, האָט אים דערהערט, דערפילט, וואָס יענער לעבט איבער, און פונעם הילכיק אָנ־געגעמענעם באריטאָן טריפן טראָפּנס בלוט, ווי פונעם סאָקאָלס ברוסט... און דער סטעפּ ארום איז ברייט, דער סטעפּ איז אומענדלעך, און דער אומגליק לויפט איבער אים, ווי א ווינט אומגעשטערט...

דער קאָנפעראנסיע מעלדעט וועגן דער ארויסטרעטונג פון א פידלער.

עזרע קוקט זיך צו, ווי דער פידלער נעמט דעם פידל אין דער האנט, ער שפּירט נאָך יעדע מינדסטע באוועגונג זײַנע. אָט אזוי, פונקט אזוי, האלט ער, עזרע, דעם פידל.

עזרע בייגט עטוואָס אָן דעם קאָפּ, ציט אויס די לינקע האנט און הייבט אוף איבער איר די רעכטע...

קאמסקי שטופּט אָפּ עזרעס אָנגעשטעלטע הענט, גרייטע צום שפּילן:

— ווו געפינסטו זיך? וואָס טוסטו עס?

עזרע איז רויט געוואָרן. אים האָט זיך געוואָלט דערהערן, ווי וואָלטן די זעלבע קלאנגען זיך באקומען בא אים. ער איז זיכער, אז בא אים וואָלטן זיי געקלונגען גאָר אנדערש.

פעדאָצער האָט געזאָגט: צווישן טויזנט פידלער דארף מען דערקענען דעם שפּילער לויט זײַן באזונדער באוועגן מיט דער האנט, לויט זײַן באַ־זונדער קלאנג, לויט דער שפּיל, וואָס נאָר ער קאָן אזוי שפּילן און ניט קיין אנדערער. ווי א קינד, וואָס וועט קיינמאָל ניט פארפלאָנטערן און דערקענען די שטים פון זײַן מוטער צווישן טויזנט אנדערע מוטערס, אזוי דארף מען ניט פארפלאָנטערן און דערקענען די שטים פון דעם אָדער יענעם פידלער צווישן טויזנט אנדערע פידלער...

עזרע גייט מיטן פידלער גלײַך באגלײַך, האנט בא האנט, ער, עזרע,

וואָלט עס אויך געקאָנט שפּילן, מער ניט, ער וואָלט עס געשפּילט אַף זײַן אויפֿן...

דער סמיק האָט ווי אומבאַמערקט אַנגעוויזן דעם פֿידלער דעם אומזעַ־באַרן וועג, אַף וועלכן ער, עזרע, וואָלט זיך קיינמאָל ניט אָנגעשטויסן. דער פֿידלער איז אַוועק מיט יענעם וועג און איבערגעלאָזט אים, עזרען, ווײַט הינטער זיך. ניין, ער, עזרע, וואָלט קיינמאָל ניט געקאָנט אַזוי טיף אַרויס־ברענגען דעם אומעט, יעדן קלאַנג באַזונדער. ניין, אַזוי שפּילן וועט ער קיינמאָל ניט קאָנען. אַזוי קאָנען שפּילן בלויז אויסדערוויילטע.

שטיל. דער פֿידל האָט זיך נאָך איינזאַמקייט פֿאַרבענקט. אין דער שטיל־קייט צערינט עזרעס קינע, עזרעס געפּאַלנקייט און ניט־גלייבן אין זיך. די שטילקייט פֿאַרטראָגט עזרען ווײַט פֿונדאַנען, ער איז שוין דאָ מער ניטאָ. אַ ליידיקער זאַל. געבליבן איז בלויז אויג־אַף־אויג דער פֿידלער מיט זײַן פֿידל, און דער פֿידלער בעט זיך באַם פֿידל: „זע, נאָר מיט דיר אַליין בין איך געבליבן, איז אַנטפּלעק זשע פֿאַר מיר אַלע סודיעס, וואָס מײַן אויער האָט נאָך ניט געהערט, וואָס מײַן אויג האָט נאָך ניט געזען". כוואַליעס פֿרייד יאָגן אַף די סטרונעס און שפּרינגען איינע איבער דער צווייטער. דער פֿידלער טוקט זיך אײַן די כוואַליעס און הערט ניט אויף זיך פֿליוסקען אין זיי מיט זײַנע פֿינגער. אַ רעגנבויגנדיקער קלאַנגען־פֿאָנטאַן שפּריצט מיט זאַפּטיקע לעבנס־רייכעס.

— אַ מעכײַע איז צו לעבן!

— ווי גוט ס'איז צו לעבן!

אַ דונער פֿון אַפּלאָדיסמענטן ענטפֿערט אָפּ:

„יאָ, ס'איז גוט, גוט צו לעבן אַף דער וועלט!"

דער פֿידלער נייגט זיך און בייגט זיך. דער פֿידל ציטערט אין זײַנע הענט, די פֿיס — קוים וואָס זיי שטייען אײַן. עס האָט זיך געדוכט, אַז דעם פֿידלער האָט ווײי געטאָן פֿאַר דער שפּיל, וואָס וועט זיך מער קיינמאָל ניט איבערכאַזערן און קיינמאָל שוין ניט קומען צו אים אַזאַ, ווי זי איז געווען אין דעם אָוונט...

נאָך האַלבער נאַכט האָבן עזרע, קאַמסקי און שאָלעמקע אַלץ נאָך גע־שפּאַנט איבער די וואַרשעווער גאַסן. זיי האָבן אָפּט זיך אָפּגעשטעלט — עס האָט זיך געוואָלט, אַז דער וועג אַהיים זאָל זיך ציִען וואָס לענגער און לענגער...

— איך וואָלט אַזוי געגאַנגען נאָך אַ טאָג און נאָך אַ נאַכט, — האָט זיך שאָלעמקע באַרימט און געוואָלט דערמיט דערוויזן, אַז ער איז שוין ניט קיין קליינינקער.

— וועגן אַזאַ טאָג, ווי הײַנט, וואָלט פּעדאָצער געזאָגט, אַז ער איז געגליכן צו דער אייביקייט.

ווען קאַמסקי, עזרע און שאָלעמקע זײַנען צוגעקומען צו דעם לאַנגן פֿינצטערן קאָרידאָר, האָבן זיי זיך געהאַלטן אין איין כידעשן: פֿאַרוואָס רעכנט מען וואַרשע פֿאַר אַ גרויסער שטאָט? וואָלט וואַרשע געווען אַ גרוי־סע שטאָט, וואָלטן זיי דאָך אַהער אַזוי גיך ניט געקומען?

אַלע דרײַ האָבן געשוויגן. ס'איז שווער געווען דערגיין — ווו איז וואָר און ווו איז כאַלעם? וועלכע וועלט איז די עמעסע — יענע, פֿון וועלכער זיי זײַנען ערשט געקומען, צי אָט די, אין וועלכער זיי וועלן באַלד אַרײַן?

דער פֿינצטערער קאָרידאָר איז אַ פֿאַרהאַרעוועטער געשלאָפֿן. בלויז אין איין פֿענצטער, אין דאָוויד דעם שנײַדערס פֿענצטער, האָט דאָס שיווע־פֿײַערל פֿונעם אַכטער לעמפּל זיך געשטיקט.

עס שאַרײַעט אַף טאָג...

אַלע דרײַ — קאַמסקי, עזרע און שאָלעמקע — זײַנען געבליבן אין דרויסן באַגעגענען דעם זונען־אויפֿגאַנג.

דאָס ווילנער באַלעבעסל

קאַזימיר שאַבעלסקי, דער דיריזשאָר פֿונעם סימפֿאָנישן אָרקעסטער אין וואַרשעווער אָפּערע־טעאַטער, האָט איבערגעגעבן דורך דעם גרײַזן אַראָ־נען, אַז עזרע זאָל קומען אַף איינע פֿון די רעפּעטיציעס. עזרע האָט זיך ניט געלאָזט בעטן און איז גלײַך אַפֿן צווייטן טאָג געקומען. שאַבעלסקי האָט אים פֿרײַנטלעך באַגעגנט און פֿעסט געדריקט זײַן האַנט:

— מײַן פֿרײַנט לעאָן פֿערעץ קאָן זיך גאָרניט אָנלויבן, ווי איר פֿילט אויס פֿעדאָצערס עלעגיע וועגן ווילנער באַלעבעסל און וועגן מאָניושקאָ. איז לאָמיר אויך הערן, לאָמיר האַנאָע האָבן.

די אומגעריכטקײַט האָט איבערגעשראָקן עזרען..

די האַרפּיסטקע האָט אים פֿרײַנטלעך צוגעטראָגן דעם פֿידל, זיך פֿאַר־נייגט פֿאַר עזרען און אין נאָמען פֿון אַלע מוזיקאַנטן געזאָגט:

— אונדז האָט איר שוין געהערט שפּילן, און איצט ווילן מיר אײַך הערן...

דער וואַרעמער ברוסטיקער קלאַנג פֿון איר שטים, דער באַריר פֿון אירע פֿינגער באַם איבערגעבן אים דעם פֿידל האָבן צונישט געמאַכט עזרעס צווייפֿל און פֿאַרדאַכט. עזרע האָט זיך דערזען אויג־אַף־אויג מיט יענער מינוט, אין וועלכער מע קאָן געווינען אָדער פֿאַרלירן אַלץ אין דער וועלט!

דער סמיק האָט אָנגערירט די ווונד פֿונעם ווילנער באַלעבעסל.

פֿעדאָצער האָט אין זײַן עלעגיע וועגן יויעל־דאָווידן, וועגן ווילנער באַלעבעסל, אויסגענוצט אַלס אַרײַנפֿיר דעם מאָטיוו פֿון „אייכאָ"[1] — וועגן גליק, וואָס איז פֿאַרשווונדן, און וועגן אומגליק, וואָס האָט נאָכגעיאָגט אַף שריט און טריט. דאָס איז געווען דער לייטמאָטיוו פֿון פֿעדאָצערס עלעגיע.

— אַני האַגעווער...[2] — הייבט אָן פֿעדאָצער פֿון יויעל־דאָווידס סאָף, אַז דער סאָף זאָל באַלײַכטן דעם אָנהייב, באַגלייטן דאָס גאַנצע לעבן זײַנס.

---

[1] אייכה — אַ טרויער־טפֿילע (קינעס), וועלכע פֿרומע ייִדן זאָגן טישעבאָוו.
[2] אני הגבר — אַ פּאָסעק אין „אייכאָ".

...דאָס ווילנער באַלעבעסל לויפֿט ארום א דולער איבער די ווארשע־ווער גאסן און קלאָגט זיך:

„...ניט פֿאר אײַך געדאכט, ניט פֿאר קיין מענטשן געדאכט! קוקט און זעט, צי ס׳איז נאָך פֿאראן אזא ווייטעק, ווי מײַן ווייטעק? ווי דער יאַם איז גרויס דער בראָך!״...

עזרע ווערט פֿעסטער און זיכערער בא זיך.

...יויעל־דאָוויד איז עלטער פֿון פֿינף יאָר.

א וועלט מיט קלאנגען.

...עס הוידען זיך צווײַגן, עס שורשען בלעטער, עס פֿײַפֿט א ווינט, א דונער נאָך א דונער, א רעגן כליופעט, א כוואַליע מיט א כוואַליע ריידן זיך איבער, בלומען פֿלאטערן און קוויקן זיך מיט די שטראַלן פֿון דער זון.

...זעגן זינגען, זעגן שנײַדן זיך אײַן אין די לײַבער פֿוןביימער, און ביימער קראַכן, ביימער פֿאַלן. א געריידערײַ פֿון דערוואקסענע, א גע־פּלאַפּל פֿון קינדער, א געוויין פֿון נײַ־געבוירענע, א געוויין נאָך די, וואָס זײַנען אוועק פֿון דער וועלט.

א ראַש, א טומל, א געפּילדער... שאַ, שטיל...

א סטרונע פֿארגייט זיך, און א קינדערשע שטים טײַנעט:

— דערבאַרעמדיקער פֿאָטער אין הימל, העלף!

— העלף! העלף! — כאַפּן אונטער די איבעריקע סטרונעס, ווי מע־שוירערים.

דאָס זינגט דאָס עלפֿיאָריקע ייִנגל יויעל־דאָוויד, דער עלפֿיאָריקער כאַזן פֿון דער ווילנער שול מיט זײַן כאָר...

די סטרונעס פֿון עזרעס פֿידל פֿראַוועען א כאַסענע.

דער „גאַסן־ניגן״ פֿירט צו דער כופּע, און אין וויכער פֿארפּלאָנטערן זיך א „שער״ מיט א „פֿריילעכס״, א „באַרויגעז־טאַנץ״ מיט א „בייגעלע״, א „סעמעלע״ מיט א „שטאָק״.

— מאַזלטאָוו! מאַזלטאָוו!..

צו פֿערצן יאָר האָט מען יויעל־דאָווידן כאַסענע געמאַכט, צו פֿערצן יאָר האָט יויעל־דאָוויד באַקומען א רײַכן שווער, א מיִעסע פֿרוי און א נײַעם נאָמען — דאָס ווילנער באַלעבעסל.

— מאַזלטאָוו! מאַזלטאָוו!..

יויעל־דאָוויד באַקומט אין דער ווילנער שול 450 קאָפּעקעס א וואָך און איז געצוווּנגען גיין אלע אינדערפֿרי און אלע פֿארנאַכט צו די מוסער־זאָגער הערן מוסער.

א כאַזן איז א שאָלִיעך־ציבור — א געשיקטער, אַן אויסדערוויילטער פֿון קאָהאָל, און אלס אזעלכער דאַרף ער זיך פֿאָרשטעלן פֿאר גאָט און אויסבעטן א לעבן פֿון געזונט און פּאַרנאָסע, פֿון מאַזל און בראָכע, א לעבן אָן בושע און אָן האַרצווייטעק, אויסבעטן נאַכעס פֿון קינדער און קינדסקינדער.

עס גייט דורך אזוי א יאָר, צוויי, דרײַ, פֿינף... — יויעל־דאָוויד ווערט א טאַטע פֿון קינדער. איצט איז יויעל־דאָוויד א דערוואַקסענער, און עס ווערן געשאַפֿן לעגענדעס וועגן יויעל־דאָווידס טענאָר.

א שטים מיט אלע שיינקייטן, מיט אלע ווייכקייטן און מיט אלע מעסי־קעסן פון דער וועלט.

ווער האָט געהערט יויעל־דאָווידס שטים און איז ניט אופגעציטערט געוואָרן, ניט באַגאָסן געוואָרן מיט טרערן?

אין ווילנע האָט זיך געפונען א נאַגיד, וואָס האָט קיינמאָל אף זיין לעבן ניט געוויינט, איז קיינמאָל אף זיין לעבן פון קיין זאך ניט גערירט געוואָרן. האָט דער נאַגיד געזאָגט: אויב דאָס ווילנער באַלעבעסל וועט אים קאָנען אין מעשעך פון א שאָ ווייַנענדיק מאכן, גיט ער אוועק דריי הונדערט רובל אף קאָהאָלשע היצטארכעסן. אויב ניט, באַדאַרף אים קאָהאָל באַפרייען ביזן סאָף פון זיין לעבן פון אלע באַשטייערונגען און נעדאָוועס.

קאָהאָל איז מאַסקים געווען...

יויעל־דאָוויד האָט א זאָג געטאָן וועגן דער נעשאָמע און וועגן גוף: די נעשאָמע איז דיינע און דער גוף איז דיינער, האָב ראַכמאָנעס אף דיין אייגענער מי...

— א מענטש, וואָס קען ניט וויינען, א מענטש, וועמען עס גייט קיין זאך ניט אָן, איז דאָך קיין מענטש ניט!

ס'זיינען ניט דורך קיין פינף מינוט, און דער נאַגיד איז באַגאָסן געוואָרן מיט טרערן, געוויינט פאַר אלע זיינע יאָרן...

אין אלע שטעט און שטעטלעך פון גאָר דער וועלט זינגט מען יויעל־דאָווידס צונויפגעשטעלטע שטיקלעך, אף אלע כאַסענעס שפּילט מען יויעל־דאָווידס „פריילעכסן” און „מאַראַלן”...

יויעל־דאָוויד און יויעל־דאָוויד!..

עזרעס פידל בלייבט אין קלעם צווישן צוויי באַזונדערע טפילעס: דער אָרגאניסט פון ווילנער קאָסטיאָל סטאַניסלאַוו מאָניושקאָ, וואָס האָט ליב דעם מענטשן אף דער ערד און איז געצוווּנגען לויבן גאָט אין הימל, לאָזט זיך אראָפּ אף די טענער פונעם אָרגאַן, ווי אף טרעפּ, אלץ נידעריקער און נידעריקער, אלץ טיפער און טיפער.

יויעל־דאָוויד האָט ניט געוווּסט, אַז אין דער שכיינעסדיקער דירע אַנטקעגן האָט זיך אַריינגעקליבן סטאַניסלאַוו מאָניושקאָ, און מאָניושקאָ האָט ניט געוווּסט, אַז בישכיינעס מיט אים וווינט דער באַוווּסטער כאַזן פון ווילנער שול, יויעל־דאָוויד סטראַשונסקי...

מאָניושקאָ, ווייסט פעדאָצער, האָט געשפּילט פאַר גאָט, ער זאָל קאָנען דינען דעם מענטשן, דער פּוילישער מעלאָדיק, און עזרעס פידל זינגט א לויבגעזאַנג דעם מענטשן אף דער ערד, דעם מענטשן, וואָס באַשאַפט וווּנדער, דעם מענטשן, וואָס באַשאַפט וועלטן. דער פידל באַזינגט די פאַרהאָרעוועטע הענט, וואָס בויען, וואָס מיען זיך, וואָס פלאַנצן, אַקערן, זייען און שנײַדן.

די פּוילישע מעלאָדיק גיט איבער א גרוס די מוזיקאַנטן פון זייער לאַנד, פון זייער ערד, פון זייערע פעלדער און וועלדער, פון זייערע טאַטעס און מאַמעס, פון זייערע זין און טעכטער, כאַווײרים און פרײַנט, פון זייער יוגנט, פון זייער ליבע, פון זייערע געזאַנגען און טענץ.

די פּוילישע מעלאָדיק טראָגט זיך מיטן געבענטשטן גאַנג פון פּרילינג־רעגן, וואָס ווו נאָר זײַן טראָפּן פאַלט, דאָרט ווערט פרישער, ווערט זאַפּ־טיקער, בליט און וואַקסט.

די מוזיקאַנטן דאַנקען פאַרן גרוס מיט זייערע אינסטרומענטן — דער סימפאָנישער אָרקעסטער האַלט אונטער עזרען.

עזרע, וואָס האָט ערשט געזען פאַר זיך בלויז יויעל־דאָווידן מיט פּעדאָצערן, דערזעט מיטאַמאָל די בינע פון וואַרשעווער אָפּערע־טעאַ־טער, די מוזיקאַנטן, דעם דיריזשאָר. ער דערזעט, ווי די האַרפּיסטקע קומט אים צוהילף מיט אַלע סטרונעס פון איר האַרפע.

ווען ניט יויעל־דאָווידס אומגליק, וואָלט ער זיך דערפילט פאַרן גליק־לעכסטן מענטשן אין דער וועלט.

די פּוילישע מעלאָדיק ווערט שטאַרקער און שטאַרקער, עס ברומט די וויאָלאָנטשעל, עס האַלט ניט אויס דער קאָנטראַבאַס, ס׳כאַפּן אונטער די קלאַרנעטן, די פלייטן, די טרובעס, די גאָבאָיען מיט די פאַגאָטן.

דער דרויב פון די פּײַקלעך צעשיט זיך ווי א הילכיק שרײַענדיק געלעכטער, די ליטאַווורעס מיט די טאַצן קלינגען ווי אף א גרויסן פריי־לעכן יאָמטעוו, און דער פּויק קלאַפּט און קלאַפּט, ער איז איבערפולט מיט אַזויפיל ראַש און מיט אַזויפיל טאַקטן, אַז טאָמער קלאַפּט ער זיך ניט אויס ווי געהעריק, קאָן ער נאָך גלײַך דאָ אפן אָרט פּלאַצן...

פּעדאָצער קאָן זיך אָבער אף לאַנג ניט פאַרגינען די פרייד. די אַרײַנגע־פלאָכטענע קלאַנגען פון דער פּוילישער מעלאָדיק זײַנען אים נייטיק געווען אף פאַרצושטעלן מאָניושקאָן.

און ווידער איז עזרע אַליין, אַליין מיט זײַן פידל.

א שטילע זומער־נאַכט. א שלאָפלאָזע נאַכט, ווי די מערהײַט נעכט פון א גאַנץ יאָר. אָפן זײַנען געווען ביידע שכײנעסדיק אַנטקעגנדיקע פענצ־טער, ווי אָפן ס׳זײַנען געווען די אויגן און הערצער פונעם זינגער און שפּילער פאַר דער רײַכער גאָב, וואָס די נאַכט האָט אַלע ווײַלע מיט פולער מאָס זיי באַשאָנקען.

אף די קלאַווישן פונעם אָרגאַן האָט מאָניושקאָ באַגעגנט א סך קלאַנגען ווי די סאַמע אָנגעלייגטע געסט, אף וועלכע ער האָט שוין לאַנג געוואַרט. ער האָט זיי איבערגעכאַזערט א צווייט מאָל, א דריט און פערט מאָל און זיי איבערגעלאָזט אף שטענדיק.

א סך קלאַנגען האָט ער געטריבן פון זיך, ווי מע טרײַבט פליגן, וואָס קאָנען נאָר זשוזשען און בײַסן.

און יויעל־דאָוויד האָט אין יענער נאַכט געשאַפן א נײַעם „זײַ־געזונט" פאַר כאָסן־קאַלע. אָט יאָגן די קלאַנגען ווי באַרג־אַראָפּ, און אָט ווערט דער לײַכטער פידל ווי א שווערער וואָגן פאַרהריזנעט אין א טיפער געדיכטער בלאָטע, ניט אַרויסצוקריכן, ניט אַרויסצושלעפּן.

דעם פידל קומט צוהילף יויעל־דאָווידס שטים. יויעל־דאָוויד זינגט, און די פידל־קלאַנגען ווערן זיכערער אין זייער גאַנג.

אין זײַן „זײַ־געזונט" רעדט אויס יויעל־דאָוויד זײַן האַרץ פאַר אַלע יונגע פּאָרפאָלקן, וואָס האָבן ערשט כאַסענע געהאַט, און ווינטשעוועט זיי מער מאַזל, א שענערן גורל, ווי דער, וואָס איז אויסגעפאַלן אים.

...זאָלט איר פאַרשטיין איינער דעם צווייטן פונעם אָנהייב ביזן סאָף פון אײַער לעבן, וועט איר זײַן גליקלעך!

מיר איז אזא גליק ניט באַשערט!

א פאַרמאַכט בוך בין איך פאַר איר, פאַר מײַן באַשערטער, א בוך, וואָס זי וועט קיינמאָל ניט עפענען און קיינמאָל ניט לייענען.

אַן אָפענער פידל איז מײַן האַרץ, און אירע פינגער זײַנען פאַרגליווער־טע, זיי וועלן ניט אָנרירן קיין איין סטרונע און ניט אַרויסרופן קיין איין קלאַנג.

מײַן שטים, מײַן פידל, מײַנע געזאַנגען זײַנען פאַר איר ניט מער, ווי אַן אָרעמע קראָם, וואָס גיט ווייניק פּאַרנאָסע, און זי האָט פּײַנט מײַן שטים, זי האָט פּײַנט מײַן פידל און קאָן ניט הערן מײַנע געזאַנגען.

ניט פאַר אײַך געדאַכט, טויזנט מאָל ניט פאַר אײַך געדאַכט!

זײַט געזונט! זײַט נאָענט! און ווייסט קיינמאָל ניט פון דער גרעסטער שטראָף, פון דער ביטערסטער קלאָלע, וואָס הייסט פּרעמדקײַט!..

יויעל־דאָוויד שאַפט א נײַעם „זײַ־געזונט״ פאַר כאָסן־קאַלע און געזעגנט זיך אליין מיט זײַן אייגענער יוגנט.

— קער זיך אום! קער זיך אום!

סאַרא פינצטערניש! און יויעל־דאָוויד שרײַט מיט זײַן טענאָר־שטים, מיט אַלע קויכעס פון זײַן פידל: העלפט! העלפט!

פון אַנטקעגנדיקן אָפענעם פענצטער האָבן זיך, ווי אַף א סרייפע, גענומען טראָגן קלאַנגען מיטן אימפּעט פון ראַטעווען יענעם ביז אַליין אומקומען.

וואָס איז געשען?

וויפל מאָל האָט ער, יויעל־דאָוויד, שוין טפילע געטאָן פאַר זיך אַליין און פאַר אַלע די, וואָס האָבן אים געשיקט, און זײַנע טפילעס זײַנען קיינמאָל ניט אָנגענומען געוואָרן.

איז דען מעגלעך, אַז אָט איצט האָט זײַן טפילע דורכגעבראָכן אַלע הימלען, אַלע אײַזערנע ווענט, טירן און טויערן?!

סאַרא וווּנדערלעכע קלאַנגען עס טראָגן זיך אהער צו אים, קלאַנגען פון טרייסט און האָפענונג.

יויעל־דאָוויד לייגט אַוועק דעם פידל, גייט צו צום אָפענעם פענצטער. די מעלאָדיע, וואָס טראָגט זיך פון דאָרט, באַפּוילט אים — זינג! זינג מיך אויס! איך וויל אַליין זיך דערהערן, איך וויל אַליין זיך דערוויסן, וואָס האָב איך אָנצוזאָגן דער וועלט, מיט וואָס באַרײַכער איך זי.

און יויעל־דאָוויד זינגט. מאָניושקאָס פינגער בלײַבן פאַרגליווערט אַף די קלאַווישן. מאָניושקאָ קוקט זיך אום א דערשראָקענער פון אַלע זײַטן, ווי איינער, וועמעס טיף באַהאַלטענער סאָד, וועלכן ער האָט פאַרטרויט נאָר זיך אַליין, איז פּלוצעם געוואָרן אויס סאָד. ווער איז ער, אָט דער, וואָס האָט זיך דערקליבן צו די טיפעניש פון מײַן האַרצן און דערציילט דאָס, וועגן וואָס איך אַליין האָב זיך ערשט דערוווּסט? מאָניושקאָס אויגן קוקן אין אַלע ווינקעלעך פון צימער.

— צי דאַכט זיך עס מיר? — האָט זיך מאָניושקאָ פּלוצעם צעלאַכט. — אָט וואָס עס הייסט אָפּנאַרן דעם שלאָף, אָט וואָס עס הייסט וואַך זײַן

נאכט נאָך נאכט. די כאַלוימעס קאָנען זיך ניט דערוואַרטן, ביז איך וועל אנשלאָפן ווערן, און קומען צו מיר וואכערהייט, און איך הער אין כאָלעם, ווי מײַן ערשט געבוירענע מעלאָדיע ווערט געזונגען אזוי, ווי מיר וואָלט זיך געוואָלט, ווי איך וואָלט פארלאנגט, זי זאָל געזונגען ווערן.

און יויעל־דאָוויד זינגט! ענדיקט זיך די מעלאָדיע, הייבט ער זי ווידער אָן פון אָנהייב, און צום צווייטן און דריטן מאָל ווערט די מעלאָדיע זיכערער, געשליפענער, דערוואַרעמטער, לויטערער און קלאָרער.

„וואָס קומט דאָ פאָר? — ציטערט אוף מאָניושקאָ. — וועלכער רויבער האָט עס געקאָנט אינמיטן נאכט פאר אים אין די אויגן אוועקרויבן זײַנע נאָטן?"

ניין, אלע נאָטן זײַנען גאַנץ, זיי שטייען, ווי ער האָט זיי אוועקגע־שטעלט, קיין איין צייכן פעלט ניט.

און דער זינגער לאָזט ניט דורך קיין טאקט, מאכט ניט דעם קלענסטן טאָעס.

מאָניושקאָס פינגער פאלן צו צו די קלאַווישן און הייבן אָן אקאָמפּאַנירן דער וווּנדערלעכער שטים, וואָס טראָגט זיך ערגעץ ווי פון הימל, און ווידער בלײַבן זײַנע פינגער פארגליווערט.

ס'איז עפּעס ניט גלאַט. ניט אנדערש, דער טײַוול אליין האָט מיט אים פארפירט א בייזע שפּיל. מאָניושקאָ הייבט זיך אוף, וויל שרײַען, און — ער דערזעט דעם זינגער...

יויעל־דאָוויד האָט ניט באמערקט מאָניושקאָן, ער האָט פאַרגעזעצט זינגען און געהערט בלויז די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון אים צו דער אָפענער וועלט. עס גייט אויס דער לעצטער קלאַנג, דער ווידער־קאָל בלײַבט אָן אָטעם. מאָניושקאָ אפּלאָדירט און וועקט די באנאכטיקע שטילקײַט מיט באַגײַסטערטע אויסגעשרייען:

— בראוואָ! אויסגעצייכנט! בראוואָ! ווּנדערלעך! ווער זײַט איר עס?! איך בעט אײַך, זאָגט מיר, ווער זײַט איר, א מענטש, צי?..

— אוודאי בין איך א מענטש. איך בין יויעל־דאָוויד, מײַן פאמיליע איז לעווינשטיין, ניין, איך מיין סטראַשונסקי, — האָט ווי שטענדיק אין די מינוטן פון אופרעגונג יויעל־דאָוויד געפּלאָנטערט צווישן זײַן אייגענער פאמיליע לעווינשטיין און צווישן שווערס פאמיליע סטראַשונסקי, וועלכע מ'האָט אים געצוווּנגען אָנעמען גלײַך נאָך דער כאַסענע. — יאָ, איך בין יויעל־דאָוויד סטראַשונסקי, דער כאַזן פון דער ווילנער שול, און איר ווער זײַט?

— איך, — האָט מאָניושקאָ פרײַ אָפּגעעטעמט, — איך בין סטאַניסלאַוו מאָניושקאָ.

יויעל־דאָווידן האָט א הייב געטאָן אין דער הייך, און, ווי א פארשײַט ייִנגל, איז ער ארויסגעשפּרונגען דורכן אָפענעם פענצטער.

די צוויי אומבאַקאַנטע האָבן זיך באגעגנט, ווי נאָענט געוואָרענע, אדאַנק זייער אלגעמיין באַקאַנטן — דער מעלאָדיע, וואָס האָט זיי פאַר־רייניקט. יויעל־דאָוויד האָט ניט געקאָנט אָנלויבן די מעלאָדיע, און מאָ־

ניושקאָ איז געווען באַגײַסטערט פון יויעל־דאָווידס שטים. די לעוואָנע, דער איידעס פון אלע ליבע־דערקלערונגען און געשלאָסענע פרײַנט־שאפטן, האָט פֿײַערלעך באלויכטן דעם קאָמפּאָזיטאָר מיטן זינגער, וואָס האָבן זיך אלץ ניט געקאָנט אָנקוקן איינער אפן צווייטן.

— קומט, לאָמיר גיין! — האָט מאָניושקאָ ניט געקאָנט אײַנשטיין אף איין אָרט. — קומט! — ער האָט פעסט א כאַפּ געגעבן די האנט פון זײַן נײַעם פרײַנט. — איך האָב ליב ווילנע, כאָטש איך בין געבוירן געוואָרן לעבן מינסק.

— איך בין אויך פארליבט אין ווילנע, כאָטש איך בין געבוירן אין ליבאווע, — ענטפערט שטיל דער זינגער. ער האָט מוירע, אז זײַן שטים זאָל אים ניט ארויסגעבן. ס'איז גענוג, אז ערגעצוווּ זאָל צו א שלאָפלאָזן מענטשן פארבלאָנדזשען איין קלאנג פון זײַנע רייד, אז מאָרגן זאָלן אלע ווילנער באַלעבאַטיםריידן וועגן דעם, אז יויעל־דאָוויד איז אראָפּ פון גלײַכן וועג, שלײַעט זיך ארום באנאכט מיט ניטגוטע, וואָס מאכן אומריין זײַן הארץ, זײַן קאָל און זײַנע ליפּן. מע וועט אים נעמען אפן פארהער און פון אלע זײַטן מוסערן.

מאָניושקאָ כידעשט זיך ניט, וואָס זײַן נײַער פרײַנט רעדט סוידעסדיק שטיל. מאָניושקאָ ווייסט, דער זינגער דארף היטן זײַן שטים, ער דארף ציטערן איבער איר, ווי מע ציטערט איבער אן איין־איינציק קינד. א שטים ווערט געגעבן איין מאָל און ניט מער — ווי דאָס לעבן אליין.

יויעל־דאָוויד רוימט אײַן מאָניושקאָן א צווייטן סאָד זײַנעם:

— איך טראָג אפילע דעם נאָמען פון ווילנע, איך הייס „דאָס ווילנער באלעבעסל“.

— באלעבעסל? — גיט זיך מאָניושקאָ א כאַפּ פארן אויער, ווי בא א פאלשן קלאנג, וואָס צעשטערט די גאנצע שפּיל. — א מענטש מיט אזא געבענטשטן טאלאנט, ווי איר, האָט פארדינט א שענערן נאָמען!.. — איבער מאָניושקאָס פּאָנעם האָט זיך צעגאָסן דער איראָנישער שמייכל, וואָס איז זעלטן אראָפּ פון זײַן שמאָלן מויל און צונויפגעפּרעסטע ליפּן. — ווערן א באלעבעסל הייסט פארענדיקן באַם סאמע אָנהייב, און דער קינסטלער, דער עמעסער קינסטלער, דארף שטענדיק זוכן, שטענדיק פאר־לאנגען, קיינמאָל ניט שטילן זײַן דאָרשט.

יויעל־דאָוויד פארקוקט זיך אף מאָניושקאָס גרויסן קאָפּ, אף זײַן ברייטן שטערן, אף דער פארשארפטער, שפּיציקער נאָז, אף זײַנע טיפע בלויע אויגן און רוקט אראָפּ טיפער די יארמלקע אפן קאָפּ. ער לאָזט ניט צורו מאָניושקאָן, ער זאָל אים דערציילן וועגן זיך.

מאָניושקאָ דערציילט, ווי ער האָט זיך געלערנט אין ווארשע, ווי ער איז דערנאָך געפאָרן קיין בערלין זיך פארפולקומען, ווי ער האָט דאָס ערשטע מאָל די יוירנדיקע קלאנגען, וואָס האָבן אים צורו ניט גע־לאָזט, ארויסגעבראכט אף דער נאָטן־בלאט, ווי ער האָט דאָס דיריזשאָר־שטעקעלע גענומען אין זײַן האנט. ער דערציילט וועגן אָפּערעס און אָפּע־רעטעס, וועלכע ער האָט פארטראכט אָנשרײַבן, וועגן קאנטאטעס, אוווער־טיורעס, פאָרטעפּיאַן־פּיעסן, וואָס קלאפּן אין אים, ווי דער פּולס, לויפן אין זײַנע אָדערן מיט דער ווארעמקײַט פון זײַן בלוט.

...עזרע גיט אַף זײַן פידל א פאַרענדיקטן פאָרטרעט מאַניושקאַס, א פאַרענדיקט בילד פון זײַן לעבנס־וועג. עזרע ווייסט וועגן מאַניושקאַן דאָס, וואָס יויעל־דאָוויד האָט זיך אין יענער נאכט נאָך ניט געקאָנט דער־וויסן, דאָס, וואָס מאַניושקאָ האָט אין יענער נאכט נאָך ניט געקאָנט דערציילן. און די קלאַנגען פון עזרעס פידל ווערן פולער, און די באַ־געגעניש ווערט באַרײַכערט.

דער כאזן פון דער ווילנער שול טאָר מער ניט זען דעם אָרגאַניסט פון קאָסטיאָל, און דער אָרגאַניסט פון קאָסטיאָל טאָר נאָענט ניט שטיין לעבן דעם כאזן. ווי זייערע געטער, אזוי דאַרפן זיי זײַן פײַנטלעך צווישן זיך, זײַן ווײַט אָפּגעשיידט אײנער פונעם צווייטן. דער מינדסטער כשאַד וועגן אוועלכער־ניט־איז פאַרבינדונג צווישן כאזן און אָרגאַניסט קאָן אופרודערן און ארײַנברענגען אין גרימצאָרן די באַלעבאַטים פון שול און די קאַטוילִיקער פון קאָסטיאָל. דער כאזן און אָרגאַניסט וועלן באַ־שולדיקט ווערן אין גרעסטן פאַרברעכן פון וועלן שאַלעם מאכן צווישן דער יידישער עמונע מיטן קאַטאָליציזם, צווישן יעהאָוועןֹ מיט יעזוסן. נאָר די אָפענע פענצטער פון יויעל־דאָווידס און מאַניושקאַס צימערן איז קיינעם ניט געקומען אפן זינען צו פאַרמאכן. דורך די אָפענע פענצטער האָבן זיך פון טאָג צו טאָג אלץ ברייטער צעעפנט די הערצער פון די צוויי נײַע פרײַנט.

...עזרעס פינגער גייען איבער אין פיציקאַטאָ און ציילן אַף די סטרו־נעס פינף הילכיקע קלאַנגען.

אזוי האָבן זיי זיך צונויפגערעדט, אז אויב אים, מאַניושקאַן, וועט גע־פעלן ווערן דאָס, וואָס ער, יויעל־דאָוויד, אליין אָדער צוזאמען מיטן כאָר וועלן אויסזינגען באַם אָפענעם פענצטער, וועט ער אַף אײנער פון די באַסאָווע קלאַווישן אויסקלאַפּן אים א „פינף״... „פינף״ איז געווען זייער פּאַראָל — פון אויסגעצייכנט, פון געפעלן ווערן אייגער דעם צווייטן נאָך מער ווי ביז איצט.

עזרעס פינגער שפאַנען איבער די סטרונעס ווי אויסשפּירער, קוקן זיך אום, שטעלן זיך אָפּ און צעלויפן זיך אין פאַרשיידענע זײַטן.

אײן ניט פאָרזיכטיקער שפּאַן, איין בליק פון א שלעכט אויג קאָן אויסגעבן און אנטפּלעקן יויעל־דאָווידס געהיימניסן.

דער פידל שפּילט א דועט מיט עזרעס הארץ. ביידע בעטן זיך, אז אלץ זאָל דורכגיין בעשאָלעם, אז קיינער זאָל ניט באמערקן, ווי יויעל־דאָוויד קומט צום באַשטימטן אָרט, אין דער כורווע פונעם פאַרוואָרפענעם געסל, הייבט אוף א גרויסן שטיין, נעמט ארויס פון אונטער אים פּאַפּירן און פאַרבײַט זיי מיט אנדערע. אין די פּאַפּירן זײַנען אַנגעשריבן מאַניושקאַס אָפּשאַצונגען וועגן יויעל־דאָווידס קאָמפּאָזיציעס, פאַרגעבונגען אַף טעאָ־ריע פון מוזיק, עס זײַנען פאַרשריבן געזעצן, וואָס מוזן יויעל־דאָווידן אומבאַדינגט זײַן באַקאַנט. אין די פּאַפּירן, וואָס יויעל־דאָוויד פאַרבײַט, זײַנען די אויסגעפילטע פאַרגעבונגען, נײַע קאָמפּאָזיציעס, פראַגן און פראַגן, א וועלט מיט פראַגן! יויעל־דאָוויד פרעגט — צי קאָנען צוויי

קייסאָרים קיניגן מיט איין קרוין? צי האָט ער רעכט איינצײַטיק זײַן אי א זינגער, אי א פידלער?

— ניין, — האלט מאַניושקאָ, — זיך אליין אויסגעפינען איז שווער, ווי גאָלד ארויסבאקומען פון זאמד. עס טרעפט, אז זייער אָפט קיניגן קינסט־לער מיט פאלשע פרעמדע קרוינען, וואָס געהערן ניט צו זיי, און זייער אייגענע עמעסע קרוין ליגט פארגעסן און פארוואָרפן ווי א פארזשאַ־ווערטער שטיק בראָכוואַרג.

— איר, יויעל־דאָוויד, זײַט א זינגער און ניט קיין פידלער. דער פידל דארף שטענדיק אײַך, דעם זינגער, קומען צוהילף.

— און ווי איז מיט דעם, וואָס ער איז אי א זינגער, אי א קאָמפּאָזי־טאָר?

— מיט דעם איז זייער גוט. דאָס איז איין קרוין, אף איין קאָפּ באַ־לויכטן, מיט איין דימענט פון איין הארצן. קיינעם קאָן דער זינגער אזוי ניט אויסזינגען, ווי דאָס, וואָס ער אליין באשאפט.

עזרע איז מעקאנע יויעל־דאָווידן... פון טויזנטער און הונדערטער טויזנטער, וואָס זוכן טאָגטעגלעך דעם אויצער, געפינט אמאָל נאָר איי־נער.

און ער, יויעל־דאָוויד, איז דער גליקלעכסטער פון אלע גליקלעכע — ער קומט אלע פארנאכט צום שטיין, און ס'איז גענוג, ער זאָל אים נאָר א הייב אוף געבן, אז דער אויצער זאָל אים אליין קומען אין די הענט ארײַן...

א געיעג פון גאמעס רײַסט פלוצעם איבער די שפּיל, גלײַך ווי עזרעס פידל זאָל מיטאמאָל זיך אליין נעמען אויספרווון, צי ווען אים סטײַען קויכעס פאר דער ווײַטערדיקער פאנאנדערוויקלונג פון דער עלעגיע.

די נאטור, האָט געהאלטן מאַניושקאָ, איז געווען מער ווי גוט צו יויעל־דאָווידן, זי האָט אים באשאָנקען מיט אן אויסגעבילדעטער און אויסגעלײַטערטער שטים, און דאָך מוזן אייניקע טענער געשליפן ווערן. יויעל־דאָוויד דארף וויסן דעם סאָד, ווי צו קאָנען באהאלטן זײַן שטים, אזוי ווי אין א שיידל, ארויסברענגען געדעקטע קלאַנגען, פארבאהאלטענע און גענומענע אין קאָפּ. ער דארף וויסן, ווי זיך באגיין מיט דער לופט, ווען, וויאזוי און וויפל אײַנעטעמען אין זיך. די לונגען, ווי די שטים, נייטיקן זיך אין גימנאסטיק. ארוף און אראָפּ, אראָפּ און ארוף — טענער האָבן אף די קלאַווישן פונעם אָרגאַן געוויזן יויעל־דאָווידן, וויאזוי צו שלײַפן יעדן טאָן און יעדן קלאַנג. יויעל־דאָווידס שטים איז זיי נאָכ־געלאָפן מיט אן אָ־אָ־אָ! מיט אן אי־אי־אי! די קלאַווישן באפוילן פרײַ לאָזן די שטים, און יויעל־דאָוויד האָט זיך צעקלונגען מיט א הילכיקן א־א־א! און גלײַך האָט ער געדעקט די שטים מיט אן אור־אור־אור!

יויעל־דאָווידס פרווו האָט זיך דערשראָקן, זי איז שטענדיק געווינט געווען הערן, ווי איר מאן זינגט, ווי ער לערנט און כאזערט איבער זײַנע נײַע האשקיווינוס, אהאוואס אוילעמס, אָוו האָראכמענס, קדושעס און קעסערס[1], און מיטאמאָל — אן אָקען, אן איקען.

[1] נעמען פון פארשיידענע טפילעס.

— טאטע! טאטע! — האָט זי זיך צעשריִען ניט מיט איר קאָל, און צו־זאמען מיטן טאטן איז זי אריַינגעלאָפן צו יויעל־דאָווידן אין צימער.

— ווי איז מיר, — האָט די פרוי געבראָכן אירע הענט, — וואָס איז מיט דיר געשען, יויעל־דאָוויד, וואָס טוט דיר ווי, וואָס דו אָקעסט און איקעסט אזוי?

— מיר טוט גאָרנישט ניט ווי, — האָט ער זיך צעלאכט, — איך מאך גימנאַסטיק מיט די טענער פון מיַין שטים, אז זיי זאָלן זיַין באַוועגלע־כער.

— און איך קאָן עס ניט הערן, און איך פארווער עס! — האָט זיך צעשריִען מיט זיַין הייזעריקלעכער באסאָווער שטים דער נאָגיד רעב בער סטראשונסקי.

דער גוידער האָט זיך בא אים ארויסגעריסן פון הינטער זיַין געלער באָרד און געציטערט, זיך געהויבן ארוף און אראָפּ, ווי ער זאָל נאָכמאכן און כויזעקן פון יויעל־דאָווידס גימנאַסטיק־טענער.

— מענטשן קליַיבן זיך שוין הינטערן פענצטער אף א בייזוווּנדער. פרווו נאָכמאָל אזוי אַן אָקע און אַן איקע טאָן, וועט איבער דער שטאָט אוועק א קלאנג, אז יויעל־דאָוויד, דער כאזן פון ווילנער שול, איז אראָפּ פון זינען, פון אלע זיַינע געזאנגען קען ער איצט בלויז אָקען און איקען, און דאַן מעגסטו זיך שוין מיטן אָמעד אָפּגעזעגענען אף אייביק, קיין דולן וועט מען צום אָמעד ניט צולאָזן. וואָס טוסטו עס? וואָס האָסטו צו מיַין טאָכטער? פארוואָס קוילעסטו אונדז ביידן אַן א מעסער? גאזלען, רע־צייעך!

— שווער, ס'איז ניט איַער אייסעק! — האָבן יויעל־דאָווידס גרויסע שווארצע אויגן זיך אָנגעצונדן און זיַין שטים האָט געציטערט. — אָקען און איקען איז ניט לויטן דין און ניט לויטן געזעץ פארבאָטן. אָקען און איקען איז ניט קיין גנייווע און ניט קיין שווינדל!

— מיט וועמען רעדסטו עס אזוי? — האָט רעב בער דער נאָגיד געגנו־מען טופען מיט די פיס.

— מיט איַיך! מיט איַיך, מיַין שווער, מיַין ליבער טיַיערער שווער! — האָט זיך א שמייכל באוויזן אף יויעל־דאָווידס פּאָנעם און איז גליַיך דער־שטיקט געוואָרן צווישן די פארביסענע ליפן.

— יויעל־דאָוויד! טאטע! — האָט יויעל־דאָווידס פרוי מיט פארבראָ־כענע הענט און מיט פארוויינטע אויגן זיך אוועקגעשטעלט אין דער מיט.

קיין שאָלעם איז אָבער ניט געשלאָסן געוואָרן. אלע דריַי — די פרוי, דער שווער און דער איידעם — זיַינען זיך פאנאנדערגעגאנגען צעקריגטע, באַרויגעזע.

א צוזאמענשטויס, א קריג פון מעלאָדיעס אף די סטרונעס פון עזרעס פידל — דער שאָלעם איז אויך אין שול צעשטערט געוואָרן...

יויעל־דאָוויד דער זאָגער, אזוי האָט מען גערופן דעם כאזן, דעם אימפּראָוויזאטאָר, האָט ניט ערגער, ווי די פארפאסטע זאכן, געזונגען דאָס, וואָס איז ערשט אפן זינען ארוף. יויעל־דאָוויד זאָגט און זאָגט, און איַינ־

מיטן זאָגן האָט זיך אין שול אַרײַנגעריסן מאַניושקאָס מעלאַדיע, יענע מעלאַדיע, וועלכע ער, יויעל־דאָוויד, האָט דער ערשטער דערהערט, דער ערשטער זי אויסגעזונגען.

די מעלאַדיע האָט זיך געבעטן, ער זאָל זי גלײַך אויסזינגען, אָט דאָ אויפן אָרט. יויעל־דאָוויד האָט איבערגעגעבן אין איר רעשוס די ווערטער פון דער טפילע.

...וואָס איז מיט דיר געשען, יאם דו איינער, וואָס דו אנטלויפסט? — האָט מאַניושקאָס מעלאַדיע, ווי א ווינט, זיך געטראָגן, געיאָגט און גע־טריבן די כוואַליעס.

...און דו, יארדן, ווי קומט צו דיר, אז דו זאָלסט אָפּטרעטן אויף צו־ריק? — וווּנדערן זיך די קלאַנגען פון דער מעלאַדיע, און גלײַך צעיאָגן זיי זיך, ווי אין א וויכער־טאַנץ, מיט די בערג, וואָס שפּרינגען, ווי די שאָף.

די ווערטער מיט דער מעלאַדיע זײַנען זיך בעשאָלעם געגאַנגען זייער וועג, ווי לויט צעשטעלטע נאָטן־צייכנס.

נאָר ווען דער ענטפער איז געקומען, אז דאָס שפּרינגען און טאַנצן, דאָס לויפן און אנטלויפן איז פאַר אים, פאַר גאָט פון יאַנקעוון, וואָס האַלט אַלעמען אין דער מוירע, האָט די מעלאַדיע ווידערשפּעניקט.

ס׳איז געוואָרן א שרעקלעכע קריג — די ווערטער רימען גאָט און די מעלאַדיע זינגט א לויבגעזאַנג דעם מענטשן.

— איי־אָ! איי־אָ! — האָט דער ראָוו א קלאַפּ געגעבן אין שטענדער.

— איי־אָ! איי־אָ! — האָבן די באַלעבאַטים אונטערגעהאַלטן דעם ראָוו. און יויעל־דאָוויד קאָן זיך ניט צעשיידן מיט מאַניושקאָס מעלאַדיע, ער קאָן ניט אויפהערן, ער קאָן זיך ניט אָפּשטעלן.

— וויי געשרי׳ען! — האָט דער ראָוו געגוואַלדעוועט, ווי א פאַרוווּנ־דעטע כײַע. — ס׳איז א שטראָף פון גאָט פאַר אונדזערע גרויסע זינד. דער סאָטן־מעקאַטרעג האָט זיך גענומען צו אונדז! וויי געשרי׳ען! דער שאַלי׳עך אונדזערער, וועלכן מיר האָבן געשיקט טפילע טאָן פאַר אונדז, איז ניט ראָוע פאַר אזא שליכעס! דער שאַלי׳עך אונדזערער האָט פאַר־בלאָנדזשעט און איז געפאַנגען געוואָרן אין די נעצן פון טומע. אַלע טפּי־לעס אונדזערע זײַנען אומריין געוואָרן דורך זײַנע אומריינע ליפּן, אַלע טפילעס אונדזערע קאָנען נאָר שלעכטס אויסבעטן פאַר אונדז! וויי גע־שרי׳ען! א דיבעק איז אַרײַן אינעם כאַזן, און דער דיבעק זינגט אין אים זײַן טרייפענעם ניגן.

— א דיבעק! א דיבעק! — האָבן נאָכגעשרי׳ען די באַלעבאַטים.

— ייִדן! ס׳איז ניט גוט! — האָט דער ראָוו אויסגעלאָזט זײַן ביטער האַרץ צום שטענדער, אין וועלכן ער האָט ניט אויפגעהערט קלאַפּן מיט זײַנע פויסטן. — לאָמיר שרײַען אין איין קאָל: קרא סאָטן! — צעשרײַס דעם סאָטן!

— קרא סאָטן! קרא סאָטן! — האָבן צעווילדעוועטע, דערשראָקענע קולעס זיך געטראָגן פון אַלע זײַטן, ווי דער גרעסטער אומגליק זאָל געשען.

— קרא סאָטן! — איז מען מיט די ווערטער אָנגעפאַלן אַף יויעל־דאָ־ווידן, אים אָפּגעשטויסן פון אָמעד, און אַ פּאָשעטער באַלטפּילע האָט פאַר־נומען זײַן אָרט.

יויעל־דאָוויד איז אין געפאַר, ער איז דערקלערט געוואָרן אַלס „אכער״, אַלס אָפּטריניקער. זײַן שטים, וואָס האָט פריִער געפלאַנצט און געכאָוועט די צווײַגן פונעם פּאַרדעס, פון גאָטס ווײַנגאָרטן, האָט איצט ווי אַ שאַרפע האַק זיך פאַרהויבן אַף זיי. אַזאַ מוז באַקומען זײַן שטראָף דאָ אַף דער וועלט, אַזאַ מוז אויסגעריסן ווערן מיטן וואָרצל.

עזרע הייבט אויף אַ ליאַרעם אַפּן פידל, ער צעיאָגט די קלאַנגען, זיי זאָלן קומען צוהילף יויעל־דאָווידן, און די קלאַנגען ווערן איבערגעכאַפּט און פאַרשריִען...

וואָס טוט זיך עס?

אַן אָרקעסטער פון שויפרעס לעכערט עזרעס אויערן:

— שוואָרים! שוואָרים! — באַפוילן פון אַלע זײַטן שעלטנדיקע קוי־לעס. — זאָלן צעבראָכן און צעפאַלן ווערן די קלאַנגען אַף שטיק־שטיקלעך.

— טרואָ! טרואָ! — זאָלן די שטיק־שטיקלעך זיך פאַרייניקן אין איין גרויסן קלאַנג, אין איין הילכיק געשאַלערײַ.

— טקיִאָ גדוילאָ! — זאָל דאָס הילכיקע געשאַלערײַ זיך ציִען און ציִען ביזן לעצטן אָטעם.

יעדער שויפער בלאָזט אויס זײַן באַזונדער אָרור, און יעדעס קאָל כאַפּט אים אונטער אַף זײַן אויפן:

— אָרור! אָרור! — פאַרשאָלטן זאָל ער זײַן!

ווי די בלעטער פון אַ בוך, וואָס ווערן פאַרמישט און אופגעמישט דורכן ווינט, אַזוי פאַרפּלאָנטערן זיך די צײַטן.

יויעל־דאָוויד איז ניט אַליין, ער איז ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער... עזרע ציטערט אויף פאַר יִיצכאָק־יויעל לינעצקיס געשריי, פאַרן געשריי פונעם יִידישן סאַטירע־שרײַבער, וועמען די ליפּאָוועצער כסידים האָבן באַכערווײַז געוואָרפן אין טײַך אַרײַן אַף צו דערטרינקען אים דער־פאַר, וואָס ער האָט געלייענט טרייף־פּאָסל, הײַנטוועלטיקע ביכלעך...

אַ גרויל גייט דורך עזרען איבערן לײַב, ווי דאַן, אין די קינדער־יאָרן, ווען ער פלעגט דורכגיין דאָס בריקל, וווּ עס איז פאָרגעקומען דער ניט־געלונגענער מאָרד.

אַ שאַרפער מעסער־בלאַנק פינקלט דורך פאַר די אויגן און דראָעט מיט אַ צווייטער סאַקאָנע. עזרע קאָן ניט צוקוקן, ווי דאָס מעסער אין האַנט פון גאָטסגלויביקן גאַזלען דערנעענטערט זיך צום האַרצן פון באָרוך שפּינאָזע.

די סאַקאָנע איז פאַרבײַ... סאַראַ גליק! שפּינאָזע האָט באַוויזן צו ראַטע־ווען זײַן האַרץ, ווי ער האָט שטענדיק געראַטעוועט זײַן קאָפּ, ער זאָל זיך ניט בייגן און זיך ניט אונטערגעבן.

עזרע שפּילט און זעט, ווי מע ברענגט אוריִעל אַקאָסטען אין בעסמעד־רעש אין טרויער־קליידער און מיט שוואַרצע ליכט אין די הענט.

— אַלכעט! — שרײַט מען פון אַלע זײַטן. — שלאָג זיך אַלכעט, ווײַל גרויס איז דײַן זינד! ראָשע! דו האָסט גאָט געלעסטערט, דו האָסט די זײַלן פון אונדזערע „אַני־מײַמינס” געפּרוווט אײַנוואַלגערן. האָסט געזאָגט: „דער מענטש האָט נאָר איין לעבן — דאָס איז דאָס לעבן, וועלכעס ער לעבט אף דער ערד. קיין צווייטס איז ניט פאַראַן”. ראָשע! שלאָג זיך אַלכעט!

עזרע זעט, ווי גאָטס דינער מיט בערד און פּייעס, אָנגעטאָנענע אין ווײַסע קיטלען, ציילן רוזיק, ניט געכאַפּט די מאַלקעס, די שמיץ, וואָס פּליִען איבער אוריִעלס פּלייצע.

עזרע זעט, ווי מע לייגט אַוועק אוריִעלן אף דער שוועל פון בעסמעדרעש, און אַלע, פון קליין ביז גרויס, טרעטן איבער זײַן קערפּער.

אוריִעל קאָן ניט איבערטראָגן דעם ביזאָיען, ער קאָן מער ניט לעבן, און אַליין מיט זײַנע אייגענע הענט טוט ער זיך אָן דעם טויט...

יויעל־דאָוויד אַנטלויפט פון שול, אַנטלויפט פון דער היים. ער לויפט אין קאָסטיאָל פונעם הייליקן יאַן צו סטאַניסלאַוו מאָניושקאָ, ער זאָל אים באַשיצן, ער זאָל אים אויסשטרעקן זײַן האַנט.

יויעל־דאָוויד לויפט, און פון אומעטום, פון אַלע זײַטן באַגלייט אים דער „אָרור!”...

— ער איז אומריין! אומריין! — וואָרנט דער ראָוו. — שטייט ניט אין זײַנע דאַלעדאַמעס, פיר איילן נאָענט צו אים, גריסט זיך מיט אים ניט, און קיינעמס האַנט זאָל ניט אויסגעשטרעקט ווערן שאָלעם אים אָפּצוגעבן און אַ טויווע אים צו טאָן. זאָל ער אויסגעמעקט ווערן פון לעבנס־בוך, און זאָל ער פאַרפוילט ווערן ווי אַ צווײַג, וואָס האָט זיך אָפּגעבראָכן פון בוים.

— אָרור! אָרור!..

— בום־בום־בום! דזין־דזין־דזין! בום־בום־בום! דזין־דזין־דזין! — הערט אויף דער פידל אף אַ ווײַלע שפּילן און מאַכט נאָך דעם געקלאַנג פון גלעקער און גלאָקן. דער קאָסטיאָל פונעם הייליקן יאַן פײַערט זײַן ניצאָכן.

יויעל־דאָוויד האָט פאַרלאָזט יעהאָוועס געצעלט און איז געקומען אין יעזוסעס פּאַלאַץ.

יעזוס האָט ליב אַן אַנטבלויזטן קאָפּ, און יעהאָווע — פאַרקערט, ער האַלט עס פאַר אַ גרויסער אַווײרע און שטראָפט דערפאַר. יויעל־דאָוויד פּרוווט אויסטאָן זײַן היטל, און אין קאָסטיאָל, אין קיניגרײַך פון יעזוסן, דערשרעקט ער זיך פאַר יעהאָוועס, און דאָס היטל ווערט ווי צוגעשמידט צום קאָפּ. דער נײַער גאָט בייזערט זיך: דו געפינסט זיך אינעם שאָטן פון מײַן באַלקן, איז טו אַלץ, וואָס איך פאַרלאַנג. יויעל־דאָוויד הייבט אויף זײַן האַנט אויסצופילן דעם באַפעל פונעם נײַעם גאָט, און דער אַלטער גאָט שלײַדערט זי אָפּ אף צוריק. יויעל־דאָוויד ווייסט ניט, אף וועלכער וועלט ער געפינט זיך, ער ווייסט ניט, בײַ וועלכן גאָט פריִער מעכילע בעטן. ער איז שולדיק פאַר זיי ביידן. צום ייִדישן גאָט האָט ער זיך געהאַלטן אין איין דערקלערן אין ליבע און אין איין בעטן בײַ אים, ער זאָל אָנעמען זײַנע טפילעס פאַר קאָהאָל, וואָס האָט אים אויסדערוויילט און געשיקט טפילע טאָן. און אים, יעזוסן, האָט ער געהאַלטן אין איין לעסטערן, אַז ער איז ניט־געשטויגן און ניט־געפלויגן, אַז ער איז גאָר קיין גאָט ניט.

דער פידל עטעמט אָפּ פריַי, זאָגט אָן א בסורע און טיילט זיך מיט זײַן פרייד. פון ערגעץ א הויכן וויַיטן באַלקאָן האָבן זיך פלוצעם געגומען אראָפּלאָזן טיפע אָרגאַן־קלאַנגען, ווי שטריק אף זיך אָנכאַפּן אין זיי.

— פאני סטאניסלאוו! פאני סטאניסלאוו! — האָט זיך יויעל־דאָוויד דער־שראָקן פארן אָפּהילך פון זײַן שטים, וואָס האָט אים אויסגעזען פרעמד, און זיך דערפרייט מיט די אנטקעגן אָנקומענדיקע קלאַנגען, ווי מיט נאָענטע, ווי מיט אייגענע.

— פאני סטאניסלאוו! דאָס בין איך! איך, יויעל־דאָוויד! איך מוז אײַך זען! ווו זײַט איר?!

— אָט בין איך! אָט בין איך! ביטע! ביטע! — האָט מאַניושקאָ באַגעגנט יויעל־דאָווידן מיט גאַסטפרײַנטלעכע ברייט צעעפנטע אָרעמס.

יויעל־דאָוויד איז געשטאַנען פאר מאַניושקאָן מיט אן אנטבלויזטן קאָפּ, און ווי א טפילע, וואָס ווערט געזאָגט בלויז מיט די ליפּן, אזוי שטיל האָט ער אויסדערציילט אַלץ, וואָס מיט אים האָט פאסירט, וואָס אים דערוואַרט.

— האָט קיין מוירע ניט, — האָט מאַניושקאָ פעסט צוגעדריקט צו זיך יויעל־דאָווידן. — איך וועל אײַך קומען צוהילף, מיט וואָס איך וועל נאָר קאָנען. אין ווילנע טאָרט איר מער קיין טאָג ניט בלײַבן, קיין איבעריקע שאָ. דער וועג פירט קיין וואַרשע. נאָך מאָרגן, מאָרגן פאַרטאָג וועל איך אײַך אָפּפירן קיין וואַרשע, איך וועל אײַך פאָרשטעלן פאר אלע מײַנע באַקאַנטע און העלפן אײַך זיך אײַנאָרדענען.

יויעל־דאָוויד איז אין וועג...

יויעל־דאָוויד קאָן זיך גאָרניט אָנקוקן אף זיך, ער קוקט אַרײַן אין שפּי־געלע און דערקענט זיך ניט. ער האָט גאָרניט געוווּסט, אז ער איז נאָך אזוי יונג.

יויעל־דאָוויד וואַרצלט אויס די „סאַמעכן" פון די נאָזטיכלעך, האַנטע־כער, אייבערשטע און אונטערשטע העמדער און פאַרפלאַנצט אָנשטאָט זיי „לאַמעדן". ער איז ווידער לעווינשטיין, ער איז ווידער ער, ער טראָגט ווידער זײַן אייגענע פאַמיליע. אויס סטראַשונסקי, מער וועט ער קיינמאָל אין לעבן ניט הייסן סטראַשונסקי.

— פאני לעווינשטיין! פאני לעווינשטיין! — טוט אים צוליב מאַניושקאָ. ער דערמאָנט אים אלע ווײַלע, אז ער איז שוין ניט דער, וואָס געווען, אז ער איז גאָר אַן אַנדער מענטש.

דער פידל האָט אלע ווייען פארביטן אף מאַזשאָר און פרייט זיך.

יויעל־דאָוויד האָט דעם בלויען פויגל פאַרן פליגל געכאַפּט, זײַן שאָ איז געקומען, די שאָ פון האַלטן די גאַנצע וועלט באַ זיך אין האַנט און טאָן מיט איר, וואָס דאָס האַרץ נאָר גלוסט, די שאָ, אין וועלכער אַלץ, וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט, איז כאָכמע, און אַלץ, וואָס ווערט געטאָן, איז מיט מאַזל און גליק.

זײַנע ערשטע קאָנצערטן אין די פּריצישע און מאַגנאַטישע הויפן איבער־ראַשן און מאַכן פרײַ דעם וועג צו די גרעסטע בינעס פון דער שטאָט.

א קאָנצערט נאָך א קאָנצערט! ווארשע אפּלאָדירט! ווארשע גייט כאָ־דאָראָם!

הונדערטער יויעל־דאָווידס אין פארשיידענע פּאָזעס און אין פארשיי־דענע פארבן, ארומגערינגלט ארום־און־ארום מיט לויב־ און רום־ווערטער, רײַסן זיך אָפּ פון די אפישן און גייען דורך פארבײַ עזרעס אויגן אין א פײַערלעכן פאראד, אין א צערעמאָניאַל־מארש.

יויעל־דאָוויד איז פארליבט אין דער בלאָנדער שטאלטנער זינגערן, וואָס זינגט צוזאמען מיט אים דועטן, אין עליזען. זי איז זײַן ערשטע ליבע. און וואָס ער זאָל ניט טאָן, וועגן וואָס ער זאָל ניט טראכטן, וואָס ער זאָל ניט זינגען, טוט ער צוליב איר, זינגט ער צוליב איר...

ער ווייסט, יויעל־דאָוויד, וואָס ראבי יויסעף האָט געזאָגט: ווען א מאן זינגט און א פרוי ענטפערט אָפּ, איז עס אויסגעלאסנקײַט. ווען א פרוי זינגט און א מאן ענטפערט אָפּ, איז עס ווי פײַער און פלאקס — ווען איינס לעשט זיך אויס, כאפּט דאָס צווייטע זיך אָן.

פאר פולגעפאקטע זאלן, פאר אלעמען אין די אויגן ווערט יעדן אָוונט באנײַט, פארשענערט און פארטיפערט זייער ליבע־דערקלערונג.

— אנטפּלעק מיר דײַן געשטאלט, — זאָגט ער צו איר, צו עליזען, — לאָז מיך הערן דײַן קאָל, ווײַל דײַן קאָל איז אָנגענעם און דײַן געשטאלט איז שיין.

איר קאָלאָראטור־סאָפּראנע צעשיט זיך, ווי אָנצאָליקע פּאלנדיקע שנייע־לעך, פארפליט אין דער הייך, ווי א צוויטשערנדיקע מאכנע פויגלען.

...קאזימיר שאבעלסקי איז איבעראַשט. ניט איין מאָל האָט ער געפּרווט דערגיין, ווער איז דער, וואָס האָט באארבעט אָט די פּוילישע פאָלקס־מעלאָדיע, וואָס צעטראָגט זיך איצט דאָ אף דער בינע. לאָזט זיך אויס, אז דאָס איז יויעל־דאָוויד.

די מוזיקאנטן קוקן זיך איבער מיטן דיריזשאָר, און אלע זײַנען צו־פרידן, וואָס דער אומבאוווסטער האָט פּלוצעם זיך דאָ מיטאמאָל אנט־פּלעקט.

די אינסטרומענטן מיט די שפּילער זײַנען געוואָרן איינס, ווי איינס איז געוואָרן דער אָרקעסטער און דער דיריזשאָר מיט עזרעס פידל...

דער אָרקעסטער האָט זײַנס אָפּגעשפּילט, און עזרען ווילט זיך לענגער פארהאלטן בא יויעל־דאָווידס גליק. נאָר דאָס גליק פארשווינדט, ווי די נאָטן־צייכנס פון פעדאָצערס עלעגיע. דער בלויער פויגל האָט זיך ארויס־געריסן פון יויעל־דאָווידס האנט, און ס׳איז פארפאלן, ס׳איז אומעגלעך אים צו דעריאָגן. וואָס גרעסער ס׳איז געוואָרן יויעל־דאָווידס דערפּאָלג, אלץ מער סאָנים האָט ער באקומען. וואָס מער בלומען, אלץ מער שטיינער האָבן געגומען פליִען אין אים. געדונגענע כוליגאנעס רײַסן איבער יויעל־דאָווידס געזאנגען מיט קוויטשערײַען און סווישטשערײַען.

די שווארצע פרעסע העצט:

לעווינשטיין איז אונטערגעשיקט אף אראָפּצופירן פון גלײַכן וועג די קאטויליקער! ער פארנארט מיט זײַנע געזאנגען אין די נעצן, פון וועלכע

ס'וועט אומעגלעך זײַן זיך אויספּלאָנטערן. לעווינשטיין פאַרייִדישט די פּוילישע נעשאָמע, פאַרקוגלט די פּוילישע מעלאָדיע!

מע וואָרנט און מע דראָעט עליזען. וועט זי זיך ניט אָפּזאָגן פון יויעל־דאָווידן, וועלן אַלע זיך אָפּזאָגן פון איר. זי וועט פאַרלירן טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, קרובֿים און פרײַנט, און צווישן פּוילנס טעכטער וועט זי מער פאַר קיין טאָכטער ניט פאַררעכנט ווערן. זי וועט זײַן פאַרשאָלטן פון גאָט און לײַט, און אין ערגעץ וועט זי קיין שוץ און קיין רו ניט געפינען.

כײַרעם! אומעטום כײַרעם! אים, יויעל־דאָווידן, האָט מען אַרײַנגעוואָרפן אין כײַרעם פאַר מאָניושקאָס מעלאָדיעס, דערפאַר, וואָס ער איז געקומען צו עליזען; און עליזען דראָעט מען אַרײַנוואַרפן אין כײַרעם דערפאַר, וואָס זי איז געקומען צו יויעל־דאָווידן.

אַף אַ כוידעש צײַט האָט מען עליזען אָוועקגעפירט פון דער היים, און איצט האַלט מען זי פאַרשלאָסן. עליזע זינגט ניט, רעדט ניט, עליזע וויינט און צאַנקט, ווי אַ ליכט. און אַז עליזע זינגט ניט, זינגט אויך ניט יויעל־דאָוויד.

יויעל־דאָווידס סאָנים האָבן געוווּסט, אַז קאָלזמאַן ער וועט אַרומגיין אַף דער ערד, וועט אים עליזע ניט פאַרגעסן. זיי האָבן אויך מוירע געהאַט, אַז דער זינגער וועט סאָפּקאָלסאָף בײַקומען דעם פאַרליבטן, און יויעל־דאָוויד וועט מיט דער צײַט ווידער אָנהייבן אַרויסטרעטן אַף קאָנצערטן. זיי האָבן זיך צונויפגערעדט אײַנאָרדענען אים אַ לעצטע באַגעגעניש מיט עליזען.

יויעל־דאָוויד זינגט, און עליזע זינגט מיט... זיי זינגען און שווערן זיך: אַפילע דער טויט אַליין וועט זיי ניט קאָנען צעשיידן.

די פידל־קלאַנגען צעשיטן זיך, ווי דער דרויב פון די פײַקלען באַם אויסקלאַפּן זייער ראַצכישן מאַרש פאַרן הענקער, ווען ער דערנעענטערט זיך צו זײַן קאָרבן.

— רום דעם זינגער!

— רום און וויוואַט, וויוואַט און רום! — שרײַען די געסט, וואָס זײַנען געקומען אַף יויעל־דאָווידס באַנקעט, ווי אַף זײַן לעווײַע.

— פאַרן זינגערס דערפאָלג! פאַר יויעל־דאָווידן! — הייבן זיך אויף אַלע בעכערס.

עליזע כאַפּט אַרויס פון יויעל־דאָווידס הענט דעם פאַרסאַמטן בעכער מיט ווײַן און גיט אים איבער איר בעכער.

אַלע אויפגעהויבענע בעכערס לאָזן זיך אַראָפּ... מע שווײַגט און מע ווייסט ניט, וואָס צו טאָן.

— פאַר יויעל־דאָווידן! פאַר יויעל־דאָווידן! — ציטערט עליזעס דערשיטערטע שטים.

און ווען זי האָט יויעל־דאָווידס פאַרסאַמטן בעכער נאָענט צוגעטראָגן צו אירע ליפּן, האָבן צענדליקער פּאָר הענט זיך אויסגעשטרעקט צו איר.

— וואָס טוט איר עס?! וואָס טוט איר עס?! — האָבן אַלע געשריִען, און אַלע ווי איינער האָבן זיי זיך אַרויסגעגעבן מיט זייער פאַרברעכן...

נאָך אַט דער באַגעגעניש זײַנען שוין אַף שטענדיק אַלע וועגן צו עליזען געבליבן אָפּגעשניטן פאַר יויעל־דאָווידן.

יויעל־דאָוויד האָט זיך געריִרט פון זינען. ער איז אַרומגעלאָפן איבער די וואַרשעווער גאַסן און ניט אופגעהערט זינגען מיט די ווערטער און מיט דעם ניגון פון אייכאַ:

„ניט פאַר אײַך געדאַכט, ניט פאַר קיין מענטשן געדאַכט! קוקט און זעט, צי ס׳איז נאָך פאַראַן אַזאַ ווייטעק, ווי מײַן ווייטעק? ווי דער יאַם איז גרויס דער בראָך!״

...דער פידל בלײַבט צוגעטוליעט צו עזרען, און דער סמיק לאָזט זיך ניט אַראָפּ. נאָר אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן, אַלץ איז קלאָר. יויעל־דאָוויד איז שוין מער ניטאָ — ווילנע האָט אים געמאַכט פאַר אַ באַלעבעסל, און וואַרשע האָט אים פון זינען אַראָפּגעפירט.

אַ ווײַלע שטייען די מוזיקאַנטן מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ. באַגײַסטערטע אויסגעשרייען רײַסן איבער די שטילקײַט. די מוזיקאַנטן אַפּלאָדירן פּעדאַצערן און עזרען. מע אַפּלאָדירט מאָניושקאָן פאַר אַנטפּלעקן יויעל־דאָווידן. מע אַפּלאָדירט יויעל־דאָווידן פאַר זײַן צוטרוי און ליבע צו מאָניושקאָן, פאַר זײַן ליבע צו עליזען, פאַר זײַן גרויס געזאַנג...

— גוט! גוט געשפּילט! אויסגעצייכנט! — באַגריסן אַלע מוזיקאַנטן עזרען.

דער דיריזשאָר, קאַזימיר שאַבעלסקי, בעט עזרען איבערגעבן זײַן באַוווּנדערונג, זײַן גרוס און דאַנק פּעדאַצערן.

— איר גייט אַפן ריכטיקן וועג, איר גייט פון זיך. און אָן זיך, אָן דעם, וואָס דײַן סוויווע האָט דיר געגעבן און באַרײַכערט, איז ניטאָ וואָס צו זאָגן דער וועלט, געדענקט עס אַף שטענדיק! לויט מײַן מיינונג דאַרפט איר אַט די עלעגיע אומבאַדינגט שפּילן אַף די עקזאַמענעס.

— יאָ, וואַרט אויס אַ מינוט, — באַטאַפּט קאַזימיר שאַבעלסקי די קעשענעס פון זײַן פּידזשאַק און כאַפּט אַרויס אַ בלײַער, — וואַרט אויס, וועל איך אײַך אָנשרײַבן עטלעכע ווערטער צו מײַנעם אַ נאָענטן פרײַנט, צום פּראָפעסאָר, וואָס פירט אָן אין מוזיק־שול מיטן פידל־אָפּטייל, ער וועט אַלץ טאָן פאַר אײַך!

ס׳איז געווען אַ זוניק־וואַרעמער טאָג, זוניק און וואַרעם איז געווען עזרען אַפן האַרצן.

די זון, וואָס האָט געשײַנט אינדערפרי, ווען ער, עזרע, איז געגאַנגען אַף דער רעפּעטיציע, האָט איצט אַנדערש געלויכטן. ס׳איז געווען ווי אַן אַנדער זון, אַן אַנדער הימל, אַן אַנדערע ערד. אַפילע די מויערן, די גאַסן, האָט זיך אים געדוכט, זײַנען אַנדערע.

די גאַנצע וועלט איז געוואָרן שענער און בעסער!

די גאַנצע וועלט פרייט זיך מיט זײַן דערפאָלג! מיטן וועקסל אַף גליק, וואָס קאַזימיר שאַבעלסקי האָט אים אַרויסגעגעבן.

דער נאָטן־בלאַט, אַף וועלכן קאַזימיר שאַבעלסקי האָט אָנגעשריבן זײַן

צעטעלע צום פּראָפעסאָר פון מוזיק־שול, ליגט ניט איין אין עזרעס בוזעם־קעשענע און פלאַטערט אַלע ווײַלע אין זײַנע הענט.

קאַזימיר שאַבעלסקיס גרויסע צעוואָרפענע פּוילישע אויסיעס זײַנען ווי נאָטן איבערגעפולט מיט קלאַנגען, וואָס זאָגן אָן און וואָס זאָגן צו:

„טײַערער באַלעסלאַווסקי, — שרײַבט קאַזימיר שאַבעלסקי, — אָט דער יונגער באָכער, וואָס וועט דיר איבערגעבן מײַן צעטעלע, איז זייער אַ באַגאַבטער, זייער אַ פֿייַקער מוזיקאַנט. אונדזער כּיוו איז אים מיטהעלפן זיך לערנען און וואַקסן.

טו פאַר אים אַלץ, וואָס ס׳איז מעגלעך!

לאָמיר ווערט זײַן אונדזער גרויסן מאָניושקאָ, ווער עמענס האַנט ס׳איז שטענדיק געווען אויסגעשטרעקט פאַר יעדן טאַלאַנט, וואָס האָט זיך גע־נייטיקט אין הילף.

דײַן

קאַזימיר שאַבעלסקי”.

עזרע פאַרגיכערט די באַגעגעניש, וואָס דערוואַרט אים אין לאַנגן פינצ־טערן קאָרידאָר, ער שטעלט זיך פאָר, ווי זי וועט אויסזען אין אַ שאָ, אין אַנדערהאַלבן שאָ אַרום:

אַ טומל, אַ ראַש, אַ געמיש פון פּויליש און ייִדיש, מע דריקט אים די הענט, מ׳האַלדזט אים און מ׳קושט אים.

— וואָס זאָגט איר עפּעס אויף אונדזער פּאַניטש!

— וואָס זאָגט איר עפּעס אויף אונדזער עזרען, אויף אונדזער עזרינקען, אויף אונדזער מאַליאַרסקין?!..

— מאַשקעו! איך שטעל מאַשקעו! — שרײַט דאָווידל שיוועזיצער.

— און איך טרינק! — האַלט אים אונטער דאָוויד דער שנײַדער.

— און מיר גיבן פאַרבײַסן! — שרײַען אַלע ווײַבער אין איין קאָל.

— פאַר עזרעס געזונט!

— פאַרן פּאַניטשס ווײַטערדיקן דערפאָלג! ס׳זאָל אים גיין און גיין!

— לעכאַים! לאָמיר טרינקען לעכאַים!

— וויוואַט עזרען!

— וויוואַט דעם פידלער פון אונדזער קאָרידאָר!

פּאַולינע, לייקע און טשיפּע־שיפּרע וויינען פון נאַכעס.

שאָלעמקע טאַנצט, און אַלע ייִנגלעך פון קאָרידאָר פּאַטשן צו מיט די הענט. זיאַמע ברענגט איין מאָשל נאָכן צווייטן, און קאַמסקי דעקלאַמירט פּושקינען ווי שטענדיק, ווען ס׳איז אים אויפגעלייגט אויפן האַרצן...

נאָר אין סאַמע ברען פון דער סימכע רײַסט זיך אַרײַן יויעל־דאָווידס אומגליק, און עזרעס גליק טרעט אָפּ אויף צוריק. ווי קאָן ער, עזרע, גליק־לעך זײַן, ווען יויעל־דאָווידס ווייגעשריי טראָגט זיך איבער די וואַרשעווער גאַסן און ווערט פון מינוט צו מינוט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

עס מישט זיך אַרײַן פּעדאָצער — עזרע דערמאָנט זיך, וואָס פּעדאָצער האָט געזאָגט:

„איז איינער געפאלן, טאָר דער צווייטער ניט זאָגן: וויבאלד אזוי, האָב איך שוין מער ניט וואָס צו גיין. דאָס פאלן פון איינעם דאַרף ווערן פארן צווייטן א שטאָפּל אַף צו שטײַגן העכער!״

וואָס גרעסער דײַן גליק וועט זײַן, אַלץ קלענער וועט ווערן יויעל־דאָווידס אומגליק, יויעל־דאָוויד האָט מיט זײַן אומגליק ארײַנגעטראָגן דעם גרעסטן כיילעק אין דײַן גליק.

דער בארג איז הויך. ביז צו די וואָלקנס דערלאַנגט ער. איינער פאלט, ניט באַווײַזנדיק זיך אפילע אופהייבן, א צווייטער בלײַבט אינדערמיט, ניט אהער און ניט אהין, אראָפּ איז שרעקלעך און ארוף איז אומעגלעך. א דריטער ווערט פון די העכסטע הייכן אראָפּגעוואָרפן אין די טיפסטע גרונטן. און וואָס גרעסער די סאקאָנע, אַלץ אקשאָנעסדיקער ווערט דער מענטשלעכער ווילן און פארלאַנג זײַנער.

וואָס מער דער בארג ווארפט אראָפּ פון זײַן רוקן, אַלץ מער גייער באַווײַזן זיך. ס׳איז נאָך ניט פארענדיקט דאָס פאלן פון איינעם, און אפן העכסטן שפיץ פון בארג באַווײַזט זיך א צווייטער, און גלײַך קאראפקעט זיך א דריטער, א פערטער מאכט די ערשטע טריט, און אין וועג קלײַבט זיך שוין א פינפטער, א זעקסטער.

גיי! גיי און פארגעס ניט, אז ס׳איז ניטאָ קיין אומזיסטער גאנג, ס׳איז דאָ סכאר־האליכע — געצאָלטס פארן גיין. יעדער גאנג ברענגט עפּעס מיט זיך, יעדער גאנג באַרײַכערט.

גיי! גיי, וועסטו קיינמאָל קיין שטיין אין וועג ניט זײַן, אָן וועלכן מע שטויסט זיך אָן און אָן וועלכן מע ווערט געשטרויכלט.

גיי, וועסטו זוכע זײַן ווערן דער שטיין, אָן וועלכן מ׳שפּארט זיך אָן, דער שטיין אינעם ביניען.

און עזרע גייט ווידער צוזאמען מיטן גליק איבער די ווארשעווער גאסן. און דאָס גליק ברענגט אים אין איין אויגנבליק קיין ליפּאָוועץ. סארא סימכע! סארא פריידי! מ׳האלדזט אים, מע קושט אים! ער האָט אופגעהויבן דעם קאָוועד פון דוירעס קלעזמער! מאזלטאָוו! מאזלטאָוו!

מיריעם באַגעגנט אים אָנגעטאָן אין איר ווײַסן קלייד, וואָס פאסט איר מער ווי אלע קליידער.

אזוי האָט זי אים געשריבן, אזוי האָט זי אים צוגעזאָגט, אז שטענדיק, ווען דאָס מאזל וועט פאר אים א שפּיל טאָן, שטענדיק, ווען אים וועט זײַן גוט אפן הארצן, וועט זי זיך פארפוצן אין שענסטן ווײַסן קלייד אירן.

ער גייט מיט מיריעמען געארעמט און דערציילט איר, וו׳אזוי ער האָט אויסגענומען מיט פעדאָצערס עלעגיע וועגן ווילנער באַלעבעסל, וועלכע ער האָט געשפּילט אַף דער בינע פון ווארשעווער אָפּערע־טעאַטער.

ער ווײַזט איר קאזימיר שאבעלסקיס צעטעלע צו באָלעסלאַווסקין, צום פּראָפעסאָר פון ווארשעווער מוזיק־שול.

מיריעם ציטערט אוף, און דאָס גליק אירס רופט זי אָן בלויז מיט זײַן נאָמען:

— עזרע! עזרע!..

קראנק פון ליבע

זײַן ליבע צו מיריעמען האָט עזרע פאַרגליכן צו א רעגנבויגן, וואָס נאָך דונערן, בליצן און שלאַקסרעגנס צעלייגט ער זיך איבער די לויטערע הימלען, און וויפל אָרט ער זאָל ניט פאַרכאַפּן, איז אים אלץ ווייניק. ער האָט די ליבע צו מיריעמען אויך פאַרגליכן מיט זײַן ליבע צום פידל, וואָס האָט אן אָנהייב אָן א סאָף, וואָס ווערט באַנײַט אלע טאָג, אלע שאָ, אלע מאָל איבעראַנײַס.

די גיכע אָנהייבן און די נאָך גיכערע סאָפן פון די קורצווײַליקע ליבעס, וואָס עזרען איז שוין ניט איין מאָל אויסגעקומען איבערצולעבן, האָבן ניט פאַרטונקלט און ניט פאַרפלעקט זײַן ליבע צו מיריעמען, פאַרקערט, זיי האָבן צוגעגעבן מער שײַן, מער פאַרב, און מיט זייער שווינדיקן ווערן און ניט ווערן נאָך מער פאַרשטאַרקט די לאַנגדויערנדיקע ליבע.

און פּאַסירן פלעגט עס אזוי:

א פּריצישער באַל. עזרע שפּילט דעם ערשטן פידל. זײַנע אויגן זײַנען אײַנגעגראָבן אין די סטרונעס, ער הערט זיך צו צו יעדן קלאַנג, צי ווערט ער געבוירן, ווי א קלאַנג דאַרף געבוירן ווערן, צי זעט ער אויס, ווי א קלאַנג דאַרף אויסזען.

און פּלוצעם רײַסט זיך אַרײַן א ליכטיקער וואַרעמער בליק און קערט אָפּ עזרעס אויג פון די סטרונעס, זײַן בליק מיט איר בליק באַגעגענען זיך, און עזרע שפּילט איצט בלויז פאַר אים, פאַרן דאָזיקן בליק אירן.

א כאַסענע. עזרע איז דער גרעסטער באַלסימכע, דער הויפּט־מעכוטן — א שמייכל פון דער קאַלעס א כאַוורטע האָט אים געפאַנגען, און ער שטעלט אונטער זײַן האַרץ ווי א קאָרב פאַר יעדן אַראָפּגעפאַלענעם קלאַנג פון איר געלעכטער. הייבט זי אוף א האַנט, הייבט עס אים אוף ווי אף פליגלען; טאַנצט זי, ווייסט ער גאָרניט מיט וואָס פאַר א פידל־קלאַנגען זי באַגלייטן; שווײַגט זי, איז עס פון ליבע צו אים; סוידעט זי זיך מיט אירע כאַווערטעס, ווערט איר ליבע צו אים אויס סאָד... עזרע טראַכט מער וועגן גאָרניט און מער וועגן קיינעם ניט אין אָט די מינוטן, נאָר וועגן איר, וועגן מיידל, וועלכן ער זעט צום ערשטן מאָל, וועגן מיידל, מיט וועלכן ער האָט זיך ניט באַקאַנט און ווייסט ניט איר נאָמען.

און ווידער א פּריצישער באַל, און ווידער אן אומבאַקאַנטע מיט אָנ־געצונדענע אויגן און מיט א לויכטנדיקן פּאָנעם, וואָס האָט עפּעס אין זיך פון א שטערן. מיט איר אַרײַנקומען איז ליכטיקער געוואָרן אין זאַל, ליכ־טיקער אפן האַרצן, ס'איז פאַרשווונדן די פּרעמדקײַט, און ער, עזרע, דער־פילט זיך ווי אן אָנגעלייגטער גאַסט מיט אלע כאַשעווע געסט באַגלײַך.

עזרע שפּילט, און זי גיט אים צו וויסן מיט אירע טאַנצנדיקע פיס, אז זי האָט אופגעכאַפּט און פאַרשטאַנען יעדן טאַקט זײַנעם.

נאָר וואָס האָט פּאַסירט? עמעצער קושט איר האַנט, עמעצער באַשיט זי מיט קאָמפּלימענטן, און דער עמעצער ווערט עזרעס סוינע, און די קאָמ־פּלימענטן טרעפן אים אין האַרצן ווי גיפטיקע פײַלן.

און זי? — זי איז צופרידן, זי לאַכט...

סאַרא אומראַכמאָנעסדיקער פּאַראַט!

דער עמעצער, וואָס האָט אָפּגעשלאָגן בא עזרען זײַן נײַע געליבטע, טאנצט גאָר ניט מיט איר, נאָר מיט א צווייטער...

און עזרע פארענטפערט זיך פארן עמעצן און פאר איר, זיי זאָלן אים מוחל זײַן פארן כשאד, פארן אומזיסטן און אומנישטן אויסגעטראכטן בילבל.

די ארײַנגעקומענע טאנצט, פארגיט אים זײַן זינד. איר הארץ איז לויטער און ריין פון יעדן פארדראָס, זי ווערט נאָך בעסער און שענער, און עזרע באשיט זי מיט קלאנגען, ווי מיט די שענסטע קאָמפּלימענטן.

פארטאָג. דער באל איז פארענדיקט. די געסט גייען זיך פאנאנדער, און זי, וועמען ער האָט דורך דעם פידל א גאנצע נאכט זיך אין ליבע דערקלערט, גיט אים ניט אָפּ קיין גוטמאָרגן. געפינט ניט אויס קיין איין גוט וואָרט פארן פידל און גייט אוועק פון אים אָן א זײַ־געזונט.

דער ראָמאן, וואָס האָט היפּשע עטלעכע שאָ געווירט און געשפּילט, איז אָפּגעשפּילט און פארשפּילט אף שטענדיק.

נאָר גאָר עפּעס אנדערש איז זי, די הארפּיסטקע. אינדערפרי באגעגנט ער זיך מיט איר אף די רעפּעטיציעס פון סימפאָנישן אָרקעסטער, און באנאכט זעט ער זי אין כאָלעם. אזוי ציט זיך עס שוין די צווייטע וואָך.

שווערע טעג. נאָר פולע. יאָמטעוודיקע...

עזרע ווייסט, אז לײַכטקײַט אין שפּילן ווערט דערגרייכט בלויז דורך שווערקײַטן.

זײַנען די הארץ־גאמעס אָרעם, זײַנען אויך גרוי און טונקל די פידל־גאמעס. איז ליידיק דאָס הארץ, איז אויך פּוסט דער קלאנג.

ס'איז אומעגלעך שפּילן די שפּיל פון לעבן, ווען דו אליין האָסט גאָר־ניט איבערגעלעבט, ווען אין דײַן לעבן איז גאָרניט פאָרגעקומען און גאָר־ניט צוגעקומען.

עזרע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון עטלעכע „שטונדן", און דערמיט פארקירצט די נאכט און פארלענגערט דעם טאָג...

גיין צופוס פון דעם פארוואָרפענעם העק, ווו ער וווינט, ביז צום אָפּערע־טעאטער און צוריק אהיים איז געוואָרן אומעגלעך, דאָס וואָלט באטײַט אָפּנעמען א שטיק צײַט באם מעסלעס, וואָס פארמאָגט ניט מער ווי 24 שאָ. 24 אפצולאָכעסדיקע שאָ. ביסטו פרײַ, ציִען זיי זיך און ציִען זיך אזוי לאנג, אז סע דוכט זיך — זיי וועלן זיך קיינמאָל ניט ענדיקן. און האָסטו קיין צײַט ניט, פליט די צײַט, אז ס'איז אומעגלעך זי דעריאָגן, די שאָען ווערן אלץ מער אײַנגעשרומפּן, אלץ קלענער און ווייניקער, א שאָ, א מינוט.

דאָס פאָרן — דער פארקירצטער וועג — האָט טאָגטעגלעך גענומען פארקירצן די פופצן רובל, וואָס עזרע האָט אָפּגעלייגט אף שיקן אהיים דעם טאטן מיט דער מאמען. פון פופצן איז געוואָרן פערצן, פון פערצן דרײַצן און פון דרײַצן צוועלף...

דאָס פארלוירן געגאנגענע דרײַערל האָט זיך אלע ווײַלע אומגעקערט צו עזרען מיט א טײַנע:

— וואָס האָסטו געהאט צו מיר, פארוואָס האָסטו מיך אוועקגעפּאטערט? דו ווייסט, וואָס הייסט א דרײַערל בא דײַן טאטן און מאמען? א דרײַערל בא אן אלטן ייִדישן קלעזמער איז א גאנצער קאפּיטאל.

די אסיגנאציע ווערט אין א פּאַשעט פּאַפּיר פאַרוואַנדלט, אין א פּאָר־שרײַבענעם בריוו, אין וועלכן ס'זײַנען דאָ מער דריבנע אויסיעס, ווי גראָשנס אין דעם דרײַערל.

דער טאַטע קלאָגט זיך אַף דער געשלאָגענער פּאַרנאָסע, אַף דער מאַ־מעס געזונט:

„ס'איז ניט גוט, ניט גוט פון אלע זײַטן, און ס'איז ניטאָ, ווער ס'זאָל העלפן"...

און די מאַמע ווערט ניט מיד איבערדערציילן און אויסזינגען מיט איר שאַבעס־פאַרנאַכטיקן ניגן די אַלטע געשיכטע וועגן דער מוטער־ליבע, וואָס האָט ניט קיין סאָף און קיין ברעג, דערמאָנט אים, וואָס א מאַמע איז און וואָס א מאַמע קאָן...

...„די אָדלערכע, ווען זי קומט צו איר נעסט, קלאַפּט זי אָן מיט די פליגלען, זי זאָל ניט איבערשרעקן אירע אָדלערלעך...

די אָדלערכע, ווען זי טראָגט איבער אירע אָדלערלעך פון איין אָרט אַפן צווייטן, טראָגט זי זיי אַף די פליגל, ווײַל קיין אנדער פויגל פליט ניט העכער פון איר, דעריבער האָט זי פאַר די פויגלען קיין מוירע ניט, און ווען דער יעגער וועט שיסן, וועט די פײַל ארײַן אין איר, און דערמיט וועט זי פאַרהיטן אירע קינדער. אויב די אָדלערס, וואָס פאַרצוקן און פאַרגיסן בלוט, זײַנען אזוי געטרײַ צו זייערע קינדער, איז וואָס איז דאָ שוין צו ריידן פון אונדז, מאַמעס?!.."

עזרע נעמט אראָפּ א דרײַערל פונעם צענערל, וואָס ער האָט אָפּגע־לייגט אַף קויפן מיריעמען א מאַטאָנע, און שיקט גלײַך אָפּ אהיים פופצן רובל.

ער באַווײַזט זיך נאָך ניט אָנפּרייען מיט דער אויסגעקויפטער שולד, מיט דער ליבע און קאָוועד, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן טאַטע־מאַמע, און אַף אים נעמט ווידער אָנגרײַפן א דרײַערל, דאָס אראָפּגענומענע דרײַערל פון מיריעמס צענערל:

„דו האָסט געקליבן קאָפּקע צו קאָפּקע פאַר איר, פאַר דײַן מיריעמען, און אוועקגעגעבן האָסטו עס דעם באַלעגאָלע, אז דו זאָלסט אלע טאָג זיך קאָנען זען מיט דער הארפּיסטקע. די ליבע צו דער הארפּיסטקע ווערט באַ דיר טײַערער און טײַערער, און די ליבע צו מיריעמען אַלץ ווער(ל)וועלער און ווער(ל)וועלער. וואָס וועט זײַן מיט מיריעמען, אז זי וועט זיך דערוויסן וועגן דעם?"

און עזרע האָט דרײַ טאַנייסים געפאַסט, דרײַ טעג האָט ער ניט אויסגע־געבן קיין קאָפּקע אַף קויפן זיך עפּעס צום עסן און פאַר א צענערל אָנגע־נומען מיריעמען זײַדנס אַף א קלייד.

עזרע האָט געבענקט נאָך מיריעמען, און עס האָט אים געצויגן צו דער הארפּיסטקע.

ער האָט געפּרוּווט פאַרגלײַכן די הארפּיסטקע מיט עליזען, מיט יויעל־דאָווידס געליבטער, און עס האָט זיך ניט געגלײַכט. עליזע איז געווען די ערשטע ליבע פונעם ווילנער באַלעבעסל, און זײַן ערשטע ליבע איז מי־

ריעם, און קיין שום צווייטע וועט זי ניט קאָנען ארויסשטויסן. מיריעמס ליבע איז אן אויסגעפרוווטע, א געלײַטערטע, א גרייטע אף אלץ, און זי, די הארפיסטקע, איז ווי א ניט־דערלערנטע פארטיטור... פאר דער האר־פיסטקע איז ער ניט מער ווי א שפּיל. זי פילט, אז ער איז ניט גלײַכגילטיק צו איר, און פון דעם ווערט זי אלץ טײַערער בא זיך, זי וועט דורך דעם אלץ מער געפעלן ווערן אים.

און עזרען ווילט זיך וואָס מער אויסנעמען און געפעלן ווערן איר.

עס שלאָפט זיך אים ניט באנאכט, ער רעפעטירט, וואָס וועט ער מאָרגן זאָגן דער הארפיסטקע, ווען ער וועט זי באגעגענען.

ער כאַזערט אײַן א פראַזע, נאָר ווען זי פארקריצט זיך אין זיקאָרן, הערט זי אים אוף געפעלן ווערן, און ער פארבײַט זי גלײַך מיט א צווייטער. ער פלעכט ארײַן אין געשפּרעך, וועלכן ער גרייט צו אף מאָרגן, עטלעכע בליציקע אפאָריזמען אף איבעראַשן זי, שטעלט ארײַן עטלעכע כאָכמעס, אז די הארפיסטקע זאָל לאַכן, ער זוכט לאַנג צו עפּעס אזוינס, וואָס זאָל פארקלעמען איר האַרץ, ס'זאָל פאַלן א טרער אף דעם זעלבן אָרט, פונוואַנען איר שמייכל איז פארשוווּנדן.

מיט דער עלעגיע, ווייסט עזרע, האָט ער שטארק אויסגענומען בא דער הארפיסטקע. ס'איז אָבער ווייניק, אזעלכע, ווי זי, דאַרף מען אלע טאָג איבעראַשן מיט עפּעס אזוינס, וואָס זאָל דיך אויסטיילן און אופהייבן אין אירע אויגן.

מיט וואָס? ווי־אזוי? ער ווייסט דאָך אפילע ניט, מיט וואָס ס'וועלן זיך ענדיקן די עקזאַמענעס.

ארײַנפירן זי אין דער וועלט פונעם לאַנגן, פינצטערן קאָרידאָר — וועט זי דאָרט אפילע אף קיין מינוט ניט וועלן פארבלײַבן. זײַנע פרײַנט זײַנען ניט די העלדן פון איר ראָמאַן...

צו איר, צו דער הארפיסטקע, דאַרף ער קומען בלויז דורך דער זוניקער זײַט פון לעבן.

אלץ, וואָס עזרע טראַכט צו אין יידיש, זעצט ער גלײַך איבער אין פּויליש, און עס באקומט זיך ניט דאָס, וואָס ער וויל זאָגן.

עזרע מאַטערט זיך, זוכט אלץ מער פּאַסיקערע ווערטער אין פּויליש. וואָס מער ער זוכט, אלץ מער פארלירט ער די זיכערקײַט אין זיך, און וואָס ווייניקער זיכערקײַט, אלץ מער מאַכט ער גרײַזן.

ער הערט אוף זיך גלייבן אפילע אין דעם, וואָס ער ווייסט אף זיכער, אז ס'איז אזוי און ניט אנדערש, און ער באַשטימט פארבײַטן די פרײַע טעמע, וואָס קאַמסקי האָט אים פארגעבן אָנשרײַבן אין פּויליש, אף די מאָנאָלאָגן און דיאַלאָגן, וועלכע ער וועט פירן מיט דער הארפיסטקע. קאַמסקי וועט איבערקוקן און פאריכטן אלע גרײַזן, און דעמלט וועט ער ריידן מיט דער הארפיסטקע אזוי זיכער, ווי זיכער ער שפּילט די זאַכן, וואָס האָבן זיך אײַנגעקריצט אין זײַן זיקאָרן און ארײַן אין זײַן בלוט. קאַמסקי וועט זיך ניט אָנשטויסן, אז ער, עזרע, דער מעכאַבער פון די מאָנאָלאָגן און דיאַלאָגן, איז איינער פון די צוויי העלדן.

זיצנדיק אזוי באַם טיש מיטן בלײַער אין דער האַנט, דרעמלט עזרע

אײַן, און ס'הערן זיך אים ניט אויף כּאָלעמען די גרײַזן, וואָס שפּילן מיט אים אַ בײזע שפּיל.

סאַראַ גראָבע גרײַזן! אײנער גרעבער פון דעם צווייטן, זיי פאַרשוואַרצן אים דאָס פּאָנעם, מאַכן אים צונישט אין די אויגן פון דער האַרפּיסטקע.

אַ צעבראָכענע שפּראַך איז ווי אַ צעבראָכענער פידל, דער שפּילער גײט אויס שפּילן און עס שפּילט זיך ניט...

עזרע כאַפּט זיך אויף פון אַ שנאָל אין אויער און דערזעט לעבן זיך קאַמסקין מיט אַ גראָבן, לאַנגן, רויטן בלײַער. די רויטע שטריכן, וואָס קאַמסקי פירט דורך אָפּן פאַרשריבענעם זײַטל פּאַפּיר, צינדן אָן עזרעס פּאָנעם מיט בושע: „וואָס וואָלט געווען, — טראַכט ער בײַ זיך, — ווען ער טראָגט אונטער די אַלע גרײַזן דער האַרפּיסטקע? זי וואָלט אים אויסגעמעקט פון איר האַרצן און זיקאָרן, ווי אַ פאַרדריסלעכן פעלער, ווי אַ ניט דערלאָזבאַרן גרײַז".

— גוט! אָריגינעל! — קוועלט קאַמסקי פון יעדן בילדעריש וואָרט, פון יעדן געלונגענעם פאַרגלײַך. — כ'האָב גאָרניט געוווסט, אַז דו ביסט אַזאַ פּאָעט, אַן עמעסער פּאָעט, עכטע דיכטונג! נאָר מיט דער איווריע האַלט בײַ דיר שלעכט. — קאַמסקי הייבט אויף אין דער הייך זײַן לאַנגן, רויטן בלײַער און פאַלט אָן אויף אַ שפּאָגל־נײַעם גרײַז.

און צווישן „גוט" און „שלעכט" שיסט קאַמסקי פּלוצעם אויס אַ היל־כיקן געלעכטער:

— ניט מיך, עזרע, נאַרט מען. זײַ זיך מוידע, ניט פאַר מיר האָסטו עס געשריבן, נאָר פאַר איר... אין אַ פרײַער טעמע לייגט מען ניט אַרײַן אַזוי־פיל האַרץ. ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן, עזרע, די שענסטע און בעסטע פרוי איז ניט ווערט, מע זאָל מיט איר אַזוי ריידן, מע זאָל זי אַזוי דער־הייבן, אַזוי באַזינגען.

עזרע ווייסט, ווען קאַמסקי איז ניכטער, מאַכט ער אויסצודרייען פון אַלע פרויען אין דער וועלט, שאַנעוועט קיין אײנע ניט פון זיי. ער איז זיך נויקעם אין זיך אַליין פאַרן גרויסן טאָעס, וואָס ער באַגייט שיקערהייט, ווײַל ווען ער, קאַמסקי, איז שיקער, איז ער פאַרליבט אין אַלע פרויען. אײנע איז בײַ אים שענער און בעסער פון דער צווייטער, און אַלע באַשיט ער זיי מיט די הייסטע לופט־קושן און מיט די שענסטע קאָמפּלימענטן.

עזרע פּרוווט דערווידערן קאַמסקין, נאָר יענער שטייט שוין אינדערמיט פון צימער און זינגט די אַריע פון דער ריגאָלעטאָ־אָפּערע וועגן האַרץ פון דער שײנהײַט, וואָס איז פול מיט פאַראַט, וואָס ענדערט זיך אַלע ווײַלע און איז ענלעך צום מײַ־ווינט, וואָס אָט ווײַזט ער זיך און אָט ווערט ער ניט.

קאַמסקיס הילכיקער באַריטאָן גיט אָפּ דאָס גערעכט אַלע טענאָרן, וועלכע באַשולדיקן די ניט־שטאַנדהאַפטיקע הערצער פון אַלע שײנהײַטן אין גאָר דער וועלט.

— פאַלש! פאַלש! איר פעלשט! — טאַנצט עזרע אַזש אונטער פון פרייד, וואָס אויך קאַמסקי איז ניט פרײַ פון פעלערן. — אײן טאַקט פאַרפעלט, אַ צווייטן פאַרפעלט, און דער מאָטיוו איז שוין גאָרניט דער.

— דער עמעס נייטיקט זיך ניט אין קיין טאַקטן, — אַנערקענט ניט

קאמסקי זײַנע פעלערן,— אף וועלכן מאָטיוו מע זאָל דעם עמעס ניט זינ־ גען, אלצײנס וועט ער ניט לײַגן.

אָט אזוי ווערט צוביסלעך געענדערט די טעמע פון דער פארטאָגיקער לעקציע — אָנשטאָט גראמאטיק דעקט קאמסקי אוף דעם טאָך פון דער לי־ בע־שפּראך, ברענגט אָן א שיר בײַשפּילן פון ליבע־געשיכטעס און קלײַבט אויס צווישן זיי אלס קאָרבן די הארפּיסטקע.

— די הארפּיסטקע, — דערוויײַזט קאמסקי, — איז ניט מער ווי אן איליו־ זאָרישע שפּיל, וואָס פארפירט, אָבער ניט אף לאנג. ס'איז א נײַ שפּיל־געצ־ צײַג אין די הענט פונעם קינד. דאָס קינד וועט זיך מיט דעם אָנשפּילן, ס'וועט אים גלײַך נימעס ווערן, און ער וועט עס צעברעכן.

עזרעס אויגן לויפן ארום דערשראָקן און בעטן זיך בא קאמסקין שוינען כאָטש מיריעמען, נאָר קאמסקי איז אומבעראכמאָנעסדיק צו דער ליבע, ווי די ליבע אליין איז אָפּט אומבעראכמאָנעסדיק צו די געליבטע.

— די צײַט לויפט, און די ליבע שטייט ניט אָפּ, — זעצט פּאָר קאמ־ סקי, — זי לויפט צוזאמען מיט דער צײַט. ענדערט זיך די צײַט, ענדערט זיך די ליבע. זי ענדערט זיך, ווײַל ס'ענדערט זיך דער מענטש. אין הארבסט איז דער געליבטער שוין ווײַט ניט אזא, ווי ער איז געווען פרילינג־ צײַט. דאָס זײַנען שוין צוויי גאָר אנדערע מענטשן, און ווי קאָנען צוויי גאָר אנדערע מענטשן ליב האָבן איינער אינעם צווייטן דאָס, וואָס זיי האָבן ליב געהאט פריער? עס פלאצן די פעדעמער, און דער ריס ווערט אלץ גרעסער און גרעסער. נאָר געציילטע איז באשערט פארהיטן אין הארבסט דעם פרילינג, נאָר געציילטע!

עזרע פּרווט זיך ארײַנרעכענען צווישן די געציילטע, און גלײַך פאלט ער ארויס פון דער צאָל. וואָלט ער געווען פון די געציילטע, וואָלט דאָך אים ניט געצויגן צו דער הארפּיסטקע!

סארא פלאָנטער! און קאמסקי איז הײַנט ניט ווי אלע טאָג. אָנשטאָט דערקלערן, פארלײַכטערן, ארויסהעלפן, האלט ער אין איין פארשווערן, אין איין פארביטערן און פארמיִעסן.

— איך האָב אויך ליב געהאט, — זעצט פּאָר קאמסקי, — און ווי יעדער פארליבטער, האָב איך אויך געמיינט, אז ביז מיר האָט קיינער ניט ליב געהאט, אז איך בין דער ערשטער, וואָס הייבט אָן די ערשטע ליבע אף דער וועלט. כ'האָב געמיינט, אז אלץ, וואָס איך זאָג, ווערט עס געזאָגט צום ערשטן מאָל, צום ערשטן מאָל האלדז איך, צום ערשטן מאָל קוש איך! די געליבטע מײַנע, פון דער ערשטער ביז דער לעצטער, האָבן מיך גיך אויס־ געניכטערט, איך אליין האָב זיך אויסגעניכטערט, פארשטאנען, אז איך בין ניט דער ערשטער און בין ניט דער לעצטער.

ריידנדיק וועגן זיך, פארגייט קאמסקי אזש ביז אָדאָמען און כאַוועןן:

— וואָס איז אָפּגעגאנגען אָט דער כאַווען, אויסער הארצווייטעק? זי איז איין פרוי אף גאָר דער וועלט, קיין בעסערע ניט צו געפינען. ניט קיין איי־ פערזוכט, ניט קיין קינע, ניט קיין דײַגעס, ניט קיין זאָרגן. א לעבן א גאַ־ ניידן! איז, דוכט זיך, וואָס? זיך אין גאניידן און האָב האנאָע פון דער וועלט! איז ניין, זי האָט זיך געפונען אירס. בא דער שלאנג האָט זי זיך אויסגעלערנט מיט גוטע ריידעלעך פארנארן צו זיך אין אירע נעצן. דורך

א בליק, קושנדיקערהייט ארויסנעמען די נעשאָמע. הײַנט זעסטו שוין, עזרע, וואָס ווײַבער זײַנען, אַף וואָס ווײַבער זײַנען פייִיק?

קאַמסקי הייבט אויף זײַן האַנט אין דער הייך, ווי שטענדיק, ווען ער דעקלאַמירט די נייטיקע ליד, וואָס דאַרף אונטערשטרײַכן זײַן געדאַנק:

— אָט הער, ווי די פּאָלקסליד האַלט מיט מיר און ניט מיט דיר:

גייט אַרויס אַ נײַע מאָדע —
קליידער מיט שנירן געדרייט;
אַ פרײַלן טאָר מען ניט גלייבן,
סײַדן אַ שאָ פאַרן טויט.

— מיך ווונדערט אַף אײַך, — רעגט זיך עזרע אויף פון קאַמסקיס דעקלאַמאַציע, — פאַרוואָס פאַרגעסט איר אָן יענער ליבע, וואָס אָן איר וואָלט די וועלט קיין פּאָנעם ניט געהאַט, דאָס לעבן קיין לעבן ניט געווען! פאַרוואָס פאַרגעסט איר אין יענער ליבע, וואָס איז דער אָנהייב פון געזאַנג, פון פידל־שפּילן, פון די סאַמע שענסטע מענטשלעכע מײַסים! פאַרוואָס, ווען איר רעדט וועגן דער פרוי, פאַרגעסט איר אָן דער מוטער, דאָס סאַמע באַליבטסטע, דאָס סאַמע געבענטשטע און דאָס סאַמע הייליקסטע אַף דער ערד? ווי שעמט איר זיך ניט? איר זײַנט דאָך אויך אַ זון, איר האָט דאָך אויך אַ מאַמע... אונדזערע מאַמעס האָבן זיך ניט דערקלערט און ניט גערעדט וועגן ליבע, נאָר וויפל צניִעס און צאַרטקײַט איז געווען טיף פאַרבאַהאַלטן אין דעם שאָלעם־באַיִס, אינעם הויז־פרידן, וואָס זיי האָבן געוועבט און געשפּינט זייער גאַנצן לעבן. שטענדיק, ווען מײַן מאַמע פלעגט אָנרופן דעם טאַטן באַם נאָמען, פלעגט עפּעס ליכטיקער ווערן אין שטוב, ליכטיקער אַפן האַרצן. און ציפּע, פעדאָצערס פרוי? ווי נאָר זי פלעגט דערזען, אַז פעדאָצער הייבט זיך אויף פון אָרט און גייט אַרום הין און צוריק איבערן צימער, קלאַפּט צו צום טאַקט און מורמלט דערבײַ מיט די ליפּן, פלעגט זי איבערלאָזן אַלע אירע אַרבעטן און ווי אַ וועכטער שאָענלאַנג זיך דרייען הין און צוריק לעבן דער שטוב.

האָט זיך באַוויזן אַ פור, פלעגט זי פאַרצאַמען די פור מיט אירע ברייט צענומענע הענט און בעטן אָפּקערעווען אָן אַ זײַט:

— באַ פעדאָצערן ווערט געבוירן אַ נײַער ניגן!

האָבן קינדער געשטיפט, האָט זי יעדן איינעם געהאַלדזט און געקושט, מעכאַבעד געווען מיט אַ צוקער־לעקעכל און געבעטן זיך פאַנאַנדערגיין:

— שטילער, קינדערלעך! שטילער, טײַערינקע! פעדאָצער גרייט עפּעס אַ נײַס פאַר די קלעזמער, מ'טאָר אים ניט שטערן.

און האָט ערגעץ־ווו אַ ייִדענע זיך צעשאָלטן פון קאַס, פלעגט ציפּע זי גלײַך אײַנשטילן:

— גאָט איז מיט אײַך! פעדאָצער טראַכט איצט וועגן סימכעס באַ ייִדן, און איר שעלט זיך גאָר...

— נו, פּאַני קאַמסקי, וואָס קאָנט איר עפּעס זאָגן אַף דעם?

— וואָס זאָל איך זאָגן, — גיט קאַמסקי אַ מאַך מיט דער האַנט, — ראָמאַנטיק! ראָמאַנטיק! אַ זייפנבלאָז, וואָס פריִער אָדער שפּעטער מוז עס פּלאַצן. דו ביסט נאָך יונג, עזרע, דו מאַכסט די ערשטע טריט אין לעבן,

דאָס לעבן האָט דיך נאָך ניט אַ נעם געטאָן פאַרן גאָרגל ווי עס באַדאַרף צו זײַן!..

— שרעקט מיך ניט, — שלאָגט זיך אָפּ עזרע פון קאַמסקין, — ניט יעדע ראָמאַנטיק פּלאַצט!

ניט איין שלאָפלאָזע נאַכט איז דורך בא עזרען אין באַטראַכטן, וואָס און וויאַזוי צו ריידן מיט דער האַרפיסטקע. נאָר די אײַנגעכאַזערטע שיינע ווערטער אַנטלויפן גראָדע אין דער מינוט, ווען זיי דאַרפן אַרויסגעזאָגט ווערן, און אַנשטאָט זיי קומען אָרעמע ווערטער, וועלכע ס'איז אַ ביזאָיען גאָר פאַרן מויל אַרויסברענגען. אומזיסט געפּאַטערט אַ נאַכט.

די האַרפיסטקע פרעגט בא עזרען, צי גייט ער אַהיים, און אַנשטאָט דעם איין־און־איינציקן לאַנג געגאַרטן „יאָ״ קומט דער אָפּלייקענענדיקער „ניין״. ער מוז זיך נאָך פאַרהאַלטן.

דאָס זעלבע כאַזערט זיך איבער, ווען די האַרפיסטקע פרעגט אים, צי וועט ער זיך נאָך פאַרהאַלטן דאָ אַ ביסל.

— ניין, איך אײַל, איך מוז אין אַ שאָ אַרום זײַן אין דער היים...

עזרע דערקענט ניט זײַן קאָל, ווייסט ניט, פונוואַנען זײַנען געקומען די אומגעריכטע ווערטער, וואָס גייען קעגן זײַן ווילן. ניין, ניט ער האָט דאָס געזאָגט, דאָס האָט געזאָגט עפּעס זײַנער אַ סוינע, וואָס זיצט אין אים ווי אַ דיבעק און טוט אים אַלץ אָפּצולאָכעס. איבער אים, איבער אָט דעם סוי־נע, גייט ער אַוועק, ווען עס ווילט זיך אים בלײַבן, און בלײַבט, ווען עס ווילט זיך אים גיין.

אין אָט די שווערע מינוטן פלעגט עזרע זיך אַליין צונישט מאַכן:

„ביזוואַנען וועסטו זײַן אַזאַ נעבעכדיקער, אַזאַ קליינשטעטלדיקער?!״

די האַרפיסטקע האָט איינמאָל אײַנגעלאַדן עזרען קומען צו איר אַהיים.

עזרע איז געגאַנגען צופוס, נאָר דער וועג האָט זיך אַלציינס אַרויסגע־וויזן פאַרן סאַמע קירצסטן. נישט אומזיסט זאָגט מען — מיט אַ קלוגן איז דער לענגסטער וועג אַ האַלבער וועג, און ווען מע גייט צו אַזאַ, צו וועמען עס ציט דאָס האַרץ, איז דער לענגסטער וועג אַפילע קיין פערטל ניט. דעם גאַנצן וועג האָט עזרע גערעדט מיט איר וועגן איר און וועגן זיך. און ווען ער איז געשטאַנען לעבן איר טיר, האָט זײַן האַנט לאַנג ניט געוואַגט אָנ־רירן דאָס גלעקל און די פיס זײַנע זײַנען גרייט געווען אָפּצוטרעטן אַף צוריק.

„אַ ליבע צו שפּילן איז ווי דאָס שפּילן אַפן פידל, — האָט עזרע גע־טריבן פון זיך דעם כויזעק, וואָס האָט זיך אים געשטעלט אין וועג און ניט אופגעהערט לאַכן פון אים. — יעדער איינער שפּילט אַף זײַן אויפן, שפּילט אַנדערש, ווי אַנדערש ס'איז זײַן האַרץ, ווי אַנדערש ס'איז זײַן נעשאָמע. איינער פּלאַקערט גלײַך אויף, און אַ צווייטער הייבט אָן פון אַ פונק.

עס טרעפט, אַרום־און־אַרום אַ פאַרוואָלקנטער הימל, ס'דונערט און ס'בליצט, און דער רעגן איז אַזאַ, אַז מ'קאָן איבערציילן זײַנע טראָפּנס, און פאַרקערט, אַ רויִק קליין וואָלקנדל שווימט זיך אומבאַמערקט אַפן הימל, און אַ רעגן אַן אויסגאָס, אַ מאַבל...

די וואסערן פון קוואל לויפן שטיל, שטיל, נאָר הערן קיינמאָל ניט אויף... און די וואסערן פון די בערג רירן זיך ניט פון אָרט אָן א שטורעם... א גרויסע שפּיל איז זי, אָט די ליבע, און ניט אומזיסט האָט מען וועגן סטעמפּעניוס ליבע־טראָפנס דערציילט אין ליפּאָוועץ אלע שאבעסצונאכטס בא זיי אין שטוב ניט ווייניקער פארכאפּנדיקע מעשׂיס און לעגענדעס ווי וועגן זײַן אויסערגעוויינלעכן פידל־שפּילן".

ענדלעך קלינגט עזרע אָן און טרעט אריבער די שוועל פון פראנציס־קעס, דער האַרפּיסטקעס, וווינונג.

פראנציסקע אקאָמפּאנירט עזרען אפן ראָיאל.

דער פידל פארכאפּט דעם רוים פון פראנציסקעס צימער. דער פידל ווערט אלץ גרעסער און גרעסער, און דער ראָיאל אלץ קלענער און קלע־נער, מ'הערט אים שוין באלד ניט, און מע זעט אים שוין באלד ניט.

דער פידל פארוויגט זיך אין שטילקייט, און פראנציסקעס לאנגע פינ־גער קלאפּן אָן אין די קלאווישן, גיבן זיי צו וויסן, אז איצט קאָנען די קלאנגען ארויס אף דער פרײַ.

און ווידער טרעט אָפּ דער ראָיאל, ווידער איז עזרע דער גייער, וואָס לאָזט זיך איבערן לאנגן שווערן וועג, און זי, פראנציסקע, איז זײַן באַ־גלייטערן, וואָס גייט אים נאָך טריט נאָך טריט. מיטאמאָל גיסן זיך צונויף די קלאנגען פונעם ראָיאל מיט די קלאנגען פונעם פידל און ווערן איינס.

עזרען ווערט מיטאמאָל אזוי לײַכט און גרינג, גלײַך ווי פראנציסקעס לאנגע לויפנדיקע פינגער האָבן זיך אָפּגעריסן פון די קלאווישן און זיך צונויפגעשלאָסן מיט זײַנע הענט. פון אלע קלאנגען דוכט זיך עזרען, הערט ער איצט בלויז פראנציסקעס שטים: „קום, לאָמיר גיין! לאָמיר זיך ניט אָפּשטעלן!"

— אויסגעצייכנט! — שרײַט אויס פראנציסקע און דריקט אים פעסט די האנט. — אויסגעצייכנט!

עזרעס ליפּן פאלן צו פארשמאכטע און קושן פראנציסקעס האנט, וואָס האָט געשפּילט מיט אים איין שפּיל. עזרע לאָזט ארויס דעם פידל פון האנט און פארלירט גלײַך די זיכערקײַט. די ניט־פרײַנטלעכע בליקן פון פראנ־ציסקעס עלטערן, פון אירע ברידער און שוועסטער, וואָס זײַנען אָפּגע־טראָטן בעשאסן שפּילן, קערן זיך ווידער אום און קוקן אף אים בייז, ווי באם באגעגענען אים, כאָטש אין צימער איז אויסער אים מיט פראנציסקען איצט קיינער ניטאָ. עזרען שווינדלט אין די אויגן פון די פּילצאָליקע שפּיג־לען, וואָס לאָזן אף קיין מינוט ניט אליין, ווײַזן אומעטום, ווו דו ביסט און ווי דו זעסט אויס. עס גרילצט אים אין די אויערן פונעם זייגער־אָרקעס־טער, וואָס שפּילט בלויז איין שפּיל, די שפּיל פון צײַט, וואָס גייט אוועק און קערט זיך מער ניט אום, און עס הערן אים ניט אוף שרעקן די שווערדן אין די זילבערנע שיידן און די יעגער־ביקסן, וואָס הענגען אף די ווייכע טעפּיכער.

זײַנע אויגן פארקוקן זיך אף דער גאלעריי פּאָרטרעטן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם פּריצישן ייִכעס־שטאם, פונעם סאמע עלטסטן ביזן סאמע ייִנגסטן.

צווישן די פאַמיליע־פּאָרטרעטן דערזעט ער דעם פּאָרטרעט פונעם לי־פּאָווצער פּאָרעץ יאַניצעוויטש.

א באַל... און עזרע וועט באַדאַרפן באַלד שפּילן.

א באַל... און דער פּאַן יאַניצעוויטש וועט באַלד אָפּטאָן עפּעס א שפּיצל, וואָס וועט אים דערנידעריקן און באַליידיקן אין אַלעמענס אויגן.

א באַל... און דער פּאַן יאַניצעוויטש וועט מיט אים, עזרען, פאַרווײַלן די געסט...

און עזרען ווערט א ביזאָיען פאַר פראַנציסקען. זי וועט מער קיינמאָל זיך ניט וועלן באַגעגענען און ריידן מיט אים.

אויס האַרפיסטקע! אויס אַקאָמפּאַניאַטאַרשע! אויס! אויס! אויס!

א יונגע פּריצטע איז פראַנציסקע, א פּריצטע מיט אַלע פּריצטעס באַ־גלײַך. זי טראָגט זיך אין וויכער פון טאַנץ, פאַרגייט זיך פון געלעכטער, און כויזעקט אויך פון אים: „היי, מוזיקאַנט, וואָס שלאָפסטו?! זשאַלעווע ניט דעם פידל, זשאַלעווע ניט דאָס האַרץ! שפּיל! שפּיל, אַז די נעשאָמע זאָל פון דיר אַרויס".

עזרען פאַרדרייט זיך דער קאָפּ, עס פעלט אים אויס לופט צו עטעמען.

— ווער איז ער? — ציטערט עזרעס שטים.

— אָט דער? דאָס איז מײַן פעטער, מײַן טאַטנס ברודער, דער פּאַן יאַניצעוויטש, וועמענס מאַיאָנטקעס עס געפינען זיך אין אוקראַ:נע. ער האָט זייער ליב מוזיק, אָט דער פּאַן, אַן עמעסער מעלאָמאַן.

עזרע קוקט דערשראָקן אַף פראַנציסקען און דערקענט זי ניט. אים דוכט זיך, אַז זי איז אונטערגעשיקט געוואָרן פון איר פעטער, פאַנגען אים אין אירע נעצן און אים איבערגעבן אין זײַנע הענט, אין פּאַן יאַניצעווי־טשעס הענט. עזרע וויל אַנטלויפן, נאָר די פיס זײַנען בא אים ווי אונטער־געהאַקטע, פון אָרט זיך ניט צו רירן.

— וואָס איז מיט איַיך, עזרע? — נעמט פראַנציסקע אָן עזרען פאַר דער האַנט און פירט אים צו צום ראָיאַל. — וואָס איז מיט אײַך?

עזרע ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן, ער קאָן קיין וואָרט ניט אויס־שטאַמלען.

פראַנציסקעס אומרו:קע לאַנגע פינגער פירן אַוועק עזרען ווײַט, ווײַט פון איר שטוב. זי שפּילט הענדעלן.

און עזרע פאַרגעסט אינעם פּאַן יאַניצעוויטש, פאַרגעסט זײַנע בייזע מ:עסע שפּיצלעך, פאַרגעסט אַלע באַליידיקונגען.

פראַנציסקע שפּילט, און מיט יעדן קלאַנג ווערט זי עזרען נעענטער און נעענטער, זי איז מיט אים, זי איז פאַר אים. ווי פּײַערלעך און דרייסט אירע פינגער גרײַפן אָן! פראַנציסקע איז קעגן איר פעטער, זי איז אַף זײַן זײַט, זי איז פאַר אים און מיט אים!..

שרײַבן מיריעמען א בריוו איז בא עזרען שטענדיק געווען א יאָמטעוו. די געדאַנקען און געפילן פלעגן בא אים איבעריאָגן די פען. א האַלבע שאָ, און היפּשע עטלעכע זײַטלעך פלעגן ליגן פאַר אים געדיכט פאַרשריבענע.

דאָס אופריכטיקע וואָרט, דאָס וואָרט, וואָס גייט פון האַרץ צו האַרץ,

ווייסט ניט פון קיין אָפּשטעלונגען און פאַרצוימונגען. עס לאָזט זיך ניט אויסמעקן און לאָזט זיך ניט ענדערן, מע מעג זיך אָף דעם פאַרלאָזן, עס וועט ניט אונטערפירן און וועט זאָגן דאָס, וואָס מע באַדאַרף זאָגן.

אין אַזעלכע גליקלעכע מינוטן, איז עזרע געווען זיכער, ווערט אפילע דער סאַמע גרעסטער מענטש א פּאָעט... דעם פאַרגעניגן פון שרײַבן, ווען עס שרײַבט זיך, האָט עזרע פאַרגליכן מיטן פאַרגעניגן פון שפּילן, ווען עס שפּילט זיך...

קיין גרעסערער פאַרגעניגן פון דעם איז אָף דער וועלט ניטאָ!

און איצט איז יעדעס וואָרט בא אים ווי א פײַכט שטיק האָלץ, צינד אים און צינד אים און ער ברענט ניט...

די ליידן פון שרײַבן, ווען עס שרײַבט זיך ניט, האָט עזרע פאַרגליכן מיט די ליידן פון שפּילן, ווען עס שפּילט זיך ניט.

קיין גרעסערע ליידן פון דעם זײַנען אָף דער וועלט ניטאָ!..

א פאַרליבט האַרץ זאָגט אָן פּאָרויס, ווי א באַראָמעטער, וועגן יעדן וואָלקנדל, וואָס האַלט זיך אין אָנרוקן, וועגן יעדן קאַלטן ווינטל, וואָס האַלט אין אָנקומען.

א פאַרליבט האַרץ איז אומעגלעך אָפּצונאַרן.

מיריעם האָט זיך גלײַך געכאַפּט, אַז עפּעס קומט פּאָר מיט איר עזרען, אַז ס׳איז געשען ניט קיין גוטס, און ס׳איז איר שווער געווען צו שרײַבן עזרען, ווי עזרען איז געווען שווער צו שרײַבן מיריעמען. איר איז שווער געווען אויסגעפינען דאָס נייטיקע וואָרט, וואָס זאָל אויסדריקן איר אומרו און ווייטעק. אָף א לאַנגן בויגן ווײַס פּאַפּיר האָט זי אָנגעשריבן געצייל־טע ווערטער, געשטעלט אים בלויז איין פראַגע:

„עזרע!

וואָס איז געשען?!

מיריעם״.

די סאַמע שאַרפסטע און ביטערסטע ווערטער וואָלטן עזרען ניט פאַר־שאַפן אַזא ווייטעק, ווי דער ווײַסער בויגן ליידיק ניט פאַרשריבן פּאַפּיר.

מיט דעם האָט אים מיריעם געגעבן אָנצוהערן:

„א האָגל האָט אויסגעשלאָגן די זאַנגען און א קאַלטער ווינט האָט פאַר־טראָגן די קערנער. פּוסטע זאַנגען זײַנען דײַנע אַלע ליבע־ווערטער ביז אַהער, א פּוסט ליידיק פעלד איז אונדזער ליבע, ווי פּוסט און ליידיק ס׳איז דער ווײַסער בויגן פּאַפּיר, אָף וועלכן ס׳איז מער ניטאָ וואָס צו זאָגן און ס׳איז ניטאָ מער וואָס צו ריידן...״

שאָלעמקע האָט ווי אַלעמאָל צעטראָגן די יעדיע איבערן קאָרידאָר, אַז עזרע האָט באַקומען א בריוו פון ליפּאָוועץ, און לייקע איז ווי אַלעמאָל געקומען זיך דערוויסן, פון וועמען איז דער בריוו, וואָס הערט זיך עפּעס אין ליפּאָוועץ, און ווי אַלעמאָל גרייט געווען איבערלייענען די גרוסן, וואָס מע גיט איר איבער.

א גרוס האָט לייקע געמוזט אַליין איבערלייענען, ווײַל אַנדערש, האָט זי געהאַלטן, איז דער גרוס קיין גרוס ניט.

— פון וועמען איז דער בריוו? נו, זאָג שוין, צי ניט די נעשאָמע,— האָט לייקע ניט געקאָנט צוימען איר נײַגעריקייט.

— דער בריוו איז פון... פון... פון מיריעמען, ניין, ניין,— האָט עזרע זיך פארכאַפּט. ער האָט זיך פארשעמט פארן ליגן, צו וועלכן ער מוז אין דער מינוט אָנקומען,— דער בריוו איז ניט פון מיריעמען, נאָר וועגן מיריעמען...

— וואָס הייסט עס,— האָט לייקע פארווונדערט אָנגעקוקט עזרען,— וואָס הייסט עס, ניט פון מיריעמען, נאָר וועגן מיריעמען?

— דאָס הייסט,— האָט דער ערשטער ליגן געבוירן א צווייטן,— דאָס הייסט, אז מיריעם איז ניט געזונט און די מאמע אירע האָט אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער פאר איר.

— ווײ איז מיר, וואָס זשע איז איר?— זײַנען לייקעס פארווונדערטע אויגן געבליבן דערשראָקן.— לייען מיר שוין איבער, און לאָמיר הערן.

— האָט אַף מיר קיין פאריבל ניט,— עזרע האָט ניט געוווּסט וווּהין זיך אַהינצוטאָן און וויאַזוי זיך ארויסצודרייען. ארויסגעפירט פון דער שווערער לאגע האָט א דריטער ליגן.— כ'האָב דעם בריוו צעריסן. מיריעם איז זייער קראנק.

— אָט האָסטו דיר הײַנטיקע צײַטן מיט הײַנטיקע ליבעס,— האָבן לייקען געגומען שטיקן טרערן,— אָט האָסטו דיר הײַנטיקע כאָסן־קאַלע. ער דאָ, און זי דאָרטן... ס'איז דאָך א יונג הארץ, וואָס איז נאָך ניט געוווינט געוואָרן צו צאָרעס. און ביזוואַנען איז טאקע דער שיר, ביזוואַנען טאקע קאָנען צוויי פארליבטע הערצער זײַן צעשיידט און אָפּגעטיילט איינער פונעם צווייטן? צוויי פארליבטע הערצער זײַנען איין הארץ, און אז איין הארץ ווערט צעריסן אַף דער העלפט, גייט עס אָפּ מיט בלוט און עס טוט שטארק וויי. איז הער זשע, עזרע,— האָט לייקע מיטאמאָל אויפגעלעבט,— הײַנט נאָך זאָלסטו אָנשרײַבן מיריעמען, זי זאָל קומען קיין ווארשע. איך מיט דאָווידן וועלן אויך אָנשרײַבן. מיר וועלן זי אײַנלאַדן, זי זאָל קומען צו אונדז צוגאַסט. מעגסט זײַן זיכער, עזרע, אז דײַן מיריעם וועט זיך בא אונדז פילן ניט שלעכט.

גלײַך נאָך לייקען זײַנען ארײַנגעקומען צו עזרען זיאמע מיט טשיפּע־שיפּרען.

טשיפּע־שיפּרע האָט אונטערגעהאלטן לייקען, און זיאמע האָט אונטערגעהאלטן טשיפּע־שיפּרען, ווי דער שטייגער זײַנער איז, מיט א מאָשל וועגן א זייגער. רײַסט זיך אָפּ איין ווײַזער פונעם צווייטן, ווייסט מען שוין ניט, אַף וועלכער וועלט מ'איז. דער זייגער קלאַפּט, דער זייגער גייט, נאָר וווּהין, וואָס, ווער, וועמען, ווייסט ער אליין ניט. אז דער זייגער זאָל זײַן א זייגער און גיין מיט דער צײַט, דארפן ביידע ווײַזערס זײַן ענג באַהעפט.

דאָווידל שיוועזיצערס ווײַב איז ארײַנגעלאָפן זיך דערוויסן בא עזרען, וואָס פאר א מין קאָליר פאסט מער מיריעמען צום פּאָנעם. זי האָט געהערט, אז מיריעם קומט אהער, וויל זי איר אָנעמען א מאטאָנע, סכוירע אַף א קלייד.

איינציקוויַז, אינצווייען און אינדרײַען, ווער נאָר ס'האָט זיך צו יענער צײַט געפונען אין קאָרידאָר, איז מען געקומען טרייסטן עזרען און צווינטשעווען מיריעמען א רעפוע.

די ווארעמקײַט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אלע זײַטן, האָט עזרען אין קעלט ארײַנגעוואָרפן, ער האָט זי ניט פארדינט, אָט די ווארעמקײַט. ווילד־פרעמדע מענטשן קימערן זיך פאר מיריעמס גורל, שיקן איר די הארציקסטע גרוסן און בעסטע ווונטשן, אז זי זאָל געזונט ווערן. קיינער פון זיי קען ניט מיריעמען, און אלע זײַנען זיי גרייט אופנעמען זי ווי דעם שענסטן גאסט. און ער, דער סאמע נאָענטסטער, האָט איר פארשאפן אזויפיל צאר, אָנגעטאָן אזעלכע ווייטעקן.

עזרע האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. ער האָט געדארפט גיין צו פראנציסקען, זי זאָל אים אקאָמפאנירן די נײַע פיעסע, וועלכע ער דערלערנט, און ער האָט ניט געקאָנט, דאָס הארץ האָט אים ניט דער־לאָזט.

האָט ער גענומען דעם פידל, האָט דער פידל ניט געשפילט. האָט ער געבלעטערט די נאָטן־ביכער, זײַנען זיי פאר אים הויל געווען, ווי הויל און ניט באשריבן ס'איז געווען דער בויגן ווײַס פאפיר פון מיריעמס בריוו. עזרע האָט געהאלטן אין איין בײַטן פערזן און שורעס פון פאר־שיידענע דיכטער, פון פארשיידענע לידער, וואָס ער האָט געדענקט אף אויסווייניק.

ער האָט אלע ווײַלע אראָפּגענומען פון דער עטאזשערקע אן אנדער בוך.

...דער, וואָס איז פארליבט מיטן גאנצן הארצן, איז מיט וועמען ער זאָל ניט פארגלײַכן זײַן געליבטע, איז זי שענער, קליגער און בעסער פון אלע... זי איז איינע אף דער וועלט, און די איינע איז נאָר אים איינעם באשערט!.. נאָר אויב דעם פארליבטן דוכט זיך, אז א צווייטע צי א דריטע איז שענער, קליגער, בעסער פון זײַן געליבטער, איז א סימען, אז זײַן געליבטע איז פאר אים קיינמאָל קיין געליבטע ניט געווען.

— ניט ריכטיק! ניט ריכטיק! — פארמישט עזרע די זײַטלעך פון בוך, וואָס זאָגן אים אָפן גלײַך אין די אויגן, אז ער האָט מיריעמען קיינמאָל ניט ליב געהאט.

— ניט ריכטיק! ניט ריכטיק! — קריגט זיך עזרע מיט די פארמישטע זײַטלעך. — מיריעם איז א טייל פון מיר. און פונקט ווי איך קאָן פון זיך ניט אוועק, אזוי קאָן איך ניט און אזוי וועל איך ניט אוועק פון איר. פראנציסקע איז ניט דאָס קילע ווינטל, וואָס פארלעשט, נאָר פארקערט, ס'איז דאָס ווינטל, וואָס צעצינדט שטארקער זײַן ליבע צו מיריעמען.

פראנציסקע איז ווײַט פון מיר, און דורך אָט דער ווײַטקײַט דערפיל איך ערשט מײַן נאָענטקײַט צו מיריעמען.

וואָס מער זײַטלעך עזרע מישט אוף, אלץ מער ווערט ער פארפלאָנ־טערט, פילט זיך אלץ מער שולדיק פאר מיריעמען...

אומרויִק איז געווען דער טאָג, און נאָך אומרויִקער איז געווען די נאכט...

— בארויִק זיך, עזרינקע, בארויִק זיך! — פאָולינע האָט אויך אין יענער נאכט ניט צוגעמאכט מיט קיין אויג. — בארויִק זיך, מיריעם וועט געזונט ווערן...

בא דער שײַן פון פארדרייטן צוועלפער לעמפּל האָבן פאָולינעס גרוי צעוואָרפענע פאסמעס האָר אויסגעזעזן ווײַסער ווי אלעמאָל.

פאָולינע האָט איטלעכווײַל צוגעלייגט איר האנט צו עזרעס שטערן, אים אונטערגעטראָגן געבריטע מילך מיט מאלינע־אײַנגעמאכטס:

— ס׳איז א גוטע רעפּוע, דו וועסט דורכשוויצן, און דיר וועט ווערן גרינגער.

און אלץ, וואָס ס׳איז געווען בא עזרען אפן הארצן, און אלץ, וואָס ס׳האָט פאסירט מיט אים, האָט ער עס דערציילט פאָולינען, ווי וועגן א צווייטן, וועגן זײַנעם א כאַווער...

נאָר פאָולינע האָט זיך גלײַך אָנגעשטויסן, אז דאָס דערציילט עזרע וועגן זיך. אזוי פלעגט אויך טאָן איר טשעסלאוו.

— קינד מײַנס, — האָט פאָולינע אים בארויִקט, — ס׳וועט דורכגיין. דאָס זעלבע האָט געטראָפן מיט מײַן טשעסלאווו, און ס׳איז דורכגעגאנגען.

פארטאָג, ווען פון פאָולינעס צימער האָט זיך ניט געהערט קאמסקיס הילכיקע שטים, מ׳האָט ניט געהערט, ווי קאמסקי לערנט מיט עזרען, האָבן זיך די שכיינים איבערגעשראָקן און געקומען צו פאָולינען זיך דערוויסן, וואָס האָט געטראָפן מיט עזרען.

— שטילער! — האָט פאָולינע בארויִקט די שכיינים. — א נאכט, אז עזרינקע האָט מיט קיין אויג ניט צוגעמאכט, ערשט ניט לאנג איז ער אנשלאָפן געוואָרן. שטילער, שטילער!...

עזרע איז קראנק!

אויב א מענטשן איז באשערט צו קרענקען, זאָל ער אייביק קרענקען מיט אָט דער קרענק...

עזרע איז קראנק, קראנק פון ליבע...

שאָפּענס הארץ

פּראָפעסאָר באָלעסלאווסקי איז געווען אין אורלויב, נאָר עזרע איז טאָגטעגלעך געגאנגען אין מוזיק־שול זיך דערוויסן, עפשער איז ער שוין געקומען. יעדע שאָ האָט זיך בא עזרען געצויגן ווי א יאָר און יעדער טאָג ווי אן אייביקײַט — ווען וועט ער שוין קומען? ווי לאנג קאָן מען זיך זאמען?

שטייענדיק אין פינצטערן קאָרידאָר, בא פאָולינעס שוועל, האָט עזרע געטראכט: „לויט אלע סימאָנים וועט דער פּראָפעסאָר באָלעסלאווסקי הײַנט שוין זײַן אין מוזיק־שול. איך מוז אים אומבאדינגט זען און איבער־געבן דעם רעקאָמענדיר־בריוו. צווייטנס, דארף איך הײַנט אומבאדינגט הערן דעם פינאל פון בעטהאָווענס קרייצער־סאָנאטע. די הארפיסטקע פראנ־ציסקע האָט נעכטן מיך פארפירט אין א ווונדערלעכער אלעגראָ־וועלט״...

„יאָ, — האָט עזרע ווײַטער געטראַכט, — בעטהאָווען האָט געהאַט רעכט זאָגן וועגן זיך, אַז ער איז דער גאָט פון מוזיק־שיקרעס, דער וואַקך, וואָס גרייט צו פאַרן מענטשן יענעם ווונדערלעכן געטראַנק, וואָס צע־טרײַבט די בלוטן, קרעפטיקט דעם געמיט, פאַרשטאַרקט דעם ווילן און דעם פאַרלאַנג צו לעבן אַף דער וועלט. ניין, בעטהאָווען איז ניט נאָר דער מוזיק־וואַקך, ער איז אויך דער אַפּאָלאָן אַפן הויכן פאַרנאַס בא די קלאָר־ריינע וואַסערן פון די שטענדיק פרישע שלאַגנדיקע קוואַלן. ער באַגײַס־טערט אַלע מוזעס, וואָס רינגלען אים אַרום, און ער באַגלייט זייערע הימנען, זייער פרייד און טרויער, זייערע געזאַנגען און טענץ אַף די סטרונעס פון זײַן גילדענער גיטאַרע".

מיט וואָס זשע פאַרענדיקט זיך די קרייצער־סאָנאַטע? מיט וואָס ענדיקט זיך דאָס בילד פונעם אינערלעכן געראַנגל? ווי זעט אויס דער העראָישער גײַסט נאָך אַלע שטורעמס? ווי זעט ער אויס אַ באַלויכטענער פון זיג? אָט דאָ, באַם סאַמע פינאַל, אין סאַמע אינטערעסאַנטן אָרט, האָט פראַנציסקע איבערגעריסן, קעדיי ער, עזרע, זאָל מיט אומגעדולד וואַרטן אַף דער פאָרזעצונג. שטענדיק טוט זי אַזוי, שטענדיק לאָזט זי איבער דעם סאָף, ער זאָל מאָרגן דינען פאַר אָן אָנהייב. פריִער האָט עזרע עס ניט געקאָנט איבערטראָגן, און איצט מאַכט ער איר נאָך. שפּילט ער עפּעס פאַר איר, דערציילט ער איר עפּעס, רײַסט ער אויך איבער גראַדע דאָרט, ווו דער נײַגער דערגייט צו דער העכסטער מאַדרייגע.

מיט וואָס זשע פאַרענדיקט זיך די קרייצער־סאָנאַטע?

נאָר מיט וואָס די סאָנאַטע זאָל זיך ניט ענדיקן, איז אַלציינס רודאָלף קרייצער, דער באַוווסטער פאַריזשער פידלער, דער גליקלעכסטער אין דער וועלט. דאָס האָט ער, רודאָלף קרייצער, מיט זײַן אויסערגעוויינלעכן שפּילן באַגײַסטערט בעטהאָווענען אַף אָנשרײַבן אָט די סאָנאַטע. דאָס איז אים, רודאָלף קרייצערן, באַשערט געווען אַזאַ גליק, אַז בעטהאָווען זאָל זײַן העראָישע סאָנאַטע אָנרופן מיטן נאָמען פונעם פידלער — קרייצער־סאָנאַטע.

עזרע גיט זיך דאָס וואָרט, אַז נאָך הײַנט וועט ער זיך נעמען לערנען די סאָנאַטע.

„און דריטנס, — פאַרשרײַבט עזרע אין זײַן בלאָקנאָט, — מוז איך הײַנט איבערלייענען בעטהאָווענס ביִאָגראַפיע... און פערטנס, מוז איך הײַנט אויסקלאָרן בא קאַמסקין אַ ריי פראַגן וועגן ליטעראַטור און גע־שיכטע... און פינפטנס, דאַרף מען ענטפערן אַף פעדאַצערס אַ בריוו... אָנ־שרײַבן מיריעמען... דעם טאַטן מיט דער מאַמען... און זעקסטנס..."

עזרע פאַרטראַכט זיך: וואָס נאָך?

פּלוצעם האָבן זיך איבערן קאָרידאָר צעטראָגן פידל־קלאַנגען.

— גוט! גוט!.. גאָט מײַנער, וואָס טוט ער עס, אָט דער שאָלעמקע?! — האָט עזרע זיך פאַרשטעלט די אויערן. — וואָס טוט מען מיט אים? ער שטייט ווי אַף הייסע קוילן, הייבט ער נאָר אָן שפּילן, טראָגט אים אינדער־לופטן, אין דער וועלט אַרײַן. סאַראַ ספּריטנער ער איז!

עזרע לויפט אַרײַן צו שאָלעמקען אין צימער:

— וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, וויפל מאָל האָב איך דיך געלערנט, אז וואָס ברייטער און אײַליקער די באוועגונגען, אלץ שטארקער ווערט בא זיך דער קלאנג, ער ווערט בא זיך אזוי שטארק, אז ער וויל ניט שטיל ווערן אפילע דאָרט, ווו מע באדארף אים קוים הערן... וואָס מיינסטו, אז איך בין ניטאָ, קאָנסטו שפּילן ווי דיר ווילט זיך? קאָנסט מיך אָפּנארן? א נעכטיקער טאָג! דער פידל וועט מיר אלץ דערציילן און די קלאנגען וועלן איידעס זאָגן, וו׳אזוי דו ביסט געשטאנען, וואָס פאר א פּאָזע דו האָסט אָנגענומען, וו׳אזוי דו האָסט זיך באוועגט.

— איך וויל טאקע שטיין, ווי איר לערנט מיך, נאָר עס שטייט זיך ניט, — פארענטפערט זיך שאָלעמקע. ער פארמאכט דעם נאָטן־העפט, לייגט אוועק דעם פידל מיטן סמיק, און אן אנטוואָפנטער, מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, קוקט ער בייז אַף זײַנע באָרוועסע פיס, ווי זיי וואָלטן געווען שולדיק אין דעם, וואָס ער קאָן ניט אײַנשטיין אַף קיין אָרט.

אָבער עזרע האָט טײַנעס ניט נאָר צו די פיס, נאָר אויך צו די הענט:

— וו׳אזוי קאָן מען זיך צורירן צום פידל מיט אזעלכע שמוציקע הענט? דער פידל באדארף זײַן בא דיר הייליק, ווי הייליק ס׳איז געווען די גענדזענע פעדער בא דײַן זיידן דאנ׳על, אָלעווהאשאָלעם. מיט דער זעלבער ריינקײַט און מיט דעם זעלבן ציטער, מיט וועלכן דײַן זיידע דאנ׳על פלעגט זיך זעצן שרײַבן די טוירע, דארפסטו נעמען דעם פידל אין די הענט! דו האָסט מיך פארשטאנען? און וואָס איז דאָס פאר א הוילעך? — כאַפּט עזרע אָן שאָלעמקען פארן קאָלנער פון דער אויסגעלינעטער בלוזקע, וועלכע האָט פארלוירן ביזן לעצטן טראָפּן איר פר׳ערדיקע פארב און איז פון די אומצאָליקע געוועשן אײַנגעלאָפן, געוואָרן ענג אַף דאָווידן און צו ברייט און לאנג אַף שאָלעמקען. — דו האָסט ניט געקאָנט אָנטאָן דעם יאָמטעוודיקן אָנצוג?

שאָלעמקען ווערט א ביזאָיען פאר זײַנע אומריינע הענט, פאר די ניט־פארקעמטע האָר, פארן צעכראסטעטן קאָלנער, פאר די לאטעס אַף די הויזן. אים ווערט א ביזאָיען, וואָס עזרע האָט אים געפּאקט א וואָכעדיקן בא אזא יאָמטעוודיקער ארבעט.

— איך האָב ניט געקאָנט, — פארענטפערט זיך שאָלעמקע, — איך האָב זיך געוואָלט ארומוואשן, זיך איבערטאָן, און ניט געקאָנט, ס׳האָט מיך אזוי א ציי געטאָן צום פידל, אז איך האָב ניט געקאָנט אָפּלייגן אַף שפּעטער.

— זייער גוט, וואָס דיך ציט אזוי צום פידל, — איז עזרעס שטים ווייכער און מילדער געוואָרן, — נאָר שטעל זיך פאָר, שאָלעמקע, אז דער טאטע מיט דער מאמען גיבן דיר מיטאמאָל צו וויסן, אז דו גייסט מיט זיי ערגעץ צוגאסט, ווערסטו גלײַך איבערראשט, צעהאָצלט, קאָנסט ניט אײַנשטיין אַף קיין אָרט, דיר ווילט זיך וואָס גיכער גיין, אָבער דו וועסט דאָך ניט גיין אזוי, ווי דו שטייסט און גייסט, דו וועסט זיך צעשרײַען און צעפּילדערן: „מאמע, וואש מיך ארום! מאמע, גיב מיר דעם פּליושענעם קאָסטיומטשיק...״ און ריכטיק. דו ווילסט אויסנעמען, געפעלן ווערן. דו ווילסט ניט, אז מ׳זאָל זאָגן אַף דיר, אז דו ביסט א פארמורזעטער, אן

אָפּגעלאָזענער... איז פאַרוואָס זשע ביסטו אַזאַ פאַרמורזעטער און אָפּגעלאָזענער באַם פידל? באַם פידל דאַרף מען אויסנעמען, מע דאַרף אים געפעלן ווערן, ווײַל דער פידל איז דער סאַמע נאָענטסטער קאַרעוו. איידער מע הייבט אָן שפּילן, דאַרף מען זיך צוגרייטן ווי צו דעם גרעסטן יאָמטעוו.

עזרע רופט צו שאַלעמקען צום הענג־שפּיגל און הייסט אים אַרײַנקוקן.

— וועמען זעסטו, שאַלעמקע?

— אײַך און זיך.

— און איצט? — גייט עזרע אָפּ אָן א זײַט און לאָזט איבער שאַלעמקען אַליין. — און איצט וועמען זעסטו?

— איצט זע איך נאָר זיך אַליין.

— גוט! און איצט וואָס זעסטו? — גייט ווידער צו צום שפּיגל עזרע און הייבט זיך אָן דרייען פון איין אָרט אויפן צווייטן.

— איצט זע איך, ווי איר קאָנט ניט אײַנשטיין אַף קיין אָרט.

— פונוואַנען ווייסטו עס?

— וואָס הייסט פונוואַנען? דער שפּיגל באַווײַזט עס.

— וויבאַלד אַזוי, — האָט זיך עזרע דערפרייט, — וויבאַלד פאַרן שפּיגל זײַנען ניטאָ קיין סודעס, ער באַווײַזט דיר טייקעף דײַן יעדן קער און ווענד, איז זײַ אַזוי גוט און פון הײַנט אָן שפּיל נאָר פאַרן שפּיגל. ווען זיך אָנהייבן דרייען פון איין אָרט אויפן צווייטן, וועט דער שפּיגל דיר א זאָג געבן: „איך זע אַלץ! הער זיך אויף דרייען, שטיי רויִק!" זע זשע, אַז דער שפּיגל זאָל זיך דיר ניט נאָכקרימען, ער זאָל פון דיר ניט לאַכן. איך וויל, אַז דו אַליין זאָלסט זיך געפעלן ווערן אין שפּיגל. קוק אין אים, ווי איך שטיי, ווי איך לערן דיך, ווי א פידלער דאַרף שטיין. דו האָסט מיך פאַרשטאַנען?

עזרע האָט אין מוזיק־שול געזוכט דעם פּראָפעסאָר באַלעסלאַווסקי און אַלע ווײַלע זיך אָנגעשטויסן אַף אַן אַנדער קייסער. אַלעקסאַנדער דער ערשטער איז געשטאַנען אין דער פּאָזע פון א פאַרליבטן ריטער.

אַלעקסאַנדערס ברייט צעעפנטע אויגן האָבן זיך אָנגעשטעלט אַף עזרען:

„וואָס טוסטו דאָ? ווער האָט דיר געגעבן די רעכט קומען אַהער? מײנסט, אַז וואַרשע איז פאַר דיר א שוץ־אָרט? רעד זיך ניט אײַן, אַז אין וואַרשע וועסטו זיך קאָנען דערשלאָגן דאָס, וואָס דו וואָלסט זיך קיינמאָל ניט דערשלאָגן אין פּעטערבורג, אין מאָסקווע און אין קיִעוו. וואַרשע איז א טייל פון מײַן קיניגרײַך, פונקט ווי פּעטערבורג, ווי מאָסקווע, ווי קיִעוו. איין באַלעבאָס און איין אָרדענונג... שוין זאָלסטו זיך פאַרנעמען פונדאַנען!"

עזרע האָט א פאַרציטערטער אופגעהויבן זיך מיט די טרעפּ. אויפן צווייטן שטאָק — ווידער א קייסער. ניקאָלײַ פרעגט דאָס זעלבע, וואָס אַלעקסאַנדער: ווי קומסטו אַהער?

פון די אַאודיטאָריעס האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען פון ראָיאַלן, פידלען, וויאָלאָנטשעלן, קאָנטראַבאַסן, גאָבאָיען און האַרפעס. עס האָבן געזונגען

סאָפּראַנעס, אַלטן, בעסער, טענאָרן. א סטודענטישער סימפאָנישער אָרקעס־טער האָט רעפּעטירט.

מיט אַן אופגעהויבענעם קאָפּ האָט עזרע געגומען שפּאַנען זיכערער אונטער די קלאַנגען פון אַט די פאַרשיידענע אינסטרומענטן — די מוזיק לעבט! זי האָט זיך דורכגעריסן דורך דער וואַך פון די קייסאָרים! ווי מעכ־טיק זי איז, די מוזיק!

עזרע האָט פעסט זיך געהאַלטן בא דעם ניקלנעם הענטל פון באַלע־סלאַווסקיס קאַבינעט־טיר. דאָס האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. דאָס איז דאָך א טיר ניט ווי אַלע טירן, דאָס איז ניט קיין טיר, וואָס לאָזט אַרײַן איבערנעכטיקן, איבערוואַרטן דעם געוויטער, וואָס הײַנט גייסטו אַרײַן און מאָרגן וועסטו אַרויס פון איר. עפנט זיך אויף אָט די טיר, עפענען זיך אַלע טירן פון לעבן, עפענען זיך נײַע וועלטן, נײַע וועגן...

ער האָט שטיל אָנגעקלאַפּט, אַזוי שטיל, אַז ער אַליין האָט קוים געהערט דעם קלאַפּ. אים האָט זיך ניט געוואָלט איבערשרעקן די האָפע־נונג. נאָך אַן אומזיכערער קלאַפּ... שטאַרקער...

— אַרײַן, ביטע!

דאָס ערשטע האָט עזרע דערזען א גראָ־ווײַס געדיכטן קאָפּ האָר, א בעטהאָווענישן קאָפּ. פון אופרעגונג האָט ער ניט געקאָנט אופכאַפּן די שטריכן פון דעם פּאָנעם, ניט געקאָנט ווי ס׳געהער צו זײַן באַטראַכטן דעם שטערן און די אויגן פון דעם אַנטקעגן־אָנקומענדיקן הויכן שטאַלטנעם מאַנספּאַרשוין.

— ביטע! זעצט זיך! — האָט עזרע דערהערט א גאַסטפרײַנטלעכע שטים און ווי דורך א נעפּל דערזען אַן אויסגעשטרעקטע האַנט, וואָס האָט אָנגעוויזן אויפן פאָטעל לעבן שרײַבטיש.

עזרע האָט אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע קאַזימיר שאַבעלסקיס רעקאָמענדיר־בריוו.

— א, דאָס זײַנט איר? — האָט באַלעסלאַווסקי גלײַך באַם איבערלייע־נען די ערשטע שורעס פריידיק אויסגעשרײַען. — דאָס האָט איר געשפּילט די עלעגיע וועגן דעם ווילנער באַלעבעסל? פּערעץ און קאַזימיר שאַבעל־סקי האָבן מיר דערציילט וועגן אײַך, זיי האָבן אײַך שטאַרק געלויבט, און קיין בעסערע אטעסטירונג איז שוין ניט נייטיק. אַז זיי זאָגן — גוט, קאָן מען זיכער זײַן, אַז ס׳איז גוט...

באַלעסלאַווסקי האָט אויסגעשטרעקט עזרען די האַנט. דאָס האָט באַטײַט, אַז אי ער באַקאַנט זיך מיט עזרען, אי ער באַגריסט אים, ער שליסט מיט אים פרײַנטשאַפט און זאָגט אים צו הילף.

א וואַרעמקײַט איז דורך עזרען איבערן גאַנצן לײַב, ס׳איז אים ליכטיק געוואָרן. ער האָט זיך געגנוג ניט געקאָנט אָנקוקן אויף באַלעסלאַווסקיס ברייטן שטערן, אויף זײַנע שוואַרצע, טיף אַרײַנדרינגענדיקע, יונגע אויגן און אויפן גוטמוטיקן שמייכל, וואָס האָט באַשײַנט זײַן פּאָנעם.

— איז דערציילט עפּעס וועגן זיך, פּאַני עזרע, — האָט אווגוסט באַלעסלאַווסקי פאָרגעלייגט, — דערציילט עפּעס וועגן זיך... לאָמיך וויסן, מיט וועמען איך האָב צו טאָן.

איצט, ווען פאַר עזרען האָט זיך געעפנט די צוקונפט, איז אים שווער

געוועז זיך אומקערן צו זײַן פאַרגאַנגענהײַט. ער האָט געכאַפּט איינס פאַרן צווייטן. נאָר באַלעסלאַווסקי האָט אים באַלד אָפּגעשטעלט, געבעטן אָנהייבן אַלץ פונדאָסנײַ און גאָרנישט ניט איבערהיפּערן. און וואָס מער באַלעס־לאַווסקין געפעלט דאָס, וואָס עזרע דערציילט וועגן דער היים, וועגן זײַן סוויווע, אַלץ מער געפעלט עס אויך עזרען, און ער דערציילט גענויער וועגן דער ליפּאָוועצער קאַפּעליע, וועגן די כאַסענעס און פּריצישע בעלער, וועגן בערדיטשעוו, סעוואַסטאָפּאָל און בעלץ, וועגן זײַן קומען קיין וואַרשע...

בײַ באַלעסלאַווסקין נעמט שטאַרק אויס עזרעס קלעזמער־מישפּאָכע. ער איז צופרידן, וואָס דער פידל גייט איבער בײַ דער מישפּאָכע פון דאָר צו דאָר, פון האַנט צו האַנט. ער בעט עזרען געניי דערציילן וועגן די שטעטלדיקע מוזיקאַנטן ביכלל, וועגן זינגער, טענצער און מײַסע־דערציילער...

— סאַראַ פּעטע שוואַרצערד, סאַראַ וווּנדערלעכער באָדן! אַף אַזאַ באָדן וואַקסן דעמבעס. די סוויווע האָט אַ סאַך צו זאָגן. פון גאָרניט באַקומט זיך גאָרניט. ווי זאָגט דאָרט אײַער פּעדאָצער? דאָס זען קאָן ניט זײַן אָפּגעריסן פונעם הערן... ריכטיק, ריכטיק, איך בין אויך בײַ אַזאַ מיינונג. איר דאַרפט זיך שעצן גליקלעך, וואָס איר האָט געלערנט בײַ פּעדאָצערן. דעם פונדאַ־מענט לייגט אוועק דער ערשטער לערער, און פונעם פונדאַמענט איז אַלץ אָפּהענגיק. דער אינטעלעקט, ווי ס׳איז צו זען, איז בײַ פּעדאָצערן ענג געשלאָסן מיט זײַן געפילן־וועלט, און דער געדאַנק מיטן געפיל טראָגן זיך בײַ אים בליץ־שנעל אַף די פליגלען פון זײַן פאַנטאַזיע. סאַראַ גליק־לעכע דרײַ־איינהײַט — געדאַנק, געפיל און פאַנטאַזיע, די דרײַ־איינהײַט פון אַ פידלער, פון אַ קאָמפּאָזיטאָר און אַ פּעדאַגאָג. ניט יעדן איז עס בײַ־שערט, ניט יעדן!

עזרע דערציילט, ווי ער לעבט אין וואַרשע, וועגן זײַנע שכיינים, וועגן שאָלעמקען זײַן טאַלמיד. באַלעסלאַווסקי פאַראינטערעסירט זיך מיט שאָלעמ־קען:

— איר האָט ריכטיק פאַרשטאַנען פּעדאָצערס מעטאָד, און ריכטיק פאַרשטיין — הייסט מיט דער צײַט ארײַנברענגען נײַס, ארײַנטראָגן אייגנס. אין אײַך לעבט אַ פּעדאַגאָג, און דעם פּעדאַגאָג טאָרט איר ניט אָפּשטויסן אָן אַ זײַט.

איבערן קאָרידאָר האָט זיך צעטראָגן אַ הילכיקער קלונג.

— באַלד הייבט זיך אָן אַ לעקציע וועגן שאָפּענען, — האָט באַלעס־לאַווסקי זיך געכאַפּט און אײַנגעלאַדן עזרען אַף דער לעקציע.

ביידע צוזאַמען — דער פּראָפעסאָר פון דער מוזיק־שול מיט דעם נאָך ניט־אָנגענומענעם סטודענט — זײַנען ווי אַלטע פרײַנט ארײַן אינעם איבערגעפולטן קאָנצערט־זאַל...

אין זאַל איז געווען טומלדיק. פיל סטודענטן האָבן זיך איבערגע־וואָרפן מיט שטעכווערטלעך, ארויסגערופן איינער דעם צווייטן אַף אַ קריג.

— מוזיק איז סאָציאַל, מוזיק נעמט אָנטייל אין אַלע שלאַכטן, שלאָגט זיך אַף באַריקאַדן!

— נאַרישקייטן! מוזיק איז באַשאַפן געוואָרן צוליב מוזיק. ווען עס ריידן די האַרמאָטן, שווייגט די מוזיק.

— די מוטער פון מוזיק — איז רעליגיע.

— עס הייבט זיך ניט אָן, דער ריטם פון מי — אָט דאָס איז דער עכטער ריטם פון מוזיק.

— דער פּראָפעסאָר אווגוסט באַלעסלאַווסקי איז גערעכט!

— גערעכט איז דער פּראָפעסאָר טאַדעוש וולאַטאָסלאַווסקי, אווגוסט באַלעסלאַווסקי איז טענדענציעז!

— טאַדעוש וולאַטאָסלאַווסקי איז דער פּויקער פון רעאַקציע!

— עך דו, פּאַן, אַז דער טאַטע האָט מאַיאָנטקעס, הייסט נאָך ניט, אַז דער זון האָט טאַלאַנט. דער פידל איז בא דיר א פינפטע ראָד צום וואָגן!

— און דיר פּאַסט א טאָרבע מער, ווי דער פּוטליאַר, א טאָרבע אַף גיין איבער די הייזער!

— דאָס וועט מען נאָך זען, געלט איז קײַלעכדיק, און די צײַט איז קײַלעכדיק.

— ווײַזט אויס, אַז דו האָסט זיך פאַרבענקט נאָך דער מוזיק פון די סקריפּענדיקע סיבירער שנייען?

— שאָפּען איז ניט פון יענע, וועלכע מע קאָן ארויסוואַרפן, פאַרוקן ערגעץ אין א ווינקל, — האָט אן אָנגעגעמע שטים זיך ארײַנגעריסן אין טומל און געגעבן צו וויסן, אַז עס רעדט א סטודענט פון וואָקאַלן אָפּטייל, — אהא, מע האָט זיך דערשראָקן פאַר שאָפּענען און מע פּרוווט אים איבערבעטן.

— אָט אן אומגליק מיט די לירישע טענאָרן, שטענדיק זײַנען זיי באַגײַסטערט, — האָט א באַס ארויסגעלאַכט דעם טענאָר, — מע וועט דיר אונטערשטעלן אן אנדער שאָפּענען, אַז דו זאָלסט אָן דעם עמעסן פאַרגעסן.

— וועגן דעם עמעסן שאָפּען קאָן דערציילן דער פּראָפעסאָר אווגוסט באַלעסלאַווסקי. דער מוזיק־היסטאָריקער וולאַטאָסלאַווסקי וועט אויס־טראַכטן און באַשאַפן א שאָפּען לויט זײַן אייגענעם מוסטער.

— טאַדעוש וולאַטאָסלאַווסקי איז אן עסטעט, און אווגוסט באַלעסלאַוו־סקי איז טענדענציעז, ער שפּאַנט אײַן צוזאַמען פּאָליטיק מיט קונסט, ס'איז פּונקט אזוי, ווי אײַנשפּאַנען א שוואַן מיט א קרעבס! — זײַנען עטלעכע קולעס צוזאַמען אָנגעפאַלן אַפן טענאָר מיטן באַס.

א הילכיקער קלונג האָט א סאָף געמאַכט צום טומל.

עס האָט זיך אופגעהויבן דער פאָרהאַנג. אין צענטער פון דער בינע איז געהאַנגען א גרויסער פּאָרטרעט פון פּוילנס באַהערשער — אלעקסאַנ־דער דעם ערשטן, און בא דער זײַט — א קלייניקער פּאָרטרעט פון פרעדעריק שאָפּען.

דער מוזיק־היסטאָריקער טאַדעוש וולאַטאָסלאַווסקי האָט אָנגעהויבן זײַן לעקציע וועגן דעם, אַז די קונסט האָט ניט צו טאָן מיט קיין פּאָליטיק. די קונסט איז געבוירן געוואָרן צוליב דער קונסט, זי פאַרשאַפט עסטע־טישן פאַרגעניגן דעריקער מיט דעם, וואָס זי זאָגט גאָרניט. די קונסט

פארוויילט. צו איר, צו דער קונסט, קומט מען זיך אָפּרוען פון דער פּאָליטיק, פון אַלע שטורעמס און לעבנס־שלאַכטן.

— פאַרוואָס זשע האָבן די הערשער אַזוי מוירע פאַר דער אַנטוואָפּנ־טער קונסט? — האָט עמעצער אַף דער גאַליאָרקע אויסגעשריִען.

דער דירעקטאָר פון דער מוזיק־שול האָט אופגערעגט גענומען קלינגען מיטן גלעקל.

— שטילער! שטילער! אויב איר האָט ניט קיין אַכטונג צו שאָפּענען, — האָט ער זיך געווענדט צו די סטודענטן, — איז האָט זשע אַכטונג צו זיין מאַיעסטעט, דעם אימפּעראַטאָר, וואָס באַשיינט מיט זיין געשטאַלט אונדזער קאָנצערט־זאַל! פאַרגעסט ניט, וווּ איר געפינט זיך!

אַ באַגייסטערטער פון דעם, וואָס דער דירעקטאָר האָט זיך פאַר אים איינגעשטעלט, האָט דער דיקלעכער קורצזיכטיקער טאַדעוש וולאָטאָס־לאַווסקי גענומען אונטערשפּרינגען, אַרופגעכאַפּט זיך אַף עטלעכע טענער העכער און אומרויִק געשריִען וועגן דער שטילער בעשאָלעמדיקער קונסט, וואָס ווייסט ניט פון קיין אומרו, ווייסט ניט פון קיין קריג. ער האָט גע־שריִען און צום טאַקט צוגעקלאַפּט מיטן פויסט אין דער קאַטעדרע:

— די מוזיק איז נייטראַל און איר גייט ווייניק אָן דאָס, וואָס עס קומט פאָר אין לעבן. פּראָגראַם־מוזיק איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך. די מוזיק איז אינהאַלטסלאָז...

— אינהאַלטסלאָז איז אייער לעקציע, און ניט די מוזיק!

— ניין! ניט אינהאַלטסלאָז, — האָט זיך אַריינגעריסן אַ שטים פון דער גאַליאָרקע, — די לעקציע פונעם פּראָפעסאָר פאַרמאָגט איר אינהאַלט, איר רעאַקציאָנערן אינהאַלט!

— יאָ! יאָ! ס'איז דער אינהאַלט פון „באָזשע צאַריאַ כראַני"...[1] די קונסט זאָל זיך אַנטוואָפּענען פאַר די באַוואָפּנטע אונטערדריקער...

— ס'איז אַ באַליידיקונג פאַרן קייסער! אַ באַליידיקונג פאַר דער קונסט! — האָבן זיך פון פאַרשיידענע רייען געריסן קעפּ אין דער הייך, אַז עס זאָלן זיי זען דער דירעקטאָר און דער פּראָפעסאָר.

דער לעקטאָר האָט פאַרגעזעצט:

— די לעגענדע וועגן שאָפּענען און וועגן שאָפּענס מוזיק דאַרף און מוז צעשטערט ווערן! די געשיכטע פון מוזיק, ווי יעדער אַנדער געשיכטע, דולדעט ניט קיין פאַלשקייט. אונדזער אופגאַבע איז אַרויסברענגען און באַווייזן דעם אָביעקטיוון עמעס, דעם עמעס אַזאַ, ווי ער איז... שאָפּען האָט טאַקע פאַרלאָזט וואַרשע און אָוועק קיין פּאַריזש, נאָר עס געפינען זיך אַזעלכע מישטיינסגעזאָגט ביִאָגראַפן, וואָס דערווייזן, אַז שאָפּען האָט פאַרלאָזט וואַרשע, ווייל מע האָט אים קלוימערשט נאָכגעשפּירט, ווייל ער האָט מוירע געהאַט, אַז מע וויל זיך מיט אים צערעכענען. ס'הייבט זיך ניט אָן! זשאָרזש זאַנד האָט אים פאַרדרייט דעם קאָפּ, צוליב איר איז ער אָוועק פון וואַרשע! פון האַרבסט טויזנט אַכט הונדערט איין־און־דרייסיקסטן ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן איז שאָפּען געווען אין פּאַריזש, און דאָס

[1] גאָט, היט דעם קייסער.

האָט געוויינלעך ניט געקאָנט דורכגיין גלאַט. די פּאַריזשער לופט איז א געפּערלעכע לופט, די פּאַריזשער לופט איז פאַרסאַמט מיט רעוואָליוציע.

אין זאַל איז ווידער געוואָרן אומרויִק, און טאַדעוש וולאַטאָסלאַווסקי האָט ווידער געשריִען ניט מיט זײַן קאָל:

— דעם טרויער־מאַרש, דעם דריטן טייל פון דער בע־מאָל־סאָנאַטע, טײַטשן אויס די פאַרשיידענע פאַלשע טײַטשער, ווי איינע פון די שטאַרקסטע דראַמאַטישע עלעגיעס אין דער וועלט, אַז דאָס איז דער טראַגישער גורל פונעם פּוילישן פאָלק, וואָס האָט פאַרלוירן זײַן פרײַהײַט... וועלכע טראַגעדיעס?! דעם טרויער־מאַרש האָט שאָפּען געשאַפן דאַן, ווען ער איז קראַנק געוואָרן און גענומען שפּײַען מיט בלוט. אים האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט שטאַרבט ער, און ער האָט זיך אליין באַוויינט און זיך אליין לעבעדיקערהייט באַגלייט אין קייווער אַרײַן. ס'איז דער טרויער־מאַרש וועגן זײַן אייגענעם לעבן, וועגן זײַן אייגענעם גורל און ניט מער.

א טייל סטודענטן האָבן הילכיק אַפּלאָדירט, און א טייל האָבן אופגערעגט געשריִען:

— אײַער שאָפּען — איז ניט אונדזער שאָפּען!

— דאָס איז ניט שאָפּען!

עזרע האָט א טראַכט געטאָן: „סאַראַ שאָד, וואָס קאַמסקי איז דאָ ניטאָ. ווען ער וואָלט בײַגעווען אויף דער לעקציע, וואָלט ער ניט אויסגעהאַלטן און וואָלט אומגעבעטענערהייט אַרופגעשפּרונגען אויף דער בינע און צונישט געמאַכט דעם פּראָפעסאָר מיט זײַנע אָנהענגער. ער וואָלט זיי אַזוי אַרײַנגעזאָגט, אַז זיי וואָלטן עס געהאַט צו געדענקען!"

אין סאַמע ראַש פון די שטרײַטן איז צו עזרען צוגעגאַנגען א סטודענט און מיט א ווונק אים אַרויסגערופן פון זאַל. ער האָט אים דערלאַנגט אַן אַדרעס און אים אײַנגערוימט אין אויער:

— מאָרגן אַכט אין אָוונט קומט לויט דעם אַדרעס. דאָרטן וועט איר הערן א צווייטע לעקציע וועגן שאָפּענען — די לעקציע וועט לייענען דער פּראָפעסאָר באַלעסלאַווסקי.

דער גרויסער צימער איז פול געווען מיט יוגנט.

עזרען האָבן וואַרעם באַגעגנט דער פּראָפעסאָר אווגוסט באָלעסלאַווסקי, די באַלעבאַטים פון הויז און די סטודענטן.

— זעצט זיך לעבן מיר, — באָלעסלאַווסקי האָט געמאַכט פאַר עזרען אַן אָרט אין סאַמע אויבנאָן פון דעם שיין סערווירטן טיש, — ביטע, פּאַני עזרע! ביטע! מיר זײַנען דאָך עפּעס אַלטע באַקאַנטע, מאָרגן אינדערפרי ווערט צוויי מעסלעס, ווי מיר קענען זיך...

עזרע האָט זיך געררויטלט, מיט דאַנקבאַרקײַט געקוקט אויפן פּראָפעסאָר, מיט אינטערעס באַטראַכט די סטודענטן און סטודענטקעס, שאָפּענס נײַעם פּאָרטרעט. ס'איז נאַכט, און שאָפּען שפּילט א לויבגעזאַנג דעם טאָג. שאָפּענס פיגור איז עטוואָס אײַנגעבויגן, די ציין צונויפגעפּרעסט, די אויגן האַלב צוגעמאַכט, און א קרענקלעכער שמייכל שוועבט איבער זײַן באַגײַסטערט פּאָנעם.

— סאָף לערניאָר, — האָבן די סטודענטן דערציילט עזרען, — האָט די אדמיניסטראציע פון דער מוזיק־שול אראָפּגענומען שאָפּענס פּאָרטרעט און פארשטעקט אים ערגעץ אין א ווינקל. אָף מאָרגן האָבן זיך שאָפּענס פּאָרטרעטן באוויזן אין אלע אאודיטאָריעס און אָף אלע ווענט פון קאָרידאָר.

דער אָוונט, געווידמעט שאָפּענען, האָט זיך אָנגעהויבן מיט מאָצארטס רעקוויִעם. דערנאָך האָט דורכגעקלונגען שאָפּענס טרויער־מארש.

מע האָט אָנגעגאָסן די בעכערס.

— פאר שאָפּענען!

— פאר שאָפּענען!

— שאָפּען איז, ווי דער דעמב, טיף פארוואָרצלט, — האָט אווגוסט באָלעסלאווסקי מיט א באזונדער מילדקייט ארויסגעבראכט די ערשטע ווערטער פון זײַן לעקציע, — ניט ארויסצורײַסן און ניט צו רירן אים פון אָרט... וואָס גרעסער די שטורעמס, אלץ פעסטער און זיכערער ווערט ער... קארליקעס האָבן פײַנט ריזן, זיי קאָנען ניט פארהייבן אזוי הויך דעם קאָפּ, און זיי מעסטן דעם ריז לויט זייער גרייס... עס באקומט זיך אָבער גאָרניט, דער קאָפּ פונעם ריז לאָזט זיך ניט בייגן, און ס׳איז נישטאָ אזא קראפט, וואָס זאָל אים מאכן קלענער, נידעריקער... שאָפּען בלײַבט שאָפּען, און וולאטאָסלאווסקי בלײַבט וולאטאָסלאווסקי!.. וואָלט די מוזיק געווען א שפּילכל, וואָלט איך קיין איין טאָג ניט געהאט צו טאָן מיט איר. איך וואָלט אָף מוזיקער געקוקט ווי אָף נישטיקײַטן. צום גליק, איז עס ניט אזוי. מוזיק — דאָס איז דער אָטעם פון דער צײַט, דער אָפּקלאנג פון לעבן, דער גײַסט פונעם דאָר. מוזיק איז אין אונדז, מיט אונדז, אין אלע אונדזערע ליידן און פריידן, זי באגעגנט און באגלייט אונדז אין אלע געראנגלען, אין אלע לעבנס־שלאכטן. וואָלט קיין מוזיק ניט געווען אָף דער וועלט, וואָלטן קיין יאָמטויווים ניט געווען.

— איר הערט? — איז אווגוסט באָלעסלאווסקי צוגעגאנגען צום ראָיאַל; זײַנע אומרויִקע פינגער טראָגן זיך אין וויכער פון מאזורקע. — שאָפּענס מאזורקעס זײַנען אָנגעלאָדן מיט די זאפטן און רייכעס פון דער פוילישער ערד, זיי ברויזן מיט פרייד און מיט ליבע. וואָס דארפט איר מער, — באָלעסלאווסקיס פינגער נעמען פלאטערן, ווי די פינגער פונעם פישער, וואָס דערפילן דעם ציטער פון אן ערשט געפאנגענעם צאפּלדיקן פיש, — הערט, ווי עס קלינגט שאָפּענס אן עטיוד... שאָפּען האָט זיך ניט פארגונען שרײַבן עטיודן בלויז צוליב איבונגען, בלויז אָף צו פארפולקומען די טעכניק. וואָס אינהאלטלעכער דער קאָמפּאָזיטאָר איז, אלץ מער נאציִאָנאל איז ער, און וואָס מער נאציִאָנאל ער איז, אלץ אינהאלטסרײַכער איז זײַן שאפן!..

באָלעסלאווסקי שפּילט שאָפּענען, און דאָס באשטעטיקט זײַנע געדאנ־קען.

— שאָפּען איז עכט פויליש, ווי גלינקא איז עכט רוסיש. און ניט אומזיסט האָבן די נאָרוועגער פארגליכן זייער גריגן מיט שאָפּענען, זייער נאציִאָ־נאלן קאָמפּאָזיטאָר האָבן זיי גערופן „דער צאָפּנדיקער שאָפּען”. מע דארף ניט זײַן קיין היסטאָריקער פון מוזיק אָף צו פארשטיין, אז די

מוזיק איז געקניפּט און געבונדן מיט דער געשיכטע און העלפט מיט שאַפן די געשיכטע.

באַלעסלאַווסקי פאַרמאַכט דעם ראָיאַל און גייט צו צום טיש.

— שאָפּען האָט ניט פאַרלאָזט פּוילן, ניין, שאָפּען איז פאַרטריבן געוואָרן פון פּוילן!

א רעגנדיקער האַרבסט־טאָג פון טויזנט אַכט הונדערט איין־און־דרײַסיקסטן יאָר. די שטוב, דער הויף, די גאַס, די פּילצאַליקע פּרײַנט האָבן זיך ניט געקאָנט צעשיידן מיט שאָפּענען, מע איז אַוועק און ווידער געקומען ארומנעמען זייער ליבלינג, נאָכאַמאָל א קוק געבן אַף אים... באַלעסלאַווסקי דערציילט, און עזרע זעט, ווי דער זילבערנער בעכער, א פול אָנגעשאָטענער מיט פּוילישער ערד, גייט איבער פון האַנט צו האַנט.

— פאַרגעס ניט, שאָפּען, די ערד, אַף וועלכער דו ביסט געבוירן געוואָרן, די ערד, וואָס האָט דיך גענערט מיט אירע זאַפטן, די ערד, וואָס האָט אַזוי ברייט און אַזוי טיף צעעפנט פאַר דיר אירע קלאַנגען־אוצרעס!

און עזרע הערט. צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן הערט ער שאָפּענס באַגײַסטערטע שטים: „ערד מײַן ערד, אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, זאָל איך אליין פאַרגעסן ווערן, זאָלן אָפּגעמעקט און פאַרגעסן ווערן אלע מײַנע קלאַנגען פונעם ערשטן ביזן לעצטן!..״

שאָפּען איז אין פּאַריזש, אָבער זײַן האַרץ איז אין וואַרשע. אלע זײַנע געדאַנקען און אלע זײַנע געפילן זײַנען געווידמעט זײַן פאָלק, זײַן לאַנד... מיצקעוויטש קומט אלע טאָג צו שאָפּענען מיט זײַן פאַרוווּנדעט האַרץ, אַז שאָפּען זאָל עס היילן מיט זײַנע קלאַנגען. נאַכט אין נאַכט קומט מיצקע־וויטש אָפּנעמען א גרוס בא שאָפּענס קלאַנגען, ווי בא די נאָענטסטע, וואָס זײַנען אָקאָרשט געקומען פון דער היים, פון וואַרשע.

— וואָס הערט זיך אין פּוילן?

— פּוילן איז פאַרבענקט און גייט אויס נאָך אירע פאַרטריבענע זין, ווי די פאַרטריבענע זין זײַנען פאַרבענקט און גייען אויס נאָך פּוילן.

און ניט נאָר מיצקעוויטשן פאַרקישעפט שאָפּען. ער פאַרקישעפט אויך זשאָרזש זאַנד, אָנאָרע באַלזאַקן, הײַנען.

שאָפּענס שפּילן איז פאַר באַלזאַקן ניט קיין רו... באַלזאַק הערט און זעט אין שאָפּענס קלאַנגען, ווי עס גייט דורך פאַר אים די מענטשלעכע קאָמעדיע מיט אלץ, וואָס איז דערהויבן און פאַרדאָרבן, מיט איר צווייפל און גלויבן, מיטן קאָמישן און טראַגישן, מיט איר באַגײַסטערונג און ווייי־געשריי...

א נאַכט אָן כויזעק, אָן א כאָכמע, אָן א וויץ איז פאַר הײַנען געווען אומעגלעך, ווי פאַר א ליכטיקער נאַכט צו בלײַבן אָן שטערן. און דאָס אומעגלעכע האָט שאָפּען געמאַכט פאַר מעגלעך... שפּילט שאָפּען — שווײַגט הײַנע.

נאָכן טרויער־מאַרש האָט שאָפּען אליין אויך געשוויגן. נאָכן טרויער־מאַרש האָט שאָפּען מער גאָרניט געקאָנט שפּילן, מער ניט געקאָנט זײַן צווישן מענטשן, אפילע צווישן די סאַמע נאָענטסטע... ער פלעגט כאַפּן

זײַן הוט און לויפן, וווהין די אויגן האָבן אים געטראָגן, לויפן שאָענ־ווײַז איבער די פּאַריזשער גאַסן.

— נאָר אָט איז געקומען דער טאָג, — אין באָלעסלאַווסקיס שטים דערהערט זיך אַ ציטער, — דער שרעקלעכער טאָג, דער זיבעצעטער אָקטיאַבער פֿון טויזנט אַכט הונדערט נײַן־און־פֿערציקסטן יאָר. שאָפּענס האַרץ קלאַפּט אויס די לעצטע ריטמען, די לעצטע רעגעס פֿון זײַן לעבן. „איך ווייס, מײַן קערפּער וועט מען ניט דערלויבן איבערפֿירן קיין וואַר־שע, טאָ ברענגט אַהין מײַן האַרץ, עס געהער דעם פֿאָלק!..״ באַם אָרן קלינגט שאָפּענס טרויער־מאַרש, ער באַגלייט זײַן שעפֿער אין לעצטן וועג...

באָלעסלאַווסקי בלײַבט פֿאַרגליווערט, ווי ער זאָל זיך שטעלן אויף דער ערן־וואַך בײַ שאָפּענען צוקאָפּנס. ער דערציילט וועגן שאָפּענס לעווײַע אין פּאַריזש.

עס הוידעט זיך דער קאַטאַפֿאַלק. די בעסטע זין פֿון פֿראַנקרײַך באַגלייטן דעם בעסטן זין פֿון פּוילן. עס זינגט פּאָלינע וויִאַרדאָ, די באַוווסטע פֿראַנצויזישע זינגערין. זי זינגט די סאָלאָ פֿון מאָצאַרטס רעקוויִעם. זי באַווײַנט שאָפּענען, וועמען זי האָט אַזויפֿיל מאָל באַזונגען מיט זײַנע אייגענע געזאַנגען, מיט זײַנע אייגענע מעלאָדיעס.

סימפֿאָנישע אָרקעסטערס זײַנען פֿאַרייניקט אין דעם גרויסן אומגליק. זיי שפּילן שאָפּענס טרויער־מאַרש, וועלכן ער האָט אַזויפֿיל מאָל פֿאַר זיך אַליין אים געשפּילט.

דער זילבערנער בעכער מיט פּוילישער ערד, מיט וועלכן שאָפּען האָט זיך קיינמאָל ניט צעשיידט, גייט איבער פֿון האַנט צו האַנט, מע הייבט אים אָן העכער און העכער, ווי דאַן, ווען שאָפּען האָט זיך געזעגנט מיט פּוילן. די זעמדעלעך פֿון דער פּוילישער ערד ווערן פֿאָרזיכטיק אַרײַנגעשאָטן אין קייווער און מישן זיך אויס מיט דער פּאַריזשער ערד.

דער אָנגעגאָסענער בעכער האָט געציטערט אין עזרעס האַנט.

— פֿאַר שאָפּענען!

— פֿאַר שאָפּענען!

מאָרגן, אומבאַדינגט מאָרגן, וועט עזרע קומען אין קאָסטיאָל פֿונעם הייליקן קרייץ, ווו עס געפֿינט זיך אונטערן גלעזערנעם קײַלעך שאָפּענס האַרץ.

פֿאַרטאָג, ווען עזרע האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿון קאָסטיאָל, איז, דוכט זיך, נאָך גאָט אַליין געשלאָפֿן.

אַ מאַדאָנע, פֿאַרוועבט אין קאַיאָריקער טונקלקייט, האָט געדריקט צו דער ברוסט אַ נאַקעט קינד, מאַלאָכים האָבן געשוועבט אַרום דער מוטערס קאָפּ. עזרע איז געבליבן ווי צוגעשמידט באַם אַרײַנגאַנג און זיך ניט געקאָנט רירן פֿון אָרט. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז דאָס האָט ער דער־זען זײַן מאַמע. און געקומען איז זי אַהער ניט קעדיי קניִען פֿאַר גאָט און בעטן פֿאַר איר זון, — זי איז געקומען אַהער קניִען פֿאַר איר זון און דערמאָנען אים וועגן איר גרויזאַמען גאָט.

„עזרע, וווהין גייסטו?! וואָס פאר א ניטגוטער האָט דיך געבראכט אהער?! גאָט וועט עס דיר קיינמאָל ניט מוחל זײַן! פארגעס ניט, אז ער איז דער גאָט פון נעקאָמע, וואָס רעכנט זיך אָפּ פאר דער מינדסטער אווירע מיט די סאמע הארבסטע שטראָפן. ער רעכנט זיך אָפּ מיט קינדער און קינדסקינדער, ביזן דריטן און ביזן פערטן דאָר".

„מאמע! — פארענטפערט זיך עזרע, — דו געדענקסט, שטענדיק האָסטו מיך גערופן „הארץ מײַנס", ווײַל דאָס הארץ, האָסטו געזאָגט, איז דאָס טײַערסטע באַם מענטשן. דאָס הארץ איז דער מיילעך פון אלע אייוורים: איידער אלע אייוורים פורעמען זיך אויס, צאפלט שוין דאָס הארץ, און ווען אלע אייוורים שטארבן אָפּ, קלאפט נאָך אלץ דאָס הארץ... און דאָ, אין קאָסטיאָל, ליגט שאָפּענס אייביק לעבעדיק הארץ... צו אָט דעם הארץ בין איך געקומען אויסגיסן מײַן הארץ".

„זון מײַנער, קינד מײַנס, ס'איז קיין פארענטפערונג ניט, — בארויקט זיך ניט די מאמע, — פארגעטערן א מענטשלעך הארץ — איז די זעלבע זינד, ווי פארבײַטן אונדזער גאָט אף א צווייטן גאָט".

„מאמע! מאמע!" — בעט זיך בא איר עזרע, זי זאָל אים פארשטיין, מיטפילן און פארגעבן.

אים דוכט זיך, אז ער הערט דער מאמעס שטילע אײַליקע טריט אפּן אויסגעריבענעם דיל. זי דערנעענטערט זיך, בעט זיך בא אים, ער זאָל אוועק פונדאנען צוזאמען מיט איר.

— ווו איז דאָ שאָפּענס הארץ? — פרעגט עזרע הויך, און א ווידערקאָל צעטראָגט זיך איבערן קאָסטיאָל.

דער אלטער אײַנגעבויגענער וועכטער באטראכט עזרען פון אלע זײַטן און פרעגט שטיל, פונקט ער זאָל אים אײַנרוימען א סאָד:

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, צו וועלכן גלויבן געהערט איר?
— צו שאָפּענס! צו שאָפּענס גלויבן!
— איר זײַט א קאטאָליקער?
— ניין, א מוזיקאנט!

— אָ, אויב אזוי, איז פארשטענדלעך, — טרעט אָפּ דער אלטער אײַנגעבויגענער וועכטער אָן א זײַט, און מיט אן אויסגעשטרעקטער האנט ווײַזט ער אָן עזרען, — אָט דאָרט, אין יענעם ווינקל, אָט דאָרט געפינט זיך שאָפּענס הארץ...

צוליב טוענדיק דער מאמען, האָט עזרע שאָפּענען ניט אָנגערופן גאָט, ער האָט זיך צו אים געווענדט מיט די ווערטער, מיט וועלכע די מאמע פלעגט זיך שטענדיק ווענדן צו אים, צו עזרען: „הארץ מײַנס!"...

שאָפּענס הארץ איז ארויס פונעם ברוסטקאסטן. אן אָפּן הארץ, אָפּן פאר אלעמען... עזרען דוכט זיך ווידער, אז לעבן אים שטייט די מאמע זײַנע און טוט טפילע פאר שאָפּענס הארץ מיט די זעלבע ווערטער און מיט דעם זעלבן ניגון, ווי זי טוט טפילע פאר איר גאָט.

„מאמע! — ווילט זיך עזרען אויסשרײַען. — שאָפּען פארשטייט דאָך ניט קיין יידיש און דײַן טכינע־ניגון איז פאר אים א פרעמדער ניגון".

נאָר שאָפּענס האַרץ נעמט זיך אָן פאַר דער מאַמען:

„דו ביסט ניט גערעכט, עזרע. אַ מענטשלעך האַרץ פילט מיט אַלע הערצער, פאַרשטייט אַלע שפּראַכן און כאַפּט אויף אַלע ניגונים, אַלע קלאַנגען. אומזיסט מיינסטו, אַז די מוזיק פון דײַן מאַמעס נעשאָמע איז פאַר מיר אומפאַרשטענדלעך. וואָס קאָן זײַן דערהויבענער און הייליקער, ווי די טפילע פון אַ מאַמע?!"

און די מאַמע טוט טפילע:

„דער צער פון מײַן עזרען און מײַן ליבע צו אים האָבן מיך געבראַכט אַהער. פאַרשטיי מיך, גנעדיקער, און פיל מיר מיט, באַרעמהאַרציקער. זאָל דײַן זכוס בײַשטיין, און מײַן זון זאָל נויסע־כיין זײַן בײַ אַלע די, וואָס וועלן זײַן גוירל האַלטן אין די הענט. אומעטום, ווו ער וועט זיך קערן און ווענדן, זאָל זיך אָפּטאָן פון אים די אומזיסטע און אומנישטע סינע, און אומעטום זאָלן אים באַגעגענען גנעדיקײַט, ליבע, פרײַנטשאַפט און ברידערשאַפט. זאָל דײַן זכוס בײַשטיין, און זײַן פידל זאָל קיינמאָל ניט וויינען אַף זײַנע יאָרן און טעג. זאָל זײַן פידל שטענדיק אָנזאָגן גוטע בסורעס, אופהייבן אַלע אײַנגעבויגענע קעפּ און דערפרייען אַלע אָנגע־ווייטיקטע, צעבראָכענע הערצער. ריין זאָל בלײַבן מײַן זונס האַרץ, זאָל עס ניט געשטרויכלט ווערן, זאָל ניט פעלשן זײַן צונג, זאָל ניט געבראָכן ווערן זײַן געמיט, זאָלן אים קיין פּוסטע מאַכשאָוועס ניט באַהערשן, ער זאָל ניט וויסן פון קיין פּוסטע רייד און פון פּוסטע קלאַנגען. זאָל מײַן זונס האַרץ שטענדיק זײַן באַהעפט מיט דײַן האַרץ. זאָל דײַן האַרץ שטענ־דיק זײַן אַ שפּיגל פאַר אים, אַ קוואַל, צו וועלכן ער זאָל אַלעמאָל קו־מען, ווען ער וועט דאַרשטיק זײַן. זאָלן די בריִענדיקע צאָרעס און גע־פאַרן, וואָס דראָען אַף אַלע וועגן און שטעגן, אויסגעלאָשן ווערן פון די טרערן, וואָס טוען רינען פון מײַנע אויגן. אָמיין!"

— אָמיין! — ווינטשעוועט זיך עזרע, אַז דער מאַמעס טפילע זאָל אָנ־גענומען ווערן, און זײַן האַרץ פרעגט בײַ שאָפּענס האַרץ:

— וואָס וועט זײַן מיט מיר? ביזוואַנען וועל איך גיין אַף צעבראָכענע בריקן? ביזוואַנען וועל איך זיך אַרומקוקן פון אַלע זײַטן, צי דער אומ־גליק פאַלט ניט אַף מיר, ווי אַ שטיין? ביזוואַנען? ביזוואַנען?

די פראַגעס קלינגען אַלץ שטאַרקער און שוידערלעכער. עס פרעגט שוין ניט עזרע אַליין, עס פרעגן צוזאַמען מיט אים אָנצאָליקע הערצער, וואָס גייען מאַכנעסוויײַז דורך פאַרבײַ שאָפּענס האַרץ, ווי אַף אַ פּאַראַד.

גוזיקאָוו! דער שקלאָווער גוזיקאָוו, וואָס האָט אָוועקגעגעבן זײַנע לונ־גען און דאָס האַרץ דער פלייט, דעם צימבל.

— שטילער! שטילער! — בעט זיך עזרע בײַ יויעל־דאָווידס האַרץ, בײַם האַרץ פונעם ווילנער באַלעבעסל, און דאָס זינגעוודיקע האַרץ וויינט און קלאָגט:

„מענטשן, קוקט און זעט! צי ס'איז נאָך פאַראַן אַזאַ ווייטעק, ווי מײַן ווייטעק... גרויס, ווי דער יאַם, איז מײַן וווּנד!"

סטעמפּעניו! וויפל טרערן האָט ער אַרויסגערופן און וויפל פאַרכאַ־לעשטע הערצער האָט ער דערקוויקט, אופגעלעבט, ווי דער רעגן לעבט אוף דעם פאַרשמאַכטן, פאַרטריקנטן בלאַט!

פעדאָצער! פעדאָצערס הארץ, א פולס מיט קלאַנגען, א פולס מיט דער פרייד פונעם קוועלנדיקן קוואל, א פולס מיטן צאר פון קיינמאָל ניט זײַן צופרידן מיט זיך.

עלישע, דער נאָענטסטער כאַווער. גרויסע פליגלען האָט זײַן הארץ פארמאָגט, און באם ערשטן פלי האָט א קויל אין דעם געטראָפן, בלוטיקט עס און בלוטיקט...

עלישעס פאָטער, כאַצקעלע דעם שניצערס הארץ. קיינער האָט אים ניט מיטגעפילט און קיינער האָט אים ניט פארשטאנען. די לינעצער האָבן זיך קיינמאָל ניט פארטראכט, וואָס כאַצקעלע האָט געוואָלט, וואָס כאַצקעלע האָט געמיינט מיט זײַנע שניצערײַען. כאַצקעלע שניצער האָט געהאָפט, אז זײַן הארץ וועט מען דערקענען אינעם הארץ פון זײַן זון, אין עלישע דעם פידלערס הארץ. ווי איז דעם זון און ווי איז דעם טאַטן!

טאַטע! אוי, ווי די עלטער האָט עס אָנגעקלאַפּט אין דײַן הארצן! אף אזויפיל כאַסענעס געשפילט, אזויפיל סימכעס געפראַוועט, איז פונוואַנען זשע קומט צו דיר אזא אומעט, אזא טרויער? צי דען האָבן די כאַסענעס קיינעם קיין גליק ניט געבראַכט? צי דען האָבן אלעמען די סימכעס אָפּגענארט?

שאָלעמקע! זאָל דײַן הארץ ניט צעבראָכן ווערן, ווי ס׳זײַנען צעבראָכן געוואָרן אָט די אלע הערצער, וואָס זײַנען דאָ ערשט דורכגעגאַנגען מיט זייערע ווייטעקן און אומגליקן. זאָל זיך פאר שאָלעמקען עפענען דער וועג פון גליק, דער וועג, וואָס פירט צום הויכן בארג...

די אינדערפרי׳ענדיקע טפילע אין קאַסטיאָל פונעם היילקן קרייץ איז שוין לאַנג געוווען פארענדיקט. געבליבן איז דאָ בלויז דער אײַנגעבויגענער וועכטער און עזרע, וועלכער איז נאָך אלץ געשטאַנען מיט אן אײַנגעבויגענעם קאָפּ פאר שאָפּענס הארץ.

א נעס זאָל געשען...

די לעצטע טעג פאר די עקזאַמענעס איז עזרע געווען אין אזא צושטאַנד, אז ער האָט זיך אליין ניט דערקענט. וואָס מער ער האָט אופגעהערט גלייבן אין זיך, אלץ מער האָט ער אָנגעהויבן ווידער גלייבן אין די פארשיידענע אָבערגלויבענישן און פרימכעס, אָן וועלכע ער האָט שוין לאַנג געהאַט פארגעסן.

עזרע האָט געוואָרט, ס׳זאָל מיט אים געשען א נעס...

ער האָט געוואָרט, ווי עס האָבן געוואָרט זײַנע זיידעס און אורזיידעס, ווען אלע וועגן אין לעבן זײַנען פאר זיי געווען אָפּגעשניטן, ווען די לאָגיק האָט זיך אָפּגעזאָגט מיטשטימען, אז עפּעס קאָן זיך ענדערן, אז פון ערגעץ־ווו קאָן קומען די יעשועס.

יעדער איינער האָט ארויסגעקוקט אף א נעס פאר זיך אליין, און אלע צוזאַמען האָבן געוואָרט אף א געמיינזאַמען נעס, וואָס זאָל אויסלייזן אלעמען פון די אומענדלעכע אומגליקן.

און ווען דער סאָף פונעם ביטערן לעבן איז ניט געקומען, נאָר געוואָרן

און אָנהייב פאַר נײַע צאָרעס, האָט מען אָפּגעלייגט אױף שפּעטער דעם גוטן סאָף. און יעדערער האָט אין זײַנע טפּילעס טאָגטעגלעך איבערגע־כאַזערט איינס און דאָס זעלבע, אַז כאָטש דער גוטער סאָף פאַרזאַמט זיך, דאָך וואַרט ער און וועט וואַרטן אױף אים.

פאַרשיידענע פּסוקים פון טילים האָבן צוגעזאָגט עזרען אַרויסהעלפן פונעם נײַעם אומגליק.

— זאָג טילים, וועט דיר ווערן גרינגער, וועסט געהאָלפן ווערן! ער איז די בעסטע רעטונג! דער טילים איז געווען די איינציקע פעסטונג פון דײַנע זיידעס און אורעלטער־זיידעס אין די ביטערסטע צײַטן פון זייער לעבן.

— זאָג טילים, — זײַנען צו אים צוגעשטאַנען פּסוקים, ווי מיסיאָנערן, ווי די קלייט־מעשאָרסים, וואָס לויבן אין טאָג אַרײַן דעם באַלעבאָס׳ סכוירע.

אין אָט די שווערע מינוטן האָט עזרע זיך געלאָזט אײַנריידן, און ער האָט צווישן דאַניעלס ספאָרים אויסגעפונען דעם טילים, פאַנאַנדערגע־בלאָזן דעם שטויב, פאַנאַנדערגעריסן דעם שפּינוועבס, פאַריאָגט פון זייער רו די שפּינען־וועבער מיט זייערע פליגן־קאָרבאָנעס, און אױף די געלע פלעקן פון דאַניעלס אמאָליקע טרערן געלאָזט פאַלן אַ פרישע הייסע טרער, וואָס האָט דערוואַרעמט דעם פאַרטריקנטן כיילעוו־טריף.

סאַראַ אויסגעווייִנטע זײַטלעך! סאַראַ אויסגעווייִנטע קאַפּיטלעך...

דער אָנהייב איז פּאַטעטיש, אין יעדן קאַפּיטל ווערט דאָוויד דערקלערט ווי אַ לאַמנאַצייעך בינגינעס — ווי אַ קאַפּעלמייסטער.

יעדער קאַפּיטל ווערט פאָרגעשטעלט ווי אַ באַזונדער שיר־מיזמער, ווי אַ באַזונדער געזאַנג. און אין יעדן קאַפּיטל ווערט געלויבט דער שפּילער, דער זינגער:

„צו דעם זינגער — אַ געזאַנג פון דאָווידן...״

און גלײַך פון די ערשטע שורעס ווערט דאָס געזאַנג אין אַ געפּאַ־לענעם געבעט פאַרוואַנדלט.

דאָוויד דער שפּילער, דער זינגער, דער קאַפּעלמייסטער, איז שטאַרק זינדיק, בעט ער גאָט פאַר דאָוויד דעם קייסער, ער זאָל אים מויכל זײַן, אים געבן אַ ריין האַרץ און אַ ריינעם גײַסט.

און ער, עזרע דער פידלער, פאַרלאַנגט ניט קיין צווייט האַרץ, זײַן האַרץ איז ריין, ווי ריין ס׳זײַנען זײַנע הענט באַם באַרירן דעם פידל...

באַ דאָוויד דעם קייסער האָט דער מענטש קיינמאָל קיין ווערט ניט געהאַט, און דעריבער קאָן ער זיך אַליין אַזוי מאַכן צונישט און וועגן זיך אַליין זאָגן: „איך בין אַ וואָרעם און ניט קיין מענטש״.

עזרע האָט ליב מענטשן! ער שטעלט הויך דעם מענטשן, און דערפאַר קאָן ער ניט נאָכזאָגן דאָווידן. דאָוויד טוט טשוווע, האָט כאַראָטע, און ער, עזרע, האָט ניט פאַרוואָס צו טשוווע טאָן, אױף וואָס צו כאַראָטע האָבן. ער האָט קיינמאָל קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן, ער וויל נאָר איינס, מע זאָל אים קיין שלעכטס ניט טאָן.

עזרע רוקט אָפּ דעם טילים פון זיך. דאָווידס טילים איז ניט זײַן טי־לים, דאָווידס געזאַנגען זײַנען ניט זײַנע געזאַנגען.

סאַראַ שרעקלעכע ווערטער ער האָט דאָרט אויסגעלייענט: „דער

מענטש איז גאָרנישט, גאָלע גאָרנישט, א צעבראָכענער שאַרבן, א פאַרטריקנט שטיקל גראָז, א וואָלקן, וואָס איז געווען און נישטאָ, שטויב, דרויב, א כאָלעם!״. בלויז ער, גאָט, איז אַלץ, ער איז דער נעכטן, דער הײַנט, דער מאָרגן, די אייביקייט... און טאָמער עפּעס ניט אזוי, איז זײַן צאָרן — פלאַם־פײַער, דער יאַם, וואָס גייט ארויס פון די ברעגן.

און דער ניגון פון טילים איז ווי די ווערטער. ער דערמאָנט דאָס מורמלען פון דעם טויט פאַרורטיילטן, וואָס בעט זײַן לעצטע באַקאָשע: לעבן! איך וויל לעבן! האָט ראַכמאָנעס! ראַטעוועט!..

דער ניגון איז איינזאַם, ווי דאָס איין־און־איינציקע פײַערל פון דעם כיילעוונעם טריפנדן ליכטל באַם פאַרטאָגיקן טילים־זאָגער.

שטיל, אומבאַמערקט, ווען קיינער איז ניט געווען באַ דאָוויד דעם שנײַדער אין שטוב, האָט עזרע אָוועקגעשטעלט דעם טילים צוריק צווישן דאַניִעלס ספאָרים.

און אין דעם זעלבן טאָג, ווען עזרע האָט געלעסטערט דעם טילים און ווידערגעשפעניקט אין דאָווידן, אין דעם זעלבן טאָג, ווען ער האָט אין קיין פאַל ניט געוואָלט אָנעמען, אז גאָט איז אַלץ און ער איז גאָרניט, האָט ער זיך מיטאַמאָל אָפּגעזאָגט פאַרזוכן פון פאולינעס מײַכאָלים, ניט געוואָלט עסן קיין טרייפס.

אין די לעצטע טעג פאַר די עקזאַמענעס האָט זיך אים געוואָלט לעבן בעשאָלעם מיט גאָט און מיט אַלע ניטגוטע.

אין יענע טעג, אז מע איז עזרען אנטקעגן אָנגעקומען מיט א פולן עמער וואסער, האָט ער עס גלײַך אויסגעלייגט צום גוטן און דאָס האַרץ זײַנס איז ווי דער עמער מיט וואסער פול אָנגעגאָסן געוואָרן מיט האָפענונגען: „איך וועל אויסהאַלטן! מ'וועט מיך אָנעמען!.. די שכיינע מיטן פולן עמער וואסער איז גאָר קיין שכיינע ניט, זי איז דער גוטער מאַלעך, וואָס זאָגט אָן גוטע בסורעס און דערפרייט הערצער...״

און האָט מען אים באַגעגנט מיט א ליידיקן עמער, האָט זיך די האָפענונג גלײַך אויסגעכליופּעט, און דאָס אויסגעליידיקטע האַרץ איז א נעסט געוואָרן פאַר די סאַמע שווארצסטע מאַכשאָוועס און ביטערסטע געפילן: „ס'וועט גאָרניט זײַן! ס'וועט זיך גאָרניט באַקומען! א טײַך וועט זיך אויסלאָזן פון אַלץ!.. סאַרא שלעכטע שכיינע! ניט אנדערש, אז זי איז אונטערגעשיקט געוואָרן פונעם פּראָפעסאָר טאַדעוש וולאַטאָסלאַווסקי, פון דעם מוזיק־געשיכטלער, אים געבן אָנצוהערן מיט די ליידיקע עמער, ער זאָל זיך קיין פייגעלעך ניט לייגן אין בוזעם, ער זאָל זיך גאָרניט אײַנריידן...״

איז דורכגעפלויגן א פויגל מיט א צוויטשערײַ, האָט עס עזרע אָנגענומען ווי א בראָכע — דער פויגל בענטשט אים, דער פויגל ווינטשעוועט אים אַלדאָסגוטס.

האָט א טויב געוואָרקעט, האָט עזרען זיך געדוכט, אז זי האָט אים דעם גרינעם בלאַט געבראַכט, וואָס זאָגט אָן, אז די שטורעמס וועלן דורכגיין, די וואסערן וועלן אָפּפאַלן, דער הימל וועט ווערן לויטער־קלאָר, די זון וועט שײַנען, די ערד וועט גרין זײַן, און דער בוים וועט גרין זײַן, אַלץ וועט בליִען, אַלץ וועט וואַקסן.

און האָט זיך דערטראָגן צו עזרעס אויערן דאָס קראַקען פון א ראָב, האָט ער עס אָנגענומען פאַר דער ביטערסטער קלאָלע, אז אלץ, וואָס דאַרף זײַן גרין, וועט ווערן שוואַרץ, אלץ וועט וועלקן, פאַלן, זײַן צע־טראָטן און מיט ווינטן פאַרטראָגן ווערן.

— קראַ־קראַ־קראַ.

פון א ראָב, ווייסט עזרע, קאָן מען קיין גוטס ניט דערוואַרטן, אים האָבן אלע פײַנט, אלע פויגלען.

מענטשן האָבן פײַנט דעם ראָב, ווײַל ער איז ניט אָרנטלעך, ניט געטרײַ. ווען נויעך האָט געשיקט דעם ראָב אין אויסשפּיר זיך דערוויסן, צי האָט זיך שוין ערגעץ־ווו באוויזן יאַבאָשע, האָט זיך דער ראָב ניט אומגעקערט אָף צוריק. ער האָט זיך צוגעכאַפּט פּיקן די נעווײלעס, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אָף אלע וועגן, און פאַרגעסן אָן זײַן שליכעס.

די פויגלען האָבן פײַנט דעם ראָב, וואָס לעבט אזוי לאַנג, לענגער פון זיי אלע, אזש דרײַ הונדערט יאָר, און ווייסט ניט פון קיין לעבן. פון אלע שענסטע רייכעס, וואָס די וועלט פאַרמאָגט, ווערט ער פאַרשיקערט בלויז פון די רייכעס, וואָס דער טויט גיט אַרויס פון זיך, פון אלע שענ־סטע געזאַנגען האָט ער האַנאָע בלויז פון זײַן קראַקען.

אין יענע טעג האָט עזרע זיך אָפּט באַנוצט מיט די קאַבאַליסטישע גימאַטריעס, מיט די קאַבאַליסטישע צאָלן. יעדער אָס שטעלט מיט זיך פאַר א צאָל און יעדער צאָל גייט איבער אין אן אָס. יעדער צאָל האָט זיך איר זין, און יעדער אָס האָט זיך זײַן מיין.

עזרע געדענקט, ווי דער רעבע איטשע האָט מיט אים אײַנגעכאַזערט אין כיידער די גוטע צאָלן:

זיבן איז זייער א גוטע צאָל: דער זיבעטער טאָג איז שאַבעס — דעם זיבעטן טאָג איז די וועלט שוין געווען באַשאַפן און גאָט האָט זיך אָפּגערוט פון זײַן שווער שטיקל אַרבעט.

און אז זיבן איז גוט, איז צוויי מאָל זיבן נאָך בעסער, און דרײַ מאָל זיבן איז אוואַדע און אוואַדע גוט, און פון פיר מאָל זיבן איז שוין אָפּ־גערעדט.

א גוטע צאָל איז אויך פופציק — ס'איז דאָס יאָר פון יויוול, פון פרײַ־הײַט, ווען דער קנעכט איז אהיים אָפּגעשיקט געוואָרן צו זײַן ווײַב און קינד און די געקויפטע ערד איז אומגעקערט געוואָרן צום געוועזענעם באַלעבאָס.

נאָר די בעסטע פון אלע צאָלן איז אכצן, ווײַל אכצן באַשטייט פון די אויסיעס „חי״, וואָס באַטײַט לעבן.

אויסער קאַמסקין, האָט עזרע קיינעם פון זײַנע נאָענטע און באַקאַנטע ניט געלאָזט צורו און געבעטן פאַרטראַכטן עפּעס א צאָל. מער ווי צו אלעמען פלעגט ער צושטייין צו פּאַולינען, ווײַל זי איז מער ווי עמעצער אַנדערש גרייט געווען צו יעדער מינוט ניט נאָר א צאָל פאַרטראַכטן, נאָר צוטראַכטן אלץ אין דער וועלט, אבי עזרען זאָל געפעלן ווערן, אבי ס'זאָל זיך באַקומען ווי ער וויל.

— פּאַני פּאַולינע! פּאַני פּאַולינע! זײַט אזוי גוט און פאַרטראַכט עפּעס א צאָל, נאָך א צאָל! נאָך א צאָל!

— דו ווערסט אויסהאלטן, עזרינקע, ווערסט אויסהאלטן, מײַן הארץ זאָגט מיר, אז דו ווערסט אויסהאלטן, א הארץ איז עפּעס מער ווי צאָלן און אויסיעס.

נאָר אלצייכנס האָט עזרע זיך געהאלטן בא זײַנס. פלעגט ער אָפּציילן זיבן טאקטן, זײַנען אלע איבעריקע טאקטן געלאָפן אנטקעגן, האָט זיך פארענדיקט אן אקאָרד מיט נײַנצן נאָטן־צייכנס, האָט ער נאָכאמאָל אָנגעהויבן פון אָנהייב, אז ס׳זאָל זיך ווידער ענדיקן מיט אכצן. אין די גאָר אלטע צײַטן, האָט עזרע ערגעץ אויסגעלייענט, זײַנען קינדער פארעכנט געווען פאר די סאמע עמעסטע נעוויִים, ווײַל ריין זײַנען די קינדער פון זינד, ווײַל גאנץ איז זייער הארץ און קלאָר איז זייער מאכשאָווע.

האָט דער פויער געוואָלט וויסן, צי וועט געראָטן זײַן פעלד און צי דער בוים וועט געבן א סאך פרוכט, פלעגט ער אָנכאפּן דאָס ערשטע קינד, וואָס ער האָט באגעגנט, און געזאָגט אים: „זאָג מיר דײַן פּאָסעק״, און איז דעם קינד א גוטער פּאָסעק אופגעקומען אפן זינען, איז דער פּויער געווען גליקלעך, גלײַך ווי די גערעטעניש זאָל געווען שוין זײַן בא אים אין די הענט. און האָט זיך א שלעכטער פּאָסעק אראָפּגעריסן פונעם קינדס ליפּן, איז דער פּויער אויסגעליידיקט געוואָרן פון יעדער האָפענונג, ווי די אויסגעקלאָפּטע זאנג.

אזוי פלעגט טרעפן מיטן גיבער פארן שלאכט, מיטן יעגער פארן געיעג, מיטן גייער פארן ארויס אין וועג, מיטן פארליבטן, וואָס איז אויסגעגאנגען וויסן, צי זײַן געליבטע איז אים פונקט אזוי טרײַ, ווי ער איז טרײַ איר.

דאָס זעלבע האָט אויך איצט געטראָפן מיט עזרען. עטלעכע מאָל א טאָג פלעגט ער אָנכאפּן שאָלעמקען און אים זאָגן:

— זאָג מיר א פּאָסעק, וואָס דו געדענקסט פון כיידער, דעם ערשטן פּאָסעק, וואָס וועט דיר ארוף אפן זינען.

שאָלעמקען פלעגן ארוף אפן זינען בלויז גוטע פסוקים.

מיט א סאך יאָרן שפּעטער, ווען די פסוקים־טרעפעניש איז אריבער פון מיזרעך צו מײַרעוו — און דער מײַרעוו האָט ניט געוווסט פון קיין נעוויִים און נעוויִעס, פארלוירן זײַן צוטרוי אפילע צום קינד, — זײַנען די ביכער געוואָרן די טרעפער. מע פלעגט אופמישן א בוך און מיט פארמאכטע אויגן געלאָזט דעם פינגער זוכן און זיך אָפּשטעלן, בא וועלכער שורע ער האָט געוואָלט. האָט זיך געפּאפט א פריידיקע, מונטערע שורע — האָט זיך די שטימונג געהויבן, און האָט זיך געפּאפט א בייזע שורע — איז די שטימונג געווען א געדריקטע, א שלעכטער סימען, א שלעכטער אָנזאָג!..

עזרע האָט אויך איבערגעבלעטערט אלע ביכער פון טשעסלאווס ביבליאָטעק. זײַנע פינגער זײַנען ניט מיד געוואָרן זוכן אין דער פינצטער די שורעס. אָט איז באלזאקס א בוך, דאָס בוך וועגן „פארלוירענע אילוזיעס״...

באלזאק בעט ניט פארגעסן אָן די אלע אומגליקלעכע, ועמען דער גוירל האָט באליידיקט, ער בעט זיך דערמאָנען אָן די, „וואָס האָבן ליכטיקע אויגן געהאט און האָבן גאָרניט געזען, אָן די, וואָס זײַנען געבוירן

מיטן דינסטן געדוך און האָבן אײַנגעטעמט אין זיך בלויז דעם רייעך פון גיפטיקע געוויקסן".

געדאנקען נאָך געדאנקען, און פלוצעם אינמיטנדערינען געוויינלעכע טאָגטעגלעכע זאכן:

„...זי האָט זיך געלייגט שלאָפן"... נו, איז וואָס? — לאכט עזרע פון זײַן פינגער, וואָס האָט געטראָפן ווי א בלינדער אין גרוב. דער צווייטער פינגער שטויסט זיך אָן אף א געשמאקן מײַכל, וואָס צעגייט זיך אין אלע איינורים. דער דריטער פינגער קומט פונקט אָן צו דעם אָרט און צו דער רעגע, ווען ער האָט זי פעסט צוגעדריקט צו זיך, געהאלדזט און געקושט...

— ס'איז א בוך, וואָס פארשטייט מיך ניט, — עזרע ווערט אף אים אופ־געבראכט, ווי מע ווערט אופגעבראכט אף א מענטשן, צו וועמען מע קומט מיט אן ערנסטער פראגע און ער קומט אָפּ מיט א וויץ, מיט א כאָכמע.

איז עזרע אוועק צו יענטע דער טרייסטערן, וואָס האָט געוווינט אינעם לאנגן, פינצטערן קאָרידאָר.

יענטע די טרייסטערן האָט יעדער איינער גערופן מיט אן אנדער נאָמען, און צוליב די סאך נעמען האָט מען זי אויך גערופן „יענטע־ייִסרע". דער גאַ־לעך ייִסרע, מוישעס שווער, האָט געהאט זיבן נעמען, און יענטע האָט גע־האט צוויי מאָל זיבן.

יענטע־ייִסרע האָט אויך געהייסן „יענטע מיט די פעדערן". פליקן פע־דערן — דאָס איז געווען איר פארנאָסע. פאר טרייסטן האָט זי קיין געלט ניט גענומען, טרייסטן — דאָס איז געווען איר מיצווע.

זי האָט אויך געהייסן „יענטע מיט דער קישן".

— איר איין־און־אייבציק קישן, — האָט יענטע געזאָגט, — וועט אף יע־נער־וועלט איידעס זאָגן, אז זי האָט פאר איר לעבן קיין איין פרעמדן פע־דער ניט אָנגערירט. וואָלט געווען אין מײַן קישן א פרעמדער פעדער, א געגאַנוועט ביסל פוך, וואָלט דער קאָפּ מײַנער צעשפּאָלטן געוואָרן און איך וואָלט שוין לאנג אף דער וועלט ניט געווען.

מ'האָט זי אויך גערופן „יענטע דער ברונעם", ווײַל איר טרייסט שעפּט זיך ניט אויס, ווי די וואסער פון ברונעם...

אָרעמע מאמעס האָבן זי גערופן „די מאמע יענטע", און בא קליינוואַרג האָט זי קיין אנדער נאָמען ניט געהאט, ווי „באָבע". די באָבע יענטע האָט שטענדיק געטראָפן, וואָס זיי האָבן ליב, און קיינמאָל זיי ליידיק ניט ארויס־געלאָזט פון איר שטוב.

עזרע האָט זיך אומבאמערקט ארײַנגעכאפּט צו יענטע דער טרייסטערן, ווײַל וואָלט זיך קאמסקי דערוווּסט וועגן דעם, וואָלט ער פון אים געמאכט אש און פּאָרעך.

דאָס נאסע, ענגע, פינצטערע צימערל מיטן פענצטערל, וואָס ווײַזט דעם הימל גרויס ווי א לאמטערן־טאפליעלע, האָט אויסגעזען, ווי אן איינצל־קאמער אין א טורמע.

עזרע האָט, ארײַנקומענדיק אהער, זיך געוווּנדערט, וויאזוי עפּנט זיך בא יענטען דאָס מויל אף צו טרייסטן, ווען די טרייסט קאָן אהער ניט ארײַן, ווי עס קאָנען אהער ניט ארײַן די שטראַלן פון דער זון. אין אזא צימערל קאָן מען, דוכט זיך, בלויז פארשעלטן די יאָרן און טעג.

— זאָל פרידן זײַן צו דײַן קומען, קינד מײַנס! — האָט א גוטער שמייכל זיך צעגאָסן איבער יענטעס ליפּן און פאַרפילט אלע קנייטשן פון איר פּאָ־נעם. — זעץ זיך אוועק אָט דאָ אף דעם טאַבורעט, און זאָל זיך דיר דוכטן, אז דײַן מאמע זיצט לעבן דיר און אז דײַן מאמע רעדט מיט דיר.

יענטעס רויט־אָנגעצונדענע בלינדלעכע אויגן האָבן פון אָנשטרענגונג זיך האלב צוגעמאכט און אין דער פינצטער געפּרוווט זיך פאַרשטעלן די שטריכן פון עזרעס געזיכט. אירע טרוקענע ליפּן האָבן ניט אופגעהערט זיך באוועגן.

דער טאַבורעט, יענטעס איין־און־איינציקער טאַבורעט, אף וועלכן עזרע איז געזעסן, האָט שטארק אונטערגעסקריפּעט.

— עס מאכט ניט אויס, וואָס דער טאַבורעט סקריפּעט, דאָס גאנצע לעבן אונדזערס סקריפּעט, סקריפּעט אזוי לאנג, ביז עס הערט אוף. אייביק אָבער שלעכט קאָן ניט זײַן, ווי אייביק עס קאָן די נאכט ניט זײַן, די לענגסטע נאכט ענדיקט זיך מיט טאָג... עס מוז ווערן בעסער, עס מוז ווערן גוט, און עס וועט זײַן גוט!

— איר זײַנט זיכער אין דעם? — דערקענט ניט עזרע זײַן שטים, וואָס האָט פאַרלוירן איר הילכיקײַט.

— איך זאָל ניט זײַן זיכער אין דעם, וואָלט איך אזוי ניט גערעדט. דו ביסט דאָך נאָך אזוי יונג. וואָס האָט מיט דיר געטראָפן, וואָס אזוינס איז פאַרלאָפן מיט דײַן הארץ, וואָס דו נייטיקסט זיך אין מײַן טרייסט?

— דערווײַל האָט נאָך גאָרניט געטראָפן, — ציטערט עזרעס שטים. — איך בין א פידלער, די טעג דאַרף איך האלטן עקזאַמענעס אין מוזיק־שול, און איך ווייס ניט, צי וועל איך אויסהאלטן און צי וועט מען מיך אָנעמען.

— איך בין דאָך ניט קיין טרעפערן, — פאַרענטפערט זיך יענטע און בעט אים, אז וואָס ס'זאָל זיך מיט אים ניט טרעפן, זאָל ער בא זיך ניט זײַן געפאלן, דער מענטש מוז גלייבן אין בעסערע צײַטן, ווײַל אנדערש וואָלט ער ניט געקאָנט אריבערטראָגן די שלעכטע, — דו טאָרסט בא זיך ניט זײַן געפאלן. אוואדע דאַרף דער פויגל האָבן א נעסט, נאָר הערט דען אוף דער פויגל פליִען אָדער זינגען, ווען דער הימל איז זײַן דאך? ניין, מײַן קינד, ניין!

דאָס ענגע צימערל ווערט געראמער, יעדער קלאנג פון יענטעס מילדער ציטערנדיקער שטים רײַסט פאנאנדער די פינצטערניש און עס ווערט ליכ־טיקער און ליכטיקער.

יענטע רעדט און רעדט... עזרע הערט זיך צו צו איר יעדעס וואָרט. זי איז אזוי ענלעך און אזוי ניט ענלעך אף זײַן מאמען.

ענלעך איז זי מיט דער שטים, מיט איר מילדקײַט, מיט איר טרייסט, מיט אירע בראָכעס און ווונטשן. די מאמע זײַנע רעדט אָבער בלויז פון איר טײַטש־כומעש, און יענטע רעדט מיט אירע אייגענע ווערטער. זײַן מאמע איז ווי אן אקטיאָר, וואָס טראָגט ארײַן איר אייגנס אין פרעמדן טעקסט, און זי, יענטע, איז אליין די שעפערן, אליין די שפּילערן פון איר אייגענעם טעקסט.

עזרע וואַרפט אָפּ אלע צונעמענישן און אלע נעמען, מיט וועלכע מ'רופט יענטע די טרייסטערן, און לאָזט איבער פאר איר בלויז דעם טײַערסטן נאָ־

מען אין דער וועלט — די מאמע יענטע! ער וועט בעטן אלע אײַנוווינער פון לאנגן פינצטערן קאָרידאָר, אז פון הײַנט אָן און ווײַטער זאָל מען זי רופן בלויז די מאמע יענטע.

די מאמע יענטע האלט אין איין צוזאָגן עזרען, אז ער וועט בײַקומען אלע שוועריקייטן.

— קינד מײַנס, דו וועסט ניט זײַן געגליכן צו יענעם באבעלע, וואָס פליט צום פײַערל, פליט, פליט, און ווען עס קומט צו דעם, ווערט עס גלײַך אליין פארברענט און פארלעשט מיט זײַן אומקומען, מיט זײַן אש דאָס פײַערל. דײַן פײַערל וועט קיינמאָל ניט פארלאָשן ווערן, קיינמאָל ניט טשאַדען, עס וועט שטענדיק לויכטן און באלײַכטן אלע דײַנע וועגן.

— וועט טאקע אזוי זײַן? — גיט דער סאָפּעק א טיאָכקע אין עזרעס הארץ, און גלײַך דערפילט ער זיך שולדיק פאר יענטען...

— לײַגט דען דער דאָקטער, ווען ער זאָגט צו דעם געפערלעך קראנקן, אז זײַן קרענק איז ניט געפערלעך, אז ער וועט געזונט ווערן און לאנג נאָך לעבן? זאָל זײַן, אז דער קראנקער וועט אינגיכן שטארבן, נאָר אויב דער דאָקטער האָט פארלענגערט זײַן לעבן אף א וואָך, אף א טאָג, אף א שאָ, אף א מינוט אפילע, איז געבענטשט זאָל זײַן אזא דאָקטער! לײַגט דען די מאמע, ווען אין א לאנגער ווינטערדיקער פינצטערער נאכט רעדט זי אײַן איר קינד, אז באלד וועט אָנהייבן טאָגן? לײַגט דען דער מענטש, וואָס בארוזקט זײַן טויט־דאָרשטיקן כאווער, אז ער הערט דעם געררויש פון לויפנדיקער קוועלנדיקער וואסער?

ניין, יענטע לײַגט ניט! יענטעס פאָרויסזאָגן, אירע ליכטיקע צוזאָגן וועלן מעקויעם ווערן! עס וועט געשען א נעס!

אויסגעהאלטן

וועגן עזרעס עקזאמענעס האָט מען אין לאנגן פינצטערן קאָרידאָר גערעדט ווי וועגן דעם קריזיס פון א געפערלעך קראנקן — אהער אָדער אהין...

— ווען הייבן זיך אָן די עקזאמענעס?

— וויפל פראגן פארגיט מען?

— אף וויפל מוז מען ענטפערן?

— מיילע, א וואָרט ארוף, א וואָרט אראָפּ, ווערטער זײַנען דאָ א סאך אף דער וועלט... ערגער איז מיטן פידל, דאָ קאָן מען די ציין ניט פארריידן, עס העלפט ניט קיין מײַסעס, קיין „סקאזאלא מאזאלא“, מע דארף שפילן, און שפילן דארף מען קענען.

— מ׳דארף נאָך עפעס־וואָס... עס קאָן דאָך טרעפן אזוי: דו קענסט, און זיי זאָגן דאָרט — דו קענסט ניט.

— און וואָס טוט מען דעמלט?

— דעמלט איז ניט גוט!

— אלץ הייסט ניט גוט!..

א זײַטיקן מענטשן האָט זיך געקאָנט דוכטן, אז די אײַנוווינער פון

קאָרידאָר, פון קליין ביז גרויס, גרייטן זיך צו די עקזאַמענעס און דאַרפן אַלע אין איין טאָג וויסן, וואָס זיי קענען...

אַפילו די קינדער האָבן געשפּילט אין עקזאַמענעס.

איין שאַלעמקע האָט ניט גענומען קיין אָנטייל אין אָט דער נייַער שפּיל. אים איז אַ סאַך אינטערעסאַנטער געווען זיצן לעבן עזרען און הערן, ווי ער ענטפערט קאַמסקין אויף די פראַגן, וואָס יענער פרעגט אים.

קאַמסקי האָט ניט אויפגעהערט רעפּעטירן מיט עזרען. אָט איז ער, דער גוטער פּראָפעסאָר, און אין אַ מינוט אַרום איז אים ניט צו דערקע־נען — בייז ווי דער טייוול, און אָט איז ער אין דער ראָל פון עזרען — ער ענטפערט אָנשטאָט אים.

קאַמסקיס פינגער שפּאַנען איבער דער געאָגראַפישער קאַרטע פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָט צו שטאָט, קאַראַפּקען זיך אויף די העכסטע בערג, נידערן אַראָפּ אין די טיפסטע טאָלן. פּלוצעם דערמאָנט ער זיך אינעם פאַרליבטן פּאַרפּאַלק, וואָס האָט קיינמאָל און אין ערגעץ זיך ניט צעשיידט, אַפילו באַם עקזאַמען פון געאָגראַפיע.

די ערשטע פראַגע האָט דער עקזאַמענאַטאָר פאַרגעבן דעם מאַן:

— זייט אַזוי גוט און דערציילט מיר, וואָס ווייסט איר וועגן רוים און ווענעציע?

— איך ווייס, — האָט דער מאַן געענטפערט, — אַז דאָס זיינען צוויי שטעט, איך האָב זיי אַליין געזען אויף דער געאָגראַפישער קאַרטע, נאָר אין וועלכן לאַנד זיי געפינען זיך, האָב איך פאַרגעסן.

— צוויי שטעט? — האָט זיך פאַרוווּנדערט די פרוי. — הער אַ מייסע, און איך האָב די גאַנצע צייט געמיינט, אַז דאָס איז אַ ברודער מיט אַ שוועסטער.

דער מאַן האָט זיך פאַרויטלט און זיך געווענדט צום עקזאַמענאַטאָר:

— אַנטשולדיקט איר, זי האָט, אַפּאָנעם, געמיינט פּיסעם און ראַמסעס.

עזרע שיסט אויס אַ הילכיקן געלעכטער. דער געלעכטער האָט גע־וועקט די באַנאַכטיקע שטילקייט און זיך צעקייקלט איבערן לאַנגן קאָרי־דאָר ווי אַ פריידיקע בשורה: עזרע לאַכט! אַז אַ מענטש לאַכט, איז אַ סימען, אַז ער איז זיכער אין זיך, אַז ער וועט בייקומען אַלע שוועריי־קייטן, אַז אַלץ וועט זיך אויסלאָזן צום גוטן.

ערעוו די עקזאַמענעס איז אַ שרעק באַפאַלן דעם קאָרידאָר:

— מאָרגן!

— מאָרגן הייבט זיך עס אָן!

— מאָרגן גייט ער זיך „פּריזיוואַיען!“

— וואָס „פּריזיוו“, ווען „פּריזיוו“, עקזאַמענעס זיינען אַ סאַך ערגער פונעם „פּריזיוו“. אין דער „פּריסוטסטוויע“, אַז מע גיט אַ זאָג „ניע גאָ־דיען“, איז דאָס דאָס גרעסטע גליק, און אַז מע גיט אויף די עקזאַמענעס אַ זאָג „ניע גאָדיען“, איז שוין מער ניטאָ וואָס צו זאָגן, אַלץ איז פאַר־פאַלן.

אַלטע ווייבער האָבן זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן בא די יינגערע, ווער זיינען עס די עקזאַמענעס, וואָס וואַרפן אָן אַזאַ שרעק אויפן קאָרידאָר.

— אין אונדזערע צײַטן האָבן מיר פון אזעלכע שלעק גאָרניט גע־הערט. קארג צאָרעס, האַ? איז נאָ דיר נאָך עקזאמענעס אף אונדזער קאָפּ. און פארוואָס קומט עס פאולינעס קווארטיראַנט, אז גראדע ער זאָל גיין צו די עקזאמענעס? אזא שטילער און לײַטישער באָכער, א טאטנס א קינד, איז פאר וואָסערע זינד קומט עס אים פאלן א קאָרבן?!

— אוי, מ׳זאָל גאָרניט געפרווט ווערן! ס׳איז שווער אויסגעפרווט ווערן פון גאָט און נאָך שווערער פונעם מענטשן, — האָבן ייִדענעס צע־טראָגן די שרעק איבערן קאָרידאָר און אין יעדער שטוב באזונדער.

די פוילישע שכיינעס האָבן אונטערגעהאלטן די ייִדישע, געבעטן די הייליקע מאריע, אז זי זאָל ניט שטיין אָן א זײַט און ווי א מאמע אים באשיצן.

דאָווידל שיוועזיצער האָט פארגליכן די עקזאמענעס צו אן אײַזער־נער טיר, וואָס איז באהאנגען מיט גרויסע שווערע שלעסער. אופברעכן אזעלכע שלעסער געדויערט זייער לאנג, עס קומט אָן מיט גרינע ווע־רעם. און אָט, ווען דו פראלסט אוף שוין די טיר און קלײַבסט זיך ווערן רײַך, באפאלט דיך פאָליצײַ און מע שמידט דיך אין קייטן.

זיאמע דער זייגערמאכער האָט אין יענעם טאָג ניט געקאָנט אײַנזיצן בא זײַנע זייגערס און איז אלע ווײַלע מיט דער שפּאקטיוו אפן אויג ארויסגעלאָפן אין קאָרידאָר מיט א נײַעם מאָשל.

דער לאנגער פינצטערער קאָרידאָר האָט געלעבט מיטן מאָרגנדיקן טאָג:

— מאָרגן! מאָרגן וועט זיך עס אָנהייבן!..

— מאָרגן דארף ער גיין!

— מאָרגן דארף ער האלטן עקזאמען!

— מאָרגן וועט מען וויסן...

— מאָרגן!

— מאָרגן!

עפּעס א קלייניקייט, דער ערשטער מענטש, דער ערשטער אײַנוווינער פון זייער קאָרידאָר, גייט האלטן עקזאמען!

א שווערע שליכעס איז אויסגעפאלן אף עזרען. פאלט ער מאָרגן דורך, איז מיט וואָס וועט ער קאָנען צאָלן פאר דער ליבע און פרײַנט־שאפט, וואָס יעדער איינער פון קאָרידאָר ווײַזט אים דאָ ארויס? פאר יעדן איינעם וועט ער זיך פילן שולדיק, פאר יעדן איינעם וועט אים זײַן א ביזאָיען, א פינצטערער ביזאָיען.

ווען קיינער וואָלט אים דאָ ניט געקענט, וואָלט זײַן גליק געווען אן איינזאם בלאס גליק, דערפאר אָבער וואָלט דער אומגליק געווען א שטילער אומגליק, אָן קיין שום אָפּהילך.

דער שנײַדער, אז ער נייט אוף א קלייד, צי דער שוסטער, אז ער נייט אוף א פּאָר שיך, און עס באקומט זיך גוט, ס׳איז צופרידן דער באַ־שטעלער, ווייסן וועגן דעם נאָר עטלעכע געציילטע מענטשן. באקומט זיך אָבער ניט ווי עס באדארף צו זײַן, ס׳איז אומצופרידן דער באשטע־לער, ווייסן וועגן דעם ווידער בלויז געציילטע מענטשן. לויט דער גרייס פונעם דערפאָלג איז די גרייס פונעם דורכפאל.

גאָר אנדערש איז, ווען דער פידלער שפּילט. ער שפּילט דאָך קימאַט שטענדיק פאר א גרויסן אוילעם.

נעמט אויס דער פידלער, קויקלט זיך דער דערפאָלג, ווי א הײַפל שניי, אלץ ווײַטער און ווײַטער, ביז ער וואקסט אויס אין א הויכן בארג. די טויזנט אנציקטע גיבן איבער אנדערע טויזנט, און דער דערפאָלג טראָגט זיך פון שטוב צו שטוב, פון גאס צו גאס, פון שטאָט צו שטאָט.

נאָך שווינדיקער איז דער געלויף פונעם דורכפאל. איז מען דורכגע־פאלן פאר טויזנט, זײַנען שוין מער ניטאָ אזעלכע בליקן אין דער וועלט, וואָס זאָלן ניט באגעגענען מיט ביטל, וואָס זאָלן ניט כויזעקן און שפּאָטן.

וואָס עפנטלעכער דער דערפאָלג, אלץ מער עפנטלעכער איז דער דורכפאל, און דערפאר טאקע עפּשער איז דער קינסטלער דער גליקלעכ־סטער און אומגליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט! — טראכט בא זיך עזרע.

ביז טאָג איז נאָך ווײַט. יעדע מינוט ציט זיך ווי אן אייביקײַט. כאָטש אף א שאָ, כאָטש אף א האלבער שאָ צומאכן אן אויג. דער שלאָף בא־רויקט, מאכט אָרדענונג אין קאָפּ, לייגט אלץ פאנאנדער אף זײַן אָרט. דער שלאָף איז דער גרעסטער וועקער פון זיקאָרן, ער לאָזט ניט אײַנ־דרעמלען די געדאנקען, וואָס דארפן אוף זײַן. עזרען דוכט זיך, אז ווען ער דרייט זיך אויס אף דער רעכטער זײַט, וואָלט ער באלד אנשלאָפן געוואָרן. ער ליגט אָבער, ווי א פארקרעמפּעוועטער אין שטריק, אף דער פּלייצע. ער וויל פּאָולינען ניט פארשאפן קיין צאר. קוים גיט ער זיך א דריי, הייבט אָן סקריפּען דאָס בעטל און פּאָולינע דערוויסט זיך, אז ער שלאָפט ניט. ליגט ער אזוי, עזרע, אויסגעצויגן אף דער פּלייצע, מיט פארמאכטע אויגן און ציילט: צען... פופציק... הונדערט און פופציק... צוויי הונדערט... פלוצעם גיט ער בליק־שנעל א פאל, ווי אין א טיפן אָפּגרונט. ער כאפּט זיך גלײַך אוף, און דאָס הארץ — שיר וואָס עס שפּרינגט ניט ארויס.

עזרע ציילט מער ניט... ער לייענט אינדערפינצטער אף אויסווייניק מיריעמס בריוו, וועלכן ער האָט די טעג באקומען. ער לייענט און זעט פאר זיך ליפּאָוועץ, ליפּאָוועצער נאכט, ליפּאָוועצער אויסגעשטערנטן הימל, מיריעמס שטיבל מיט די פארמאכטע לאָדן. ער הערט דעם סקריפּ פון מיריעמס בעטל, אויך זי דרייט זיך פון איין זײַט אף דער צווייטער. ווי ווײַט ס'איז נאָך צו טאָג, ווי ווײַט ס'איז נאָך צו יענער גליקלעכער מינוט, ווען דער בריוטרעגער וועט אָנקלאפּן צו איר אין פענצטער און אויסשרײַען: „א טעלעגראמע! א טעלעגראמע פון ווארשע! א טעלעגראמע פון עזרען!"

פראנציסקע שלאָפט אָבער רויק. און אויב עס כאָלעמט זיך איר א כאָלעם, איז עס א גוטער כאָלעם... שלעכטע כאלוימעס קומען בלויז פון א שלעכט לעבן. די מאמע זײַנע פלעגט אים, עזרען, שטענדיק זאָגן: „אז מע לייגט זיך ניט געגעסן, שטייט מען אוף ניט געשלאָפן; אז באטאָג איז ביטער, איז באנאכט פינצטער..."

זי פארשטייט אים ניט, פראנציסקע, זי פילט אים ניט מיט.

אָט האָט ער אנומלטן איר דערציילט וועגן זײַנע שווערע איבערלע־

בונגעו, וועגן דעם, ווי עס שרעקן אים די עקזאמענעס, וועגן דער פּראָ־צענט־נאָרמע, און זי האָט געלאַכט, ווי ער זאָל איר דערציילן עפּעס א קאָמישן סוזשעט פון א וואָלוועלער אָפּערעטקע. און אויב זײַנע ליידן זײַנען פאר איר פרעמד, וועלן דאָך אויך פרעמד בלײַבן פאר איר זײַנע פריידן. האלט ער מאָרגן אויס, וועט זי אים באגריסן און מער גאָר. דאָס, וואָס פאר אים איז אויסערגעוויינלעך, איז עס פאר איר אזוי געוויינלעך, ווי שלאָפן, ווי עסן און טרינקען.

ענדלעך שלאָפט ער אײַן, און עס כאָלעמט זיך אים, אז דער טאָג, אף וועלכן ער האָט אזוי לאנג געוואַרט, פאר וועלכן ער האָט זיך אזוי גע־שראָקן, איז געקומען. די עקזאמענעס האָבן זיך אָנגעהויבן. מע הייסט אים דערציילן וועגן דער גנעדיקײַט פון די קייסאָרים. עס נעמט אים אָפּ דאָס לאָשן. טאדעוש וולאטאָסלאַוסקי צעבייזערט זיך און נעמט קלאַפּן אין טיש. אָבער דער פּאַרוואַלטער פון פידל־אָפּטייל, אווגוסט באָלעס־לאַווסקי, טראָגט צו עזרען דעם פידל און זאָגט: „שפּיל, דער פידל וועט דיך ארויסשלעפּן פון אלע צאָרעס". דער דיריזשאָר קאזימיר שאבעלסקי בעט שפּילן פּעדאַצערס עלעגיע וועגן ווילנער באלעבעסל. דער פידל קערט זיך אָפּ פון עזרען, דער סמיק פאלט ארויס פון דער האנט: ער האָט אלץ פארגעסן, ער געדענקט ניט קיין איין נאָטן־צייכן, קיין איין קלאנג...

טאדעוש וולאטאָסלאַוסקי לאכט, און צוזאמען מיט אים לאכן די פּאָרטרעטן פון די קייסאָרים, וואָס הענגען אף די ווענט.

— פארשפּילט! פארפאלן! אלץ פארפאלן! — שרײַט עזרע פון שלאָף.

— גאָט איז מיט דיר, עזרע! ס'איז גאָרניט פארשפּילט, ס'איז גאָר־ניט פארפאלן, בארויִק זיך, — האָט פּאולינע, אן איבערגעשראָקענע, גע־וועקט עזרען און איבערגעריסן דעם שלעכטן כאָלעם, — ס'איז צום גוטן! ס'וועט זיך אלץ אויסלאָזן צום גוטן. זע, עזרע, סארא שיינער פרימאָרגן ס'איז הײַנט...

די קאָרידאָרן פון דער מוזיק־שול זײַנען פול געוועזן מיט יוגנט, מיט אזעלכע, וואָס האָבן נאָך אף זיכער ניט געוווסט, צי וועלן זיי ווערן סטו־דענטן, און מיט אזעלכע, וואָס האָבן געהאלטן באם ענדיקן און ווערן אויס סטודענטן.

עזרע האָט ניט געקאָנט אײַנשטיין אף אן אָרט. ער איז ארומגעגאנגען הין און צוריק און זיך אליין עקזאמענירט.

— איר ווייסט, — האָט זיך מיטאמאָל געוועגדט צו אים א יונגער־מאַן, — בא אײַך איז זייער אן אויסדריקלעך פּאָנעם, און איך קאָן אײַך אן אייצע געבן, ווי צו פארדינען געלט. אין משך פון דרײַ יאָר האָב איך פּאָזירט איינעם א מאָלער, און איצט, אויב איר ווילט, קאָנט איר מיך פארבײַטן. דער מאָלער, גלייב איך, וועט זייער צופרידן זײַן...

עזרע קוקט אָן דעם סטודענט, און דער סטודענט רעדט און רעדט, גלײַך ווי עזרע זאָל זײַן זײַנער אן אלטער באקאנטער, מיט וועלכן ער האָט זיך שוין לאנג ניט געזען.

— איר וועט זיך באַם מאָלער אָנהערן און אָנזען אַזוינס, וואָס איז קעדײַ צו הערן און צו זען. ער וועט ניט וויסן, ווו אײַך אוועקזעצן און וואָס פריִער צו טאָן מיט אײַך. ס׳וועט אײַך אוודאי זײַן שווער, ס׳איז אָבער גרינגער און א סאַך אָנשטענדיקער ווי פאַרשפּרייטן רעקלאַמעס, פאַרקויפן צײַטונגען אָדער שפּילן ערגעץ אין א קאַבאַק... פאַרייַנס וויל איך אײַך וואָרענען: דאָ דאַרף מען האַלטן די צונג הינטער די ציין, קיין איבעריק וואָרט ניט, ווײַל ווו איר וועט זיך דאָ א קער טאָן, איז אַן אינספּעקטאָר, א נאַדזיראַטעל, אַן אונטערגעשיקטער. דאָס פרײַע וואָרט איז שטרענג פאַרבאָטן. דאָ איז גלײַכער האָבן צו טאָן מיט דער שפּראַך פון קלאַנגען. דער קלאַנג איז גליקלעכער פונעם וואָרט, ער רעדט אַף אַזאַ שפּראַך, וועלכע איז פאַר דער פּאָליציי, פאַר די אַלע נאָכשפּירער און אויסשפּירער אומפאַרשטענדלעך.

עזרע באַטראַכט די גליקלעכע, וועלכע מע באַגריסט, און די אומ־גליקלעכע, וועלכע מע טרייסט, און אַלע ווײַלע דערזעט ער זיך אָט צווישן די גליקלעכע און אָט צווישן די אומגליקלעכע. מע גיט אים אַד־רעסן, ווו צו באַקומען „שטונדן”, מע זאָגט אים אָן, ער זאָל זיך האַלטן פעסט בייס די עקזאַמענעס און וויאַזוי זיך צו פירן אין פאַל, ווען ער וועט אויסהאַלטן אָדער דורכפאַלן.

אין קאָרידאָר האָט מען הילכיק אויסגערופן:

— עזרא סאָלאָמאָנאָוויטש מאַליאַרסקי...

דער גרויסער צימער איז פול געווען מיט שײַן. א ליכטיקע וועלט. אין דעם יאַם פון שײַן האָט זיך עזרען געדוכט, אַז א נעפּל האָט פאַרצויגן זײַנע אויגן. ער זעט גאָרניט, ער זעט קיינעם ניט, ער זעט זיך אַליין ניט, ער הערט בלויז, ווי דאָס האַרץ פּויקט אין אים, פּויקט און פּויקט...

— מאַליאַרסקי?

— יאָ, מאַליאַרסקי.

דער קלאַנג פון דער אייגענער שטים מונטערט אויף עזרען, און דער נעפּל גייט זיך פאַנאַנדער. אינעם גרויסן ליכטיקן צימער איז געווען אַזוי שטיל, אַז עזרען האָט זיך געגומען דוכטן: די אַלע, וואָס זיצן דאָ באַם טיש, זײַנען ניט קיין לעבעדיקע מענטשן, נאָר אויסגעמאָלטע, ווי די פּאָרטרעטן אַף די ווענט.

עזרע שטייט צווישן צוויי לאַגערן, איינעם א פרײַנטלעכן און דעם צווייטן א פײַנטלעכן, און ער ציילט מיטן בליק, ווער ס׳איז פאַר אים און ווער ס׳איז קעגן אים. טאַדעוש וולאַטאָסלאַווסקי — דער מוזיק־הי־סטאָריקער — דער וועט אים ניט שוינען. אווגוסט באָלעסלאַווסקי וועט אים אויסשטרעקן א האַנט, ער וועט אים העלפן און ניט לאָזן פאַלן. קאַזימיר שאַבעלסקי, דער דיריזשאָר פונעם סימפאָנישן אָרקעסטער, איז פאַר אים! און אָט דער? — פאַלט עזרעס בליק אַף איינעם פון די פּראָפע־סאָרן, וועמען ער זעט צום ערשטן מאָל. — אָט דער וועט דורכוואַלגערן,

זײַנע אויגן שנײַדן ווי די מעסערס, פון אזעלכע אויגן קאָן מען קיין גוטס ניט דערוואַרטן. עזרע דערפרייט זיך מיט שאָפּענען, מיט מאָניושקאָן, מיט גלינקען און בעטהאָווענען און שרעקט זיך איבער פאַר וואַגנערן...

— עזרא סאָלאָמאָנאָוויטש?

— יאָ.

דער מוזיק־היסטאָריקער טאַדעוש וולאָטאָסלאַווסקי פּרוּווט פאַרפּלאָנ־טערן עזרען אין דער כראָנאָלאָגיע פון פאַרשיידענע צײַטן. עזרע גייט איבער פון איין יאָרהונדערט אינעם צווייטן, ווי פון צימער צו צימער. אויך דער פּראָפעסאָר מיט די שאַרפמעסערדיקע אויגן מוז ניט ווילנדיק אנערקענען, אז עזרע האָט היפּש און פלײַסיק געאַרבעט איבער טעאָריע פון מוזיק.

קאַזימיר שאַבעלסקי פרעגט עזרען, צי קען ער פּעדאַצערס עלעגיע וועגן ווילנער באַלעבעסל. עזרען גייט דורך א ציטער איבערן לײַב, אים ווילט זיך אויסשרײַען: „איך קען! איר ווייסט דאָך!", נאָר זאָגן זאָגט ער שטיל, ניט געוואַגט:

— איך וועל פּרוּוון. מע קאָן פּרוּוון?

ניין, זײַן פּריַינט וועט ער ניט אויסגעבן. דאָס האָט ער דאָך, דער דיריזשאָר פון סימפאָנישן אָרקעסטער, געגעבן די העכסטע אָפּשאַצונג דער עלעגיע, ווען ער, עזרע, האָט זי געשפּילט אויף דער בינע פון אָפּע־רע־טעאַטער. דאָס האָט ער דאָך אים געווייזט, אז אָט די עלעגיע זאָל ער שפּילן אויף די עקזאַמענעס. דאָס האָט ער דאָך אים געגעבן דעם בריוו צו אווגוסט באַלעסלאַווסקין.

— די עלעגיע וועגן ווילנער כאַזן, — בייגט זיך אָן קאַזימיר שאַבעל־סקי צו די איבעריקע עקזאַמענאַטאָרס, — האָט אָנגעשריבן דער ייִדישער קאָמפּאָזיטאָר פאַן פּעדאַצער. אין דער ייִדישער עלעגיע וועגן יויעל־דאָווידס טראַגישן גורל ווערט מיט טיפער אכטונג און ליבע באַזונגען זײַן פּרײַנט און לערער מאָניושקאָ. די עלעגיע איז איבערגעפלאָכטן מיט פּוילישע מאָטיוון און מעלאָדיעס.

מע האָט עזרען פאַרגעלייגט אויספּילן פּעדאַצערס עלעגיע.

עזרע האָט אַרויסגענומען דעם פידל פון פוטליאַר, ווי מע נעמט אַרויס א לאָטעריי־בילעט — ער וועט אויסשפּילן צי פאַרשפּילן? געווינען צי פאַרלירן? ער האָט אויסגעפּרוּווט די סטרונעס, זיך צוגעהערט צום קלאַנג פון די טענער, צי וועלן זיי ניט פעלשן, צי קאָן מען זיך פאַרלאָזן אויף זיי. עזרען דוכט זיך, אז אווגוסט באַלעסלאַווסקי זאָגט אים איצט דאָס זעלבע, וואָס ער האָט אים נעכטן באַנאַכט געזאָגט אין כאַלעם:

„פאַל בא זיך ניט אַראָפּ, שפּיל, דער פידל וועט דיך אַרויסשלעפּן פון אַלע צאָרעס".

יאָ, אַלע האָפענונגען זײַנען איצט אפן פידל.

דער סמיק האָט א פּלי געגעבן אינדערלופטן, און ווי אפן רוף פון א צויבער־שטעקעלע וואַקסט אויס די ליפּאָוועצער קאַפּעלע. עס קומען זיך צונויף די קלעזמער, וואָס זײַנען שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ. דווי־רעס קלעזמער! און אַלע, אַלע פאָדערן זיי פון אים, עזרען, א טיקון. אַלע

פאָדערן זיי פון אים, ער זאָל אויסהאלטן, אלע ווינטשן אים, אז זײַן גורל זאָל זײַן א מער גליקלעכער פון זייער גורל...

די מאזשאָרע קלאנגען פארשווינדן גיך, ווי עס זײַנען גיך פארשוווּנדן די טרוימען פון די אלע, וועמען עזרע האָט דאָ ערשט געזען פאר זיך. די צעבראָכענע, געפאלענע קלאנגען קלאָגן אפן גרויסן אומגליק, וואָס איז געשען מיט יויעל־דאָווידן... עזרע ציטערט אוף. ער דערפילט, ווי אף אלע סטרונעס פון זײַן פידל צאפלט מיריעמס הארץ, דער מאמעס טפילע. פעדאָצערס שטים באַרויִקט און מונטערט אים:

„זייער גוט, וואָס אף דיר האָבן זיך אָנגעוואלגערט אזויפיל אומ־גליקן, אזויפיל ווייטעקן, וואָס עס קוקן איצט אף דיר אזויפיל אויגן. גוט! זייער גוט, עזרע! דו האָסט נאָך קיינמאָל אזוי ניט געשפילט, ווײַל קיינמאָל ביסטו נאָך ניט געשטאנען פאר אזויפיל ניסיוינעס, פאר אזא עקזאמען. שטארק זיך! שטארק זיך!"

עזרע לאָזט ניט אראָפּ זײַנע בליקן פון די עקזאמענאטאָרס. טאדעוש וולאטאָסלאווסקי האָט מיט זײַנע הענט פארשטעלט דאָס פּאָנעם, ווי ער זאָל מוירע האָבן, אז די אלע אומגליקן, וואָס רײַסן זיך איצט פון עזרעס פידל, זאָלן אים אליין ניט ארײַנפירן ערגעץ אין אן אומגליק. עזרע דערקענט ניט דעם פּראָפעסאָר פון מוזיק־טעאָריע. די אויגן זײַנע, וואָס שנײַדן, ווי די מעסערס, לײַכטן מיט מיטלײַד און זיי ווערן פון רעגע צו רעגע מענטשלעכער און מענטשלעכער.

קאזימיר שאבעלסקי זיצט ווי א פארגליווערטער, מיט אן אראָפּגע־לאָזטן קאָפּ, און אווגוסט באָלעסלאווסקי שײַנט פון גליק.

דער לעצטער אקאָרד, דער לעצטער אויסגעשריי פון טיפן ווייטעק.

עזרע גלייבט זיך אליין ניט. דוכט זיך, אז ער האָט אויסגעהאלטן. יאָ, ער האָט אויסגעהאלטן! דער פּראָפעסאָר פון מוזיק־טעאָריע פארלויפט דעם וועג קאזימיר שאבעלסקין און אווגוסט באָלעסלאווסקין און גייט צו צו עזרען:

— איך באגריס אײַך! א גרויסן דאנק פארן פארגעניגן, וואָס איר האָט מיר פארשאפן!

סארא ליכטיקײַט! עס שײַנט די זון, עס שײַנען די פענעמער פון שאָ־פּען, מאָניושקאָן, גלינקען און בעטהאָווען. עס רײַסט זיך ארײַן שויעל דער לאנגער מיטן קאָנטראבאס און שרײַט:

— מאזלטאָוו! מאזלטאָוו! אונדזערע ווונטשן זײַנען מעקוּיעם געוואָרן, עס האָט געשלאָגן די גליקלעכע שאָ, עזרע האָט אויסגעהאלטן!

— א פריילעכס! — שרײַט אויס פעדאָצער. — א פריילעכס לעקאָוועד עזרען!

סארא גרויסע קאפעלע! פעדאָצערס קאפעלע איז נאָך קיינמאָל אזוי גרויס ניט געווען, און דער לאנגער פינצטערער קאָרידאָר טאנצט. אלע פאטשן צו מיט די הענט און שרײַען הויך אף א קאָל:

— מיר האָבן אויסגעהאלטן! מיר האָבן אויסגעהאלטן!

ווי דאָס גליק אליין, פאלט מיריעם ארײַן אין עזרעס אָרעמס. איר ווײַס קלייד פלאטערט. די מאמע ווייִנט פאר גליק...

סימכע־ווּעסאָסן

די ביימער האָבן פאַרשאָטן די וועגן מיט געלע בלעטער. אין א וואָ־כעדיקן טאָג דערמאָנען זיי, אַז ס׳איז געקומען די צײַט פון וועלקן, נאָר איצט זײַנען זיי יאָמטעוודיק, פײַערלעך, ווי דער מײַסעדיקער ווונדער־טעפּיך.

א גאַס נאָך א גאַס, און וואָס מער עזרע דערנעענטערט זיך צו דער שטוב, אַלץ מער ווילט זיך גיין. ווי מעכײַעדיק זי איז, די גרויסע וועלט, ווען ס׳איז גוט אפן הארצן, — ווו דו קומסט, ביסטו אַן אָנגעלייגטער גאַסט, אומעטום וועט מען דיך אופנעמען, ווי א נאָענטן, ווי אַן אייגע־נעם. די גאַנצע וועלט איז דײַנע, און דו ביסט אירער, איר בעני־אָכיד, דער איין־און־איינציקער אויסדערוויילטער.

שאָלעמקע האָט געטרוימט איצט בלויז וועגן איינס — דער ערשטער אָנזאָגן די גוטע בסורע. ער איז פאַרלאָפן עזרען דעם וועג, דערנאָך זיך ארופגעכאַפּט אף א וואָגן פון א באַקאַנטן באַלעגאָלע. און איז טאַקע געקומען א סאַך גיכער. נאָר קיין אָטעם האָט אים אַלציינס ניט געסטײַעט, גלײַך ער זאָל פון מוזיק־שול ביז אהיים געוועזן לויפן.

— מאַ... מאַ... מע!.. — האָט שאָלעמקע ניט געקאָנט ארויסברענגען קיין וואָרט.

— וואָס מאַקעסטו? א מאַקע איז מיר! — האָט לייקע א פּאַטש געגעבן מיט די הענט און אָנגעשטעלט אף שאָלעמקען א פּאָר איבערגעשראָקענע אויגן. — וואָס איז געשען מיט עזרען? ווו איז עזרע?

— עזרע גייט! עזרע האָט אויסגעהאַלטן! עזרע וועט באַלד קומען!

לייקע האָט צוגעדריקט שאָלעמקען צו זיך און האָט זיך צעוויינט.

— מאַמע! איך האָב דאָך דיר אָנגעזאָגט א גוטע בסורע, איז וואָס זשע וויינסטו?

— קינד מײַנס, איך וויין איצט פון פרייד, דאָס הארץ וויינט שטענ־דיק, עס וויינט אי בײַס אַן אומגליק, אי בײַס א סימכע.

און ווי קעדיי דאָס קינד זאָל טאַקע גלייבן, אַז די טרערן קומען פון פרייד, האָט לייקע א כאַפּ געטאָן שאָלעמקען פאַר דער האַנט, גענומען דרייען זיך מיט אים איבערן צימער און אונטערגעזונגען:

...אויג דו אויג, וואָס איז מיט דיר דער מער,
אַז ווען מע לאַכט פון פרייד,
רינט פון דיר א טרער?

עס זײַנען ארײַנגעלאָפן זיאמע דער זייגערמאַכער, טשיפּע־שיפרע און די שוויגער פעסל.

— אַז מע טאַנצט, איז גוט! אַז מע טאַנצט, איז א סימען, אַז אונדז קומט מאַזלטאָוו! עזרע האָט אויסגעהאַלטן!! — האָט טשיפּע־שיפרע גענומען צו־פּאַטשן מיט די הענט צום טאַקט.

בא דער שוויגער פעסל האָבן פון פרייד געציטערט די ליפּן, זי האָט געדאַנקט דעם, וואָס לעבט אייביק, וואָס ער האָט אָנגענומען זייער געבעט און ניט פאַרשעמט דעם קאָרידאָר.

זיאמע האָט אָנגעשטרענגט דעם געהער, פאַרזשמורעט די אויגן. ער האָט זיך אײַנגעהערט אין די רייד און פּלוצעם אויסגעשריִען: „ס'גייט א גאנג!"
אין עטלעכע מינוט ארום האָט זיך וועגן דער גוטער נײַס דערוווּסט דער גאנצער קאָרידאָר. קליין און גרויס זײַנען געלאָפן באַגעגענען עזרען. אין דער היים איז געבליבן דאָס אלטווארג און נאָכעמקע.
נאָכעמקע „מאך מיך איבער" האָט ניט אופגעהערט מורמלען:
— איינער מוז דאָך אמאָל אויסהאלטן... כאָטש איינער... כאָטש ווען־עס־איז... איינער מוז דאָך זײַן צופרידן, ניט וועלן, מ'זאָל אים איבערמאכן!
קאמסקי האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען. שווערע פאָרגעפילן האָבן אויסגעלאָשן די אופגעברויזטע פרייד און צונישט געמאכט פאר אים די גוטע בסורע.
טײַבעלע האָט געבראכט צו שלעפּן פון גאס איר מאן דאָווידל שיווע־זיצער:
— וואָס ווייניקער דו וועסט זיך דרייען איבער די גאסן און וואָס ווייניקער דו וועסט זיך ווארפן אין די אויגן, וועט זײַן גלײַכער פאר דיר!..
דאָווידל שיוועזיצער איז געהאָרכזאם נאָכגעגאנגען זײַן טײַבעלען, ווי א פארשולדיקט כיידער־ייִנגל. דערזעענדיק קאמסקין, האָט ער זיך שטארק פארוווּנדערט:
— פּאני קאמסקי, ווי קומט עס? אײַער טאלמיד האָט אויסגעהאלטן, און איר זײַט ניכטער! ס'באקומט זיך, ווי מע זאָגט, געפּאָרן אף דער כאַסענע און פארגעסן דעם כאָסן. מיילע איך. איך בין א טרייף שטיקל סכוירע, אָבער איר, פּאני קאמסקי, איר זײַט דאָך קאָשער, איר זײַט דאָך דער הויפּט־מעכוטן. מיילע איך. איך האָב א טײַבעלע ביז הונדערט און צוואנציק יאָר... אָבער איר, איר זײַט דאָך א פרײַער פויגל. איר האָט קיין רעכט ניט שטיין אָן א זײַט ווי א פרעמדער!
— אָט אזוי איז עס, — האָט קאמסקי א מאך געגעבן מיט דער האנט, — איך ווייס זייער גוט, מיט וואָס עס ענדיקן זיך אזעלכע סימכעס...
פון גאס האָבן זיך דערטראָגן הילכיקע אויסגעשרייען:
— ער גייט!
— אונדזער עזרע גייט!

טישן פון פארשיידענער לענג און ברייט, הינקעדיקע אף א פוס, און אף צוויי, און אף אלע פיר, טישן מיט סקריפּענדיקע קוויטשערײַען, מיט באסאָווע טענער, מיט קרעכצן און זיפצן, האָבן זיך פאַרייניקט אין איין גרויסן טיש, וואָס האָט זיך געצויגן אין גאָר דער לענג פון קאָרידאָר. די אָרעמע הוילקײַט פון יעדן טיש איז געווען באדעקט מיט אן אנדער טיש־טעך, און פון אלע טישטעכער איז געוואָרן איין גרוי־גרינער, ווײַס־בלוי־ער, געל־רויטער טישטעך. אף די געדעקטע טישן זײַנען געשטאנען פאר־שיידענע לײַכטערס, גרויסע, מיטעלע און קלייניקע, מעשענע, בלעכענע; געווען זײַנען אויך פאַשעטע ציגל מיט אויסגעהוילטע לעכער, קעדיי ארײַנ־שטעלן אין זיי די ליכט. פלעמעלעך פון כיילעווּנע און וועקסענע ליכט האָבן זיך פאַרייניקט מיט די פלעמעלעך פון זעקסער, אכטער און צוועל־

פער לאָמפּן, מיט די זיך טוקנדיקע און הוידענדיקע פלעמעלעך פון קנײטלעך, וואָס האָבן זיך געווייקט אין בוימל. אַלע פלעמעלעך צוזאַמען האָבן געהאַלטן אין איין פאַריאָגן די פינצטערניש, וואָס גייט פונדאַנען ניט אוועק אפילע אין די סאַמע זוניקסטע טעג.

היימיש געשטעלטער ווײַן, וואָס מע האָט אָנגעגרייט קעגן בויכווייטעק, נאַליווקעס פון דעם מין „האַלעוויי זאָל מען ניט באַדאַרפן”, יונג־יוירנדיקער פייסעכדיקער עפּל־ווײַן און בראַנפן האָבן אַרויסגעפינקלט פון די פאַרשיידענע פלעשער און גראַפינען, זיך איבערגענומען מיט דעם, וואָס אין זיי ליגט פאַרבאַהאַלטן דער סאָד פון פרייד, וואָס אָן זיי וואָלט די סימכע קיין סימכע ניט געווען. הילצערנע, ליימענע, בלעכענע און פּאָרצעלײַענע שיסעלעך און טעלער, גראָבע פינגער־גלעזער, קופּערנע קווערטלעך, הילצערנע און בלעכענע לעפל... וויפל באַלעבאָסטעס — אַזויפיל פאַרשיידענע פאַרבײַסעכצן און געקעכצן.

דאָווידל שיוועזיצער האָט געכאַלעשט, אַזוי האָט זיך אים געוואָלט זיצן לעבן עזרען און לעבן קאַמסקין, נאָר טײַבעלע האָט אים באַזעצט ערגעץ באַם סאַמע עק טיש.

— קריך ניט, — האָט זי אים געזאָגט, — יעדער איינער דאַרף וויסן זײַן אָרט... דײַן אָרט איז אָט דאָ, קיין שענערס האָסטו ניט פאַרדינט. אַ רעבע, וואָס זיצט אויבנאָן, וועסטו זײַן באַ דײַנע גאַנאָווים, און דאָ ביסטו גאָר אַ קליינער יִכעס...

און דאָווידל האָט, ווי שטענדיק, זיך געמוזט אונטערגעבן, געמוזט אָנשטרענגען דאָס איין־און־איינציקע רעכטע אויג זײַנס, זיך ווידער גוט אײַנקוקן אינעם באַלסימכע, אין עזרען, וועלכער איז געזעסן אויבנאָן — צווישן פּאָלינען און יענטע דער טרייסטערן.

און ניט נאָר אים, דאָווידל שיוועזיצער, איז אויסגעקומען זיצן ניט דאָרט, וווּ עס האָט זיך געוואָלט, נאָר אויך אַ סאַך אַנדערע שכיינים פון קאָרידאָר. אָף דער סימכע זײַנען געקומען אײַנגעלאַדענע און ניט קיין אײַנגעלאַדענע געסט פון די דערבײַיִקע הײַזער. די ניט־אײַנגעלאַדענע האָבן די אײַנוווינער פון קאָרידאָר אָפּגעטראָטן די בעסטע ערטער, ווי מע זאָל זיך מיט דעם אַנטשולדיקן דערפאַר, וואָס מע האָט זיי ניט אײַנגעלאַדן.

— רוקט זיך פאַנאַנדער! נאָך אַ ביסעלע, אָט אַזוי, — האָט זיאַמע דער זייגערמאַכער אַ פאַרשמײַעטער אָנגעווייזן יעדן זײַן אָרט, — פאַר צוויי דאַרע איז גענוג איין אָרט, פאַר די, וואָס האָבן אַ גוטן אַפּעטיט און פּאָפּראַווען זיך פון קאַרטאָפליעס אין מונדירן, וועט היינט זײַן גענוג דרײַ פערטל אָרט. נישקאָשע, אַז ס'איז גוט אָפּן האַרצן, איז אומעטום געראַם!

— אוואַדע! אוואַדע! — האָבן די געסט אונטערגעהאַלטן זיאַמען. — ווער זאָגט דען, אַז ס'איז ענג, ענג זאָל זײַן אונדזערע סאָנים, וואָס שלאָגן זיך קאָפּ אין וואַנט און קאָנען קיין אָרט זיך ניט געפינען אין זייערע געראַמע פּאַלאַצן.

— געראַם ווערט בלויז פון אַ ביסל בראַנפן. אָף נעמען אַ ביסל בראַנפן דאַרף מען ניט זיצן. פאַרקערט, אַז מע שטייט, גייט מער אַרײַן... איז וואָס זשע מאַכט איר שיִעס? — האָט קאַמסקי אונטערגעײַלט זיאַמע דעם זייגער־

מאכער. — א ביסל בראנפן איז דאָך ניט קיין זייגער, וואָס מע באַדאַרף זיך פאָרקען אין זײַנע רעדעלעך און שרײַפּעלעך. דער מעכאַניזם פון א פלעשל איז א פּאָשעטער — ארויסגעהאקט דעם קאָרעק, אַרײַנגעגאָסן אין גאָרגל, און עס צעיאָגן זיך אינווייניק אלע רעדעלעך, אלע שרײַפּעלעך, די גאנצע וועלט גייט מיט דיר אוועק כאַדאָראָם!

— ס'איז אָבער פאראן א גרויסער אונטערשייד פון א שיקער ביז א זייגער, — האָט זיאמע גוטמוטיק געלאכט און גוטברודעריש געקלאפּט קאמסקין אין פּלייצע, — א שיקער ווייסט ניט, אף וועלכער וועלט ער געפינט זיך, און דער זייגער איז שטענדיק ניכטער, ער ווייסט, ווו אײַן און ווו אויס, יעדע רעגע איז בא אים אויסגערעכנט, און יעדע מינוט גייט בא אים אַרײַן אין חשבון.

מיטן ערשטן טאָסט האָט מען מעכאבעד געווען די עלטסטע פון אלע געסט, יענטע די טרייסטערן.

— איך וועל ריידן אף ייִדיש, — דער בעכער מיט ווײַן האָט געציטערט אין איר האנט, — און זאָלן מיר מויכל זײַן די פּוילישע געסט.

— פּאני יענטע, ווי קומט עס צו אײַך, — האָט זיך אופגעהויבן א הויכער מאן מיט לאנג אראָפּגעלאָזטע וואָנצעס, — איר ווייסט דאָך גאנץ גוט, אז בא אונדז אין קאָרידאָר רעדט מען אף צוויי שפּראכן.

— ריכטיק! ריכטיק!

— ווי איר זעט, — האָט יענטע געזאָגט, — איז אויך אף אונדזער גאס יאָמטעוו. אויך אָט דאָ, אין דעם לאנגן פינצטערן קאָרידאָר, איז ליכטיק געוואָרן. דאָס איז, פרײַנט מײַנע, א גרויסע טרייסט, טרייסט איז ניט קיין ארויסגעוואָרפענע זאך, דער געטרייסטער באקומט קויעך צו ווארטן, און ווער עס ווארט — דער דערווארט זיך!.. לאָמיר, פרײַנט מײַנע, אויסטרינקען פאר עזרעס פידל! פאר דעם, אז ער זאָל ברענגען מיט זיך פרייד. ווער עס קאָן דערפרייען יענעם, דער ווייסט דעם עמעסן טאַם פון פרייד, ווײַל וואָס קאָן זײַן בעסער ווי עמעצן כאָטש מיט עפּעס־וואָס פארבעסערן און פארגרינגערן. יעדע טרייסט איז א פּערל, יעדע סימכע איז א דימענט. איז לאָמיר ווינטשן אונדזער עזרען, אז דער פאָדעם, אף וועלכן ער וועט סילען זײַנע פּערל און דימענטן, זאָל זיך קיינמאָל ניט איבעררײַסן, ער זאָל זיך קיינמאָל ניט ענדיקן. לאָמיר אים ווינטשן, אז די שײַן זײַנע זאָל זײַן די שײַן פון דער זון, און ניט די שײַן פון א ליכט, וואָס ווערט פארלאָשן פונעם ווינט.

קאמסקיס ניכטערקײַט האָט ניט אויסגעהאלטן און גלײַך צונישט געמאכט די ווונטשן פון יענטעס טאָסט:

— וויי איז צו דעם, וואָס פארמאָגט ניט קיין מויער און בויט טיר און טויער! ס'איז גאָרנישט, און גאָרנישט קאָן מען פארשליסן בלויז מיט לופטשלעסער. וואָס מיינט זי זיך, יענטע, אז פּערל, דימענטן און בריליאנטן פליקט מען, ווי פעדערן? א פעדער איז נאָך ניט קיין פליגל, און א פליגל איז נאָך ניט קיין פויגל. ניט אלץ, וואָס גיט א לײַכט, איז ליכטיק. א מעשן קנעפּל לײַכט אויך, נאָר וואָס איז עס פאר א לײַכטן... איך האָב ליב עזרען ניט ווייניקער, ווי איר אלע דאָ, און ניט ווייניקער, ווי איר, וואָלט איך געוואָלט, אז ער זאָל זײַן גליקלעך, גליקלעך פאר אונדז אלע. נאָר ווו נעמט

מען עס, דאָס גליק, אַז דער אומגליק פאַרשטעלט אַלע וועגן? איר דערמאָנט מיר יענעם פאַרשוין, וואָס האָט אָנגעקוואָלן, ווען ער האָט דערזען, ווי איין בעטלער קראַצט דעם צווייטן — דער קראַצער פאַרמאָגט גאָרניט און איז אַזוי רײַך מיט מענטשן־ליבע. נאָר קראַץ הײַנט, קראַץ מאָרגן, אַלציינס וועט בײַסן. פאַרקערט, וואָס מער מע קראַצט, אַלץ מער בײַסט.

לייקע איז אופגעשפּרונגען, גרייט דורעס זײַן קאַמסקין:

— פאַרוואָס פאַרשטערט איר אונדז די סימכע? גייט אַהין, וווּ ס׳זײַנען פאַראַן אַ סאַך סימכעס, און פאַרשטערט זיי! באַ אונדז איז איין־און־איינ־ציקע סימכע פאַר אַזויפיל יאָרן, איז לאָזט זי צורו, טשעפּעט זי ניט!

— ווער זײַט איר — אונדזער פרײַנט צי אונדזער פײַנט? וואָס פאַרו־מערט איר אונדז דאָס לעבן? ס׳איז אַזוי אויך גענוג ביטער! — זײַנען אַלע ווײַבער אָנגעפאַלן אַף קאַמסקין און אונטערגעהאַלטן לייקען.

די מאַנצבלען האָבן זיך געשטעלט אַף דער זײַט פון די ווײַבער.

קאַמסקי האָט זיך געפּרוווט אָפּשלאָגן. פּאָלינע האָט אים צוגעמאַכט דאָס מויל.

— אַף צווייערליי מינים מענטשן איז אַ ראַכמאָנעס. אַף די, וואָס האַלטן נאָר פון זיך, און אַף די, וואָס האָבן פײַנט אַפילע זיך אַליין.

— גענוג שוין! שטילער! — האָט זיך זיאַמע דער זייגערמאַכער אַרײַנ־געלייגט אין שאָלעם. — קאַמסקי איז אונדז ניט קיין סוינע, ער וויל נאָר, אַז אונדזער סימכע זאָל האָבן לאַנגע יאָר, אַז די האָפענונג זאָל אונדז ניט אָפּנאַרן, און מיר זאָלן ניט פאַרגעסן, אין וואָס פאַר אַ צײַט מיר לעבן. וואָס האָט איר זיך צוגעטשעפּעט צו אים? ער איז נעבעך ניכטער, און איר ווייסט דאָך, אַז קאַמסקי איז ניכטער, איז אים שטאַרק ביטער אַפן האַרצן. דאַרף מען די ביטערקײַט אָפּשווענקען מיט ביטערקײַט, און קאַמסקי וועט, ווי אַלעמאָל נאָך אַ ביסל מאַשקע, ווערן צוקער־זיס.

זיאַמע האָט אונטערגעטראָגן קאַמסקין אַ פול אָנגעגאָסענע קוליסע.

קאַמסקי האָט פלינק אויסגעטרונקען, אָפּגעווישט די ליפּן, אַ שמעק געטאָן אַ שטיקל ברויט און גענומען פאַרבײַסן מיט אַ מאָשל:

— אין ערגעץ אַ לאַנד און אין ערגעץ אַ מעדינע איז אַ פויגל אַ שיי־נער געווען. שענער פון אַלע פייגל האָט ער געזונגען און העכער פון אַלע פייגל געפלויגן. האָט עס איינעם אַ יעגער שטאַרק פאַרדראָסן. עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער קאָן ניט זינגען און קאָן ניט פליִען אַזוי, ווי אָט דער פויגל, און פון פאַרדראָס גענומען צילן אין אים. דער פויגל האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען, ער איז געפלויגן און איבערגעפלויגן פון איין אָרט צום צווייטן, ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף דער האַנט פון אַ קיניגלעכן מאָנומענט און איז דאָרט שטיין געבליבן. דער יעגער האָט אופגעהערט זיך צילן. וועט ער שיסן אינעם פויגל — קאָן מען אים דער־נאָך באַשולדיקן, אַז ער האָט געשאָסן אינעם קייסערס מאָנומענט און ער וועט דערפאַר באַצאָלן מיטן קאָפּ. דער יעגער מיט דער ביקס אין דער האַנט איז אָבער געבליבן וואַרטן. ער איז זיכער געווען, אַז דער קאָרבן וועט זיך פון אים ניט אויסדרייען. ער האָט געוווּסט — דער, וואָס פליט אַזוי הויך און זינגט אַזוי שיין, דאַרף נאָך צו דעם אַלעמען עסן, און אַ קייסערס האַנט איז שטענדיק פאַרמאַכט, שטענדיק פאַרגליווערט, ביפראַט

נאָך די האנט פון א קייסערישן מאָנומענט. דער פויגל האָט געהונגערט א טאָג, צוויי, דריַי און מער ניט געקאָנט אויסהאלטן. ער האָט א פּאַכע גע־טאָן און זיך אויסגעריסן פונעם קייסערס האַנט. אין אָט דער רעגע האָט דער יעגער אויסגעשאָסן אין אים, און אויס פויגל!..

— ער איז נאָך ניכטער! קאמסקי איז נאָך ניכטער! — האָט מען געשריִ־ען פון אלע זיַיטן. — דערלאנגט אהער בראנפן. וואָס מער בראנפן אהער!

קאמסקי האָט געגאָסן אין זיך א גלעזל נאָך א גלעזל און גלייַך געוואָרן אַן אנדער מענטש, ער האָט זיך מיט אלעמען געקושט, געשאָטן מיט קאָמ־פּלימענטן און גערימט און געלויבט די וועלט אין טאָג אריַין.

— אָדאָם איז א מענטש, — האָט ער מיט זיַין הילכיקן באַריטאָן פאר־שריִען די טאָסטן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון אלע זיַיטן, — ס'זיַינען אָבער פאראן פארשיידענע מענטשן אף דער וועלט. דער „א" פונעם „אָדם" מאכט „איך", דער „ד" — „דו", דער „מ" — „מיר". בלייַבט אין דעם אָדאָם דער „איך", דער „איך" אליין, איז דער מענטש קיין מענטש ניט, און בלייַבט דער „דו" בלויז „דו", איז ער ניט בעסער פון דעם „איך", פון דעם „איך" אליין. ווען זשע איז דער מענטש א מענטש? ווען פון דעם „איך" און פון דעם „דו" ווערט דער „מיר". ווי דאָס איז בא אונדז אינעם לאנגן פּינצ־טערן קאָרידאָר. איר אלע געהערט צום גרויסן „מיר"...

דער שוואך, וועלכן קאמסקי האָט אונטערגעטראָגן די איַינוווינער פו־נעם קאָרידאָר, האָט פארשטארקט די פרייד, און אלע אין איין קאָל האָבן זיך געבעטן:

— זאָל אונדזער קאָרידאָר־מאגיד אָפּזאָגן די דראָשע פונעם ניקאָלייַ־ווער סאָלדאט פאר שויפער־בלאָזן.

— פּראָשע פּאני!

— זאָגט, און לאָמיר הערן.

— פּראָשע פּאני מאגיד!

— ביטע! ביטע!

— א דראָשע! א דראָשע!

— דערלאנגט אהער די דראָשע פונעם ניקאָלייַעווער סאָלדאט פאר שויפער־בלאָזן!

דער ייִדיש ריידנדיקער גראָוער פּאַליאַק מיט די לאנגע וואָנצן האָט זיך לאנג ניט געלאָזט בעטן. ער האָט פארקאַטשעט אף ארוף, מיַיסע־קאַ־זאַק, זיַינע לאנגע אראָפּהענגענדיקע וואָנצן און מיט א פארגרעבט קאָל און מיט א פארשארפטן רייש אויסגעשריגן:

— ראבויסיַי, סמירנאָ! דער אָסמאָטער הייבט זיך אָן, דער גלאווגעקאָ־מאנדושטשי, יעהאָ וועליטשעסטוואָ, אונדזער גאָט באָרוך הו אוואָרוך שמוי, פּריסוטסטוויעט דאָ. טאק פּאָמאָלימסיא! פּאָמאָלימסיא!

די געסט האָבן אויסגעשאָסן מיט א הילכיק געלעכטער, מ'האָט געלאכט פון דעם, וואָס דער אלטער פּאַליאַק מאכט אזוי קונציק נאָך דעם ייִדישן ניקאָלייַעווער סאָלדאט, וועלכער האָט פאר די פינף און צוואנציק יאָר „סלוזש־בע" פארגעסן ייִדיש און בראָקט אריַין אין זיַין רוסיש־סאָלדאטסקן לאָשן ייִדישע און העברעיִשע ווערטער, וואָס זיַינען פארבליבן אין זיַין זיקאָרן פון די קינדער־יאָרן.

באגײַסטערט פונעם דערפֿאָלג און פֿון די הילכיקע געלעכטערס, וואָס דער אָנהייב פֿון דער דראָשע האָט ארויסגערופֿן באם אוילעם, איז דער „קאָרידאָר־מאגיד" זיך אלץ מער פֿאנאנדערגעגאנגען, יעדעס וואָרט ארויסגעזונגען מיט אן אנדער ניגון. הילכיקע געלעכטערס און הילכיקע לע־כאַיִמס האָבן זיך געטראָגן פֿון אלע זײַטן:

— פֿאר עזרעס געזונט!

— פֿאר ווײַטערדיקע דערפֿאָלגן!

— פֿאר ווײַטערדיקע סימכעס!

— פֿאר דעם, אז אין אונדזער פֿינצטערן קאָרידאָר זאָל שטענדיק ליכ־טיק זײַן!

— שטילער! שטילער! בארוִקט זיך! — אלעמענס בליקן בלײַבן ווי צו־געשמידט צו זיאמע דעם זייגערמאכערס אופֿגעהויבענער האנט. — שאָלעמ־קע וועט שפּילן אפֿן פֿידל, עזרעס טאלמיד וועט באווײַזן, וואָס דער רעבע זײַנער האָט אים אויסגעלערנט.

לייקע איז אוועקגעלאָפֿן און געבראכט דעם פֿידל.

שאָלעמקע האָט אויסגעפּרוּווט יעדע סטרונע און איבערגעגעבן דעם פֿידל עזרען.

עזרע איז מיט זײַנע אײַליקע פֿינגער דורכגעלאָפֿן איבער די סטרונעס:

— ריכטיק! ריכטיק!

עזרע האָט אײַנגערוימט שאָלעמקען אין אויער, מיט וואָס אָנהייבן און מיט וואָס ענדיקן.

איבערן קאָרידאָר האָבן זיך צעטראָגן די קלאנגען פֿון א פּוילישער מע־לאָדיע.

„סארא זיכערקײַט אין זײַן שטיין, אין זײַן האלטן דעם פֿידל, — האָט עזרע אָנגעקוואָלן, — און ערשט ניט לאנג פֿלעגט שאָלעמקע ניט קאָנען אײַנשטיין אף קיין אָרט".

פֿעסט איז שאָלעמקעס האנט, און לײַכט איז דער סמיק. עזרע קוקט זיך צו, ווי שאָלעמקע נעמט ניט אראָפּ דעם פֿינגער פֿון דער סטרונע, ביז עס נעמט קלינגען די צווייטע.

גוט! דאָס סאמע ערגסטע — דאָס איז פּוסטקײַט, ליידיקײַט. דער איבער־גאנג דארף זײַן א פֿלינקער, אזוי פֿלינק, אז מע זאָל אים ניט באמערקן. יעדער איבערגאנג דארף מיט זיך ברענגען ווארעמע און קאָנטראסטאר־טיקע קלאנגען. אייגנטאָניקײַט דערמאָנט די שפּראך פֿונעם ווילדן מענטשן, וואָס איז באשטאנען פֿון געציילטע קלאנגען. גוט! אזוי באדארף מען שפּילן. דורך רוִקײַט קאָן מען איבערגעבן דעם סאמע שטארקסטן אומרו.

עס הייבט אָן קלינגען א יידישע מעלאָדיע. שאָלעמקע פֿילט טיף יעדן קנייטש, יעדן קרעכץ! אָט־אָט איז אלץ געענדיקט, אלץ איז פֿארפֿאלן, נאָר עס צעיאָגט זיך אף א סטרונע דער ביטאָכן, ווי א רײַטער, וואָס האָט אָנ־צוזאָגן א פֿריידיקע בסורע, און אלע קלאנגען ווערן האָפֿערדיק, פֿול מיט גלויבן.

שאָלעמקע האָט געענדיקט. אלע זײַנען געווען איבערראשט. מ'האָט אים געהאלדזט און געקושט... לייקע האָט ניט געקאָנט אײַנהאלטן די טרערן:

— טײַערער עזרינקע! א גרויסן דאנק! א גרויסן דאנק אײַך!

— און איצט... און איצט יאמויד, יאמויד האכאָסן...— האָט פּײַערלעך א קלונג געטאָן זיאמעס שטים. — און איצט זאָל דער כאָסן אליין אונדז באווײַזן, וואָס ער קאָן!

ווען דער אוילעם האָט זיך בארוּיקט, האָט עזרע זיך פארנייגט און שטיל געזאָגט:

— איך קאָן ניט. איך טאָר ניט.

— וואָס הייסט עס? — איז אונטערגעשפּרונגען זיאמע.

— סטײַטש? — האָבן אלע פארוואונדערט איבערגעפרעגט.

— איך טאָר ניט, כ׳האָב געגעבן דאָס וואָרט מײַן לערער, פעדאָצערן, אז אויב איך וועל זײַן אפילע עטוואָס בעגילופנדיק, וועל איך זיך ניט צו־רירן צום פידל... ניט שפּילן, ווען מיר וועט זײַן גאָר גוט אָדער גאָר שלעכט אפּן הארצן. ווײַל וועט מיר זײַן גאָר גוט, וועל איך פילן בלויז די פרייד און שטום בלײַבן פארן טרויער, און וועט מיר זײַן גאָר שלעכט, וועט די פרייד בלײַבן א פרעמדע פאר מיר, און דאָס שפּילן וועט זײַן א העלפט פון דער שפּיל. די פרייד איז ניט אָפּגעטיילט פונעם טרויער, ווי דער טרויער פון דער פרייד, זיי זײַנען מעמאלע איינער דעם צווייטן, און דער פידלער דארף שטענדיק זײַן אין דער מיט צווישן זיי ביידן.

עזרעס וואָרט איז א וואָרט, און קיינער וועט ניט וואגן צווינגען אים ברעכן זײַן וואָרט.

— נו, און כעמע דער קלעזמער, כעמע דער באדכן מעג? — האָט זיאמע געפרעגט. — בא כעמען קאָן מען דאָך קיינמאָל ניט דערגיין קיין טאָלק, ווען ער איז פריילעך און ווען ער איז טרויעריק...

— יאָ! יאָ! כעמע מעג!

— דערלאנגט אהער כעמען!

— כעמע, באווײַזט, וואָס איר קאָנט!

דער אויסגעדארטער, רירעוודיק־באוועגלעכער כעמע האָט אראָפּגע־וואָרפן די שיך און פלינק ארופגעשפּרונגען אין זײַנע ווײַסע שקארפּעטן אף א בענקל. די פּאָלעס פון זײַן קאפּאָטקע זײַנען געווען פארשטעקט אין גארטל, ער האָט צונויפגעשלאָסן די ליפּן, א צופּ געטאָן דאָס קײַלעכדיק־גראָוּע בערדל, צעעפנט די ברייטע דאָרשטיקע אויגן און מיט זיך אליין זיך מעיאשעוו געווען, פון וואָס אָנצוהייבן, וויאזוי זיך צו פירן אף אזא ניט געוויינלעכער סימכע.

כעמע זיפצט אויס א טיפן „אוי״, און דער פידל פארגייט זיך:

א ני כלעבא, א ני סאָלי,
א ני שטשאסטיא, א ני דאָלי,
ניט קיין זאלץ און ניט קיין ברויט,
ניט קיין לעבן, ניט קיין טויט,
אין אָרעמקײַט לעב איך מיט מײַן געזינד,
א קאפּאָרע זאָל עס זײַן פאר מײַנע זינד.

— א „קאלע־לעבן״! „א „באזעצנס״! א „פריילעכס״! א „מאראלנע״! א „וויינענדיקס״! — זײַנען געפלויגן באשטעלונגען פון אלע זײַטן.

און כעמע קאָן אויך זײַן „קאלע־לעבן״ ניט אָנהייבן אָן אן „אוי״:

אוי, קאלע־לעבן, קאלע־לעבן!

פאַר עזרעס אויגן טראָגט זיך דורך אַ געווירבל פון כאַסענעס, אַף וועל־כע ער האָט געשפּילט. און „אוי" און נאָכאַמאָל „אוי". יעדער באַדכן מיט זײַן „אוי", און פון אַלע „אויען" ווערט שווער עזרען אַפן האַרצן. וויפל „מאַזלטאָווס" מע האָט אַף די כאַסענעס אַרויסגעבראַכט, און דאָס מאַזל האָט ניט געטאָגט און ניט גענעכטיקט בא קיינעם פון די כאַסאַנים, בא קיין איינער פון די קאַלעס. אָפּגעהוליעט, אָפּגעטאַנצט און אַוועקגעפאָרן מיט די מעכוטאָנים. פאַרפלויגן איז דאָס מאַזל, און מע ווייסט גאָרניט וווּ־הין...

אוי, קאלע־לעבן, קאלע־לעבן!

— אוי, — רײַסט זיך אַרויס בא עזרען אַ טיפער זיפץ, — אוי, ווי מע טאָר ניט גלייבן דער פרייד, זי קומט אַף אַ ווײַל און פאַרשווינדט אַף טויזנטער מײַל...

כעמע זינגט, און דער פידל שפּילט:

דײַן שיפעלע שווימט איצט צו אַ פרעמדן ברעג,
דײַן הערצעלע, נעבעך, וועט זײַן פול מיט צאָרעס,
ווי מיט אַ הינדעלע שלאָגט מען מיט דיר קאַפּאָרעס.
מאָשל מאַ לעדאָווער שלוימע,
ווי נאָר דער אַשמעדײַ האָט אים פאַרוואָרפן פון זײַן פּלאַץ,
האָט ער אומעטום, נעבעך, געשריגן „אַני שלוימע"
און מ׳האָט אים געהערט, ווי די ראַבע קאַץ.

די לעצטע קלאַנגען פונעם פידל זײַנען נאָך ניט אויסגעגאַנגען, און כע־מע שרײַט, מע זאָל אים פרײַ מאַכן אַ טיש:

— נעמט צו די מײַכאָלים און מאַשקאָעס און לאָזט בלויז פיר לײַכטער מיט ברענענדיקע ליכט!

דער טיש ווערט אָפּגעראַמט. כעמע גיט אַ פלינקן שפּרונג פונעם בענקל און וואַקסט אויס מיטן פידל אין די הענט אַפן טיש. דער פידל שפּילט, און כעמעס פאָנעם איז באַשײַנט, זײַנע פיס זײַנען באַלויכטן, זיי טראָגן זיך לײַכט הין און צוריק צווישן די לײַכטער מיט די ברענענדיקע ליכט. ער טאַנצט, און אַלע פלעמעלעך טאַנצן אים נאָך, און קיין איין פלעמעלע ווערט ניט פאַרלאָשן. סאַראַ ווונדער!

כעמע שפּרינגט אַראָפּ פון טיש, נעמט אַרויס פון די הויזן־קעשענעס אַ פּאָר הענטשקעס, טוט זיי אָן אַף די הענט, פאַרלייגט דעם פידל אַפן רוקן און נעמט אויסשפּילן אַ „פריילעכס".

דער עולעם גאַפט:

— אוי, איז דאָס אַ כעמע! אוי, אַ לעץ! ער שפּילט מיט אַלע איווורים. ער וואָלט מיסטאָם מיט דער נאָז אויך געקאָנט אויסשפּילן אַ מאַרש...

— גענוג! גענוג! איך קאָן עס מער ניט צוקוקן! — האָט עזרע אַ שפּרונג געטאָן און אַרויסגעכאַפּט דעם פידל פון כעמעס הענט. — ווי שעמט איר זיך ניט! — עזרעס שטים האָט געציטערט פון אופרעגונג. — ווי קאָן מען

עס פאַרשעמען דעם פידל! דער פידל איז באַשאַפן געוואָרן, מע זאָל אויף אים שפּילן, און ניט אויף צו באַווײַזן קונצן. איר זײַט דאָך מעסאַמייעך דעם לאַנגן פינצטערן קאָרידאָר, איר שפּילט דאָך לעקאָוועד מיר, און ניט אויף קיין פּריצישן באַל, און ניט אויף קיין גווירישער כאַסענע. זיי, די פּריצים און גווירים, האָבן ליב, מע זאָל זיי קיצלען, מיר נייטיקן זיך ניט אין דעם!

דער אוילעם איז געבליבן אין אַ שווערער פאַרלעגנהײַט. אַלעמענס בליקן האָבן זיך געבעטן בײַ עזרען מויכל זײַן כעמען.

עזרע האָט צוליב געטאָן דעם אוילעם און אומגעקערט כעמען דעם פידל.

דער אוילעם איז ווידער פריילעך געוואָרן, און ווידער האָבן זיך הילכיק געטראָגן לעכאַיִמס.

— לעכאַיִם! — טאַלעפּעט זיך בײַ עזרען די צונג, ער דערקענט ניט דאָס אייגענע קאָל.

וואָס קומט דאָ פאָר? ס׳איז דאָך ניט דער קאָרידאָר, ס׳איז אַ קאַרוסעל. ניין, ס׳איז ניט וואַרשע, ס׳איז ליפּאָוועץ, און ס׳איז ניט נאַכט, נאָר טאָג, אַ יאַריד־טאָג. וואָס זשע ברענען דאָ ליכט? דאָס דוכט זיך אים, אָפּאָנעם, אויס. דאָס זײַנען די שטראַלן פון דער זון. אָך, ווי דער קאָפּ דרייט זיך...

ס׳איז שוין געווען שפּעט באַנאַכט, נאָר די סימכע איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. ס׳איז איר ענג געוואָרן אין קאָרידאָר, און זי האָט זיך אַרויסגעריסן אין דרויסן.

קאַמסקי האָט, ווי אַלעמאָל, ווען ס׳איז אים אויפגעלייגט אויפן האַרצן, דעקלאַמירט פּושקינען. כעמע מיט שאָלעמקען האָבן געשפּילט אויף זייערע פידלען. קליין און גרויס, ווער נאָר ס׳האָט געהאַט מיט וואָס און אין וואָס, האָבן געפּויקט און צוגעקלאַפּט צום טאַקט. עס האָבן זיך געלאָזט הערן לעפל און גאָפּל, בלעכענע שיסלען, קופּערנע טאַצן, שטייסלעך און טוי־קעטשן...

דער אוילעם טאַנצט, מע טראָגט זיך אין אַ קראַקאָוויאַק, און אָט גייט מען איבער צו אַ שער.

דער פריידיקער ראַש וועקט שטוב נאָך שטוב, עס הייבט זיך אויף די גאַנצע גאַס, דער אוילעם ווערט גרעסער און גרעסער.

זיאַמע דעם זייגערמאַכערס שטים צעטראָגט זיך הילכיק איבער דער גאַס:

— פרײַנט מײַנע, אונדזער סימכע איז מער ווי די סימכע פון אַ ייִדי־שער מיט אַ פּוילישער כאַסענע צוזאַמען. אונדזער עזרע האָט אויסגע־האַלטן!

און ווידער טאַנצט מען אַ „פריילעכס״. מע אַנטלויפט פונעם טרויער, און רײַסט זיך אַרײַן אינעם קרײַז דער טרויער, איז פעסטער זיך געהאַלטן פאַר די הענט! זאָל מען זיך ניט זאָרגן, וואָס עס וועט זײַן מאָרגן. גוט איז אַ כײַע שאָ!..

די נאַכט גייט אויס. ס׳איז שוין לאַנג נאָכן „דאָבראַנאָטש״. עס הייבט אָן שאַריִען אויף טאָג, און כעמע שפּילט דעם אויפגייענדיקן פרימאָרגן אַ „דאָברידזען״.

ניט אָנגענומען

דער יאַמטעוו האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטן דאָס אָרט דער הארבער גרויער וואָך. עזרען האָט זיך אַלץ געוואָלט גלייבן, אַז דער לאַנג דער־ווארטער טאָג, דער טאָג פון דורכויסיקן יאַמטעוו, וואָס איז אויסגעטרוימט געוואָרן פון פארשיידענע דוירעס און פארשיידענע צייַטן, איז געקומען אַף שטענדיק.

אין אָט די טעג האָט עזרע ניט געקאָנט זייַן אַליין. טרויער האָט ליב אייַנזאַמקייַט, און פאר דער פרייד, וויפל מענטשן ס׳זאָלן זי ניט באַגעג־נען, וויפל מענטשן ס׳זאָלן זי ניט באַגריסן, איז אַלץ ווייניק.

עזרע האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין טיר פון קאָרידאָר, ער זאָל זי ניט עפענען. ער האָט געהאַלטן אין איין געבן טעלעגראַמעס, אין איין שרייַבן בריוו. א טעלעגראַמע דעם טאַטן מיט דער מאַמען, א טעלעגראַמע לייבלען, א טעלעגראַמע מיריעמען. עזרע האָט טעלעגראַפירט פּעדאָצערן, און אין עטלעכע מינוט ארום האָט ער זיך באַטראַכט, אַז פּעדאָצער האָט פאַרדינט א מער וואַרעמע און הארציקע טעלעגראַמע, האָט א צווייטע טע־לעגראַמע געגומען אָניאָגן די ערשטע.

טעלעגראַמעס קיין סעוואַסטאָפּאָל, קיין בעלץ. די אָנגעזאָגטע בסורע האָט פון אומעטום, ווי א ווידערקאָל, זיך אומגעקערט מיט הארציקע מאַזל־טאָווס און באַגריסונגען. די באַגריסונגען האָבן אַזוי הילכיק געקלונגען אין עזרעס אויערן, גלייַך ווי די מעכוטאָנים פון אַלע כאַסענעס, אַף וועלכע ער האָט געשפּילט, האָבן זיך צונויפגעגומען אַלע צוזאַמען און שרייַען אין איין קאָל — מאַזלטאָוו!

סאַרא גליקלעכער ער איז, עזרע! ער האָט אויסגעהאַלטן! ער זעצט פּאָר דעם דאָר פון קלעזמער, דעם דאָר פון מענאַגנים. דער דאָר גייט אוועק, און דער ניגן בלייַבט, און אין יעדן פאַרבליבענעם ניגן דערקענט מען דעם אוועקגייענדיקן דאָר. לעבט דער ניגן, וועט קיינמאָל ניט שטאַרבן די גע־דעכעניש פון פאָלק!

סאַרא גליקלעכער ער איז, עזרע! ער וועט באַרעכטיקן די שליכעס! וואָס ס׳זאָל ניט געשען, בא אַלע אומשטענדן, וועט ער מיטן פידל אין האַנט היטן, באַשיצן און ראַטעווען פון אַלע געפאַרן דעם ניגן, דעם רייַכסטן פאָלקס־פאַרמעגן.

יאָ, אים קומט מאַזלטאָוו.

אין יענע גליקלעכע טעג איז פאר עזרען אין וואַרשע ניט געווען קיין איין זאַך, וואָס זאָל אים ניט אָנגיין, וואָס זאָל צו אים ניט האָבן קיין שייַ־כעס. ער האָט יעדן באַטראַטענעם שטיין אופגענומען ווי א פרייַנט, וואָס העלפט אים מיט אין זייַן גאַנג.

עטלעכע מאָל איז ער שוין געווען באַם גרייַז־גרויען אַראָנען, געווען בא אים אַן אָנגעלייגטער גאַסט, און אַראָן האָט פּאָרויסגעזאָגט עזרען די סאַמע רייַכסטע צוקונפט:

— צו מיר, עזרע, האָסטו זיך ניט וואָס צו גלייַכן. איך בין פאר דיר קיין מאָס. וואָס בין איך? איך בין ניט מער ווי א מוזיקאַנט פון אַן אָר־קעסטער. דער יאַם, זאָגט מען, ווערט פול פון די טייַכן, נאָר ווער רעדט

וועגן טײַך, אַז דערנעבן איז דאָ דער יאַם. מיך קענען די מוזיקאַנטן, מיך ווייסט דער דיריזשאָר, אָבער פאַרן אוילעם בין איך, ווי יעדער מוזיקאַנט פון אָרקעסטער, ניט מער ווי א שרײַפּעלע. פידלער, פליײטיסטן, גאַבאָיסטן. צענדליקער פאַרשיידענע אינסטרומענטן, נאָר פאַרן אוילעם איז דער איין־און־איינציקער שפּילער דער אָרקעסטער. דיר אָבער, עזרע, איז באַשערט זײַן אַ פידלער מיט א נאָמען. און וועסטו זיך צונויפגיסן מיטן אָרקעסטער, איז נאָר צוליב דעם, אַז דו זאָלסט זיך קאָנען מערער אויסטיילן. מיר, אַז מיר שפּילן, זעט מען בלויז ארויס אונדזערע סמיקן, ווען זיי הייבן זיך אויף אין דער הייך, אָבער דו וועסט שטענדיק שטיין אף דער בינע מיטן פּאָנעם צום אוילעם, דיך וועט יעדער איינער זען, און אלע וועלן דיר אפּ־לאָדירן.

א פאַרשיקערטער פון אראָנס פּאַרויסזאָגונגען, איז עזרע געגאַנגען פון איין ליפּאָוועצער צום צווייטן, צו אלע ליפּאָוועצער, וואָס ווינען אין וואַר־שע.

זײַן וויזיט צו פראַנציסקען האָט עזרע געהאַלטן אין איין אָפּלייגן אף שפּעטער. ער האָט אלץ מוירע געהאַט, אַז זי וועט אים אופנעמען ווי אין אלע טעג פון א גאַנץ יאָר, גלײַך ווי ס׳איז גאָרניט געשען...

אין אָט די גליקלעכע טעג האָט עזרע באַשטימט דאָס, וואָס ס׳איז אים ביז אהער שווער געווען באַשטימען. גלײַך נאָך דער ערשטער טעלעגראַ־מע, אין וועלכער ער האָט מיטגעטיילט מיריעמען, אַז ער האָט אויסגע־האַלטן די עקזאַמענעס, איז אוועק א צווייטע:

„מיריעם, טײַערע, קום צו פאָרן קיין וואַרשע! איך וואַרט אף דיר, איך קאָן אָן דיר ניט זײַן.

דײַן עזרע״.

ווידער האָט איבער וואַרשע אַראָפּגענידערט א שיינער, זוניקער האַרבסט־טאָג. עזרע איז געגאַנגען אין מוזיק־שול, קעדיי אליין, מיט די אייגענע אויגן איבערלייענען זײַן פאַמיליע, נאָמען און פּאָטערנאָמען אין די צעטלען פון די נײַ־אָנגענומענע סטודענטן.

אין וועג האָבן עזרען באַגלייט אלע קלאַנגען, וואָס ער האָט ווען־עס־איז אף זײַן לעבן ארויסגעבראַכט. אלע קלאַנגען האָבן אין אָט דעם אינ־דערפרי געשפּילט טיף אינווייניק אין אים.

עטלעכע קוואַרטאַלן פאַר דער מוזיק־שול זײַנען שטיל געוואָרן די באַ־גלייטנדיקע קלאַנגען און עס האָבן אים באַגעגנט א מאַכנע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון מוזיק־שול:

— זײַט געגריסט!

און עזרע האָט ניט געוווסט וואָס צו טאָן, לויפן, צי פאַרלאַנגזאַמען די טריט, אַזעלכע געגנט טרעפן זיך דאָך זעלטן אין לעבן, אַזעלכע מינוטן זײַ־נען געציילטע און עס ווילט זיך, זיי זאָלן זיך ציִען און ציִען...

ווידער האָט זיך עזרע באַגעגנט מיט די פּאָרטרעטן פון די קייסאָרים. נאָר איצט האָט ער זיך פאַר זיי ניט איבערגעשראָקן.

ער איז צוגעגאנגען צו דער מעלדונג־ברעט. אָט איז דאָס לאנג גע־טרוימטע און לאנג דערווארטע צעטל, ווו די פאמיליעס הייבן זיך אָן אף „מ״.

עזרע האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט רויק דורכקוקן דאָס צעטל פון אָנהייב ביזן סאָף לויט דער ריי. זײַנע בליקן זײַנען געשפּרונגען ארוף און אראָפּ, אראָפּ און ארוף. ער האָט זיך אליין ניט געגלייבט: אין צעטל „מ״ איז נישטאָ די פאמיליע מאליארסקי, דער נאָמען עזרע און דער פאָטערנאָ־מען שלוימע.

עס קאָן ניט זײַן!

איצט האָט ער שוין געלייענט אופמערקזאם יעדע פאמיליע לויט דער ריי. נישטאָ! נישטאָ קיין מאליארסקי, נישטאָ קיין עזרע.

עס קאָן ניט זײַן! וווהין בין איך אהינגעקומען? ווו בין איך? ס׳איז א טאָעס!

ס׳איז זייער מעגלעך, אז מע האָט א טאָעס געהאט אין א בוכשטאב און מע דארף זוכן אין אנדערע צעטלען — פונעם ערשטן ביזן לעצטן בוכשטאב. עזרע לייענט און דערפרייט זיך מיט א באַיארסקי. עפּשער איז דאָס מאליארסקי און ניט באַיארסקי! נאָר דער נאָמען און פאָטער־נאָמען זאָגן איידעס, אז ס׳איז באַיארסקי און ניט מאליארסקי. עזרע כאפּט זיך אָן אין א כאליארסקי, נאָר כאליארסקי איז אויך ניט מאליארסקי. נישטאָ! פונעם ערשטן ביזן לעצטן צעטל איז אין ערגעץ פאר אים קיין אָרט ניטאָ!

פײַל־פון־בויגן איז עזרע ארײַנגעפלויגן אין קאנצעליאריע:

— ווו בין איך? וווהין האָט מען מיך אהינגעטאָן?

— יונגערמאן, — האָט איינער א טשינאָווניק א כאפּ געטאָן עזרען פאר דער האנט, — אויב איר ווייסט ניט, וווהין איר זײַט אהינגעקומען און אף וואָסער וועלט איר געפינט זיך, איז אײַער אָרט ניט דאָ, נאָר ערגעץ אנדערש...

— דערווײַל בין איך נאָך באם זינען! — האָט עזרע ניט מיט זײַן קאָל געשריִען.

— בארויִקט זיך! בארויִקט זיך! — האָט א צווייטער טשינאָווניק אונ־טערגעטראָגן עזרען א גלאָז וואסער. — מע טאָר ניט אזוי! נעמט זיך אין די הענט. וואָס איז געשען?

— א מיספארשטייעניש איז געשען, איך האָב די עקזאמענעס אויסגע־האלטן אף אויסגעצייכנט, און אין די צעטלען פון די אָנגענומענע בין איך ניטאָ. ס׳איז געוויס א טאָעס. ווײַזט אויס, מע האָט מיך פאַשעט פארגעסן ארײַנשרײַבן!

— ווי־אזוי איז אײַער פאמיליע?

— מאליארסקי. איך הייס עזרא סאָלאָמאָנאָוויטש.

— קלאָר, קלאָר, — האָט דער טשינאָווניק באדויערט עזרען, וואָס פרווט זיך אײַנריידן, לעבן א ווײַלע אין טאָעס. פון יויצע וועגן האָט ער געניש־טערט אין די פאפּקעס, געבלעטערט און ארײַנגעקוקט אין די פאפּירן. — יאָ, יאָ. אויסגעהאלטן די עקזאמענעס אף אויסגעצייכנט!

אויסגעהאַלטן און ניט אַנגענומען געוואָרן. ניין, ניין, ס׳איז ניט קיין טאָעס. אין די צעטלען האָט איר ניט געקאָנט אַרײַן.

— וואָס הייסט עס?

ניט האָבנדיק וואָס צו ענטפערן און ניט אויסגעפינענדיק קיין טרייסט־וואָרט פאַר עזרען, האָט דער טשינאָווניק געשוויגן.

מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ האָט עזרע פאַרמאַכט די טיר נאָך זיך.

צו סדאָם איז איצט געגליכן פאַר אים וואַרשע, די שיינע ווונדערלעכע וואַרשע.

אין סדאָם אַז עמעצער האָט זיך געקלאָגט פאַרן ריכטער, אַז מ׳האָט אים צעבלוטיקט, פלעגט דער ריכטער פּאַסקענען קושן די רוט, דעם פויסט און אָפּצאָלן וויפל עס קומט פאַר בלוט לאָזן.

האָט זיך אין סדאָם אַן אָרעמאַן באַוויזן, האָט אים יעדער איינער באַדאַרפט א רענדל שענקען, א רענדל, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעקריצט דער נאָמען פונעם באַלעבאָס.

ברויט דעם אָרעמאַן האָט קיינער ניט געטאָרט געבן, ניט געטאָרט פאַרקויפן. אַרויסלאָזן אים פון שטאָט איז געווען שטרענג פאַרבאָטן.

פלעגט דער אָרעמאַן זיך אַזוי אַרומדרייען איבער די גאַסן פון שטאָט, ביז ער פלעגט אויסגיין פון הונגער אויפן באַרג פון די געשענקטע מאַטבייעס.

און ווי נאָר מ׳פלעגט דעם גוף פונעם אָרעמאַן אַרויסוואַרפן פאַר די הינט, פלעגט יעדער סדאָם־אײַנוווינער קומען און צונעמען אויף צוריק זײַן מאַטבייע.

צום אָרעמאַן אין סדאָם האָט עזרע זיך פאַרגליכן: וואַרשע האָט אים א סאַך מאַטבייעס געשענקט, און איצט וועט ער אויסגיין אויפן באַרג פון די געשענקטע מאַטבייעס.

סדאָם! יאָ, וואַרשע איז סדאָם! נאָר אין סדאָם האָט אַזוינס געקאָנט פאַרלויפן: אויסהאַלטן אויף אויסגעצייכנט און אַרויספאַלן פון די צעטלען.

וווהין גייט מען? וווהין אַנטלויפט מען? ער איז אַן אויסגעמעקטער, א פאַרמעקטער, אַן אַרויסגעפאַלענער פון צעטל. אַן אַרויסגעפאַלענער איז א געפאַלענער...

וווהין גייט מען? ווי־אַזוי ווײַזט מען זיך איצט אין קאָרידאָר? וואָס וועט ער שרײַבן אַהיים? וואָס וועט ער זאָגן פעדאָצערן? ווי־אַזוי וועט ער איצט מיריעמען קאָנען קוקן אין פּאָנעם? ער האָט זי דאָך אַרויסגערופן קיין וואַרשע, און זי וועט אויף געוויס קומען.

נישטאָ קיין טרייסט. יענטע די טרייסטערן איז ניט גערעכט. זי זאָגט: דער בריליאַנט איז אומעטום א בריליאַנט, אפילו אין מיסט. קאַמסקי איז גערעכט — דאָרט, ווו דער בריליאַנט ווערט פאַרלוירן, דאָרט, ווו מע פאַרגעסט אין אים, דאָרט, ווו מע באַדאַרף אים ניט און מע קאָן זיך באַגיין אָן אים, איז דער בריליאַנט ניט מער ווי א שטיקל גלאָז...

נאָר אים איינעם, קאַמסקין, האָט איצט עזרע געוואָלט זען. נאָר פאַר אים איינעם וועט אים ניט זײַן קיין ביזאָיען. איין גורל איז זייביידן באַשערט, איין אומגליק האָט זיי ביידן געטראָפן.

— דער גוירל איז גאָרניט אזא אכזער! ווי נאָר ער האָט פארשלאָסן פאר מיר די טירן פון אוניווערסיטעט, האָט ער ברייט געעפנט פאר מיר די טירן פון שענק. קום, לאָמיר אויסטרינקען, זיך דורכשמועסן און באַ־טראכטן, ווי מיר האלטן אין דער וועלט.

עזרען איז געווען אלצייינס, אין וועלכער שענק, אבי גיכער פארטרינקען די צאָרעס...

ערגעץ אין א פארוואָרפענעם ווינקל האָט קאמסקי אראָפּגעפירט עזרען אין א קעלער, וואָס איז ווי פארצויגן געווען מיט א געדיכטן נעפל. פון אלע זייַטן האָט זיך געטראָגן א הילכיקער טומל פון פארשיידענע קוילעס, אויסגעשרייען. דער נעפל איז געווען אויסגעמישט מיטן רויך פון וואָלוועלן טאבעק, מיט די רייכעס פון פארשיידענע מאשקאָעס און הארבסטע געריכטן. גלעזער בראנפן, גלעזער וויַין און קופלס ביר האָבן זיך גוטברו־דעריש געקלאפט אייגער אינעם צווייטן. מע האָט זיך געהאלדזט, געקושט, געווונטשן זיך אלדאָסגוטס, זיך געזידלט מיט די מיִעסטע ווערטער. עמע־צער האָט געשאָלטן דעם טאָג פון זייַן געבוירן און געוויינט, עמעצער האָט געלאכט און געזונגען.

פונעם געדיכטן נעפל האָבן זיך גענומען אויסשיילן פּענעמער.

— קעלנער, בראנפן! — האָט אויסגעשריִען קאמסקי. — א גראפין בראנפן! ניין, צוויי גראפינען! און אף פארבייַסעכץ עפעס שארפס, געפע־פערטס, מע זאָל דערזען די באָבע פון יענער־וועלט!

דאָ, ווו די לופט אפילע וואקלט זיך פון שיקרעס, איז קאמסקין שווער געווען אן איבעריקע מינוט זייַן ניכטער.

— לעכאיִם, לעכאיִם, עזרע!

עזרע האָט געפּרווט אָפּענטפערן א לעכאיִם, נאָר דאָס וואָרט האָט זיך אָפּגעטאָן פון זייַנע ליפּן.

— איך קאָן ניט... דאָס לעבן האָט בא מיר ניט פארדינט, איך זאָל טרינקען פאר דעם, טראָגן אנטקעגן א לעכאיִם... אויב טרינקען, — האָט עזרע צוגעטראָגן דעם קאָס צו די ליפּן, — איז טרינקען אָט אזוי!..

עזרע האָט אָנגעגאָסן א צווייטן קאָס, נאָר איידער ער האָט אים באוויזן צוטראָגן צו די ליפּן, האָט גענומען שפילן דער אָרקעסטער.

— באָרוך־האבאָ! זי איז שוין ווידער דאָ! אויך דאָ האָט זי מיך גע־פאקט! — האָט עזרע צום ערשטן מאָל אין לעבן גערעדט מיט אזא ביטל־טאָן וועגן מוזיק. — וואָס האָט זי זיך אָנגעזעצט אף מיר? וואָס וויל זי פון מיר? אז איך קאָן זי מער ניט הערן און וויל זי מער ניט הערן. אויס! גענוג!

עזרע האָט זיך אלץ מער אופגערעגט.

— פאני קאמסקי, איר ווייסט, דאָ אין קעלער דערמאָנט מיר די מוזיק אין די שייַטערס, ווו מע פלעגט מאקריוו זייַן קינדער פארן אָפּגאָט מוילעך: די קינדער גוואלדעווען, די מאמעס שרייַען, און די מוזיק שפילט און פארשפילט די גוואלדן מיט די געשרייען.

מיטאמאָל האָט אייגער א פידל זיך אָפּגעטיילט פונעם אָרקעסטער. דאָס שפילן האָט גלייַך באהערשט און איַינגעשטילט אלע קוילעס אינעם קעלער. די קלאנגען פונעם פידל האָבן אופגעוועקט עזרעס זיקאָרן: דאָס זייַנען

באקאנטע קלאנגען פון א באקאנטן פידלער. ווו און ווען האָט ער זיי געהערט? ווער קאָן עס זײַן אָט דער פידלער?

עזרעס הארץ האָט שטארק גענומען קלאפּן.

— פאני קאמסקי, איר הערט? איר הערט, סארא וואונדערלעכע קלאנגען? — האָט עזרע פארגעסן, וואָס ער האָט דאָ ערשט געזאָגט וועגן מוזיק. — איר הערט? עס שפּילט דאָך אַן עכטער פידלער, א ווירטואָז! סארא איבערגאנגען, סארא פאנטאסטישער פלײַ! סארא ווייטעק, סארא פרייד! איר פילט! ס׳איז אויסערגעוויינלעך! וואָס שפּילט ער?

עזרע וויל מער ניט טרינקען. ער איז שיקער פון די קלאנגען. ער האָט פארגעסן די אייגענע יעסורים. פאר אים עקזיסטירט איצט בלויז איין וועלט — די וועלט, וואָס דער פידלער באשאפט אָט דאָ.

א דונער פון הילכיקע אפּלאָדיסמענטן און באגײַסטערטע אויסגע־שרייען האָט זיך צעטראָגן איבערן קעלער:

— מאעסטראָ! מאעסטראָ!

דעם פידלער האָט מען פון אלע זײַטן אנטקעגנגעטראָגן פול אָנגעגאָ־סענע קויסעס מיט ווײַן.

— מאעסטראָ! מאעסטראָ! אהער, צו אונדזער טישל, מיר וועלן טרינ־קען פאר אײַער געזונט, פאר אײַער פידל!

— מאעסטראָ! פריילעכער פון אונדזער קאָמפּאניע איז דאָ ניטאָ, און קיין בעסערן לעכאַים וועט איר אין ערגעץ ניט מאכן, ווי בא אונדז!

— צו אונדז!

— מיט אונדז!

דער מאעסטראָ איז געגאנגען פון טישל צו טישל, זיך העפלעך גענייגט און געדאנקט זײַנע באגײַסטערטע צוהערער.

עזרע האָט ניט געקאָנט קומען צו־זיך און ניט אופגעהערט שרײַען באגײַסטערט:

— בראוואָ! בראוואָ!

דער פידלער איז אויסגעוואקסן לעבן אים און קאמסקין. זײַנע דערשראָ־קענע בליקן האָבן זיך באגעגנט מיט עזרעס. און גלײַך האָט ער זיך געגעבן א פלינקן דריי אויס אין א זײַט און אנטלאָפן. ער איז געלאָפן אזוי, גלײַך מע זאָל זיך נאָך אים יאָגן, גלײַך ווי ס׳האָט אים געדראָעט די גרעסטע געפאר.

— א מאָדנער מענטש! — האָט זיך קאמסקי הילכיק צעלאכט. — מע זעט גלײַך, אז ער איז פון אײַער בראנזשע. יעדער קינסטלער איז א שטיקל ווי זאָגט מען עס... א קלייניקײַט, א גאנץ לעבן דארף מען זיך פאָרשטעלן, אז דו ביסט ניט דו... א קלייניקײַט, אין איינער און דער זעלבער צײַט אי בענטשן אי שעלטן, אי פײַנט האָבן אי ליב האָבן, אי אויסגיין פון בענקעניש אי אנטלויפן, וויינען און לאכן, זיך פרייען און טרויערן, יונג זײַן און אלט ווערן, האוועו, שמײַען און שטארבן. פון איין לעבן רירן זיך מענטשן פון זינען, ביפראט נאָך פון אזויפיל לעבנס צוזאַ־מען.

עזרע האָט געזוכט אינעם פידלער די סימאָנים, וואָס זאָלן איידעס זאָגן, אז דאָס איז ער און ניט קיין אנדערער. דער פידלער האָט זיך ניט

געלאָזט דערקענען, אָט פארמאכט ער די אויגן, אָט לאָזט ער אראָפּ דעם קאָפּ און אָט קערט ער זיך גאָר אָפּ אָן א זײַט.

— ער וויל זיך מיט מיר ניט באגעגענען,— האָט עזרע געזאָגט קאַמ־סקין, — אים איז געוויס א ביזאָיען, וואָס איך האָב אים געטראָפן אין אזא צושטאנד דאָ אין קעלער.

— וועמען איז א ביזאָיען, וועגן וועמען רעדסטו?

— איך רעד וועגן דעם פידלער, וואָס האָט בא אונדז אזוי שטארק אויסגענומען. עפשער איז דאָס עלישע?

— זייער מעגלעך! — קאַמסקי איז צופרידן געווען פון דער נײַער טעמע, וואָס עזרע האָט אים אונטערגעשאַרט. — זייער מעגלעך! עס טרעפט אָפט, אז גאָר נאָענטע מענטשן, נאָך לאנגע יאָרן צעשיידט זײַן, דערקענען זיך ניט. די נאטור לאָזט קיינמאָל דאָס פענדזל ניט ארויס, זי האלט קיינ־מאָל ניט פאר פארענדיקט אירע געשטאלטן, זי האלט זיי אין איין איבער־מאכן און איבערפורעמען. די קוים באמערקבארע שטריכן אין די קינדער־יאָרן באקומען זייער בוילעטע קלאָרקײַט אין דער יוגנט, און די שטריכן פון דער יוגנט ווערן פארווישט דורך די קנייטשן פון דער עלטער. די ענדערונגען, וואָס די נאטור מאכט אין אירע קיינמאָל ניט פארענדיקטע פּאָרטרעטן, זײַנען אזוי גרויס, אז ניט נאָר איינער דעם צווייטן דערקענט ניט, נאָר יעדער איינער פון אונדז, ווען ער קוקט אין דער יוגנט אף די פאָטאָ־בילדער פון זײַן קינדהײַט און אף דער עלטער — די פאָטאָ־בילדער פון זײַן יוגנט, גלייבט ניט, אז דאָס איז ער...

קאַמסקיס ווײַטערדיקע געדאנקען וועגן דער נאטור — דעם אומדער־מידלעכן מאָלער — זײַנען פארשריגן געוואָרן פון די באשטעלונגען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון פארשיידענע זײַטן. די אופגעברויזטע בלוטן האָבן זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען, עס האָט זיך געוואָלט טאנצן, דרייען זיך, אויסדרייען זיך פון זיך אליין.

— מאעסטראָ, א מארש! ס׳זאָל אופהייבן פון אָרט און אוועקטראָגן ווו די וועלט האָט אן עק!

— הערט אים ניט, מאעסטראָ! וווהין גיין, וואָס גיין? דערלאנגט עפּעס אזוינס, מע זאָל זיך פון אָרט ניט קאָנען רירן. א טרויערריקס! א טרויער־ריקס!

— א טרויערריקס וועלן דיר אָפּשפּילן ווײַב און קינד, ווען דו וועסט קומען אהיים... דערלאנג א פריילעכס!

— וואָס פאר א סימכע איז אף דיר? א טרויערריקס! א טרויערריקס!

— דאָ איז ניט קיין בעסוילעם, ס׳איז אזוי אויך גענוג פּאסקודנע אפן הארצן!

— מוזיקאנט, שפּיל! שפּיל אזוי, אז דער טײַוול זאָל אונדז נעמען.

— א קאזאטשקע!

— א קראקאָוויאק!

— א פריילעכס!

— א האָפּאק!

— א מאזורקע!

— א שער!
— שפּיל, מאעסטראָ!
— שפּיל, מוזיקאַנט!
דער סמיק האָט אַ פלי געטאָן אינדערלופטן, אַרייַנגעריסן זיך אין דער געדיכטעניש פון טומל, און ס'איז געוואָרן שטיל. יעדן איינעם האָט זיך געוואָלט וויסן, וועמעס באַשטעלונג האָט אָנגענומען דער מאַעסטראָ.
לאַנגזאַמע שווערע קלאַנגען האָבן דורכגעריסן דעם שטיקנדיקן קעלער־נעפּל און פרייַ געמאַכט דעם וועג פאַר דער פרייד מיטן טרויער, וואָס זייַנען געגאַנגען באַנאַנד.
וואָס שפּילט ער? גאָט מייַנער, ער שפּילט פעדאָצערן! אַ פּאַסטאָראַל... אַ קנאַל פון אַ בייַטש, עס דודעט אַ דודעלע, אַ געפּייַף, אַ צוויטשעריי פון פויגלען, אַ שורשען פון בלעטער און גראָזן. דער פּאַסטעך באַגעגנט די אופגייענדיקע זון... די וועלט איז גרויס, און דער פּאַסטעך איז קליין: ער האַלט די גרויסע וועלט באַ זיך אין די הענט און ס'איז אים גוט. נאָר דאָס גוטע פאַרזאַמט זיך ניט לאַנג. עס רוקן זיך אָן וואָלקנס. עס דונערט און עס בליצט. אַ שלאַקסרעגן, אַ מאַבל, אַ שטורעם. ס'פליִען בלעטער. ס'ברעכן זיך צווייַגן. ס'קנאַלן ביימער. נישטאָ וווּהין צו לויפן, נישטאָ זיך ווו צו באַשיצן. דער דורכגעווייקטער פּאַסטעך טוליעט זיך צו זייַנע שאָף, און די שאָף טוליען זיך צו זייער פּאַסטעך. עזרע גייט נאָך פּוסטריט די שאָף, און ווי די פעלדער אַרום־און־אַרום, אַזוי ברייט און אַזוי אומענד־לעך איז דער טרויער, וואָס טראָגט זיך פונעם פידל...
— יאָ, דאָס איז ער! די דאָזיקע סאָלאָ האָט פעדאָצער אָנגעשריבן פאַר עלישען. מיט אָט דער סאָלאָ איז ער באַרימט געוואָרן אַלס פעדאָצערס בעסטער טאַלמיד.
די דערמאָנונגען לויפן, און דער אומגליק, וואָס האָט אים הייַנט גע־טראָפן, לויפט נאָך...
„איך האָב אויסגעהאַלטן, און מע האָט מיך ניט אָנגענומען, — קלאָגט זיך עזרע פאַר פעדאָצערן, — מייַן ווייטעק איז דאָך אייַער ווייטעק, מייַן כאַרפּע איז דאָך אייַער כאַרפּע! אוי, סאַראַ ווייטעק, רעבע! ווען די צווייַג ברעכט זיך אָפּ פון בוים, קרעכצט דאָך ניט בלויז די אָראָפּגעפאַלענע צווייַג. עס קרעכצן מיט איר צוזאַמען אַלע פאַרבליבענע צווייַגן, ווייַל אויך מיט זיי קאָן אַזוינס געשען. קרעכצט די אָפּגעבראָכענע צווייַג, קרעכצט צוזאַמען מיט איר דער וואָרצל, וואָס האָט ניט געהאַט קיין קויעך אייַנ־האַלטן און באַשיצן זי פון שטורעם... רעבע! רעב פעדאָצער! זעט, וואָס מע האָט געמאַכט פון אייַערע טאַלמידים! זעט, וואָס פון זיי איז געוואָרן!"
דער פידלער שפּילט, און די באַשטעלער זייַנען ניט צופרידן מיט זייַן שפּילן. עס זייַנען ניט צופרידן די, וואָס האָבן פאַרלאַנגט אַ פרייַלעכס, אַ לעבעדיקס, עס זייַנען ניט צופרידן די, וואָס האָבן פאַרלאַנגט אַ טרויעריקס. טרויער צו טרויער איז דאָך ניט גלייַך. מע קאָן דאָך ניט אַזוי, מ'דאַרף דאָך האָבן גאָט אין האַרצן. נאָך אַזאַ טרויער ווילט זיך אַפילו קיין בראַנפן ניט טרינקען. דער שיקערער אוילעם האָט אָן אופגעבראַכטער געשריִען:
— הער אוף! גענוג!
— וואָס, מיר זייַנען פון אייַזן? שטיינערנע הערצער זייַנען באַ אונדז?

— א סאָף זאָל עס נעמען! געװוּגן!
פּלעשער זײַנען אװעק א װילדן טאַנץ איבער די טישלעך, און קוּפּלס ביר האָבן זיך פאַנאַנדערגעגאָסן.
נאָר דער פידלער שפּילט, דער פידל װערט אױף קײן רגע ניט אנשװיגן. אײנער אלײן, אלײן מיט זײַן פידל װאַרפט זיך דער פידלער אין געשלעג: װער װעמען? װאָס שטאַרקער עס װערט דער געשרײ, אלץ שטילער װערן די קלאַנגען, אלץ טיפער נעמט דורכדרינגען דער טרױער אין יעדן האַרץ. דער קעלער האָט זיך בארוּיִקט. דער קעלער האָט זיך אונטערגעגעבן, די געפאַר איז דורך...
עזרעס בליקן האָבן זיך אלע װײַלע באגעגנט מיט די בליקן פונעם פידלער.
פון די כײן־גריבעלעך אין די באַקן האָט אָפּגעגעבן א װאַרעמקײַט, און ס׳זײַנען מיטאמאָל נאָענט געװאָרן א רײ װײַט פאַרגאַנגענע דערמאָ־נונגען. ערגעץ־װוּ האָט עזרע געזען אזעלכע כײן־גריבעלעך, ערגעץ־װוּ האָבן זײ איבערגעלאָזט שפּורן אין זײַן זיקאָרן.
דער פאַרביטערטער שמײכל אױף די גראָבלעכע ליפּן, די קלוּגע אומרוּי־קע ברײט צעעפנטע אױגן, װאָס דרינגען ארײַן אױף דורך און דורך, לײקע־נען עס גלײַך אָפּ. אָבער...
עזרע איז אױסגעװאַקסן לעבן פידלער:
— עלישע!

עלישע איז געזעסן מיט קאַמסקין און עזרען באַם טיש. עזרע האָט גאָרנישט ניט פאַנאַנדערגעפרעגט עלישען, און עלישע האָט קײנע פראַגן ניט פאַרגעבן עזרען. בײדע האָבן זײ זיך געזען אין יענעם עלטער, װען זײ האָבן זיך באגעגנט אין בערדיטשעװ, בא פעדאָצערן אין שטוב, גלײַך מע איז גאָרניט עלטער געװאָרן און קײן יאָרן זײַנען ניט פאַרגאַנגען.
זײ האָבן געלאַכט און זיך געפרײט אזױ, פונקט װי קײן שום בײז איז מיט זײ ניט געשען.
זײ האָבן גערעדט און גערעדט און זיך ניט געקאָנט אָנרעדן. מע האָט איבערגעשלאָגן אײנער דעם צװײטן, ארײַנגעפאָרן אין דער מיט, גערעדט באזונדער און בײדע מיטאמאָל.
— דו געדענקסט, עזרע?
— און דו געדענקסט, עלישע?
— געדענקסט, עזרע, װי מיר האָבן זיך באגעגנט, װען דו ביסט געקו־מען צו פעדאָצערן? געדענקסט, איך האָב זיך געקריגט מיט אלע ייִנגלעך און דערװיזן זײ, אז ליגנעץ און ליפּאָװעץ איז א שטוב מיט אן אלקער און דעריבער דאַרפסטו װױנען מיט מיר און ניט מיט זײ...
— איך געדענק! איך געדענק!
— דו געדענקסט, עזרע, װי איך האָב געבעטן פעדאָצערן אָנשרײַבן פאַר אונדז בײדן א דועט, און ער האָט טאַקע אָנגעשריבן.
— איך געדענק! איך האָב שױן א סאַך דועטן געשפּילט אין מײַן לעבן, נאָר קײן אײנער האָט זיך מיר אזױ ניט פאַרגעדענקט, װי אונדזער דועט.

ער האָט זיך מיר פאַרגעדענקט, ווי יענע ערשטע נאַכט, ווען מיר זײַנען געלעגן אַף איין געלעגער, ניט געקאָנט אַנשלאָפן ווערן און ביזן העלן טאָג גערעדט און זיך ניט געקאָנט אָנרעדן וועגן דעם, ווי גליקלעך מיר וועלן זײַן, ווי גוט ס'וועט אונדז זײַן אַף דער וועלט.

— און די סאָלאָ, וועלכע איך האָב דאָ הײַנט געשפּילט, געדענקסטו, עזרע? איך האָב זי אומיסטן געשפּילט, קעדיי זיך איבערצײַגן: צי האָב איך קיין טאָעס ניט געהאַט, צי דאָס ביסטו? דו געדענקסט, ווען איך האָב אָט די סאָלאָ געשפּילט צום ערשטן מאָל בא פעדאָצערן?

— איך געדענק! אוי, ווי איך בין דיר דאַן מעקאַנע געווען! איך האָב געטראַכט, אַז קיין גליקלעכערער פון דיר איז גאָר אַף דער וועלט ניטאָ. און איצט בין איך דיר מעקאַנע געווען אַ צווייט מאָל...

— און דו געדענקסט, עזרע, ווי דו האָסט פאַנאַנדערגעקליבן פאַר אַלע טאַלמידים פעדאָצערס „וויגליד" און ער האָט דיך צום ערשטן מאָל אָנגערופן „זון מײַנער"? ווי מיר זײַנען יענעם טאָג געלאָפן איבערן מאַרק פאַקן עמעצן פון ליפּאָוועץ, ער זאָל איבערגעבן אַלע דײַניקע, אַז פעדאָצער האָט דיך אָנגערופן „זון מײַנער".

— און דו געדענקסט?..

עזרע איז מיטאַמאָל אַנשוויגן געוואָרן — ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט זיך געמוזט שיידן מיט פעדאָצערן.

עלישע האָט זיך נאָכגעפרעגט:

— ווו איז ער, דער לערער אונדזערער? וואָס האָט פּאַסירט מיט אים? בא מיר האָט זיך דאָס לעבן אַזוי פאַרדרייט, אַז שרײַבן האָט זיך ניט געוואָלט. איך האָב געוואָלט, מע זאָל פאַרגעסן אָן מיר, אויס עלישען..

— פעדאָצער האָט דיך ניט פאַרגעסן, אין יעדן בריוו פרעגט ער זיך נאָך אַף דיר: „ווו איז עלישע? וואָס האָט פּאַסירט מיט עלישען?" ביז הײַנטיקן טאָג האַלט דיך פעדאָצער פאַר זײַן בעסטן טאַלמיד. ער איז אין דיר שטאַרק פאַרליבט און לעבט שטאַרק איבער פאַר דיר...

עלישע האָט דערפילט די אוולע, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן זײַן לערער. ווי שווער זײַן לעבן איז ניט, האָט ער קיין רעכט ניט אויוועד צו זײַן אָפן געבאָט פון אָפּגעבן קאָוועד דעם רעבן, רעב פעדאָצערן.

— פעדאָצער, — דערציילט עזרע, — איז אַפילע געפאָרן קיין לינעץ מיט דער האָפענונג זיך דערוויסן עפּעס וועגן דיר בא דײַן טאַטן.

— נישטאָ קיין פאַרענטפערונג! שולדיק! — האָט עלישע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און זײַנע אַקסלען האָבן גענומען צוקן. ער האָט ניט אויסגעהאַלטן און הויך אָפן קאָל זיך צעוויינט.

עזרען האָט גענומען שטיקן — אָט־אָט צעוויינט ער זיך אויך. און דאָ האָט זיך קאַמסקי אַרײַנגעמישט:

— לאָמיר אויסטרינקען פאַר פעדאָצערן!

עלישע האָט זיך באַהערשט, נאָר דער קאָס האָט געציטערט אין זײַנע הענט:

— פאַר פעדאָצערן!

באַם טישל, ווו מ'האָט געטרונקען פאַר פעדאָצערן, האָבן פלוצעם אַ

בלאנק געטאָן צווײ פּינקלדיקע קלוגע אויגן, ס׳האָט זיך באַוויזן אַ שײַן באַוואַקסענער קאָפּ האָר מיט געדיכטע עטוואָס צעפּלאַשעטע פּריצישע וואָנצן.

אַלע דרײַ האָבן אים דערקענט, און אַלע ווי אײנער האָבן זיך אופגעהויבן פון די ערטער און אין אײן קאָל אויסגעשריגן:

— פּערעץ! פּערעץ!

יִיצכאָק־לײבוש פּערעץ האָט זיך מיט לעבהאַפטע באַוועגונגען פאַרנײגט און באַדאַנקט פאַרן קאָוועד, וואָס מ׳האָט אים אָנגעטאָן. אױף זײַנע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ פולער שמײכל.

— אויב איך בין ראָע, איז נעמט מיך צו אין אײַער קאָמפּאַניע. ווען מ׳טרינקט פאַר פּעדאָצערן, קאָן איך ניט שטײן אָן דער זײַט.

עס האָט קײן רעגע ניט געדויערט, און פיר קויסעס האָבן זיך פײַערלעך געהויבן אין דער הייך:

— פאַר פּעדאָצערן!

— פאַר פּעדאָצערן!

שטײט אוף צו נעגינע

צוויי יאָר האָט דער לינעצער — עלישע, כאַצקעלע דעם שניצערס זון, — זיך געלערנט פידל־שפּילן בא יאַנקעלע פּרימע, דעם ערשטן פידל אין לינעצער קאַפּעלע. אָפּן דריטן יאָר האָט יאַנקעלע אַלײן געשיצט שיקן עלישען קײן בערדיטשעוו צו פּעדאָצערן. אַ יאָר צײַט איז אַדורך, ביז עלישעס עלטערן, כאַצקעלע דער שניצער מיט זײַן כײַע־עסטערן, האָבן צונויפגעקליבן אױף וועג־הויצאָעס.

פון סכאַרלימעד האָט זיך פּעדאָצער אָפּגעזאָגט.

— זאָל אײַער עלישע קומען, — האָט פּעדאָצער געענטפערט אױף כאַצקעלעס באַקאָשע, — ער וועט זײַן בא מיר ניט דער ערשטער און אַוואַדע ניט דער לעצטער. פון אָרעמע קינדער קומט די טוירע, קומט די נעגינע!

צו פּעדאָצערן איז עלישע אָנגעקומען צו דרײַצן יאָר, גלײַך ווי ער איז געוואָרן באַרמיצווע.

אין מעשעך פון זעקס זמאַנים — דרײַ יאָר— איז עלישע געוואָרן פּעדאָצערס בעסטער טאַלמיד. אין בערדיטשעוו און אין דער גאַנצער געגנט האָט מען אים גערופן „דער צווייטער פּעדאָצער״. האָט מען גערעדט וועגן רעבן, האָט מען ניט געקאָנט פאַרבײַגײן דעם טאַלמיד, און האָט מען באַוווּנדערט עלישען, האָט מען אײנצײַטיק גערימט פּעדאָצערן.

אין אָנהײב פון פערטן יאָר האָט פּאַסירט אַזוינס, וואָס עס האָט נאָך קײנמאָל ניט פּאַסירט. בערדיטשעוו און די גאַנצע געגנט זײַנען געגאַנגען כאַדאָראָם — פּעדאָצער האָט אָפּן, פאַר אַלעמען, דערקלערט, אַז ניט ער איז דער ערשטער, נאָר זײַן טאַלמיד עלישע...

געוועזן איז עס אין אײנעם אַ שאַבעסצונאַכטס. פאַר אַ גרויסן קלעזמער־אוילעם האָט עלישע געשפּילט פּעדאָצערס אַ נײַע מעלאַווע־מאַלקע. נאָכן

שפּילן איז געוואָרן נאָך שטילער, ווי באַם שפּילן. מע האָט געהערט און געזען בלויז די טריט פון דער אוועקגייענדיקער רו.

דער ערשטער איז געקומען צו־זיך פּעדאָצער און געזאָגט:

— דער לינעצער האָט מיך איבערגעיאָגט, דער לינעצער האָט מיך איבערגעשטיגן.

עלישע האָט אופגעציטערט...

דער רעבע האָט פאַרשטאַנען זײַן טאַלמיד:

— אונדזערע כאַכאָמים זאָגן: אַף אַלעמען פאַרדריסט, ווען מע יאָגט דיך אַריבער, כוץ אַפן זון און אַפן טאַלמיד. ווײַל ווי ווײַט דער זון זאָל ניט איבערשטײַגן דעם פאָטער און דער טאַלמיד זײַן רעבן, איז דער וואָרצל פון די ברייט צעוואַקסענע צווײַגן דאָך דער טאַטע, דאָך דער רעבע.

פּעדאָצער האָט פאַר אַלעמען אין די אויגן אַרופגעלייגט זײַנע הענט אַף עלישעס קאָפּ, אים געגעבן סמיכע און געבענטשט. אַלע בײַוועזנדע, די טאַלמידים, די קלעזמער פון פּעדאָצערס קאַפּעלע און די פאַרשיידענע אָנגעפאָרענע, האָבן זיך אופגעהויבן פון זייערע ערטער. שטייענדיק האָבן זיי אָפּגעגעבן קאָוועד דעם רעבן פאַר אַלע זײַנע שליכעסן, וואָס ער האָט אויסגעפּילט, פאַר אַלע זײַנע גענג, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען אין זײַן לעבן.

זיי האָבן אָפּגעגעבן קאָוועד דעם טאַלמיד, וואָס האָט זויכע־בעגוירל געווען מיט דער סמיכע פונעם רעבן זיך לאָזן איבער נײַע, נאָך ניט געטראָטענע וועגן. אַלע זײַנען געשטאַנען, און פּעדאָצער איז אַרומגע־גאַנגען הין און צוריק איבערן זאַל, ווי דער שטייגער זײַנער איז געווען, און גערעדט וועגן דעם גליק פון די, וואָס לאָזן זיך אין וועג. אײנעם גיין אַליין איז שוין דאָס קומען, ווי אין זוכן איז פאַראַן די פרייד פון געפינען.

עלישען האָבן געשראָקן די אומבאַקאַנטע וועגן: וועל איך דען קענען? אַזויפיל האָפענונגען לייגט מען אַרויף אַף מיר, וועל איך זיי באַרעכטיקן?

און פּעדאָצער, גלײַך ווי ער וואָלט געהערט עלישעס אומרויִקע גע־דאַנקען, דערווידערט זײַן טאַלמיד:

— ווער עס טראַכט: וועל איך געווינען אָדער פאַרשפּילן — פאַר־שפּילט! ווער עס טראַכט: ווער וועמען וועט בײַקומען — איך דעם סוינע אָדער דער סוינע מיך, דער ווערט באַזיגט.

— נעגינע, — האָט ער געזאָגט, — איז אָפּט ווי יענץ פאַרפּירעריש פּײַערל, וואָס האַלט זיך אין איין רייצן מיט דיר — באַווײַזט זיך און ווערט ניט, גיט אַ בליץ און לעשט זיך אויס. איז לאָז זשע, עלישע, זיך ניט פאַרפירן.

ניט גרינג איז אָנגעקומען פּעדאָצערן איבערגעבן עלישען אין אַנדערע הענט. ער האָט זיך געייצעט, געשריבן בריוו און זיך נאָכגעפרעגט, אין וועלכער שטאָט, אין וועלכער מוזיק־שול און וועמען פון די פּראָפעסאָרן קאָן מען פאַרטרויען עלישען.

יעדער איינער האָט ארויסגעשטעלט אַן אנדער שטאָט, אַן אנדער מוזיק־שול און אַן אנדער פּראָפעסאָר.

זייער אַ סאַך האָבן געהאַלטן, אַז גלײַכער פון אַלץ וואָלט געווען, ווען עלישע פאָרט אוועק קיין אויסלאַנד. דאָס וואָלט געהייסן גיין אַף אַן אײַזערנער בריק.

וועגן אויסלאַנד האָט פעדאָצער אפילו הערן ניט געוואָלט.

— אַ פידלער איז ניט קיין דאָקטער און ניט קיין אינזשעניער. אַ דאָק־טער און אַן אינזשעניער קאָן מען אומעטום ווערן, און אַ פידלער — דאָס איז שוין גאָר עפּעס אנדערש, אַ פידלער באַדאַרף די אייגענע ערד, די ערד, וואָס האָט אים גענערט מיט אירע זאַפטן און מיט אירע קלאַנגען. ער באַדאַרף זי, ווי אַ זויגקינד די ברוסט פון זײַן מוטער.

פעדאָצער האָט זיך פאַרופן אַף נאַכמען בראַסלאַוער, וואָס האָט געזאָגט: „פאַרטרײַב דעם פאַסטעך פון זײַן ערד, און דער ניגון ווערט אויס אייגענער ניגון, ער ווערט אַ פרעמדער און אַ קאַלטער ניגון. לויט די רייכעס פון די גראָזן, וואָס דער פאַסטעך האָט אײַנגעעטעמט אין זיך גלײַך פון זײַן גע־בוירן אָן, שאַפט ער די ניגונים זײַנע; פעלן אויס אָט די רייכעס, פעלט אויס יעדער טאַם“.

געבליבן איז, עלישע זאָל פאָרן קיין קיעוו. קיעוו איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. עלישעס פאָטער, כאַצקעלע דער שניצער, איז מאַסקים געווען מיט פעדאָצערן. און באַ כײַע־עסטערן, באַ עלישעס מאַמען, האָבן אַלע שטעט געהאַט איין פּאָנעם. כײַע־עסטער האָט געוויינט און געקלאָגט: „איך האָב זיך שוין איין מאָל אָפּגעבריט. געננוג פונמײַנעטוועגן, אַז איך האָב אַ מאַן אַ שניצער...“

אַ טייל לינעצער האָבן געהאַלטן מיט כאַצקעלען, זיי האָבן זיך געגרויסט מיט עלישען און אים געווונטשן אַלדאָסגוטס, און אַ טייל האָט געהאַלטן מיט כײַע־עסטערן און געלאַכט אין די הויפּנס פון כאַצקעלען, וואָס גלייבט, אַז אין קיעוו וועט מען זיך ארומטראָגן מיט זײַן עלישען. אַ מאָדנער מענטש אָט דער כאַצקעלע. קיין זאַך האָט אים ניט אָנגעלערנט.

די לינעצער האָבן געהאַלטן, אַז פידל־שפּילן איז קיין מעלאָכע ניט, אַ סימען, יעדער קלעזמער אין לינעץ און אין אַלע שטעטלעך ארום האָט נאָך אַ צווייטע מעלאָכעס אַף קאָנען אויסהאַלטן אָט די מעלאָכע... און צווייטנס, דאַרף מען אַף פידל ניט „קאָנטשען“. סטעמפּעניו האָט ניט „גע־קאָנטשעט“, און פעדאָצער האָט אויך ניט „געקאָנטשעט“. פידל־שפּילן איז פון די זאַכן, וואָס דער מאַלעך לערנט אויס באַ דער מאַמען אין בויך. האָט ער ניט אויסגעלערנט, איז פאַרפאַלן. אין קיין „שקאָלעס“ באַקומט מען עס ניט, און פאַר קיין געלט קויפט מען עס ניט. אָט ווען עלישע וואָלט גע־פאָרן „קאָנטשען“ אַף דאָקטער אָדער אַף פּראָוויזאָר, וואָלט עס געווען אַ זאַך, וואָלט מען געקאָנט מעקאַנע זײַן אי עלישען, אי כאַצקעלען, אי כײַע־עסטערן. ווײַל ווען וועדליק די גוטע צײַטן און וועדליק די גוטע געשעפטן, איז ווער ווייסט, ווי עס וועט האַלטן באַ אונדז מיט סימכעס, אָבער מיט קרענק זײַנען מיר באַוואָרנט אַף שטענדיק, אַף קינדסקינדער.

עלישע איז אוועקגעפאָרן קיין קיעוו. אוועקגעפאָרן „קאָנטשען“ אַף פידל.

אין זײַנע ערשטע בריוו האָט ער געהאַלטן אין איין באַשרײַבן די גאַסן, דעם באַרג־אַראָפּ און באַרג־אַרוף פון דער שטאָט, די הויכע מויערן, דאָס וולאַדימירער בערגל, דעם דניעפּער.

דערנאָך איז אַוועק אַ סעדרע פון אָפּערעס, קאָנצערטן, סימפאָנישע אָרקעסטערס, באַלעטן, כאָרן, סאָליסטן, דעקאָראַציעס.

דאָס האָט ער געהערט, און יענץ האָט ער געזען, און ס׳איז נאָך דאָ אַ וועלט צו זען, אַ וועלט צו הערן און קלערן. כאַצקעלעס און עלישעס פּרײַנט האָבן ניט אופגעהערט שטוינען און זיפצן — אָפּגעשטופּט אַ לעבן, פאַרשפּילט אַ וועלט, גאָרנישט ניט געזען און פון גאָרנישט ניט האַנאָע געהאַט, זאָל עלישע כאָטש זען, זאָל ער כאָטש האַנאָע האָבן.

מער פון אַלץ האָט זיי איבעראַשט עלישעס בריוו וועגן דעם, ווי ער האָט מיט זײַן שפּילן פידל אויסגענומען בײַ איינעם אַ פּראָפעסאָר.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך שטאַרק נאָכגעפרעגט אָף פעדאָצערן און אים ניט געקאָנט גענוג אָנלויבן.

— הערט אַ מעשׂה, — האָבן זיך די לינעצער געוווּנדערט, — זיי דאָרטן פונדערווײַטן באַמערקן די בריליאַנטן, וואָס וואַלגערן זיך בײַ אונדז אין דער בלאָטע, און מיר, מיר זײַנען ווי די בלינדע, וואָס זעען גאָרניט.

עלישע האָט געשריבן און געשריבן, און וואָס מער מיט אַ בריוו, אַלץ מער מיט אַ גוטער בסורע.

דער פּראָפעסאָר האָט אים פאָרגעשטעלט אַנדערע פּראָפעסאָרן. עלישע האָט פאַר זיי געשפּילט, און אַלע האָבן אים צוגעזאָגט באַקומען ווינ־רעכט, ער זאָל קאָנען זיך צוגרייטן און אָנקומען אין אַ מוזיק־שול...

אַזוי איז דורך אַ גליקלעך יאָר פון וואַרטן, פון האָפן, פון גלויבן.

עלישע האָט די עקזאַמענעס אויסגעהאַלטן. עס האָבן אים באַגריסט טאַטע־מאַמע, פעדאָצער, פעדאָצערס טאַלמידים, פעדאָצערס קאַפּעלע און די קאַפּעלעס פון אַלע אַרומיקע שטעטלעך.

בײַ זײַנע לינעצער אָנהענגער האָט עלישע איצט געהייסן ניט אַנדערש ווי דער סטודענט, דער לינעצער סטודענט.

— וואָס מאַכט עפּעס דער סטודענט? וואָס שרײַבט דער סטודענט? וואָס זאָגט און וואָס טראַכט דער סטודענט?

און אָט אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען די לינעצער זײַנען געקומען צו כאַצקעלען און כײַע־עסטערן זיך נאָכפרעגן אָפּן סטודענט, האָט כײַע־עסטער ניט אויסגעהאַלטן און אויסגעבראָכן אַ געוויין:

— וואָס קומט איר מיר זאַלצן אָף די ווונדן...

אין יענעם טאָג האָט פעדאָצער זיך ניט צוגערירט צום פידל, ניט געלערנט מיט זײַנע טאַלמידים, מיט קיינעם קיין וואָרט אויסגערעדט: עלישע איז אין קיִעווער מוזיק־שול ניט אָנגענומען געוואָרן.

נאָכן קיִעווער דורכפאַל האָט עלישע געטרייסט טאַטע־מאַמע און פעדאָ־צערן: ס׳איז נאָך ניט אַלץ פאַרפאַלן, איינער אַ פּוילישער פּראָפעסאָר פון וואַרשעווער מוזיק־שול נעמט אים מיט זיך קיין וואַרשע. וואַרשע איז ניט קיִעוו. אין וואַרשע וועט ער געוויס אָנקומען.

און ווען אין וואַרשע האָט זיך איבערגעכאַזערט דאָס זעלבע, וואָס אין קיִעוו, האָט עלישע זיך געקלאָגט פאַר פעדאָצערן:

„אז דער פויגל זאָל פליִען ווײַט און הויך, דאַרף אין דער לופטן ניט טרעפן קיין קויל פון א יעגער, און אף דער ערד דאַרף פאַר אים ניט זײַן פאַרשפּרייט קיין נעץ".

באַם דריטן דורכפאַל, ווען עלישע האָט געמוזט איבער דעם, וואָס ער האָט ניט באַקומען קיין ווינערעכט, פאַרלאָזן פעטערבורגער אָרקעסטער, האָט ער זיך אופגעהערט קלאָגן, אופגעהערט שרײַבן און מער קיינעם ניט געגעבן צו וויסן, וווּ ער איז, וואָס מיט אים קומט פאָר.

שלעכטע גרוסן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פון עלישען. עמעצער האָט אים באַגעגנט מיט א ציגײַנער־אָרקעסטער, עמעצער האָט אים געהערט שפּילן אין א ווײַנקעלער. אָט איז ער אין אָדעס, און אָט איז ער אין מאָלדאַוויע.

מיט דער צײַט האָבן אויך די שלעכטע גרוסן פון עלישען אופגעהערט אָנקומען. אַלע שפּורן זײַנען פאַרווישט געוואָרן, גלײַך ווי ער איז גאָר אף דער וועלט ניט געווען.

— וווּ איז מײַן זון? — האָט כאַצקעלע שניצער זיך נאָכגעפרעגט בא פעדאָצערן.

— וווּ איז מײַן טאַלמיד? — האָט זיך נאָכגעפרעגט פעדאָצער בא כאַצקעלע שניצער.

— וווּ איז עלישע? וואָס איז געוואָרן מיט עלישען? — האָבן זיך נאָכ־געפרעגט בא פעדאָצערן עלישעס כאַווײרים און קלעזמער פון פאַרשיידענע קאַפּעלעס.

און וואָס מער מע האָט זיך נאָכגעפרעגט, אַלץ טיפער איז געוואָרן פעדאָצערס וווּנד.

— עלישע! עלישע! ווען איך דערמאָן זײַן נאָמען, ברומען אין מיר מײַנע געדערים און עס ווייעט אין מיר מײַן האַרץ. ווײ איז דעם רעבן, וואָס זײַן טאַלמיד איז פאַרטריבן געוואָרן פון זײַן טיש, און ווײ איז דעם טאַלמיד, וואָס האָט ניט קיין היים, וואָס האָט ניט קיין טיש, וואָס האָט ניט קיין רעבן!..

די פרייד האָט זיך אָפּגעטאָן פון פעדאָצערס האַרץ, די פרייד האָט זיך אָפּגעטאָן פון זײַן נעגינע. און ער האָט לעצטנס אף כאַסענעס געמוזט שפּילן בלויז זײַנע אַלטע זאַכן, ווײַל די נײַע זאַכן זײַנען פול געווען מיט טײַנעס, מיט פאַריבל, מיט אַצוועס.

פעדאָצערן האָט זיך געוואָלט צונויפגיסן זײַן צאַר מיטן צאַר פון עלי־שעס פאָטער, און ניט נאָר כאַצקעלעס צאַר איז אים נייטיק געווען, נאָר אויך זײַן טיפער ביטאָכן.

כאַצקעלע פאַרוואַרפט פעדאָצערן מיט בריוו.

„...אײַ, ווי איך וואָלט געוואָלט, רעב פעדאָצער, מיט אײַך א שמועס טאָן וועגן מײַן אָדלער, ווײַל ווער נאָך, ווי איר, דער מאַן פון נעגינע, פאַרשטייט און פילט, וואָס אַזוינס איז זיך אופהייבן הויך־הויך און זיך אוועקטראָגן ווײַט־ווײַט".

נאָר באַלד איז אין כאַצקעלען גויוועט דער פאָטער, און ער שרײַבט וועגן עלישען אַזוי, אז א שטיין פון וואַנט קאָן עס רירן.

„...אפילו אַ סאַד מוז אָנגעטרויט ווערן אַ צווייטן, מוז אַרײַנגעגערעדט ווערן אין עמעצנס אויערן, הײַנט אוואָדע און אוואָדע דער ווייטעק פון אַ באַליידיקטן, פון אַן איינזאַמען נאַוונאַדניק. און עלישע איז אַליין, אייגער אַליין"...

אַליין?

„ניין, — דערווידערט גלײַך כאַצקעלע דער שניצער כאַצקעלען דעם פּאַטער, — ניין, מײַן עלישע איז ניט אַליין, מײַן עלישע איז מיטן פידל, און פאַר אַ פידל קאָן מען זיך אויסריידן, אויסוויינען, אויסשרײַען און אויסטײַטשען. אַ פידל איז ווי אַן אָפענער אויער, ווי אַן אָפן, וואַרעם מענטש־לעך האַרץ. אַ פידל נעמט זיך אָן די קריוודע פונעם פידלער און איז זײַן גרויסער מייליץ־יוישער".

איז וויאַזוי באַזינגט מען ניט אַזאַ כאַצקעלען?

יאָ, ער, פּעדאָצער, וועט אָפּלייגן אַלע יאַזדעס און פאָרן קיין לינעץ. ער מוז זען כאַצקעלען, ער מוז זיך באַגעגענען מיט אים פּאָנעם־על־פּאָנעם. אין כאַצקעלען וועט ער דערזען ניט נאָר דעם פּאַטער, נאָר אויך דעם זון.

פון בערדיטשעוו איז פּעדאָצערן שווער געווען זיך אַרויסרײַסן קיין לינעץ. נאָר ווען ער האָט מיט זײַן קאַפּעלע אָפּגעשפּילט עטלעכע כאַסע־נעס אין יאַרמאָלינעץ, טולטשין און נעמיראָוו, האָט פּעדאָצער געהאַלטן, אַז איצט איז געקומען דער נייטיקער מאָמענט צו פאַרווירקלעכן זײַן טרוים.

אָפּגעשיקט זײַן קאַפּעלע קיין בערדיטשעוו, האָט פּעדאָצער אַליין זיך פאַרהאַלטן מיטן אויסרייד, אַז ער קלײַבט זיך דאָ, אין די אַרומיקע שטעטלעך, פאַרשרײַבן אַ ריי ייִדישע ניגונים.

פּעדאָצער האָט אָפּגעוואַרט, ווען עס פאַלט אויס אין לינעץ אַ יאַריד־טאָג. אין אַזאַ טאָג איז לינעץ שטאַרק פאַרהאַוועט און פאַרטראָגן, אין אַזאַ טאָג פאָרן זיך צונויף אַהער ליווראַנטן, ציגײַנער, אָקסן־הענדלער, קאַצאָווים, פּויערים פון די אַרומיקע דערפער מיט טווועז, קי, שעפּסן און פערד, שטעטלשע באַלמעלאָכעס מיט זייער טאַנדעט־אַרבעט, קרעמער און קרעמערלעך און גלאַט ייִדן, וואָס האַנדלען מיט גאָרניט, מאַכן אָן טומל, און אין טומל פאַרגעסן זיי, אַף וועלכער וועלט זיי געפינען זיך.

ערעוו דעם יאַריד האָט זיך פּעדאָצער אומבאַמערקט אַרײַנגעשמוגלט אין לינעץ. ער האָט אָפּגעצאָלט דעם באַלעגאָלע פאַר זיך איינעם, ווי פאַר אַלע פּאַסאַזשירן, וואָס וואָלטן געקאָנט אַרײַן אין דער בויד, ווײַל וואָלט מיט אים נאָך עמעצער געפאָרן, וואָלט אין אַ האַלבער שאָ אַרום גאַנץ לינעץ געוווּסט, אַז פּעדאָצער איז געקומען.

די לינעצער קלעזמער וואָלטן זיך צונויפגעלאָפן און געבעטן אים, ער זאָל זיי גלײַך אויסשפּילן, קעדיי זיי זאָלן קאָנען איבערשרײַבן זײַנע נײַע זאַכן. די שטאָט־באַלעבאַטים וואָלטן גלײַך געשטעלט אַ כופּע פון אַ העק־דעש־פּאָרל, און ער וואָלט זיי געמוזט מעסאַמייעך זײַן. פון אַזאַ מיצווע האָט ער אין ערגעץ און קיינמאָל זיך ניט אָפּגעזאָגט, און ער וואָלט זי אויך אין לינעץ געמוזט מעקײַעם זײַן. די שטאָט־באַלעבאַטים וואָלטן אים

צורן ניט געלאָזט און איינגעבעטן, ער זאָל שפּילן פאַר שיסל־געלט לעטויוועס קאָהאָל. ער וואָלט קיין פּרייַע מינוט ניט געהאַט און וואָלט בעשום־אויפן ניט געקאָנט ווי עס געהער צו זייַן זיך באַגעגענען מיט כאַצקעלען.

דער באַלעגאָלע האָט פעדאָצערן אַראָפּגעלאָזט הינטערן שטעטל, ווען אַפּן לינעצער פרילינגדיקן הימל האָבן נאָך געלויכטן שטערן און פרי געפעדערטע פּייַערלעך פון פינפער, אַכטער און צוועלפער לעמפּלעך האָבן פון דער ווייַטן געווונקען מיט אַ באַרעכהאַבע צו די אָנגעפּאָרענע יאַריד־לייַט.

אַרומגייענדיק איבער די שלאָפנדיקע לינעצער גאַסן, האָט פעדאָצער זיך פאַרגעשטעלט די באַגעגעניש מיט דער שטוב, ווו עס האָט זיך געלאָזט הערן עלישעס ערשטער געבורט־געשריי, דער ערשטער קלאַנג פון זייַן פידל.

ווען עס האָט גענומען שאַרזען אַף טאָג, איז פעדאָצער געקומען אין כאַצקעלע דעם שניצערס געסל, און דאָס געסל האָט אויסגעזען אַ סאַך ערגער פון די אַלע ערגסטע געסלעך, וואָס פעדאָצער האָט זיך פאַרגע־שטעלט. עס האָט זיך געטרונקען אין בלאָטע, און מער ווי אַלע שטיבלעך האָט זי איינגעזויגן כאַצקעלעס אייַנגעהויקערט שטיבל מיט די צוויי בלינדע פענצטערלעך. דער דאַלעס האָט געשריגן פון אַלע זייַטן: דאָ וווינט כאַצקעלע שניצער.

ווי נאָר פעדאָצער האָט אַן עפן געטאָן די טיר פון קיך, האָט ער גלייַך דערזען באַם אויוון אַן אייַנגעהויקערטע פרי־פאַרעלטערטע פּרוי מיט אַ פאַרפלאַמט פּאָנעם און מיט אַ שעלטנדיק מויל.

פון ווערקשטעל באַם פענצטערל האָט זיך אופגעהויבן כאַצקעלע שניצער, אַ רירעוודיקער, מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל. ווען ניט די ווייַנע־דיקע קנייטשן אַף זייַן געזיכט, וואָלט זיך געקאָנט דוכטן, אַז ער האָט צו דער וועלט קיין טייַנעס ניט.

פעדאָצער האָט אָנגערופן זייַן נאָמען.

פון איבעראַשונג האָט כאַצקעלע פאַרביטן די נעמען: אָנשטאָט פעדאָ־צער האָט ער אויסגעשריען: „עלישע! אוי, עלישע!", און גלייַך ווי ער זאָל וועלן אויסקויפן די שולד פאַר פויגייע־בעקאָוועד זייַן דעם רעבן, האָט כאַצקעלע ניט אופגעהערט איבערכאַזערן: „פעדאָצער! פעדאָצער!"

— כייַע־עסטער, דאָס איז פעדאָצער! אונדזער עלישעס פעדאָצער! דער באַרימטער פעדאָצער! סאַראַ גרויסן גאַסט מיר האָבן, מיר זייַנען גאָר ניט ווערט אַזאַ קאָוועד, מיר האָבן גאָרניט פאַרדינט אַזאַ כעסעד. כייַע־עסטער, וואָס שטייסטו? דו ווייסט, ווען מיר האָבן פאַר אַ גאַסט? אים אַליין, פּע־דאָצערן! פעדאָצערן!

און כייַע־עסטער, כאַצקעלעס פלוינעסטע, אַזוי ווי זי איז געשטאַנען באַם אויוון, אַזוי איז זי געבליבן שטיין, און אַזוי ווי זי האָט געשאָלטן, אַזוי האָט זי ניט אופגעהערט שעלטן. מער ניט, זי האָט אַף אַ ווייַלע אָפּגעלאָזט כאַצקעלען, דעם מאַן אירן, און זיך גענומען צו אים, צו פעדאָצערן:

— אָ, דאָס זייַט איר, דער שייַנער פעדאָצער, וואָס מייַן שיין מאַנדל לאָזט אייַך פון מויל ניט אַרויס און הערט ניט אוף דורך די נעכט אייַך

שרײַבן בריוו? דאָס האָב איך אײַך צו פֿאַרדאַנקען? דאָס האָט איר מיר געפּאַטערט מײַן עלישען, דאָס האָט איר אים אײַנגערעדט, אַז פֿון אים וועט זײַן אַ לײַט? אַז אָך און ווי איז דער מאַמען, וואָס פֿאַר אַ לײַט ס'איז פֿון אים געוואָרן... ווו ער איז איצט, ווייס איך גאָר ניט. מע האָט אונדז איבערגעגעבן די שיינע גרוסן, אַז מע האָט אים געזען מיט קאַטערינשטשיקעס און מע האָט אים געהערט שפּילן ערגעץ אין אַ שענק פֿאַר שיקורים. אַהיים ווײַזט ער זיך ניט, אַהיים שרײַבט ער ניט!

כײַע־עסטער רעדט און רעדט, און כאַצקעלע בעט פּעדאָצערן, ער זאָל קיין פֿאַריבל ניט האָבן, ער זאָל איר מויכל זײַן. ס'איז איר ביטער אױפֿן האַרצן. אַ מאַמע! אַ מאַמעס האַרץ! כאַצקעלע טראָגט אונטער פּעדאָצערן אַן אַנטיקל. אַן אויסגעשניצטע טאַבעק־פּושקע. פּעדאָצער קאָן זיך גאָר ניט אָנשפּיגלען אין איר, קאָן זיך גאָר ניט אָנלויבן.

כײַע־עסטערן פֿאַרדריסט, וואָס פּעדאָצער טוט איר אַפּצולאָכעס און לויבט איר כאַצקעלען. באַפֿאַלט זי ביידן — אי כאַצקעלען, אי פּעדאָצערן:

— און ווער איז שולדיק אין אַלץ? ער, דער שיינער טאַטע. איך האָב געזאָגט און געטײַנעט: כאַצקל, מע דאַרף עלישען לערנען אַ מעלאָכע, מעלאָכע איז מעלוכע, און פֿידל־שפּילן איז אַ שפּיל און ניט קיין מעלאָכע. און ער האָט זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ — טאַלאַנט און טאַלאַנט, עלישע איז אַ טאַלאַנט, און מע טאָר אים ניט אָפּרײַסן פֿון פֿידל.

און כאַצקעלע, גלײַך ווי ניט אים מיינט מען עס, דערלאַנגט פּעדאָצערן אַ כאַנעקע־לעמפּל מיט פֿיגורן פֿון די ווידערשפּעניקע כאַשמוינאָים.

— אַן אַנטיק־שעבעאַנטיק! — שרײַט אויס באַגײַסטערט פּעדאָצער, און די אויגן בא כאַצקעלען נעמען שײַנען, און ווען ניט די וויינענדיקע קנייטשן אױפֿן געזיכט, וואָלט זיך געקאָנט דוכטן, אַז ער איז טאַקע דער גליקלעכסטער פֿון אַלע גליקלעכע.

און ווידער אַ קלאָלע:

— אַ לעבן האָט ער מיר געגעבן, אַז ניט דערלעבן האָב איך געמעגט דעם טאָג, וואָס איך האָב אים דערקענט. אַ שנײַדער נייט דען דערפֿאַר, ווײַל ער וויל ווײַזן, אַז ער קען אופּנייען אַ שיינעם בעגעד? ער נייט צוליב דעם, ער זאָל פֿאַרדינען. ער זאָל קאָנען אויסהאַלטן אַ ווײַב מיט קינדער. אַזוי איז אַ שוסטער, אַזוי איז אַ סטאָליער, אַזוי איז יעדער באַלמעלאָכע. און מײַן שניצער, אויסגעשניצט זאָל ער ווערן פֿון דער וועלט, דאַרף נאָר דאָס שניצערײַ.

כאַצקעלע שטעלט אַרויס אַ ריי פֿיגורן, ווי ער זאָל פּרוּוון אויפֿשטעלן אַ וואַנט קעגן כײַע־עסטערס קלאָלעס.

און פּעדאָצער באַטראַכט יעדע פֿיגור און קוועלט אָן:

— עס לעבט! עס לעבט! זיי זײַנען פֿון האָלץ, אָבער אין זיי פּליסט בלוט און עס קלאַפּט אין זיי אַ האַרץ...

כאַצקעלע וויל דאַנקען פּעדאָצערן, עפּעס זאָגן אים וועגן דער אומגעהייער שווערער און הייליקער אַרבעט פֿון שניצערײַ און קאָן ניט. צו גרויס איז זײַן גליק, ער זאָל עס קאָנען אויסריידן, ער זאָל עס קאָנען אַרויסזאָגן.

פעדאָצער פּילט און פאַרשטייט כּאַצקעלען, און טיף אינווייניק אין אים האָט גענומען שפּילן אַ ליבעזאַנג דעם קינסטלער. ווי ווייניק ער באַדאַרף האָבן, דער עמעסער שעפער: איין גוטער קוק, איין יאשער־קויעך, און ער זאָל זײַן דער גליקלעכסטער, איין גוט וואָרט פון אזא, וואָס פאַרשטייט, פון אזא, וואָס האָט ליב, און דאָס איז די העכסטע באַלוינונג!

און כּײַע־עסטער שעלט, און כּײַע עסטער כויזעקט:

— קוק אים אָן. ווי ער באַרימט זיך דאָס מיט זײַנע געצקעס. איך זאָל אזוי לעבן, ער האָט זיך גערירט פון זינען, ער האָט קינדערשן סייכל.

כּאַצקעלע ווערט ניט מיד אַלע ווײַלע וועקשטעלן אפן טיש אַן אַנ־דער יעקאַר־האַמצײַעסל, וואָס וואַלגערט זיך פאַרשטויבט שוין יאָרנלאַנג און קיינער אין לינעץ וויל אפילע אַף דעם קיין קוק ניט געבן.

פעדאָצער פּרוווט לינדערן כּײַע־עסטערס צאַר. ער רעדט וועגן עלישען מיט אַזויפיל ליבע, אַז עס ווערט ליכטיקער אין פינצטערן שטיבל און כּײַע־עסטערס קלאָלעס בלײַבן ניט דערשאַלטן.

— איר פאַרשטייט, — דערקלערט פעדאָצער, — דער איילע־טוילדעס, דער יײַכעס־בריוו, דער אָפּשטאַם און די סוויווע פון יעדן טאַלמיד פאַר־נעמט בא מיר זייער אַ וויכטיק אָרט. בלויז דעמלט, ווען איך דערפיל דעם רייעך פון דער ערד, אַף וועלכער עס זײַנען געמאַכט געוואָרן די ערשטע טריט, קאָן איך אָנווײַזן דעם ריכטיקן וועג. נישטאָ אזא טאַלמיד, וואָס זאָל ענלעך זײַן צום צווייטן, און דעריבער דאַרף דער עמעסער רעבע פאַר יעדן טאַלמיד זײַן אַ באַזונדערער רעבע.

כּאַצקעלעס אַלע קנייטשן פון געזיכט זײַנען פול געוואָרן מיט שײַן, און כּײַע־עסטערס שעפּטשענדיקע ליפּן האָבן געהאַלטן אין איין זוכן, מיט וואָס צו פאַרבײַטן אירע קלאָלעס.

— לערנען, — האָט פעדאָצער פאַרגעזעצט זײַן געדאַנק, — איז פריִער פון אַלץ דערלערנען. און נאָך מער איז עס נייטיק, ווען דער טאַלמיד באַ־רײַכערט זײַן רעבן, ווערט אײַנגעבאַקן אין האַרצן. איך האָב דאָ אין זינען מײַן בעסטן טאַלמיד, אונדזער עלישען. און ווײַל עלישע איז אײַערער און מײַנער, דאַרף מײַן צאַר און אײַער צאַר זיך באַהעפטן.

כּאַצקעלע האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן פעדאָצערס געדאַנק:

— איך מיין אויך אזוי. לאַנג לעבן זאָלט איר, רעב פעדאָצער, וואָס איר זײַט געקומען אהער מיר אָפּגעבן דעם גערעכט. איר פאַרשטייט, רעב פע־פעדאָצער, עלישען שניץ איך, פון זינט ער איז געבוירן געוואָרן.

כּאַצקעלע האָט אײַלנדיק גענומען צונויפטראָגן אַלע עלישעס: עלישע טוט דעם ערשטן שמייכל, עלישע מאַכט דעם ערשטן טראָט.

כּאַצקעלע אליין ווערט איבעראַשט, גלײַך ווי ער זאָל צום ערשטן מאָל זען אָט די פיגורן.

— איר הערט, ווי עלישע הערט?!

— איך הער! איך הער! איך זע! יאָ, יאָ, אָט אזוי האָב איך אים געהערט און געזען, אָט אזוי האָב איך אים זיך פאָרגעשטעלט. ריכטיק! ריכטיק!

און כּאַצקעלע ווײַזט איין עלישען נאָכן צווייטן. אָט נעמט ער אַרום אײנעם אָן עלישען, דעם סאַמע באַליבטן, — עלישע מיטן פידל אין דער האַנט.

פעדאָצער דערפרייט זיך, גלײַך ווי דער פארפאלענער טאלמיד זײַנער וואָלט זיך מיטאמאָל אָפּגעזוכט.

— ריכטיק! ריכטיק! אָט אזוי פלעגט ער שטיין בא מיר, ווען איך האָב מיט אים געלערנט, אָט אזא האָט ער זיך מיר פארקריצט אין זיקאָרן! ריכ־טיק! ריכטיק! דאָס איז עלישע מיט אלע פּישטשעווקעס.

כײַע־עסטער האָט אויסגעבראָכן א געוויין.

— וויינט ניט, כײַע־עסטער, וויינט ניט, — האָט זי פעדאָצער גע־טרייסט. — איר האָט א געבענטשטן בויך, אף אלע מאמעס געזאָגט געוואָרן אזעלכע קינדער, ווי אײַער עלישע. וויינט ניט. מיר וועלן נאָך אלע האָבן א סאך נאכעס פון אים. אָט וועט איר זען, איר וועט נאָך דערמאָנען מײַנע רייד.

כײַע־עסטער איז אומבאמערקט ארײַן אין צווייטן צימערל, זיך פלינק איבערגעטאָן אין אירע שאבעסדיקע בגאָדים, פארשפּרייט אפן טיש דעם שאבעסדיקן טישטעך און אָנגעצונדן די ליכט אין אירע צוויי מעשענע לײַכטער. און א שאבעסדיקע, גלײַך ווי זי וואָלט קיינמאָל וואָכעדיק ניט זײַן, א זאָג געטאָן:

— רעב פעדאָצער, כאצקעלע, גייט וואשט זיך, שוין צײַט עפּעס נעמען אין מויל ארײַן...

דער טאָג איז אזוי גיך אדורך, אז פעדאָצער און כאצקעלע האָבן ניט באמערקט, ווי דער אָוונט האָט זיך אָנגערוקט.

פעדאָצער האָט צוגעזאָגט כאצקעלען בלײַבן נעכטיקן אין לינעץ.

ביז טאָג איז נאָך ווײַט, און מע קאָן זיך פארגינען ארויס אין דרויסן, עטעמען מיט פרישער לופט.

שטערנדלעך, אָן א צאָל שטערנדלעך האָבן זיך געהאלטן אין איין אָנ־צינדן אפן פרילינגדיקן הימל.

אזויפיל אָנגעצונדענע לויכטנדיקע שטערנדלעך אין דער הייך און אזוי־פיל אראָפּגעפאלענע און אויסגעלאָשענע שטערנס אין דער נידער.

פעדאָצער האָט געטרייסט כאצקעלען:

— די לינעצער האלטן, אז דער גרעסטער שלימאזל אין לינעץ זײַט איר, כאצקעלע דער שניצער, אָבער אינדערעמעסן זײַט איר דער מאזלדיקסטער פון זיי אלע. יאָ, איר זײַט דער מאזלדיקסטער, ווײַל איר זײַט דער אויס־דערוויילטער, וועמען ס'איז געגעבן געוואָרן די פרייד פון באשאפן, די ברייַשיס־פרייד פון דערפילן, ווי ס'איז גוט, ווען מע באַרײַכערט מיט עפּעס־וואָס די וועלט. ווי לאנג שמײַסט מען זיי, די גווירים פון גאָר דער וועלט, צי האָבן זיי אויסגעזען און צי וועלן זיי אמאָל אויסזען אזוי גליק־לעך בא זייערע פולע זעק מיט געלט, אָנגעלאָדענע שפּײַכלערס און קלייטן, ווי איר, רעב כאצקעלע, האָט הײַנט אויסגעזען צווישן אײַערע פיגורן.

דער גליקלעכסטער אין לינעץ איז אזוי דערוואָרעמט און דערהויבן גע־וואָרן פון פעדאָצערס רייד, אז ער האָט אים גענומען בעטן פאר די אומ־גליקלעכע, פאר די לינעצער:

— איר דארפט זיי מוחל זײַן, וואָס זיי פארגעסן אָן מיר, וואָס זיי גיבן מיר ניט אָפּ קיין קאָוועד. יעדער איינער פון זיי האָט זיך זײַן פעקל צאָ־רעס, יעדער איינער פון זיי האָט א ביטער הארץ.

ס'איז שוין געוואָרן שפּעט נאַכט, לינעץ איז שוין לאַנג געווען פאַר־זונקען אין טיפן שלאָף, און בלויז דורך די שפּאַלטן פון געציילטע לאָדנס האָבן זיך דורכגעריסן פּאַסיקלעך שײַן.

כאַצקעלע בעט זיך בא פעדאָצערן:

— איר זײַט געקומען אהער ווי א ניסטער, ווי א פאַרבאַרגענער, און דאַרפט אוועקפאָרן פונדאַנען ווי א ניגלע, ווי אן אנטפּלעקטער. איר דאַרפט און איר מוזט פאַר די לינעצער זיך אנטפּלעקן מיט אײַער נעגינע. די לינעצער וועלן אײַך קיינמאָל אָט דעם כעסעד ניט פאַרגעסן, זיי וועלן עס פאַרגעדענקען אַף דאָר־דוירעס און זיך באַרימען: „מיר זײַנען זוכע געווען צו הערן פעדאָצערן! מיר האָבן אים אליין מיט אונדזערע אויגן געזען!". זאָגט ניט אָפּ, רעב פעדאָצער! אויב ניט צוליב זיי, טוט עס צוליב מיר, אויב ניט צוליב מיר, איז טוט עס צוליב עלישען.

— וו׳אזוי, — האָט זיך געוווּנדערט פעדאָצער, — ס'איז דאָך נאַכט, אַלע זײַנען פאַרזונקען אין שלאָף און איך האָב אפילע דעם פידל ניט מיט זיך?

— יאָ, נאַכט, — איז כאַצקעלע געשטאַנען אַף זײַנס, — די פאַרזונקענע אין שלאָף וועלן באַלד אופגעוועקט ווערן, און א פידל וועט דאָ אויך באַלד זײַן.

די אומגעריכטקײַט און אויסערגעוויינלעכקײַט פון כאַצקעלעס אײַנפאַל האָבן מיטאַמאָל פאַרכאַפּט פעדאָצערן.

— גוט! איך וועל שפּילן, איך בין מאַסקים! איך בין מאַסקים בלויז מיט דעם טנײַ, אַז שפּילן וועל איך אין אײַער הויף. פריִער פון אַלץ וויל איך אָפּגעבן קאָוועד אײַך, אָפּגעבן קאָוועד אונדזער עלישען. זאָלן זיי, די לינעצער, וויסן, וואָס פאַר א זון עס פאַרמאָגט כאַצקעלע דער שניצער. איז גייט, רעב כאַצקעלע, און וועקט אוף אַלע לינעצער, זאָלן זיי אופשטיין צו נעגינע!

און כאַצקעלע איז ניט געגאַנגען — כאַצקעלע איז געלאָפן, ניין, ער איז ניט געלאָפן, נאָר געפלויגן.

דעם ערשטן האָט ער אופגעוועקט דעם לינעצער פידלער, דעם אָנפירער פון לינעצער קלעזמער־קאַפּעלע:

— שטייט אוף צו נעגינע! פעדאָצער איז אין לינעץ! נעמט מיט אײַער פידל, ווײַל זײַנעם האָט ער איבערגעלאָזט אין דער היים. און נאָך זײַט וויסן: שפּילן וועט ער בא מיר אין הויף, ערגעץ אנדערש־ווו וויל ער ניט.

— וואָס רעדט איר? פעדאָצער? ווי קומט אהער אינמיטן נאַכט פעדאָצער? — האָט דער אָנפירער פון דער קאַפּעלע א פּראַל אוף געגעבן דעם לאָדן, צעעפנט דאָס פענצטער און אָנגעשטעלט אַף כאַצקעלען א פּאָר פאַרכידעשטע אויגן.

כאַצקעלע האָט אַפּגיך, אין איין אָטעם דערציילט דעם אָנפירער פון דער קאַפּעלע, אַז פעדאָצער איז געקומען אהער ווי א ניסטער, און אַז ער, כאַצקעלע, האָט בא אים געפּועלט ווערן א ניגלע.

— לאַנג לעבן זאָלט איר, — האָט דער לינעצער פידלער ניט געוווּסט, וו׳אזוי אָפּצודאַנקען כאַצקעלען פאַרן גרויסן קאָוועד, וואָס ער האָט אים אופגעוועקט דעם ערשטן.

— אָט גיס איך אָפּ נעגל־וואַסער, טו זיך אָן, כאַפּ דעם פידל, און לויף מיט אײַך אופוועקן אַלע לינעצער.

אין צען מינוט אַרום זײַנען די לינעצער קלעזמער געווען אויף די גאַסן מיט זייערע קיילים. דער פּויקער איז געלאָפן פאָרויס און געפּויקט אין פּויק, נאָך אים די קאַפּעלע. אין דער מיט — כאַצקעלע שניצער.

— שטייט אויף צו נעגינע! פעדאָצער איז דאָ אין שטאָט!

— ווער אײַלט עס אַזוי כאַסענע האָבן?

— שטייט אויף און פרעגט קיין קאַשעס ניט!

— שטייט אויף צו נעגינע! פעדאָצער איז דאָ אין שטאָט!

— וואָס, אַ כאַסענע אינמיטנדערינען?

— ווער כאַסענע, וואָס כאַסענע? די נעגינע וועט פּראַווען כצאָס. פעדאָצער וועט באַווײַזן, וואָס פעדאָצער קען און וואָס פעדאָצער הייסט!

— וווּ וועט ער שפּילן?

— בא כאַצקעלע שניצער אין הויף.

— האַלעמײַ ניט אַפּן שול־הויף?

— בא פעדאָצערן איז דער שול־הויף כאַצקעלעס הויף.

— שטייט אויף צו נעגינע! פעדאָצער איז אין שטאָט!

— שטייט אויף צו נעגינע! פעדאָצער איז אין שטאָט!

און ווי נאָר אַ שטיבל, האָט עס אופגעשײַנט מיט אַ פײַערל, ניט מיטן נעכטיקן וואָכעדיקן האַלב־באַנאַכטיקן יאַריד־פײַערל, נאָר מיט יענעם יאָמטעוודיקן פײַערל, וואָס שײַנט, דערוואַרעמט און דערהייבט.

שטענדיק, ווען פעדאָצער פלעגט דעם פידל נעמען אין האַנט, האָט ער אויסגעזען אַ סאַך העכער, ווי ער איז געווען. און איצט, שפּעט באַנאַכט, פאַר די, וועלכע זײַנען געשטאַנען אין דער בלאָטע פון כאַצקעלעס הויף, און פאַר די אַלע, וועלכע האָבן זיך אויסגעזעצט און פאַנאַנדערגעלייגט אַף די דערבײַיקע דעכער, איז אָט די הויכקײַט געווען ניט גענוג, און פעדאָצער האָט זיך געמוזט אופהייבן און אוועקשטעלן זיך אַף אַ טיש מיט הויכע פיסלעך.

די לינעצער זײַנען אויסגעגאַנגען הערן בלויז פעדאָצערן, נאָר פעדאָצער האָט קיינמאָל אַף זײַן לעבן ניט מעוויײַעש געווען קיין אָרטיקע קאַפּעלע, און ער האָט צום אַלעמערשטן אָנגעהויבן מיט די לינעצער קלעזמער פון זײַנעם „אַ כאָסן־קאַלע־באַגעגעניש“, דערנאָך האָט ער געשפּילט מיט זיי „אַ שער“, „אַ פריילעכס“, „אַ דאָבראַניטש“, און ערשט נאָכן „זײַ־געזונט“ האָט ער גענומען שפּילן סאָלאָ.

פעדאָצער האָט געשפּילט צום ערשטן מאָל אַפּן פידל דאָס, וואָס האָט שוין ניט איין מאָל טיף אינווייניק אַרויסגעשפּילט און אַרויסגעזונגען פון אים. ער האָט געשפּילט וועגן רעבן, וואָס האָט פאַרלוירן זײַן בעסטן טאַלמיד, פעדאָצער האָט צום ערשטן מאָל געשפּילט אַפּן פידל דאָס, מיט וואָס לינעץ האָט אים פאַרן מעסלעס באַרײַכערט.

דער צער פונעם רעבן האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן צער פונעם פאָטער, דער ווײ איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

עס האָט געטאָגט אין דרויסן, עס האָט געטאָגט בא פּעדאָצערן אפן הארצן. עלישע איז ניט צו אש געגליכן, נאָר צו די פונקען אונטערן אש, וואָס באם קלענסטן ווינטל פלאקערן זיי אוף אין א פלאם. און אויב אפילע צען אזעלכע, ווי עלישע, וועלן אויסגעלאָשן ווערן און בלויז איינער, אן עלפטער, וועט אופלאקערן און אופשײַנען פאר גאָר דער וועלט, הייסט עס, אז די צען האָבן ניט אומזיסט געזוכט דאָס פּײַערל, הייסט עס, אז די צען האָבן אין דעם עלפטן געפונען זייער טיקן.

קיין זאך גייט ניט לעיִבעד!
דער ניגן ווערט ניט איבערגעריסן!

וואָס זשע וועט זײַן ווײַטער?

שפּעט באנאכט האָבן קאמסקי, עלישע און עזרע פארלאָזט דעם קעלער. שפּעט באנאכט זײַנען דרײַען געגאנגען איבער ווארשע, דרײַ אויסגעשלאָסענע, דרײַ אויסגעמעקטע, דרײַ ניט אָנגענומענע. ווארשע האָט זיי אלע אָפּגענארט. עלישען נארט זי שוין אָפּ דאָס צווייטע מאָל. נאָך דעם, ווי מ'האָט אים ניט אָנגענומען אין דער מוזיק־שול, איז ער געקומען אהער נאָכאמאָל זיך אײַנאָרדענען ערגעץ אין אן אָנשטענדיקן אָרקעסטער, נאָר עס האָט זיך גאָרניט באקומען. און אָט איז ער געצוווּנגען שפּילן אין קעלער, פארדינען אף הויצאָעס און אוועקפאָרן פונדאנען וווהין די אויגן טראָגן.

אין אָט דער שפּעטער הארבסטיקער נאכט האָט זיי געעגבערט דעם מויעך און נישט געלאָזט צורו די הארבע פראגע: וואָס זשע וועט זײַן ווײַטער?

זיי האָבן געשפּאנט איבער די ווארשעווער גאסן, גערעדט און גערעדט און אלץ ווײַטער און ווײַטער אוועק פון די ווארשעווער גאסן... ביזן שאַריִען זײַנען זיי אויסגעוועען ווו די וועלט האָט אן עק, און צו טאָג זײַנען זיי אָנגעקומען אין לאנגן פינצטערן קאָרידאָר. זייער אויסגעמאטערטער אויסזען, זייערע בלייכע פּענעמער און די פארשעמטע „גוט־מאָרגנס", וואָס זיי האָבן קוים ארויסגעמורמלט, האָבן פאולינען געגעבן צו וויסן, אז דער איצטיקער פרימאָרגן איז ווײַט ניט קיין גוטער.

— וואָס האָט געטראָפן? באהאלט ניט אויס, דערציילט...

עזרע האָט ניט אויסגעהאלטן פאולינעס בליק און זיך אויסגעדרייט אין א זײַט. דאָס זעלבע האָט אויך געטאָן עלישע. און נאָר איין קאמסקי האָט זיך, ווי אלעמאָל, בא אלע אומשטענדן, ניט אויסגעדרייט פון געבן א קלאָרן ענטפער.

— פאני פאולינע, — האָט קאמסקי געצווימט זײַן הילכיקע שטים, — איר פרעגט, וואָס איז געשען? מיט עזרען איז געשען דאָס, וואָס מיט מיר. מער ניט, וואָס מיך האָט מען פריִער ארײַנגעלאָזט און דערנאָך ארויסגעוואָרפן, און עזרען האָט מען ארויסגעוואָרפן, איידער מע האָט אים ארײַנגעלאָזט...

— ווי איז עס מעגלעך, עזרע האָט דאָך אויסגעהאַלטן אַף אויסגע־צייכנט! — האָט פּאַולינע אויסגעשריִען ניט מיט איר קאָל.

— אַזוי איז עס, פּאַני פּאַולינע, וואָס בעסער — אַלץ ערגער...

— גאָט מײַנער, וואָס זשע וועט זײַן ווײַטער? — האָט פּאַולינע פאַר־שטעלט דאָס פּאָנעם מיט די הענט.

וועלנדיק אָפּווענדן דעם געשפּרעך, האָט עזרע פאַרגעשטעלט עלישען:

— איך האָב הײַנט געפונען מײַן אַלטן כאַווער... איר געדענקט, איך האָב אײַך אַ סאַך דערציילט וועגן אים.

פּאַולינע האָט געגרייט צום טיש. אָפּגעטראָטן איר בעט עלישען און איז אַוועק צו לייקען. אויך קאַמסקי איז אַוועק. עזרע מיט עלישען זײַנען, זיצנדיק באַם טיש, אַנדרעמלט געוואָרן.

אַ גאַנצן טאָג האָבן די אײַנוווינער פון קאָרידאָר אויסגעמיטן עזרען מיט עלישען. אַלע האָבן שוין געוווּסט, אַז דער באַכער, מיט וועמען עזרע האָט זיך פאַרשפּאַרט באַ פּאַולינען אין צימער, דאָס איז דער כאַווער זײַ־נער, וועגן וועלכן ער האָט יאָרנלאַנג ניט געהערט. מע האָט שוין געוווּסט, אַז עזרעס כאַווער איז אויך אַ פידלער, אויך אַ ניט־אָנגענומענער. קיינער פון די שכיינים האָט ניט געוואַגט אָנקלאַפּן צו עזרען, קיינער האָט ניט געוואַגט קומען מיט אַ טרייסט־וואָרט. אַפילע זי, יענטע די טרייסטערן, האָט אין די הייסע מינוטן פון אומגליק ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. יענטע האָט געהאַלטן, אַז מע דאַרף ניט טרייסטן דעם מענטשן, ווען דער צאַר כאַפּט אים אַרום פון אַלע זײַטן, ווי אַ פלאַם־פײַער, ווײַל די סאַמע אופּריכ־טיקסטע טרייסט זעט אויס דאַן אויסגעטראַכט און פאַלש און ווערט ניט אָנגענומען, ווי עס ווערט ניט אָנגענומען דאָס קערנדל אין דער אויסגע־טריקנטער פאַרכליאַנעטער ערד. מענטשן האָבן אויסגעמיטן זיך באַגעגע־נען, מע האָט זיך געשעמט קוקן איינער דעם צווייטן אין פּאָנעם. מע האָט זיך געשעמט מיט דער סימכע, וואָס מע האָט געפּראַוועט, ווי מיט זייער און זייער ניט קיין אָנשטענדיקער זאַך, אין וועלכער אַלע זײַנען פאַרמישט און אין וועלכער אַלע זײַנען שולדיק.

די שטיקנדיקע שטילקײַט אין קאָרידאָר האָט פון מאָל צו מאָל אופּ־געריסן שאָלעמקעס געוויין. לייקע האָט געשריִען אַף שאָלעמקען, אַז ער איז אַ גאַזלען, אַז ער האָט ניט קיין ראַכמאָנעס אַף עזרען: ס'פעלט מער ניט, אַז עזרע זאָל דערהערן זײַן געוויין. און שאָלעמקע האָט זײַן געוויין געשטיקט אין קישן.

זיאַמע האָט ניט געקאָנט אײַנזיצן באַ דער אַרבעט. ער פּראַלט אויף די טיר, און דורכן קאָרידאָר וואַרפט ער דער וועלט אין פּאָנעם האַרבע בייזע ווערטער:

— עס וועט פאַלן! עס מוז פאַלן! וואָס מיינען זיי זיך, ס'איז לעס דין וועלעס דײַען, ס'איז העפקער פּעטרעשקע?

און ווידער אַרבעט זיך ניט, און ווידער לויפט זיאַמע אַרויס אין קאָ־רידאָר מיט זײַנע טײַנעס:

— וואָס מיינען זיי זיך, אַז די וועלט איז זייער עקיפּאַזש, מיר זײַנען זייערע פערד און דאָס מאַזל איז זייער קוטשער, וואָס יאָגט די פערד, קע־רעוועט און טרײַבט, וווּהין זיי ווילט זיך? טפּרו! סטאָפּ! איר הערט, ווי

עס ברעכן זיך די אקסן פון עקיפּאזש? די פערד ווילן מער ניט גיין אין שפּאַן, און דער קוטשער וויל מער ניט האָבן צו טאָן מיט זײַנע אַלטע פּאַסאַזשירן... עס וועט קומען אַ צײַט, און מ׳וועט אונדז זאָגן: „פּראָשע פּאַנאַ, דער עקיפּאַזש איז גרייט! דער וועג איז פרײַ!״

עלישע און עזרע האָבן געהאַלטן אין איין פרעגן און איבערפרעגן:

— וווּהין גייט מען?

— וואָס זשע וועט זײַן ווײַטער?

דער קורצער האַרבסט־טאָג איז גיך אַוועק, און ווידער האָט זיך אָנ־גערוקט די נאַכט, און, ווי אַמאָל אין בערדיטשעוו, זײַנען ביידע כאַווערים געלעגן אין איין בעט.

סאַראַ קליינינקע זיי זײַנען דאַן געווען. זיי האָבן דאַן געטרוימט ווערן גרויסע, און איצט וואָלטן זיי געוואָלט זײַן קליינע.

— דו געדענקסט, עזרע?

— איך געדענק, עלישע...

— ווי גוט ס׳איז געווען!

— יאָ, ס׳איז געווען גוט!

— אײַ, ווי גוט ס׳איז געווען!

ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז די האַרבסטיקע נעכט זײַנען לאַנג? זיי זײַנען לאַנג עפּשער פאַר די, וואָס האָבן זיך ניט אין וואָס צו דער־מאָנען, פאַר די, וואָס ווילן שוין מער גאָרניט און פאַרלאַנגען גאָרניט פונעם לעבן... און עלישען מיט עזרען איז אַ שאָד פאַרשלאָפן די מינדסטע דערמאָנונג, די מינדסטע קלייניקײַט. ליכטיקע טרוימען! ווי טויבן האָבן זיי זיך געטראָגן אַמאָל אַרום־און־אַרום, און ווער האָט זיך עס געקאָנט ריכטן, אַז די טויבן זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַזעלכע בייזע, שוואַרצע ראָבן. פריִער איז עזרע מעקאַנע געווען עלישען — ער איז אַ סאַך שטאַר־קער געווען פון אים, ער האָט אים ווײַט אַריבערגעיאָגט, ער איז געווען פּעדאַצערס בעסטער טאַלמיד. און דאָ, אין וואַרשע, איז עלישע מעקאַנע עזרען — עזרע איז דערוואַרעמט מיט מיריעמס ליבע. ער האָט זיך ניט אָפּגעריסן פון דער היים, פון פּעדאַצערן, עזרע האָט דאָ געפונען קאַמסקין און שאָלעמקען — אַי אַ לערער, אַי אַ טאַלמיד. ער האָט דאָ געפונען אַ סאַך פרײַנט. דער לאַנגער פינצטערער קאָרידאָר איז זײַן שוץ, זײַן פעס־טונג. און ער, עלישע, הענגט אינדערלופטן.

נאָר אָט לעבט אויף די מינוט, ווען ביידע כאַווערים גלײַכן זיך אויס. עס לויפן דורך פאַרשיידענע שטעט, פאַרשיידענע קאָנצערטן, פאַרשיידענע צושויער־זאַלן... עס ווערן אויסגעלאָשן די ליכטיקע דערמאָנונגען. אַרום־און־אַרום איז נאַכט, אַ שלאָפלאָזע אומרויִקע נאַכט.

— וואָס זשע וועט זײַן?

— וואָס זשע ווײַטער?

ניט געפינענדיק קיין ענטפער, לויפן ביידע כאַווערים ווידער אויף צו־ריק, אויף צוריק אין דער פאַרגאַנגענהײַט...

עלישע בלעטערט עזרעס אַלבאָמען. דאָ זײַנען צונויפגעזאַמלט פּעדאָ־צערס פאָטאָגראַפיעס.

פּעדאַצער האָט באַשאַפן אַ נײַעם ניגון. דער ניגון זינגט אַרויס פון זײַנע

פאַרמאַכטע ליפּן, פון זײַנע אָפענע אויגן. ער קוקט אים אָן, פעדאָצער, דעם ניגון, הערט זיך צו צו יעדן קלאַנג זײַנעם און ווייסט נאָך אַליין ניט, וואָס דער ניגון שטעלט מיט זיך פאָר.

פעדאָצער דיריזשירט מיט זײַן קאַפּעלע. די האַלב־ווײַסע באָרד איז צעטיילט אָף דער העלפט. די יוגנט מיט דער עלטער ווילן דאָ ניט זײַן צוזאַמען. די מוסקולן פון זײַן פּאָנעם, די אויגן זײַנען באַ אים אָנגעשטרענגט, און די הענט זײַנען צעוואָרפן און צעשלײַדערט מיט אַזאַ קראַפט, אַז זיי וואָלטן געקאָנט ארומכאַפּן צען מאָל אַזויפיל קלאַנגען, ווי די קאַפּעלע ברענגט אַרויס.

פעדאָצער שפּילט אָפן פידל. דער פידל איז צוגעוואַקסן צו אים, און ער צום פידל. יעדן קלאַנג, וואָס דער פידל ברענגט אַרויס, כאַפּט אוף פעדאָצער, ווי אַ סאָד, וואָס איז דאָ ערשט אַנטפּלעקט געוואָרן פאַר אים.

פעדאָצער צווישן זײַנע טאַלמידים. זײַן גאַסטפרײַנטלעך אויסגעשטרעקטע האַנט באַגריסט, רופט און בעט קומען יעדן איינעם, קומען צו אים און נעמען, וואָס ער באַדאַרף, נעמען, וואָס אים פעלט, נעמען אַלץ, וואָס ער, זייער רעבע, פאַרמאָגט.

פעדאָצער רעדט... פעדאָצער קוקט אַרײַן אין אַ סייפער...

עלישע איז מעקאַנע עזרען, וואָס ער האָט באַוויזן צונויפזאַמלען און פאַרהיטן אָט די אַלע פאָטאָגראַפיעס.

— איך האָב אַפילע קיין איין פאָטאָ זײַנע ניט, — קלאָגט זיך עלישע, — אָט האָסטו צוויי אַלציינע, שענק מיר איינע...

— נעם!

— אָט אַזאַ האָט ער זיך מיר פאַרגעדענקט, — קאָן עלישע זיך ניט אָנקוקן אינעם בילד.

פעדאָצערס בריוו! די פרײַנט לייענען צוזאַמען.

„קאָנען שפּילן איז נאָך ווייניק, מע דאַרף נאָך קאָנען אויסהיטן, באַשיצן און לאָזן זיך פאַנאַנדערוואַקסן דאָס קאָנען. קאָנען שפּילן — איז בלויז דער ערשטער שטאַפּל, און אויב מע שפּאַנט ניט איבער פונעם ערשטן שטאַפּל אָפן צווייטן, פירט אין ערגעץ ניט דער ערשטער שטאַפּל...״

„דאָס גרעסטע גליק איז, ווען דער מענטש קאָן זאָגן: איך האָב אַלץ געטאָן, וואָס איך האָב געקאָנט! בלויז אַזאַ מענטש האָט ניט אומזיסט געטראָטן אָף דער ערד, ניט אומזיסט געלעבט אָף דער וועלט״.

און די פרײַנט פרעגן באַ זיך: צי האָבן זיי רעכט דאָס צו זאָגן? וואָס קאָנען זיי ענטפערן זייער לערער?

עזרע האָט געשריבן פעדאָצערן, אַז ער האָט מוירע בלײַבן אינמיטן וועג, ער האָט מוירע, אַז ער וועט ניט דערגיין צום הויכן באַרג, אַהין, וווּ ער, פעדאָצער, רופט אים, און פעדאָצער מוסערט עזרען, ער הייסט אים זיך לערנען באַ דעם שוואַכסטן פון די פייגל — באַ דער טויב. אַ פויגל, אַז ער ווערט מיד בעשאַסן פליִען, לאָזט ער זיך אַראָפּ רוען אָף אַ פעלדז אָדער אָף אַ בוים, און די טויב, ווי מיד זי זאָל ניט זײַן, שטעלט זי זיך ניט אָפּ, זי לאָזט אַראָפּ איין פליגל, ער זאָל זיך אָפּרוען, און מיטן צווייטן זעצט זי פאָר פאָכן, פליט זיך איר וועג ווײַטער. די פרײַנט זעצן פאָר לייענען דעם בריוו, און זיי קלאָגן זיך אָן ווערטער פאַר זייער רעבן.

אוי, ווי שווער, ווי שווער ס׳איז זיך הייבן מיט איין פליגל אין דער הייך, ווען דער צווייטער, דער איבערגעבראָכענער, ציט אין דער נידער, אראָפּ.

פעדאָצער שרײַבט: „נעגינע איז דער אויצער פון אַלע אויצרעס. און אויצער, אַז דו פאַרשליסט אים, איז ער דײַן אויצער, און נעגינע, אַז מע פאַרשליסט, ווערט אויס נעגינע, אויס אויצער. דער אויצער פון נעגינע דאַרף שטענדיק זײַן אָפן. אַלע טאָג דאַרף מען אים זוכן, אָט דעם אויצער, אַלע טאָג דאַרף מען אים באַנײַען, און אַז מע זוכט — געפינט מען. ווי זאָגן דאָרט אונדזערע כאַכאָמים: „זאָגט דיר עמעצער: איך האָב זיך באַמיט און ניט דערגרייכט — גלייב ניט; זיך ניט באַמיט און דערגרייכט — גלייב ניט; זיך באַמיט און דערגרייכט — גלייב״.

פעדאָצער זאָגט: „נעגינע איז געגליכן צו וואַסער: ווי וואַסער, פליסט זי אומעטום; ווי אָן וואַסער, קאָן דער מענטש אָן איר ניט לעבן, און ווי וואַסער, רייניקט זי דעם מענטשן...״

און ווײַטער:

„לערנען! לערנען זיך בײַ יעדן איינעם! אַז מע איז דאָרשטיק, שעמט זיך ניט אַ גרעסערער זאָגן אַ קלענערן: גיב מיר אַ טרונק. יעדער איינער פאַרמאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס איז קעדײַ בײַ אים צו לערנען. דער דאָרשט טאָר זיך קיינמאָל ניט אָפּטאָן פון די ליפּן, און שטענדיק דאַרף מען טרינקען פון אַלע פרישע וואַסערן און פון אַלע פרישע קוואַלן.

אַפילע אַ פיש אין וואַסער לײַדט פון דאָרשט. גייט אַ רעגן, רוקט דער פיש אַרויס דעם קאָפּ פון טײַך, עפנט דאָס מײַלכל און שלינגט יעדן פרישן טראָפּן רעגן פון אויבן און קוויקט זיך און איז זיך מעכײַע מיט אים״.

און ווײַטער:

„נעם און גיב! גיב און נעם! מיט יענעם לערנען הייסט אויך אַליין לערנען. אַ קליין שפּענדל צינדט אָן אַ גרויס שײַט האָלץ.

ווערט דען געמינערט עפּעס פונעם עפּלבוים, ווען מ׳שמעקט פון זײַנע רייכעס?

ווערט דען עפּעס געמינערט פונעם קוואַל, ווען מ׳שעפּט פון זײַן וואַסער?

ווערט דען עפּעס געמינערט פונעם ליכט, ווען פון זײַן פײַער צינדט מען אָן אַ צווייטן און דריטן ליכט?

ניין! פאַרקערט, עס ווערט ליכטיקער, עס ווערט פריילעכער.

מע בענטשט דעם בוים, מע בענטשט דעם קוואַל, מע בענטשט דאָס ליכט״.

יעדער דורכגעלייענטער בריוו איז אַ שאָד. מיט יעדן דורכגעלייענטן בריוו ווערט פאַרמישט אַ בלעטל פונעם סאַמע אינטערעסאַנטסטן בוך, וואָס זיי האָבן ווען־עס־איז געלייענט אױף זייער לעבן.

אַזאַ באַקאַנטער, נאָענטער און טײַערער מעכאַבער, און די הויפּטגעשטאַלטן זײַנען ניט קיין זײַטיקע, נאָר זיי אַליין, עלישע און עזרע.

עלישע מיט עזרען האָבן געשפּילט פעדאָצערס דועט, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט אָנגעשריבן פאַר זיי ביידן.

און ווידער האָבן עלישע מיט עזרען זיך אַריבערגעטראָגן אין די טרוימען פון וואַרשע קיין בערדיטשעוו.

דער דועט האָט זיך ניט געעלטערט, ער איז געבליבן יונג ווי געווען. די צײַט האָט איבער אים קיין שליטע ניט געהאַט, ווי אַלץ, וואָס דרינגט אַרויס טיף פון האַרצן, ווי אַלץ, וואָס ס׳איז עכט און ווערט באַשאַפן פאַר דורות.

אָבער זיי ביידע זײַנען שוין ניט יענע, וואָס האָבן אים אַמאָל געשפּילט. איצט שפּילן אים צוויי דערוואַקסענע רײַפע שפּילער, צוויי פאַרבלוטיקטע הערצער.

ביידע שפּילער קוקן זיך אָן פאַרוווּנדערט. זיי דערקענען ניט די קלאַנגען, יעדער קלאַנג איז פאַר זיי אַ כידעש, יעדער קלאַנג איז פאַר זיי אַ נײַס, אין יעדן קלאַנג, וואָס די פידלער ברענגען אַרויס באַם פאַרייניקן זיך אינעם דועט, דערפילן זיי, מיט וואָס זיי שיידן זיך אונטער איינער פונעם צווייטן און ווו זיי גייען זיך פונאַנדער.

די קלאַנגען זײַנען געוואָרן שטאַרקער און שטאַרקער. דער לאַנגער פינצטערער קאָרידאָר האָט אופגעלעבט, און מ׳האָט געטראָגן איינער דעם צווייטן אנטקעגן די גוטמאָרגנס:

— ווייבאַלד זיי שפּילן, איז נאָך ניט אַלץ פאַרפאַלן, וועלן זיי ווײַטער שפּילן!

ווען שאַלעמקע מיט קאַמסקין האָבן זיך נאָכן דועט אַרײַנגעריסן צו פּאַולינען אין צימער, האָט עזרע פון פאַרשיידענע ערטער — פון אונטערן מאַטראַץ, פון דעם טשעמאָדאַן, פון דער שאַפע — פלינק צונויפגעקליבן זײַנע נאָטן־ביכער און נאָטן־העפטן, קעדיי באַקענען עלישען מיט זײַן רעפּערטואַר.

— אַהאַ! — האָט שאַלעמקע באַגײַסטערט אויסגעשריִען. — עס קאָן סטײַען פון הײַנט ביז איבעראַיאָר!

עזרע האָט שטאָלצירט מיט זײַן נאָטן־ביבליאָטעק:

— ניט אַלץ, געווייִנלעך, איז פון מײַן אַמפּלוּאַ, אָדער ווי פּעדאָצער זאָגט, פון מײַן גוסט. נאָר קעדיי שפּילן דאָס, וואָס איך וויל שפּילן, דאַרף מען אַלץ שפּילן. אַז ס׳זאָל זײַן ווייניק און גוט, דאַרף מען האָבן אַ סאַך. פון אַ סאַך ווייניק וועט זיך שטענדיק באַקומען.

עלישע האָט געבלעטערט די נאָטן־העפטן:

— אָט די סאָנאַטע שפּיל איך אַף אויסווייניק, און די אויך. אַז איך שפּיל אַף אויסווייניק, פּיל איך זיך פרײַער...

— און ווער איז דער? — עלישע שטויסט זיך אָן אַף אַ נײַעם נאָמען און וווּנדערט זיך, וואָס ביז אַהער האָט ער ניט געוווּסט פון אים.

ער לויפט דורך מיט די אויגן איבער די ערשטע צוויי שורעס, זײַנע פיס קלאַפּן צו צום טאַקט פון דער דריטער און פערטער שורע.

עזרע לייגט פאַר עלישען, אַז זיי זאָלן צוזאַמען לייענען פון בלאַט. ווי לויפער אַפן פעלד, וואָס שלינגען מיט זייערע פיס דיסטאַנץ נאָך דיסטאַנץ, אַזוי יאָגן זיך פונאַנדער זייערע אויגן איבער דער בלאַט. סאַראַ גליק — פאַרמאָגן דעם געבענטשטן אינערלעכן געהער, וואָס שטעלט זיך פאַר און זעט יעדן קלאַנג.

— וואָס וואָלט געווען מיט בעטהאָווענען, — זאָגט עלישע, — ווען ער

וואָלט ניט פאַרמאָגט דעם דינסטן און פאַרשאַרפסטן אינערלעכן געהער, וואָס איז געוואָרן נאָך הערעוודיקער און נאָך זעעוודיקער, ווען זײַנע אויערן זײַנען פאַרשלאָסן געוואָרן אויף אייביק.

עזרען קומט אויף אָפּן זינען א פאַל, וואָס האָט פּאַסירט מיט זײַן טאַל־מיד, מיט שאָלעמקען.

— איך האָב שאָלעמקען פאַרגעבן שאָפּענס אַן עטיוד, שאָלעמקע איז קראַנק געוואָרן און האָט דעם פידל אין דער האַנט ניט געקאָנט נעמען. נאָר ליגנדיק אין בעט, האָט ער זיך ניט צעשיידט מיט די נאָטן און אין מעשעך פון א כוידעש צײַט אויסגעשפּילט מיט די פינגער אונטער דער קאָלדרע יעדן טאַקט, פאַרגעשטעלט זיך, געהערט און געזען יעדן קלאַנג, און דעם ערשטן טאָג, ווען ער איז נאָר אַראָפּ פונעם בעט, האָט ער מיך איבעראַשט מיט זײַן שפּילן.

עלישע כאַפּט ארום שאָלעמקען און בעט אים גלײַך שפּילן דעם עטיוד.

— ניין, — האָט קאַמסקי דערוווידערט, — שאָלעמקע וועט שפּילן דער־נאָך. אין יעדער זאַך דאַרף זײַן אָרדענונג. דער ערשטער באַדאַרף שפּילן דער גאַסט.

אלע זײַנען מאַסקים געווען, און עלישע האָט גענומען דעם פידל.

איידער עלישע האָט אַרויסגעבראַכט דעם ערשטן קלאַנג, האָבן שוין אלע קלאַנגען און טאַקטן געעיוירט אין זײַנע פינגער און זיך געריסן אויף דער ליכטיקער שײַן. א דונער פון קלאַנגען. א בליץ נאָך א בליץ. אלץ איז אין פלאַמען, עס שרײַען די פּאַוזעס, עס שרײַט דאָס שווײַגן, עס שטורעמען אלע שטילקײַטן. ווי שרעקלעך און וווּנדערלעך! דער ווו־נ־דער, וואָס ווערט געשענקט דעם אויער און דעם אויג, איז בלויז אויף א רעגע.

גלײַך נאָך עלישען האָט עזרע גענומען איבערשפּילן דאָס, וואָס עלישע האָט דאָ ערשט געשפּילט, און ס'איז ניט געווען צו דערקענען, אז דאָס איז דאָס זעלבע ווערק. עלישע האָט ליב טרייסלען דעם בוים און הערן דעם גערודער פון די וואָרצלען, דעם גערויש פון די צווײַגן מיט די בלעטער. עזרע הערט זיך צו צום ציטער פון יעדער צווײַג, צום פלאַטער פון יעדן בלאַט, קוקט אַרײַן אינעם שאָטן, וואָס דער בוים וואַרפט אָפּ פון זיך. עלישע וויקלט פאַנאַנדער די זעגלען אנטקעגן די נײַע ווינטן, אין אומרו זוכט ער די רו, און עזרע זוכט אין רו דעם אומרו.

איין שול זײַנען זיי דורכגעגאַנגען, און ווי פאַרשיידן זיי זײַנען! פאַרשיידענע צוגאַנגען, פאַרשיידענע טעמבּרען, פאַרשיידענע ניואַנסן... דאָס האָט פאַרלאַנגט און דאָס האָט זיך דערשלאָגן פעדאָצער.

„מאַכט מיר ניט נאָך, — פלעגט פעדאָצער שטענדיק טײַנען, — נאָכ־מאַכן הייסט אײַנגאַנצן זיך פאַרלאָזן אויף יענעם און אויף קיין האָר ניט גלייבן אין די אייגענע קויכעס. שפּילט ניט ווי איך, שפּילט ווי איר באַ־דאַרפט שפּילן. יעדער איינער האָט זיך זײַן גאַנג, זײַן געשאַנק, און ער האָט קיין רעכט ניט לעבן אויף יענעמס כעזשבן. א גוטער טאַלמיד לאָזט זיך מיט דער בראָכע פונעם רעבן אויף נײַע וועגן, ווײַל ווען אלע וואָלטן געגאַנגען אויף איינעם און דעם זעלבן וועג, וואָלט מען אין ערגעץ ניט

דערגאַנגען, וואָלט מען זיך צוזאַמענגעשטויסן און זיך אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז מ׳וואָלט ניט געוווּסט וווּהין גיין, ווו זיך קערן און ווענדן".

נאָכדעם האָט געשפּילט שאָלעמקע. מיט ברייט צעעפנטע אויגן קוקט דאָס ייִנגל פון פינצטערן קאָרידאָר אויף דער גרויסער וועלט, וואָס איז ווי ערשט באַשאַפן געוואָרן. אַלץ איז, דוכט זיך, אַזוי קלאָר, אַזוי פּאַשעט, אַזוי געוויינלעך, אַזוי מעגלעך. מע נעמט דעם פידל אין דער האַנט — און דאָס גליק איז דײַנס. דער פידל פאָלגט דיך, דער פידל הערט דיך, פּילט אויס אַלץ, וואָס דו פאַרלאַנגסט. איז ווער קאָן זיך גלײַכן צו דיר?

שאָלעמקע שפּילט. עלישע גלייבט אים, עזרע פרייט זיך צוזאַמען מיט אים, און קאַמסקי ווערט מילדער און מילדער...

— ווער שפּילט עס? — פרעגן די ווײַבער פון קאָרידאָר.

— דאָס שפּילט מײַן שאָלעמקע, — פאַרכאַפּט לייקען דער אָטעם, — איך דערקען שוין אָן די קלאַנגען...

אַלע ווײַבער זײַנען מעקאַנע לייקען, האַלטן איר אין איין ווינטשן, אַז זי זאָל נאָך דערלעבן אַ סאַך נאַכעס אין אים.

— איז וואָס זשע וויינט איר, לייקע?

— איך וויין דען?

שאָלעמקע האָט געשפּילט, און לייקע האָט געוויינט...

זינגען מוזן אַלע

עזרע פאַרטרויט עלישען לייענען מיריעמס בריוו. ער דערלאַנגט זיי אים איינציקווײַז. ס׳איז געגנוג, אַז ער, עזרע, זאָל אַ קוק טאָן אויף דעם אָדער יענעם קאָנווערט, אַז ער זאָל וויסן, וואָס עס שטייט געשריבן אינעם בריוו פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורע.

יעדער קאָנווערט האָט בא אים אַ באַזונדער סימען, וואָס דערמאָנט אים דעם טאָג, ווען ער האָט אים פאַנאַנדערגעעפנט.

עלישע לייענט און לייענט, און עזרע האַלט זיך אין איין רויטלען, אין איין אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ.

פאַרליבטע זײַנען פאַרשיקערט, שעמען זיך ניט מיט זייערע געפילן, וואָס אויפן לונג, דאָס איז בא זיי צומאָל אויפן צונג, און ווי שיקערע אין די אויגן פון ניכטערע, רופן די פאַרליבטע שטענדיק אַרויס אַ שמייכל.

עלישע לייענט און איז מעקאַנע זײַן כאַוער. עזרע האָט זיך ניט אָפּ־געריסן פון דער היים, ער איז דערוואַרעמט פון מיריעמס ליבע, האַלט אָפן מויל און אויער פאַר פּעדאַצערס טוירע שעביקסאָוו, ווי אַמאָל פאַר זײַן טוירע שעבאַלפּע. עזרע האָט אויך טיפע וואָרצלען אין וואַרשעווער באָדן. ער האָט דאָ אַ סאַך פרײַנט. וועגן וואָס ער זאָל ניטריידן, וועגן וואָס ער זאָל ניט דערציילן, לאָזט ער פון מויל ניט אַרויס דעם לאַנגן פינצ־טערן קאָרידאָר. דער קאָרידאָר איז זײַן שוץ, זײַן פעסטונג.

און ער, עלישע, איז אָן וואָרצלען, ער הענגט אינדערלופטן.

צום שלימאַזל באַדאַרף מען האָבן אַ ביסל מאַזל, צום אומגליק אַ שטיקל גליק, צו דער מאַקע אַ רעפוע, ווײַל אַנדערש וואָלט מען ניט

איבערגעטראָגן דעם שלימאזל, ניט אויסגעהאלטן פונעם אומגליק און געפּלאצט פון דער מאקע.

עזרעס מאזל איז באשטאנען אין מיריעמס ענטפער אף זיין איינלאַדונג, אז זי זאָל קומען קיין ווארשע.

מיריעם שרייבט, אז ווען זי האָט פליגלען, וואָלט זי געקומען צו פליִען צו אים, נאָר אזוי ווי קיין פליגלען האָט זי ניט, איז ווי נאָר זי וועט אופקלייבן אף הויצאָעס פון איר העפטערי, וועט זי קומען צו פאָרן.

פון איין זייט האָט עזרען שטארק ווי געטאָן פאר מיריעמס אָרעמקייט און פאר זיין ניט גענוגער אופמערקזאמקייט צו איר. ווען ער האָט איר געשיקט די איינלאַדונג, האָט ער באדארפט אונטער דער ערד קריגן געלט און שיקן איר אף הויצאָעס. וואָס קאָן טראכטן וועגן אים מיריעם? יעדער פאָדעם בא איר איז מינאסטאם דורכגענעצט, ווי א קנייטל, פון אירע טרערן, און לויט די קאָלירן פון די פעדעמער ציילט זי אירע פאר־דראָסן אף אים.

און פון דער צווייטער זייט איז עזרע געווען שטארק צופרידן, וואָס איר רייזע ווערט אָפּגעלייגט. ס'האָט מער ניט געפעלט, אז זי זאָל פונקט איצט אראָפּקומען אהער, קיין ווארשע. ס'וואָלט געווען דאָס זעלבע, ווי מע לאדט איין א מענטשן אף א כאסענע און ער קומט אף א לע־וויִע.

די צופעליק אומגעריכטע באגעגעניש מיט עלישען איז געווען א גרויס גליק פאר עזרען. מיט עלישען זיינען פארבונדן בא אים א סאך ליכטיקע דערמאָנונגען, און זיי האלטן אין איין צעטרייבן די פינצטערע שטימונגען, וואָס האָבן, ווי שווערע וואָלקנס, זיך אָנגעזעצט און געדריקט אף אים.

עלישעס שווערע לאגע האָט איבערגעוויגן עזרעס און מיט דעם פאר־קלענערט און אף א סאך גרינגער געמאכט עזרעס אומגליק.

ניט אומזיסט זאָגט מען, אז ווען אלע מענטשן אף דער וועלט וואָלטן אופגעהאנגען זייערע פעקלעך מיט צאָרעס, וואָלט א ציטערניש אלעמען ארומגעכאפּט, מע זאָל ניט פארבייטן דאָס אייגענע פעקל אף א פרעמדס, אף א מער שווערערס, און יעדער איינער וואָלט געשריגן: גיכער! גיכער מיין פעקל אהער! דערלאנגט מיר מיין פעקל!

א קלענערער אומגליק אין פארגלייך מיט א גרעסערן איז שוין מער ווי א האלבע טרייסט.

די רעפּוע צו אלע מאקעס איז געווען די באגעגעניש מיט פערעצן אין קעלער, און דאָס, וואָס ער, פערעץ, האָט איינגעלאדן אים, עזרען, צוזאַמען מיט עלישען און קאמסקין צו זיך אהיים.

— מיין טיר און מיין הארץ, — האָט זיי פערעץ געזאָגט, — איז פאר אייך שטענדיק אָפן. קומט צו גיין! איר וועט בא מיר שטענדיק זיין אָנגעלייגטע געסט.

די באגעגעניש, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן פערעצן מיט קאמסקין, עלישען און עזרען אין קעלער, דאָס איינלאדן זיי צו זיך אהיים און דאָס גרייטן זיך פון די אלע דריי צו דער פאָרשטייענדיקער באגעגעניש האָט

אופגערודערט און בארויקט דעם קאָרידאָר — מע איז געווען זיכער, אז פּערעץ וועט ניט לאָזן פאַלן עזרען און זײַן כאַווער עלישע, ער וועט זיי אויסשטרעקן זײַן האַנט און מיט אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך, זיי קומען צו־הילף.

עזרע האָט געוואָלט קומען צו פּערעצן ניט בלויז ווי פּעדאַצערס א טאַלמיד, נאָר אויך ווי שאָלעמקעס א לערער.

קאַמסקי מיט עלישען האָבן גאָרניט געהאַט קעגן.

דער קאָרידאָר האָט געראַשט, און לייקע איז געווען די גליקלעכסטע אין דער וועלט: שאָלעמקע גייט אויך צו פּערעצן!..

דרײַ פידלען און פיר מענטשן האָבן אין איינעם א האַרבסטיקן טאָג געטראָגן זיך איבער די וואַרשעווער גאַסן צו פּערעצן.

ווען אייניקע שכיינים פון קאָרידאָר האָבן געזאָגט, אז שאָלעמקע באַ־דאַרף ניט גיין צו פּערעצן, אז דאָרט, וווּ דערוואַקסענע, האָט א קינד ניט וואָס צו טאָן, האָט זיי לייקע, שאָלעמקעס מאַמע, שיר די אויגן ניט אויס־געדראַפּעט.

— א מאָשל־קאַפּאָשל, — האָט זי זיך צעפילדערט, — אז די ציג עסט קלײַען, טרייסלט זיך דער בוידעם! אז דער מילנער שלאָגט זיך מיטן קוימענקערער, ווערט דער מילנער שוואַרץ און דער קוימענקערער ווײַס! ס'איז א שוואַרץ יאָר אין מילך געקאָכט! ס'באַקומט זיך, אז צווישן אַלע שוסטערס איז דער בעסטער שנײַדער יאָסל דער סטאָליער... וואָס מיינט איר זיך, מײַן שאָלעמקע איז א פינפטע ראָד צום וואָגן? ווען פּערעץ איז מיט א יאָר צוריק געווען בא אונדז אין קאָרידאָר און דערהערט, ווי שאָלעמקע אַרבעט עס אויס מיט די לעפל און גאָפּל, ווי ער שפּילט אויס אַפן שטייסל פאַרשיידענע ניגונים, האָט ער זיך ניט געקאָנט אָפּ־לויבן פון אים.

— איר ווייסט, צו וועמען פּערעץ האָט געגליכן מײַן שאָלעמקען? — איז לייקע זיך אַלץ מער פאַנאַנדערגעגאַנגען. — צו א שטראַל האָט ער אים געגליכן, אזוי זאָל מיר לויכטן און קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן מײַן איין אויג אין קאָפּ! א שטראַל אין דער ליכטיקײַט, — האָט פּערעץ געזאָגט, — איז גאָרנישט, א שטראַל אין דער פינצטערניש איז אַלץ!

א גרויער, א וואָלקנדיקער הימל פון אויבן און דורכגענעצטע שטיי־נער פון אונטן. א דריבנע, אײַנגעגעסן רעגנדל האָט געקילט אין פּלייצע און געשמיסן אין פּאָנעם.

עלישע, עזרע און שאָלעמקע האָבן אַלע ווײַלע אַלץ טיפער פאַרוקט די פידלען הינטער זייערע מאַנטלען און אַלץ פעסטער זיי צוגעטוליעט צו זיך, גלײַך דאָס זאָלן זײַן ניט קיין פידלען, נאָר אייפּעלעך, וואָס באַ־געגענען דעם ערשטן האַרבסט אין זייער לעבן.

דער הימל ווערט גרויער און גרויער. דער רעגן אַלץ פרעכער און פרעכער. נאָר וואָס גייט עס אָן די דרײַ פידלען מיט די פיר מענטשן? זיי טראָגן מיט זיך א נײַעם ניגן, א ניגן אָן ווערטער, וואָס פּעדאָצער

האָט געשיקט אלס מאַטאָנע פאַר פּערעצן. די דרײַ פידלען האָבן שוין צענדליקער מאָל אויסגעשפּילט דעם ניגן, און דער ניגן איז אַזוי רײַך, אַז אַלע מאָל איז ער אַן אַנדערער, אַ וווּנדערלעכער. ער איז ווערט פּע־רעצן!

פּערעצעס שטוב. פּערעצעס טיר... ווו נאָר אַ ביטער האַרץ, ברענגט עס אַהער זײַן ווייטעק, ווו נאָר אַ באַלסימכע, פּראָוועט ער דאָ זײַנע סימ־כעס. ווער נאָר עס באַקומט צייכנס אויף ביידע אַקסל, צייכנס פון פליג־לען, וואָס וואַקסן, רײַסט זיך צו אָט דער טיר. און שנײַדט זיך בײַ עמעצן אַ נײַ וואָרט, ווי עס שנײַדן זיך ציינדעלעך בײַ אַ קינד, קלאַפּט ער אָן אין אָט דער טיר...

אויף דער טיר — אַ מעשן בלעטל. אויף דעם מעש — אויסגעקריצטע אויי־סיעס: „י.־ל. פּערעץ!"

אָנקלינגען איז מען מעכאַבעד געווען שאָלעמקען. מיט אַ ציטערנדיקער האַנט און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָט שאָלעמקע אָנגעקלונגען און גלײַך אָפּגעלאָפן אויף צוריק און זיך אוועקגעשטעלט הינטער עזרען.

די טיר האָט געעפנט ער אַליין, פּערעץ. שטענדיק האָט ער אַליין באַגעגנט און באַגלייט אַלע די, וואָס האָבן אָנגעקלאַפּט אין זײַן טיר.

— אָ, סאַראַ אָנגעלייגטע געסט! — איז פּערעץ זיי אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אויסגעשטרעקטע ברייט צעעפנטע הענט. — ברוכים האַבאָים! קוק זיי אָן, אין אַזאַ וועטער, אין אַזאַ האַרבסטיקן רעגנדיקן טאָג! אויף אַזוינס זײַנען פּייַק בלויז אויסגעשלאָסענע, ניט אָנגענומענע...

— ניין, — דערווידערט קאַמסקי, — אויף אַזוינס זײַנען פּייַק צום אַלעם ערשטן די, וואָס טראָגן מיט זיך פּעדאָצערס ניגן, אַ מאַטאָנע פאַר אײַך!

פּערעצעס פינקלענדיקע אויגן האָבן זיך נאָך מער צעשײַנט.

— איז וואָס זשע שטייט איר, ווי די וואָכעדיקע, פּונקט אין אײַך זאָל ניט זײַן קיין פידל־נעשאָמע? — האָט זיך פּערעץ געכאַפּט. — טוט זיך אויס, טוט זיך אויס! פילט זיך, ווי בײַ זיך אין דער היים! איך וועל באַלד הייסן מאַכן טיי, וועט איר זיך דערוואַרעמען.

פּערעץ האָט פלינק געהאָלפן יעדן איינעם אַראָפּנעמען פון זיך דעם דורכגענעצטן מאַנטל.

— סאַראַ געסט! סאַראַ מעזומען! אַן אויסגעשלאָסענער און צוויי ניט אָנגענומענע. און ווער איז דער? — האָט פּערעץ באַטראַכט שאָלעמקען פון אַלע זײַטן.

— דאָס איז דאָך שאָלעמקע, אײַער אַלטער באַקאַנטער, — האָט אים פאָרגעשטעלט קאַמסקי. — פאַראַיאָרן, ווען איר זײַט מיט דינעזאָנען געווען בײַ אונדז אין קאָרידאָר, האָט ער אויסגעשפּילט פאַר אײַך אויפן שטייסל, מיט לעפל און גאָפּל פאַרשיידענע ניגונים.

— איך געדענק! איך געדענק! קוק אים אָן, ווי ער איז עס קיין אײַנ־האָרע פאַר אַ יאָר אויסגעוואַקסן! אויסגעוואַקסן אויף ניט צו דערקענען אים, ער האַלט שוין אַ פידל אין האַנט!

— דאָס האָט ער שוין צו פאַרדאַנקען עזרען, — האָט קאַמסקי ווײַטער פאָרגעשטעלט שאָלעמקען, — אונדזער עזרע איז אַ פידלער בעין פידלער, אַ פידלער פון גאָלע פידלערס, און אויסער פידל האַלט ער ניט איבעריקס

פון אנדערע קיילים, אפילו פון א שטייסל מיט א טויקעטש, און אפילו פון לעפל און גאָפל. אָט הײַנט וועט איר האָבן די מעגלעכקײַט הערן אי דעם רעבן, אי דעם טאַלמיד.

— דאָס איז ניט קיין קלענערע מאַטאָנע, ווי פעדאָצערס ניגן, — ווערט פערעץ שטאַרק אופגעלייגט און ווייסט ניט וויאַזוי אָפּצודאַנקען זײַנע געסט, — דאָס איז דאָך אויסערגעוויינלעך! אַן אויסגעשלאָסענער, צווײי ניט אָנגענומענע, און האָבן געבראַכט מיט זיך א פּערטן, א טאַל־מיד. דאָס איז דאָך דער העכסטער אויסדרוק פון טיפן גלויבן אין בעסערע צײַטן. נאָר נעמט זיך ניט איבער, איר זענט דרײַ, און איך בין א פערטער, איך בין אויך אַן אויסגעשלאָסענער! איז זאָגט זשע אלע, אָכינו אַטאָ — דו ביסט אונדזערער א ברודער. אין זאַמאָשטש בין איך געווען אַן אַדוואָקאַט. אַדוואָקאַטור איז איינער פון די וועגן, וואָס פירן צו דער מענטשלעכער נעשאָמע, צום מענטשלעכן גורל. די צאַרישע רעגירונג האָט אָבער ניט געוואָלט, איך זאָל האָבן צו טאָן מיט נעשאָמעס און גוירעלעס, דעם יוסטיץ־מיניסטער איז ניט אָנגעשטאַנען מיך האָבן פאַר זײַנעם א געהילף, און ער אליין האָט קורץ און שאַרף אָפּגעענטפערט די אלע פּאַליאַקן און ייִדן, וואָס האָבן מיך, זייער מיליץ־יוישער, געפּרוּווט אָפּשרײַען: „אַדראַבאַ, וועט זײַן מיט איין ייִדישן אַדוואָקאַט ווייניקער אין רוסלאַנד“.

— וואָס ווייניקער מיט א ייִדישן אַדוואָקאַט, — האָבן זיך פערעצעס געדיכטע וואָנצעס אָנגעכמורעט מיט א בּאַרויגעז, און זײַנע טיפע פינק־לענדיקע אויגן האָבן זיך בּאַ אים פאַנאַנדערגעצונדן, — וואָס ווייניקער מיט א דענקער, א קעמפער, אַן אופקלערער, א פידלער, א זינגער, א מאָלער, אלץ לײַכטער וועט זײַן אומברענגען און דערשטיקן דעם ייִדן אין די ענגע וועגט פון געטאָ!

— נו איז וואָס, נעמט איר מיך צו פאַר א פערטן? — יאָגט אוועק פע־רעצעס ברייטער שמייכל דעם אָנגעכמורעטן בּאַרויגעז פון זײַנע גע־דיכטע וואָנצעס.

— מיר נעמען אײַך צו, — שטרעקט אויס קאַמסקי זײַן האַנט, — מיר נעמען אײַך צו, נאָר ניט אלס פערטן, נאָר אלס ערשטן.

— ניין, ניין, — זאָגט זיך פערעץ אָפּ פון אַזאַ קאָוועד, — איך בין ניט דער ערשטער און איר זײַט ניט די לעצטע. אָט ער, שאָלעמקע, ער איז עפשער דער לעצטער. אָט ער וועט עפשער זײַן אויך פון די ערשטע, וואָס מע וועט אָנעמען און ניט אויסשליסן. מע וועט אים ניט אויסשליסן ניט דערפאַר, וואָס זײַן טאַטע איז אַן אָרעמער שנײַדער און ניט דערפאַר, וואָס ער איז א ייִד.

— איז וואָס זשע שטייען מיר דאָ? — האָט פערעץ פּלוצעם איבערגע־ריסן זײַן נעוויִעס זאָגן וועגן די גוטע צײַטן. — ווי מיר האָבן זיך עס פּאַרעדט! אַנטשולדיקט! אַנטשולדיקט! דערלאַנגט אַהער די פידלען!

פערעץ האָט באַזעצט די געסט אין עס־צימער, וואָס איז איינצײַטיק געווען בּאַ אים דער גאַסט־צימער, און פאַר זיך אליין עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט:

— די קאַפּעלע איז שוין דאָ, נאָר א קאַפּעלע אָן א קאַפּעלע איז קיין

קאפעלע ניט, — האָט פּערעץ צום ערשט געשטעלט דעם טראָפּ אַפן פּערטן אָס און דערנאָך אַפן צווייטן.

בא קאַמסקין האָבן זיך די נאָזלעכער ברייט פאַנאַנדערגעעפנט. ער האָט ווי אַרײַנגעאָטעמט אין זיך דעם רייעך פון בראַנפן, וואָס האָט זיך צעטראָגן פון פּערעצעס ווערטער־שפּיל. גלײַך האָט ער זיך געכאַפּט און גוויוער געוואָרן אין זיך דעם שיקער, וואָס האַלט אים פעסט אין די הענט שוין עטלעכע יאָר.

— ניין, ניין, — האָט קאַמסקי דער ערשטער זיך אָפּגעזאָגט פון א קאַפּעלע, — ניין, ניין, מ׳באַדאַרף ניט! איר האָט דאָך אונדז אין פאָדער־צימער צוגעזאָגט טיי, איז זאָל זײַן טיי! א וואָרט איז א וואָרט!

— ניין, ניין, מע באַדאַרף ניט! — האָבן אונטערגעהאַלטן קאַמסקין עלישע און עזרע.

— א מײַסע שעלוי האָיאָ — א געשיכטע, וואָס האָט נאָך קיינמאָל ניט פּאַסירט, — האָט פּערעץ פאַנאַנדערגענומען די הענט, ווי ער זאָל זיך אָפּזאָגן צו פאַרשטיין, — אַף כאַסענעס געשפּילט, סימכעס געפּראַוועט בא ייִדן און ניט וועלן נעמען קיין ביסל מאַשקע — איז טאַקע שוין עק וועלט.

— מיר האָבן געגעבן דאָס וואָרט פּעדאָצערן, אַז פאַרן שפּילן וועלן מיר קיינמאָל ניט טרינקען, — פאַרענטפערט זיך עזרע.

פּערעצעס נײַגעריקײַט קוקט אַרויס פון זײַנע אויגן, ווי דער הונגער פון א מענטשן, וואָס האָט עטלעכע טעג קיין ביסן אין מויל ניט געהאַט:

— מיט וואָס זשע האָט ער עס דערקלערט, דער רעבע אײַערער, רעב פּעדאָצער?

— ער האָט עס דערקלערט מיט דעם, — ווערט עזרע דערוואָרעמט פון פּערעצעס נײַגעריקע בליקן, — אונדזער רעבע, רעב פּעדאָצער, האָט עס דערקלערט מיט דעם, אַף וויפל דאָס שפּילן אַפן פידל איז א סימכע, א פרייד, וואָס גייט פון טיפן האַרצן, זײַנען שוין ניט נייטיק קיין שום אַנדערע טראָפּנס אין דער וועלט, וואָס רופן מיט גוואַלד אַרויס די פרייד. ביכלאַל מישט מען ניט קיין סימכע מיט קיין סימכע, ביפראַט נאָך די פרײַע סימכע, וואָס רײַסט זיך אַליין פונעם האַרצן, מיט דער געבייטער, מיט דער געצוווּנגענער.

— נו, וויבאַלד אַזוי, — האָבן פּערעצעס געדיכטע וואָנצעס פרײַ גע־מאַכט דעם וועג פאַר א נײַעם, ערשט געבוירענעם שמייכל, — וויבאַלד אַזוי, איז זאָל זײַן, ווי ער האָט געזאָגט! טרינקען מיר טיי! וויבאַלד פּעדאָצער האָט גוויזער געוואָרן, קאָן איך זײַן גזיירע נישט מעוואַטל מאַכן און אָפּ־שאַפן זי.

פּלוצעם וואַקסט אויס יאַנקעוו דינעזאָן. קיינער האָט ניט געקלונגען, קיינער איז ניט געגאַנגען עפענען די טיר, און ער איז דאָ. די געסט קוקן זיך איבער און וואַגן ניט פרעגן.

און פּערעץ דערקלערט זײַנע געסט:

— מיינט ניט, אַז יאַנקעוו דינעזאָן איז אַזאַ, וואָס זעט יענעם און אים זעט מען ניט. זײַן גאַנצער קויעך באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט זיך זײַן אייגענעם שליסל צו מײַן טיר. זײַן שליסל איז פאַרליבט אין מײַן שלאָס, און עס ציט אים עפענען גראַדע פאַרטאָג, גראַדע באַנאַכט, גראַדע ווען עס

רעגנט, ווען עס שנייט, ווען עס שטורעמט. כעוורע לייצים רופן מײַן יאַנ־קעוון שייני לעבאַלעבאָס, נאָר ס׳איז נאָך א גרויסע פראַגע, ווער ס׳איז דאָ דער הויפּט־באַלעבאָס און ווער ס׳איז דאָ דער געהילף־באַלעבאָס.

יאַנקעוו דינעזאָנס קינדערשע האַנט האָט נאָך ניט באַוויזן דערפילן דעם טאַם פון די שאָלעם־אַליכעמס, זײַנע צוגעזשמורעטע אויגן האָבן זיך נאָך זאַט ניט באַוויזן אָנצוקוקן אין די פּענעמער פון די געסט, און פּערעץ האָט אים שוין דערפריייט מיט דער בסורע וועגן פעדאָצערס ניגון, וואָס די טאַל־מידים זײַנע האָבן געבראַכט אַהער.

— פאַר מיר איז דאָס גאָרניט אומגעריכט, — האָט דינעזאָן, א באַשײַנ־טער פון גליק, געדריקט פּערעצן די האַנט און אים באַגריסט מיט דער מאַטאָנע, — איך האַלט די גאַנצע צײַט, אַז פעדאָצער איז פון די אַנשיי פּערעץ — א פּערעציסט! א פּערעץ־גײַסט לויט זײַן נעשאָמע, לויט זײַן ניגן.

— און עפשער פאַרקערט, — האָט פּערעץ ווי אַלעמאָל געגומען צוימען זײַן פרײַנט, — עפשער איז גאָר פּערעץ פון די אַנשיי פעדאָצער — א פעדאָצעריסט, לויט זײַן נעשאָמע און לויט זײַן ניגן?

— עס קאָן זײַן אי אַזוי, אי אַזוי. עס טרעפט, אַז דער ניגן געבירט דאָס וואָרט, און עס טרעפט, אַז דאָס וואָרט האָט צו זאָגן איבערן ניגן. נאָר ווי ס׳זאָל ניט זײַן, איז קומט פון דיר קיבעד. ווו זשע איז דער קיבעד? — שמייכלט דינעזאָן א צופרידענער, וואָס ער קאָן אַרויסווײַזן פאַר די געסט, אַז ער איז דאָ אין שטוב ווײַט ניט קיין שייני לעבאַלעבאָס. — א קינד זיצט באַם טיש, און איך זע ניט קיין זיסע זאַכן! אַף אַזוינס האָב איך זיך גאָרניט געריכט! אַזוי איז שטענדיק. בין איך נישטאָ, איז קיין טאַלק נישטאָ! כאָטש לאָז קיינעם ניט אַרײַן, ווען איך בין ניטאָ.

דינעזאָן פּראָוואָדעט אַרויס פּערעצן אין קאַבינעט אַרײַן דורכקוקן די הײַנטיקע פּאָטשט, און, ווי א געניטער מוזיי־אַרבעטער, ווי א געניטער עקס־קורסיע־פירער, דערקלערט ער פאַר די געסט די אָפּשטאַמונג פון יעדן כייפעץ, די געשיכטע פון די פאָטאָגראַפיעס און בילדער, פון די אויסגענייטע און אויסגעהעפטע מיזרעכס, סאַלפעטקעס און טיכלעך, וואָס זײַנען גע־האַנגען דאָ אַף די ווענט.

פּערעץ האָט זיך אומגעקערט פונקט אין דער רעגע, ווען דינעזאָן האָט זיך אַזוי צעפּערעצט, אַז ער האָט פאַרגעסן, אַף וועלכער וועלט ער געפינט זיך.

— גענוג, יאַנקעוו! גענוג! דו ביסט דאָך עפּעס א שרײַבער בא ייִדן און דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז מע טאָר אײַנגאַנצן דעם דאַברעמאַזל ניט אַרײַנלייגן אין איין בוזעם־טאַש. וואָס וועל איך טאָן אָן דיר, און וואָס וועסטו טאָן אָן מיר, ווהין טויגן מיר ביידע איינער אָן דעם צווייטן? איז לאָז צורו פּערעצן!

— און דו, פּערעץ, לאָז צורו דינעזאָנען! וואָס איז דײַן טאַטנס דײַגע זיך מישן צו מײַן ליבע? אַז עס ליבט זיך, דאַרף מען ליבן, אַז עס וויינט זיך, באַדאַרף מען וויינען.

א קלונג אין טיר רײַסט איבער דעם שטרײַט צווישן פּערעצן און דינעזאָנען. דינעזאָן פאַרלויפט פּערעצן דעם וועג. פּערעץ דעריאָגט אים

מיט איין שפּאַן, גיט אים פּעסט א נעם פאר דער האַנט און קערט אים אום אף צוריק. ס'איז אַרײַן א פארלעגער.

פּערעץ שרײַט אויס הילכיק:

— יאַנקעוו, א קוינע איז געקומען, גיי פארקויף מיך!

— זײַט זיכער, — באַרויִקט פּערעץ דעם פארלעגער, וועלכער פאַר־שטייט ניט, וואָס דאָ קומט פאָר, — זײַט זיכער! וועט אײַך דינעזאָן באַשטימען א דאַטע, איז מעג דונערן און בליצן, וועט עס צו דער באַשטימטער דאַטע אויסגעפּילט ווערן. וועט דינעזאָן זאָגן מאָנטיק, איז מעגן אויסגעטריקנט ווערן אַלע טינטערס אין דער וועלט, וועט עס זײַן מאָנטיק און ניט דינסטיק. און וואָס שײַעך האָנאָראַר, לוינט אײַך אוואדע און אוואדע בעסער האָבן צו טאָן מיט דינעזאָנען. ער איז ניט קיין באַרײַסער, ער פארקויפט מיך שטענדיק פאר האַלב אומזיסט. בא אים איז דעריקער זען מײַנע זאַכן געדרוקט אין א סייפער.

דינעזאָן מיטן פארלעגער זײַנען אוועק אין קאַבינעט. פּערעץ האָט געגרייט צום טיש, דערלאַנגט קיבעד און געהאַלטן אין איין באַדויערן דינעזאָנען:

— אײַ, אײַ, יאַנקעוו וועט עס גאָרניט אויסהאַלטן! בא אים אָפּגע־שלאָגן אַזא מיצווע, אָפּגענומען אַזא פארגעניגן ווי דערלאַנגען קיבעד, ווי באַדינען געסט. נאָר נישקאָשע, איך וועל אים איבערבעטן, אונדזערע באַרויִגעזן זײַנען נישט אף לאַנג.

דינעזאָן האָט אין קאַבינעט געהאַלטן אין איין לויבן פּערעצן פארן פארלעגער:

— פּערעצעס אָן אָס איז מיט גאָלד גלײַך. פּערעץ באַשטייט דורכויס פון זעמל־מעל. פּערעץ איז פּערעץ!

און פּערעץ האָט אין דער זעלבער צײַט נישט אופגעהערט לויבן פאר זײַנע געסט דינעזאָנען:

— איך האָב אים ליב, ווײַל ער איז דער הייפּעך פון מיר... און די איינהײַט, ווי איר ווייסט, שאַפט זיך גראָד פון ווידערשפּרוכן. א ניגן אפילע קאָן מען ניט זינגען לויט איין הויך. דאָס קאָל פון נעגינע ענ־דערט זיך צוזאַמען מיטן ניגן. איין קאָל אפילע באַשטייט פון פארשיי־דענע טענער, פון הויכע, מיטעלע און נידעריקע, פון ראַשיקע און שטילע, ביפראַט נאָך — קוילעס. וואָלטן אַלע קוילעס און קלאַנגען געקלונגען אַלציינס, וואָלט ניט געווען דאָס שענסטע אין לעבן — די האַרמאָניע.

אין דרויסן איז געווען טונקל. בא פּערעצן אין שטוב איז געווען ליכ־טיק. דאָס טיר־גלעקל האָט ניט גערוט, אַלע ווײַלע — א קלונג, אַלע ווײַלע — א נײַער גאַסט. עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז די קלאַנגען פון פּעדאַצערס ניגן, וואָס עלישע, עזרע און שאָלעמקע האָבן מיטגע־בראַכט מיט זיך, כאָטש די פידלען שווײַגן נאָך, האָבן זיך פאַרט שוין פאַנאַנדערגעטראָגן ווײַט־ווײַט און ווי מיט א קישעף געצויגן אַהער אַלע די, וואָס לעכצן און קוקן אַרויס אף א נײַעם ניגן.

פערעץ און דינעזאָן נעמען אוף די געסט. זיי העלפן זיך אויסטאָן און באַגלייטן יעדן איינעם אין קאַבינעט אַרײַן.

די אָוונטיקע שמועסן ווערן שטענדיק געפירט בא פערעצן אין קאַבי־נעט. דאָ אין קאַבינעט ווערט געשאַפן פּערעצעס טוירע שעביקסאוו, און דאָ אין קאַבינעט ווערט געשאַפן פערעצעס טוירע שעבאַלפּע.

דינעזאָן ווערט ניט מיד אָנזאָגן די בסורע וועגן נײַעם ניגן, וואָס וועט הײַנט אָט דאָ דערהערט ווערן, און ווייסט ניט, ווי יעדן איינעם אוועקזעצן. אים דוכט זיך אַלץ, אַז יעדער איינער איז מער ווערט, ווי דאָס אָרט, וואָס ער פאַרנעמט.

— איך בעט אײַך! — האַלט דינעזאָן אין איין איבערכאַזערן, — איך בעט אײַך זייער, פילט זיך, ווי בא זיך אין דער היים.

— צופיל, צופיל פאַרלאַנגסטו, יאַנקעוו, — איז פערעץ שטאַרק צופרידן פון דינעזאָנס גאַסטפרײַנטלעכקײַט און פונעם נײַעם געדאַנק, וואָס איז דאָ אָקאָרשט געבוירן געוואָרן בא אים. — זיך פילן, ווי בא זיך אין דער היים, ווען א ניגן אַנטפּלעקט זיך, איז ניט פון די גרינגע זאַכן. בלויז דער, וואָס דערהערט זײַן אייגענעם ניגן, איז נישט קיין גער אין דער וועלט פון נעגינע. בלויז אַזאַ קאָן זיך פילן, ווי בא זיך אין דער היים!

דינעזאָן פאַרוקט זיך אין א ווינקעלע בא א קײַלעכדיק קליין טישל, שפרייט אויס א צײַטונג, שיט אויס א פּאָר זשמעניעס שמעקנדיקן געלן טאַבעק, שטעלט אוועק א שאַכטל גילזן און נעמט אָנשטאָפּן פּאַפּיראָסן פאַר פערעצן און פאַר זײַנע געסט. דינעזאָנס בליקן לאָזן אַף קיין רעגע ניט אָפּ פערעצן, זײַנע אויערן זײַנען אָנגעשטרענגט, און די הענט זײַנע טוען זיך זייער אַרבעט.

א צענדליק נאָך א צענדליק און א ריי נאָך א ריי לייגן זיך אַקוראַט אויס די פּאַפּיראָסן אין דער שיין אויסגעשניצטער הילצערנער פּושקע, וואָס פאַרמאָגט אַזוי ווי קיין דנאָ ניט, — וויפל מע זאָל אין איר ניט אַרײַנלייגן קיין פּאַפּיראָסן, איז דאָרט אַלץ געראַם.

פערעץ טראָגט אונטער יעדן איינעם די שיין אויסגעשניצטע פּושקע, לויבט דעם טאַבעק, די גילזן, דינעזאָנס אַרבעט און בעט זיך מעכאַבעד זײַן.

רייכערער און נישט רייכערער טוען אַלע צוליב פערעצן...

שאָלעמקע באַטראַכט די פּאַטאָס, די בילדער, כאַזערט אײַן די פאַמי־ליעס פון די מאָלער, וואָס האָבן געמאָלט פערעצן, און קאָן לאַנג ניט אָפּרײַסן זײַנע בליקן פון פערעצעס שרײַבטיש. דער שרײַבטיש איז צו־געדעקט מיט א געשטריקטן טישטעך, עס ליגט אַף אים א זילבערנער טײַטל־פינגער, א זילבערנער בסאָמעניק, זילבערנע לײַכטער מיט ווײַסע ליכט שטייען בא דער זײַט, זילבערנע בעכערס פינקלען, שעמערירן... סאַרא יאָמטעוודיקער טיש!

עלישע און עזרע גייען נאָך פערעצן פּוסטריט. ווו נאָר ער באַווײַזט זיך ערגעץ, אַזוי גלײַך וואַקסן זיי דאָרט אויס. זיי קוקן זיך איבער און באַוווּנדערן, ווי ער שליסט זיך איבער לײַכט פון איין געשפּרעך אַף א צווייטן.

א בליץ נאָך א בליץ, א געדאנק נאָך א געדאנק. איין בליץ באַלײַכט דעם צווייטן, איין געדאנק ציט נאָך זיך א גאנצע ריי געדאנקען.

פערעץ דארף דעם בוים אינגאנצן גענומען — די וואָרצלען, די צווײַגן, די קרוין. ער פאלט אָן אף די פּראָסט־פּאָשעטע מײַסעס מיט די אינטריגעלעך און סוזשעטלעך. געדאנק איז ניט בלויז א זאך פון פילאָסאָפן, פונקט ווי פּאָעזיע איז נישט בלויז די זאך פון פּאָעטן.

— יאָ, יאָ, אָן געדאנק און אָן פּאָעזיע איז ניטאָ קיין פּראָזע. מיר זײַנען מיט א רײַכער פארגאנגענהײַט, מיט א דוירעסדיקער קולטור, און מיר האָבן קיין רעכט ניט זיך באַנוגענען מיט א דערווײַליקער, דורכגייענדיקער מאָמענט־אופנאם־ליטעראטור.

פערעצעס אופגעהויבענע האנט פאָדערט, מאָנט:

— ניט בעסער ווי אין דער ליטעראטור איז בא אונדז אין דער מוזיק. מיר פארמאָגן ריזיקע מעלאָדישע אוצרעס, און ווען מיר הערן די ווערק פון אייניקע ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרס, קאָן זיך דוכטן, אז מיר הייבן ערשט אָן, אז מיר האלטן ערשט באם רויען פּרימיטיוו.

בעטהאָווען, בייס ער האָט זיך געקליבן ארבעטן איבער דער אָראַטאָריע „שאָול“, איז ער אראָפּ אין די טיפענישן פון אונדזערע מעלאָדיע־רײַכטימער און ער איז געווען איבערראשט! רימסקי־קאָרסאקאָוו האָט ניט איין מאָל איבערגעכאזערט, אז ייִדן באזיצן א ריזיקן מעלאָדישן אוצער. איז ביזוואנען זשע וועט זיך טראָגן דער קלאנג פון מינץ, פון גראָשנס און קאָפּקעס?

א טײַנע, און א טײַנע, און ווידעראמאָל א טײַנע!

דינעזאָן הייבט זיך אָן באומרויקן:

— ייִצכאָק־לייבוש! רו זיך שוין אָפּ א קאָפּ, גענוג שוין! וויפל קאָן מען? א הארץ איז דאָך ניט קיין שטיין. און אפילע א שטיין, אז ער ווערט צעגליט בא דער ארבעט, לאָזט מען אים זיך אָפּקילן, ער זאָל ניט פּלאצן. אײַ, ייִצכאָק־לייבוש! דו ביסט א גאזלען אף זיך אליין און אף אונדז אלעמען. מיר האָבן איין פערעצן, און דו זשאלעוועסט אים ניט, דעם איין־און־אייציקן פערעצן אונדזערן! רו זיך אָפּ! גיי, זעץ זיך שוין צו א ווײַלע!

פערעץ גיט זיך אונטער:

— יאָ, גענוג טײַנען, לאָמיר בעסער הערן פּעדאָצערס נײַעם ניגן. פריִער וועלן עלישע, עזרע און שאָלעמקע אים אויסשפּילן, דערנאָך וועט יעדער איינער אים אויסזינגען, און ווען יעדערער וועט שוין האָבן זײַן כיילעק אין אים ארײַנגעטראָגן, וועלן מיר זינגען אלע צוזאמען.

שרײַבן איז ניט יעדערער מעכויִעוו, אָבער פון זינגען איז קיינער ניט פּאָטער, זינגען מוזן אלע! זינגען פאר זיך, מיט זיך, אין זיך. זינגען, אויסזינגען, אונטערזינגען און מיטזינגען מיט אלעמען...

יאָ, פריִער זינגט מען ארויס פון זיך, און נאָכדעם זינגט מען ארײַן איינער אינעם צווייטן, און עס ווערט אויס דו, אויס איך, אויס איינס און אויס צוויי, עס ווערט אלעמענס געזאנג. דאָס פארמינערט ניט, נאָר פארקערט, פארגרעסערט, פארטיפערט און פארפילפאכיקט דעם ניגן.

די טײַכן, וואָס שטראָמען און פאַלן אַרײַן אין יאַם, ווערן פון דעם ניט אויס טײַכן. פאַרקערט, אין יאַמיקן שטראָם ווערן זיי ערשט די עמעסדיקע טײַכן, ערשט אין יאַם דערפילן זיי, וואָס אַזוינס זיי באַטײַטן אין דער לענג, אין דער ברייט און אין דער טיף.

פּערעץ ווערט אַנשוויגן. עס ווערן אָנגעשטעלט די פידלען, עס ווערן אָנגעשטעלט די הערצער, עס ווערן אָנגעשטעלט מויל און אויערן.

דער ניגון הייבט זיך אָן! פידלען ווייסן ניט פון קיין ניגון אָן ווערטער. פידלען ווייסן ניט פון קיין שטומע ניגונים, אַלע ניגונים ריידן באַ זיי אָף דער קלאַנגען־שפּראַך.

— נאָכאַמאָל פון אָנהייב, — בעט זיך פּערעץ באַ די פידלער און דערקלערט גלײַך, פאַרוואָס עפּעס נאָכאַמאָל פון אָנהייב.

פּעדאָצערס ניגון איז באַלאָדן פון טיף אינווייניק. ער רופט זיך איבער מיט קלאַנגען, וואָס זײַנען שוין לאַנג פאַרגאַנגען, און מיט קלאַנגען, וואָס זײַנען נאָך ניט געבוירן. און אַזאַ ניגון לאָזט זיך ניט אַזוי לײַכט פאַנגען. נאָכאַמאָל פון אָנהייב!..

— אוודאי נאָכאַמאָל פון אָנהייב! — האַלט אונטער דינעזאָן פּערעצן.

— נאָכאַמאָל פון אָנהייב! — זײַנען די געסט מאַסקים מיט פּערעצן און מיט דינעזאָנען.

דער ניגון ווערט איבערגעכאַזערט, ווערט אויסגעשפּילט אָף די פידלען אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל. ער איז נאָך ניט געוואָרן קיין טוישעוו, דער ניגון, אָבער ער איז שוין אויך ווײַט ניט קיין גער. זײַנע קלאַנגען און ווידערקאָלן האָבן דורכגעעקבערט די אויערן, אַרײַנגעדרונגען אין הערצן און האָבן טיף אינווייניק אומעטום רינגען געלאָזט אָף זיך אָנצו־כאַפּן און נישט אָפּלאָזן דעם ניגון.

יעדער איינער פון די, וואָס הערן דעם ניגון, זינגט אים נאָך אָף זײַן אויפן. יעדער איינער טראָגט אַרײַן אינעם ניגון זײַנס, באַרײַכערט אים מיט זיך אַליין.

דורכגעפירט בעשאָלעם יעדן באַזונדער, דערפילן זיך די דרײַ פידלען בעקויעך צו פירן נאָך זיך אַלעמען צוזאַמען, מיטאַמאָל.

פּערעץ הייבט אָן דער ערשטער אונטערברומען. עס כאַפּט אונטער אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פערטער, עס זינגען אַלע...

אי, באַ־באַ, באָם־באָם — פּעדאָצערס ניגון איז אַ ניגון אָן ווערטער, אַ ניגון, וואָס הייבט זיך אָן דאָרט, וווּ דאָס וואָרט האָט זיך געענדיקט, וווּ דאָס וואָרט קאָן זיך ניט דורכרײַסן און קאָן ניט דורכגיין.

פּעדאָצערס ניגון איז אַ ניגון, וואָס רעדט זיך אויס דאָס האַרץ, וואָס האָט זיך זײַן מיין, זײַן געדאַנק. ס'איז אַ ניגון, וואָס טײַנעט, וואָס קלאָגט זיך, וואָס פאַלט אַרײַן אין אַצוועס, לעשט זיך אויס און צעצינדט זיך פון היסלײַוועס און באַלויכט דעם וועג, וואָס פירט צו אויסלייזונג, צו באַ־פרײַונג, צו סימכע.

אי, באַ־באַ, באָם־באָם! — הילכן אָפּ די קלאַנגען, ווי אָן ערשט אַרויסגעוואָרפענער שטריק אָף זיך אָנכאַפּן אָן אים, זיך האַלטן פעסט אין אים, גיין און גיין אַהין, וווּ ס'איז ענג דער אַרײַנגאַנג און נאָך ענגער דער אַרויסגאַנג, וווּ ס'איז הויך, וווּ ס'איז טיף און וווּ עס דראָעט

מיט סאקאָנע און געפּאר אף טריט און שריט. אי, באַ־באַ, באָם־באָם — גייען אלע נאָך די קלאנגען פון די פידלען, און אלע זינגען מיט מיט פּערעצן!

און אויב זינגען, איז געזונגען! פּערעצן קאָן מען ניט אָפּנארן. ווען א שטים צווישן אלעמענס שטימען אָנעמען שטומעניש, וועט פּערעץ מיט איין בליק זײַנעם זינגעוודיק מאכן דעם אנשוויגן געוואָרענעם, ווײַל שרײַבן איז ניט יעדערער מעכויעוו, אָבער פון זינגען איז קיינער ניט פּאָטער, זינגען מוזן אלע!

אי, באַ־באַ, באָם־באָם! — קריגט זיך דער ניגן מיט דער טוירע און נעמט ניט אָן איר פּסאקדין, אז די אָרעמקײַט וועט שטענדיק דויערן, אז ווי אייביק ס'איז די ערד, אזוי אייביק איז דער אָרעמאַן.

אי, באַ־באַ, באָם־באָם! — כאַפּן זיך ארײַן די קלאנגען אין די פינגער און העלפן מיט אויסלאכן די נארישקײַט, וואָס דער קלוגער שלוימע־האמעלעך, דער כאָכעם בען כאָכעם האָט געזאָגט: נישטאָ קיין נײַס אונטער דער זון, ווי ס'איז געוועזן, אזוי איז, אזוי וועט עס בלײַבן.

— ניין, ניין, — לייקנט אָפּ דער „אי”, מאכט צונישט דער „באַ־באַ” און עס צאָרנט דער „באָם־באָם”.

דער אימפּעט פון אָפּלייקענען פלאמט פאנאנדער דעם ניגן. דעם „ניין” ווערט קעגנגעשטעלט א „יאָ”, דער „יאָ”, וואָס איז דאָ, — דעם „יאָ”, וואָס גייט און קומט כאַרעוו מאכן אלע „ניינען”, וואָס האָבן אזוי אכזאָריעסדיק בארויבט אלע „יאָען” בא די בארויבטע.

אי, באַ־באַ, באָם־באָם! — דונערן די קלאנגען פונעם „באָם־באָם”, ווי די קלאנגען פונעם גלאָק: באָם! באָם! באָם!

פּעדאָצערס ניגן גלייבט אין בעסערע צײַטן, אין יענע צײַטן, ווען דער אָרעמאַן וועט אופשטיין פון דער ערד און דער עוויען וועט פון די מיסטן דערהויבן ווערן. צוזאמען מיט פּעדאָצערן גלייבט אין דעם פּערעץ, און צוזאמען מיט פּערעצן גלייבן דאָ אלע, אז אזוי וועט זײַן.

עס גייט און קומט א נײַער דאָר, א דאָר מיט פליגל, א דאָר, וואָס וועט זיך ניט וועלן מער וואלגערן אין דער בלאָטע און וועט זיך מער ניט רײַסן איבער א פּארנאָסע־„ווערעמל”.

עס גייט און קומט דער טאָג, וואָס איז דורכויס גוט, דורכויס יאָם־טעוו!

עס גייט און קומט דער טאָג, ווען כאָלעם וועט ווערן וואָר און וואָר וועט שענער זײַן פון יעדן כאָלעם.

עלישען און עזרען קומען אוף אפּן זינען די אָוונטן אין ליפּאָוועץ, אין לינעץ, אין בערדיטשעוו.

אָט אזוי פלעגט מען אמאָל זינגען אין ליפּאָוועץ און אין לינעץ, אזוי האָט מען געזונגען אין בערדיטשעוו בא פּעדאָצערן.

„שלוימעס טשײַנע” האָט אין ליפּאָוועץ געהייסן עזרעס טאטנס שטוב. כאצקעלע דעם שנײַדערס שטוב, עלישעס טאטנס שטוב, האָט ניט ווייני־קער געשעמט אין לינעץ...

אין בערדיטשעוו — פּעדאָצערס שטוב! אין װארשע — פּערעצעס שטוב!

א רינג אין א רינג, און די גאָלדענע קייט ווערט גרעסער! א רינג אין א רינג, און די גאָלדענע קייט ציט זיך און ציט זיך!

אין דער שטילקייט הערט זיך צו יעדער איינער צום אָפּהילך פון די אוועקגייענדיקע קלאַנגען. דער ניגן איז געענדיקט. אלעמענס אויגן זײַנען געווענדט צו פּערעצן. פּערעצעס א וואָרט וועגן ניגן איז א צווייטער ניגן.

און פּערעץ איז עפּעס גאָר באַרויִקט און לאָזט אויס זײַן קאַס אַף דינעזאָנען:

— איבער דיר, יאַנקעווו, בין איך נאָך ביז איצט ניט געווען אין בערדיטשעוו, איבער דיר האָב איך זיך ביז איצט ניט באַקאַנט מיט פּעדאָצערן, ניט זוכה געווען זען דעם רעבן צווישן זײַנע טאַלמידים, דעם קאַפּעלמייסטער צווישן זײַן קאַפּעליע! איבער דיר האָב איך ביז איצט ניט זוכה געווען שטיין בא פּעדאָצערס בראָכשטול, ווען עס ווערט געבוירן א נײַער ניגן.

— אָן אַנדערער אַף דײַן אָרט, — קאָן זיך פּערעץ אַלץ ניט באַרויִקן, — וואָלט מיך געטריבן, איך זאָל צופּוס גיין צו אים, ער וואָלט מיר די נעשאָמע אַרויסגענומען מיט זײַנע סטײַטשן: סטײַטש, ביז איצט נאָך ניט געזען פּעדאָצערן! סטײַטש, ביז איצט נאָך ניט געהערט פּעדאָצערן! סטײַטש, ווי קאָן מען עס? סטײַטש און סטײַטש! אָן אַנדערער אַף דײַן אָרט וואָלט ניט געשאַנעוועט: וואָס זאָגסטו עפּעס אַף פּערעצן? ער קלײַבט זיך דערגיין, וואָס אין פּידעלע שטעקט, אַנטפּלעקן די נעשאָמע פונעם ניגן, די נעשאָמע פונעם קלעזמער. און האָט ביז איצט נאָך ניט געזען און ניט געהערט פּעדאָצערן! דאָס איז דאָך אַלצײנס, ווי א פּאַרפרווירענער, וואָס וויל זיך דערוואַרעמען און אַנטלויפט פון פײַער!..

— שאַ־שאַ־שאַ! יִצחאָק־לייבוש, היץ זיך ניט אַזוי, עס זיך ניט אָפּ דאָס האַרץ. עס לאָזט זיך אויס, — שמייכלט גוטמוטיק דינעזאָן, — אַז איך בין טאַקע געווען גערעכט, וואָס איך האָב דיך ביז איצט ניט געלאָזט קיין בערדיטשעוו. דו ביסט נאָך ניט געווען גרייט פאַר דעם, ווּעהאַרײַע, איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהערט, דו זאָלסט ריידן וועגן פּעדאָצערן מיט אַזא היסלײַוועס, ווי דו רעדסט איצט. דאָס זײַנען גאָר אַנדערע ווערטער! איצט איז געקומען די צײַט, און איך וועל גאָר איינגיכן זען דיך אויסריכטן אין וועג אַרײַן.

א צופרידענער פון דער פּאָרשטייענדיקער רײַזע, וואָס דינעזאָן האָט אים צוגעזאָגט, האָט זיך פּערעץ גענומען נאָכפרעגן בא עלישען און עזרען וועגן פּעדאָצערן:

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, ווי זעט ער אויס?

— בידעריקער פון מיטעלן וווּקס, — ענטפערט עלישע.

עזרע דערלאָזט ניט, אַז פּערעץ זאָל זיך אַנטווישן, און גיט גלײַך צו:

— ווען פּעדאָצער דיריזשירט, ווערט ער אַזוי הויך, אַז איך האָב נאָך אַזא הויכן אין מײַן לעבן ניט געזען.

עלישע קען זיך ניט אָפּלויבן פון פּעדאָצערס ברייטן שטערן, עזרע

באוווּנדערט פּעדאַצערס אויגן, וואָס זײַנען אָפֿן און קוקן ברייט אַף דער וועלט אפילע דאַן, ווען זיי זײַנען צוגעמאַכט.

— ס'איז עמעס, — פרעגט פּערעץ, — אַז די בערדיטשעווער אָרע־מעלײַט, כאָטש גילד זיי אָפּ, ווילן קיין נעדאָווע ניט נעמען בא פּעדאַ־צערן? זיי האַלטן טאַקע, אַז פּעדאַצערס שענסטע נעדאָווע איז זײַן ניגן פאַר דער אָרעמער קאַלע, מיט וועלכן ער באַשײַנט דעם אָרעם־טיש?

— עמעס! עמעס! יאָ, אַזוי איז עס!

— איז עס עמעס, אַז פּעדאַצער שרײַבט פאַר יעדער אָרעמער קאַלע א נײַעם ניגן, א נײַעם טאַנץ?

— עמעס, עמעס! — זײַנען עלישע און עזרע גליקלעך, וואָס זיי איז עס באַשערט געווען זען און הערן, און וואָס זיי איז באַשערט איצט, אָט דאָ, איידעס זאָגן וועגן דעם פאַר פּערעצן, — מיר זײַנען ניט איין מאָל צוזאַמען מיט פּעדאַצערן געגאַנגען צו דער אָרעמער קאַלע זיך דערוויסן, ווער זי איז, פונוואַנען זי שטאַמט, און ווי'אַזוי זי לעבט? וואָס פאַרא טענץ זי האָט ליב, און וואָס פאַרא לידער זי זינגט? ווײַל אויב פּעדאַצער קען ניט די קאַלע, ווייסט ער ניט, וואָס פאַר א ניגן איר שענקען, וואָס פאַר א טאַנץ אויסצוקלײַבן.

פּערעצן אינטערעסירט, ווי זעט אויס די שענסטע זינגערן און פלינק־סטע טענצערן, וועלכע פּעדאַצער קלײַבט אויס אַף אויסזינגען און אויס־טאַנצן איבער די בערדיטשעווער גאַסן זײַן נײַעם ניגן, זײַן נײַעם טאַנץ, אַז די זילבערנע טאַץ אַף איר קאָפּ זאָל פול ווערן מיט נאַדן פאַר דער אָרעמער קאַלע, מיט געלט אַף כאַסענע־הויצאָעס.

עלישע און עזרע דערמאָנען זיך און דערציילן:

די ווײַסע זילבער־טאַץ אין אירע פלינקע הענט פליט, ווי א טויב, און דאַנקט אָפּ מיט א געקלאַנג פאַר יעדער פאַרהאָרעוועטער מאַטבייע, וואָס פאַלט אין איר אַרײַן.

זיי דערציילן וועגן ניגונים און טענץ, וואָס האָבן באַשײַנט די אָרעמע כאַסענע־טישן, באַצירט די אָרעמע קאַלע און פאַרפלייצט גאַנץ בער־דיטשעוו מיט פרייד. יעדער ניגן האָט זיך זײַן גילגל, און יעדער גילגל איז א נײַער אָנהייב, א נײַ לעבן.

די פידלער שפּילן, און פאַר פּערעצעס ווײַט געווענדטע בליקן שוועבט די שענסטע זינגערן און די פלינקסטע טענצערן.

— אין א וואָכעדיקן טאָג אַזא יאָמטעוו! — איז פּערעץ איבעראַשט און מעקאַנע די אויגן, וואָס האָבן עס געזען, די אויערן, וואָס האָבן עס געהערט.

צו נײַע פּײַערלעך

פּערעץ איז דער, וואָס קאָן אים מיט עפּעס־וואָס העלפן.

און עזרע האָט קיין טאָעס ניט געהאַט.

אָפֿן צווייטן טאָג נאָך דער באַגעגעניש איז פּערעץ אַליין געקומען אין קאָרידאָר מיט דער פריידיקער בסורע, אַז זײַן פרײַנט אווגוסט

באַלעסלאַווסקי, דער פּראָפעסאָר פון מוזיק־שול, איז מאַסקים לערנען מיט עזרען און מיט עלישען אַף אַ פּריוואַטן אויפן בא זיך אין דער היים אָן שום געצאָלטס.

ס׳איז געווען אַ קילער האַרבסט־טאָג.

די טיר פון אווגוסט באַלעסלאַווסקיס וווינונג האָט ברייט געעפנט פאַר עלישען און עזרען אַ יונגע, שלאַנקע פרוי. עס האָט אָן אָטעם געטאָן מיט וואַרעמקייט. די וואַרעמקייט האָט זיך געטראָגן פון די בלויע אויגן, פון די גאַסטפרײַנטלעך אײַנלאַדנדיקע הענט און פונעם „פּראָשע פּאַנאַ״.

— גיט איבער, — האָט עזרע זיך העפלעך פאַרנייגט פאַר דער שיינער וווקסיקער פרוי מיט די בלאָנדע האָר, — פּעדאַצערס טאַלמידים זײַנען געקומען צו אים.

עס איז ניט דורך קיין מינוט, און באַלעסלאַווסקי האָט זיך באַוויזן אין פּאָדערצימער.

— אָ, פּאַן מאַליאַרסקי! — דער פּראָפעסאָר האָט פעסט געדריקט די האַנט פונעם יונגן מענטשן. — זייער גוט, וואָס איר זײַט געקומען! און איר זײַט געוויס עלישע? לעאָן פּערעץ האָט מיר דערציילט וועגן אײַך... זייער גוט, וואָס איר האָט געפונען דעם וועג צו מיר. ווער ס׳זאָל שפּילן און ווער ס׳זאָל ניט שפּילן — איז ניט אין זייער רעשוס, ניט אינעם רעשוס פון די, וואָס האָבן רעשוס אַף אַלץ... דאָס איז שוין באַשטימט געוואָרן אָן זיי און ביז זיי! די נאַטור האָט באַשטימט! די נאַטור האָט אָפּגעקליבן, און איר אויסוואַל איז אַ ריכטיקער. איצט איז אַלץ אָפּהענגיק נאָר פון אײַך! און איך פון מײַן זײַט וועל טאָן אַלץ, וואָס איז אָפּהענגיק פון מיר... קומט זיך אונטערפּעסטיקן, לאָמיר צוזאַמען פּרישטיקן, — דער פּראָפעסאָר האָט אײַנגעלאַדן די געסט אין עס־צימער.

באַם פרישטיק האָט באַלעסלאַווסקי פאַרגעזעצט זיך אָנפרעגן, גלײַך ווי ער האָט נאָרוואָס זיך דערוווסט וועגן דעם, וואָס עס האָט געטראָפן מיט עלישען און מיט עזרען.

— סאַראַ אינקוויזיטאָרישע אַכזאָריעס, סאַראַ רעציכעס! פאַרמאַכן די טיר פאַר די, וואָס האָבן רעכט די ערשטע אַרײַן, אַרויסשלײַדערן צו אַלדי רוכעס דאָס, וואָס איז אַזוי נייטיק, וואָס מע באַדאַרף זוכן ווי גאָלד אין זאַמד!

דער גאָפּל אין זײַן האַנט איז ווי אַ שפּיז געווען אָנגעשטעלט.

— אָבער זיך ניט אונטערגעבן! — דער גאָפּל איז אַלץ פעסטער פאַרקלעמט געוואָרן אין באַלעסלאַווסקיס פויסט. — איר טאָרט אַף קיין מינוט ניט אַרויסלאָזן דעם פידל פון דער האַנט. אין איין שיינעם טאָג וועט איר מיט אײַער שפּילן אָנפאַלן אַף אײַערע סאָנים און זיי פאַר־ניכטן.

עלישע און עזרע האָבן זיך דערפילט, ווי בא זיך אין דער היים. אָט דאָס הויז וועט ווערן זייער שוץ, זייער פעסטונג. פונדאַנען וועלן זיי אָנפאַלן אַף זייער סוינע און אָפּהאַלטן אַ ניצאָכן.

דעם פּראָפעסאָרס שטים קלינגט זיגעריש:

— די סאָנים איַיערע וועלן איבערגעשראָקענע זיך ארומקוקן פון אלע זיַיטן: וויאזוי האָט עס פּאסירט? מיר האָבן דאָך פאר זיי אלע וועגן אָפּגעשניטן, מיר האָבן דאָך זיי אין ערגעץ ניט צוגעלאָזט, וויאזוי זשע האָבן זיי געקאָנט ווערן אזעלכע ווירטואָזן, אזעלכע מיַיסטערס?.. איך טריַיב ניט איבער, מאריִע, — האָט זיך אווגוסט געווענדט צו זיַין פרוי, — עזרען האָב איך עקזאמענירט, עזרען האָב איך געהערט... און וועגן אים, וועגן עלישען, האָט מיר לעאָן פּערעץ דערציילט. איך בין זיכער, אז זיי וועלן באַרעכטיקן מיַינע דערוואַרטונגען.

מאריִע איז מעכאבעד געווען עלישען מיט עזרען:

— עסט! פּארזוכט! דאָס צווייטע מאָל וועלן מיר צוגרייטן עפּעס בעסערס.

— עסט, עסט, — האָט מאריִען אונטערגעהאלטן דער מאן, — פידלער דאַרפן זיַין געזונט, זיי דאַרפן האָבן מער קויעך, ווי דער טרעגער, ווי דער קאַטאָרזשניק. יאָ, יאָ, נישטאָ אף דער וועלט קיין שווערערע ארבעט, ווי אופהייבן און איַינהאלטן דעם פידל. וויל דער פידלער, אז זיַין פידל זאָל אים אלץ אוועקגעבן, דאַרף ער פריִער פון אלץ זיך אליין אָפּגעבן דעם פידל. דער פידל נעמט בא איַיך צו די קינדהיַיט. אלע קינדער שטיפן, שפילן זיך, און די, וואָס האָבן גענומען דעם פידל אין דער האַנט, ווייסן בלויז פון איין שפּיל. אויך די יוגנט פאַרשלינגט ער, דער פידל, און וואָס ריַיפער דער פידלער ווערט, אלץ שווערער און שווערער ווערט אים. ער איז אנערקענט, ער האָט דערפאָלג, מע אַפּלאָדירט אים, און דער איינציקער אומצופרידענער איז פאַרט ער, דער פידלער. נאָכן גרויסן דערפאָלג, אין די שלאָפלאָזע נעכט, רינגלען אים ארום אף זיַין געלעגער אלע זיַינע ווערק, וואָס ער האָט באוויזן אויסצושפּילן, און ער קאָן זיך ניט מויכל זיַין — ער האָט דאָך געקאָנט שפּילן א סאך בעסער! אין די שלאָפלאָזע נעכט שפּילט ער איבער אין זיך אלץ, וואָס ער האָט געשפּילט. און עס באַקומט זיך אָן אן ערעך בעסער, שטאַרקער און טיפער. און וועָן עס נעמט שוין טאָגן, איז ער ווידער ניט צופרידן: ער האָט דאָך געקאָנט שפּילן נאָך בעסער! אָט די אומצופרידנקיַיט איז פאַרן פידלער דאָס זעלבע, וואָס דער ווינט פאַר די זעגלען...

פונעם קלאס־צימער האָבן זיך דערטראָגן פאַרשיידענע צעבראָכענע קלאַנגען־שטיקער. עס קרעכצן פידלען, עס ברומט דער ראָיאַל. איין פידל מאַכט נאָך דעם צווייטן: א סקריפּעריַי פון טויערן, א געקריי פון הענער, א קאַ־קאָ פון הינער, א הירזשען פון פערד, א מעקען פון קי און שעפּסן...

— דו הערסט, אווגוסט?

— איך הער, מאריִע! — האָט באָלעסלאווסקי גוטמוטיק געשמייכלט.— דאָס, וואָס כעוורע שטיפן, מאַכט ניט אויס. שפּאַס און שטיפעריַי — איז גאָר ניט אזא שלעכטע אוווערטיורע פאַר דער ערנסטער שפּיל.

— א מאָדנער מענטש מיַין אווגוסט, — האָט שטאָלץ געזאָגט מאריִע, — זינט איך קען אים, איז נאָך ניט געווען אזא פאַל, אז ער זאָל אריַין אין קלאַס־צימער אין א פּיזשאַמע. אף א לימעד אין זיַין אייגענעם קלאַס, בא זיך אין שטוב, טוט ער זיך אָן אזוי, ווי ער זאָל

גיין אַף אַ קאָנצערט אָדער אין דער מוזיק־שול. מע טאָר ניט, זאָגט ער, וואָכעדיק מאַכן דאָס שפּילן ניט פאַר זיך און ניט פאַר די שילער.

באַלעסלאַווסקי האָט אויסגעהערט עלישען מיט גרויס פאַרגעניגן. ווען עלישע האָט פאַרענדיקט, האָט דער פּראָפעסאָר גענומען בא אים פון די הענט דעם פידל, באַטראַכט אים פון אַלע זײַטן און זיך אָנגעשטויסן אַף אַ יִידישן אויפשריפט. עלישע האָט איבערגעזעצט:

„פון אַ געליטענעם בוים און אַ געליטענעם שניצער — אַ געליטענעם פידלער!"

— וואָס באַטײַט עס?

עלישע האָט דערציילט די געשיכטע פונעם פידל:

— ניט אין איטאַליע, ניט אין ברעשי, ניט אין קרעמאָנע איז דער פידל באַשאַפן געוואָרן, נאָר אין לינעץ, אין אַ קליין שטעטעלע אַף אוקראַיִנע. ניט סטראַדיוואַרי, ניט אַמאַטי און ניט גוואַרנערי האָבן אים אויסגעשניצט, נאָר מײַן אייגענער פאָטער, דער לינעצער שניצער... מײַן פאָטער, דער פאַרשטויסענער עלנטער קינסטלער, וואָס קיינער דאַרף אים ניט. אין פאַרוואָרפענעם שטעטל איז מײַן פאָטער שטאַרק פאַרביטערט געוועזן פון זײַן אייגענעם גורל און פון מײַן גורל. און אָט, ווען ער האָט פאַרטראַכט אויסשניצן פאַר מיר אַ פידל, האָט ער ניט געזוכט דעם „זינגענדיקן" בוים, נאָר דעם סאַמע לײַדנדיקסטן, מיט וואָס מער אײַנגעשניטענע ווונדן־קאַרבן. „דער אויסגעווייטעקטער בוים, — האָט געזאָגט מײַן פאָטער, — וועט ווי אַ מענטשלעך האַרץ מיט־פילן מײַן זון..." ווען מײַן פאָטער האָט מיר צוגעשיקט דעם פידל, האָט ער מיר געשריבן: „און וויסן זאָלסטו, זון מײַנער, אַז דער בוים, וועלכן איך האָב אויסגעקליבן און אויסדערווײלט פון אַלע ביימער, האָט אַן עלנט ביטער לעבן געלעבט. אַף אַ פאַרוואָרפענעם באַרג, אין אַ פאַרהוילענעם פעלדז האָט ער דורכגעשלאָגן זײַנע וואָרצלען. קיינער האָט דעם בוים מיט קיין וואַסער ניט באַגאָסן, קיינער האָט זײַנע ווונדן ניט געהיילט, קיינער איז אין זײַן שאָטן ניט געזעסן, קיינער האָט אים ניט באַוווּנדערט און קיינער האָט ניט געזאָגט — ווי שיין איז דער בוים! אַ פאַרוואָרלאָזטער העפקער־בוים, וואָס האָט ניט געהאַט אַף וועמען צו פאַרלאָזן זיך, וואָס האָט ניט געהאַט לעבן זיך קיין איין בוים, אין וועלכן ער זאָל זיך אָנ־שפּאַרן אין אַ שווערער מינוט. באַטאָג האָט אים די זון געבערענט, און באַנאַכט האָט ער פון קעלט געציטערט. בייזע ווינטן האָבן געריסן די צווײַגן, שטורעמס האָבן זיך צו זײַנע וואָרצלען דערקליבן. אַ דונער נאָך אַ דונער האָבן אים אַף שטיקער געוואָלט צערײַסן, אַ בליץ נאָך אַ בליץ האָבן אים אין זייערע פײַערן געוואָרפן, און ער, דער בוים, האָט זיך אײַנגעביסן אין פעלדז און ניט פון אָרט, אַפּצולאָכעס האָט ער געוואָלט לעבן!.. ווייסטו דאָך פרעגן, זון מײַנער, ווי זשע האָט געקאָנט דער בוים אויסהאַלטן? איז קום איך דיר צו מעלדן, אַז דער בוים האָט פריִער ווי אַלע ביימער אין די טאָלן און אין די וועלדער באַגעגנט דעם פרילינג און יעדן טאָג פריִער פון אַלע ביימער באַגעגנט דעם אויפגאַנג פון דער זון".

עלישעס פידל איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט.

דערנאָך האָט געשפּילט עזרע.

— די נאַטור איז באַגאַנגען אַ פעלער, — האָט געזאָגט באָלעסלאַווסקי, — דער געצוימטער עזרע האָט זיך לײַכט געקאָנט באַגיין מיט עלישעס פינגער, וואָס זײַנען צו שוואַך פאַר עלישעס שטאַרקן טעמפּעראַמענט. עלישע האָט באַדאַרפט פאַרמאָגן עזרעס שטאַרקע פינגער. אין די פינגער פונעם פידלער, — האָט פאָרגעזעצט דער פּראָפעסאָר, — קלאַפּט זײַן האַרץ, זיי פילן פאָרויס די נײַע נאָך ניט באַשאַפענע וועלטן. זיי ברענגען אַרויס דעם טרויער, אַנטפּלעקן די פרייד, זיי זעען, וואָס עס טוט זיך אינעם האַרצן פונעם פאַרליבטן, פילן און הערן, וואָס די יוגנט זאָגט און וועגן וואָס די עלטער טראַכט... זיי באַגלייטן דעם האַרבסט און באַגעגענען דעם פרילינג, באַזינגען דאָס לעבן און באַוויינען דעם טויט. דאָס האַרץ באַפוילט די פינגער אַראָפּלאָזן זיך ביז צו די יאַם־גרונטן, אויסגעפינען דאָרט און אַרויסברענגען אַ פּערל נאָך אַ פּערל, אַרופקלעטערן אַפן העכסטן באַרג, דערלאַנגען ביז צו די וואָלקנס, באַרירן די זון. פינגער!.. לויט זיי אורטייל איך, און קיינמאָל האָב איך קיין טאָעס ניט, און איצט זאָלן די נײַע שילער הערן מײַנע אַלטע שילער. הערן — הייסט אויך שפּילן, אויערן — דאָס זײַנען די טויערן, וואָס עפענען אויף אַ האַרץ פאַר אַ האַרץ.

באָלעסלאַווסקי האָט זיך געזעצט באַם ראָיאַל, און דערנעבן האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ יונגער בלאָנדער באָכער. דער באָכער האָט אויפגעהויבן דעם סמיק, און דער פידל האָט זיך צעהוידעט, צעוויגט, צעברומט, ווי אַ צווײַג פון אַ פלוצעמדיק אָנגעלאָפענעם ווינט. דער פּראָפעסאָר האָט ניט אַראָפּגענומען זײַנע בליקן פונעם שילערס פינגער: צי מעג מען זיי פאַרטרויען, צי וועלן זיי אויסהאַלטן דעם ריטם און זיך ניט פאַרפּלאָנטערן אין די טאַקטן, דערפילן דעם ווייטעק און אַנטפּלעקן די פרייד?

דער פידל האָט געציטערט אין די הענט פונעם בלאָנדן באָכער. ער איז געווען אומרויִק, — דער אַלטער שילער האָט זיך געשראָקן פאַר די צוויי נײַע. דעם באָכערס אומרויִקע אויגן האָבן אויסגעמיטן עלישעס און עזרעס פּנעמער. ער האָט ווי מיט געבעט געקוקט אַף באָלעסלאַווסקין, יענער זאָל אים העלפן.

באָלעסלאַווסקיס פינגער האָבן אויסגעשפּירט אַפן ראָיאַל דעם וועג פאַרן פידל. די קלאַנגען פונעם פידל זײַנען געוואָרן אַלץ זיכערער. דער באָכער האָט שוין מער קיינעם ניט געזען, ער האָט געהערט בלויז זײַן פידל, די קלאַנגען, וואָס דאַרפן באַלד אָנקומען, דעם פּראָפעסאָרס האַנט, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון די קלאַווישן און געוואָרפן זיך אַנטקעגן דעם פידל, אָנווײַזנדיק, ווּהין און ווּאַזוי זיך באַוועגן.

וואָס איז געשען? דעם בלאָנדן באָכערס אויגן האָבן אינמיטן שפּילן זיך אָנגעשטויסן אַף עלישען און עזרען... זײַן האַנט, וואָס האָט געהאַלטן דעם סמיק, האָט גענומען ציטערן, די קלאַנגען האָבן פאַרלוירן זייער זיכערקײַט, דער פידלער איז אַרויסגעשלײַדערט געוואָרן פון דער וווּנדערלעכער וועלט, ווּ ער האָט זיך ערשט אַזוי גוט געפילט, און ער האָט זיך דערזען אין קלאַס.

איצט קאָן העלפן בלויז דעם לערערס פידל. דער בלאָנדער באָכער פאַרנעמט זײַן אָרט באַם ראָיאַל, און דער פּראָפעסאָר גייט דורך אַף דעם

פידל עטלעכע מאָל יענע ערטער, ווו ס׳איז דעם שילער שווער געווען דורכגיין. די ניט בוילעט אויסגעדריקטע פראַזעס זײַנען אויסגעפּאַריכט, דער ריטם איז אויסגעגלײַכט. די פאַרלוירענע וווּנדערלעכע וועלט איז אומגעקערט. ס׳איז נאָך אָבער פרי געווען לאָזן דעם שילער אַליין, און דער פּראָפעסאָר האָט געשפּילט צוזאַמען מיט אים. א מינוט און נאָך א מינוט, דער בלאָנדער באָכער ווערט בא זיך אַלץ זיכערער און זיכערער, די קלאַנגען פון זײַן פידל ווערן פולער, שטאַרקער. באַלעסלאַווסקי שפּילט אַלץ שטילער און שטילער, ביז ער ווערט אינגאַנצן אַנשוויגן — ער האָט שוין זײַנס אָפּגעטאָן. ווידער פאַלט צו באַלעסלאַווסקיס איין האַנט צו די קלאַווישן פון ראָיאַל, און די צווייטע דיריזשירט און פירט נאָך זיך דעם פידלער. נאָך א ווײַלע — און דעם פּראָפעסאָרס ביידע הענט עטעמען פרײַ אויף די קלאַווישן. איצט איז ניטאָ וואָס צו אײַלן, איצט קאָנען זיי רויִק נאָכגיין, מיטגיין און באַגלייטן.

זינט יענעם טאָג איז שוין פעדאָצער ניט געווען דער איין־און־איינ־ציקער לערער עזרעס און עלישעס. רימענדיק פעדאָצערן, האָבן זיי גע־רימט אויך דעם פּראָפעסאָר באַלעסלאַווסקי, צוזאַמען מיט זיי זײַנען פונעם פּראָפעסאָר באַגײַסטערט געווען די אײַנוווינער פון קאָרי־דאָר.

— סאַרא לײַטישער מענטש ער איז, אָט דער אויגוסט באַלעסלאַוו־סקי!

— סאַרא גוט האַרץ ער פאַרמאָגט!

— פאַראַן נאָך מענטשן אויף דער וועלט!

ווידער, ווי אַמאָל, אין די בערדיטשעווער צײַטן, האָבן עלישע און עזרע קיין מינוט ניט געקאָנט זײַן איינער אָן דעם צווייטן. אויף דער העלפט האָבן זיי זיך געטיילט מיט די „שטונדן", אויף דער העלפט האָבן זיי זיך געטיילט מיט דעם בעט, אויף דער העלפט האָבן זיי זיך אַפילע געטיילט מיט שאָלעמקען — א שאָ האָט עזרע מיט אים געלערנט, און א שאָ האָט מיט אים געלערנט עלישע. אויף דער העלפט האָבן זיי געשריבן בריוו צו פעדאָצערן. צו קליין זײַנען פאַר זיי געווען די האַרבסטיקע נעכט — מע האָט ניט באַוויזן אַרויסזאָגן איינער פאַרן צווייטן אַלע געדאַנקען און גע־פילן.

באַלעסלאַווסקי האָט פאַרגעבן עלישען און עזרען אויסלערנען א דועט, וועלכער האָט זיי דערמאָנט פעדאָצערס. די דערמאָנונגען וועגן ערשטן דועט האָבן פאַרומערט די פרייד פונעם צווייטן. ניט קיין מאַזלדיקער איז ער געווען, יענער ערשטער דועט. אין דעם זעלבן טאָג, ווען זיי האָבן אים באַדאַרפט אויסשפּילן פאַר פעדאָצערס געסט, איז עזרע געצוווּנגען געווען פאַרלאָזן בערדיטשעוו און זיך אומקערן אַהיים.

ביידע כאַווײרים האָבן פאַרלאַנגט נאָר איינס, אַז דער איצטיקער צוויי־טער דועט זאָל זײַן מאַזלדיקער פונעם ערשטן. זיי האָבן געגלייבט און זיך געשראָקן. וואָס רײַפער און טיפער דער דועט האָט גענומען קלינגען, אַלץ

מער האָבן זיי געציטערט איבער אים, ווי מע ציטערט איבער א קוים דערווארט קינד, וואָס ווערט שענער און קליגער פון טאָג צו טאָג — קיין בייז אויג זאָל דעם ניט שאטן, קיין שלעכטס זאָל מיט דעם ניט טרעפן.

הייַנט קומט צו פאָרן מיריעם, און מאָרגן וועלן עלישע און עזרע שפילן דעם נייַעם דועט פארן פראָפעסאָר, פאר די שילער, פאר די געסט — פאר די פידלער און לערער פון מוזיק.

הייַנט וועט עזרע באגעגענען מיריעמען! א שאָד נאָר, וואָס איצט איז הארבסט און מיריעם וועט ניט קאָנען ארויס פון וואגאָן אין איר ווייַסן קלייד, וואָס פאסט איר אזוי צום פּאָנעם.

שוין לאנג האָט ער זי ניט געזען, מיריעמען. ווי זעט זי אויס? פאר עזרעס אויגן גייען דורך פארשיידענע מיריעמס — א זעקסיאָריקע, א צעניאָריקע, א זיבעצניאָריקע... פארשיידענע מיריעמס, און אלע זייַנען זיי ווי געטרייַע כאוועךטעס, וואָס געזעגענען זיך מיט דער יוגנט פון זייער באליבטער כאווערטע, נאָר טרעטן אָבער ניט אָפּ אף קיין מינוט פון דער איצטיקער מיריעם, פון דער, וואָס קומט הייַנט צו אים.

וואָס וועט זי אים זאָגן? עזרע וויל טרעפן מיריעמס ערשטע ווערטער.

„איך האָב דיך ליבן!" — ניין, דאָס איז ווייניק.

„איך קאָן אָן דיר ניט זייַן!". אויך ניט — דאָס הייסט דאָך אָנשטאָט זיך אליין מאקריוו זייַן, פאָדערן, אז ער, עזרע, זאָל זייַן איר קאָרבן.

און עזרע הערט, ווי מיריעם ברענגט ארויס דאָס שטארקסטע פון דעם, וואָס א פרוי קאָן זאָגן. זי זאָגט דאָס, וואָס ראָכל האָט געזאָגט איר געליבטן אקיווען: „אויב אקיווע איז נאָך ניט דערפלויגן, אויב אקיווע באדארף נאָך פליען און פליען, וועל איך ניט זייַן קיין שטיין אף זייַנע פליגל. איך וועל זייַן די צווייטע פאָר פליגל, וואָס דארפן פארבייַטן די אָפּגעשוואכטע אין לאנגן שווערן וועג. פלי ווייַטער, אקיווע! ווארטן איז שווער, נאָר אויב מייַנע ליידן וועלן דיר גרינגער מאכן, זייַנען אָט די ליידן שטארקער פון די גרעסטע פריידן!"

יאָ, מיריעם האָט אים געשריבן דאָס זעלבע: „פלי ווייַטער, עזרע! פלי ווייַטער!" אנדערש קאָן זי ניט זאָגן... אנדערש וועט זי ניט זאָגן...

דער הימל איז געוועזן אָנגעכמורעט, אָט־אָט וועט נעמען פאלן א שניי. די אייַנוווינער פון קאָרידאָר, וואָס קוקן שטענדיק אפן שניי און אפן פראָסט ווי אף צוויי רויבער, וועלכע רייַסן בא זיי ארויס דעם לעצטן גראָשן אף הייצונג, זייַנען איצט שטארק צופרידן געוועזן, וואָס זיי וועלן באגעגענען אפן פעראָן מיריעמען מיט אן ערשט אראָפּגעפאלענעם שניי און מיט בלומען אין די הענט... פאולינע, לייקע און טשיפע־שיפרע האָבן געטוליעט די בלומען צו דער ברוסט און זיי געווארעמט. דער אוילעם פון קאָרידאָר איז אונטערגעשפרונגען, געקלאפּט א פוס אָן א פוס. לויט די געלעכטערס און אויסגעשרייען האָט זיך געקאָנט דוכטן, אז ניט די קעלט טרייַבן זיי ארויס פון זיך, נאָר זיי טאנצן א מין באגעגעניש־טאנץ.

— וואָס טוען דאָ אזויפיל שלעפער? — האָט אופגעבראכט אויסגעשריִען

א פֿאָליציימאַן. — אַז די זלידניע קלײַבט זיך צונויף, איז ניט צום גוטן... צעגייט זיך צו אַלדי רוכעס! איך װעל אײַך װײַזן, קראַמאָלניקעס!

קאַמסקי האָט זיך אַ ריס געגעבן צום פֿאָליציימאַן, און װען יענער האָט אויסגעשטרעקט זײַן האַנט, װאָס איז געװוינט געװאָרן אָנטאַפּן אַסיגנאַ־ציעס, האָט קאַמסקי זיך צעשריִען ניט מיט זײַן קאָל:

— באַגעגענען אַ קאַלע איז שוין אויך קראַמאָלע?

דער פֿאָליציימאַן האָט אַ דערצאָרנטער אַ שפּײַ געגעבן:

— טפֿו! טפֿו זאָלט איר װערן, פֿאַרשיװוע אַנטיכריסטן!

דער פֿאָליציימאַן האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפֿינען; זײַן רעכטע האַנט, װאָס האָט גאָרניט גענאַשט, האָט פֿאַרשעמט געבאָמבלט זיך הין און צוריק אינדערלופֿטן.

— אַ קאַלע! כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך דער פֿאָליציימאַן געקילט דאָס האַרץ. — אַ קאַלע באַגעגענען זיי! קאַרג, װאָס זיי אַליין זײַנען שלעפּערס, באַדאַרפֿן זיי ברענגען אויף דער װעלט נאָך אַ שלעפּערל.

בא קאַמסקין האָבן זיך געביסן די פֿינגער, אים האָט זיך געװאָלט אַראָפּרײַסן דאָס רויטע היטל, װאָס דעקט צו דעם ליידיקן מאַקרעטע־קאָפּ, און פֿאַרשטאָפּן מיט דעם דאָס נאַרישע לאַכנדיקע מויל.

עלישען און עזרען איז אויסגעקומען זיך אַרײַנמישן.

— דו װילסט באַגעגענען מיריעמען מיט אַ סקאַנדאַל?

לייקע האָט געשאָלטן מיט ביטערע קלאָלעס:

— װאָס מיינען זיי זיך, אַז די ליבע איז אַ באַראָנעסע, אַ פּריצטע, אַן אָנגעפּרעסענע נעגידעסטע, װאָס קאָן זיך ניט באַגיין אָן מירמלשטיינערנע פּאַלאַצן, אָן פּליושן מעבל, אָן גאָלד און אָן זילבער, אָן דימענטן און אָן בריליאַנטן? די ליבע איז פּאָשעט געשלייערט, זי האָט ליב אַ ריין האַרץ, אַ װאַרעם האַרץ. װי לאַנג קרענקען זיי, די פּריצים און נעגידים, צי זיי פֿאַרמאָגן אַזאַ האַרץ! בא זיי איז פֿון אויבן דער פּוץ און פֿון אונטן די שמוץ!

זיאַמע דער זייגערמאַכער איז, װי שטענדיק, געקומען מיט אַ מאָשל, װאָס איז אַ סאַך װײַטער געגאַנגען פֿון לייקעס קלאָלעס.

— אויב דער שאָטנדיקער װײַזער פֿון אַ זון־זייגער איז קרום, — האָט ער געזאָגט, — איז ניט דער שאָטן שולדיק, נאָר דער, װאָס מאַכט דעם שאָטן, — דער קרומער שטעקן. אַ קרומער שטעקן — אַ קרומער שאָטן, און קרום איז ניט גלײַך, װי אָרעם איז ניט רײַך... נאָר נישקאָשע, דאָס פֿײַער װעט אָפּטאָן זײַן רעכט מיטן קרומען שטעקן, און מיר װעלן אװעקשטעלן אַ גלײַכן, און זײַן שאָטן װעט ניט לײַגן, גאָרנישט ניט פֿאַרלייקענען.

— דער סעמאַפֿאָר איז אָפֿן!

— דער צוג קומט אָן!

אַלע האָבן גענומען מעסטן די ערטער און לעפּיִערעך זיך מעשאַער זײַן, װוּ װעט זיך אָפּשטעלן דער װאַגאָן, פֿון װעלכן עס דאַרף אַרויס מיריעם.

— אָט דאָ! אָט דאָ װעט זיך אָפּשטעלן דער זיבעטער װאַגאָן!

עזרע האָט אופֿגעציטערט: אין עטלעכע מינוט אַרום װעט זיך באַװײַזן מיריעם!

דער סעמאַפֿאָר איז אָפֿן. דער צוג, אַ מידער פֿון אַזויפֿיל אײַנגעשלונ־

גענע וויאָרסטן, אָטעמט אײַן אין זיך די רו, וואָס באַגעגנט און דערוואַרט אים דאָ אויפֿן וואָקזאַל. דער געקלאַפּ פֿון די רעדער ווערט אײַנגעהאַלטענער און שטילער, און עזרעס האַרץ קלאַפּט שטאַרקער און שטאַרקער, עס פֿאַרדרייט זיך אים דער קאָפּ, עס שווינדלט אים אין די אויגן...

זיבן! שוואַרץ אויף ווײַס — זיבן! עזרע איז פֿלינק אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן טרעפּל פֿון וואַגאָן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער זיך באַוויזן מיט אַ שטרויענער קאָרזינע און מיט אַ קלומעק אין די הענט. ער האָט איבערגעגעבן די פּרײַנט זײַנע די זאַכן, זיך אומגעקערט צום וואַגאָן און אויסגעשטרעקט די הענט אַנטקעגן דער אָפֿענער טיר.

מיריעמען האָט מען אונטערגעטראָגן בלומען. זי האָט אַליין אויסגעזען ווי אַ בלום, ווי די מאַלקע פֿון בלומען.

עזרע האָט זי באַקאַנט מיט זײַנע פֿרײַנט. מיריעם האָט וועגן אַלע געהאַט אַ פֿאָרשטעלונג פֿון עזרעס בריוו, איצט באַגעגנט זי זיך מיט זיי פּאָנעם־לעפּאָנעם, פֿילט די וואַרעמקײַט פֿון זייערע הענט, די וואַרעמקײַט פֿון זייערע ליפּן און אויגן.

די געפֿלאָכטענע שטרויענע קאָרזינע איז איבערגעגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט, יעדן איינעם האָט זיך געוואָלט כאָטש אַ ביסל זי טראָגן, אונטערשטעלן אַ פּלייצע. דעם קלומעק האָט גענומען שאָלעמקע און קיינעם אים ניט געוואָלט אָפּגעבן.

עזרע און מיריעם זײַנען געגאַנגען פּעסט געאַרעמט. מיריעמס פֿיס, וואָס זײַנען געוווינט געוואָרן צו דער ווייכקײַט פֿון דער ערד, קאָנען ניט אַריבערטראָגן די האַרטקײַט פֿון די שטיינער. איר דוכט זיך אַלץ, אַז די שטיינער שלאָגן אירע פֿיס. מיריעם האָט אָפֿט פֿאַרלוירן דעם ריטם פֿון גאַנג. אַזאַ זאַך, ווי פֿלאָנטערן דעם טאַקט, ווי פֿאַרלירן דעם ריטם, רעגט שטענדיק אויף עזרען, קיין ערגערס איז פֿאַר אים ניטאָ. אַזאַ זאַך קאָן ער ניט מוחל זײַן. טויבע אויערן און טויבע פֿיס זײַנען פֿאַר עזרען די ערגסטע קללה אין דער וועלט, ער איז קיינמאָל ניט געשטאַנען אין די דאַלעדאַמעס פֿון אַזאַ, וואָס פֿילט ניט קיין ריטם. און איצט, צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן, באַגײַסטערט אים דער געפֿלאָנטערטער טאַקט און געפֿלאָנטערטער ריטם, ווי די שענסטע מוזיק. יעדער ניט־געלונגענער טראָט מיריעמס זאָגט איידעס, אַז קיינער האָט זי פֿאַר די יאָרן ניט געפֿירט אונטער דער האַנט, אַז מיט קיינעם איז זי ניט געגאַנגען שפּאַצירן.

מיריעם שרעקט זיך פֿאַרן ראַש פֿון די גאַסן, וואָס קלאַפּט אויס, ווי אַ האַגל אַלע שטילקײַטן פֿון איר לעבן. זי קאָן זיך גאָר ניט פֿאָרשטעלן, ווי לעבט מען אין אַזאַ ראַש.

— אוי, סאַראַ לאַנגע גאַסן! סאַראַ הויכע מויערן! — וווּנדערט זיך מיריעם. — אין איין מויער וווינען מיניאַסטאַם מער מענטשן, ווי אויף אַ ליפּאָוועצער גאַס. פֿון איין וואַרשעווער גאַס וואָלט מען געקאָנט מאַכן צען אַזעלכע שטעטלעך, ווי ליפּאָוועץ... און איך מיין, אַז בעסער צען שטעטלעך, איידער איין וואַרשעווער גאַס... מיר דוכט, אַז וואָס גרעסער, לענגער און ברייטער די גאַס, אַלץ דערווײַטערטער און פֿרעמדער ווערן אירע אײַנוווינער; וואָס העכער די שטאָקן, אַלץ קעלטער און שטיקנדיקער באַדאַרף דאָרט זײַן...

אלע אײַנוווינער פון דעם קאָרידאָר האָבן אײַנגעלאַדן עזרען און מי־ריעמען צו זיך. מע האָט זיי געהאַלטן אין איין מעכאַבעד זײַן און אין איין צווינטשעווען. אלע זײַנען געווען איבעראַשט פון מיריעמען:

— אזא שיינהײַט האָט נאָך די וועלט ניט געזען!

מיריעם האָט געגעבכטיקט בא לייקען.

לייקע האָט ניט געלאָזט צורו מיריעמען, זי זאָל איר איבערגעבן גרוסן פון יעדן ליפּאָוועצער, און באַזונדערס האָט זי געוואָלט הערן, וואָס עס איז געוואָרן פון עזרעס כאַוויירים. לייקע באַדאַרף וועגן זיי וויסן, קעדיי דער־ווײַזן מיריעמען, אז עזרע איז מיט צען קעפּ העכער פון זיי, אז ס'איז גאָר־ניט צו פאַרגלײַכן! אזא, ווי עזרע, איז גאָר ניטאָ אַף דער וועלט!

און וואָס מער לייקע האָט געריימט עזרען, אַלץ צאַרטער האָט מיריעם זי ארומגענומען און געקושט.

דער מויער, אין וועלכן אווגוסט באָלעסלאַווסקי האָט געווינט, האָט געהייסן דער „שפּילנדיקער מויער“. ער האָט געהאַט א שעם אין אלע דערבײַיִקע גאַסן און געסלעך. ווען מע האָט דאָ ניט אָפּגעשטעלט און געפרעגט אַפן „שפּילנדיקן מויער“, האָט ער אויסגעמעלדעוועט, ווי צו גיין און וויאַזוי טרעפן צו אים.

כעווורע לייצים פלעגן שפּאַסן:

— באָלעסלאַווסקיס שטוב וועט איר דערקענען לויטן קוימען: פון אלע קוימענס גייט א רויך, און פון זײַן קוימען — קלאַנגען.

עזרע האָט אָנגעדערציילט מיריעמען כידושים פון דעם „שפּילנדיקן מויער“:

— געמישטע פידל־ און ראָיאַל־קלאַנגען הערן די גאַנצע צײַט ניט אוף, פאַרטאָג און שפּעט באַנאַכט דערטראָגן זיי זיך צו דער צעגטער גאַס, אפילע דער רויש פון באַטאָג קאָן זיי ניט פאַרטויבן און פאַרהילכן.

נאָר וואָס זאָל עס באַטײַטן? זיי זײַנען שוין דורך דעם פאָרלעצטן קוואַרטאַל — און קיין איין קלאַנג, דער לעצטער קוואַרטאַל — און באָלע־סלאַווסקיס מויער איז שטום, ווי אלע מויערן.

עזרע מיט עלישען האָבן פאַרלוירענע זיך איבערגעקוקט. אז דער „שפּילנדיקער מויער“ לאָזט זיך ניט הערן, איז עס ניט קיין גוטער סימען. ווײַזט אויס, עפּעס האָט געטראָפן.

פון באָלעסלאַווסקיס הויז זײַנען ארויסגעגאַנגען פיל באַקאַנטע מענטשן. ניט אומקוקנדיק זיך, זײַנען זיי געלאָפן אין פאַרשיידענע זײַטן. אנטקעגן מיריעמען, עלישען און עזרען איז אָנגעקומען א קורצוווקסיקער באָכער מיט איבערגעשראָקענע גרויע אויגן. דעם פידל האָט ער באַהאַלטן אונ־טערן מאַנטל, ווי א פאַרווערטע זאַך, פאַר וועלכער מע קאָן שטרענג באַ־שטראָפט ווערן.

— וויאַזוי טראָגט איר עס פראַנק־און־פרײַ די פידלען? באַהאַלט זיי! — האָט ער אין איין אָטעם אויסגעשרײַען און זיך ארומגעקוקט אין אלע זײַטן. — אַף שריט און טריט זײַנען דאָ שפּיקעס. באָלעסלאַווסקיס שילער

זײַנען אלע פאַרדעכטיקט... קערט זיך אום צוריק! באַלעסלאַווסקי איז אַרעסטירט! זעט, אז איר זאָלט זיך ניט פּאַקן, אז אײַך זאָל עס ניט שאַטן!

— עס האָט שוין געשאַט! ערגער שאַטן קאָן שוין ניט, — האָט עלישע געזאָגט צו עזרען און מיריעמען און געקוקט דעם אומגליק גלײַך אין פּנים אַרײַן.

עזרע האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר, און א דערשיטערטער געהאַלטן אין איין פרעגן:

— ווי איז עס מעגלעך? וואָס הייסט — אַרעסטירט? פאַרוואָס און פאַרווען?

— ס'זאָל זײַן א פאַרוואָס און א פאַרווען, וואָלט עס ניט געשען... פאַרפאַלן! — האָט עלישע הילפלאָז א מאַך געגעבן מיט דער האַנט. — באַלעסלאַווסקיס טפיסע איז אונדזער טפיסע. זײַן אורטייל איז אונדזער אורטייל, פאַרפאַלן!

— רעדט ניט אַזוי, עלישע! אַזוי ריידן טאָר מען ניט! — האָט זיך מיריעם צעוויינט.

— וויין ניט, מיריעם! וויינען טאָר מען אויך ניט! — עזרע האָט צוגעדריקט צו זיך מיריעמען און געגלעט אירע האָר.

— איז צוריק! אַראָפּ־באַרג! — האָט עלישע אויסגעדרייט דאָס פּנים פונעם שטום געוואָרענעם מויער.

— וואָס? וואָס האָט איר געזאָגט? — האָט מיריעם אַנגעשטעלט די אויגן אף עלישען. — צוריק, זאָגט איר? ווי שעמט איר זיך ניט! ווי קאָן מען אַנטלויפן צוריק און אויסמײַדן די שטוב פון א פרײַנט און א לערער, ווען דאָרט האָט געטראָפן אַזא אומגליק? דאָס פּאַסט פאַר דעם קורצוויקסיקן באָכער, וואָס האָט אונדז אָנגעזאָגט די שיינע בסורע, פונזײַנטוועגן מעג די גאַנצע וועלט אומקומען, אַבי אים זאָל ניט שאַטן. דער, וואָס טוט אַזוי, איז ניט ווערט דעם נאָמען מענטש! לאָמיר שוין אַרײַן אין שטוב! אַן אומגליק האָט געטראָפן, טאָרן מיר ניט שטיין אין דער זײַט!

עזרען איז געוואָרן לײַכטער — מיריעם איז ניט פון די, וואָס שפּאַנט באַנאַנד מיט דיר, ווען די זון שײַנט, און באַם ערשטן שאָטן טרעט זי אָפּ אף צוריק...

אינעם פּראָפעסאָרס וווינונג, ווו ס'האָט הײַנט באַדאַרפט א שפּיל טאָן עלישעס און עזרעס מאַזל, האָבן געפלאַצט די סטרונעס און עס טראָגט זיך דאָ בלויז פון אלע זײַטן דאָס ווידערקאָל פון בראָך... פון פּאָדערהויז ביזן לעצטן ווינקל פון יעדן צימער איז אַלץ געווען אין א שרעקלעכער אומאָרדענונג צעוואָרפן און צעשלײַדערט... מאַריִע איז געלעגן אפן דיוואַן פון קאַבינעט מיט א פאַרבונדענעם קאָפּ, מיט רויט־געשוואָלענע אויגן און מיט פאַרבראָכענע הענט. לעבן איר איז געשטאַנען יִיצכאָק־לייבוש פּערעץ אין זײַן ברייטער פעלערינע און געציילט אין א לעפל טראָפּנס פון א קליין פלעשעלע. דערזעענדיק עלישען, עזרען און מיריעמען, האָט זיך פּערעץ גלײַך פאַרפלאָנטערט אין דער צאָל פון די טראָפּנס, די האַנט האָט בא אים גענומען ציטערן און דער לעפל איז שיר ניט אַרויסגעפאַלן.

מאַריִע האָט זיך אופגעהויבן פון דיוואַן, צוגעגאַנגען צו מיריעמען און

פלוצעם צוגעפאלן צו איר, ווי צו זייער א נאָענטן מענטשן, וועלכן זי קען שוין פון לאנג־לאנג.

— טײַערע מײַנע! טײַערע!

ביידע האָבן זיי געכליפעט און ביידע געטרייסט איינע די אנדערע:

— מע דארף ניט וויינען!

— מע טאָר ניט! מע טאָר ניט וויינען!

פּערעצעס געדיכטע וואָנצן האָבן זיך נידעריקער אראָפּגעלאָזט און פארשטעלט זײַנע פארביסענע ליפּן. ער איז געווען גערירט פון מאריִעס און מיריעמס באגעגעניש. „דער אומגליק פאראייניקט, — האָט פּערעץ זיך אָנגעכאפּט אָן א געדאנק, ער זאָל אים באשיצן פון די צארטע געפילן, וואָס האָבן אים דאָ ארומגעכאפּט פון אלע זײַטן, — דער וועג פון הארץ צו הארץ בא פרויען איז א סאך נעענטער, ווי בא מאנצבלען, ווײַל די פרויען זײַנען געבענטשט מיטן מוטערלעכן, מיט דעם סאמע הייליקסטן, וואָס ס'איז דאָ אף דער ערד"...

מיטאמאָל האָט פּערעץ זיך געווענדט צו מאריִען:

— ווי האָט זיך אווגוסט געהאלטן?

מאריִעס אויגן האָבן אופגעשײַנט. זי האָט זיך אויסגעגלײַכט, פון איר פּאָנעם זײַנען פארשוווּנדן די שפּורן פון צעבראָכנקײַט.

— ער האָט זיך פאר די זשאנדארמען ניט איבערגעשראָקן! פארקערט, ער איז בא זיך געוואָרן שטארקער ווי געוויינלעך און געהאלטן אין איין איראָניזירן און כויזעקן פון זיי.

— איך קען אווגוסטן. אווגוסט איז א קעמפער, אין אים ברויזט די אומצופרידנקײַט, און דערפאר זוכט ער אומעטום נײַע וועגן, — פּערעץ האָט מיט שטאָלץ גערעדט וועגן זײַן פרײַנט, — אווגוסט האָט קיינמאָל ניט גע־הערט צו יענע פּראָפעסאָרן, וואָס האלטן אין איין איבערקײַען דאָס צע־קײַטע און וואָס וועלן, ווי דער קאלב, זיך ניט קעגנשטעלן, ווי שלעכט מע זאָל זיי ניט באהאנדלען. אווגוסט איז א פּראָפעסאָר, א פידלער, א דענקער, א קעמפער, און א קאלב בלײַבט א קאלב. קיין איין קאלב זעצט זיך ניט אנידער איבערקלערן — עפשער ניט „מע"?

— זיי האָבן געגנישטערט צווישן די פּאַפּירן, — האָט מאריִע פאָרגעזעצט דערציילן, — אלץ איז פאר זיי געווען א סכוירע, אן אדרעס, א בריוו, א נאָמען... ביז גאָר האָבן זיי זיך דערפרייט, בייס זיי האָבן געפּאקט אײַער נאָמען, פּאן לעאָן... „פּערעץ איז דאָך א געזעסענער!" — האָט געזאָגט דער עלטערער זשאנדארם. „ער איז פון די פליִענדע, — האָט געענטפערט אווּ־גוסט, — בא פּערעצן זײַנען ברייטע און שטארקע פליגל". דער עלטערער זשאנדארם האָט כיטרע א שמייכל געטאָן: „הייסט עס, אז ער איז א פויגל, עס בענקט טאקע נאָך אים די שטײַג"... אין איינעם פון אײַערע בריוו, פּאן לעאָן, האָט ער איבערגעלייענט אין דער פּוילישער טראנסקריפּציע דאָס ייִדישע וואָרט „מאלאכאמאָוועס". „ווער איז אָט דער מאלאכאמאָוועס? — האָט זיך דער זשאנדארם דערפרייט מיטן נײַעם קאָרבן. — ווו לעבט ער?" — „איך ווייס ניט, — האָט מיט שפּאס געענטפערט אווגוסט, — ווען איך ווייס זײַן אדרעס, וואָלט איך אײַך גערן אָפּגעשיקט צו אים". — „עס מאכט ניט אויס, בישקאָשע, מיר וועלן זיך דערקלײַבן צו אים! ער וועט פון אונדזע־

רע הענט זיך ניט אויסדרייען״. — „פון פולן הארצן ווינטש איך אײַך דערפאָלג״, — האָט זיך אווגוסט צעלאכט... זייער צאָרן האָבן די זשאנדארמען אויסגעגאָסן אף די ביכער און נאָטן־העפטן — א שרעק! די טאָוולען פון יעדן בוך האָבן זיי איבערגעקערט מיט דער לינקער זײַט ארויף. זיי האָבן געפליקט בלעטער, געוואָרפן די ווערטפולע ביכער אפן דיל און געטראָטן זיי מיט די פיס. ס׳איז געווען א שרעק צו קוקן אף אווגוסטן. ער האָט דאָך קיינמאָל ניט פארבויגן קיין זײַטל פון א בוך... „ווו ליגט באהאלטן דײַן קראמאָלע?״ — האָט געפרעגט דער עלטסטער זשאנדארם אווגוסטן, און אווגוסט צעלאכט זיך, — „מײַן קראמאָלע איז גוט באוואָרנט, זי ליגט אין אזעלכע ערטער, וואָס זײַנען פאר אײַך ניט צוטריטלעך״. — „דאָס איז שוין ניט דײַן זאך, — האָט זיך צעשריגן דער עלטסטער, — דײַן זאך איז זאָגן ווו, און מיר וועלן עס ווי־עס־איז שוין אליין געפינען״. — „ביטע! ביטע! — האָט זיך אווגוסט נאָך הילכיקער צעלאכט און אויסגעשטרעקט זײַנע פינגער, — אָט אין זיי, אין די שפּיץ פינגער, ליגט מײַן קראמאָלע! מײַן קראמאָלע איז אויך דאָ און דאָ״, — ער האָט די רעכטע האנט אוועקגעלייגט אפן קאָפּ און מיט דער לינקער אָנגעוויזן אפן הארצן. — „דעם סאמע העכסטן קאָפּ איז ניט אזוי שווער צו דערלאנגען...״ — „ריכטיק! ריכטיק! וואשע וויסאָקאָבלאגאָראָדיע! ס׳איז ניט שווער, איר קאָנט עס און טוט עס! נאָר איין זאך פארגעסט איר, איר פארגעסט, אז א קאָפּ איז ווי א בוים אין וואלד, מ׳האקט אויס איינעם און עס וואקסן אָן אנדערע צען״.

פערעץ, עלישע און עזרע האָבן צונויפגעלייגט די נאָטן־העפטן און אוועקגעשטעלט די ביכער אף זייערע ערטער. מיריעם האָט פארקערט די דילן, פארבעט די בעטן, אָרדענונג געמאכט אין דער קליידער־שאפע, צונויפגעלייגט דאָס גרעט און פאנאנדערגעהאנגען די אראָפּגעשלײַדערטע בילדער. ווען אלץ האָט באקומען דעם פריִערדיקן אויסזען, האָט זיך שטארקער גענומען פילן די אָפּוועזנהײַט פון אווגוסטן...

די בענקעניש נאָך אווגוסטס טריט, נאָך אווגוסטס וואָרט, נאָך אווגוסטס געלעכטער האָט זיך געטראָגן פון יעדן ווינקל, פון יעדן כייפעץ, זי האָט ארויסגעקוקט דורך מאריִעס בליקן, געשריגן דורך איר טיפן פײַנפולן שווײַגן.

— ניט מיט אזעלכע ווארפט מען זיך, — האָט פערעץ גערעדט וועגן די ערשט צונויפגעלייגטע און צונויפגעשטעלטע ביכער און נאָטן־העפטן, — און ווארפן זיי זיך, איז דער בעסטער סימען, אז זיי ווארפט אין קאדאָכעס, אינעם געשיכטלעכן קאדאָכעס, וואָס וועט זיי ארויסווארפן און ארײַנווארפן אין מיסטקאסטן. וואָס מיינען זיי זיך, אז מיט בלויע טונקעלע מונדירן קאָן מען פארוואָלקענען דעם הימל, פארשטעלן די זון, און מיט זילבערנע קנעפּ פארבײַטן די שטערן?!

פערעץ האָט אן אופגערעגטער געשפּאנט הין און צוריק איבערן צימער. זײַן שטים האָט געקלונגען הויך און מוטיק:

— דער איקער איז ניט אופהענגען די פידלען אף די ווערבעס און זיך ניט זעצן וויינען בא די טײַכן פון באָוול... דער איקער — זיך ניט אונטערגעבן, ווײַל קאָלזמאן דער מענטש גיט זיך ניט אונטער, איז ער שטארקער פון זײַן גוירל. זיי האָבן צוגענומען אווגוסטן, אָבער אווגוסטס גײַסט לאָזט

זיך ניט פאנגען, ער פליט ארום פראנק־און־פרײַ און דערנעענטערט דעם סאָף פון דעם בייז. אכזאָריעסן און בייזקײַט קומען שטענדיק פון שוואכקײַט: וואָס שוואכער, אלץ גרעסער די מוירע; וואָס גרעסער די מוירע, אלץ גרעסער די אכזאָריעס און בייזקײַט! און וואָס שטארקער די אכזאָריעס און בייזקײַט, אלץ מער ווערט פארגרעסערט די צאָל פון די, וואָס נעמען טרייסלען און וואקלען די אלטע וועלט...

א שניט פארהיילט זיך, א בראָך קאָן פארוואקסן ווערן, א ריס ווערט פארצירעוועט, נאָר דאָס, וואָס ווערט אָפּגעשניטן און צעריסן אף שטיקלעך — איז פארפאלן. עלישע און עזרע האָבן דאָ מער ניט וואָס צו טאָן אין ווארשע. זיי וועלן מוזן, ווי פייגל אין טיפן הארבסט, פארלאָזן די נעסט און זיך לאָזן אהין, ווו דער וועטער איז לינדער.

גלײַך פון באָלעסלאַווסקיס הויז איז עלישע אוועק אפן וואָקזאל. אף דער פראגע פונעם אײַזנבאן־קאסיר: „וווהין?״ האָט ער געענטפערט, אז אים איז אלציינס, דער איקער, אז דער בילעט זאָל ניט קאָסטן טײַערער פון פינף רובל. דער קאסיר האָט אָנגערופן א ריי שטעט, און עלישע האָט אויסגעקליבן א שטאָט מיט א שיינעם קלינגעוודיקן נאָמען. ווען אין קאָרידאָר האָט מען זיך דערוווסט, אז עלישע האָט שוין א בילעט גלאט אין דער וועלט ארײַן, האָבן אלע אופגעהויבן א גוואלד: אזוי טוט מען ניט, אזוי טוען בלויז העפקער־יונגען. אזוי פאָרן — קאָן מען פארפאָרן צו אלדי רוכעס און זיך צעברעכן רוק־און־לענד. יעדער טראָט פונעם מענטשן דארף גוט באטראכט ווערן.

עלישע האָט פארקויפט דעם בילעט.

און אינגיכן איז פון פעדאָצערן אָנגעקומען אן ענטפער. פעדאָצער האָט געשריבן:

„גיט זיך ניט אונטער! לאָזט ניט אראָפּ דעם קאָפּ, ווײַל מיט א געבויגענעם קאָפּ קאָן מען ניט קוקן פאָרויס...״

פעדאָצער האָט גערופן עלישען און עזרען זײַן שטארק, שטארקער ווי ווען־עס־איז, און אייגצײַטיק האָט ער זיך געקלאָגט:

„ניט גוט, זייער ניט גוט! אווגוסט זיצט, און איך ליג! איך ליג מער ווי איך זיץ, די עלטער איז מיך באפאלן, ווי א גאזלען, און שיקט אף מיר אָן אלע ווײַלע נײַע קרענק. און טאלמידים קומען און קומען, אלע טאָג קומען אָן נײַע טאלמידים און בעטן זיך — לערנט מיט אונדז! אי איך קאָן זיי ניט אָפּזאָגן, אי איך קאָן מיט זיי ניט לערנען... איז מיר געקומען אפן געדאנק, אז איר ביידע זאָלט קומען צו מיר און לערנען מיט מײַנע טאלמידים אונטער מײַן אָנפירונג, אונטער מײַן האזשגאָכע. אָנפירן, אָנווײַזן, מיטהעלפן וועל איך קאָנען אפילע ליגנדיק. טוט עס צוליב אווגוסטן, צוליב מיר, אין נאָמען פון מעסוירע, אין נאָמען פון דער גרויסער מיצווע, פון ניט מאפסיק זײַן דאָס שפילן אפילע אף א רעגע״.

אין קאָרידאָר האָט קיינער ניט געזאָגט „ניין״. פערעץ האָט געזאָגט: „יאָ!״

— פעדאָצערס שול, — האָט געזאָגט פערעץ, — דאָס איז די איינציקע

שול, ווענמעס טירן עס זײַנען אָפֿן פֿאַר אַלע די, וואָס האָבן אין ערגעץ קיין צוטריט ניט. פּעדאַצערס שול טאָר ניט פֿאַנאַנדערגעלאָזט ווערן, טאָר ניט כאָרעוו ווערן, ווײַל מיטן חורבן פֿון פּעדאַצערס שול וועלן פֿאַרדאַרבן ווערן צענדליקער און צענדליקער פֿידלער.

עלישע איז גלײַך אוועקגעפֿאָרן קיין בערדיטשעוו, און עזרע האָט אַלץ אָפּגעלייגט זײַן רײַזע, — מאָרגן פֿאָרט ער! פֿון מאָרגן איז געוואָרן איבער־מאָרגן, און אַזוי א טאָג נאָך א טאָג. ניט ווייניק צײַט האָט עזרע געפּאַ־טערט, ביז ער האָט געפֿיעלט באַ זײַן אַלטן פֿרײַנט, באַ אַראָנען, וואָס שפּילט אין סימפֿאָנישן אָרקעסטער פֿון וואַרשעווער אָפּערע, אַז יענער זאָל אָנשטאָט אים פֿאַרזעצן לערנען מיט שאַלעמקען. אויסער דעם, איז יעדער שאָכן צוגעשטאַנען צו עזרען, אַז ער זאָל זיך פֿאַרהאַלטן נאָך אַף א טאָג אין וואַרשע.

— איך בעט אײַך, טוט עס צוליב מיר, — האָט געבעטן פּאַולינע.

— איך בעט אײַך, צוליב מיר! — האָט לייקע שיר ניט געוויינט.

— איך בעט אײַך, צוליב מיר, — האָט זיאַמע אַף דורך און דורך געעג־בערט עזרען מיט זײַנע אויגן.

„און צוליב מיר!“ — האָט א פֿאַרלוירענער געשוויגן דאָוויד דער שנײַ־דער.

— צוליב מיר! — האָט קאַמסקי ניט געבעטן, נאָר געפֿאָדערט.

אָבער מאָרגן וועט ער פֿאָרט פֿאָרן!

— איבערמאָרגן! — האָט מיריעם געבעטן אָפּלייגן די רײַזע נאָך אַף א טאָג, זי דאַרף אַרויסענדיקן דאָס אויסהעפֿטן פֿאַר פּאַולינען און לייקען. איז ווי זשע זאָגט מען איר אָפּ?

אַז עס האָט שוין געהאַלטן באַם אָפּפֿאָרן, האָט זיאַמע דער זייגערמאַ־כער פֿאָרגעלייגט, אַז מיריעם זאָל אויסהעפֿטן א שיינעם געהעפֿט פֿאַר עזרען. זאָל יעדע איינע פֿון אונדזערע פֿרויען מאַכן עטלעכע שטעך, און דאָס וועט הייסן, אַז ס'איז אַלעמענס מאַטאָנע, א מאַטאָנע פֿון לאַנגן פּינצ־טערן קאָרידאָר...

דער זייגער האָט געשלאָגן צוועלף. עס האָט אָפּגעקלונגען זיאַמע דעם זייגערמאַכערס לעצטער מאָשל.

נאָכעמקע „מאַך מיך איבער“ איז געלאָפֿן הין און צוריק איבערן קאָרי־דאָר און געבורטשעט:

— איינער מוז דאָך אַרוף אַפֿן ריכטיקן וועג, איינער מוז דאָך אים גע־פֿינען, איינער מוז דאָך דערפֿאָרן, איינער מוז דאָך!..

טשעסלאַווס פֿידל איז אַף שטענדיק געבליבן באַ עזרען, און עזרעס פֿידל איז אַף שטענדיק געבליבן הענגען אַף דער וואַנט פֿון פּאַולינעס צי־מער.

פּאַולינע האָט מוטערלעך געהאַלדזט און געקושט עזרען און מיריעמען און שטיל געוווּנטשן:

— קינדער מײַנע, זײַט גליקלעך, פֿאַרגעסט ניט די אַלטע פּאַולינע.

פֿון אַלע זײַטן האָבן זיך געטראָגן „זײַ־געזונטן“.

— זײַט געזונט!
— זאָלן זיך אײַערע וועגן קיינמאָל ניט פאַנאַנדערגיין!
— פאַל בא זיך ניט אַראָפּ, עזרע! מיט ווארשע ענדיקט זיך נאָך ניט די וועלט!
— די וועלט איז נאָך היפּש גרויס, און זי וועט מוזן אָפּטרעטן פאַר אײַך א ווינקל, איר זאָלט האָבן וווּ דעם קאָפּ צולייגן און וווּ דאָס האַרץ צו באַרויִקן.
— פאַרגעסט ניט און שרײַבט!
— גוטע בריוו און פריילעכע בסורעס!
דער צוג האָט זיך גערירט.
פאָכנדיקע הענט און ווינקענדיקע פײַערלעך.
— עזרע! דערמאָן ניט ווארשע צו בייזן! ווארשע איז ניט שולדיק!
— ניין, ניין! — האָט עזרע אויסגעשטרעקט זײַן האַנט דורכן פענצטער פון וואַגאָן. — נאָר צום גוטן, נאָר צום גוטן וועל איך דיך דערמאָנען, ווארשע!
ווארשע איז פארשוווּנדן.
מיריעמס טרוימען האָבן זיך פאַנאַנדערגעשפּילט:
— אונדזער וווינונג וועט באַשטיין פון דרײַ צימערן... ניין, ווייניק! — און מיריעם האָט צוגעגעבן א פערטן. — איין צימער פאַר מיר מיט דיר, איין צימער פאַר דיר מיטן פידל, א צימער פאַר פאולינען און א צימער פאַר שאָלעמקען מיט קאַמסקין.
— ווייניק! ווייניק! — האָט זיך עזרע צעלאַכט. — וווּ זשע וועט וווינען עלישע?
מיריעם האָט גלײַך פאַריכט איר פעלער און מער ניט געקאַרגט קיין צימערן. דעם שענסטן צימער טיילט זי אויס פאַר פאולינען.
— פאולינען וועט זײַן בא אונדז גוט, — זאָגט זי צו עזרען, — מיר וועלן קיין שטויבעלע ניט לאָזן פאַלן אויף איר. אינדערפרי, ווען זי וועט נאָך ליגן אין בעט, וועל איך איר דערלאַנגען קאַווע מיט פײַנקוכן. די באַלעבאָסטע אין שטוב וועט זײַן זי, פאולינע, — בא איר וועלן זײַן די שליסל, בא איר וועט זײַן אונדזער געלט... וואָס זי וועט הייסן קאָכן, דאָס וועל איך קאָכן, וואָס זי וועט הייסן נייען — וועל איך נייען.
שפּעט באַנאַכט, אין וואַגאָן זײַנען אַלע געשלאָפן, און עזרע מיט מיריעמען האָבן זיך געוווּנדערט, ווי קאָן מען שלאָפן, ווען ס'איז דאָ אַזוי־פיל צו ריידן, אַזויפיל צו דערמאָנען.
— איך האָב ווארשע געמאָסטן לויט ליפּאָוועץ, — האָט מיריעם געזאָגט, — און דערפאַר טאַקע האָט ווארשע זיך באַקומען א סאַך גרעסער, ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. איך האָב געטראַכט: צען ליפּאָוועצעס, צוואַנציק, נו, דרײַסיק. איז גיי ריכט זיך, אז ליפּאָוועץ איז גאָר קיין מאָס ניט.
מיריעם האָט זיך דערמאָנט אינעם ווארשעווער אָפּערע־טעאַטער. ער האָט איבערגעשטיגן אַלע אירע דערוואַרטונגען.
— ווען דו, עזרע, וואָלסט לעבן מיר ניט געזעסן און מיר ניט דער־קלערט אַלץ, וואָס ס'טוט זיך אויף דער בינע, וואָלט איך זיכער געווען, אז דאָס איז א פאַרבלענדעניש.

מיט ווייטעק דערמאָנט מיריעם באָלעסלאַווסקיס הויז:

— איך האָב נאָך פריִער געהערט, אז די בעסטע מענטשן ארעסטירט מען, מע שמידט זיי אין קייטן און מע פארשיקט זיי אין ווײַטן קאלטן סיביר... איך האָב געמיינט, אז דאָס איז א מײַסע.

— און אף ליבע, מיריעם, האָסטו אויך געקוקט, ווי אף א מײַסע, וועגן וועלכער מע קאָן איבערלייענען בלויז אין די ביכלעך?

— א מאָשל! ליבע איז דאָך אָט דאָ, — האָט מיריעם צוגעלייגט די האנט צום הארצן.

— און קאמסקי זאָגט, אז ס'איז ניט אזוי, — צעשמייכלט זיך עזרע, — קאמסקי זאָגט, אז קיין שום ליבע איז ניטאָ אף דער וועלט, אז יעדער איינער טראכט זי אויס אף זײַן אויפן...

מיריעם האָט אופגעציטערט:

— און וואָס זאָגט וועגן דעם פּערעץ?

— פּערעץ זאָגט... — עזרעס פּאָנעם האָט אופגעשײַנט, — אומעטום, ווו צוויי הענט נעמען זיך ארום, דאָרט רוט די שכינע.

— פּערעץ איז גערעכט! פּערעץ איז גערעכט! — מיריעמס אויסגעבענקטע הענט ציִען זיך צום הימל, צו דער זון.

עזרעס הענט קומען זיי אנטקעגן.

און דער צוג האָט זיך אין דער פינצטערער נאכט אלץ געריסן פאָרויס — צו נײַע פּײַערלעך, צו נײַע סטאנציעס, צו נײַע וועגן...

א י נ ה א ל ט

ערשטער טייל. קלעזמער

אין ליגעץ 7
שלוימעס „טשײַנע״ 10
א גוטע וואָך 21
פּאָר געזונט 32
זון מײַנער 49
לאַטײַנישע אויסיעס 64
אהיים 73
בונים 87
די ווײַסע מאַזורקע 99
מיריעם 107
א ווונדערלעכע סימפאָניע 113
א טראָט צוריק 123
צום ווידערזען, אוקראַינע! 132

צווייטער טייל. שטייט אוף צו נעגינע

ליפּאָוועץ אין ווארשע 139
טשעסלאַווס פידל 151
גויראָלעס 156
דאַניעלס טויט 176
ווי גוט ס׳איז צו לעבן 192
דאָס ווילנער באַלעבעסל 208
קראַנק פון ליבע 227

שאָפּענס האַרץ 240
א נעס זאָל געשען... 254
אויסגעהאַלטן 261
סימכע־וועסאָסן 269
ניט אָנגענומען 279
שטייט אויף צו נעגינע 289
וואָס זשע וועט זײַן ווײַטער? 301
זינגען מוזן אַלע 308
צו נײַע פֿײַערלעך 321

И. Друкер

(Ирма Хаймович)

МУЗЫКАНТЫ

(на еврейском языке)

М., «Советский писатель», 1976, 340 стр.
План выпуска 1976 г. № 206

Художник *Г. З. Перкель*

Редактор *С. В. Гордон*

Худож. редактор *Д. С. Мухин*

Техн. редактор *И. М. Минская*

Корректор *А. Б. Стрельник*

Сдано в набор 2/X 1975 г. Подписано к печати 2/II 1976 г. Бумага 84×108 1/32 № 1. Печ. л. 10,625 (17,85). Уч-изд. л. 21,44. Тираж 2000 экз. Заказ № 2852. Цена 83 коп. Издательство «Советский писатель». Москва Г-69, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.